STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10814

HEBREYIZMEN IN DER YIDISHER SHPRAKH

Israel Steinberg

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

העברעיזמען
אין דער יידישער שפּראַך

פון **ישראל שטיינבערג**

ביי דער מיטבאַטייליקונג פון פּראָפ. א. ראָיכוווערגער.

פאַרלאַג ,,נידערשלעזיע''
וראָצלאַוו 1949

Prawa autorskie zastrzeżone.
אַלע רעכט געהערן דעם מחבר
Copyright by the author
Israel Sztejnberg, Wrocław, 1949

Składano i odbito w P.W.Z.G.
Wrocław, ulica Antoniego 15
zam. 631 nakł. 3.200 F-30789

צום הייליקן אָנדענק פון מיין פאָטער ר׳ אַברהם פנחס ז״ל, פון מיינע קינדער זלמן און רבקה, פון מיינע תּלמידים פון רוטקע (ביי לאָמזשע), פון זאַראָמב (ביי אָסטראָוו-מאַזאָוויעצק), פון אָסטראָוו-מאַזאָוויעצק און פון וואַסילקאָוו (ביי ביאַליסטאָק), וועלכע זענען אומגעקומען דורך די היטלעריסטישע באַרבאַרן.

י. ש.

פון מחבר

דאָס ווערטער-ביכל איז באַשטימט פאַר די שילער פון די העכערע קלאַסן פון דער יידישער פאָלקסשול און ווי אַ הילפבוך פאַר די לערער פון יידיש ביים דערקלערן די העברעישע און אַראַמישע ווערטער אין דער יידישער שפּראַך. די פאָנעטישע טראַנסקריפּציע פון די העברעישע ווערטער שטיצט זיך אויף דעם ליטווישן דיאַלעקט. די פאַרטייטשונגען גיבן איבער די וויכטיקסטע באַדייטונגען און ניואַנסן פונעם וואָרט אָדער פראַזע אין דער איינצאָל-פאָרם. די ציטאַטן, שפּריכווערטער און פראַזן האָבן דעם צוועק בולט צו מאַכן דעם אופן פון באַנוצן די העברעיזמען און צו באַרייכערן די שפּראַך-ידיעות פון די תּלמידים. ווערטער, וועלכע באַצייכענען געשעענישן אָדער פּערזענלעכקייטן, זענען באַלויכטן מיט קורצע היסטאָרישע דערקלערונגען און דאַטעס. דער מין און די מערצאָל-פאָרם פון די סובסטאַנטיוון ווערן אָנגעוויזן לויט זייער באַנוץ אין יידיש.

באַמערקונג: צוליבן פעלן פון נקודות איז נישט מעגלעך געווען אויסצוזעצן דעם חיריק אונטערן אות יוד און דעם פּתח אונטער די צוויי יודן.

ישראל שטיינבערג

וורא‍ָצלאַוו, דעם 15טן סעפּטעמבער 1948.

ראשי-תּיבות, וועלכע ווערן באַנוצט אינעם ווערטער-ביכל:

ממ״ס	= מענדעלע מוכר ספרים.	נ״ק	= נאָך קריסטוס.
ש״ע	= שלום עליכם.	ז״ד	= זע דאָרט.
מ״צ	= מערצאָל.	אדג״ל	= און דאָס גלייכן.
פ״ק	= פאַר קריסטוס.	אא״וו	= און אַזוי ווייטער.

● = באַצייכנט דעם אָנהייב פון אַ ציטאַט, שפּריכוואָרט אָדער פראַזע.

* = אויסשפּראַך לויט דער ספרדישער הברה ביי געוויסע נייע ווערטער.

□ = ביי ווערטער אין צוגאָב, וועלכע זענען שוין איינמאָל באַהאַנדלט געוואָרן אין הויפּטטעקסט.

א

דער **אַ״ב** (אַלעף־בייס) — אַלף־בית, אַלפאַבעט.

דער **אָב** (אָוו) — נאָמען פון עלפטן חודש (יולי־אויגוסט), לויטן יידישן לוח.

דער **אַב־בית־דין—אַב־בית־דינס** (אַוו־בעז(ד)ן — אַוו־בעז(ד)נס) — ווערטלעך: „אייבערשטער פון געריכט״. טיטל פונעם פאָרזיצער אין דער רבנישער קאָלעגיע אין אַ קהילה.

אַבּא (אַבּע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דער **אַב״ד** (אַוו־בעז(ד)ן) — ערשטע אותיות פון אַב־בית־דין (ז״ד).

די **אַבדה — אַבדות** (אַוויידע—אַוויידעס) — זע: אַבידה.

אָבות (אָוועס) — מ״צ — עלטערן, אורעלטערן; ביבלישע פאַטריאַרכן: אַברהם, יצחק און יעקב.

● ער איז געווען פון אָבות אַ שטאָטישער אַרבעטער (א. קאָטיק).

פון אָבות אַבותיו (אָוועס־אַוויסאָוו) — מ״צ—פון זיינע עלטערן און אור־עלטערן, פון זיינע עלטער־זיידעס.

● פון אָבות־אַבותיו אַ פישער, פאַרברענגט מען טעג און יאָרן אויפן ים (פרץ).

אָבות־אַבותינו (אָוועס־אַוויסיינו)— מ״צ — אונדזערע אורעלטערן, אונדזערע עלטער־זיידעס.

● איך בין נישט קיין שרייבערל און מיינע אָבות־אַבותינו זענען קיין שרייבער נישט געווען (פרץ).

דער **אַבי־אַבות הטומאה** (אַווי־אַוואָס־האַטומע) — גרויסע שמוציקייט. באַצייכענונג פון אַ זייער שלעכטן און געמיינעם מענטש.

אַביגדור (אַוויגדער) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

די **אַבידה — אַבידות** (אַוויידע — אַוויידעס) — פאַרלוסט; פאַרלוירענע זאַך.

● פּרצס טויט איז געווען אַ גרויסע אַבידה פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

די אַבידה האָט זיך אָפּגעפונען.

דער **אביון — אביונים** (עוויען—עוויוינים) — אָרעמאַן.

דאָס **אביונות** (עוויוינעס) — אָרעמקייט.

אביוניש (עוויוניש) — אָרעם.

דער **אָבל־אַבלים** (אָוול־אַווייליס)— טרויערנדיקער, דער וואָס געפינט זיך אין טרויער נאָך אַ געשטאָרבענעם.

● זיי זענען געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ ווי אַבלים (מ. בורשטין).

אָבל וחפוי ראש (אָוול וואַכאַפוי ראָש) — ווערטלעך: פאַרטרויערט און מיט אַ פאַרדעקטן קאָפּ, שטאַרק פאַרשעמט.

● גייט שטענדיק אַוועק אָבל וחפוי ראש, ווי אַ „קוימענקערער" (פּרץ).

אָבלדיק (אָוולדיק) — פֿאַרטרויערט.

דאָס **אַבילות** (אַווײלעס) — דאָס טרויערן (נאָך געשטאָרבענע).

● אין אַ שטוב ווו מען פּראַוועט אַבֿלות איז גוט צו שווייגן (שפּריכוואָרט).

דער **אבן־טוב—אַבנים טובות** (עווען־טאָוו — אַוואָנים טויוועס) — טייערער שטיין, איידל־שטיין. (קאָרעקטע העברעישע פֿאָרם: אבן־טובה — אַבנים טובות).

● אָט זעט איר אַן אבן טוב, לייכט פֿון זיך אַליין אין דער פֿינצטער (נאָמבערג). וויסן איז דער טייערסטער אבן־טוב (שפּריכוואָרט).

דער **אבן־נגף—אַבני־נגף** (עוון־נעגעף — אַווני־נעגעף) — שטרויכל־שטיין, שטערונג; אָנשטויס.

I **אבן־עזרא** (איבן־עזרע, פֿאַרגרייזט: עוון־עזרע) — דער זון פֿון עזרא — נאָמען פֿון יידישן געלערנטן, דענקער און דיכטער אַברהם אבן־עזרא (1092—1167 נ"ק).

II **אבן־עזרא** (איבן־עזרע, פֿאַרגרייזט: עוון־עזרע) — נאָמען פֿון גרויסן יידישן דיכטער פֿון דער שפּאַנישער תקופה משה אבן־עזרא, וואָס האָט געשריבן אין העברעיש און אַראַביש (1060 — 1139 נ"ק).

דאָס **אבר — אברים** (אייווער — אייווורים) — גליד, קערפּערטייל.

● דער קאָפּ שפּילט ביי אונדז יידן די גרעסטע ראָל מער ווי אַלע צוויי הונדערט אַכט־און־פערציק אברים (ש"ע).

דאָס **אבר מן החי** (אייווער מין האַכאַי) — גליד אָדער שטיק פֿלייש, אָפּגעשניטן פֿון אַ לעבעדיק באַשעפעניש, פֿלייש פֿון אַ נישט־געשחטענער (געשאָכטענער) בהמה (אָדער עוף).

אַברהם (אַווראָם) — נאָמען פֿון אַ מאַנצביל. פֿאַרקלענער־פֿאָרם: אַברהמל (אַווראַמל).

אַברהם אָבינו (אַווראָהאָם אָווינו) — אונדזער פֿאָטער אַברהם, דער ערשטער ביבלישער פּאַטריאַרך.

אַבשלום (אַוושאָלעם) — ביבל־פּערסאָנאַזש, נאָמען פֿון אַ מאַנצביל.

אַגב (אַגעוו) — ביי דער געלעגנהייט, נעבנביי; איבעריקנס.

● און אַגב איז נאָך אין יענער צייט די באַן געווען אַ נייס (ש"ע). גיט מיר, אַגב, צו וויסן אייער מיינונג (ש"ע).

אַגב־אורחא (אַגעוו־אורכע) — אין איינוועגס, ביי דער געלעגנהייט, נעבנביי.

● איך וויל נאָר אַגב־אורחא פֿאַרריכטן עטלעכע זאַכן, וואָס ער האָט געשריבן נישט אמת (ממ"ס). נאָר דאָס אַלץ האָב איך אייך דערציילט אַגב־אורחא (פּרץ).

אַגב־אורחאדיק (אַגעוו־אורכעדיק) — געלעגנהייטלעך, פֿאַרבייגייענדיק, זייטיק.

● איך קאָן אַרויסקוועטשן פֿון אים אַלץ, וואָס איר דאַרפֿט און דוקא צופֿעליק, זייטיק, אַגב־אורחאדיק (ש"ע).

די **אַגדה — אַגדות** (אַגאָדע — אַגאָדעס) — לעגענדע; דערציילנדיקער טייל פֿון תלמוד. קעגנזאַץ: הלכה (ו"ד).

די **אַגדתא** — **אַגדתות** (אַגאַדעטע—אַגאַדעטעס) — זע: אַגדה.

די „**אַגודה**" („אַגודע") — „פאַרבאַנד", זע: אַגודת ישראל.

דער **אַגודהניק** — **אַגודהניקעס** (אַגודעניק — אַגודעניקעס) — אַגודיסט, אָנהענגער פון דער אָרגאַניזאַציע פון אָרטאָדאָקסישע יידן.

די „**אַגודת ישראל**" („אַגודאַס ייסראָעל") — פאַרבאַנד פון די אָרטאָדאָקסישע יידן.

אדום (עדעם) — נאָמען פון אַ פאָלק און לאַנד אין דרום־מזרח פון טויטן ים. באַצייכענונג פון יידנפיינטלעכן רוים און שפּעטער פון דייטשלאַנד.

דער **אָדון** — **אַדונים** (אָדן—אַדוינים) — האַר, הער.

● בין איך אַריינגעקומען צום אָדון אין קאַבינעט אַריין און געטראָפן אים ביי דער רעכטער אַרבעט (ש"ע).

דער **אָדון הגדול** — **אַדונים הגדולים** (אָדן־האַגאָדל — אַדוינים האַגדוילים) — גרויסער האַר, גרויסער פּריץ.

● דער אָדון הגדול האָט דערזען די שפּאַקעס (פרץ).

דער **אַדיר** — **אַדירים** (אַדיר — אַדירים) — זייער רייכער מענטש.

דער **אָדם** (אָדאָם, אָדעם) — מענטש; ביבל־פּערסאָנאַזש. אָדם־נאַקעט — אין גאַנצן נאַקעט.

● דו גייסט דאָך אדם־נאַקעט, וועסט דערפרוירן ווערן (ש"ע).

דער **אָדם הראשון** (אָדעם האָרישן) — דער ערשטער מענטש (לויט דער ביבל).

די **אַדמה** (אַדאָמע) — ערד.

דער **אָדר** (אָדער) — נאָמען פון זעקסטן חודש (פעברואַר־מערץ), לויטן יידישן לוח.

דער **אָדר א'** (אָדער אַלעף)—ערשטער חודש אָדר אין אַ עיבור־יאָר.

דער **אָדר ב'** (אָדער בייס)—צווייטער חודש אָדר אין אַן עיבור־יאָר.

אַדרבה, **אַדרבא** (אַדעראַבע) — אין קעגנטייל, פאַרקערט; גערן.

● נאָר מיינט נישט, אַז איך באַקלאָג מיך, אַדרבה, איך בין זייער צופרידן (ש"ע)

אַדרבה ואַדרבה, **אַדרבא ואַדרבא** (אַדעראַבע וועאַדעראַבע) — גאָר אין קעגנטייל; גאָר גוט, גאָר גערן; מיטן גרעסטן פאַרגעניגן.

● מיר זענען מיט זיי אַדרבה ואַדרבה, און זיי זענען מיט אונדז קידער־ווידער (ש"ע).

דאָס **אַהבת הבריות** (אַהאַוואַס האַבריויס, אַוועס האַבריעס) -- ליבשאַפט צו מענטשן.

דאָס **אַהבת המקום** (אַהאַוואַס האַמאָקוים, אַוועס האַמאָקעם) -- ליבשאַפט צו גאָט.

● נאָר ליבשאַפטן זענען פאַראַנען אַ סך: עס איז פאַראַנען אַהבת המקום, אהבת הבריות, אַ ליבשאַפט צו כּל־ישראל (פרץ).

דאָס **אַהבת־נפש** (אַהאַוועס־נעפעש) -- האַרציק, מיט ליבשאַפט פון גאַנצן האַרצן.

● קינדער האָט זי ליב געהאַט אַהבת־נפש (פרץ).

דער **אהל** -- **אהלס**, **אהלים** (אויהעל—אויהעלס, אויהאָלים)—זע: אוהל.

אַהרן (אַרן — נאָמען פון אַ מאַנצביל;

ביבל-פערסאָנאַזש. פאַרקלענער-פאָרם: אַהרעלע.

אַ ו ד א י (אַוואַדע) — זע: אַוודאי.

דער א ו ה ב - י ש ר א ל (אויהעוו-ייס-ראָעל) — יידן-פריינד, פילאָסעמיט.

דער א ו ה ב נ א מ ן — א ו ה ב י ם נ א מ נ י ם (אויהעוו נעמאָן — אוי-האַווים נעמאָנים) — טרייער פריינד.

● און עפּעס תּיכּף זענען מיר געוואָרן אוהבים נאמנים (אָנכי).

דער א ו ה ל — א ו ה ל ס, א ו ה ל י ם (אויהעל — אויהעלס, אויהאָלים) — געצעלט; שטיבל אויפן קבר פון אַ גרויסן מענטש.

● פון דעם הייליקן אוהל אויפן אַלטן בית-עלמין האָט דער דייטש קיין זכר נישט איבערגעלאָזט (ש. אַש).

אַ ו ו ד א י (אַוואַדע) — זיכער, געוויס.

● אַוודאי זענען אין שטאָט געווען אַלערליי רעדעכצן (ש"ע).

די א ו מ ה — א ו מ ו ת (אומע — או-מעס) — נאַציע, פאָלק.

א ו מ ו ת ה ע ו ל ם (אומעס האָאוי-לעם) — מ"צ — די פעלקער פון דער וועלט, די נישט-יידישע פעלקער.

● בײַ די אומות-העולם וואָלט דאָך די געבוירן-שטאָט פון אַזאַ גרויסן נאַציאָ-נאַלן קינסטלער ווי פּרץ פול געווען מיט אים (נ. מייזיל).

דער א ו מ ח ן (אומכיין) — אַנטיפּאַטיע; פיינטשאַפט.

דאָס א ו מ נ ו ת (אומנעס) — פאַך, פּראָפעסיע.

א ו מ ר ו ע ו ש ה (אוימער וועאויסע)— געזאָגט און געטון.

● בײַ זיי איז כאַפּ-לאַפּ, אומר ועושה גענומען און געפאָרן (מ. בורשטין)

דער א ו פ ן — א ו פ נ י ם (אויפן -- אויפאַנים) — אַרט, שטייגער; דער אַזוי-אַרום.

● און יאָסעלע האָט נישט אויפגעהערט צו זינגען, מאַכן קונצן מיטן האַלדז, צעגיסנדיק זיך אויף טויזנטערליי אופנים ווי דאָס שפּיל-פייגעלע (ש"ע).

דער א ו צ ר — א ו צ ר ו ת (אויצער — אויצרעס) — שאַץ, (פאַרבאָרגענער) רייכטום.

● ערגעץ טיף, ערגעץ טיף אין דער ערד איינגעקנאָטענע, וואַרטן אוצרות אויף אונדז, וואַרטן אוצרות פאַרשאָ-טענע (לייוויק).

דער א ו ר ח — א ו ר ח י ם (אוירעך — אָרכים) — גאַסט. אַן אורח אויף שבת — אַן אָרעמאַן, וועלכן מען פאַרבעט אויף שבת צום עסן.

● פרעמדער, פרעמדער, קום אַריין, וועסט מיין גוטער אורח זיין (מאַני לייב).

דער א ו ר ח ה ג ו ן — א ו ר ח י ם ה ג ו נ י ם (אוירעך האָגון — אָרכים האַגונים) — אָנגעזעענער, חשובער גאַסט.

● אַלע שבת האָבן געמוזט זיין צען אורחים הגונים, די שענסטע מענטשן (י. קאָטיק).

די א ו ר ח ט ע—א ו ר ח ט ע ס (אוירעכ-טע — אוירעכטעס)— ווייבלעכע פאָרם פון אורח.

א ו ר י א ל (אוריעל) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דאָס אות — אותיות (אָס — אויסיעס) — בוכשטאַב.

● וויפֿל אין די אותיות ליגן טרערן און וויפֿל געוויין (וואַרשאַווסקי).

אות באות (אָס בעאָס) — בוכשטאַב נאָך בוכשטאַב, פּינקטלעך, גענוי (ווי עס איז אָנגעשריבן).

די אותו־רגע (אויסע־רעגע) — די זעלביקע מינוט.

● גראָד אין דער אותו־רגע געמוזט אויף אַ ווײַלע אַראָפּגיין (אל. צייטלין).

אותות ומופתים (אויסעס אומאָפּסים) — מ״צ — ווערטלעך: צייכנס און וווּנדער; קלאָרע באַווייזן. באַווײַזן מיט אותות ומופתים — באַווייזן מיט איבערצייגנדיקע אַרגומענטן.

● האָט זיי אויפגעקלערט און באַוויזן מיט אותות ומופתים, אַז ס׳איז נישט גוט, וואָס מענטשן קריגן זיך (ש״ע).

אותיות מחכימות (אויסיעס מאַכקימעס—מ״צ—קלוגע אותיות, געמיינט: ביכער מאַכן קלוג.

די אזהרה (אַזהאָרע) — וואָרענונג. זע אויך: הזהרה.

די אזכרה (אַזקאָרע) — זע: הזכרה.

אַחאָב (אַכאָוו) — נאָמען פון קעניג פון מלכות ישראל, וואָס האָט געמאַכט שומרון פאַר דער הויפּטשטאָט (אַרום 865 פ״ק).

דאָס אַחדות (אַכדעס) — אייניקייט, איינהייט.

● אַחדות בויט, און צעשפּליטערטקייט צעשטערט (שפּריכוואָרט).

אַחדות הבורא (אַכדעס האַבוירע)— איינהייט, איינציקייט פון גאָט, מאָנאָטעיזם.

● אַ ייד, וואָס גלייבט אין אַחדות הבורא (אָפּאַטאָשו).

אַחוץ (אַכוץ) — אויסער.

● אַלע אַחוץ מיין שוועסטער זענען געגאַנגען אין טעאַטער.

אַחינו בני ישראל (אַכיינו בניי ייסראָל) — מ״צ — אונדזערע יידישע ברידער.

● קיינער איז נישט געווען אַזוי נערוועז־אויפגערעגט, ווי אונדזערע אַחינו בני ישראל (ש״ע).

„אַחר“ („אַכער“) — „דער אַנדערער“, אָפּטריניקער. מיט דעם נאָמען ווערט אָנגערופן אין תלמוד דער געלערנטער אלישע בן אַבויה (עלישע בען אַווויע) (אין אָנהויב פון 2טן יאָרהונדערט נ״ק); פּסעוודאָנים פונעם יידישן דענקער און שרייבער נתן בירנבוים (1864—1937).

● עס וועט זיך געפינען אַן „אַחר“ און עפּעס צולייגן (פּרץ).

אַחר המעשה (אַכער האַמייסע) — נאָכן אָפּגעטוענעם, נאָכדעם ווי ס׳איז געשען.

אַחרון אַחרון חביב (אַכרוין אַכרוין כאָוויוו) — דער לעצטער (איז) דער ליבסטער, דאָס שפּעטערדיקע איז דאָס ליבסטע.

אַחרון של פסח (אַכרוין שעל פּייסעך) — דער לעצטער טאָג פּסח.

אַחרי כּכלות הכּל (אַכריי קיכלויס האַקל) — נאָך אַלעמען, נאָכדעם ווי אַלץ האָט זיך פאַרענדיקט.

● דו מיינסט דאָך, טביה, אַז עס איז שוין אַחרי ככלות הכּל — עק וועלט.

דער הימל איז אויף דיר געפאַלן?
(ש"ע).

דאָס אַ ח ר י ו ת (אַכראַיעס) — פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט.

● איך טראָג דאָס אַחריות פאַר אייך און פאַר מיר (ש. אַש).

אַ ח ש ו ר ו ש (אַכאַשווייראָש) — נאָמען פון אַ פערסישן קעניג (פון דער פּו־רים־דערציילונג).

אַ ח ש ת ר נ י ם (אַכאַשטעראָנים)—מ"צ—שטאַפעטן; רייטער (פון פערסישן קע־ניג), לייב־גוואַרדיע (פון דער פּורים־דערציילונג).

אַ ח ת ו אַ ח ת (אַכאַס וועאַכאַס) — איינס און איינס; באַר געלט.

● האָט מען זיין ווייב אויסגעצאָלט ביי אונדז נישט לאַנג פינף טויזנט קאַרבן (רובל): אַחת ואַחת (ש"ע).

דאָס א י ב ר — א י ב ר י ם (אייווער־אייוורים) — זע: אבר.

א י " ה (אים יירצע האַשעם) — זע: אם ירצה השם.

א י ו ב (איעוו) — ביבל־פערסאָנאַזש, נאָמען פון אַ ביבל־בוך. באַצייכענונג פון אַ מענטש, וואָס צו אים האָבן זיך גענומען אַלע אומגליקן.

דער א י י ר (איר) — נאָמען פון אַכטן חודש (אַפּריל־מאַי), לויטן יידישן לוח.

די א י כ ה (אייכע) — קלאָגליד, קלאָג. זע: מגילת איכה.

דאָס א י כ ו ת (אייכעס) — קוואַליטעט, ווערט. קעגנזאַץ: כמות (ז"ד).

● דאָס ביכל איז קליין אין כמות, אָבער דערפאַר איז עס פול מיט אינהאַלט, שטאַרק אין איכות.

די א י מ ה (איימע) — שרעק, ציטער.

● אַ שרעק, אַן אימה פאַלט אויף אונדז אָן (א. קאַטיק).

א י מ ה ד י ק (איימעדיק) — שרעקלעך, מוראדיק (ז"ד).

● מיט אימהדיקע געוואַלדן, מיט פאַ־נאַנדערגעלאָזענע האָר לויפן זיי פון פייער (ש. אַש).

די א י מ ת א ד צ י ב ו ר א (איימעסע דעציבורע) — לאָמפּן־פיבער, שרעק פאַרן פובליקום, שרעק פאַרן עפנט־לעכן אַרויסטרעטן.

● האַלטן פלעגט ער זיך אויף דער טריבונע שטאָלץ, מיט ווירדע, נישט פאַרלירנדיק זיך קיינמאָל אין רעד־נערישער אימתא דציבורא (אל. צייטלין).

דאָס א י מ ת ־ מ ו ת (איימעס־מאָוועס)— טויט־שרעק.

● אַלע ביי אונדז אין הויז, פון דעם גרעסטן ביזן קלענסטן ציטערן פאַרן פעטער הערץ אימת־מות (ש"ע).

א י ן ב י ת (איין באַיס) — נישטאָ קיין שטוב.

● אין אונדזער קיעווער געגנט איז אין בית אָן אַ פידעלע (פּרץ).

א י ן ב ר י ר ה (איין ברייר) — נישטאָ קיין אויסוועג, קיין אויסוואַל.

● אין ברירה, בנימין האָט געמוזט צו־ליב טון סענדערלען און איינהאַלטן אַביסל דעם גאַנג (ממ"ס).

א י ן ל ש ע ר (איין לעשאַער) — זיך גאָרנישט פאַרצושטעלן, וואָס שטייגט איבער יעדע פאָרשטעלונג.

● זיין פנים שטראַלט מיט אַ הימלישער

פרייריקייט, וואָס איז אין לשער (ש. אַש).

דער אין סוף (איין סאָף — אָן אַן עק, אָן אַן ענדע, אומענדלעך; אומענדלעכקייט. אויך באַצייכענונג פון גאָט אין דער יידישער רעליגיעז־מיסטישער ליטעראַטור.

● עס גיסט זיך אויס פון איין עק צום אַנדערן, עס פילט אָן דעם אין־סוף, (ש. אַש). און אַ וואַלד געזען, אָן אין־סוף אַ וואַלד (פּרץ).

אין קול ואין עונה (איין קאָל וועאיין אוינע) — אָן אַן ענטפער; „נישטאָ קיין שטים און קיין ענטפער"; מען הערט נישט און מען זעט נישט; אומזיסט און אומנישט.

● און וואָס איך האָב נישט גערעדט צו אים און געוויינט איז געווען אין קול ואין עונה (א. קאָטיק).

דער אינו ישראל (איינע ייסראָעל) — נישט־ייד.

● פאַראַן נאָך אַ הויז, און דער שכן דער אינו ישראל האָט אַן אויג דערויף (פּרץ).

דער איסור (איסער) — (רעליגיעזער) פאַרבאָט.

● ווען עס זאָל נישט זיין קיין איסור צו ציילן אונדזערע יידן, וואָלט איך איבערגעציילט אַלע קאַבצאַנסקער (ממ"ס).

דער איסי — איסיים (איסי — איסיים) — עסייער. אָנהענגער פון אַ רעליגיעז־קאָמוניסטישער סעקטע ביי יידן אין דער צייט פון בית שני (1טער יאָרהונדערט פ"ק — 1טער יאָרהונדערט נ"ק).

איסר (איסער) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

איר (איר) — זע: אייר.

איש מפי איש (איש מעפּי איש) — איינער פון אַנדערן (געהערט).

● די שטאָט איז געוואָר געוואָרן דעם אינהאַלט פונעם ביכל איש מפי איש (ש"ע).

איתמר (איסאָמער, סאָמער) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דער אַכזר — אַכזרים (אַכזער — אַכזאָרים) — גרויזאַמער.

● ער גלייבט, אַז אַ מענטש איז נאָר דעמאָלט אַן אַכזר, ווען עס איז אים גאָר ביטער אויפן האַרצן (פּרץ).

דאָס אַכזריות—אַכזריותן (אַכזאָריעס — אַכזאָריעסן) — גרויזאַמקייט.

● מיר ווערן אויפגעציטערט, ווען מיר לייענען וועגן די אַכזריותן פון די דייטשן לגבי די יידן.

אַכזריותדיק (אַכזאָריעסדיק) — גרויזאַם.

● פאַר אירע אויגן האָט זיך אַוועקגעשטעלט דו גאַנצע אַכזריותדיקע געפאַר פון איר לאַגע (ש. אַש).

די אַכילה (אַכילע) — דאָס עסן; דער פרעס.

● ס'איז אַ ייד מיט אַן אַפּעטיט, וואָס האַלט פון דער אַכילה (ש"ע).

אַכילה ושתיה (אַכילע אושטיע) — דאָס עסן און טרינקען.

א

● ער איז געווען אַריינגעטון אין אַכילה ושתיה, שטאַרק פאַרגרעבט געווען.

אַכּלל (אַקלאַל) — אָט, נו. זע אויך: הכּלל.

● אַכּלל עס קאָכט זיך, דאָס שטעטל איז אויף (ממ"ס).

דער אַכלן — אַכלנים (אַכלען — אַכלאָנים) — גרויסער עסער; פרעסער.

● סאַראַ אַכלן, ער קאָן גאָרנישט זאַט ווערן.

אַכלען (אַכלען) — עסן; פרעסן.

● דער ערל אַכלט גאַנץ געשמאַק (ש"ע). איבער אַ פולער קאָריטע אַ חזיר שטייט אַ דיקער און ער אַכלט (א. שטיינבאַרג).

די אַכסניא, אַכסניה — אַכסניות (אַכסאַניע — אַכסאַניעס) — גאַסט-הויז, איינפאָרהויז; קוואַרטיר.

● אין דעם דערפל, אויף מאַשעס אַכסניה, ווו זי האָט שוין פאַר אונדז צוגעגרייט אַ צימער, האָבן מיר די ערשטע פאָר וואָכן פאַרבראַכט (זשיטלאָווסקי).

דער אל מלא רחמים (אייל מאָלע ראַכמים) — „גאָט פול מיט דערבאַרעמקייט". אַ תפילה נאָך געשטאָרבענע, נאָך אומגעקומענע, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן אויפן קבר אָדער צום יאָרצייט.

● אין שול האָט מען געמאַכט אַן אל מלא רחמים אויף די הרוגי-קישינעוו, אַלטע יידן האָבן געוויינט, ווייבער זענען געפאַלן אין חלשות (ש"ע).

אַל תפתח פה לשטן (אַל טיפטאַך פע לעסאָטן) — זאָלסט נישט עפענען דאָס מויל פאַרן טייוול, זאָלסט נישט אַרויסברענגען פון מויל קיין שלעכטס.

● וואָס די יידן רעדן, וואָס פון מויל זיי ברענגען... אַל תפתח פה לשטן (פרץ).

אלא (עלע, עלאָ) — נאָר.

אלא-מה (עלע [עלאָ]-מאַ) — נאָר וואָס.

● אלה-מה טראַכט איך מיר, איך וועל רעדן מיט דיר, ביסט געלאַסענער (אָפּאַטאָשו).

דער אלול (עלול) — דער צוועלפטער חודש (אויגוסט-סעפטעמבער), לויטן יידישן לוח.

אלחנן (עלכאָנאָן) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

אליה (עליע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

אליהו (עליאָהו) — נאָמען פון אַ מאַנצביל. זע: אליהו הנביא.

אליהו הנביא (עליאָהו האַנאָווי) — אליהו דער זעער, דער פּראָפעט, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פון יידישן קעניג אחאָב; לעגענדאַרע געשטאַלט, וואָס העלפט דעם יידן, וועלכער געפינט זיך אין אַ נויט.

● אליהו הנביא שוועבט אום אויף דער וועלט און בענטשט גוטע קינדער מיט וואָס זיי געפעלט (קאָפּעלעוויטש).

אלימלך (עלימיילעך) — נאָמען פון אַ מאַנצביל. פאַרקירצט: מלך (מיילעך).

א ל י ע ז ר (עליעזער) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

א ל י ק ו ם (עליאָקום) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

א ל י ש ע (עלישע) — ביבל-פּערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

אַ ל כּ ס נ ד ר (אַלעקסאַנדער) — נאָמען פון אַ מאַנצביל. פאַרקירצט: סענדער.

אַ ל כּ ס נ ד ר מ ו ק ד ן (אַלעקסאַנדער מויקדן) — אַלכּסנדר דער קעניג פון מאַקעדאָניע.

אַ ל מ אַ י, ה ל מ אַ י (אַלעמאַי) — פאַרוואָס.

● דאָ האָט ער אַ ייִנגל אָנגעדרייט אַן אויער, אַלמאַי ער זיצט נישט און לערנט (י. י. זינגער).

דער אַ ל מ ן — אַ ל מ נ ס, (אַלמען — אַלמענס) — אַ מאַן, וואָס זיין פרוי איז געשטאָרבן.

אַ ל מ נ ה — אַ ל מ נ ו ת — (אַלמאָנע — אַלמאָנעס) — אַ פרוי, וואָס איר מאַן איז געשטאָרבן.

א ל ע ז ר (לאָזער) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דער א ל ף - אַ ל פ י ם (עלעף — אַלאָ-פים) — טויזנט.

● איינער — אָנגעשטאָפּט, איך שאַץ אים אין די הויכינקע אַלפים (אַ. שטיינבאַרג). לאָז איך פאַרמאָגן די אַלפים, זאָג איך, וויפל קלענער איך האָב אַהינצו אַריינגעפירט (ש״ע).

די אַ ל ף — אַ ל פ ן (אַלעף — אַלעפן) — דאָס ערשטע אות (א) פון יידישן אַלף-בית.

פון אַ ל ף ב י ז ת י ו (פון אַלעף ביז טאָוו) — פון אָנהייב ביזן סוף.

● הערט מיך אויס מיט קאָפּ, וועל איך אייך דערציילן פון אַלף ביז תּיו (ש״ע).

א ל ף אַ ל פ י ם (עלעף אַלאָפים) — טויזנט טויזנטער, מיליאָן.

דער אַ ל ף - ב י ת — אַ ל ף - ב י ת ן (אַלעף-בייס — אַלעף-בייסן) — אַל-פאַבעט.

אין א ל ף ה ש י ש י (עלעף האַשי-שי) — אין זעקסטן טויזנט (פון די זעקס טויזנט יאָר, וואָס די וועלט דאַרף צו שטיין (לויט דער רעליגיעז-מיסטישער פאָרשטעלונג); זייער ווייט.

● בין איך פאַרקראָכן אין אלף השישי אַריין (ש״ע).

אַ ל פ י - אַ ל פ י ם (אַלפּיי-אַלאָפים) — מ״צ — טויזנטער-טויזנטער.

א ל ק נ ה (עלקאָנע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

א ם י ר צ ה ה ש ם (אים יירצע הא-שעם, מירצעשעם) — אויב גאָט וועט וועלן; מיט גאָטס הילף.

● ס׳איז דאָ אַ האָפענונג, אַז עס וועט, אם ירצה השם, זיין גוט (ממ״ס).

א ם כּ ן, (אים קיין) — אויב אַזוי.

● אם כן, אויב די זאַך שטייט יאָ אַזוי, טאָ צו וואָס האָט געטויגט די גאַנצע אַרבעט.

א ם ל א י ו ע י ל, ל א י ז י ק (אים לוי יויאיל, לוי יאַזיק) — אויב עס וועט נישט נוצן, וועט עס דאָך נישט שאַדטן.

● ס׳איז געקומען זיין צייט, גייט אַרי-בער: אם לא יועיל, לא יזיק (מ. בורשטין).

א ם ל א ע כ ש י ו, א י מ ת י (אים לוי אַכשאָוו, איימאָסאַי) — אויב נישט איצט, ווען דען.

א

● אם לא עכשיו אימתי! יידן, ס'איז געקומען די צייט (מ. בורשטין).

אמהות (אימאָעס) — מ"צ — מוטערס. באַצייכענונג פון די ביבלישע אור־מוטערס: שרה, רבקה, רחל און לאה.

● די הייליקע אמהות וועלן דיר אַנט־קעגן גיין (ש. אַש).

די אמונה — אמונות (עמונע — עמונעס) — גלויבן, רעליגיע.

● היינט איז עס דאָך די אמונה פון מיליאָנען מענטשן (ש. אַש). אונדזער אמונה הייסט אונדז שוינען דעם גלויבן פון אַ מענטשן (ש. אַש).

אמונה־יסודות (עמונע־יעסוי־דעס) — מ"צ — גרונטזאַצן, פרינציפּן פון דער רעליגיע.

די אמונה־שלימה (עמונע־שליי־מע) — פולער, גאַנצער גלויבן.

● ער זאָל גלייבן מיט אמונה־שלימה (ש. אַש).

דער אַמורא — אַמוראים, אַמוי־רע — אַמויראָים) — באַצייכענונג פאַר די יידישע געלערנטע (אין 3טן — 5טן יאָרהונדערט נ"ק), וואָס האָבן אינטערפּרעטירט די משנה און פאַרפאַסט די גמרא (ו"ד).

אמן (אָמען) — אַזוי זאָל זיין.

● אמן! — ענטפערט יענטל — אַ קאַץ וואַשט זיך, אַ גוטער פריינד בענטשט (ש"ע).

אמנון (אַמנען) — ביבל־פּערסאָנאַזש, נאָמען פון אַ מאַנצביל.

אמת (עמעס) — וואָר,ווירקלעך.

● ס'איז פאַר מיר געווען אַן אמתע איבעראַשונג (ברייגין).

דער אמת — אמתן (עמעס — עמעסן) — וואָרהייט, די וואָר.

● דער אמת שווימט אַרויף ווי בוימל אויפן וואַסער (שפּריכוואָרט).

אמתדיק (עמעסדיק) — וואָר, וואָר־האַפטיק, ווירקלעך.

אין אמתן (עמעסן) — אין דער ווירק־לעכקייט.

● אין אמתן איז קאַבצאַנסק אַ קליין שטעטל, ווי אַ געגעץ די גרויס (ממ"ס).

דער אַנדרוגינוס — אַנדרוגי־נוסן (אַנדרויגינעס — אַנדרויגי־נעסן) — צוויטער, הערמאַפראָדיט, מענטש פון אומבאַשטימטן געשלעכט.

דער אָנוס — אָנוסים (אָנוס — אָנוסים) — מאַראַן. ווערטלעך: גע־צוווּנגענער. ייד, וואָס איז געוואָרן געצוווּנגען צו פאַרלייקענען זיין גלויבן (באַזונדערס אין 15טן—16 י"ה אין שפּאַניע און אין פּאָרטוגאַל).

אַנטיוכוס (אַנטיאָכעס) — נאָמען פון סיריש־גריכישן הערשער, ספּעצי־על אַנטיוכוס IV עפּיפאַנעס, וואָס האָט אונטערדריקט יידן. קעגן אַנטיו־כוסן זענען אויפגעשטאַנען די מכ־בעער אין יאָר 167 פּ"ק.

דער אני מאמין (אַני מאַמען) — ווערטלעך: איך גלויב; גלויבן־באַקענ־טעניש, קרעדאָ, דער גרונטיקער קערן פון גלויבן, פון איבערצייגונג. אַ תּפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן אין דער פרי (אין דער וואָכן) ביים דאַווענען.

● צי האָט ער אַ וועלכן ס'איז „אַני מאַמין" ווייסט סאַניע נישט (א. קאַטיק).

„אַ נ י ש ל מ ה" (אַני שלוימע) — ווערטלעך: „איך בין שלמה". דער אויסדרוק שטאַמט פון אַ לעגענדע וועגן ביבלישן קעניג שלמה, וועלכער איז פאַרוואָרפן געוואָרן דורכן אַשמדאַי אין אַ פרעמד לאַנד און אויף זיין דערקלערונג, אַז ער איז דער קעניג שלמה, האָט קיינער קיין אַכט נישט געלייגט און אים נישט געגלויבט.

● גיי שריי: אַני שלמה: (פאָלקסווערטל).

אַ נ ש י - ש ל ו מ נ ו (אַנשיי-שלוימיינו) — מ"צ — אייגענע מענטשן, אונדזעריקע.

● אַגב וויל איך מיך פאַרענטפערן פאַר אַנשי-שלומינו (פּרץ).

דער א ס ו ר (איסער) זע: איסור.

אָ ס ו ר (אָסער) — פאַרבאָטן, חלילה (ז"ד). פאָרמולע פון זיך שווערן.

● נעם עפּעס פריער אין מויל אַריין, אַז נישט וועל איך אָסור עסן (אָפּאַטאָשו). אָסור, אויב איך ווייס פון וואָס צו זאָגן. מיינסט איך שפּאַס, אָסור (אָפּאַטאָשו).

אָ ס ו ר ל ד ב ר (אָסער לעדאַבער) — ס'איז פאַרבאָטן צו רעדן. מען טאָר נישט רעדן.

● רעדן טאָר מען דאָך נישט, ווי זאָגט איר, אָסור לדבר (ש"ע).

א ס י י ם (איסיים) — זע: איסיים.

די אַ ס י פ ה — אַ ס י פ ו ת (אַסיפע — אַסיפעס) — פאַרזאַמלונג.

● מען האָט געמאַכט אַסיפות און געטראַכט (ממ"ס).

א ס י פ ה ן (אַסיפען, אַסייפען) — מאַכן פאַרזאַמלונגען.

די אַ ס כ ר ה (אַסקערע, אַסקאָרע) — דיפטעריט (האַלדז-קראַנקהייט).

● אַוועקגעפאַלן אויף אַסכרה (פּרץ).

אָ ס נ ה (אָסנע) — נאָמען פון אַ פרוי.

די אַ ס פ ה — אַ ס פ ו ת (אַסייפע — אַסייפעס) — זע: אַסיפה.

דער א ס ר ו - ח ג (איסרע-כאָג) — דער טאָג נאָך די יום-טובים: פּסח, שבועות, סוכות.

אָ ס ר ן (אָסערן) — דערקלערן פאַר ריטועל פאַרבאָטן.

א ס ת ר (עסטער) — נאָמען פון אַ פרוי.

א ס ת ר ה מ ל כ ה (עסטער האַמאַלקע) — די קעניגין אסתר (פון דער פּורים-דערציילונג).

א ס ת ר ת ע נ י ת (עסטער טאַנעס) — דער טאָג פאַר פּורים, אַ פאַסט-טאָג. פון אסתר תענית ביז פּורים — זייער אַ קורצע צייט, איין טאָג.

● ווערן אַ בורמיסטש פון אסתר תענית ביז פּורים (ש"ע).

אַ פּ ו ט ר ו פּ ו ס — אַ פּ ו ט ר ו פּ ס י ם (אַפּאָטראָפּעס — אַפּאָטראָפּסים) — זע: אַפּיטרופּוס.

אַ פּ ו ט ר ו פּ ס ו ת (אַפּאָטראָפּסעס) — זע: אַפּיטרופּסות.

די אַ פּ ו ת י ק י [אַ פּ ו ת י ק א] — אַ פּ ו ת י ק א ו ת (פּויטיקע — פּויטיקעס) — גרויסע סומע געלט.

● געלט האָט זיך צונויפגעקליבן אַ היפשע אַפּותיקא (ש"ע).

דער אַ פּ י ט ר ו פּ ו ס — אַ פּ י ט ר ו פּ ס י ם (אַפּיטראָפּעס — אַפּיטראָפּסים) — פאַרזאָרגער, באַשיצער; פּראָטעקטאָר; קוראַטאָר (פון געריכט באַשטימטער).

● איז דאָס טאַקע גוט, וואָס גרויסע מענטשן זענען זיין זונס אַפּיטרופּסים (מ. בורשטיין).

א

דאָס אַ פּ י ט ר ו פּ ס ו ת (אַפּיטראָפּ-סעס) — פאַרזאָרגונג, שוץ; אויפזיכט; פּאַטראָנאַט; פּראָטעקטאָראַט; קוראַ-טאָרשאַפט.

● אין יאָר 63 פ"ק איז ארץ-ישראל אַרונטערגעפאַלן אונטערן אַפּיטרופּסות פון רוים.

אַ פּ י ל ו (אַפילע) — זאָגאַר, אויך ווען; אין פאַל ווען; כאָטש.

● ווער ווייסט צי ער געדענקט מיך נאָך אַפילו (ז. ווײַנפּער).

דער אַ פ י ק ו מ ן — אַ פ י ק ו מ נ ס (אַפּיקוימען — אַפּיקוימענס) — ווערט-לעך: נאָכשפּייז. אַזוי רופט מען דאָס שטיקל מצה, וואָס מען באַהאַלט, ביים אָפּריכטן דעם סדר, אונטערן קישן צו עסן נאָך דער מאָלצייט.

דער אַ פּ י ק ו ר ס — אַ פּ י ק ו ר ס י ם (אַפּיקוירעס — אַפּיקאָרסים) — פריי-דענקער, נישט-גלויביקער.

● ער איז געווען דאָס, וואָס מען רופט ביי אונדז אַפּיקורס, אַ נישט קיין גלויביקער ייד (א. קאַטיק).

דאָס אַ פּ י ק ו ר ס ו ת (אַפּיקאָרסעס) — פריידענקעריי, נישט-גלויביקייט.

● יידן האָבן עס געהאַלטן פון מיר פאַר אַ שטיקל אַפּיקורסות: סטייטש, ווי גלייבט מען עס נישט אין שדים (ממ"ס)

אַ פּ י ק ו ר ס י ש (אַפּיקאָרסיש) — פריי-דענקעריש, נישט-גלויביק.

● ס'איז אין מיר אַריין אַן אַפּיקורסי-שער געדאַנק (ממ"ס). ער לייענט אַפּיקורסישע ביכלעך (ה. ד. נאָמ-בערג).

א פּ כ א - מ ס ת ב ר א (איפּכע-מיסטאַב-רע) — פונקט פאַרקערט.

דער א פּ כ א - מ ס ת ב ר א נ י ק — א פּ כ א - מ ס ת ב ר א נ י ק ע ס (איפּכעמיסטאַברעניק — איפּכעמיס-טאַברעניקעס) — דער וואָס טוט קי-דער-ווידער, דער צולהכעיסניק.

● ער איז אַן אפּכא-מסתברעניק, ווען אַלע זאָגן „יאָ“, מוז ער זאָגן „ניין“.

אַ פּ נ י ם (אַפּאָנעם) — ווייזט אויס.

● אַז מען באַצאָלט רבי-געלט, ווערט מען אַפּנים קלוגער (ש"ע).

א פ ר י ם (עפראַים, פּרויעם) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

אַ פּ ש י ט א (אַפּשיטע)-געוויס, אַוודאי, און גאָר.

● און ווען די שטוב טויג פאַר אַ טע-אַטער, אַפּשיטא שוין טויג זי פאַר אַ קאַזאַרמע (ממ"ס). אַ פערד גייט אין שפּאַן, צעבריקעט עס זיך אויך אַמאָל, אַפּשיטא שוין אַ מענטש (אָפּאַטאָשו).

א פ ש ר (עפּשער) — מעגלעך; טאָמער.

● אפשר ווייסטו, וווּ די שלעכטע ווינטן ווייען (פּעפּער).

די א צ ט ל א ד ר ב נ ן (איצטעלע דע-ראַבאָנאָן) — רבניש קלייד, רבנישער מאַנטל. באַצייכענונג פון רבנישן אַמט, פון רבנות (ז"ד).

● הייַנט, אַז ער האָט אָנגעטון אַן אצטלא דרבנן, האָט ער אָפּגעריסן מיט די אַלטע חברים (אָטאַטאָשו).

דאָס אַ צ י ל ו ת (אַצילעס) — איידל-קייט, סובטילקייט.

● אַן אצילות איז געווען אויסגעגאָסן אויף זיין געלבלעך-לאַנג געזיכט (אל. צייטלין).

אקדמות (אַקדאָמעס) — „איידער איך הייב אָן", „צום אָנהויב". אַ רעליגיעז געדיכט אָנגעשריבן אין אַראַמיש לויטן סדר פונעם אַלף־בית, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן שבועות ביים לייענען; פאַרפאַסט פון ר' מאיר בן יצחק, חזן אין מיינץ (אַרום 1060 נ"ק).

אַקיצור (אַקיצער) — קורץ גערעדט.

דער אַרי שבחבורה (אַרי שעבאַכאַווורע) — דער לייב פון דער געזעלשאַפט, די באַדייטנדיקע פערזענלעכקייט פון דער געזעלשאַפט.

● דער אַרי שבחבורה, דער לייב פון דער חברה, יצחק לייבוש פרץ (צ. קאַצענעלסאָן).

אַרבע כוסות (אַרבע קויסעס) — מ"צ — פיר גלעזלעך. באַצייכענונג פון די פיר כוסות וויין, וואָס רעליגיעזע יידן טרינקען פסח ביים סדר.

אַרבע־כנפות—אַרבע־כנפותן (אַרבע־קאַנפעס — אַרבע־קאַנפעסן) — ווערטלעך: „פיר ברעגן", לייבצידעקל. אַ פירעקיק מלבוש מיט וואָלענע פעדעם אין אַלע פיר ברעגן, וואָס עס טראָגן רעליגיעזע יידן (מאַנצבילן) אויף דער ברוסט און דעם רוקן. זע אויך: טלית קטן.

אַרבע מיתות בית־דין (אַרבע מיסעס בעזו[ד]ן) — מ"צ — פירערליי טויט־שטראָפן, וואָס פלעגן אַמאָל ביי יידן אָנגעווענדט ווערן פאַר שווערע רעליגיעזע און קרימינעלע פאַרברעכנס (אין דער צייט פון בית־שני).

● ס'איז גאָרנישט געווען די שטראָף, וואָס דער קליינער פאַרברעכער זאָל דאָס נישט האָבן פאַרדינט — אַרבע מיתות בית־דין (ש"ע).

פון אַרבע פנות העולם (אַרבע פינעס האָאוילעם) — מ"צ — פון אַלע פיר עקן פון דער וועלט, פון אומעטום.

● עס זענען זיך צונויפגעפאָרן דעלעגאַטן פון אַרבע פנות העולם.

דער אָרון (אָרן) — הייליקער אַלמער; קאַסטן (פאַר געשטאָרבענע).

דער אָרון־קודש (אָרנקוידעש) — דער הייליקער אַלמער, אין וועלכן עס שטייען די ספר־תורהס.

● וועלכע שטאָט פאַרמאָגט אַזאַ שיינעם געשניצטן אָרון־קודש מיט צוויי לייבן (ש"ע).

די אַרורה — אַרורות (אַרורע־אַרורעס) — פאַרשאָלטענע, בייזע פרוי.

● ער איז גערן, ווען זיין אַרורה לאָזט אים צו רו און ער קאָן זיך זיצן אין אַ ווינקל און אַרבעטן (ברייני).

אַריה (אַריע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל. אין יידיש: לייב.

דאָס אַריכות ימים (אַריכעס יאָמים) — לאַנגע יאָרן, לאַנג לעבן.

● צו געזונט! צו אַריכות ימים! צו לאַנגע יאָרן (ש"ע). קאַפיטאַל שאַנעוועט נישט דאָס געזונט און דאָס אַריכות ימים פון דעם אַרבעטער (זשיטלאָווסקי).

אַרם (אַראַם) — דאָס לאַנד פון די אַראַמעער אין מעסאָפּאָטאַמיע און סיריע.

אַרם נהרים (אַראַם נאַהאַראַים) — מעסאָפּאָטאַמיע.

אַרמים (אַראַמים) — אַראַמעער, סעמיטישע פאָלקס־גרופּע אין מעסאָפּאָטאַמיע און סיריע.

א ר מ י ש (אַראַמיש) — אַראַמיש. שפּראַך פון די אַראַמעער און זינט דעם 7־טן י״ה פ״ק—די אינטערנאַציאָנאַלע פאַרקער־שפּראַך אין פאָדער־אַזיע. צום סוף פון דער צייט פון בית־שני איז אַראַמיש געוואָרן די הערשנדיקע שפּראַך אויך ביי יידן.

א ר ץ י ש ר א ל (ערעץ ייסראָעל) — דאָס יידישע לאַנד, פּאַלעסטינע.

א ר ר ט (אַראָראָט) — נאָמען פון אַ באַרג (5156 מ׳ די הויך) אין אַר־מעניע, אויף וועלכן, לויט דער ביב־לישער דערציילונג, איז געבליבן שטיין נחס תּבה.

● אויפן באַרג אררט — לויט עס איז באַשריבן איז מיט דער תּיבה נח שטיין געבליבן (פּרץ).

א ש ־ ל ה ב ה (אייש לעהאָווע) — פייער און פלאַם, פלאַמיק פייער, פלאַם־פייער; אין גרויסן כּעס (ז״ד).

● און אַ מויל אש־להבה, שוועבל און פעך (ש״ע).

זיי זענען אויף אים געווען אש־להבה (אל. צייטלין).

די א ש ה — נ ש ׳ י ם (אישע—נאָשים) — פרוי, יידענע.

● שלינגט די אשה די געזאַלצענע טרערן און שווייגט (פּרץ).

א ש ה צ נ ו ע ה — נ ש י ם צ נ ו ע ו ת (אישע צנוע — נאָשים צנועס) — באַשיידענע, פרומע, ערלעכע, אָרנטלע־כע פרוי.

די א ש ה צ נ ו ע ה ו ח ש ו ב ה (אישע צנוע וועכאַשווע) — ערלעכע און אָנגעזעענע פרוי.

● אַ ווייב האָט ער געהאַט דווקא אַן אשה צנועה וחשובה (פּרץ).

אַ ש ו ר (אשור) — אַסיריע. נאָמען פון אַ לאַנד אין אַלטערטום, וואָס האָט זיך געפונען אין צפון־מזרח פון ארץ ישראל (היינט אין איראַק).

א ש כּ נ ז (אַשקענעז) — באַצייכענונג פון דייטשלאַנד.

● גאַנץ אשכּנז איז איין שטאָט (פאָלקס־ווערטל—לויט א. בערנשטיין).

דער א ש כּ נ ז י — א ש כּ נ ז י ם (אַש־קענאַזי — אַשקענאַזים) — יידן פון פון מיטל־ און מזרח־אייראָפּע, וואָס שטאַמען אָפּ פון דייטשלאַנד (און פראַנק־רייך). קעגנזאַץ: ספרדי — ספרדים (ז״ד)

א ש כּ נ ז י ש (אַשקענאַזיש) — אויפן שטייגער פון די אשכּנזים (ז״ד); די אויסשפּראַך פון העברעיש, לויט ווי זי איז אָנגענומען ביי די אשכּנזישע יידן. קעגנזאַץ: ספרדיש (ז״ד).

דער א ש מ ד א י, א ש מ ד י (אַשמע־דיי) — דער עלטסטער פון די טייוולאָנים, לויט דער יידישער רעליגיעז־מיסטישער פאָרשטעלונג. באַצייכענונג פון אַ בייזן, שלעכטן מענטש.

● און דער אַלטער אשמדאי לאָזט פאַנאַנדער זיינע פליגלען, זיינע שוואַרצע גרויסע פליגלען (ש. אַנסקי).

„א ש מ נ ו״ (אָשאַמנו)—„מיר האָבן גע־זינדיקט״. דאָס ערשטע וואָרט פון דער תּפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן ביים דאַווענען אין די טעג פון ימים־נוראים און פאַרן שטאַרבן (ודוי, ז״ד).

● מיר פלעגן זיך נאָכדעם ביים דאַווענען שלאָגן אשמנו אויף אונדזערע גרויסע זינד (ש״ע).

די א ש פ ה (אַשפּע) — מיסט.

אשפה (אַשפּע) מאַכן — צונישט מאַכן, פֿאַרניכטן, צו שטויב מאַכן.

אשר (אָשער) — ביבל-פּערסאָנאַזש, נאָמען פון אַ מאַנצביל.

„אשר יצר" (אַשער יאָצער) — „דער וואָס האָט באַשאַפֿן". אַ תּפֿילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן נאָכן וואַשן זיך די הענט (נאָך אַן אַרויסגאַנג).

● זיך געוואַשן די הענט, הויך געזאָגט אשר יצר (ש"ע).

אשר-יצר-פּאַפּיר (אַשער-יאָצער-פּאַפּיר) — זע: אשר-יצרל.

דאָס **אשר-יצרל — אשר-יצרלעך** (אַשער-יאָצערל — אַשער-יאָצערלעך) — טאַאַלעט-פּאַפּיר. וווּלגאַרע באַצייכענונג פון אַ דאָקומענט, וואָס האָט קיין ווערט נישט.

● זיינע וועקסלען זענען גוט אויף אשר-יצרלעך (פֿאָלקס-ווערטל לויט א. בערנשטיין).

„אשרי" (אַשריי) — „וויל איז". אַ תּפֿילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן דריי מאָל אין טאָג ביים דאַווענען (צוויי מאָל אין דער פרי און איין מאָל פאַרנאַכט).

● ער קען עס אויסנווייניק ווי אַ ייד „אשרי" (פֿאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

אשרי המאמין (אַשריי האַמאַמין) — וויל איז דעם, וואָס גלויבט.

● אשרי המאמין — האָב איך געזאָגט מיט אַ קרעכץ (ממ"ס).

די **אשת-איש** (איישעס-איש) — אַ פרוי, וואָס האָט אַ מאַן.

די **אשת-חיל** (איישעס-כאַיל) — געראָטענע, ענערגישע פרוי.

● זיין ווייב איז געווען אַן אשת-חיל, אַ געראָטענע און קלוגע פרוי (י. קאַטיק).

„אתה בחרתנו" (אַטאָ בעכאַרטאָנו, אַטאָ וועכאַרטאָנו) — ווערטלעך: „דו האָסט אונדז אויסדערוויילט". ערשטע ווערטער פון אַ תּפֿילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן יום-טוב ביים דאַווענען.

לויט דער יידישער רעליגיעזער אָנשויונג ווערט דאָס יידישע פֿאָלק באַצייכנט אַלס „אתה בחרתנו"-פֿאָלק, אַלס דאָס אויסדערוויילטע פון אַלע פעלקער.

● הערשער פון הימל, פון זון און לבנה, מיר ווילן נישט זיין קיין „אתה בחרתנו" (וויגאָדזקי, איבערגעזעצט אין יידיש פון א. וואָגלער).

„אתה הראית" (אַטאָ האָרייסאָ) — „דיר איז באַוויזן געוואָרן", „דו האָסט געלערנט". ערשטע ווערטער פון אַ תּפֿילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן שמחת תּורה פאַר די הקפות (ז"ד).

● ווי קומט „אתה הראית" צו דער אָרענדע? (ווי קומט איינס צום אַנדערן? — פֿאָלקס-ווערטל לויט א. בערנשטיין).

די **אתחלתא דגאולה** (אַסכאַלטאָ דעגעולע) — אָנהויב פון דער אויסלייזונג, פון דער באַפרייונג; פון משיחס צייטן.

● זיי קומען אומישנע פאַרהערן דעם עלוי און טאַנצן פאַר שמחה: אתחלתא דגאולה (פּרץ).

דער **אתרוג — אתרוגים** — (עסרעג — עסרויגים) — אַ ציטרוס-פרוכט, וואָס רעליגיעזע יידן באַנוצן סוכּות צוזאַמען מיטן לולב צום בענטשן.

● וואָס טוט קהל אָן (אַן) אתרוג? — מען בענטשט נישט. (שפּריכוואָרט לויט א: בערנשטיין).

ב

באהבה (בעאַהאַווע) — מיט ליבשאַפט.

● און דאָס אייזל רואיק נעמט יסורים אָן באהבה (א. שטיינבאַרג).

באו מים עד נפש (באָו מאַים אַד נעפעש) — דאָס וואַסער האָט דערגרייכט ביזן האַלדז, ס׳איז שוין מער נישט געווען מעגלעך איבערצוטראָגן.

● עס איז באו מים עד נפש — איך האָב אַנדערש נישט געקענט (ש. אַש).

דער באור—באורים (בייור—ביירים, ביער — ביאורים) — קאָמענטאַר, דערקלערונג. באַצייכענונג פונעם ביבל־קאָמענטאַר פון משה מענדלסזאָן און זיינע מיטהעלפער (אין סוף פונעם 18־טן יאָרהונדערט).

באותו הרגע (בעאויסוי האָרעגאַ, בעאויסע האָרעגע) — אין דער זעלביקער מינוט.

● באותו הרגע שפרינגט אָבער אָן אַ ווייס פערד (פרץ).

באין אופן (בעאיין אויפן) — אויף קיין פאַל נישט.

● זיי זענען ערגעץ־ווו פאַרפאַלן געוואָרן און מען האָט זיי באין אופן נישט געקאָנט געפינען (ש. אַש).

באין ברירה (בעאיין ברײרע) — נישט האָבנדיק קיין אַנדערן אויסוואַל, קיין אַנדערן אויסוועג, קיין אַנדערע מעגלעכקייט.

● באין ברירה איז פרץ געצוווּנגען געווען זיך לאָזן קיין וואַרשע צו זוכן עפעס אַ באַשעפטיקונג (נ. מייזיל).

באיסור (בעאיסער) — פאַרבאָטענערהייט. קעגנזאַץ: בהיתר (ז״ד).

באכילה (באַאַכילע) — אין עסן; אין פרעסן.

● זיי זענען געזעסן אַרום טיש, עוסק געווען באכילה (אָפּאַטאָשו).

באם (בעאים) — אויב.

● באם ער וועט זוֹאָס אַ פרעג טון, קאָן איך רואיק ענטפערן (זשיטלאָווסקי).

באמונה (בעעמונע) — „מיט גלויבן״, מיט געטריישאַפט.

ער האָט געטון זיין אַרבעט באמונה.

באמונה שלימה (בעעמונע שליימע) — מיט פולן גלויבן, מיט דער גאַנצער געטריישאַפט, איבערגעגעבנקייט.

● עס קומען אָן די שיינע טעג, איך גלייב באמונה שלימה (יהואש).

באמונתי (בעעמונאָסי) — אויף מיין גלויבן, ביי מיין גלויבן. פאָרמולע פון זיך שווערן.

● איך שווער דיר באמונתי, אַז דאָס איז גאָרנישט (ש. אַנסקי).

באמת (בעעמעס) — טאַקע, ווירקלעך, אויף דער וואָר.

● מיר האָבן אַלע געגלויבט באמת, אַז דאָרט ווייט, ווייט אין דער גרויסער וועלט איז אַלץ שיין און גוט (ר. בריינין).

● דאָס איז באמת אַן איינפאַל (ז. וויינפער).

באריכות (באַאַריכעס) — (אַדווער־ביאַל) — אויספירלעך, אויספירלעכער־הייט.

● ער זאָל אים אַרויסשרייבן אַלצדינג באריכות (ש״ע).

באריכותדיק (באַאַריכעסדיק) — (מערסטנס אַדיעקטיוויש)—אויספירלעך.

● וועגן „רייזע־בילדער" איז אונדז אויס־געקומען רעדן באריכותדיקער (נ. מייזיל).

באשר (באַאַשער) — אַזוי ווי, ווייל.

באשר בכן (באַאַשער בעכיין, באַ־אַשער בעכען) — אַזוי ווי, ווייל דאָך.

● און ער דערציילט איר אַזוי און אַזוי, באשר בכן, דאָס דייטשל זאָגט, אַז עס זענען אים באַשערט זיבן גוטע יאָר (פרץ).

די בבא־מעשה — בבא־מעשיות (באָווע־מייסע, באָווע־מייסעס, באָבע־מייסע, באָבע־מייסעס) — אויסגע־טראַכטע זאַך ; פאַנטאַסטישע, אומ־גלויבלעכע געשיכטע. („בבא" איז דאָ נישט קיין העברעיש וואָרט, וואָס האָט אָבער באַקומען אַ העברעישן אויסלייג ; שטאַמט פון דער איטאַל־יענישער ראָמאַן־פיגור „באָווע", וואָס איז באַהאַנדלט געוואָרן אויך אין אַן אַלט יידישער באַאַרבעטונג, אין אַזוי־גערופענעם „בבא־בוך", פאַרפאַסט פון אליהו בחור אין יאָר 1507 ; צום ערשטן מאָל געדרוקט אין יאָר 1660. וואָס דערציילט איר בבא־מעשיות פון טויזנט־איין־נאַכט (ש״ע).

בבחינת (ביוועכינעס) — אין זין פון... אין דער ראָל פון... אין דער מדרגה פון (ז״ד).

בבל (באָוול) — אַמאָליקע שטאָט און לאַנד אין מעסאָפּאָטאַמיע, באַבילאָ־ניע (היינט איראַק).

די בבל־סחורה — בבל־סחורות (באָוול־סכוירע — באָוול־סכוירעס) — שלעכטע פאַרלייגערטע זאַך, ווערט־לאָזע זאַך.

● אויף בבל־סחורה קומט אַ בבל־קונה (שפּריכוואָרט לויט א. בערנשטיין).

אייגנטלעך איז דאָס וואָרט „בבל" דאָ נישט גענומען פון העברעישן „בבל", נאָר וואַרשיינלעך פונעם דייטשן דיאַלעקט־וואָרט „באָוול" אָדער „באָפל" (אויך : „באַוול", „באַ־פל"), וואָס באַדייט : אָפּפאַל אָדער פאַרעלטערטע, שלעכטע סחורה. (אין איטאַליעניש : „באוועללא"־אָפּפאַל); ווי אַנדערע מיינען שטאַמט עס פון „באַוול" אין קעגנזאַץ צו „וואָל", אָדער גאָר פונעם אַלט־דייטשן וואָרט „באָוועל" מיט דעם באַדייט פון „פעבל".

דער בבל־קונה — בבל־קונים (באָוול־קוינע — באָוול־קוינים) — שלעכטער קויפער, שלעכטער קונה. זע : בבל־סחורה.

דער בגד — בגדים (בעגעד־בעגאָדים)— קלייד (פאַר אַ מאַנצביל אָדער פאַר אַ פרוי).

● די נייע בגדים אויף אים קנאַקן (ש״ע).

בגדי־יום־טוב (ביגדיי־יאָמטעוו, ביגדע־יאָנטעוו) — מ״צ, יום־טובדיקע קליידער, גאַלאַ־קליידער.

בגדי־מלכות (ביגדיי־מאַלכוס, ביג־

דע־מאַלכעס) — מ״צ — קעניגלעכע קליידער, פּרעכטיקע קליידער.
● מען האָט אונדז ביידע אויסגעקליידט אויף יום־טוב אין בגדי־מלכות, אַלץ וואָס אויף אונדז איז געווען האָט געגלאַנצט, געשיינט און געקנאַקט (ש״ע).

ב ג ד י ־ מ ש י (בּיגדע־מעשי) — מ״צ — זיידענע קליידער.
● ער האָט געטראָפן דעם נגיד זיצן אין בגדי־משי (ש. אַש).

ב ג ד י ־ ש ב ת (בּיגדע־שאַבעס)—מ״צ— שבתדיקע קליידער, שיינע קליידער.
● די מאַמע און דער טאַטע, ביידע אין בגדי־שבת, זענען געזעסן לעבן אים (ש. אַש).

ב ג ז ל ה (בּיגזיילע) — מיט רויבעריי, מיט געוואַלד.
● אַזוי־אַרום האָט שיקאָרע פשוט בגזלה פאַרכאַפּט פאַר זיך די וועלט און יענע וועלט (מ. בורשטין).

די ב ג י ד ה — ב ג י ד ו ת (בגידע — בגידעס — פאַרראַט.
ער איז באַגאַנגען אַ שווערע בגידה קעגן זיין פאָלק און האָט פאַרראַטן זיינע ברידער.

ב ג י ל ו י ־ ר א ש (בעגילו־ראָש, בעגילעראָש) — מיטן בלויזן קאָפּ. אין הוילן קאָפּ (אָן אַ היטל).
● דערצו פלעגט מען נאָך אויסטון דאָס היטל און שטיין בגילוי־ראש (ר. בריינין).

ב ג י ל ו פ י ן (בעגילופן)—(אַדווערביאַל)— אָנגעטרונקען, שיכור, שיכורערהייט, לוסטיק, פריילעך.

ב ג י ל ו פ י נ ד י ק (בעגילופנדיק) — (מערסטנס אַדיעקטיוויש) — שיכורלעך, לוסטיק.
● דערנאָך זענען מיר אַריינגעגאַנגען בגילופנדיק צו די בעלי־הבתים און געכאַפּט מיט זיי אַ טענצל (י. קאָטיק).

ב ג י מ ט ר י א, ב ג י מ ט ר י ה (בעגימאַטריע) — לויטן צאָל־באַטרעף פון די אותיות אינעם וואָרט. (העברעישע אותיות באַצייכענען איינצייטיק אויך צאָלן).

ב ג ל ו י ־ ר א ש (בעגילו־ראש) — זע: בגילוי־ראש.

ב ג נ ב ה (בּיגנייווע) — (אַדווערביאַל) — אומבאַמערקטערהייט, שטילינקערהייט (אַז קיינער זאָל נישט זען).
● ער האָט זיך בגנבה די אויגן געווישט (פּרץ).

ב ג נ ב ה ד י ק (בּיגנייוועדיק) — (מערסטנס אַדיעקטיוויש) — שטיל, אומבאַמערקט.
● אַרומגעקוקט זיך בגנבהדיק (ד. פּינסקי).

ב ג פ ו י ב ו א, ב ג פ ו י צ א (בעגאַפּוי יאָווי, בעגאַפּוי ייייצייי) — ווערטלעך: (אויב) אַליין וועט ער קומען, אַליין וועט ער אַוועקגיין; אַליין איז ער געקומען, אַליין וועט ער אַוועקגיין; מיט גאָרנישט געקומען, מיט גאָרנישט אַוועקגעגאַנגען.
● אַמאָל מאַכט זיך, מען קומט אין אַ שטעטל און מען פאָרט אַוועק, ווי זאָגט איר: בגפו יבוא, בגפו יצא (ש״ע).

ב ד ו ח ק (בעדויכעק) — אין נויט, אין אָרעמקייט.
● ער האָט געלעבט בדוחק, אין גרויס אָרעמקייט.

ב ד ח י ל ו ו ר ח י מ ו (בּידכילו אור־כימו) — מיט ציטער און ליבּע, מיט ערפורכט און ליבשאַפט.

● זיין נאָמען איז דאַן אַרויסגערעדט געוואָרן מיט ערפורכט און ליבשאַפט, בּדחילו ורחימו (ווינטשעווסקי).

דער ב ד ח ן — ב ד ח נ י ם (בּאַדכן — בּאַדכאָנים) — מאַרשעליק, שפּאַסן־מאַכער, וויצלער, גראַמען־זאָגער אויף אַ חתונה.

● [ער] איז אויך געווען אַ גוטער בּדחן, אַ שיינער גראַם־זאָגער. (ש״ע).

דאָס ב ד ח נ ו ת (בּאַדכאָנעס) — גראַמען־זאָגעריי.

● דאָס איז נישט קיין פּאָעזיע, דאָס איז בּלויז בּדחנות.

ב ד ח נ י ש (בּאַדכאָניש) — אויפן שטייגער פון אַ מאַרשעליק, ווי אַ בּדחן.

● לויט זייער סטיל זענען זיי געווען נאָענט צו דער בּדחנישער פּאָעזיע (ז. רייזען).

ב ד י ל ־ ה ד ל, ב ד י ל י ־ ד ל (בּעדיל־האַדאַל, בּעדילעדאַל) ווערן — אין גאַנצן פאַראָרעמט ווערן, זיך אין גאַנצן אויסבּלויזן, פאַלן.

● אַמאָל, דאַכט זיך, אַז מען דערלייגט די הויט, מען ווערט בּדיל־הדל (ש״ע).

ב ד י ע ב ד (בּעדיעווּעד) — נאָך דעם, ווי עס איז געשען.

● בּדיעבד, אַז עס האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, זאָגט ער, בּין איך גאַנץ צופרידן (ש״ע).

ב ד ל ו ת (בּעדאַלעס) זיין — אָרעם זיין, אומגליקלעך זיין.

איך בּין נישט בּדלות — מיך אַרט עס נישט, מיך גייט עס נישט אָן.

ב ד ל ו ת (בּעדאַלעס) שטעלן — אָרעם מאַכן, פאַראָרעמען.

● עסט פייגעלעך, די קערנדלעך צו דער זעט, איר וועט אונדז נישט בּדלות שטעלן.

ב ד מ י ך ח י י ! (בּעדאָמאַיך כאַיי) — ווערטלעך: מיט דיין בּלוט לעבּ! אין בּלוט וועסטו לעבּן. פון דיין בּלוט וועט אַרויסשפּראָצן אַ ניי לעבּן.

● צו דעם יידישן פאָלק טראָגט זיך דער אויסגעשריי: בּדמיך חיי! (זשיט־לאָווסקי).

ב ד ע ה (בּעדייע) האָבּן — אין זינען האָבּן, האָבּן אין געדאַנק.

● ער האָט אַפילו געהאַט בּדעה צו פאָרן אַהין (נ. מייזיל).

ב ד ק ע נ ע ן, ב ד ק ע ן (בּאַדקענען, בּאַדקען), — אונטערזוכן (די לונג און לעבּער פון דער בּהמה נאָכן שחטן.

● אַז מען וויל גוט בּדקענען איז אַלץ טריף (פאָלקסווערטל). האַוו, האַוו, האָוו! אַ גנבֿ, שרייט ער, בּדקען וויל ער, בּדקען (א. שטיינבּאַרג).

ב ד ר ך א ג ב (בּעדערעך אַגעוו) — געלעגנהייטלעך, נעבּנבּיי.

● לאָזט זי מיר וויסן אין איינעם פון אירע בּריוו, בּדרך אגב, אַז זי קלייבּט זיך צו פאַרלאָזן ווילנע (זשיטלאָווסקי).

ב ד ר ך ג ו ז מ א (בּעדערעך גוזמע) — אויף אַן איבּערגעטריבּענעם אופן, איבּערגעטריבּן.

ב ד ר ך כ ל ל (בּעדערעך קלאַל) — אין אַלגעמיין, אין אַלגעמיין גענומען, גערעדט.

● בּדרך כלל איז קאַמעניץ געווען די איידעלסטע שטאָט אין גאַנץ גראָד־נער גובּערניע (י. קאָטיק).

ב ד ר ך מ ל י צ ה (בעדערעך מעליצע)—בילדלעך, בילדעריש (גערעדט, געשריבן).
● עס ווערט גערעדט נאָר בדרך מליצה (אָפּאַטאָשו).

● ב ד ר ך מ ש ל (בעדערעך מאָשל) — אין פאָרם פון אַ פאַרגלייך, אויפן אַלעגאָרישן אופן, אַלעגאָריש.
● פּרץ האָט אונדז אין די פאָלקסטימלעכע געשיכטן אַ סך זאַכן דערקלערט בדרך משל.

ב ד ר ך נ ס (בעדערעך נעס) — דורך אַ וואונדער, אויף אַ וואונדערלעכן אופן.
● ער איז ניצול געוואָרן בדרך נס (ש״ע).

ב ״ ה (באָרעך האַשעם)—זע: ברוך השם.

ב ה ד ר ג ה (בעהאַדראָגע) — (אַדווערביאַל) — שטופנווייז, ביסלעכווייז.

ב ה ד ר ג ה ד י ק (בעהאַדראָגעדיק) — (מערטסנס אַדיעקטיוויש) — שטופנווייז, ביסלעכווייז, פּאַמעלעך.

ב ה י ת ר (בעהעטער) — מיט דערלויבעניש, דערלויבטערהייט, דערלויבט. קעגנזאַץ: באיסור (ז״ד).
● עס זאָל זיין אַ הויז מיט מענטשן, מיט אַ שטאָט, מיט אַ ביסל עולם הזה, נאָר בהיתר, נישט באיסור (פּרץ).

ב ה כ נ ע ה (בעהאַכנאָע)—(אַדווערביאַל)—אונטערטעניק, מיט אונטערטעניקייט, מיט אונטערגעוואָרפנקייט, מיט געבויגנקייט.
● אונדזערע טוניאַדעווקער פאַרשוינען זענען געגאַנגען מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ און בהכנעה אָפּגעטרעטן פאַר איטלעכן דעם וועג (ממ״ס).

ב ה כ נ ע ה ד י ק (בעהאַכנאָעדיק)—(מערטסנס אַדיעקטיוויש) — אונטערטעניק, אונטערגעוואָרפן, געבויגן.

ב ה כ ר ח (בעהעכרעך) — מיט מוז, געצוווּנגענערהייט.
● איך האָב דאָס געטון בהכרח, איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדערן אויסוועג.

די ב ה ל ה (בעהאָלע) — פּאַניק, צעטומלונג, גרויס שרעק.
● אין דער שטאָט איז געוואָרן אַ בהלה, די מענער האָבן געכאַפּט, וואָס עס האָט זיך געלאָזט, די ווייבער — די קינדער אויף די הענט און מען האָט זיך געלאָזט לויפן (ש. אַש).

די ב ה מ ה—ב ה מ ו ת (בעהיימע—בעהיימעס)—רינד (קו, אָקס אדג״ל). באַצייכענונג פון אַ נאַרישן מענטשן.
● אַז מען גיט נישט דער בהמה קיין קלייען, קייט זי שטרוי (ש״ע).
זיי נישט קיין בהמה — זיי נישט קיין נאַר.

די ב ה מ ה ג ס ה—ב ה מ ו ת ג ס ו ת (בעהיימע גאַסע—בעהיימעס גאַסעס)—גרויסע בהמה (קו, אָקס (אדג״ל).

די ב ה מ ה ד ק ה — ב ה מ ו ת ד ק ו ת (בעהיימע דאַקע — בעהיימעס דאַקעס) — קליינע בהמה (שאָף, ציג אדג״ל).

ב ה ן ש ל י (בעהען שעלי) — אויף מיין וואָרט.
● איך שווער אייך בהן שלי, אַז איך האָב געוויינט גלייך מיט אייך אַלע, בעת אייער זיידע האָט אייך אַלעמען געבענטשט (ש״ע).

ב ה ס כ ם (בעהעסקעם) — איינשטימיק, אין איינשטימיקייט.

● אַלץ וואָס מיר האָבן געטון איז געווען בהסכּם מיט דער פאַרוואַלטונג.

בהרחבה (בעהאַרכאָווע) — ברייט, באַקוועם.

● מיר זענען געזעסן אין וואַגאָן דריטע קלאַס, מען קאָן זאָגן, בהרחבה (ש"ע).

בהתמדה (בעהאַסמאָדע)—מיט פלייס, פלייסיק, מיט אייפער.

● ביי מיר איז פאַרבליבן, איך זאָל זיך ערשט נעמען צום לערנען בהתמדה (י. קאָטיק).

בהתר (בעהעטער) — זע: בהיתר.

דער בוגד — בוגדים (בויגעד-באָגדים) — פאַררעטער.

דער בוגר — בוגרים (באָגער — באָגרים) — דערוואַקסענער.

די בוגרת — בוגרתן (באָגרעס — באָגרעסן)—דערוואַקסן מיידל.

בודאי (בעוואַדע) — זע: בוודאי.

בודק (בוידעק) זיין — אונטערזוכן, באַטראַכטן, אַנאַליזירן.

בודק חמץ (בוידעק כאָמעץ) זיין — אויסזוכן און אויסראָמען דעם חמץ פאַר פסח לויט דעם יידישן רעליגיעזן ריטואַל.

בוודאי (בעוואַדע) — געוויס, זיכער.

בולט (בוילעט) — קלאָר, דייטלעך, פלאַסטיש.

● פון היינטערן יידנס פּאָלע שטאַרצט עפּעס בולט אַרויס (פּרץ).
ער האָט אָנגעהויבן אַלץ צו זען קלאָר און בולט (אָפּאַטאָשו).

דער בור — בורים (בור—בורים) — גראָבער יונג, פּאַרגרעבטער מענטש.

דער בור דאורייתא (בור דעאויריייסאָ) — גאָר אַ גראָבער יונג, גאָר אַ פּאַרגרעבטער מענטש.

● איך האָב אים אויפגעוויזן, אַז ער איז אַ בור דאורייתא (ש. אַנסקי).

דער בורא (בוירע)—באַשעפער (גאָט).

בורא מאורי האש (בוירע מעאוירע האָאייש)—באַשעפער פון ליכט און פייער, פון פייערדיקע ליכטער. אַ ברכה, וואָס רעליגיעזע יידן מאַכן שבתצונאַכטס איבער די הבדלה-ליכט.

מאַכן אַ „בורא מאורי האש"— אונטערצינדן.

דער בורא עולם (בוירע אוילעם) — באַשעפער פון דער וועלט (גאָט).

● צו וואָס זאָל איך מיך רימען?... דער בורא עולם ווייסט—איז גענוג (פּרץ).

„בורא פרי אדמה" (בוירע פּרי אַדאָמאָ) „דער באַשעפער פון די ערד-פּרוכטן".
אַ ברכה (בענטשונג), וואָס רעליגיעזע יידן מאַכן איבער ערד-פּרוכטן, ווי קאַרטאָפל, רעטעך און אַנדערע.

● און ער מאַכט גאָר בורא פרי אדמה (א. שטיינבאַרג).

בורא פרי הגפן (בוירע פּרי האַגאָפען) — באַשעפער פון דער פּרוכט פונעם ווייַנשטאָק (וויינטרויבן) — אַ ברכה, וואָס רעליגיעזע יידן מאַכן איבער וויין.

דער בורר — בוררים (בוירער — באָר[ע]רים) — אַרביטער, שיד-ריכטער, פּאַרגלייכער.

● די בוררים האָבן פּאַרגלייכט די ברי-

דער, וואָס האָבן זיך געקריגט איבער אַ ירושה.
● אַ בור דאַרף קענען אַ סך הערן און שווייגן (ממ"ס).

דאָס **בוררות** (באָררעס, באָרערעס) — שיד־געריכט, דריי־פּערזאָניק גע־ריכט; אַמט פון אַ בורר.

די **בושה** (בושע) — שאַנד.
● כ'ווער פאַר בושה רויט און בלאַס (גיסער). איך וועל אַראָפּוואַרפן פון מיר די בושה (ש. אַש).

דער **בושת־פּנים** — (בוישעס־פּאָ־נעם) — שעמעוודיקער.
● בעסער אַ בושת־פּנים איידער אַן עזות־פּנים (שפּריכוואָרט לויט א. בערנ־שטיין).

בזה הלשון (בעזע האַלאָשן) — מיט פאָלגנדיקע ווערטער, מיט אָט די ווערטער, מיט די ווייטערדיקע ווערטער.
● און דער זיידע הייבט אָן צו דער־ציילן בזה הלשון (ש"ע).

זול־הזול (בעזאָל־האַזאָל) — זע: בזיל־הזול.

בזי־בזיון — בזי־בזיונות (בזי־זעביזאָיען — ביזעביזיוינעס) — גרויסע שאַנד.
● ס'איז אים געווען בזי־בזיון פאַר זיך אַליין (ש"ע).

דער **בזיון — בזיונות** (ביזאָ־יען — ביזיוינעס) — שאַנד, באַליידיקונג.
● אויסגעשטאַנען אינטערוועגנס גענוג בזיונות (ש"ע). אַ בזיון פאַר לייטן (א. שטיינבאַרג).

בזיל־הזול, בזילי־זול (בע־זיל־האַזאָל, בעזילעזאָל) — גאָר וואָלוול, זייער ביליק.
● אַלצדינג איז דאָרט בזיל־הזול, הע־כער האַלב אומזיסט (ש"ע).

בזכות (ביזכוס) — אין פאַרדינסט פון..., פון וועגן..., צוליב.
● לייט וויסן ביי זיך זייער גוט, ווער ער איז, נאָר מאַכן זיך בזכות זיין געלט נישט־וויסנדיק (ממ"ס).

„בזעת אפּיך" „(בעזייאַס אַפּעכאָ" — ווערטלעך: אין שווייס פון דיין פּנים, מיט שווייס און מי.
● „בזעת אפּיך" — מיט שווייס און מיט נויט, זאָלט איר אייך פאַרדינען דאָס אָרעמע ברויט (פליישמאַן).

בחדרי־חדרים (בעכאַדריי־כאַדאָ־רים) — אין די אינעווייניקסטע צי־מערן, אין די אינעווייניקסטע רוימען.
● ער האָט זיך באַהאַלטן אין די חדרי־חדרים, אַז קיינער זאָל נישט וויסן (ש"ע).

בחומר־ובלבנים (בעכוימער־או־ווילוויינים — מיט ליים און מיט ציגל.
● בויען מיט די הענט, בחומר ובלבנים, מיט ליים און ציגל (מ. בורשטין).

דער **בחור — בחורים** (באָכער־באָ־כערים, באָכורים) — יינגל, יונגער־מאַן, נישט־באַווייבטער.

די **בחורטע — בחורטעס** (באָכער־טע — באָכערטעס) — (ענערגיש) מיידל, (ענערגישע) פרוי.
● אַ גוטע בחורטע, זי באַשטייט אַקעגן דריי מאַנצבילן (ש"ע).

בחוש (בעכוש) — קלאָר, דייטלעך ווירקלעך, אויסדריקלעך, ממשותדיק,

● אַלעמאָל איז ער בלאַסער און בלאַסער געוואָרן און מען האָט געזען בחוש, אַז ער קאָן דאָ אויסגיין (י. קאַטיק).

די בחינה - בחינות (בכינע-בכינעס) — באַנעם; שטופע, שטאַפּל, מדרגה (ז"ד).

● עס איז פאַראַן אַ העכערע בחינה: אַ ניגון וואָס זינגט זיך אַליין, גאָר אָן ווערטער (פּרץ).

בחינם (בעכינעם) — אומזיסט.

● אונדזער אַרבעט איז נישט געווען בחינם.
איך האָב באַשטימט צו עפּעס זיך צו נעמען, נישט צו עסן בחינם קיין ברויט (ש. אַש).

דער בחיר - בחירים (בכיר-בכירים) — דער בעסטער, אויסדערוויילטער.

● ער לערנט זיך גוט, ער איז דער בחיר אין אונדזער קלאַס.

די בחירה (בכירע) — אויסוואַל, מעגלעכקייט פון אויסוואַל (צו טון גוטס אָדער שלעכטס); פרייער ווילן.

● זיי האָבן איינגערעדט דער וועלט, אַז דער מענטש האָט אַ בחירה (אָפּאַטאָשו).

בחנם (בעכינעם) — זע: בחינם.

בחפזון (בעכיפּאָזן) — (אַדווערביאַל) — איילענדיקערהייט, אין איילעניש.

● ער האָט געטון זיין אַרבעט בחפזון, אין גרויס איילעניש.

בחפזונדיק (בעכיפּאָזנדיק) — (מערסטנס אַדיעקטיוויש)—איילענדיק, גיך.

● איך שרייב דאָס זייער בחפזונדיק (ש"ע).

בחצי חנם (בעכאָצי כינעם)—האַלב אומזיסט, זייער ביליק.

● האַלץ — זאָגט דער פאַרשטעלטער וואָסיל — האָב איך צו פאַרקויפן זייער ביליק, בחצי חנם האַלץ (פּרץ).

בחרם (בעכיירעם) — אויסדריקלעך; מיט דער שטרענגקייט פון אַ חרם, מיט אַלע באַוואָרענישן, באַשווערנדיק.

● פרעגט אים בחרם, ווו ער איז אין דער וועלט? (ש"ע). פרעגט עמעצן בחרם, ווער באַנציע איז געווען (פּרץ).

בחרפתו (בעכאַרפּאָסוי) — מיט (זיין) שאַנד. צו זיין שאַנד.

● דער אַסעסאָר האָט בחרפתו געמוזט קומען צו אים (י. קאַטיק).

בטבע (בעטעווע) — פון דער נאַטור, לויטן כאַראַקטער.

● דער דאַזיקער ייד איז געווען בטבע נישט קיין שלעכטער (ממ"ס).

דער בטוח - בטוחים (בעטועך—בעטוכים) — באַגלויבטער; קרעדיט-פעיקער מענטש.

● אַז אַ דיימש זאָגט, אַז ער וועט שיסן, איז ער אַ בטוח (ש"ע). ער האָט געראָטן איינצולייגן די טויזנט רובל אין בריסק ביי אַ בטוח (י. קאַטיק).

בטוח (בטועך) זיין — זיכער זיין.

● איך געטרוי דיר דאָס ביסל האַלץ, איך בין בטוח, אַז דו וועסט באַצאָלן (פּרץ).

דאָס בטוחות (בעטוכעס) — זיכערקייט, פאַרזיכערונג.

● זיי זענען גרייט אַרויסצושיקן געלט, אויב עס איז דאָ אַ וויכטיקע בטוחות (י. קאַטיק).

דער **בטול** (ביטל) — זע: ביטול.

דער **בטחון** (ביטאָכן) — דאָס פאַר־טרויען, זיכערע האָפענונג, זיכערקייט, גלויבן.

● יידן, האָט בטחון! (געבירטיג).

בטל (באָטל) גיין — ליידיק אַרומגיין.

● זיין זון גייט אַרום בטל, אָן אַ שום אַרבעט (ש״ע).

בטל (באָטל) ווערן—פאַרשווונדן ווערן, אויפהערן צו זיין.

● איך ווער אין דעם שרעקלעכן טומל פאַרלוירן, מיין איך ווערט דאָרט בטל, איך ווער אַ מאַשין (ראָזענפעלד). דער „גוט־וואָך״ איז עפעס געוואָרן גאָר אַ באַזונדערער — ער איז נישט בטל געוואָרן צווישן די אַנדערע „גוט־וואָכס״ (ש. אַש).

בטל בששים (באָטל בעשישים) ווערן — ווערטלעך: פאַרלוירן גיין צווישן זעכציק (אַנדערע טיילן), פאַר־לוירן גיין אין אַ גרויסער צאָל, אינ־גאַנצן פאַרשווונדן ווערן, צונישט ווערן.

● אַלע אונדזערע שילער זענען דיסצי־פלינירט און אויב איינער וויל זיך אַרויסברעכן פון דער שול־דיסציפלין, ווערט ער בטל בששים און האָט נישט קיין ווירקונג.

דער **בטלן** — **בטלנים** (באַטלען—באַטלאָנים) — ליידיקגייער, אומפּראַק־טישער מענטש; טיפּ פון אַמאָליקן יידישן לערנער, וואָס איז נישט גע־ווען צוגעפּאַסט צום לעבן.

● ער איז שוין גאָרנישט קיין בטלן, ער איז אַן ענערגיש יינגל. אַלצדינג טאָקע נאָר ווי ביי די בטלנים אין בית־המדרש הינטערן אויוון (ממ״ס).

דאָס **בטלנות** (באַטלאָנעס) — ליי־דיקגייעריי; נישט־צוגעפּאַסטקייט צום לעבן, אָפּגעשטאַנענקייט.

● קריטיקוס האָט דאַן געריייניקט מיט אַ האַרטן בעזעם די בטלנות אין אונדזער ליטעראַטור (ש. דובנאָוו).

בטלניש (באַטלאָניש) — אָפּגעשטאַ־נען, אויפן שטייגער פון אַ בטלן, ווי אַ בטלן.

● וואַרף אַוועק די בטלנישע שטיק.

בטלען (באַטלען) — פאַרברענגען די צייט מיט נאַרישקייטן.

גענוג געבטלט, שוין צייט צו נעמען זיך צו ערנסטער אַרבעט. אויסבטלען צו עמעצן — עמעצן אויסזידלען, עמעצן אַריינזאָגן.

● בטלט צו אים גימפּל אויס אַלע זיינע חלומות, מאַכט אים גלייך מיט דער בלאָטע (ממ״ס).

ביד חזקה (בעיאַד כאַזאָקאָ) — מיט אַ שטאַרקער האַנט.

● ער האָט געוועלטיקט ביד חזקה (ש״ע). ער האָט געפירט דעם הויף ביד חזקה (אָפּאַטאָשו).

ביד רחבה (בעיאַד רעכאָוואָ) — מיט אַ ברייטער האַנט.

● די ברייינינס האָבן געגעבן געלט ביד רחבה אויף אַלע צדקה־זאַכן. (בריינין).

ביד רמה (בעיאַד ראָמאָ) — מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט, מיט אַ שטאַר־קער האַנט.

● דער נייער פּריסטאַוו האָט גראָד ביד רמה דענסטמאָל געפירט דאָס שטע־טל (ממ״ס).

בידים (בּעיאָדאַים) — מיט אייגענע הענט.

● מיר זאָלן אַליין בּידים נעמען און אַוועקגעבּן דאָס איינציקע און דאָס הייליקסטע, וואָס מיר פאַרמאָגן (ש״ע).

ביודעים (בּעיוידים) — וויסנדיקער־הייט.

דער **ביוש** (בּיעש) — שעמעוודיקייט; שאַנד.

● איך האָבּ אָנגעהויבּן צו רעדן אָן בּיוש (ש. אַנסקי).

ביחוד (בּעיכוד, בּעיכעד) — בּאַזונ־דער, אַליין, איינזאַם; בּיידע פאַר זיך אַליין.

● שאָקלען זיי זיך און דאַוועגען בּיחוד אין פעלד (ש. אַש).

ביחידות (בּעיעכידעס) — אָפּגעזונ־דערט, פאַר זיך אַליין.

● איך שפּאַציר מיר אַזוי איינמאָל אין „ווייַנגאָרטן" בּיחידות אויף וועגלעך, וווּ נישט אַלע גייען (ממ״ס). געדאַ־ווינט האָט ער בּיחידות, איינער אַליין (ש״ע).

דער **ביטול** (בּיטל) — גרינגשעצונג, צונישטמאַכונג, פאַרניינונג.

● ער בּאַציט זיך מיט בּיטול צו אָט די אַלע נייקייטן (נ. מייזיל).

ביטול תורה (בּיטל טוירע — דאָס איבּעררייסן פון לערנען תורה, דאָס נישט־לערנען.

● סטייטש, בּיטול תורה (פּרץ).

ביכולת (בּעיכוילעס) זיין — אימ־שטאַנד זיין.

● ער אַליין קאָן גאָרנישט טון — ער איז גאָרנישט בּיכולת (י. קאָטיק). מיר זענען דאָס נישט בּיכולת צו מאַכן (א. קאָטיק).

דער **בילבול** — **בילבולים** (בּילבּל — בּילבּולים) — זע: בלבול.

בילבול־המוחות (בּילבּל־האַמוי־כעס) — זע בּלבּול־המוחות.

די **בימה** — בּימות (בּימע — בּימעס) — בּאַלעמער (אין שול, אין קלויז); טריבּונע, בּינע, סצענע.

בימי (בּימיי) — אין די טעג, אין די צייטן.

בימי המלך שלמה (בּימיי האַמע־לעך שלוימע) — אין די צייטן פון קעניג שלמה.

● בּימי המלך שלמה — אין די צייטן פון מלך שלמה האָט געלעבּט אַן אלמנה, אַן אָרעמע מיטן נאָמען שו־נמית (פּרץ).

בימים ההם (בּאַיאָמים האָהיים) — אין יענע טעג, אין יענער צייט.

● בּימים ההם — אין יענער צייט בּין איך געזעסן אין אָדעס אויף אַ דאַטשע (ש״ע).

בין־הזמנים (בּיין־האַזמאַנים) — די צייט צווישן איין האַלבּ־יאָר און דעם צווייטן, די צייט פון פסח און סוכּות, וואָס טיילט אָפּ דעם זומער פון ווינ־טער; פּעריען־צייט אין די יידישע רעליגיעזע אַנשטאַלטן.

● בּין־הזמנים — ווער ווייסט דאָס פאַר־שטיין? וואַקאַציע, וואַקיישאָן, קאַני־קולע — דאָס זענען אַלץ ווערטער פון זעלבּן בּאַגריף. זיי זענען אָבּער נישט דאָס, וואָס דאָס וואָרט בּין־הזמנים זאָגט דעם יידישן יינגל (ש״ע).

בין־המצרים (בּיין־האַמצאָרים) — קלעם, ענגשאַפט. בּאַצייכענונג פון

אַ זייער שווערער לאַגע, פון אַ שלעכטער צייט.

● ער האָט געפונען אַן אויסוועג פון דעם בין־המצרים (מ. בורשטין).

דער **בין־השמשות — בין־השמשותן** (ביין־האַשמאָשעס — ביין־האַשמאָשעסן) — פאַרנאַכט, צווישן טאָג און נאַכט.

● ס'איז בין־השמשות, דורך די שויבן פאַלט נאָך אַ בלאַס־רויטלעכער שיין פון דער פאַרגייענדיקער זון (אל. צייטלין).

בין־השמשותדיק (ביין־האַשמאָשעסדיק) — פאַרנאַכטיק, טונקל.

● עס איז שוין געווען בין־השמשותדיק, עס איז געוואָרן טונקעלער און טונקעלער (ד. פינסקי).

בין כך ובין כך (ביין קאַך אוּוויין קאַך) — אַזוי אָדער אַזוי, סיי־ווי־סיי; דערווייל, אין דער צווישן־צייט.

● אָבער בין כך ובין כך איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן.

בינו לבינו (ביינע לעביינע) — דערווייל, אין מיטן דרינען, אינצווישן, אין דער צווישן־צייט.

● אָבער בינו לבינו גאָר אומגעריכט איז אָנגעקומען די הילף פון דרויסן (מ. בורשטין).

דער **ביעור חמץ** (ביער־כאָמעץ) — דאָס פאַרברענען דעם חמץ ערב־פסח.

דער **ביקור חולים** (ביקער כוילים) — קראַנקן־באַזוך, דאָס באַזוכן קראַנקע; פילאַנטראָפישע אינסטיטוציע ביי יידן צו העלפן אָרעמע קראַנקע; באַצייכענונג פון אַ שפּיטאָל ביי יידן.

● גאַנץ קאַבצאַנסק, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, איז איין ביקור־חולים, אַלע זענען צעבראָכן (ממ"ס). אַנידערשטעלן אַ ביקור־חולים, אָבער טאַקע וואָס אַ ביקור חולים הייסט, מיט בעטלעך, מיט אַ דאָקטאָר (ש"ע).

בירושה (בעיערושע) — אין ערבשאַפט, צוגעפאַלן נאָכן טויט פון זיידעס, עלטערן און אַנדערע פריינט.

● איך האָב אַ שטוב מיט אַ גאָרטן, דאָס האָב איך בירושה טאַקע פון מיין אַלטן (ש"ע).

דער **בישן — בישנים** (ביישן — ביישאָנים) — שעמעוודיקער.

● ער איז געווען אַ בישן, און ווען מען פלעגט אים עפּעס אַ פרעג טון, פלעגט זיך זיין שאַרף־שפּיציק געזיכט באַגיסן מיט אַ רויטקייט. (אל. צייטלין).

דאָס **בישנות** (ביישאָנעס) — שעמעוודיקייט.

די **בישנטע — בישנטעס** (ביישענטע — ביישענטעס) — שעמעוודיקע.

די **בית — ביתן** (בייס — בייסן) — דאָס צווייטע אות (ב) פונעם אַלף־בית.

דער **בית־דין — בית־דינס** [בעז(ד)ן — בעז(ד)נס] — יידיש רעליגיעז געריכט, רבניש געריכט, רב (ז"ד).

דער **בית־דין צדק** [בעז(ד)ן צעדעק] — ווערטלעך: געריכט פון גערעכטיקייט, יידיש רעליגיעז געריכט, רבניש געריכט.

● שטעלט ער זיך פאַרן בית־דין צדק אין ווילנע (פרץ).

די **בית־דין־שטוב** [בעז(ד)ן־

שטוב] — שטוב, ווו עס אַמטירט דער רב (ז"ד).

דער ב י ת ־ ד י ן ש ל מ ע ל ה [בעז(ד)ן־שעל־מיילע] — אייבערשט געריכט; הימליש, געטלעך געריכט, לויט דער רעליגיעז־מיסטישער פאָרשטעלונג.

● האָט מען געבראַכט אים צו בית־דין של מעלה זען, צי מען קאָן אים שוין אַריינלאָזן אין גן־עדן אַריין (י. קאָטיק).

דער ב י ת ־ ד י ן ־ ש מ ש — ב י ת ־ ד י ן ־ ש מ ש י ם [בעז(ד)ן־שאַמעס — בעז(ד)ן־שאַמאָסים] — באַדינער פון דעם בית־דין, באַדינער פונעם רב (ז"ד).

דער ב י ת ־ ה ח י י ם — ב י ת ־ ה ח י י מ ס (בײַסהאַכאַים — בייסהאַכאַימס) — גוט־אָרט, הייליק־אָרט, אָרט ווו מען באַגראָבט געשטאָרבענע.

● זיין זיידע איז שוין לאַנג אויפן בית־החיים.

ב י ת ־ ה כ נ ס ת — ב ת י ־ כ נ ס ת, ב ת י ־ כ נ ס י ו ת (בייסהאַקנעסעס — באָטע קנעסעס, באָטעקנעסיעס) — רעליגיעז פאַרזאַמלונגס־הויז, קלויז, שול (צום דאַוונען).

דער ב י ת ־ ה כ ס א — ב י ת ־ ה כ ס א ס (בייסהאַקיסע — בייסהאַקיסעס) — קלאָזעט, אָפּטריט.

דער ב י ת ־ ה מ ד ר ש — ב ת י ־ מ ד ר ש י ם (בייס־האַמעדרעש, בעסמעדרעש — באָטעמידראָשים) — קלויז, זע אויך: בית־מדרש.

דער ב י ת ־ ה מ ק ד ש (בייסהאַמיקדעש) — דער הייליקער טעמפּל (אין ירושלים).

באַצייכענונג פון דעם צענטראַלן אַלט־יידישן הייליקטום אין ירושלים.

דער ב י ת ־ ה ק ב ר ו ת — ב י ת ־ ה ק ב ר ו ת ן (בייסהאַקוואָרעס — בייסהאַקוואָרעסן) — גוט־אָרט, הייליק־אָרט, אָרט ווו מען באַגראָבט געשטאָרבענע.

דער ב י ת ־ ו ע ד (בייס־וואַאַד) — פאַרזאַמלונגס־הויז, פאַרזאַמלונגס־פונקט.

● זיין וווינונג איז געווען אַ בית־ועד לשרייבער (ש. ניגער).

דער ב י ת ־ ח י י ם — ב י ת ־ ח י י מ ס (בייסכאַים — בייסכאַימס) — זע: בית החיים.

דער ב י ת ־ י ת ו מ י ם — ב ת י ־ י ת ו מ י ם, ב י ת ־ י ת ו מ י מ ס (בייסיעסוימים, באָטעיעסוימים, בייס־יעסוימימס) — קינדער־הויז, אַנשטאַלט פאַר קינדער אָן עלטערן, יתומים־הויז.

ב י ת ־ ל ח ם (בייס־לעכעם, בעסלעכעם) — נאָמען פון אַ שטאָט אין ארץ־ישראל אין יהודה, היימשטאָט פון דוד המלך.

● אויפן וועג קיין בית־לחם שטייט אַן איינזאַמע מצבה (מצבה פון דער ביבלישער מוטער רחל — מ. בורשטין).

דער ב י ת ־ מ ד ר ש — ב ת י ־ מ ד ר ש י ם (בעסמעדרעש — באָטעמידראָשים) — קלויז. אַן אָרט ווו מען דאַוונט און לערנט.

● פול ס'בית־מדרש מיט קאַרפּענע קעפּ, מען לערנט נאָך אין פּאָליש, מען זיצט אויף די טרעפּ (פרץ).

ב י ת ־ מ ד ר ש ד י ק (בעסמעדרעשדיק) — אויפן שטייגער פון קלויז.

● דער בית־מדרשדיקער קנייטש איז אים אָבער פאַרבליבן (אל. צייטלין).

דער בית־עולם — בית־עולמס (בעסוילעם — בעסוילעמס) — גוט־אָרט, הייליק אָרט,

אַן אָרט, ווו מען באַגראָבט געשטאָר־בענע).
● דער גרויסער יידישער היסטאָריקער גרעץ רוט אויפן ווראָצלאַווער בית־עולם.

דער בית־עלמין — בית־על־מינס (בעסאַלמען—בעסאַלמענס) — גוט־אָרט, הייליק אָרט, אָרט ווו מען באַגראָבט געשטאָרבענע.
● פון בית־עלמין טראָגט מען נישט צו־ריק (שפּריכוואָרט לויט א. בערנשטיין).

דער בית־ראשון (באַיס־רישן) — ערשטער בית־המקדש, וועלכן ס'האָט געבויט שלמה אין 10טן יאָרהונדערט פּ"ק, צעשטערט דורך נבוכדנאצר אין יאָר 586 פּ"ק.

דער בית־שני (באַיס־שייני) — צווייטער בית־המקדש, וועלכן ס'האָבן גע־בויט די צוריקגעקומענע יידן פון בבל אונטער זרובבלען אין 6־טן יאָר־הונדערט פּ"ק; פאַרגרעסערט און פאַר־שענערט דורך הורדוסן אין ערשטן יאָרהונדערט פּ"ק; צעשטערט דורך טיטוסן אין יאָר 70 נ"ק.

ביתר (בעטער, בעטאַר)—נאָמען פון אַ היסטאָרישער פעסטונג אין ארץ־ישראל אין מערב־זייט פון ירושלים, דאָס לעצטע פאַרטיידיקונגס־אָרט פון בר־כוכבא (135 יאָר נ.ק.)
● איבער אַ הון און אַ האָן איז חרוב געוואָרן די שטאָט ביתר (ש"ע). צוליב אַ דישל פון אַ וואָגן איז חרוב געוואָרן ביתר (מ. בורשטין).

בכבד־ראש (בעקויוועד־ראָש) — זע: בכובד ראש.

בכבוד (בעקאָוועד) — מיט ערע, מיט אַכטונג, מיט רעספּעקט.

● אַזאַ מומע דאַרף מען האַלטן בכבוד (ש"ע).

בכבוד גדול (בעקאָוועד גאָדל) — מיט גרויסער ערע, מיט גרויסער אַכ־טונג, מיט גרויס פאַרגעניגן.
● זיי ווערן אויסגעהאַלטן בכבוד גדול (י. קאָטיק). מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל, ניי איך מיר בכבוד גדול (פאָלקסליד).

בכבודה ובעצמה (ביכווידאָ אווועאַצמאָ) — זי אַליין, אין איר אייגענער פּערזאָן, פּערזענלעך.
● זי האָט זיך טאַקע בכבודה ובעצמה מטריח געווען אַהער (ממ"ס).

בכבודו ובעצמו (ביכווידוי אווועאַצמוי) — ער אַליין, אין זיין אייגענער פּערזאָן, פּערזענלעך.
● אומגעריכט גיט זיך אָן עפן די טיר, דער בעל שם בכבודו ובעצמו באַ־וויזט זיך (פּרץ).

בכבודיק (בעקאָוועדיק) — אָנגעזעצן.
● פּרץ האָט פאַרנומען אַ גאַנץ בכבודיק אָרט אין דער גמינע (נ. מייזיל).

בכדי (ביכדיי) — מיטן צוועק, מיטן ציל, אויף צו...
● איך בויג זיך אָן אַ ביסל אויף אַ זייט, בכדי איך זאָל אים קאָנען דורכלאָזן (ש"ע).

בכובד־ראש (בעקויוועד־ראָש) — ערנסט, באַטראַכט.
● מיר האָבן בכובד־ראש באַהאַנדלט די פראַגע.

בכוון (בעקיוון) — זע בכיוון.

בכוונה (בעקאַוואָנע) — אומישנע, אומיסטן, באַוווסטזיניק, מיטן מיין; אין זינען; מיט אויפמערקזאַמקייט, מיט באַטראַכטונג.

● ער איז בּכּוונה נישט געקומען צו דער פאָרשטעלונג.

דאָס האָב איך בּכּוונה נישט געהאַט. (פּרץ). דער ייִדע דאַוונט בּכּוונה.

בּכּוח (בּעקויעך) — מיט געוואַלד, מיט מאַכט; אין קראַפט.

● ער האָט בּכּוח געוואָלט אַרויפצווינגען אויף אייך זיין מיינונג.

ער איז געגאַנגען גיך, זיך מיט אַמאָל געפילט בּכּוח אַ וועלט איינצולייגן (אָפּאַטאָשו).

בּכּוח (בּעקויעך) זיין — זיין אין שטאַנד, האָבּן די מעגלעכקייט.

● וועגן דעם קאָן איך נישט און בּין נישט בּכּוח צו זאָגן אייך שריפטלעך. (ממ״ס).

דער **בּכור-בּכורים** (בּכאָר-בּכוירים) — ערשטגעבּוירענער, ערשטלינג.

● ער גייט אַרום ווי אַ בּכור אויפן גוטן אָרט (פאָלקסווערטל לויט א. בּערנשטיין).

די **בּכורה — בּכורות** (בּכוירע — בּכוירעס)—דאָס רעכט פון אַן ערשטגעבּוירענעם; דאָס ערשטע אָרט, פאָררעכט.

● ער האָט פאַרקויפט די בּכורה פאַר אַ טאָפּ לינדזן (פאָלקסווערטל). אויבּ אַזוי — קומט אייך די בּכורה (ש״ע).

די **בּכורטע — בּכורטעס** (בּכאָרטע — בּכאָרטעס) — ערשטגעבּוירענע טאָכטער.

בּכורים (בּיקורים) — מ״צ — די ערשטע רייף געוואָרענע פרוכטן, וואָס יידן פלעגן בּרענגען שבועות אין בּית-המקדש. בּאַצייכענונג פון אַ רייפער שאַפונג.

● און דאַרפן זיך בּאַווייזן נייע שפּראַצונגען, איז זאַמאָשטש מיטן פולן רעכט אויף בּכּורים (פּרץ).

בּכּח (בּעקויעך) — זע: בּכּוח.

בּכּי-טוב (בּעכּי-טאָוו) — ווען ס׳איז גוט, ווען ס׳איז ליכטיק; אויפן גוטן אופן. מיט גוטן.

● ער ווייסט, מען דאַרף אַרויסגיין און צוריקקומען בּכּי-טוב (פּרץ). געזעגנדיקט האָט זיך די געשיכטע בּכּי-טוב.

די **בּכיה — בּכיות** (בּכיע — בּכיעס) — געוויין, קלאָג.

● אַלטע בּכיות, אַלטע תפילות, די אַלטע בּרענגן זיך די הענט (פּרץ).

די **בּכיה-לדורות** (בּכיע-לעדוירעס) —קלאָג, אומגליק אויף לאַנגע צייטן.

● דאָס קאָן ווערן אַ בּכיה-לדורות.

בּכּיוון (בּעקיוון) — אומישנע, אומיסטן, בּאַוווסטזיניק, מיט אַ ספּעציעלן מיין.

● ס׳איז שווער פעסטצושטעלן, צי פּרץ האָט עס בּכּיוון געטון, אָדער ס׳איז געווען נישט-ווילנדיק (נ. מייזיל).

בּכל-אופן (בּעכאָל-אויפן) — אין יעדן פאַל, אַלנפאַלס.

● ער בּאַהערשט נאָך נישט פולקאָם די העבּרעישע שפּראַך, אָבּער בּכל-אופן איז ער בּאַהאַוונט אין די העבּרעישע ווערטער, וואָס טרעפן זיך אין ייִדיש.

בּכּל-מכּל-כּל (בּאַקל-מיקל-קאָל) — אַלצדינג, פון אַלצדינג, מיט אַלצדינג.

● האַנדלט, קויפט בּזיל-הזול בּכּל-מכּל-כּל (א. שטיינבּאַרג).

בּכל תפוצות ישראל (בּעכאָל טפוצעס ייסראָעל) — אין אַלע ערטער, ווו ייִדן זענען צעשפּרייט, אין אַלע ייִדישע קהילות.

● אַזוי איז שוין אָנגענומען בכל תּפו־צות ישראל (ממ"ס). איז דער נאָמען פון שטעטל באַקאַנט געווען און דער־מאָנט געוואָרן בכל תּפוצות ישראל (ש. אַש).

ב כ ל ל (בּיכלאַל) — אין אַלגעמיין; אין גאַנצן; איבּערהויפּט.

● בּכלל איז דאָס געווען אַ זעלטענער טיפּ, אַן אָריגינאַל (ש"ע). דאָס מין געלט האָט אין יענער שטוב בּכלל נישט עקזיסטירט (ש"ע). וועגן וואָס בּכלל עס טראַכט אַן אינדיק — וועגן גאָרנישט (א. שטיינבּאַרג).

ב כ ן (בּעכיין, בּעכען)—נו, אַלזאָ ,הייסט עס, דעריבּער.

● בּכן איז געבּליבּן, איך גלייבּ דיר נישט, דו גלייבּסט מיר נישט, לאָמיר בּעסער גיין אַלע זאַלבּעגאַנד (ש"ע). בּכן קומט אויס, אַז דורך דער שריפטלעכער שפּראַך פאַרבּעסערט זיך מיט דער צייט דאָס רעדן מיטן מויל (ממ"ס).

ב ל א ג ו ז מ א (בּעלוי גוזמע) — אָן איבּערטרייבּונג. זע אויך: בּלי גוזמא.

ב ל א י ו ד ע י ם (בּעלוי יוידים) — אָן וויסן; נישט־וויסנדיקערהייט.

ב ל ב ו נ פ ש (בּעלעוו ווענעפעש) — מיטן האַרץ און מיט דער נשמה, מיט לייבּ און לעבּן.

● ער האָט ליבּ געהאַט דאָס יידישע טעאַטער בּלב ונפש (מ. טורקאָוו). אייער איבּערגעגעבּענער בּלב ונפש (ש"ע).

דער ב ל ב ו ל — ב ל ב ו ל י ם (בּילבּל — בּילבּולים) — אויסטראַכטעניש, פאַל־שע בּאַשולדיקונג.

● פרענק האָט אַן אויפגערעגטער אויס־געשריען, ווי מען וואָלט אויף אים אויסגעטראַכט אַ בּלבּול (אָפּאַטאָשו). וואָס פאַר אַ בּלבּולים האָט מען דאָ געמאַכט אויף מיר (נאָמבּערג).

ב ל ב ו ל ־ ד ם (בּילבּל־דאַם) — בּלוט־בּאַשולדיקונג. זע: עלילת דם.

דער ב ל ב ו ל ה מ ו ח ו ת (בּילבּול־האַמויכעס) — צעטומלונג, כאַאָס. צע־מישונג פון געדאַנקען.

ב ל ח ש (בּעלאַכאַש) — שטילערהייט.

● צוגעפירט צו דער טיר און אַ פרעג געטון בּלחש (מ. בּורשטין).

ב ל י ג ו ז מ א (בּ(ע)לי גוזמע) — אָן איבּערטרייבּונג.

● אַ פּאַלאַץ, אַ „דוואָרעץ": חדרים און חדרימלעך, בּלי גוזמא, כמעט בּיז צוואַנציק (ש"ע).

ב ל י י פ ו נ ה (בּ(ע)לי יעפונע) — אָן אַ שום אָפּהאַלט; אָן אַן אָפּקער.

● איך זאָל בּלי יפונה נאָך היינט זיך מעלדן אַהין (זשיטלאָווסקי).

ב ל י כ ו ו נ ה (בּ(ע)לי קאַוואָנע)—אָן אַ כּוונה, אָן אַ בּאַשטימטן מיין.

ב ל י מ ס ק נ א (בּ(ע)לי מאַסקאָנע) — זע: בּלי נדר.

ב ל י נ ד ר (בּ(ע)ליניידער)—אָן אַ שום פאַרפליכטונג.

● איך וועל, בּלי נדר, די אַרבּעט מאַכן. איצט מוז ער, בּלי נדר, נעמען זיך צו דער זאַך (מ. בּורשטין).

ב ל י ס פ ק (בּ(ע)לי סאָפעק)—אָן צווייפל

ב ל י ש ו ם ט ע נ ה (בּ(ע)לי שום טיינע) — אָן יעדן אויסרייד.

בּלי שום ספק (בּ(ע)לי שום סאָפּעק) — אָן יעדן צווייפל.

● ער וועט בּלי שום ספק זיין וואָרט האַלטן.

בּלילה (בּאַליילאָ, בּאַליילע) בּיי נאַכט.

● ער איז אַ חכם בּלילה (פּאָלקס-ווערטל)

בּלית בּרירה (בּעלעס בּריירע) — נישט האָבּנדיק קיין אַנדערע מעג-לעכקייט, קיין אַנדערן אויסוועג.

● אָבּער בּלית בּרירה מוזן מיר זיין מיט דעם בּאַגניגן (מדפּיס).

בּלעם (בּילעם) — נאָמען פון אַ בּיבּל-פּערסאָנאַזש. בּאַצייכענונג פון אַ שלעכטן מענטש.

בּלעמס מויל — אַ גרויס מויל (זידל-אויסדרוק.)

בּלק (בּאָלעק) — בּיבּל-פּערסאָנאַזש סדרה (קאַפּיטל) פון חומש. לערנען מיט עמעצן בּלק — עמעצן אָנלערנען, עמעצן אָנטאָן צרות (דער אויסדרוק נעמט זיך וואַרשיינלעך דערפון, וואָס די סדרה בּלק איז שווער צו לערנען).

● דערויף איז יענטל אויך געוועזן אַ קאָזאַק און האָט מיט אים געלערנט בּלק (ש"ע).

בּלשון אתה (בּעלאָשן אַטאָ) אויף „דו", דוצנדיק.

● דער ייד האָט געזאָגט: — זאָרג נישט (בּלשון אתה)—אַ היימישער ייד (פּרץ).

בּלשון-חיבּה (בּעלאָשן כיבּע) — צערטלעך, אין צערטלעכקייטס-פאָרם, מיט ליבשאַפט.

● דער אַלטער האָט אים דערפאַר גע-רופן בּלשון-חיבּה: „פּראָפּוסל" (אל. צייטלין).

בּלשון-סגי-נהור (בּעלאָשן-סאַגי-נאָהער) — אין אַ פאַרשטעלטער אויסדרוק-פאָרם, וואָס זאָגט דעם קעגנטייל פון דעם, וואָס מען מיינט.

● רופט מען אים חיים-חנא „דער קלו-גער" בּלשון-סגי-נהור, דערפאַר וואָס ער איז אַ גרויסער שוטה (ש"ע). די רויטע יידלעך האָבּן ליבּ צו רעדן פאַרשטעלט, בּלשון-סגי-נהור, אָנרופן איטלעכע זאַך קאַפּויר (ש"ע).

בּלתּי-מסופּק (בּילטי-מעסופּעק) — אָן יעדן צווייפל, אין וואָס מען צווייפלט נישט.

"בּמדבּר" (בּאַמידבּאָר) — „אין דער וויסטעניש". נאָמען פון פערטן חומש-בּוך.

בּמה דבּרים אמורים (בּאַמע דוואָרים אַמורים) — ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, אַקעגן וואָס איז דאָס גערעדט.

● נאָר בּמה דבּרים אמורים — ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, אַז מען זאָל דאָס נעמען אין האַנט אַריין (ש. אַש).

בּמזומנים (בּימזעמאָנים) — מיט גרייט געלט. מיט בּאַר געלט.

● ער קויפט קיינמאָל נישט אויף קרע-דיט, נאָר צאָלט שטענדיק בּמזומנים.

בּמזיד (בּעמייזיד) — בּייזוויליק. קעגנזאַץ: בּשגגה.

● ער האָט דאָס געטון בּמזיד, מיט אַ שלעכטן מיין.

בּמחילה (בּימכילע) — ווערטלעך: מיט אַנטשולדיקונג; האָבּ (האָט) נישט קיין פאַראיבּל.

● בּיסט, בּמחילה, אַ גרויסער בּטלן (מ. בּורשטין).

בּמילא (בּעמיילע) — סיי-ווי-סיי.

● איך פאָר במילא פאַרביי (ש"ע)

בּמנוחה (בּימנוכע) — אין רואיקייט, רואיק.

● איך וויל בּעסער האָבּן ווייניק און בּמנוחה, איידער אַ סך מיט קאָפּ־פּאַרדרייעניש (ממ"ס). ער האָט אויס־געלעבּט זיינע יאָרן בּמנוחה (י. קאָטיק).

בּמסורה (בּימסוירע) — מיט (לויט) דער טראַדיציע, איבּערגעגעבּנומען.

● דאָס איז איבּערגעגאַנגען צו אונדז בּמסורה פון משה רבּינוס צייטן (ממ"ס).

בּמציאות (בּימציעס) — אין דער ווירקלעכקייט.

● אַזאַ זאַך איז גאָר נישטאָ בּמציאות (זשיטלאָווסקי).

בּמקום (בּימקוים, בּימקעם) — אויפן אָרט פון... אַנשטאָט.

● וועט דער איידעם קדיש זאָגן בּמקום אַ זון (פּרץ).

בּמקח (בּעמייקעך) — אין פּרייז, לויטן ווערט, אין ווערט.

● מען זאָל קאָנען געפינען אַ קונה אויף אַלעמען מיטאַנאַנד און פאַר־קויפן בּמקח (מ. בּורשטיין).

בּמשך (בּעמעשעך) — אין פאַרלויף.

● די לייט זענען בּמשך פון אַ קורצער צייט אויך יורדים געוואָרן (פּרץ).

דער בּן — בּנים (בּען — באָנים) — זון (איראָניש).

● זי האָט דאָס אויסגעפּאַשעט דעם בּן איירן, קיין בּייז־אויג זאָל אים נישט שאַטן (ש"ע).

דער בּן־אדם — בּני־אדם (בּען־אָדעם — בּניי־אָדעם) מענטשן־קינד, מענטש.

● קיין בּן־אדם האָט נאָך נישט געהאַט די זכיה זיי צו זען (ש"ע).

דער בּן־בּית — בּני־בּית (בּען־בּאַיס — בּניי־בּאַיס) שטוב־מענטש, היימישער, איינער פון הויזגעזינד, פון דער משפּחה.

● אַזוי ווערט ער דאָרט אַ היימישער, אַ בּן־בּית, אַן אייגענער (ש"ע). אַזאַ מיינונג האָבּן אַלע מיינע בּני־בּית (ש"ע).

בּן בּקועה (בּען־בּעקוע) — קעלבּל, וואָס געפינט זיך אין דער בּהמה נאָכן שחטן. בּאַצייכענונג פון אַן אומ־געלומפּערטן, גייסטיק נישט־דערוואַק־סענעם מענטשן.

● מיר האָבּן געגעסן פלייש פון אַ בּן־בּקועה.

דער בּן־גיל — בּני־גיל (בּען־גיל — בּניי־גיל) מענטש פונעם זעלבּן על־טער, פון די זעלבּיקע יאָרן.

● סיי אַלס זיין ליטעראַרישער בּן־גיל, סיי אַלס היסטאָריקער, גיבּ איך דאָ אָפּ דעם לעצטן כּבוד דעם אָנדענק פונעם פּאָעט (ש. דובּנאָוו).

דער בּן־דעת — בּני־דעת (בּען־דאַאַס — בּניי־דאַאַס) קלוגער, פאַרשטענדי־קער מענטש. זע: בּר־דעת.

● אַ מענטש אַ בּן־דעת וועט זיך נישט קלאָגן אויף דעם שטיין, איבּער וועלכן ער איז אומגעפאַלן (ה. צייטלין).

דער בּן־זיווג (בּען־זיוועג) — איינס פון אַ פּאָר־פּאָלק. זע: זיווג.

דער בּן־זכר — בּנים זכרים (בּען־זאָכער — בּנים־זכרים)—יינגל.

● ער האָט קיין בּן־זכר נישט געהאַט, וואָס זאָל קדיש זאָגן (פּרץ). בּעט ער בּיי אים בּנים זכרים (פּרץ).

דער בן־זקונים (בן־זעקונים) אַ קינד, געבוירן אויף דער עלטער; מיזיניק.

דער בן־יחיד — בני־יחידים (בען־יאָכיד — בניי־יעכידים) איינציקער זון, איין־און־איינציקער.
● נישט גוט צו זיין אַ בן־יחיד, אַ ציטעריקער ביי טאַטע־מאַמע פון „זיבן איינער געבליבן" (ש"ע). איין איינציקן זון האָט דער אַלטער געהאַט, אַ בן־יחיד (מ. בורשטין).

בן־לילה (בין ליילע) — אין איין נאַכט, אין פאַרלויף פון איין נאַכט.
● ער איז בן־לילה גרוי געוואָרן.

דער בן־מלך — בני־מלכים (בען־מעלעך — בניי־מעלאָכים)—זון פון אַ קעניג, פרינץ.
● דער פאַרשאָלטענער בן־מלך גלייבט, אַז אין דער צוקונפט וועט ער אויסגעלייזט ווערן (ממ"ס).

דער בן־סורר ומורה (בען־סוירער אומוירע) — ווידערשפעניקער זון, שלעכטער זון.
● קיינער קאָן אים נישט ליידן! וויי איז מיר! אַ בן־סורר ומורה וועט פון אים אויסוואַקסן (נאָמבערג).

בן־סירא (בען סירע) — יידישער חכם און שפּרוך־דיכטער (אין דריטן יאָרהונדערט פ"ק).

דער בן־עיר — בני־עיר (בען־איר — בניי־איר) לאַנדסמאַן, מענטש פון דער זעלבער שטאָט.
● ער איז מיינער אַ בן־עיר, מיר זענען ביידע אין דער זעלבער שטאָט געבוירן און האָבן לאַנגע יאָרן דאָרט אין איינעם געלעבט.

בן־פקועה (בען־פעקוע) — זע: בן־בקועה.

בן־ציון (בענציען) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דער בן־קימא—בני־קימא (בען־קאַיאָמע — בניי־קאַיאָמע) — לעבנספעיקער, ז'ער (דאָס) וואָס האָט אַ באַשטאַנד.
● אונדזער שול איז שוין אַ בן־קימא און האָט גוטע אויסזיכטן זיך צו אַנטוויקלען.

דער בן־שבעים (בען־שיווים)—זיבעציקיאָריקער (מענטש).
● ער איז שוין אַ בן־שבעים, אַ ייד אַ זקן, פאַר וועמען אַלע האָבן דרך־ארץ (נאָמבערג).

דער בן־תורה — בני־תורה (בען־טוירע — בניי־טוירע) — קענער פון דער תורה, לערנער.

באמנות (בענעמאָנעס) — אויף דער וואָר, אויפן וואָרט.
● גלייב מיר באמנות, אַז אייער זון וועט ביי מיר זיין ווי אַן אייגענער (ש"ע).

בנוגע (בענויגייע) — וואָס עס באַטרעפט, וואָס באַלאַנגט.
● בנוגע צו זיין עלטערן זון האָט ער זיך שוין פאַרנאַרט אין זיינע האָפענונגען (א. קאָטיק).

בנוהג שבעולם (בענויהעג שעבאָאוילעם) — ווי עס פירט זיך אין דער וועלט, ווי עס איז דער שטייגער פון דער וועלט.
● דער בנוהג שבעולם איז, אַז עס שטאַרבט אַ גרויסער מענטש, באַקומט מען אים ליב און מען הייבט אָן נאָכזאָגן שבחים נאָך זיין בעט (ש"ע).

בנות־יעקב (בנוים־יאַנקעוו) — מ"צ

— טעכטער פון יעקב, יידישע טעכטער; נאָמען פון אַ יידישן אָרטאָדאָקסישן לערן־אַנשטאַלט פאַר מיידלעך.

בנות־ציון (בנויס־ציוין, בנויס־ציען) — מ"צ — טעכטער פון ציון; יידישע טעכטער.

● אויף אַלע בנות־ציון געזאָגט (פרץ).

„בני־אדם" (בניי־אָדאָם, בניי־אָדעם) — מ"צ — „מענטשן־קינדער". ערשטע ווערטער פון אַ תפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן ערב יום־כיפור ביי כפרות־שלאָגן.

● ער קוקט אַריין ווי אַ האָן אין בני־אדם (ער פאַרשטייט גאָרנישט—פאָלקסווערטל). אין „זוהר" האָבן זיי אַריינגעקוקט ווי אַ האָן אין בני־אדם (ממ"ס).

בני־נביאים (בניי־נעוויאים) — מ"צ —קינדער פון פּראָפעטן, פון זעער.

● זענען זיי דאָך בני־נביאים (אָפּאַטאָשו).

בני־עניים (בניי־אַניאים) — מ"צ — קינדער פון אָרעמע לייט; אָרעמע לייט.

● ווייסט מען דאָך, אַז פון די בני־עניים קומען אַרויס גרויסע מענטשן (מ. בורשטין).

בני־רחמנים (בניי־ראַכמאָנים)—מ"צ—דעבאַרעמדיקע, גוטהאַרציקע מענטשן.

● מען איז דאָך נישט קיין ווילדע „דזשיקאַנער", מיר זענען דאָך עפּעס בני־רחמנים (אָפּאַטאָשו).

בניחותא (בעניכוסע) — פּאַמעלעך, געלאַסן.

● געשמיסן האָט ער בניחותא, פּאַמעלעך, גאָר לאַנג (פרץ).

בנים (באָנים) — מ"צ — זין (איראָניש). זע: בן.

בנימין (ביניאָמען)—ביבל־פערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דער בנין—בנינים (ביניען־ביניאָנים) — געביידע.

● אונדזער שול־לאָקאַל געפינט זיך אין אַ פּרעכטיקן בנין.

בנמצא (בענימצע)—פאַראַן, אין דער ווירקלעכקייט.

● איז דאָך אַזאַ זאַך ווי „גליק" גאָרנישט בנמצא (זשיטלאָווסקי).

בנעימות (בענימעס) — (אַדווערביאַל) —שטילערהייט, געלאַסענערהייט, באַשיידן, אָנגענעם.

● ער טוט זיין זאַך בנעימות, אָן גערודער און טומל.

בנעימותדיק (בענימעסדיק) — (מערסטנס אַדיעקטיוויש) — געלאַסן, שטיל, אָנגענעם.

● איך האָב דורשטיק געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס מיין עלטערער חבר האָט אַזוי בנעימותדיק אַרויסגערעדט (ר. ברייני̇ן).

בנערינו ובזקנינו (בינאָריינו אוּווּיזקייניינו) — מ"צ — מיט אונדזערע יונגע און אַלטע, מיט קינד און קייט.

● איז געבליבן, מיר זאָלן זיך מטריח זיין צו אים אַלע, בנערינו ובזקנינו (ש"ע).

בנקיטת חפץ (בינקיטאַס כייפעץ) —האַלטנדיק אַ הייליקע זאַך (ביים שווערן).

● ער קאָן שווערן בנקיטת חפץ, אַז די שטעקשיך זענען זיינע (ש"ע).

בנשימה אחת (בינשימע־אכאַס) — אין איין אָטעם.

● האָב איך זיך אַגידערגעזעצט און אָנגעשריבן בנשימה אחת אַ לענגערן ענטפער אויף דער קריטיק (זשיטלאָווסקי)

בנשיקה (בינשיקע)—מיט (דורך) אַ קוש. שטאַרבן בנשיקה—שטאַרבן דורך אַ קוש פון גאָט, לויט דער רעליגיעז־מיסטישער פאָרשטעלונג.

● נאָך אַ פּאָר תעניתים—קרעכצט ער,— וואָלט ער שוין געשטאָרבן בנשיקה (פּרץ).

בסבר פנים יפות (בעסייווער פּאָנים יאָפוים)—מיט אַ פריינדלעך געזיכט, פריינדלעך, האַרציק.

● אַז מען קומט צו אים אין שטוב אַריין, נעמט ער צו איטלעכן בסבר פנים יפות, מיטן שענסטן כבוד (ש״ע).

בס״ה (בעס(ע)כאַקל)—זע: בסך־הכל.

בסוד (בעסאָד)—פאַרטרוילעך, געהיים.

● גייען חברטעס דריי קליינע און מען שמועסט בסוד (קוויטקאָ).

איך האָב אייך געוואָלט בעטן, ס׳זאָל דערווייל זיין בסוד (ש״ע).

בסוד־סודות בעסאָד־סוידעס) — גאַנץ פאַרטרוילעך, גאַנץ געהיים.

● אָבער קיינער טאָר פון דעם נישט וויסן, דאָס מוז זיין בסוד־סודות (ר. ברייגין).

בסך־הכל (בעסאַך־האַקל, בעס(ע)כאַקל) —אין גאַנצן, אין איינעם.

מיר פאַרמאָגן בסך־הכל צוויי הונדערט יידישע לערן־ביכלעך.

בסתר (בעסייסער)—פאַרבאָרגענערהייט, געהיים.

● מיסעס ריטש האָט אים בסתר צוריקגעגעבן די פּאָר סענט (אָפּאַטאָשו).

בע״ה (בעעזראַס האַשעם)—זע: בעזרת השם.

בעה״י (בעעזראַס האַשעם ייסבאָרעך)— זע: בעזרת השם יתברך.

בעוונותינו הרבים (באַווייגויסיינו האָראַבים) — צוליב אונדזערע גרויסע זינד.

● אַזוי ווי היינטיקע צייטן זענען בעוונותינו הרבים קיין סך ערלעכע יידן נישטאָ, קומט אים, דעם אליהו הנביא׳ נישט אויס אַזוי פיל אַרומצופליען (א. רייזען).

בעור חמץ (ביער כאָמעץ) זע: ביעור חמץ.

בעזרת השם (בעעזראַס האַשעם)— מיט גאָטס הילף.

● מיר וועלן בעזרת השם אַלצדינג איבערקומען (ממ״ס).

בעזרת השם יתברך (בעעזראַס האַשעם ייסבאָרעך)— מיט גאָטס הילף.

● קומען וועט מען צו אַ ציל בעזרת השם יתברך (א. שטיינבאַרג).

בעיני ראיתי (בעאייניי ראָאיסי) — מיט מיינע אויגן האָב איך געזען׳ איך האָב אַליין געזען.

● ער האָט דערציילט: בעיני ראיתי, ער האָט אַליין געזען, אַ וואָגן איז געפאָרן אָן פערד (פּרץ)

בעיקר (בעאיקער)— אין דער הויפּטזאַך, הויפּטזעכלעך.

● אין זאַמאָשטש איז די אומגאַנגשפּראַך פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג געווען בעיקר פּויליש (נ. מייזיל)

בעירום ובחוסר כּל (בעאיירעם אוווכויסער קאָל) — אין נאַקעטקייט און אין בלויזקייט, אין גרויס אָרעמקייט.

● ער פלעגט פאַנאַנדערטיילן זיין האָב און גוטס און אַרויסגיין בעירום ובחוסר כּל (זשיטלאָווסקי).

דער בעל (באַל)—אָפּגאָט; באַזיצער (פון...)

● די קעפּ געבויגן פאַר דעם נייעם בעל (ש. אַש)

דער בעל אכסניא—בעלי־אכסניות (באַל־אַכסאַניע — באַלע־אַכסאַניעס)—באַזיצער פון אַן איינפאָרהויז, אַכסניא־באַזיצער.

דער בעל בטוח—בעלי־בטוחים (באַלבעטועך — באַלעבעטוכים) — קרעדיטפעיקער, אַ מענטש אויף וועלכן מען קאָן זיך פאַרלאָזן.

● צו מיין טאַטן האָבן אַלע צוטרוי, ער איז דער גרעסטער בעל־בטוח אין שטאָט.

דער בעל־בטחון—בעלי־בטחון (באַלביטאָכן — באַלעביטאָכן) — מענטש מיט מוט, מיט גלויבן, מיט האָפענונג (צו גאָט), אָפּטימיסט.

● היינט דערבּיי בין איך דאָך עפּעס אַ ייד, אַ שטיקל בעל־בטחון (ממ"ס)

דער בעל־בית — בעל(י)־בתים (באַלבאָס—באַלבאַטים)—זע: בעל־הבית.

די בעל־ביתטע בעל־ביתטעס (באַלבאָסטע—באַלבאָסטעס) — זע: בעל־הביתטע.

דער בעל־בכי—בעלי־בכי (באַל־בעכי־באַלע־בעכי)—קלאָגמוטער, וויינער, אַ מענטש וואָס האָט ליב אַ סך צו וויינען.

● דער זיידע איז געווען אַ גרויסער בעל־בכי, דער זיידע פלעגט זיך אַזוי צעוויינען צו סליחות, אַז עס פלעגן אים ציטערן די פיס (י. קאָטיק).

דער בעל־ברית—בעלי־בריתן באַלבּריס—באַלעבריסן) — דער פאָטער פון אַניי־געבוירענעם ייִנגל. דער פאָטער, וועמענס ייִנגל מען ייִדישט לויטן רעליגיעזן ריטואַל.

דער בעל־בשר—בעל(י)־בשׂרס (באַלבאָסער—באַל(ע)באָסערס)—פליישיקער, באַלייבטער מענטש.

● אַ ייִד אַ בעל־בשר, אַ שווערער ייִד (ש"ע)

בעל־בתיש (באַלבאַטיש)—(אין קליינבירגערלעכן זין) פון אַ בעסערער פאַמיליע, אָרדענטלעך. זע: בעל־הבתיש.

● דאָס מעבל ביי זלאַטען אין שטוב איז געווען עפּעס נישט אַזוי בעל־בתיש, זייער אַלטפרענקיש און שטאַרק צעפאָרן (ש"ע)

בעל־בתישקייט (באַלבאַטישקייט) —ווירטשאַפט, שטובזאַכן; ווירטשאַפטלעכקייט, אָרדענטלעכקייט זע: בעל־הבתישקייט.

בעל־בתעווען (באַלבאַטעווען) — הערשן; זיך באַשעפטיקן, פירן ווירטשאַפט. זע: בעל־הבתעווען.

בעל־גאוה—בעלי־גאוות (באַל־גייווע—באַלגייוועס)—זע: בעל־גאווה.

בעל־גאווה—בעלי גאוות (באַל־גייווע — באַלגייוועס)—איבערגעטריבןשטאָלצער, גרויס־האַלטער, פאַרריסענער.

● יעדער בעל־גאווה איז אַ נאַר.

בּעל־גאווהניק—בּעלי־גאווהניקעס (בּאַלגייוועניק — בּאַלגייוועניקעס) — זע: בּעל־גאווה.

בּעל־גאווהניצע—בּעל־גאווהניצעס (בּאַלגייוועניצע — בּאַלגייוועניצעס)—אי־בּערגעטריבּן־שטאָלצע, פאַרריסענע, גרויסהאַלטערין.

דער בּעל־גוזמא—בּעלי־גוזמא(ות) (בּאַלגוזמע־בּאַלעגוזמע[ס])—איבּערטריי־בּער, מענטש וואָס האָט ליבּ איבּער־צוטרייבּן.

● די רויטע יידלעך זענען בּטבע שטאַר־קע בּעלי־גוזמא (ש״ע)

בּעל־גוף—בּעלי־גופים (בּאַלגוף־בּאַלעגופים) — רייכער דאָרפס־מענטש, קולאַק, אַ רייכער גראָבּער יונג.

● וואָס האָט זיך דער בּעל־גוף אָנגע־זעצט אויף מיר (ש. אש).

בּעל־דבר — בּעל־דברס (בּאַלדאָ־ווער—בּאלדאָווערס)—דער, וועגן וועמען מען רעדט, וועגן וועמען ס'האַנדלט זיך; בּעל־דין (פאַרקלאָגער אָדער פאַר־קלאָגטער), פאַראינטערעסירטער; טייוול, שטן (ז״ד)

● אַלע איבּעריקע בּאַטייליקטע אין דער שפּיל פלעגן דאַרפן ארויסזאָגן זייערע מיינונגען איבּער דעם בּעל־דבר (אל. צייטלין).

איך גיבּ דיר צייט צו האָבּן מיט דיין בּעל־דבר אַ דין־תּורה (י. קאָטיק).

דער בּעל דבר איז נישט ווערט די מי (פאָלקסווערטל לויט בּערנשטיין).

דער בּעל־דבּרן — בּעלי־דבּרנים (בּאַלדאַבּרען — בּאַל(ע)דאַבּראָנים) — רע־דער, רעדנער, דער וואָס קאָן אַ סך און שיין רעדן, געשליפן צינגל.

● איר דאַרפט וויסן, אַז קיין גרויסער בּעל־דבּרן אויף רוסיש בּין איך נישט (ש״ע).

דער בּעל־דין — בּעלי־דינים (בּאַלדין — בּאלעדינים) — דער וואָס שטייט אין פּראָצעס (פאַרקלאָגער אָדער פאַרקלאָגטער), דער וואָס מאָנט בּיי יענעם דורכן געריכט.

● אַז בּיידע בּעלי־דינים זענען גערעכט — איז שלעכט (פאָלקסווערטל לויט א. בּערנשטיין).

דער בּעל־דיקדוק (בּאַלדיקדעק)— זע: בּעל־דקדוק.

דער בּעל־דמיון—בּעלי־דמיונות (בּאַלדימיען — בּאַלעדימיוינעס) — פאַנ־טאַסט.

דער בּעל־דעה — בּעלי־דעות (בּאַלדייע—בּאַלעדייעס) — דעצידירנדי־קער, דער וואָס זיין וואָרט ווערט געהערט, דער וועמענס מיינונג דע־צידירט.

● קיין פרעמדע בּעלי־דעות דאַרפן מיר נישט (ש. אַש).

דער בּעל־דקדוק—בּעלי־דקדוק (בּאַל־דיקדעק—בּאַלע־דיקדעק)—גראַמאַ־טיקער, גראַמאַטיק־קענער (פון דער העבּרעישער שפּראַך).

דער בּעל־דרך־ארץ — בּעלי־דרך־ארץ (בּאַל־דערעך־ערעץ — בּאַלע־דערעך־ערעץ) — רעספּעקטפו־לער, העפלעכער.

● זיי זענען גרויסע בּעלי־דרך־ארץ (ש״ע).

דער בּעל־דרשן, בּעל־דרשער — בּעל־דרשערס (בּאַלדאַרשן, בּאַלדאַרשער—בּאַלדאַרשעס) — (רעלי־

גיעזער) רעדנער, וואַנדער־פּרעדיקער.

● כ׳בּין אַ רעדנער, אַ בּעל־דרשן אין דעם יידישן קוואַרטאַל (טונקעלער).

דער **בּעל־הבּית — בּעלי־בּתּים** (בּאַלעבּאָס—בּאַלעבּאַטים) — הויז־אייגנטימער,ווירט, אייגנטימער, הויזהער; האַר; בּירגער.

● עס איז גוט צו זיין אַ בּעל־הבּית, אַז עס איז דאָ מיט וואָס (פאָלקס־ווערטל לויט א. בּערנשטיין).

די **בּעל־הבּיתטע — בּעל־הבּית־טעס** (בּאַלעבּאָסטע — בּאַלעבּאָסטעס) אייגנטימערין, ווירטין, הויז־פרוי; פרוי.

● אַ שטוב אָן אַ בּעל־הבּיתטע איז ווי אַ וואָגן אָן רעדער (שפּריכוואָרט לויט א. בּערנשטיין).

בּעל־הבּתּיש (בּאַלעבּאַטיש) — זע: בּעל־בּתּיש.

די **בּעל־הבּתּישקייט** (בּאַלעבּאַטישקייט) — זע: בּעל־בּתּישקייט.

בּעל־הבּתעווען (בּאַלעבּאַטעווען) — זע: בּעל־בּתעווען.

דער **בּעל־הוצאה — בּעלי־הוצאות** (בּאַלהויצאָע—בּאַלעהויצאָעס) — אויסגעבּער. דער וואָס טראָגט די אויסגאַבּן; דער וואָס גיט אויס אַ סך געלט.

● ער דאַרף זיין אַ ווילדער בּעל־הוצאה (ש״ע).

דער **בּעל־הכנסת אורחים — בּעלי־הכנסת אורחים** (בּאַל־האַכנאָסעס אָרכים — בּאַלע־האַכנאָסעס אָרכים) — גאַסט־פריינדשאַפטלעכער, דער וואָס נעמט אויף געסט, דורכגייער, אורחים. זע אויך: מכניס אורח.

דער **בּעל־הלוואה — בּעלי־הלוואות** (בּאַלהאַלוואָע—בּאַלעהאַלוואָעס) — געלט־אויסבּאָרגער, געלט־אויסלייער, מלווה (ז״ד).

● טרעפט זיך זייער זעלטן, אַז אַ בּעל־הלוואה זאָל זיך זען צוריק מיט זיין געלט (ש״ע).

דער **בּעל־המציאה — בּעלי־המציאות** (בּאַלהאַמצאָע — בּאַלע־האַמצאָעס) — דערפינדער.

● די בּעלי־המציאות ווען נאָך כאַפּן אַמאָל די ווינטן און ווען זיי איינשפּאַנען צום וואַרשטאַט (פּרץ).

דער **בּעל־העזה — בּעל(י)־העזהס** (בּאַלהאָזע — בּאַלהאָזעס) — פרעכער. עזות־פּנים; (ז״ד); דרייסטער, מוטיקער.

● דערצו אַ בּעל־העזה מיט אַ בּאַרימער צוזאַמען ווי אַלע אויפגעקומענע עשירים (פּרץ).

ער וועט דאָרט גאָרנישט אויפטאָן, ער איז צו ווייניק בּעל־העזה.

בּעל־העזהניק — בּעל־העזהניקעס (בּאַלהאָזעניק—בּאַלהאָזעניקעס) — פרעכער, עזות־פּנים (ז״ד).

בּעל־זכּרון — בּעלי־זכּרון (בּאַל־זיקאָרן — בּאַלעזיקאָרן) — דער וואָס געדענקט גוט, מענטש מיט אַ גוטן זכּרון.

● ער איז געווען אַ גוואַלדיקער, בּעל־זכּרון מיט גרויסע פעיקייטן פאַר מאַטעמאַטיק (בּריינין).

בּעל־חוב — בּעל(י)־חובות (בּאַל־כויוו—בּאַלכויוועס) — דער, וואָס איז שולדיק געלט.

● גלייכער צו עסן בּרויט מיט וואַסער

און נישט זיין קיין בעל־חוב (פאָלקסווערטל).

בעל־חי — בעלי־חיים (באַלכיי—באַלעכאַיִם) — לעבעדיק באַשעפעניש.
● אין דער זאָאָלאָגיע לערנען מיר וועגן בעלי־חיים.

בעל־חלומות—בעלי־חלומות (באַלכאַלוימעס — באַלעכאַלוימעס) — טרוימער, פאַנטאַסט.
● דער בעל־חלומות קוקט אין די הימלען און זעט נישט, וואָס עס געפינט זיך פאַר דער נאָז (פאָלקסווערטל).

בעל־חסד—בעלי־חסדים (באַלכעסעד—באַלעכאַסאָדים) — וווילטעטיקער, דער וואָס טוט גוטס.
● — „האָסט נאָך אַזאַ בעל־חסד ווי איך צווישן די לעבעדיקע באַשעפענישן?”— האָט אַ בין געפרעגט דעם מענטשן (א. לעסינג—איבערגעזעצט אין יידיש י. לעווין).

דער **בעל־חשבון — בעלי־חשבונות** (באַלכעשבן — באַלעכעשבוינעס) — רעכענער, רעכן־מייסטער, מאַטעמאַטיקער.
● ער איז אַ גוטער בעל־חשבון, ער לייזט די שווערסטע אויפגאַבן.

די **בעל־חשבונטע — בעל־חשבונטעס** (באַלכעשבנטע — באַלכעשבנטעס) — רעכענערין, מאַטעמאַטיקערין.

דער **בעל־טאַקסע—בעל(י)־טאַקסעס** (באַלטאַקסע—באַל(ע)טאַקסעס)— פלייש־פאַכטער, אַ ייד וואָס האָט אין צאַרישן רוסלאַנד געפאַכטעט ביי דער רעגירונג דאָס כשרע פלייש.

דער **בעל־טובה—בעלי־טובות** (באַלטויווע — באַלעטויוועס) — וווילטעטיקער.
● פאַרלאָז זיך נישט אויף פרעמדע בעלי־טובות.

די **בעל־טובהניצע — בעל־טובהניצעס** (באַלטויוועניצע—באַלטויוועניצעס) — וווילטעטיקערין.

דער **בעל־טענה—בעלי־טענות** (באַלטייַנע — באַלעטייַנעס) — פאַרקלאָגער, אײַנקלאָגער, מאָנער. דער וואָס מאָנט דורכן געריכט.

דער **בעל־יאוש — בעלי־יאוש** (באַל־יעוש—באַלע־יעוש) — פאַרצווייפלטער, רעזיגניורנדיקער.

דער **בעל־יובל — בעלי־יובלס** (באַל־יויוול—באַלע־יויוולס) — יובילאַר.
● מיר האָבן באַגריסט דעם גרויסן בעל־יובל אברהם רייזין צו זיין זיבעציקסטן געבוירן־טאָג.

די **בעל־יובלטע — בעל־יובלטעס** (באַל־יויוולטע—באַל־יויוולטעס) — יובילאַרין.

דער **בעל־יועץ—בעלי־יועצים** (באַל־יויעץ — באַלע־יויעצים) — עצה־געבער, ראַטגעבער.
● דער גרעסטער בעל־יועץ איז ביי אים געווען זיין ווייב ביילע ראַשע, אין די אָוונטן פלעגט ער מיט איר אויסבערשמועסן אויג אויף אויג (י. קאָטיק).

די **בעל־יועצטע—בעל־יועצטעס** (באַל־יויעצטע—באַל־יויעצטעס) — ראַטגעבערין, עצה־געבערין.

דער **בעל־יחוס — בעלי־יחוס, בעלי־יחוסים** (באַל־ייכעס—באַלע־ייכעס, באַלע־ייכוסים)—דער וואָס

איז שטאָלץ אויף זיין אָפּשטאַם, דער וואָס האַלט זיך פאַר אַן איידלמאַן.
● ער זוכט נישט קיין בעל־יחוס (ש. אַש).

די **בעל־יחוסטע—בעל־יחוסטעס** (באַל־ייכעסטע—באַל־ייכעסטעס) — ווייבלעכע פאָרם פון בעל־יחוס.

דער **בעל־יסורים — בעלי־יסורים** (באַל־יעסורים—באַלע־יעסורים)—ליידנדיקער, דער וואָס ליידט ווייטיקן.

דער **בעל־כוח—בעלי־כוח, בעלי־כוחות** (באַלקויעך, באַלעקויעך, באַלעקויכעס) — שטאַרקער.

דער **בעל־כיס — בעלי־כיסים** (באַל־קיס — באַלע־קיסים) — רייכער מענטש, מענטש מיט אַ סך געלט, מיט אַ פולן בייטל געלט.

דער **בעל־כעסן — בעל־כעסנס** (באַלקייסן — באַלקייסנס) — היציקער, צאָרנדיקער, בייזער מענטש.
● איך בין אַ מענטש אַ היציקער און דערצו אַ כהן דערצו, און אַ כהן זאָגט מען איז אַ בעל־כעסן (ש"ע).

די **בעל־כעסנטע—בעל־כעסנטעס** (באַלקייסנטע—באַלקייסנטעס) — היציקע, צאָרנדיקע, בייזע (פרוי).

בעל־כרחך (באַלקאָרכעכאָ, באַלקאָרכאָך) — קעגן אייגענעם ווילן, איבער געוואַלד, איבער דאַנק.
● בעל־כרחך — אַזוי מוז עס זיין (ש. אַש).

בעל כרחך אתה חי (באַלקאָרכעכאָ אַטאָ כיי) — קעגן דיין ווילן לעבסטו.

דער **בעל־לשון — בעלי־לשונות** (באַללאָשן—באַלעלעשוינעס) — רעדנער; שפּראַכן־קענער.

דער **בעל־מגזם — בעל־מגזמס** (באַלמעגאַזעם—באַלמעגאַזעמס) — איבערטרייבנדיקער.
● ער איז אַ שטיקל בעל־מגזם, אָדער ווי מען רופט דאָס אין אַנדערע קאַנטן, ער איז... אַ ליגנער (ש"ע).

די **בעל־מגזמטע — בעל־מגזמטעס** (באַלמעגאַזעמטע — באַלמעגאַזעמטעס) — איבערטרייבנדיקע.

דער **בעל־מגיה בעל(י)־מגיהס** (באַלמאַגיע—באַל(ע)מעגיעס) — קאָרעקטאָר, דורכקוקער (פון אַ ווערק).

דער **בעל־מדקדק—בעלי־מדקדקים** (באַלמעדאַקדעק — באַלעמעדאַקדעקים) — גראַמאַטיקער (פון דער העברעישער שפּראַך).
● באַווייזן די אומבאַגרענעצטע ליבע, וואָס דער בעל־מדקדק האָט געפילט צו דער ביבל־שפּראַך (ברײנין).

דער **בעל־מום—בעלי־מומים** (באַל־מום — באַלע־מומים) — קאַליקע. מענטש מיט אַ קערפּערלעכן פעלער.
● דער גרעסטער בעל־מום איז אַ נאַר (שפּריכוואָרט).

דער **בעל־מוסר — בעלי־מוסר** (באַל־מוסער—באַלע־מוסער) — מאָראַליזאַטאָר, שטראָף־פּרעדיקער).

דער **בעל־מידה—בעלי־מידות** (באַלמידע — באַלעמידעס) — מענטש מיט גוטע אייגנשאַפטן, מיט אַ גוטן כאַראַקטער.
● ער איז געווען אַ גרויסער בעל־מידה, אַ זעלטענער ייד (י. קאָטיק).

דער **בעל־מופת — בעלי־מופתים** (באַלמויפעס — באַלעמאָפסים)—וווּנדער־טוער, דער וואָס באַווייזט וווּנדער.

● דו ביסט געוואָרן אַ בעל־מופֿת, טרייבסט גאָר דיבוקים אַרויס (אָפּאַטאָשו).

דער בעל־מזג טוב — בעלי־מזג טוב (באַלמעזעג־טאָוו — באַלעמעזעג־טאָוו) — מענטש מיט אַ גוטן כאַראַקטער, מיט אַ רואיקן טעמפּעראַמענט, מיט אַ גוטער נאַטור.

● אפשר קומט עס דערפֿון וואָס איציקל איז בטבע אַ בעל מזג טוב (פּרץ).

דער בעל־מחבר — בעלי־מחברים (באַלמעכאַבער—באַלעמעכאַברים) — אויטאָר, פֿאַרפֿאַסער.

דער בעל־מוח — בעלי־מוחות (באַלמויעך—באַל(ע)מויכעס)—זייער קלוגער, מענטש מיט אַ שאַרפֿן קאָפּ.

דער בעל־מחלוקת—בעלי־מחלוקת—בעלי־מחלוקתן (באַלמאַכלויקעס, באַלעמאַכלויקעס, באַלעמאַכלויקעסן) לאַנדס־קריגער, דער וואָס האָט ליב זיך צו קריגן.

דער בעל־מטופּל—בעלי־מטופּלים, בעל(י)־מטופּלס (באַלמעטופּל—באַלעמעטופּאָלים, באַלמעטופּלס) — דער וואָס האָט אַ סך קינדער, אַ גרויסע פֿאַמיליע.

דער בעל־מיחוש—בעלי־מיחושים, בעל(י)־מיחושן (באַלמייכעש—באַלעמייכושים, באַל(ע)מייכעשן) -- ליידנדיקער, שלאַפֿער, קראַנקער.

● אין דער בעל־מיחוש, דער שלאַפֿער (אנכי).

דער בעל־מלאכה—בעלי־מלאכות (באַלמעלוכע—באַל(ע)מעלוכעס) האַנדווערקער, פֿאַכמאַן.

● אַ בעל־מלאכה שטאַרבט נישט פֿאַר הונגער (שפּריכוואָרט לויט בערנשטיין).

דער בעל־מלחמה—בעלי־מלחמות (באַלמילכאָמע—באַלעמילכאָמעס) — קריגער, קריגסמאַן; זעלנער, סאָלדאַט.

דער בעל־מליצה — בעלי־מליצות (באַלמעליצע—באַלעמעליצעס) — פּראַזעאָלאָג; פּסעוודאָ־ביבלישער סטיליסט.

● אין דער העברעישער ליטעראַטור האָבן נאָך געוועלטיקט די בעלי־מליצות מיט זייער מבול ווערטער און געדאַנקען (ש. דובנאָוו).

דער בעל־מנגן—בעלי־מנגנים (באַלמענאַגן—באַלעמענאַגנים) —זינגער, חזן (ז״ד).

דער בעל־מפרנס—בעלי־מפרנסים (באַלמעפּאַרנעס—באַלעמעפּאַרנעסים) — שפּייזער, ברויט־געבער, פֿאַרזאָרגער, פּרנסה־געבער.

● אָט דאָס איז אונדזער ברויט־געבער זאָל געזונט זיין, דער איינציקער בעל־מפרנס אין דער גאַנצער משפּחה (ממ״ס).

דער בעל־מרה־שחורה—בעלי־מרה־שחורה (באַלמאָרעשכוירע — באַלעמאָרעשכוירע) — מעלאַנכאָליקער, שטאַרק־פֿאַרזאָרגטער און פֿאַרטראָגענער מענטש.

● אָט אַזוי ווי איר זעט, זענען זיי אַלע די קליינע מענטשעלעך נישט קיין בעלי־מרה־שחורה, קיין פֿאַרזאָרגטע בעל־ביתלען (ש״ע).

דער בעל־משפּחה—בעלי־משפּחות (באַלמישפּאָכע—באַלעמישפּאָכעס) — פֿאַמיליע־מענטש.

● אַזאַ בעל־משפּחה וואָלט שוין געוויס געמעגט זיין פֿאַרסטראַכירט (ש״ע).

דער בעל־נס—בעלי־נסים (באַל־נעס — באַלעניסים) — ווונדער־טוער.

● דער קבר פון ר' מאיר בעל־נס געפינט זיך אין ארץ־ישראל.

דער בעל־סוד — בעלי־סודות (באַל־סאָד—באַלע־סוידעס) — פאַרטרויטער, דער וועמען מען קאָן זיך פאַרטרויען.

דער בעל־נסיון—בעלי־נסיונות (באַלניסאָיען — באַלעניסיוינעס) — דער וואָס איז געפּרווט געוואָרן, וואָס איז בייגעשטאַנען אַ נסיון.

● נישטאָ אַזאַ חכם ווי דער בעל־נסיון (פֿאָלקס־ווערטל).

דער בעל־נצחון—בעלי־נצחונות (באַלניצאָכן — באַלעניצכוינעס) — זיגער; איינגעשפּאַרטער, וואָס וויל נישט אַנדערש ווי באַזיגן.

● אין דעם פאַך איז ער אַ גרויסער בעל־נצחון, טרעט נישט אָפּ (פּרץ).

בעל־עברהניק—בעלי־עברהניקעס (באַלאַוויירעניק—באַלעאַוויירעניקעס) — זינדיקער.

● ערשטנס האָבן זיי געטראָפֿן, אַז איך בין אַ ליטוואַק, צווייטנס אַז איך בין אַן אָרעמער בעל־עברהניק (ד. פּינסקי).

דער בעל־עגלה—בעלי־עגלות (באַלעגאָלע — באַלעגאָלעס, באַלאַגאָלע — באַלאַגאָלעס) — באַזיצער פון אַ פערד און וועגעלע, פורמאַן, שמײַסער.

● ווי דער בעל־עגלה וויל, אַזוי דרייט ער מיטן דישל (פֿאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

דער בעל־עצה — בעלי־עצות (באַל־אייצע—באַלע־אייצעס) — ראָטגעבער, עצה־געבער.

● קיין שוטה ווערט נישט קיין בעל־עצה (ממ"ס).

בעל־פה (בעאַלפּע, באַלפּע) — אויסנווייניק, מינדלעך.

● (ער) האָט געגעבן אַ לייג אָוועק אַ שמועס און דוקא בעל־פה (ש"ע).

דער בעל־פחדן—בעלי־פחדנים בעל־פחדנס (באַלפּאַכדן, באַלעפּאַכדאָנים, באַלפּאַכדנס) — שרעקעוודיקער.

● בטבע איז אונדזער בנימין געווען אַ ווילדער בעל־פחדן, ביי נאַכט פלעגט ער מורא האָבן צו גיין אויף דער גאַס (ממ"ס).

דער בעל־פקדון — בעלי־פקדונות (באַלפּיקאָדן—באַלעפּיקדוינעס) —דעפּאָזיטאָר. דער, ביי וועמען מען לייגט איין געלט אָדער זאַכן, דער וועמען מען פאַרטרויט געלט אָדער זאַכן צום היטן.

● אויב זיין ליבער נאָמען האָט פון היינט אָן אַ בעסערן בעל־פקדון פאַר זיין גאָלד (פּרץ).

דער בעל־פרנסה—בעלי־פרנסות (באַלפּאַרנאָסע—באַלעפּאַרנאָסעס) גוטער, שיינער פאַרדינער, דער וואָס פאַרדינט גוט אויף אויסהאַלטונג.

דער בעל־פשרן—בעלי־פשרנים (באַלפּאַשרן —באַלעפּאַשראָנים) —קאָמפּראָמיס־מאַכער; פאַרגלייכער.

● ער איז געווען שטענדיק דער בעל־פשרן צווישן צוויי יידן, וואָס זענען געווען אין קריג (י. קאָטיק).

דער בעל־צדקה — בעל(י)־צד־

קות (באַלצדאָקע — באַל(ע)צדאָקעס) —ווילטעטיקער, דער וואָס העלפט אָרעמע לייט, פילאַנטראָפּ.

● און דער גערעטעוועטער איז געווען אַ ייד אַ בעל־צדקה און האָט באַנ־טשען די טובה נישט פאַרגעסן (פּרץ).

די בעל־צדקהטע—בעל־צדקה־טעס (באַלצדאָקעטע—באַלצדאָקעטעס) — ווילטעטיקערין, די וואָס העלפט אָרעמעלייט.

דער בעל־צורה—בעל(י)־צורות (באַלצורע—באַל(ע)־צורעס) — שיינער מענטש, מענטש מיט אַ שיינער גע־שטאַלט.

דער בעל־קורא — בעל־קוראס (באַלקוירע — באַלקוירעס) — לייענער, פאָרלייענער, דער וואָס לייענט פאָר די תּורה אין בית־מדרש אָדער אין שול ביים דאַווענען.

דער בעל־רחמים — בעלי־רח־מים (באַלראַכמים — באַלעראַכמים) — באַרעמהאַרציקער, גוטהאַרציקער, דערבאַרעמדיקער.

● אָ, גרויסער בעל־רחמים! באַרעמהאַר־ציקער גאָט, דו האָסט אונדז געגעבן אַ הייליקן געבאָט (פליישמאַן). מענטשן, מענטשן, בעלי־רחמים! (ש. אַנסקי).

דער בעל־רחמנות—בעלי־רח־מנות (באַלראַכמאָנעס—באַלעראַכמאָ־נעס) — באַרעמהאַרציקער, גוטהאַרצי־קער, ווייכהאַרציקער.

● די וועלט זאָל וויסן, אַז ס'איז נאָך דאָ בעלי־רחמנות צווישן יידן (ממ"ס).

דער בעל־שכל — בעלי־שכל, בעל[ין]־שכלס (באַלסייכל—באַלע־סייכל, באַל[ע]סייכלס) — קלוגער, מענטש מיט פאַרשטאַנד.

די בעל־שכלטע — בעל־שכלטעס (באַלסייכלטע—באַלסייכלטעס) — קלוגע, די וואָס האָט פאַרשטאַנד.

דער בעל־שם—בעלי־שמות—בעל[ין]־שמס (באַלשעם, באַל[ע]שיימעס, באַ־ל[ע]שעמס)—ווערטלעך: באַזיצער פון גאָטס נאָמען, דער וואָס טוט וווּנדער מיט גאָטס נאָמען, גוטער ייד, צדיק. פאַרקירצטע באַצייכענונג פונעם בעל־שם־טוב (ז"ד).

בעל־שם־טוב (באַלשעם־טאָוו)—באַזיצער פונעם גוטן נאָמען (פון גאָט), דער גוטער בעל־שם. אַזוי האָט מען גערופן דעם באַגרינדער פון חסידיזם ישראל פון מעזביש אָדער מעדזשי־באָזש (1760—1699).

דער בעל־שמחה — בעלי־שמחות (באַלסימכע—באַלעסימכעס) — פייערנדי־קער, דער וואָס פייערט אַ פריידיק געשעעניש אין זיין לעבן, דער וואָס פייערט אַ שמחה (ז"ד).

● דער רבי איז געוואָרן אַ בעל־שמחה, ער מאַכט אַ ברית (ש. אַש)

די בעל־שמחהניצע — בעל־שמחהניצעס (באַלסימכעניצע—באַלסימכעניצעס) — ווייבלעכע פאָרם פון בעל־שמחה (ז"ד).

דער בעל־תּאווה — בעלי־תּאוות, בעל־תּאווה—בעלי־תּאוות (באַלטייווע — באַלעטייוועס) — אויסגע־לאַסענער, זינלעך גיריקער, גיריקער.

● הערט איר, דאַכט זיך מיר, אויף קלעפּ (איז) דאָס אייזל אַ בעל־תּאווה. (א. שטיינבאַרג).

דער בעל־תאווהניק—בעל־תאווה־ניקעס (באַלטייוועניק־באַלטייוועני־קעס)—זע: בעל־תאַווה.

די בעל־תאווהניצע—בעל־תאווה־ניצעס (באַלטייוועניצע־באַלטייווע־ניצעס) — אויסגעלאַסענע, (זינלעך) גיריקע.

דער בעל־תוקע—בעל־תוקעס (באַלטויקייע — באַלטויקייעס, באַל־טעקייע — באַלטעקייעס) — שופר־בלאָזער. זע: בעל־תקיעה.

דער בעל־תכלית — בעלי־תכליתים (באַל־טאַכלעס — באַלע־טאַכלייטים — דער וואָס זוכט צו ציען פון יעדער זאַך אַ פּראַקטישן נוצן, זייער אַ פּראַקטישער מענטש. דער וואָס זאָרגט פאַר זיין צוקונפט.

די בעל־תכליתניצע — בעל־תכליתניצעס (באַלטאַכלעסניצע באַלטאַכלעסניצעס) — ווייבלעכע פאָרם פון בעל־תכלית (ז״ד).

דער בעל־תפילה—בעל[י]־תפילות (באַלטפילע—באַל[ע]טפילעס) — חזן, דער וואָס דאַוונט פאַרן עמוד אין קלויז.

● אין מאַזעפּעווקע איז דאָ אַ בעל־תפילה, האָט ער אַ האַלדז, וואָס איז אַ חידוש (ש״ע).

דער בעל־תקיעה—בעל[י]־תקיעות (באַלטקיע — באַל[ע]טקיעס) — שופר־בלאָזער, (ראש־השנה ביי רע־ליגיעזע יידן).

דער בעל־תקיף — בעל[י]־תקיפים — (באַלטאַקעף — באַל[ע]־טאַקיפים) שטאַרקער, מעכטיקער, גירי־קער נאָך הערשאַפט, מאַכט־גיריקער.

● איז ער אָבער ביי זיך אַ בעל־תקיף און הערט קיינעם נישט.

דער בעל־תשובה — בעלי־תשובה — בעל[י]־תשובות (באַלטשוווע—באַלעטשוווע, באַל[ע]טשוּ־וועס) — אָפּקומענדיקער פאַר זינד, דער וואָס האָט חרטה אויף זיינע זינד, דער וואָס בעסערט אויס זיין לעבנס־וועג, לויט דעם רעליגיעזן באַגריף.

● מיר וועלן בעל[י]־תשובות גלייך ווערן און גאָט וועט אונדז זיכער דערהערן (א. רייזען). אַ בעל־תשובה אויף דער עלטער (פּרץ).

די בעל־תשובהטע — בעל־תשובהטעס (באַלטשוווטע — באַלטשוווטעס) — ווייבלעכע פאָרם פון בעל־תשובה (ז״ד).

דער בעלן — בעלנים (באַלן — באַלאָנים) — פאַראינטערעסירטער, ליבהאָבער; אָפּנעמער.

● ווי מיינט איר, איך בין נישט קיין בעלן געווען דורכלייענען דעם בוך. (ש״ע). איר זייט בעלנים אויף די דאָזיקע באַרן? (ש״ע).

דאָס בעלנות (באַלאָנעס) — פאַראינ־טערעסירטקייט, אינטערעס, גרייט־קייט (צו עפּעס).

די בעלנטע—בעלנטעס (באַלנטע—באַלנטעס) — פאַראינטערעסירטע, ליב־האָבערין; אָפּנעמערין.

בעצם (בעעצעם) — אייגנטלעך, אין גרונט, אין דער הויפּטזאַך.

● ער איז בעצם געדעכט (ה. צייטלין).

בעקר (בעאיקער) — זע בעיקר.

בערך (בעערעך) — אַרום, אומגעפער, ביי.

● יידן לעבן אין פּוילן בּערך טויזנט יאָר.

בּ ע ש " ט (בּעשט) — ערשטע אותיות פון בּעל־שם טוב (ז"ד).

בּ ע ת (בּעאַיס, בּייס) — אין דער צייט (פון).

● בּעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָט די יידישע יוגנט העלדיש געקעמפט קעגן די היטלעריסטן.

בּ ע ת - מ ע ש ה (בּעאייס־מייסע, בּייס־מייסע) — אין דער צייט ווען דאָס ווערט געטון, אין געגעבּענעם מאָמענט, גלייך דערבּיי.

● איך האָבּ בּעת מעשה אין גאַנצן געהאַט פאַרגעסן וועגן דעם, נאָר שפּעטער האָבּ איך זיך געכאַפּט. בּעת מעשה בּין איך נישט געווען אין שטאַט.

בּ ע ת ו (בּעאיטוי) — אין זיין צייט; אין דער ריכטיקער צייט.

● און אויף די פעלדער איז זיך שטענדיק דאָ בּעתו רעגן, טוי און שיין וועטער (ש. אַנסקי).

בּ פ ו ע ל (בּעפויעל, בּעפּויעל) — פּאַקטיש, קאָנקרעט.

● ווען דו וואָלסט מיר געוויזן בּפועל דיין גרויסקייט (מ"ס).

בּ פ ו ע ל מ מ ש (בּעפויעל [בּעפּויעל] מאַמעש) — פּאַקטיש, רעאַל, קאָנקרעט, אין דערווירקלעכקייט.

● ער האָט אונדז בּפועל ממש געהאָלפן בּייצוקומען די שלעכטע צייטן.

בּ פ י ר ו ש (בּעפּיירעש) — אויסדריקלעך, קלאָר, דייטלעך.

● מען קאָן זאָגן בּפירוש, אַז אסתר איז קיינמאָל קיין קינד נישט געווען (ש"ע). אין מיין פּאַספּאָרט שטייען אַפילו בּפירוש מיינע יאָרן (מ"ס).

בּ פ נ י ע ם ו ע ד ה (בּיפניי אַם ווע־איידע) פאַר אַלע אין די אויגן, עפנטלעך.

בּ פ נ י ק ה ל ו ע ד ה (בּיפניי קאָהאָל וועאיידע) — פאַר דער גאַנצער געמיינשאַפט, פאַר אַלע מענטשן אין די אויגן, עפנטלעך.

● בּפני קהל ועדה האָט ער געשלונגען בּרענענדיקע קוילן ווי פאַרפל (פּרץ).

בּ פ ר ה ס י א (בּעפרעסיע) — עפנטלעך, פאַר אַלע אין די אויגן, פראַנק און פריי.

● זיי וועלן דאָך אים בּפרהסיא מבזה זיין (מ. בּורשטין).

בּ פ ר ט (בּיפראַט) — ספּעציעל, בּאַזונדערס.

● מיר נויטיקן זיך אין לערן־בּיכער בּכלל און אין יידישע בּפרט.

בּ פ ר ו ט ר ו ט (בּיפראָטרעט) — מיט אַלע איינצלהייטן, אויספירלעך.

בּ פ ר ט י ו ת (בּיפראָטיעס) — אויספירלעך, מיט אַלע איינצלהייטן.

● זי האָט אַלצדינג דערציילט בּפרטיות, מיט אַלע איינצלהייטן.

בּ צ ב ו ר (בּעציבּער) — זע: בּציבּור.

בּ צ ו ר ת (בּעצוראַס, בּעצורעס) — אין געשטאַלט, אין פאָרם (פון).

● עס איז אַ בּעסטיע בּצורת מענטש (זשיטלאָווסקי).

בּ צ ו ר ת - א ד ם (בּעצוראַס־אָדעם) — אין געשטאַלט פון אַ מענטש.

בּ צ י ב ו ר (בּעציבּער) — אין געמיינשאַפט; מיט אַ מנין (ז"ד)

ב

● די פיזישע אַרבעט, אַ דורכגעפירטע בציבור אין אַ געמיינשאַפט מיט אַנ־דערע אַרבעטער, וואָס העלפן איינער דעם אַנדערן (זשיטלאָווסקי). ער דאַוונט בציבור.

בצימצום (בעצימצעם)—זע: בצמצום.

בצלאל (בעצאַלעל) — ביבל־פּערסאָנאַזש (דער בויער פון הייליקן צעלט אין דער מדבר), מיט וועמענס נאָמען עס איז אָנגערופן געוואָרן די קונסט־שול אין ירושלים; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

בצמצום (בעצימצעם) — (אַדווערביאַל)—קוים־קוים, קנאַפּ, באַשרענקט, אויסגערעכנט, באַשיידן.

בצמצומדיק (בעצימצעמדיק) — (מערסטנס אַדיעקטיוויש) — גאָר קנאַפּ, גאָר קאַרג, באַשרענקט.

● איז דאָס שרייבן דיינס געווען אַזוי בצמצומדיק (י. אָקרוטני).

בקבלה (בעקאַבאָלע) — לויט דער טראַדיציע; איבערגענומען פון עלטערן, פון זיידעס.

● די געשיכטע איז אין קיין שום ספר נישט געדרוקט, אין קיין קהלישן פּנקס נישט פאַרשריבן, איך האָב זי בקבלה און זי שטאַמט פון אַ גרויסן אָרט (פּרץ).

בקו־הבריאות (בעקאַוו־האַבריעס)—אין אַ גוטן געזונט־צושטאַנד, געזונט.

● ער איז אָבער נישט געווען בקו־הבריאות, עפּעס האָט אים אַ קעלט געיאָגט אַדורך די ביינער (פּרץ).

בקו החיים והשלום (בעקאַוו האַכאַיים וועהאַשאָלעם) — לעבעדיק און געזונט, מען לעבט און מען איז געזונט.

● וואָס זאָל איך דיר זאָגן? דאַנקען גאָט, בקו החיים והשלום (א. שטיינבאַרג).

בקול־רם (בעקויל[בעקאָל]־ראָם) — הויך, הילכיק, אויף אַ הויך קול, מיט אַ הויכער שטים.

● רעדט אַרויס בקול־רם אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן (מ. בורשטין).

בקולי־קולות (בעקוילע־קוילעס)— מיט הויכע געשרייען, מיט הויכע אויסגעשרייען.

● דאָרטן האָט מען דעם באַליבטן הומאָריסט באַגעגנט בקולי־קולות, מיט אָוואַציעס, (ש. דובנאָוו).

דער **בקור־חולים** (ביקער כוילים)— זע: ביקור־חולים.

דער **בקי(א)** — **בקיאים** (באָקע — בעקיאים) — קענער, ווילקענעוודיקער, געניטער, דערפאַרענער.

● ער איז אַ בקי(א) אין דעם דאָזיקן ענין (ממ"ס).

בקי(א) בשבע חכמות (באָקע בעשעווע כאָכמעס) — געניט אין אַלע זיבן וויסנשאַפטן (לויט דער אַמאָליקער איינטיילונג). זע: שבע חכמות.

● און דער אייגענער גאון איז אַ בקי(א) בשבע חכמות (פּרץ).

די **בקיאה** — **בקיאות** (בעקיע — בעקיעס) — קענערין, ווילקענעוודיקע, געניטע, דערפאַרענע.

דאָס **בקיאות** (בעקיעס) — קענערשאַפט, ווילקענעוודיקייט, געניטקייט, דערפאַרונג.

● וואָס פאַר אַ געזעלשאַפטלעכע פראַגע מען האָט נישט באַרירט, האָט פּרץ אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות (נ. מייזיל).

בקיצור (בעקיצער) — קורץ, אין קורצן, קורץ גערעדט.

● לאָמיר דערציילן בקיצור וועגן מיין איינציקער באַגעגעניש מיט פּרצן (נ. מייזיל). נו בקיצור, לאָז זיין אַזוי ווי איר ווילט (ש״ע).

בקירוב (בעקערעוו) — אַרום, נאָענט ביי, ביי (די).

● ער מוז האָבן בקירוב זיבעציק יאָר.

בקצור (בעקיצער) זע: בקיצור.

בק״ק (בעקאַק) — ערשטע אותיות פון די ווערטער: בקהילה קדושה (בעקעהילע קעדוישאָ) — אין דער הייליקער געמיינשאַפט, אין דער שטאָט.

● דער מחבר פון דעם „ווינטשפינגערל״ האָט געהאַט די זכיה געבוירן צו ווערן בק״ק קאַבצאַנסק (ממ״ס).

בקרוב (בעקאָרעוו) — אין גיכן, אין דער נאָענטער צייט.

● צי וועט איר אָבער זיין אין קיעוו טאַקע בקרוב (ש״ע).

די בקשה — בקשות (באַקאָשע — באַקאָשעס) אַ ביטע.

● איך האָב צו דיר אַ בקשה, נאָר זע, זאָג מיר נישט אָפּ (אָפּאַטאָשו).

בקשר (בעקעשער) — אין פאַרבינדונג, אין צוזאַמענהאַנג.

● בקשר דערמיט איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג.

בר-אורין (באַר-אורין) — לערנער.

● ער איז אַ בר-אורין און זייער אַן אָנגענומענער אין שטעטל (אנכי).

בר-בי-רב (באַרבעראַוו)—שולקינד.

● דאָס ווייסט דאָך יעדער בר-בי-רב.

דער בר-דעת — בר-דעתן (באַר-דאַאַס—באַרדאַאַסן) — פאַרשטענדיקער, מענטש מיט פאַרשטאַנד.

● ווי קאָן מען זיין אַ בר-דעת, ווי קאָן מען האָבן פאַרשטאַנד, ווען מען ווייסט נישט, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט (ר. בריינין). ער רעדט ווי אַ בר-דעת (א. שטיינבאַרג).

בר-כוכבא (באַרקאָכבע) — וואָרט-לעך: שטערן זון. אַזוי איז געוואָרן אָנגערופן שמעון בר כוזבא (שימען באַר-קוזבע) פון דער שטאָט כוזבא אין יהודה, אָנפירער פונעם לעצטן גרויסן אויפשטאַנד פון די יידן אין ארץ-ישראל קעגן די רוימער אין די יאָרן 132—135 נ״ק.

דער בר-מזל — בר-מזלס (באַר-מאַזל—באַרמאַזלס)—מזלדיקער מענטש, אַ מענטש וואָס דאָס גליק שפּילט אים צו.

דער בר-מינן—בר-מיננס (באַר-מינאַן—באַרמינאַנס באַרמענען — באַר-מענענס) — געשטאָרבענער (וואָס איז נאָך נישט באַגראָבן געוואָרן).

● דער בר-מינן איז געוואָרן איבערגע-פירט פון שפּיטאָל אויפן בית-עולם.

דער בר-מצוה—בר-מצוות, בר-מצווה — בר-מצוות (באַר-מיצווע—באַרמיצוועס) — יידיש ייִנגל, וואָס איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר און טראָגט, לויטן רעליגיעזן געזעץ, אַלע רעליגיעזע פליכטן.

די בר-מצוה — בר-מצוות, בר-מצווה—בר-מצוות (באַר-מיצווע - באַרמיצוועס) — רעליגיעזע פייערונג ביי יידן אין דרייצנטן גע-

בוירן יאָר פון אַ יינגל. לויט דעם רעליגיעזן געזעץ טראָגט דאָס ייִנגל פון דעם טאָג אָן אַלע רעליגיעזע פליכטן. אַנטשפּרעכנדיק בײַ קריסטן: קאָנפירמאַציע.

● צו בר־מצווה האָט ער קיין קלינגענדיקע דרשה נישט געזאָגט (פרץ).

בר־מצוה, בר־מצווה (באַר־מיצווע) ווערן — אַלט ווערן דרייצן יאָר (פון אַ יידיש ייִנגל גערעדט).

● דאָס איז געווען, ווען איך בין געגאַנגען בר־מצווה ווערן צו מיין דרייצנטן יאָר (ש. אַש).

דער **בר־נש — בר־נשן** (באַר־נאַש—באַרנאַשן) — מענטש, מענטשן־קינד, בן־אדם (ז"ד). דאָס וואָרט ווערט באַנוצט אָפט אין פאַראַכטלעכן זין.

● איר קענט נישט דעם דאָזיקן בר־נש, מיט אים באַדאַרף מען זיין פאָרזיכטיק.

דער **בר־סמכא — בר־סמכאס** (באַרסאַמכע—באַרסאַמכעס) — אויטאָריטעט, אַ מענטש אויף וועלכן מען קאָן זיך פאַרלאָזן (אין רעליגיעזן און וויסנשאַפטלעכן זין).

דער **בר־פלוגתא—בר־פלוגתאס** (באַרפלוגטע — באַרפלוגטעס) — שטרייטנדיקער, מיינונגס־קעגנער.

● ער איז מיין שטענדיקער בר־פלוגתא, ער באַקעמפט שטענדיק מיינע מיינונגען.

בראש (בעראָש) — אין שפּיץ.

● ער האָט זיך געפונען בראש פון די יידישע קולטור־טוער (מ. טורקאָוו).

בראשו ורובו (בערוישוי ווערובוי) — מיט לייב און לעבן.

● ער איז דאָך געווען בראשו ורובו אַריינגעטון אין לערנען.

בראשית (בערײשיס) — אין אָנהייב, אָנהייב; נאָמען פון ערשטן חומש־בוך.

● נאָכן קריג מוזן מיר אָנהייבן צו בויען פון בראשית.

ברב־עם (בעראָוו־אָם)—זע: ברוב־עם.

ברואים (ברואים) — מ"צ — באַשעפענישן (אין באַציונג צו מענטשן ווערט עס אָפט באַנוצט אין פאַראַכטלעכן זין). זע: בריאה.

● זייט נישט קיין ווילדע ברואים.

ברוב־עם (בעראָוו־אָם)—מיט (דורך) אַ סך מענטשן (אין איינעם).

● דער טאַלנער ניגון מוז געזונגען ווערן ברוב־עם (פרץ).

דער **ברוגז־ברוגזן** (ברויגעז — ברויגעזן) — צאָרן, צעקריגטקייט, דאָס זיך בייזערן.

● אייגנטלעך האָט ער שוין אַזאַ טבע געהאַט צו פירן ברוגזן: דאָ האָט ער געפירט אַ ברוגז מיטן ברודער, און דאָ — מיט דער שוועסטער (י. קאָטיק). ברוגזע לייט גייען אויף אַ זייט (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

ברוגז (ברויגעז) זיין — בייז זיין, צאָרנדיק זיין, צעקריגט זיין.

● הייסט עס טאַקע, אַז דו ביסט ברוגז און וואַרטסט, אַז איך זאָל דיך איבערבעטן (אָפּאַטאָשו).

דאָס **ברוגז־פנים** (ברויגעז־פּאָנעם) — בייז געזיכט.

● וואָס קוקסטו אויף מיר מיט אַזאַ ברוגז־פנים?

זיך **ברוגזן** (ברויגעזן)—זיך בייזערן.

ב

● אַז זי וויל זיך בּרוגזן — זאָל זי זיך בּרוגזן (ש. אַש).

בּרוח הקודש (בּערואַך האַקוידעש)— מיטן הייליקן גייסט, מיט געטלעכן גייסט פון נבואה (ז"ד).

● זעט אָבער דער ראש־ישיבה בּרוח הקודש, אַז דעם ייד איז נישט בּאַ־שערט קיין נחת פון קינדער (פּרץ).

בּרוך (בּאָרעך) — נאָמען פון אַ מאַנצ־בּיל.

„**בּרוך אתה**" (בּאָרוך אַטאָ) — „גע־לויבּט בּיסטו"—אָנהייבּ פון א בּרכה (ז"ד).

● „בּרוך אתה" זינגט דער טאַטע און ער צינדט די ליכט (א. רייזען).

בּרוך דיין אמת (בּאָרוך דאַיען עמעס) — געבּענטשט זאָל זיין דער גערעכטער ריכטער. אַ צושפּרוך, וואָס בּאַנוצן רעליגיעזע יידן, ווען זיי הערן, אַז אַ מענטש איז נאָר וואָס געשטאָרבּן.

בּרוך־הבּא — בּרוכים־הבּאים (בּאָרוך האַבּאָ — בּו[ע]רוכים האַבּאָ־אים) — זיי(ט) בּאַגריסט.

● בּרוך הבּא, בּרוך הבּא! לאַנג, מיין פריינד, דיך נישט געזען (אַנסקי). אונדזער ליבּן גאַסט אַ האַרציקן בּרוך הבּא!

דער **בּרוך־הבּא** (בּאָרכאַבּע, בּער־כאַבּע) — אין איראָנישן זין: אַ שלעכ־טע בּאַגריסונג, אַ זידל.

● אויף אַזאַ בּרוך־הבּא האָבּ איך זיך גאָרנישט געריכט.

בּרוך־הוא (בּאָרעך־הו, בּאָרוך־הו) — געלויבּט איז ער (גאָט), געלויבּט איז גאָט. אַ צושפּרוך, וואָס עס בּאַנוצן רעליגיעזע יידן בּיים דערמאָנען גאָטס נאָמען.

● די מאַמע זאָגט, אַז גאָט, בּרוך־הוא, האָט אויסגעהערט איר געבּעט (פּרץ).

בּרוך הנמצא (בּאָרוך האַנימצאָ) — ווערטלעך: געבּענטשט זאָל זיין דער, וואָס איז פאַראַן (אין שטוב), זיי(ט) בּאַגריסט, אָנוועזנדיקע(ר), אַן אַלטע פאָרמולע פון אַן ענטפער אויף דער בּאַגריסונג: בּרוך הבּא (ז"ד).

בּרוך השם (בּאָרוך האַשעם) — גע־לויבּט איז גאָט, געלויבּט צו גאָט, גאָט צו דאַנקען.

● אַבּי מען איז, בּרוך השם, געזונט (וואַרשאַווסקי), אַלצדינג איז בּיי מיר, בּרוך השם, אייגנס (ש"ע).

בּרוך השם יום יום (בּאָרוך האַשעם יוים יוים) — געבּענטשט זאָל זיין גאָט פאַר יעדן טאָג, דאַנקען גאָט פאַר יעדן טאָג.

● דערווייל נעם וואָס מען גיט דיר און זאָג: בּרוך השם יום־יום (פּרץ).

בּרוך שפּטרני (בּאָרוך שעפּאָטראַ־ני) — געבּענטשט זאָל זיין גאָט, וואָס האָט מיך בּאַפרייט.

● מאיר האָט אויפגעהויבּן בּיידע הענט צו גאָט און האָט געזאָגט: בּרוך שפּטרני, פאַרזאָגנדיק שוין אויף קינדס־קינדער מער קיין פאָרטעפּיאַן אין שטוּב נישט צו האַלטן (ש"ע).

בּרוכים היושבים (בּרוכים האַ־יוישווים) — געבּענטשט זאָלן זיין די זיצנדיקע (אַרום טיש), זייט בּאַגריסט, איר (אַרום טיש) זיצנדיקע; מיט אַ גוטן אַפּעטיט.

● — בּרוכים היושבים — קומט עסן — עסט געזונט! (ש"ע).

בּרומו של עולם (בּערומוי שעל

אוילאָם) — ווערטלעך: אין דער הויכ־קייט פון דער וועלט, אויפן ערשטן אָרט (לויט דער וויכטיקייט).

● די דיסקוסיעס האָבן זיך געדרייט אַרום פראַגן, וואָס זענען דאַן געשטאַנען ביי יידן ברומו של עולם (אל. צייטלין).

ב ר ו ר (באָרור) — קלאָר.

ב ר ו ר כ ש מ ש (באָרור קאַשעמעש) — קלאָר ווי די זון, קלאָר ווי דער טאָג.

● אין טאַלנע איז ברור כשמש, אַז א ניגון לעבט (פּרץ).

ב ר ו ר י ה (ברוריע) — נאָמען פון רבי מאירס (רעב מייערס) ווייב, וואָס איז געווען באַרימט מיט איר קלוגשאַפט, געלערנטקייט און העלדישקייט (אין צווייטן יאָרהונדערט נ״ק).

ב ר י ־ ל י (באָרי־לי) — איך בין זיכער, פאַר מיר איז עס זיכער.

● ברי לי — איז געלט (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

די ב ר י א ה (בריע) — באַשעפעניש, לעבעדיק ווען. זע: ברואים.

● בלי מיין פייגעלע, טייער בריאהלע איבער ימען וויט און ברייט (געבירטיג). מיך האָט פאַראינטערעסירט, וואָס איז דאָס פאַר אַ בריאה דער דאָזיקער ישראל לעווי (ש. דובנאָוו).

דער, די ב ר י ה ־ ב ר י ו ת (בעריע—בעריעס) — גערצאָטענע(ר), פעיקע(ר); גוטע בעל־הביתטע.

● ווי אסתר איז געווען אַ בריה אין קלייט, אַזוי האָט זי נאָך מער געטויגט אין שטוב (ש״ע).

די ב ר י ה נ פ ל א ה — ב ר י ו ת נ פ ל א ו ת (בעריע ניפלאָע—בעריעס ניפלאָעס) — ווונדערלעכע בריה, זייער גערצאָטענע(ר).

● געווען איז ער דער גאָלדשמיד אַ בריה נפלאה אין דער מלאכה, אַ געבענטשטע האַנט געהאַט (פּרץ).

זיך ב ר י ה ן (בעריען), פלינק, גערצאָטן טון.

● אַלע קליגן זיך, בריהן זיך מיטן מעסער און מיטן גאָפּל (ש״ע).

ב ר י ו ת (בריעס) — מ״צ — מענטשן

● געליטן פון בעלי־טאַקסע און פיינע בריות (מ. נאַדיר).

די ב ר י ר ה — ב ר י ר ו ת (ברײרע — ברײרעס) אויסוואַל, (אַנדערע) מעגלעכקייט, אַלטערנאַטיווע.

● אַ ברירה האָב איך? איך מוז עס טאָן. איך גיב אייך צוויי ברירות: אָדער איר זאָלט זען אויספירן דעם שידוך, אָדער איר זאָלט זיך זוכן אַן אַנדער שטאָט (י. קאָטיק). מיר לוינט בעסער, אַז איר זאָלט מיר שטעלן אַ פּרייז און די ברירה זאָל זיין ביי מיר (ש״ע).

ב ר י ש ־ ג ל י (בערייש־גאָליי) — געמיינט: עפנטלעך.

● רייכערן בריש־גלי אום שבת (פּרץ).

דער ב ר י ת — ב ר י ת ן (בריס—בריסן) — ווערטלעך: (הייליקער) בונד — אַ רעליגיעזע פייערונג ביי יידן צום אַכטן טאָג נאָכן געבוירן פון אַ יינגל, ווען מען יידישט אים לויט דער רעליגיעזער פּראָצעדור און מען גיט אים אַ נאָמען.

● אויף באָנטשעס ברית האָט מען קיין ווייַן נישט געטרונקען (פּרץ).

די ב ר י ת ־ ח ד ש ה (בריס־כאַדאָשע) —

נייער בונד (מיט גאָט), נייער טעס-טאַמענט, רעליגיעזע גרונט-ביכער פון דער קריסטלעכער קירכע.

ברית-מילה (בּריס-מילע) — זע: ברית.

די **ברכה — ברכות** (בּראָכע—בּראָכעס) — רעליגיעזע בענטשונג; בענטשונג, ווּנטש.

● איידער איטשע-מאיר האָט גענומען דעם ביסן אין זיין מויל, האָט ער געמאַכט אַ ברכה (ש. אַש). די זון שיקט אַלע איר ברכה, איר שיין (י. פיכמאַן). איך ווינטש איר און איר מאַן און אייך, טייערע עלטערן, די בעסטע ברכות (ממ״ס).

ברכה (בּראָכע) — נאָמען פון אַ פרוי.

די **ברכה לבטלה** (בּראָכע לעוואַטאָלע) — אַן אומזיסטע ברכה; אַרויסגעוואָרפן די אַרבעט, איבעריקע מי.

● מיין לעצט שטיקל אַרבעט איז געווען אומזיסט, אַ ברכה לבטלה.

ברכיה (בּראַכיע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

ברמז (בּערעמעז) מיט אַן אָנדייט, אין פאָרם פון אַן אָנדייט, אויפן ווינק.

● אַרויסגעזאָגט ווערט די דאָזיקע מיינונג נישט קלאָר, נאָר ברמז (ה. צייטלין).

בשגגה (בישאָגגע) — דורך אַ פאַרזען, אָן אַ בייזן מיין. קעגנזאַץ: במזיד.

בשוגג (בעשויגעג) — זע: בשגגה.

בשום אופן נישט (בעשום אויפן נישט) — אויף קיין שום פאַל נישט.

● מיר בלאָנדזשען און בלאָנדזשען און קאָנען נישט בשום אופן זיך אַרויסשלאָגן אויפן רעכטן וועג (ש״ע).

די **בשורה — בשורות** (בּסורע—בּסורעס, פּסורע — פּסורעס) — אָנזאָג, דאָס נייס.

● זיי זאָגן מיר אָן די פריילעכע בשורה פון דעם נייגעבוירענעם קעלבל (ז. פייערבערג).

די **בשורה טובה — בשורות טובות** — (בּסורע [פּסורע] טויווע—בּסורעס [פּסורעס] טויוועס) — גוטער אָנזאָג, גוט נייס.

● אַלע זענען גרייט אויפצונעמען די בשורות טובות (מ. בורשטין).

די **בשורה רעה — בשורות רעות** (בּסורע [פּסורע] ראָע—בּסורעס [פּסורעס] ראָעס) — שלעכטער אָנזאָג, שלעכט נייס.

בשותפות (בּעשוטפעס)—(אַדווערביאַל) — געמיינזאַם, אין איינעם, אויף געמיינזאַמע קאָסטן (אָדער פאַרדינסטן).

● דעם דאַך זאָל מען דעקן בשותפות, וועט קאָסטן אַ סך וועלוועלער (ש״ע). די יידן האָבן געלעבט, געהאַנדלט בשותפות (פּר״ץ).

בשותפותדיק (בּעשוטפעסדיק) — (מערסטנס אַדיעקטיוויש) — געמיינזאַם, אין איינעם.

● דער בוידעם מעג אויך זיין אַ בשותפותדיקער.

בשכנות (בּישכיינעס) — אין דער נאָענט, טיר ביי טיר, הויז ביי הויז. באַצייכענונג פון דער נאָענטקייט, אין וועלכער זאַכן געפינען זיך, אָדער מענטשן וווינען.

● בשכנות ווינען ברידער צוויי (י. שטיינבערג).

בשלום (בּעשאָלעם) — אין פרידן; גאַנצערהייט; רואיק, גליקלעך.

● מיר וועלן דאָס אויך איבערקומען בשלום (ש"ע).

בשלום ושלוה (בעשאָלעם ווע־שאַלווע) — אין פרידן און אין רו, אין פרידן און פריינטשאַפט.

● אַ סך הונדערטער יאָרן האָבן די פעלקער געלעבט מיט די רויטע יידלעך בשלום ושלוה (ש"ע).

בשלימות (בישליימעס) — פולקאָם, פולשטענדיק, אין גאַנצן.

● איטשע מאיר האָט געטון זיין אַרבעט בשלימות.

בשמים (בסאָמים, פסאָמים) — שמעקנדיקע געווירצן.

● עס שמעקן די בלומען אין גאָרטן ווי די פיינסטע בשמים.

בשמים־ביקסל, בשמים־פושקע. אַ ביקסל (אַ פושקע) אויף שמעקנדיקע געווירצן צו הבדלה (ז"ד).

● אויפן טיש פאַר דעם נגיד איז געשטאַנען אַ טייערע בשמים־ביקס, וואָס איז געווען אויסגעהאַמערט פון איין שטיק זילבער (ש. אַש).

בשן ועין (בעשען ווע־אַיען) — ווערטלעך: מיט איין צאָן און איין אויג געמיינט: מיט אַ (קלענערן) שאָדן.

● ער איז אָפּגעקומען בשן ועין (פאָלקסווערטל).

בשעת (בעשאַס) — אין דער צייט. זע: בעת.

בשעת הדחק (בעשאַס האַדכאַק) — אין אַ מאָמענט פון נויט, אין אַן ענגער, שלעכטער צייט.

בשעת הדחק שאני (בעשאַס האַדכאַק שאַאַני) — אין אַ מאָמענט פון נויט איז (עפּעס) אַנדערש, אין אַ שלעכטער צייט מעג מען.

● פאַרטראַכט זיך דער פּראָגער צדיק און זאָגט: מילא, בשעת הדחק שאני! (פּרץ).

בשעת מעשה (בעשאַס מייסע) — אין דער צייט, ווען דאָס איז געשען, אין דער זעלביקער צייט.

● און בשעת מעשה דערמאָן איך מיך, אַז אין בוזעם ליגט ביי מיר דאָס געלט (ש"ע). זיך געכאַפּט בשעת מעשה, אַז זיין געדאַנק איז צו וויית פאַרלאָפן (אָפּאַטאָשו).

בשעתו (בעשאַטוי) — אין זיין צייט.

● דאָס האָט בשעתו אויפגערודערט דאָס גאַנצע יידישע לייענער־פּובליקום (אל. צייטלין).

בשעתם (בעשאַטאָם) — אין זייער צייט.

● ער איז אויך געווען אַ קינד פון אַמאָל נגידישע עלטערן, וואָס האָבן בשעתם געהאַט אַן אייגענעם גרויסן מויער (זשיטלאָווסקי).

בשפע (בעשעפע) — רייך, איבערגענוג, אין איבערפלוס.

● דער ברודער האָט שטענדיק געהאַט פּרנסה בשפע (י. קאָטיק). עס איז דאָס לאַנד פון ברויט, פון פעטיקייט, פון פרוכט בשפע (י. אָקרוטני).

בשר (באָסער, באָסאָר) — פלייש

בשר ודגים (באָסאָר [באָסער] ווע־דאָגים) — פלייש און פיש.

● בשר ודגים איז אַן עונג שבת, — אין דער וואָכן איז עס אויך נישט שלעכט (שפּריכוואָרט לויט א. בערנשטיין).

דער בשר־ודם — בשר־ודמס

(באָסער-ווערדאָם — באָסער-ווערדאָמס) — „פלייש און בלוט“, מענטש, שטערבלעכער.

● פאָרט נישט קיין געוויינלעכער בשר-ודם, פאָרט אַ דיכטער (ש"ע). מיר פשוטע בשר-ודמס זענען דאָס נישט ביכולת צו מאַכן (א. קאָטיק).

בשתיקה (בישטיקע) — שווייגנדיק שטילערהייט, געהיים.

● שטיל אויף די שפיץ פינגער האָב איך בשתיקה מיך צוגעכאַפּט צום קעלבל (ממ"ס). די כאַפּער זענען געקומען אין אַ שטאָט בשתיקה, קיינער זאָל נישט וויסן (קאָטיק).

די בת — בנות (באַס — באָנעס) — טאָכטער.

די בת-גיל — בנות-גיל (באַס-גיל — בנויס-גיל) — מיידל (אָדער פרוי) פון זעלבן עלטער.

די בת-השמים (באַס-האַשאָמאַים) — הימלישע טאָכטער; נשמה; מוזע.

● די בת-השמים, זי גייט צוריק צו איר פאָטער אין הימל (ש. אַש).

די בת-זקונים — בנות-זקונים (באַס-זעקונים — בנויס-זעקונים) — יינגסטע טאָכטער, מיזינקע.

די „בת-טובים“ (באַס-טויווים) — טאָכטער פון גוטע עלטערן. באַצייכענונג פון שרה בת מרדכי פון סאַטאַנאָוו, פאַרפאַסערין פון ווייבערישע תחינות. (אָנהייב פון 19-טן י"ה.).

● זיסע תחינות פון בת-טובים (אַנסקי).

די בת-יחידה — בנות-יחידות (באַס-יעכידע — בנויס-יעכידעס) — איינציקע טאָכטער, איין-און-איינציקע.

● די מאַמע ציטערט איבער איר ווי איבער אַ בת-יחידה (ש"ע).

די בת-יחידקע — בת-יחידקעס (באַס-יעכידקע — באַס-יעכידקעס) — איינציקע טאָכטער, איין-און-איינציקע.

● אַ מיידל אַ בת-יחידקע, אַן אויג אין קאָפּ (ש"ע).

די בת-מלכה — בת-מלכהס (באַס-מאַלקע — באַס-מאַלקעס) — פרינצעסין, טאָכטער פון אַ קעניגין.

דאָס בת-קול (באַסקאָל) — שטים פון הימל, געטלעכע שטים.

● איך האָב געהערט אַ בת-קול, וואָס ברומט ווי אַ טויב (ביאַליק-ראַווניצקי). — „קאָן דאָס לעבן?“ — פרעגט אַ בת-קול (פרץ).

בת-שבע (באַסשעווע) — ביבל-פערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ פרוי.

די בתולה — בתולות (בסולע — בסולעס, פסולע — פסולעס) — מיידל.

● מיין עלטערע בתולה איז שוין אין די יאָרן (ממ"ס).

„בתופים ובמחולות“ (בעטופים אווימכוילעס) — ווערטלעך: „מיט פויקן און מיט טענץ, מיט גרויסן טומל.

● די לעקציע פלעגט שוין דעמאָלט דורכגיין „בתופים ובמחולות“ מיט געטומל און האַרמידער (אל. ציייטלין).

בתיה (באַסיע) — ביבל-פערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ פרוי.

בתים (באַטים) — מ"צ — שיידלעך צו תפילין (ז"ד).

● געלעבט האָבן דעמאָלט נאָך די אַלטע בעלי-בתים מיט מעשענע ברילן, מיט זילבערנע בתים (פרץ).

בּתּכלית-שׂנאה (בעטאַכלעס-סינע) — מיט פאַרבּיסענער פֿײַנטשאַפֿט.

● האָט לעווי בּתּכלית-שׂנאה פֿײַנט געהאַט דעם „זשאַרגאָן" (ש. דובנאָוו).

בּתּמימות (בּיטמימעס) — (אַדווערביאַל) — מיט נאַיִווקייט, נאַיִווערהייט, נאַיִוו.

● דו מוזט אוודאי הונגעריק זײַן — האָט סענדערל געענטפֿערט בּתּמימות (ממ"ס).

בּתּמימותדיק (בּיטמימעסדיק) — (מערסטנס אַדיעקטיוויש) — נאַיִוו.

● זיי גלייבּן בּתּמימותדיק, אַז אַלץ, וואָס עס איז געשריבּן, איז אמת.

בּתּנאַי (בּיטנאַי) — מיטן באַדינג.

● דערציילן וועל איך אײַך, נאָר בּתּנאַי, אַז צווישן אונדז, זאָל דאָס בּלייבּן (ש"ע).

בּתּשואות-חן (בּיטשועס-כיין) — פֿול מיט דאַנקבּאַרקייט, מיט אַ האַרציקן דאַנק; מיט ליבּהאַרציקייט.

● דערלאַנגט אים די אלמנה שונמית בּתּשואות-חן דאָס צווייטע בּרויטל (פּרץ).

די ג א ו ה, ג א ו ו ה (גייווע) — פוסטער שטאָלץ, פאַרריסנקייט.

● פאַרמאָגט האָט אונדזער יאַט די גאווה פון נאַראָנים (ש. ל. שמועל-סאָן).

ג א ו ו ה ד י ק (גייוועדיק)) — שטאָלץ, פאַרריסן.

די ג א ו ל ה (געולע) — אויסלייזונג, באַפרייונג.

דער ג א ו ן — ג א ו נ י ם (גאָען — גע-אוינים) — געניאַלער מענטש, גרויסער געלערנטער; טיטל פון אַמאָליקע יידישע געלערנטע (באַזונדערס אין דער צייט נאָכן תלמוד פון 6 טן ביזן 13-טן יאָרהונדערט נ"ק).
ר' אליהו דער ווילנער גאון (1720—1797) איז געווען דער גרעסטער קעגנער פון חסידיזם.

דאָס ג א ו נ ו ת (געאוינעס) — געניאַל-קייט, געניאַליטעט, גרויסע געלערנט-קייט.

ג א ו נ י - ה ד ו ר (געאוינײ-האַדאָר) — מ"צ — די געניאַלע מענטשן פון דער צייט, די גאונים פון דער גענעראַציע.

ג א ו נ י ש (געאויניש) — געניאַל.

● ער האָט אַ גאונישן קאָפּ.

דאָס ג א ו ת (גייעס) — זע: גאוה.

דאָס ג ב א ו ת (גאַבאָעס) — אַמט, פונקציע פון אַ גבאי (ז"ד).

דער ג ב א י — ג ב א י ם (גאַבע — גאַבאָים) — פאָרשטייער (סעקרעטאַר און קאַסירער) פון אַ רעליגיעזער אינסטיטוציע; סעקרעטאַר פון אַ חסי-דישן רבין.

● מיט אים זענען געקומען אַלע גבאים פאַרזערן די קינדער. (ממ"ס).

די ג ב א י ט ע — ג ב א י ט ע ס (גאַ-בעטע — גאַבעטעס) — פרוי פון אַ גבאי; פאָרשטייערין פון אַ רעליגיע-זער פילאַנטראָפישער אינסטיטוציע.

● אָט גייט זי די גבאיטע מיט דער פאַטשיילע (ש"ע). פושקע-גבאיטע — יידענע, וואָס זאַמלט געלט פאַר אָרעמע לייט; רעשערין, טומלערין.

דער ג ב ו ל — ג ב ו ל י ם (ג[ע]וואול — ג[ע]וואולים) — גרענעץ (אין איבער-געטראָגענעם זין).

● זיין עשירות האָט גאָרנישט קיין גבול און קיין גרענעץ (ממ"ס).

דער ג ב ו ר — ג ב ו ר י ם (גיבער — גי-בוירים) — זע: גיבור.

די ג ב ו ר ה — ג ב ו ר ו ת (געוווירע — געוווירעס) — העלדישקייט; קראַפט, שטאַרקייט.

● און ווו געפאַלן איז אַ שפּראָץ פון אונדזער בלוט, שפּראָצן וועט דאָרט אונדזער גבורה, אונדזער מוט (ה. גליק).

דער גביר — גבירים (געוויר — געווירים) — רייכער, זייער פֿאַרמעגלעכער מענטש.

דער גביר־אדיר — גבירים־אדירים (געוויר־אַדיר — געווירים־אַדירים) — זייער רייכער מענטש, גרויסער גביר.

די גבירה — גבירות (געווירע — געווירעס) — זע: גבירטע.

די גבירטע — גבירטעס (געווירטע — געווירטעס) — רייכע פֿרוי.

● ביז מאָרגן מוז פֿאַרטיק שוין זיין דער גבירטעס טעכטערלס שיך (א. רייזען).

די גבירנטע — גבירנטעס (געווירנטע — געווירנטעס)—זע: גבירטע.

די גבית־עדות—גביות־עדותן (ג(ע)וויעס־איידעס—ג(ע)וויעס־איידעסן)— צייגנשאַפֿט, דאָס אָפּגעבן צייגנשאַפֿט; דאָס אויסהערן דעם, וואָס האָט געזען אָדער געהערט.

● די היסטאָרישע קאָמיסיע האָט אָפּגענומען ביי מיר אַ גבית־עדות וועגן דעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט און געזען אין דייטשן לאַגער.

דער גבר (געווער, ג(ע)וואַר) — שטאַרקער.

● אויפֿן קוק דאַכט זיך, עפּעס נישט אַזאַ גבר, ווייט פֿון אַ שמשון הגבור. (ש״ע).

דער גבר־אלים (געווער־אַלים, ג(ע)וואַר־אַלים) — גאָר אַ שטאַרקער; מעכטיקער, תּקיף. (ז״ד).

גבריאל (גאַוורי(ע)ל) — נאָמען פֿון אַ מאַנצביל.

דער גדול — גדולים (גאָדל — גדוילים) — גרויסער מענטש (אין גייסטיקן זין), באַרימטע פּערזענלעכקייט.

דער גדול־הדור—גדולי־הדור (גאָדל־האַדאָר — גדוילייי־האַדאָר) — באַרימטע פּערזענלעכקייט פֿון דער צייט, פֿון דער עפּאָכע.

● געמיינט האָבן מיר, אַז די דאָזיקע לייט זענען ווער ווייסט ווער — חשובֿע מענטשן, גדולי־הדור (ממ״ס).

גדולדיק (גאָדלדיק)—גרויס; שטאָלץ, פֿאַרריסן.

● אַזוי גדולדיק איז מען ביי זיך (ש״ע).

די גדולה — גדולות (געדולע — געדולעס) — גרויסע פֿרייד.

● אָרעמע, נאָר פֿריילעכע, ס'איז שווער צו זאָגן, וואָס איז אייגנטלעך מיט זיי די גדולה (ש״ע). דריקט די מאַמע אים צום האַרצן: בערעלע, מיין גדולה (ז. וויינפּער).

דאָס גדלות (גאַדלעס) — גרויסקייט, שטאָלצקייט, פֿאַרריסנקייט, גרויס־האַלטונג.

● מיט שטאָלץ און מיט גדלות בין איך געגאַנגען איבער דער גאַס (א. קאָטיק). גדלות ליגט אויפֿן מיסט (פֿאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

גדלותדיק (גאַדלעסדיק) — שטאָלץ, פֿאַרריסן.

● גייט גדלותדיק, דעם קאָפּ פֿאַרריסן ווי אַן אָפּערע־זינגער ((אָפּאַטאָשו).

גדליהו, גדליה (געדאַליאָהו, געדאַליע) — ביבל־פּערסאָנאַזש; נאָמען פֿון אַ מאַנצביל.

דער גדלן — גדלנים—(גאַדלען — גאַדלאָנים) פּאַרריסענער, שטאָלצער מענטש.
● די רויטע יידלעך זענען טאַקע גרויסע גדלנים, האָנאָריסטע לייט (ש״ע).

גדלנות (גאַדלאָנעס)—גרויסהאַלטעריי.
● אין זיין שרייבן האָט מען געזען גדלנות (א. ביק).

די גדלנטע — גדלנטעס (גאַדלענטע — גאַדלענטעס) — פּאַרריסענע, שטאָלצע.

דער גואל — גואלים (גויעל — גויאָלים) — אויסלייזער, באַפרייער; פריינט, קרוב (ז״ד).
● איך בין נישט דיין טאַטע, נישט דיין גואל. (ש. אַש).

דער גדר — גדרים (געדער — געדאָרים) — צוים; פּלויט, פּאַרקן (באַזונדערס פון אַ בית-עולם).
● עס ווילט זיך אַ מאָל פון גדר אַרויסשפרינגען (א, רייזען). ביי אַ פּאַרוואַרפענעם גדר, ווו צוויי ברעטער זענען געווען אָפּגעריסן (אָפּאַטאָשו).

גובר (גויווער) זיין — איבערוועלטיקן, באַזיגן, באַהערשן.
● ער קאָן נישט גובר זיין דעם שלאָף, ער קאָן נישט געוועלטיקן אויף זיך. (ש״ע).

גוג-ומגוג (גויג-אומאָגויג, גאָג-מעגאָג). דער פירשט גוג און זיין פאָלק פון ריזן מיטן נאָמען מגוג, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער ביבל.
● נאָך דער מלחמה פון גוג-ומגוג וועט משיח קומען (ש. אַש). גרויס ווי גוג-ומגוג (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

די גוזמא — גוזמאות (גוזמע — גוזמאָעס) — איבערטרייבונג, פּאַנטאַסטישע זאַך; גרויסע צאָל.
● דאָס איז נישט קיין איבערטרייבונג, קיין גוזמא-זאַך (ש״ע). האָט בערע דער שוסטער ליב צו דערציילן גוזמאות, אויסטראַכטן זאַכן, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן (ש״ע). ס'איז נאָך ביי מיר היינט אויך פּאַראַן אַ גוזמא ביכער, אַ גאַנצע ביבליאָטעק (ש״ע).

גוזמאדיק (גוזמעדיק) — איבערגעטריבן.
● ערטערווייז אַ ביסל צו פיל גוזמאדיק, איבערגעכאַפּט די מאָס.

גוזר (גויזער) זיין — באַפעלן; פּאַראורטיילן.
● און אַז גאָט — דערציילט דער רבי — קלויבט אויס אַ נשמה און איז גוזר אויף איר, אַז זי זאָל אַראָפּגיין אויף דער זינדיקער ערד, ציטערט זי און וויינט (פרץ).

גוזר תענית (גויזער טאָנעס) זיין — אויסרופן אַ תענית (פאַסט-טאָג), באַפעלן צו פאַסטן (ביי רעליגיעזע יידן).

דער גוי — גויים (גוי — גויאים) — ווערטלעך: פאָלק. שאָוויניסטישע באַצייכענונג פון אַ נישט-ייד.

דער גולם — גולמות (גוילעם — גוילעמעס) — מענטש אָן אַן אייגענעם ווילן, אידיאָט, אומגעלומפּערטער מענטש; מענטש געמאַכט פון ליים. לויט דער לעגענדע האָט דער מהר״ל (ר' לייב פון פּראָג) אין 17-טן יאָרהונדערט באַשאַפן פון ליים אַ גולם.
● אַז מען רעדט צו דיר שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם און ענטפערסט

נישט קיין וואָרט (ממ״ס). איך שרעק זיך פאַר די קלאַפּנדיקע גולמות (פּרץ).

גומל (גוימל) בענטשן — אַ לויב צו גאָט, וואָס אַ רעליגיעזער ייד זאָגט, ווען ער ווערט געראַטעוועט פון אַ געפאַר.

● מיר האָבן געבענטשט גומל, וואָס מיר זענען אָפּגעקומען מיט דער ציג און מיטן פערד (ממ״ס).

דער **גוסס** (גויסעס) — אָפּשטאַרבנדי־קער, אַ מענטש וואָס געפינט זיך אין אַגאָניע.

● און רויטאַרמייער — גוטע זין פון מיין מדינה—אין שניי מיך אַ גוסס געפונען (פיניבערג).

גוסן, גוססן (גויסן — גויסעסן) — אויסגיין, אָפּשטאַרבן, זיך געפינען אין אַגאָניע.

● ער האָט געשוויגן ביים גוססן, ער האָט געשוויגן ביים שטאַרבן (פּרץ).

דער **גוף — גופים** (גוף — גופים) — קערפּער, לייב.

● אַז דער מאָגן איז זאַט, איז דער גאַנצער גוף לוסטיק (שפּריכוואָרט לויט א. בערנשטיין).

גופא (גופע) — אַליין.

● ערגער פון אַלץ איז דאָס געווען פאַר די קינדער גופא (ש״ע).

דער **גורל — גורלות** (גוירל — גויראָלעס, גוירלס) — דאָס באַשערטע; שיקזאַל; לאָטעריע־צעטל, לאָס.

● [ער] איז שטענדיק געווען טריי און איבערגעגעבן דער מיסיע, וואָס דער גורל האָט אויף אים אַרויפגעלייגט (מ. טורקאָוו). דער גורל איז געפאַלן אויף מיר.

גורל (גוירל) ציען, וואַרפן — אויס־פלעטן, לאָסעווען; ציען צעטלעך, וואַרפן שטיינדלעך, ביינדלעך אדג״ל, בכדי צו דערגיין אַ פאַרבאָרגענע זאַך אָדער די צוקונפט, לויטן אַבערגלוי־בישן מיין.

● און געזאָגט און געטון: מען ציט גורל אַרויס (מייטין). מיר ווען גורל וואַרפן, אויף וועמען די שטיינער וועלן ווייזן, יענעמס גליק (ש. אַש).

גורם (גוירעם) זיין — פאַראורזאַכן.

● די פאַרפלייצונג האָט גורם געווען גרויסע שאָדנס.

גורס (גוירעס) זיין — באַנעמען, לער־נען, באַגרייפן.

● קיין קורצע לידלעך מיט קורצע שורהלעך האָט ער נישט גורס געווען.

גושן (גוישן) — אַ טייל פון מצרים (עגיפּטן), ווו די יידן האָבן געוווינט, לויט דער ביבלישער באַשרייבונג.

● פינצטער איז אין אונדזער גושן (פּרץ). ער קוקט קיין גושן (ער שילט מיט אַן אויג, ער קוקט קרום מיט אַן אויג — פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

די **גזילה — גזילות** (גזיילע — גזיילעס) זע: גזלה.

די **גזירה — גזירות** (גזיירע — גזיירעס) — (שווערע) פאַראָרדענונג; יידן־פיינטלעכע פאַראָרדענונג, יידן־פיינטלעך געזעץ, פאַרפאָלגונגס־געזעץ.

● ס'איז דעמלט אַרויס אַ גזירה: נישט צולאָזן יידישע קינדער צו עקזאַמענס (א. קאָטיק).

די **גזירת ת״ח** (גזייראַס טאַך) — די פאַרפאָלגונגען קעגן יידן אין או־

קראַינע אין יאָר 408(5) לויט דער אַלטער יידישער צייטרעכענונג (אין יאָר 1648 נ"ק).

די ג ז י ר ת ת" ח ו ת" ט (גזייראַס טאַך וועטאַט) — די פאַרפאָלגונגען קעגן יידן אין אוקראַינע אין די יאָרן 408(5) — 409(5) לויט דער אַלטער יידישער צייטרעכענונג (1648—1649 נ"ק).

דער ג ז ל ן — ג ז ל נ י ם (גאַזלען — גאַזלאָנים) — רויבער, באַנדיט.
● גזלנים זענען אַ גביר באַפאַלן, גזלנים מיט מאַסקעס אויף די פנימער (פּרץ). מען באַדאַרף האָבן אַ האַרץ פון אַ גזלן (ממ"ס).

דאָס ג ז ל נ ו ת (גאַזלאָנעס) רויבעריי, באַנדיטיזם.

ג ז ל נ י ש (גאַזלאָניש) — רויבעריש, באַנדיטיש.
● ער האָט אַראָפגעלאָזט די פייערדיקע גזלנישע אויגן זיינע (ש"ע).

ג ז ל נ ע ן (גאַזלענען) — רויבן.
● ער האָט מיך אין גאַנצן באַגזלט.

דער ג ז ר (גזאַר) — אורטייל ; אומגליק.
● אַ נאַר איז אַ גזר (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

דער ג ז ר - ד י ן (גזאַר-דין) — האַרבער אורטייל, שווערע גזירה ; גרויס אומגליק.
● דער גזר-דין איז שוין אונטערגעשריבן (ש. אַש). אוי אַ גזר-דין, אַ גרויס אומגליק האָט אונדז געטראָפן (ממ"ס).

דער ג ז ר מ ן ה ש מ י ם (גזאַר מין האַשאָמאַים) — אורטייל פון הימל, הימלישער באַפעל, הימלישע שטראָף.
● און אַז עס איז אַ גזר מן השמים, דאַרף מען דאָס אַזוי ברענגען און פלאַקערן? (ש. אַנסקי).

די ג ז ר ה — ג ז ר ו ת (גזיירע — גזיירעס) — זע : גזירה.

די ג ז ר ת ת" ח (גזייראַס טאַך) — זע : גזירת ת"ח.

דער ג ט — ג ט י ן (געט — געטן) — צעשיידונג ; יידישער רעליגיעזער צעשיידונג-דאָקומענט, וואָס אַ מאַן גיט זיין פרוי, ווען זיי צעגייען זיך. באַצייכנט אָפּטמאָל אַן אָפּזאָג פון מיטאַרבעט, דאָס זיך אָנברוגזן.
● אַ בייזע שוויגער טרייבט צום גט (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין). אַז מען זאָגט אים אַ שלעכט וואָרט, ווערט ער באַלד אָנגעצונדן, וואַרפט דעם גט פאַר די פיס און וויל נישט מער מיטאַרבעטן.

ג ט ן (געטן) — צעשיידן (אַ פרוי פון אַ מאַן).

זיך ג ט ן (געטן) — זיך צעשיידן, זיך צעגיין (גערעדט וועגן מאַן און פרוי).

דער ג י ב ו ר — ג י ב ו ר י ם (גיבער — גיבוירים) — העלד.
● וואָס זאָגט מען אויף דעם גיבור? ווי עס ציטערט אויף אים די הויט (א. שטיינבאַרג).

דער ג י ד ו ל - ב נ י ם (גידל-באָנים) — קינדער-דערציונג.
● שווער איז זער צער פון גידול-בנים — ערגער איז נאָך אָן אים (א. שטיינבאַרג).

דער, דאָס ג י ה נ ו ם, ג י ה נ ם (גע-

נעם) — פייניקונגס־אָרט, שרעקלעך
אָרט, אָרט ווו מען פייניקט זינדיקע
נאָכן טויט, לויט דער רעליגיעזער
פאַרשטעלונג.
● בעסער מיט אַ קלוגן אין גיהנום,
איידער מיט אַ נאַר אין גן־עדן.
שפּריכוואָרט לויט א. בערנשטיין).

דער גילגול—גילגולים (גילגל—
גילגולים) — זע: גלגול.

די גימל (גימל) — דאָס דריטע אות
(ג) פונעם אלף־בית.

דער גירוש—גירושים (גיירעש—
גיירושים) — פאַרטרייבונג פון אַ
שטאַט, פון אַ לאַנד.
● דער גירוש־שפּאַניע איז פאָרגעקומען
אין יאָר 1492.

די גירסא דינקותא (גירסע דע־
יאַנקוסע) — זע: גרסא דינקותא.

דער גל של עצמות (גאַל שעל
אַצאָמעס) — בערגל ביינער.
● איז פון אים, פון זיידן אַנשל, שיר
נישט געוואָרן אַ גל של עצמות (ש״ע).

דער גלגול — גלגולים (גילגל —
גילגולים) — וואַנדלונג, וואָגלונג פון
נשמה; פאַרוואָגלטע נשמה, וואָס
גייט אַריין נאָכן טויט פון איר בעל־
הבית אין אַן אַנדערן קערפּער פון אַ
מענטש אָדער אין אַן אַנדער לעבע־
דיק באַשעפעניש, לויט דער רעלי־
גיעז־מיסטישער פאַרשטעלונג.

דער גלגל — גלגלים (גאַלגל —
גאַלגאַלים) — ראָד; הימלישער קער־
פּער.
● דערציילט פונעם הימל מיט דער זון,
מיט דער לבנה, מיט די שטערן און
מיט די אַלע איבעריקע גלגלים (ש״ע).

גלגל חוזר בעולם (גאַלגל כוי־
זער באָאוילעם) — דאָס ראָד דרייט
זיך אויף דער וועלט, דאָס רעדל
דרייט זיך.
● איז דאָך אָבער גלגל חוזר בעולם
און אַז מען קען העכער נישט
שטייגן, הייבט מען אָן פאַלן (פּרץ).

דער גלוח — גלוחים (געלועך —
געלוכים) — געגאָלטער, ראַזירטער,
ייד אָן אַ באָרד.

דאָס גלות (גאָלעס) — דיאַספּאָרע;
צעשטרייונג, צעשפּרייטונג אין דער
פרעמד; עקזיל; דאָס פאַרטרייבן אין
אַ פרעמד לאַנד, אין אַ פרעמד אָרט;
דאָס וואַנדער־לעבן.
● גייט יידן אין גלות, איר וועט נישט
פאַלן (גאָלדפאַדן). לאַנג ווי דאָס
יידישע גלות (פאָלקסווערטל לויט א.
בערנשטיין).

גלות (גאָלעס) אָפּריכטן — וואַנדערן,
וואָגלען איבער דער וועלט, פירן אַ
וואַנדער־לעבן.
● זיי האָבן זיך געוואָלגערט ביי פרעמ־
דע טישן, אָפּגעריכט גלות (אָפּאַ־
טאָשו).

דאָס גלות־בבל (גאָלעס־באָוול) —
דאָס פאַרטרייבן די יידן פון ארץ־
ישראל קיין בבל אין יאָר 586 פ״ק;
דאָס געפינען זיך אין דער באַבילאָ־
נישער געפאַנגענשאַפט אין די יאָרן
586—536 פ״ק.

דאָס גלות השכינה (גאָלעס האַ־
שכינע) — דאָס גלות פון דער גאָט־
הייט. לויט די יידישע מיסטיקער איז
די שכינה (די גאָטהייט) מיטגעגאַנ־
גען מיט די יידן אין גלות.

● איינער וויינט אויפן פאַרלוירענעם
גן-עדן, אַ צווייטער—אויף גלות השכי-
נה (פּרץ).

דער גלח-גלחים (גאַלעך-גאַלאָ-
כים) — קריסטלעכער (באַזונדערס קאַ-
טוילישער) גייסטלעכער.
● ביסטו אַ חזן — זינג-זשע, ביסטו
אַ גלח — קלינג-זשע (פאָלקסווערטל
לויט א. בערנשטיין).

דער גליון — גליונות (גילאָיען —
גיליוינעס) — בויגן פּאַפּיר; בוך-ראַנד,
מאַרגינעס.
● אַמסטערדאַמער גליונות און בערשאַ-
דער טליתים (פאָלקסווערטל לויט
א. בערנשטיין).

גלית (גאָליאַס) — נאָמען פון
אַ פּלשתּישן ריז, וואָס דער יינגער
דוד האָט אים געהרגעט מיט אַ שטיין-
שליידערער (לויט דער ביבל).

גם-אתּם (גאַם-אַטעם) — אויך איר,
אויף אייך געזאָגט. אַן אַלטע פאָרמו-
לע פון אַן ענטפער אויף אַ ווונטש.

גם-זו לטובה (גאַם-זו לעטויווע) —
אויך דאָס צום גוטן, דאָס אויך צום
גוטן.
● וואָס עס וועט אים נישט פּאָרקומען,
וועט ער אַלץ זאָגן: גם-זו לטובה,
דאָס אויך צום גוטן (ה. צייטלין).

די גמטריא, גימטריה (גימאַטריע)
— צאָל-באַטרעף פון די אותיות אינעם
וואָרט; מיסטישער צאָל-באַגריף (הע-
ברעישע אותיות באַצייכענען אייַנצײ-
טיק אויך צאָלן).

דער גמילות-חסד — גמילות-
חסדים (געמילעס-חסד — געמילעס-
כאַסאָדים) — דאָס אויסלייען געלט
אָן פּראָצענט, נישט-פּראָצענטיקע
הלוואה.
● אויב דער לערער איז רייך אין
אַ פּאָר גראָשן, בעט ער ביי אים
אַ גמילות-חסדל (ש"ע). אַ שמעק-טאַ-
באַק איז אויך אַ גמילות-חסד (פאָלקס-
ווערטל לויט א. בערנשטיין).

די גמילות-חסד-קאַסע (גמי-
לעס-כעסעד-קאַסע) — קאַסע פאַר
לייען געלט אָן פּראָצענט.

דער גמר (גמאַר) — אָפּשלוס; אָפּ-
מאַך.
● מיט די הונדערט עקזעמפּלאַרן בין
איך נאָך דעם גמר מיט דעם קאָמי-
סיאָנער אַוועקגעפאָרן קיין ווי-
טעבסק (זשיטלאָווסקי).

דער גמר חתימה טובה (גמאַר
כסימע טויווע) — גוטער אָפּשלוס און
פאַרזיגלונג (צום נייעם יאָר). ווונטש-
פאָרמולע, וואָס רעליגיעזע יידן באַ-
נוצן אין די טעג פון יום-כּפּור ביז
הושענא-רבה.

דער גמר-טוב (גמאַר-טאָוו) — גו-
טער אָפּשלוס (צום נייעם יאָר) —
ווונטש-פאָרמולע, וואָס רעליגיעזע
יידן באַנוצן אין די טעג פון ראש-
השנה ביז יום-כּפּור.

די גמרא — גמרות (געמאָרע — גע-
מאָרעס) — דער אַראַמיש געשריבע-
נער טייל פון תּלמוד, וואָס דער-
קלערט די משנה, פאַרענדיקט אין
יאָר 500 נ"ק.
● מיש איך אויף די גמרא — ווער איז
צו מיר גלייך? (פּרץ).

צו **גנאי** (גנײ)—צו שפּאָט, צו שאַנד.

● װער, זאָל זײ צו קײן גנאי נישט זײן, זענען זײ אַלײן? (ממ"ס).

דער **גנב — גנבים** (גאַנעװ — גאַנאָװים) — דער װאָס נעמט צו אַ פרעמדע זאַך; שװינדלער; דורכגעטריבענער יונג.

● אױפן גנב ברענט דאָס היטל (ש"ע).

די **גנבה — גנבות** (גענײװע — גענײװעס) — דאָס צונעמען פרעמדע זאַכן; די צוגענומענע פרעמדע זאַכן; שװינדל.

● אַז גנבים שלאָגן זיך, קומט אַרױס די גנבה (שפּריכװאָרט לױט א. בערנשטײן).

גנביש, גנבהש (גענײװיש) — פון אַ גנבה, פון אַ גנב, װי אַ גנב; אומבאַמערקט; דורכגעטריבן, שװינדלעריש.

● פאַר גנבישע זאַכן צאָלט מען נישט. (אָפּאַטאָשו). איך האָב פײנט זײנע גנבישע שטיקלעך.

די **גנבטע — גנבטעס** (גאַנעװטע — גאַנעװטעס) — װײבלעכע פאָרם פון גנב (ז"ד).

גנבענען (גאַנװענען) — צונעמען פרעמדע זאַכן אָדער געלט; אױספירן אַ גנבה; שװינדלען.

● מען גנבעט נישט, נישטאָ בײ װעמען צו גנבענען (ש"ע).

דער, דאָס **גן-עדן** (גאַנײדן, גענײדעם) — גליקלעך אָרט; אַן אָרט װו עס געפינען זיך די פרומע אױף יענער װעלט, לױט דער רעליגיעזער פאָרשטעלונג.

● לאָז ער האָבן אַ ליכטיקן גן-עדן דאָרט, אַ װױלער ייד געװען, אַן ערלעכער (ש"ע). אַ שעה אין גן-עדן איז אױך גוט (פאָלקסװערטל לױט א. בערנשטײן).

דער **גן-עדן התחתון** (גאַן-אײדן האַטאַכטן) — דער אונטערשטער גן-עדן, װאָס געפינט זיך, לױט דער לעגענדע, ערגעץ אױף דער ערד.

● זיבן טעג געפלױגן, אױפן אַכטן אָנגעקומען צום גן-עדן התחתון (א. שטײנבאַרג).

די **גסיסה** (געסיסע) — דאָס אױסגײן, דאָס אָפּשטאַרבן, אַגאָניע.

● דורך די פענצטער... קוק איך אױף דעם אַלטן װינטערס גסיסה (יהואש).

דאָס **געסרחה** (געסראָכע) — שלעכטער גערוך.

דער **גר — גרים** (גער — גײרים — נישט-ייד, װאָס נעמט אָן די יידישע רעליגיע, פּראָזעליט; פרעמדער.

● איך בין אין דער װעלט שטענדיק אַ גר, איך בין װי אַ שיפל, װאָס שװימט הין און הער (גאָרדאָן). איך בין נאָך דאָ אַ גר, אין גאַנצן אַ גרינער.

דער **גר-צדק** גער-צעדעק) — פרומער פּראָזעליט, פרומער גר. פאַרקירצטע באַצײכענונג פונעם גר-צדק גראַף װאַלענטין פּאָטאָצקי (אין 18-טן יאָרהונדערט . ב"ק).

די **גרגרת** (גאַרגערעס) — גאָרגל, האַלדז.

● די רײד זענען אים געבליבן שטײן אין גרגרת (אָפּאַטאָשו).

די **גרטע — גרטעס** (גערטע — גערטעס) — נישט-יידישע פרױ, װאָס

ג

נצמט אָן די יידישע רעליגיע, פּראָ-
זעליטין ; פּרעמדע.

די גרסא דינקותא (גירסע דע-
יאַנקוסע) — דאָס וואָס מען האָט גע-
לערנט אין די קינדער-יאָרן.

● גרסא דינקותא ווערט נישט פאַרגעסן
(פאָלקסווערטל).

גרונם (גרוינעם) — נאָמען פון אַ
מאַנצביל.

דער גרוש — גרושים (גיירעש —
גיירושים) — זע: גירוש.

דער גרוש — גרושים (גאָרעש —
גערושים) — צעשיידטער, געגטער
מאַן.

די גרושה — גרושות (גרושע —
גרושעס) — צעשיידטע, געגטע פרוי.

גרשון, גרשום (גערשן) — נאָמען
פון אַ מאַנצביל.

דער גשם (געשעם) — רעגן.

● עס איז געווען אַן אָוונט פון גשמ-
צייט, דורכן טאָג האָט שווער גע-
רעגנט (ז. וויינפּער).

דאָס גשמיות (גאַשמיעס) — דאָס
קערפּערלעכע, דאָס מאַטעריעלע,
קערפּערלעכקייט.

● מיט גשמיות, מיט קליידער און עסן
האָט ער די קינדער שוין לאַנג באַ-
זאָרגט (ד. פּינסקי).

גשמיותדיק (גאַשמיעסדיק) — קער-
פּערלעך ; גראָב-מאַטעריאַליסטיש.

● ער איז אין גאַנצן אַרויסגעטון פון
גשמיותדיקער וועלט, ער שוועבט אין
די הימלען. ער איז אַ גראָב נפש
געווען, אַריינגעטון געווען נאָר אין
גשמיותדיקע זאַכן : אין עסן, אין
טרינקען און לעבן אַ גוטן טאָג.

ד

ד׳ א מ ו ת (דאַלעד אַמעס) — זע: דלת
אמות, דלד אמות.

ד׳ ע ל ד׳ (דאַלעד אַל דאַלעד) —
זע: דלת על דלת, דלד על דלד.

די ד א ג ה — ד א ג ו ת (דייגע — דיי־
געס) — זאָרג.
● ער דערעסט נישט, דערשלאָפט נישט,
האָט אַ פולן קאָפּ מיט דאגות (ממ״ס).
נאָר ווען מענס באָבעס דאגה איז עס
(אָפּאַטאָשו). ס׳איז נישט דיין דאגה.

ד א ג ה ן (דייגען) — זאָרגן.
● די מאַמע האָט קיינמאָל נישט גע־
דאגהט פאַר פּרנסה ווי אַנדערע ווײַ־
בער (י. קאָטיק).

די ד א ג ת ־ פ ר נ ס ה (דייגעס־פּאַר־
נאָסע) — זאָרג וועגן פאַרדינסט,
זאָרג פאַר קענען זיך אויסהאַלטן.
● דאגת־פּרנסה איז אַ רבי (פּרץ).

ד ב (דאָוו) — זע: דוב.

דער ד ב ו ק — ד ב ו ק י ם (דיבעק —
דיבוקים) — זע: דיבוק.

דער ד ב ו ר — ד ב ו ר י ם (דיבער —
דיבורים) — זע: דיבור.

ד ב ו ר ה (דווירע) נאָמען פון אַ פרוי.

ד ב ו ר ה ה נ ב י א ה (דווירע האַנע־
וויע) -- דבורה די זעערין, די פּראָ־
פעטין; די ריכטערין דבורה, וואָס
האָט צוזאַמען מיט ברקן באַזיגט
סיסראַן (סיסרען) דעם אָנפירער פון
די כּנענים אַרום 1150 יאָר פ״ק. דאָס
ליד פון דבורה ווערט גערעכנט פאַרן
עלטסטן טייל פון דער ביבל.

דאָס ד ב י ק ו ת, ד ב ק ו ת (דוויי־
קעס) — אין דער מיסטיש־חסידישער
פאָרשטעלונג: גייסטיקע באַהעפטונג
מיט גאָט; רעליגיעזער עקסטאַז; געט־
לעכע באַגייסטערונג.
● צו אמתער דבקות האָט אונדז גע־
בראַכט אַ חסידישער ניגון אָן ווער־
טער (ש. דובנאָוו).

ד ב י ק ו ת ד י ק (דווייקעסדיק) — (רע־
ליגיעז) באַגייסטערט.
● עס ברומט זיך אין אים דער זעל־
בער פערז מיט דעם זעלבן דביקות־
דיקן קנייטש (ש. אַש).

דער ד ב ר ־ א ח ר—ד ב ר י ם ־ א ח ר י ם,
ד ב ר ־ א ח ר ס (דאָווער־אַכער —
דוואָרים־אַכיירים, דאָווער־אַכערס) —
ווערטלעך: אַנדערע זאַך, באַצייכע־
נונג פון אַ חזיר (אויך אין איבערגע־
טראָגענעם זין).
● אַ גאַנצן טאָג הערט זיך אַ קוויטשערײַ
פון דבר־אחרס, אַ הירזשען פון פערד
(ש. אַש). אַז אַ פּריסטאַוו רופט, קאָן
מען קיין דבר־אחר נישט זיין און
מען מוז גיין (ש״ע).

דער ד ב ר ג ד ו ל — ד ב ר י ם ג ד ו ־

ל י ם (דאָווער גאָדל — דוואָרים גדוי־לים) — גרויסע זאַך.

● דער פּאָלקאָווניק זאָגט, אַז עס איז אַ דבר גדול (פּרץ).

דער ד ב ר־מ ל כ ו ת (דוואַר־מאַלכוס) — קעניגלעכער באַפעל, קעניגלעכע פאַראָרדענונג.

● מען ווערט געוואָר, מען שיקט אַ דבר־מלכות (פּרץ).

דער, די ד ב ר ־ צ ד ק ה (דוואַר־צדאָקע) — ווילטאַט, גוטע טאַט, צדקה־זאַך.

● צוליב אַ דבר־צדקה איז ער גרייט צו טון אַלצדינג.

ד ב ר י ־ ת ו ר ה (דיוורײ־טוירע) — מ״צ — ווערטער אָדער רייד פון דער תורה, פון לערנען.

● מען הייבט אָן רעדן אַלע אין איי־נעם — נישט קיין דברים בטלים, נאָר דברי־תורה פון ספרים, ביכער (ש״ע). עס שיט זיך אים פּערל פון מויל, דברי־תורה (ש. אַש).

ד ב ר י ם (דו[ע]וואָרים) — מ״צ — רייד. טיטל פונעם פינפטן חומש־בוך.

ד ב ר י ם ב ט ל י ם (דו[ע]וואָרים בעטיי־לים) — מ״צ — פּוסטע רייד, פּלאַפּ־לעריי.

● ער איז אַריינגעקומען נישט גלאַט פּלאַפּלען, רעדן דברים בטלים (ש״ע).

ד ב ר י ם ה ע ו מ ד י ם ב ר ו מ ו ש ל ע ו ל ם (דו[ע]וואָרים האָאוימדים בע־רומוי שעל אוילאָם) — ווערטלעך: זאַכן וואָס שטייען אין דער הויך פון דער וועלט, זייער וואָגיקע פּראָבלעמען, ערנסטע פראַגן.

● ער האָט ליב צו רעדן מיטן טאַטן וועגן ערנסטע זאַכן, דברים העומדים ברומו של עולם (אל. צייטלין).

ד ב ר י ם כ ה ו י ת ם (דו[ע]וואָרים קאָ־האַוואָיאָסאָם) — זאַכן ווי זיי זענען, גענוי ווי די זאַכן זעען אויס.

● דערציילן אים קורץ און שאַרף דברים כהויתם, די זאַכן ווי זיי זע־נען (זשיטלאָווסקי).

ד ב ר ן (דאַבערן) — רעדן, שמועסן; פּלאַפּלען.

דער ד ב ר ן — ד ב ר נ י ם (דאַברען — דאַבראָנים) — רעדנער, שמועסער, פּלאַפּלער.

דער ד ג ל — ד ג ל י ם (דעגל — דע־גאָלים) — פאָן.

ד ה י נ ו, ד ה י י נ ו (דעהיינע) — אַ שטיי־גער, דאָס הייסט, ווי צום ביישפּיל.

● דהיינו, וואָס איז דיין טועכץ (ש״ע). ווערטער, וועלכע באַדייטן אַ טוונג הייסן ווערבן, דהיינו: פאָרן, לערנען, טראַכטן אדג״ל.

ד ו ב (דאָוו) — נאָמען פון אַ מאַנצביל. אין יידיש: בער.

ד ו ד (דאָוויד) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

ד ו ד ה מ ל ך (דאָוויד האַמעלעך) — דער קעניג דוד. צווייטער יידישער קעניג, וואָס האָט געקעניגט אין די יאָרן 1010—970 פ״ק. לויט דער טראַדיציע: דיכטער פון תהילים (פּסאַלמען).

● אָט זעט ער: דוד המלך מיט דער פייערדיקער האַרפע אין דער האַנט (ש. אַש).

ד ו ק א, ד ו ק א (דאַוועקע, דאַפקע) — גראָד, דורכויס, פּונקט.

● ווייל די שטאָט בעט, ווייל דאָס פייער דווקא נישט קומען (ש״ע). פאַרוואָס דווקא היינט? (ז. ווײַנפּער)

דוחה (דויכע) זיין — אָפּלייגן, אָפּ־שטופּן.
● ער האָט אַלץ דוחה געווען און מען האָט גאָרנישט געקאָנט מאַכן מיט אים (ש. אַש).

דער **דוחק** (דויכעק) — מאַנגל.
● דער דוחק אין געלט האָט אים גע־שטערט צו ענדיקן דאָס, וואָס ער פלעגט אָנהייבן (א. קאַטיק).

דער **דוכּס** (דוקוס, דוקעס) — פּירשט, גראַף. באַצייכענונג פונעם גראַף וואָ־לענטין פּאָטאָצקי, דעם גר־צדק אין 18־טן יאָרהונדערט נ"ק.

דער **דופּק** (דויפּעק) — פּולס. זע אויך: דפק.

דוקא (דאַווקע) — זע: דווקא.

דער **דור — דורות** (דאָר — דוי־רעס) — גענעראַציע.
● מיט דורות צוריק... האָט געלעבט דער פּרינץ קראַקוס (אָפּאַטאָשו).

אויף, פון דור־דורות (דאָר־דוי־רעס) — אויף, פון אייביקע צייטן. פון אייביק אָן, אויף אייביק.
● דער קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ וועט מיט זיין טראַגישער הערלעכ־קייט דינען פאַר דור־דורות ווי אַ מוסטער פון דער מענטשלעכער פע־יקייט צו קעמפן פאַר דער מענטשן־ווירדע (ש. אַש). מאַרטשין אַליין, אַ פּויער פון דור־דורות, אַ לייב־קנעכט (אָפּאַטאָשו).

דער **דור־המדבר** (דאָר־האַמיד־בער) — די גענעראַציע, וואָס האָט געוואַנדערט אין דער וויסטעניש פער־ציק יאָר און איז דאָרט אויסגע־שטאָרבן, לויט דער ביבלישער באַ־שרייבונג.
● ווי אַמאָל דער דור־המדבר, וואָס האָט געטאַנצט אַרום אַ גאָלדענעם קאַלב (ש. אַש).

דער **דור־הפלגה** (דאָר־האַפּלאָגע) — גענעראַציע פון צעשפּליטערונג, צע־שפּליטערטער דור (לויט דער ביבל האָט גאָט צעמישט די שפּראַכן פון די מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט בויען אַ טורעם ביזן הימל).

דורס (דוירעס) זיין — צערייסן, אומ־ברענגען.
● פאַלט אָן אויף מיר מיט קולאַקעס וויל מיך דורס זיין (ש"ע).

דאָס **דחקות** (דאַכקעס) — נויט.
● אין שטוב האָט זיך אָנגעהויבן פילן דחקות, און די נויט האָט זיך וואָס מער געשטאַרקט (ראַוויניצקי). איך האָב געליטן אין דער שטאָט דחקות, נויט, הונגער (א. קאַטיק).

די־והותר (דיי־וועהויסער) — אי־בערגענוג, גענוג און גענוג.
● און זאָל ער יאָרן לאַנג נישט לאָזן וואַקסן אין פעלד, בלייבט אים נאָך אַלץ די־והותר: מזומנים אין קאַסע, וועקסלען אין טייסטער (פּרץ).

דער **דיבוק — דיבוקים** (דיבעק— דיבוקים) — פאַרוואָגלטער גייסט (פון אַ טויטן), וואָס איז אַריין אין קער־פּער פון אַ לעבעדיקן מענטשן, לויט דער רעליגיעז־מיסטישער פאָרשטע־לונג.
● אַ ייד מיט אַ דיבוק, וואָס עס קרייט פון אים אַ האָן אַרויס (ש. אַש).
עס האָט זיך געדאַכט, אַז נישט זי־

רעדט, נאָר אַ דיבוק קוויטשעט אַרויס פון איר (אָפּאַטאָשו). דער רב האָט אָנגעזאָגט ר׳ לייבן, אַז ער זאָל הייסן דעם דיבוק אַרויסגיין דורכן מינדסטן פינגער (י. קאָטיק).

דער **דיבור** — **דיבורים** (דיבער—דיבורים) — רייד.

● זאָגסט אים קלאָרע דיבורים — ניין, ער מאַכט זיך נישט ווויסנדיק (ממ״ס).

דער **דיין**, **דיינים** (דאַיען — דאַיאָנים) — יידישער רעליגיעזער ריכטער, בייזיצער פון אַ רבניש געריכט, רב (ז״ד).

דער **דין** — **דינים** (דין — דינים) — (רעליגיעזע) פאָרשריפט, געזעץ; אויספיר.

● ווי איז דער דין, אַז מען טוט די אַרבעט פראַנק און פריי, אין מיטן העלן טאָג (ממ״ס).

דער **דין־וחשבון** — **דין־וחשבונס** (דין־וועכעשבן — דין־וועכעשבנס) — באַריכט; אָפּרעכענונג, רעכענונג.

● בעל־הבית אין שול איז דאָך ער — היינט ווען דאַרף ער דאָס אָפּגעבן דין־וחשבון (ש״ע). איך גיב זיך נאָך נישט אָפּ קיין געניועם דין־וחשבון וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אַרום מיר (א. קאָטיק).

די **דין־תורה** — **דין־תורות**, (דין־טוירע — דין־טוירעס) — לאָדעניש, פראָצעס (פאַר אַ רבנישן געריכט).

● זענען דאָ פאָרגעקומען כסדר דין־תורות, מיט בוררות און מיט אויסגלייכענישן (מ. בורשטין).

דינה (דינע) — ביבל־פּערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ פרוי.

דיני־ממונות (דיניי־מאָמענעס) — מ״צ — ציווילע געזעצן — ציווילע געזעצן, געזעצן וועגן געלט־זאַכן; ציווילע פראָצעסן, פּראָצעסן וועגן געלט־ענינים.

דיני־נפשות (דיניי־נעפאָשעס) — מ״צ — קרימינעלע געזעצן; קרימינעלע פּראָצעסן.

דער **דיקדוק**—**דיקדוקים** (דיקדעק—דיקדוקים) — זע: דקדוק.

דיקדוקי־עניות (דיקדוקיי — אַניעס) — זע: דקדוקי־עניות.

די **דירה**—**דירות** (דירע—דירעס)— וווינונג.

● אַ נייע דירה — נישט לאַנג איבערגעקליבן זיך (ש״ע).

דאָס **דירה־געלט** (דירע־געלט) — אָפּצאָל פאַר אַ וווינונג.

די **דלד** (דאַלעד) — זע: דלת.

די **דלד אמות** (דאַלעד אַמעס) — זע: דלת אמות.

דלד על דלד (דאַלעד אַל דאַלעד) — זע: דלת על דלת.

דער **דלות** (דאַלעס) — אָרעמקייט.

● בעסער צען שלעסער איידער איין דלות (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

דלילה (דלילע) — ביבל־פּערסאָנאַזש. נאָמען פון דער פרוי פון שמשון הגבור, וועלכע האָט אים פאַרראַטן און איבערגעגעבן אין די הענט פון די פלישתים. באַצייכענונג פון אַ פאַררעטערישער פרוי.

דלמטה (דילמַאַטע) — פון אונטן; אונטערשטער.

דלמעלה (דילמייִלע) — פון אויבן; אייבערשטער.

● דורך דעם שטעטל „דלמטה" זעט ער דאָס שטעטל „דלמעלה"... אין דעם ייִד פון איצט זעט ער דעם ייִד פון אַמאָל (נ. מייזיל).

דער דלפון — דלפונים (דאַלפן — דאַלפאָנים) — גרויסער אָרעמאַן.

די דלת, דלד (דאַלעד) — דאָס פערטע אות (ד) פונעם אַלף-בית.

דלת אמות, דלד אמות (דאַלעד אַמעס) — מ"צ — פיר איילן, ענגער קרייז.

● איך האָב זיך דערוויטערט פון וואָכעדיקן און גרויען לעבן, פון די ענגע דלת אמות, וואָס איך האָב ביז דאַן אין זיי געלעבט (ר. ברײנין).

דלת על דלת, דלד על דלד (דאַלעד אַל דאַלעד) — פיר אויף פיר (איילן).

● דאָס צימערל איז גרויס דלת על דלת.

דאָס דם — דמים (דאַם — דאָמים) — בלוט.

● אין זיי גליווערן די דמים (ש. אַנסקי).

דער דם-שונא — דם-שונאים (דאַם-סוינע - דאַם-סאָנים) — בלוטיקער פיינט, שונא אויף טויט און (אויף) לעבן.

● כ'בין געווען אַ דם-שונא די אַלע, וואָס פלעגן זיך אַרומקריגן מיט אים (אַל. צייטלין).

צעדמען (צעדאַמען) — צעבלוטיקן.

● זיך געקריגט אויף וואָס די וועלט שטייט, זיך אָפּט צעדמט, באַלד זיך איבערגעבעטן (אָפּאַטאָשו).

דער דמיון — דמיונות (דימיען — דימיוינעס) — פאַנטאַזיע, פאָרשטעלונג; פאַרגלייך.

● עס איז נישט געווען קיין חלום, ס'איז נישט געווען קיין דמיון (ש"ע). וואָס פאַרגלייכסטו מיך מיט אים, ס'איז גאָר קיין דמיון נישט.

דן (דאָן) — ביבל-פערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דניאל (דעניִ[ע]ל) — נאָמען פון אַ ייִדישן נביא אין דער צייט פון גלות בבל; נאָמען פון אַ ביבל-בוך; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

די דעה — דעות (דייע — דייעס) — מיינונג, געדאַנק; דעצידירנדיק וואָרט.

● וואָס איז אייער דעה?
ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער דעה: גיין אָדער נישט גיין (נאָמבערג). פאַראַן דאָך ערגעץ ייִדן, וואָס האָבן אַ דעה, וואָס קענען, וואָס מוזן העלפן (פּרץ). איר זענט דאָך נאָר דער רעדאַקטאָר, איבער אייך האָט דאָך די דעה דער אַרויסגעבער (פּרץ).

דער דף — דפים (דאַף — דאַפים, דאַפן) — בלאַט פון אַ בוך, גמרא-בלאַט.

● לערנט און ענדיקט ש"ס (שאַס) יעדע זיבן יאָר: אַ דף אַ טאָג, אַ דף אַ טאָג (ש. אַש).

דער דפק (דייפעק) — פולס. זע אויך: דופק.

● מען טאַפּט אים דעם דפק (גאַלין).

דער דקדוק — דקדוקים (דיקדעק — דיקדוקים) — גראַמאַטיק (באַזונ-

דערס העברעישע); פינקטלעכקייט; איינצלהייט.

● ער לייענט און שרייבט העברעיש, אָבער אין דקדוק איז ער שוואַך.

האָבן אָנגענומען טשערנישעווסקיס תורה מיט אַלע אירע פרטים און דקדוקים (זשיטלאָווסקי).

דקדוקי־ענִיות (דיקדוקיי־אַניעס)— מ״צ — קליינלעכקייטן, קלייניקייטן, נישטיקייטן.

● ער שטעלט זיך אָפּ אויף אַזעלכע דקדוקי־ענִיות, וואָס עס לוינט נישט וועגן זיי צו רעדן,

די דקה — דקות (דאַקע—דאַקעס) — קליינע בהמה: שעפּס, ציג אדג״ל. זע: בהמה דקה.

● ער פלעגט צו אונדז אַריינקומען שחטן אַ דקה (פרץ).

דקה מן הדקה (דאַקע מין האַדאַ־קע) — דאָס קלענסטע פון די קלענ־סטע, קליינטשיק טייל־כל, דאָס סוב־טילע.

● איך האַלט אייך פאַרן איינציקן דאָ אין געטאָ, וואָס האָט אַן אויער פאַר דקה מן הדקה (ש. שאַיעוויטש).

דק״ק (דעקאַק) — ערשטע אותיות פון די ווערטער: דקהילה קדושה (דעקע־הילע קדוישע) — פון דער הייליקער געמיינדע, פון דער שטאָט.

● דער רב דק״ק וואַרשע — דער רב פון דער וואַרשעווער קהילה.

דער דרדקי־מלמד—דרדקי־מלמ־דים (דאַרדעקע־מעלאַמעד — דאַרדע־קע־מעלאַמדים) — רעליגיעזער לערער פון קליינע קינדער, לערער פון אַ רע־ליגיעזער עלעמענטאַר־שול.

דער דרום (דאָרעם)—די זייט פון דער וועלט, ווו די זון שטייט ביי טאָג צום העכסטן. קעגנזאַץ: צפון.

● די פייגעלעך זענען אין האַרבסט אָפּגעפלויגן ווייט, ווייט אויף דרום.

דער דרוש — דרושים (דרוש—דרוי־שים) — פּרעדיקונג,(רעליגיעזער) פאָר־טראַג.

● לאָז מיך אָפּ מיט דיינע דרושים, פאַר־דול מיר נישט דעם קאָפּ.

דאָס דריסת הרגל (דריסאַס האַ־רעגעל)—צוטריט.

● אין צאַרישן רוסלאַנד האָבן יידן נישט געהאַט קיין דריסת הרגל צו ערד־אַרבעט, שווער־אינדוסטריע און רעגי־רונגס־אַמטן.

דער דרך — דרכים (דערעך־דראָכים) —וועג; אַרט, מעטאָד, אופן.

● ר׳ כאַסקל, פאַרשטייט איר, גייט אַלץ אין הויכע דרכים (ממ״ס). ער האָט זיך אַרויפגעשלאָגן אויף אַ שטיקל דרך (ש״ע). איטלעכער איז זיך גע־גאַנגען מיט זיין דרך (ממ״ס).

דרך־אגב (דערעך־אַגעוו) — נעבנביי, ביי דער געלעגנהייט, פאַרבייגייענדיק.

● דאָס זאָג איך דרך־אגב (ש״ע).

דרך־ארץ (דערעך־ערעץ) — אַכטונג, רעספּעקט, אַכפּערונג, אָפּשיי; גוטע דערציונג, גוטע האַלטונג.

● אָט שטיי איך מיט דרך־ארץ פאַר איינעם פון אונדזערע גדולים (ממ״ט).

● עס איז נישט קיין דרך־ארץ איבער־שלאָגן אין מיטן [די רייד] (ש״ע).

דער דרך־הטבע (דערעך־האַטעווע)— דאָס פירן זיך פון דער נאַטור, נאַטיר־לעכער וועג, נאַטור־געזעץ.

דער דרך־הישר (דערעך־האַיאָשער)

—גלייכער וועג (אין גייסטיקן און מאָראַלישן זין).
● ער וועט דיך פון דרך־הישר נישט אַראָפּפירן (ראַוויניצקי).

דער דרך־המלך (דערעך־האַמעלעך) —קעניגלעכער וועג, ברייטער שליאַך, שאָסיי.
● שלום עליכם איז זיך געגאַנגען מיט זיין אייגענעם שליאַך, מיטן דרך המלך, און זייטיקע שטעגן זענען אים געווען פרעמד (נ. מייזיל).

דער דרך־השכל (דערעך־האַסייכל)— קלאָרער פאַרשטאַנד, לאָגישקייט.
● נאָר דער לערער ווייזט דאָס אויף מיטן דרך־השכל (ד. פינסקי).

דער דרך־עולם (דערעך־אוילעם)— שטייגער פון דער וועלט.
● ביסלעכווייז האָט זיך זיין שם אויסגעלאָשן, ווי דער דרך־עולם איז, מען פאַרגעסט באַלד דאָס, וואָס איז געווען (ש. אַש).

דער דרש (דראַש)—סכאָלאַסטיש־געקינצלטע אויסטייטשונג. קעגנזאַץ: פּשט. (ז"ד).

די דרשה—דרשות (דראָשע — דראָשעס)—(רעליגיעזער) פאָרטראַג, פּרעדיקונג; רעדע.
● ער האָט געהאַלטן דרשות פאַר יונגע לייט און עלטערע (נ. מייזיל).

דער דרשן—דרשנים (דאַרשן—דאַרשאָנים) — פּרעדיקער, (רעליגיעזער) רעדנער.

דרשענען (דאַרשענען) — האַלטן אַ רעדע, פּרעדיקן.
● דרשענען, דרשנט ער גאָר שיין, נאָר טאָן טוט ער ווייניק.

דער דת (דאַס) - רעליגיעז געזעץ; רעליגיע.
● ביי מיין זיידן אין שטוב האָט זיך אַלצדינג געפירט שטרענג לויטן יידישן דת.

ה

די הא (היי) — דאָס פינפטע אות (ה) פונעם אלף־בית.

די הבדלה (האַוודאָלע) — ווערטלעך: אונטערשיידונג (פון הייליקייט און וואָכעדיקייט) — אַ רעליגיעזע צערעמאָניע (פאַרבונדן מיט ברכות איבער וויין און בשמים), וואָס רעליגיעזע יידן פראַווען שבתצונאַכטס (און מוצאי יום־טוב) אַלס צייכן, אַז עס האָט זיך געענדיקט דער שבת (אָדער דער יום־טוב) און עס הייבט זיך אָן דער אינדערוואָכן.

● מיין זיידע האָט געמאַכט הבדלה איבער וויין, אַ גוטע וואָך דער וועלט דער גאַנצער — אַ גוטע וואָך (בראָדערזאָן).

די הבדלה — הבדלות (האַוודאָלע — האַוודאָלעס) — הבדלה־ליכט, געפלאָכטן ליכט (וואָס ווערט באַנוצט צו הבדלה ביי רעליגיעזע יידן).

● חסידים זינגען און די הבדלות לייכטן מיט (ש. אַש).

דער הבחור הזעצער (האַבאָכער האַזעצער) — דער יונגער מאַן דער דרוק־זעצער (אין איראָנישן זין).

● אַ דרוק־פעלער, אַ מאָדנע קונץ פון הבחור הזעצער (פרץ).

די הבטחה—הבטחות (האַווטאָכע—האַווטאָכעס) — צוזאָג.

● איר האָט מיך דערפרייט מיט אייערע קורצע ווערטעו און מיט אייער הבטחה צו שרייבן (ממ״ס).

הבל־הבלים (העוול־האַוואָלים) — נישטיקייטן, אַ גרויסער גאָרנישט.

הבל־הבלימדיק (העוול־האַוואָלימדיק) — נישטיק.

הגם (האַגאַם) — כאָטש, אויב אַפילו.

● און הגם, אַז מען וויל שמועסן צוריק, קומט דאָך דעם יידן אויס צו הערן מוזיק עפּעס נישט אַזוי אָפט (ש״ע).

די הגנה (האַגאַנאַ) — ווערטלעך: פאַרטיידיקונג, שוץ; נאָמען פון באַוואָפנטן יידישן זעלבסטשוץ אין ארץ־ישראל (געשאַפן אין יאָר 1937); פאַרקירצטע באַצייכענונג פון דער יידישער אַרמיי אין דער מלוכה ישראל.

דער הדס — הדסים (האָדעס — האַדאַסים) — מירטן־צווייגל, וואָס מען בינדט צו צום לולב (ז״ד).

הדסה (האַדאַסע) — נאָמען פון אַ פרוי; פריערדיקער נאָמען פון אסתר המלכה; נאָמען פון דער פרויען־אָרגאַניזאַציע פאַר מעדיצינישער הילף אין ארץ־ישראל.

דער הדר (האָדער) — פּראַכט, שיינקייט.

● קריגסטו, זאָג איך דיר, אַ הדר, מיט גאָלד אָפּצוּוועגן (פּרץ).

הדרגה (האַדראָגע)—שטייגערונג, סיסטעמאַטישע שטייגערונג.

דאָס הדרת-פּנים (האַדרעס-פּאָנים) — פּרעכטיק געזיכט, גרויסאַרטיק אויסזען.

● ער האָט געהאַט אַ הדרת-פּנים, הויך געוואַקסן און אַ לאַנגע באָרד (ר. ברײַנין).

הוד-מלכות (האָד-מאַלכוס, הויד-מאַלכוס) — קעניגלעכע מאַיעסטעט.

● און לאָזטו אים פריי, ביסטו—חלילה—הוד-מלכות, פאַרבײַ! (פּרץ).

הוד-מלכותו (האָד-מאַלכוסוי, הויד-מאַלכוסוי)—זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט.

די הודעה — הודעות (הוידאָע — הוידאָעס) — מעלדונג, באַקאַנטמאַכונג, זע: מודעה.

דער הווה, הוה (הויווע) — קעגנוואַרט, איצטיקע צייט.

דער הולך (הוילעך) — גאַנג, אַרט פון קליידן זיך; דאָס פירן זיך. זע: הילוך.

● און וואָס זאָגט איר אויף זיין הולך? אויף די הילצערנע מלבושים (א. שטיינבאַרג). די מאַמע האָט אים דערמאָנט, אין וואָס פאַר אַ הולך ער געפינט זיך (ש. אַש).

דער הולך רכיל (הוילעך ראָכ[י]ל)— באַרעדער, רכילות-טרייבער.

● איך וויל נישט זיין קיין הולך רכיל (מ. בורשטין).

הולכן (הוילעכן) — גיין (אין איראָנישן זין).

● מען הייסט אים הולכן, מיטן עטאַפּ הייסט עס (ש"ע).

דער הון-רב (האָן-ראַוו, הוין-ראַוו) — גרויס פאַרמעגן, אַ סך געלט.

● פּופּציק רובל פאַר אַ לעקציע איז דעמלט געווען אַ הון-רב.

די הוספה — הוספות (הויסאָפע — הויסאָפעס) — צוגאָב, צולייג, צולאָג.

● די אָנגעשטעלטע האָבן באַקומען אַ הוספה צו זייער חודש-געהאַלט.

די הוצאה — הוצאות (הויצאָע — הויצאָעס)— אויסגאַבן, קאָסטן; רייזע-שפּעזן.

● איר ווילט זיך אויסשלאָגן די הוצאות (אָפּאַטאָשו).

הוצאות-הדרך (הויצאָעס-האַדעֶרעך) — רייזע-קאָסטן, שפּעזן.

● עס [דאָס פערדל] פאַרברויכט מער הוצאות-הדרך ווי ער אַליין, האָבערל ווילט זיך אים (ז. שניאור).

די הוראה (הויראָע) — רבנישע לערע.

● הונדערט איין מאָל האָט ער די הוראה געחזרט (ש. אַש).

דער הורג — הרוגים (הוירעג — האַרוגים) — געטויטער, דערמאָרדעטער (די קאָרעקטע העברעישע פאָרם איז: הרוג — הרוגים).

● זאָל עס [דאָס פערד] לויפן און שלעפּן זי ווי אַ הורג איבער די גאַסן (פּרץ). אים צעבלוטיקט ווי אַ הורג (ש. אַש).

הורדוס (הורדעס)—נאָמען פון ייִדישן קעניג (37—4 יאָר פ"ק), אוזורפּאַטאָר

און טיראַן, האָט איבערגעבויט און פאַרשענערט דעם בית־שני (ז״ד).

די הושענא — הושענות (הוי־שאַנע — הוישאַנעס, שיינע — שיי־נעס) — ווערבע־צווייגלעך, וואָס רע־ליגיעזע יידן נוצן הושענא־רבה ביים דאַווענען.

הושענא־רבה (הוישאַנע־ראַבע, שיינע־ראַבע) — אַזוי הייסט דער זי־בעטער טאָג סוכות, ווען רעליגיעזע יידן זאָגן ביים דאַווענען די תפילות, וואָס הייבן זיך אָן מיטן וואָרט „הו־שענא“ — „העלף דאָך“.

הושענות (הוישאַנעס, שיינעס) שלאָגן — די רעליגיעזע צערעמאָניע פון אָפּקלאַפּן די בלעטלעך פון די ווערבע־צווייגלעך (הושענות) הושענא־רבה ביים דאַווענען.

אָפּגעשלאָגענע הושענא — צעבראָ־כענער מענטש.

די הזהרה — הזהרות (האַזאָרע — האַזאָרעס) — וואָרענונג. זע אויך: אזהרה.

די הזכרה — הזכרות (האַזקאָרע— האַזקאָרעס) — טרויער־פייערונג (צום אָנדענק פון געשטאָרבענע).

די הזכרת־נשמות (האַזקאָרעס־נעשאָמעס) — ווערטלעך: דאָס דער־מאָנען די פאַרשטאָרבענע. אַ תפילה נאָך פאַרשטאָרבענע, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן אין געוויסע ימים־טובים (יום־כפור, דעם אַכטן טאָג סוכות, דעם לעצטן טאָג פסח און צווייטן טאָג שבועות).

דער הזק — הזקות (העזעק — העזייקעס) — זע: היזק.

די החלטה — החלטות (האַכלאָטע — האַכלאָטעס) — באַשלוס.

● מיר האַלטן זיך ביי די אָנגענומענע אויף דער פאַרזאַמלונג החלטות.

היוצא מזה (האַיויצעי מיזע) — פון דאַנען איז געדרינגען, דער אויס־פיר איז.

● היוצא מזה: איר זאָלט זיך נישט פאַרלאָזן אויף שיינע לייט (י. קאָטיק).

היות (העיויס) — אַזוי ווי.

● היות דו ביסט געקומען, לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט.

דער היזק — היזקות (העזעק — העזייקעס) — שאָדן, פאַרלוסט.

● וויל ער זיך אַרויסשלאָגן דעם היזק אויף דער וואָל (מ. בורשטין).

היינו־הך (היינו־האַך) — דאָס איי־גענע, דאָס זעלביקע, איינס און דאָס זעלביקע.

● ס׳איז שוין היינו־הך, ס׳האָט זיך ביי אים צונויפגעגאָסן אין איין זאַך (מ. בורשטין).

דער היכל — היכלים, היכלות (הייכל — הייכאָלים, הייכאָלעס) — טעמפּל; פּאַלאַץ.

● פון דעם היכל, פון דעם פּאַלאַץ, ווו ס׳הערשט אחדות און ליבע (ה. צייטלין).

דער היכל הקודש (הייכל האַקוי־דעש) — דער הייליקער טעמפּל (אַמאָל אין ירושלים).

דער הילוך (הילעך), — גאַנג; אַרט קליידונג.

● ער האָט זיך איינגעהערט אין דעם הילוך פון די אייגענע פּיס (אָפּאַ־טאָשו). אינעם חסידישן הילוך, אין

דער לאַנגער פּעט־שוואַרצער קאַפּאָטע און אינעם קליינעם חסידישן היטעלע (אל. צייטלין).

דער היפּוך — היפּוכים (היפּעך—היפּוכים)—דאָס פּאַרקערטע, קעגנטייל, קעגנזאַץ.

● דינעזאָן מיט זיין שטילער געלאַסנקייט איז געווען אין פיל פּרטים דער היפּוך פון דעם שטורמיש־פלאַמענדיקן, שטאַרקן פּרץ (ש. אַנ־סקי).

היפּוכדיק (היפּעכדיק) — פּאַרקערט.

● דער רעזשים האָט געמאַכט אויף אונדז די היפּוכדיקע ווירקונג (א. קאָטיק).

דער היפּך — היפּכים (הייפּעך — הייפּאָכים) — דאָס פּאַרקערטע, קעגנטייל, קעגנזאַץ. זע אויך היפּוך.

● רייזעלע און כאַסקל! אַזאַ היפּך ווי טאָג און נאַכט (ממ״ס).

היתּכן (האַיעטאָכן) — סטייטש, ווי שיקט עס זיך.

● היתּכן, ווי אַזוי פאַלן זיי אויס דאָס צו טאָן? (מ. בורשטין).

דער היתּר — היתּרים (העטער, העטיירים) — (רעליגיעזע) דערלויבעניש, זע אויך: התּר.

די הכּחשה—הכּחשות (האַקכאָשע—האַקכאָשעס) — אָפּוואַרפונג; אָפּלייקענונג, דעמענטי.

● די פאַלשע אינפאָרמאַציע איז געוואָרן אָפּגעוואָרפן דורך אַ הכּחשה אין דער צייטונג.

הכּל־בכּל (האַקל־באַקל) — אַלצדינג, אַלץ אין איינעם.

● פּאַרקויפט די בהמהלעך מיט פערד און וועגעלע, מיט הכּל־בכּל (ש״ע).

הכּל־בכּל אויסגעשטעלט, אי דאָס — אי יענץ (א. שטיינבאַרג).

הכּל מוכן (האַקל מוכן) — אַלץ איז גרייט.

● הכּל מוכן, אַלץ שוין פאַרטיק צו דער סעודה (א. שטיינבאַרג).

הכּלל (האַקלאַל) — אַט, נו. זע אויך: אַכּלל.

● הכּלל, דאָס קליין מענטשעלע איז מיר נישט אַרויס פון זינען (ממ״ס).

די הכנה — הכנות (האַכאָנע — האַכאָנעס) — צוגרייטונג.

● אָן שום הכנות, ווי ער שטייט און גייט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין „עק־וועלט" (ראַוויניצקי).

די הכנסה — הכנסות (האַכנאָסע—האַכנאָסעס) — איינטראָג, איינקונפט.

● אָן הוצאה איז נישטאָ קיין הכנסה (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

דאָס הכנסת־אורחים (האַכנאָסעס־אָרכים) — „גאַסט־פריינדשאַפט", גאַסטהויז פאַר דורכגייער, פאַר אָרעמעלייט; יידישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע צו העלפן אָרעמעלייט.

● עפּעס א מין הכנסת־אורחים האָט גאָט באַשאַפן דאָס הייזל אין מיטן וועג, אַ ייד זאָל האָבן וווּ אַריינצוגיין (ש. אַש).

דאָס הכנסת־כּלה (האַכנאָסעס־קאַלע) — יידישע רעליגיעז־פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע אויף אויסצוקליידן און חתונה מאַכן אָרעמע מיידלעך.

די הכנעה (האַכנאָע) — אונטערטעניקייט, אונטערגעוואָרפנקייט, געבויגנקייט.

● נישט מער קיין הכנעה, נישט מער געבויגענע קעפ אונטער בייטשן (ז. ווייכפּער).

ה כ נ ע ה ד י ק (האַכנאָעדיק) – אונטערטעניק, אונטערגעוואָרפן, געבויגן.

● זיצט זיך הכנעהדיק און שטיל (א. שטיינבאַרג).

דער ה כ ש ר – ה כ ש ר י ם (העכשער — העכשיירים) — רעליגיעזע דערלויבעניש; אויטאָריזאַציע.

די ה כ ש ר ה — ה כ ש ר ו ת (האַכשאָרע—האַכשאָרעס) — צוגרייטונג (פיזישע און גייסטיקע).

● אָן יעדער דערפאַרונג, אָן יעדער הכשרה האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג (ר. בריינין).

די ה ל ב ש ה (האַלבאָשע) — קליידונג; באַקליידונג.

● וואָס איז דאָס פאַר אַ מין הלבשה אויף דיר (ש"ע).

די ה ל ו א ה – ה ל ו א ו ת, ה ל וו א ה – ה ל וו א ו ת (האַלוואָע — האַלוואָעס) — אויסלייונג, אויסבאָרגונג, דאָס לייען געלט; דאָס אויסגעבאָרגטע געלט.

ה ל ו א י, ה ל וו א י (האַלוויי) — זאָל נאָר אַזוי זיין! לאָז זיין! (ווונטש־אויסדרוק).

● איך בין געזונט און שטאַרק, הלוואי ווייטער נישט ערגער (ש"ע).

די ה ל י כ ה (האַליכע) — זע: הילוך.

די ה ל כ ה — ה ל כ ו ת (האַלאָכע — האַלאָכעס) — געזעץ; געזעצגעבערישע באַשטימונג; געזעצגעבערישער טייל פון תלמוד. קעגנזאַץ: אגדה (ז"ד).

די ה ל כ ה ל מ ש ה מ ס י נ י (האַלאָכע לעמוישע מעסיניי) — ווערטלען: געזעץ, וואָס משה האָט באַקומען אויפן באַרג סיני; אויטאָריטאַטיוו הייליק געזעץ. באַצייכענונג פון אַן אויטאָריטאַטיוו וואָרט, וואָס קאָן נישט ווערן אָפּגעפרעגט.

● איר מוזט גלייבן, אַקוראַט ווי דאָס איז הלכה למשה מסיני (ממ"ס).

ה ל כ ו ת (הילכויס, היילכעס) — פאָרשריפטן; גרונטזאַצן, פרינציפּן.

● הלכות פּאָליטיקע, דרך־ארץ פאַרשטיי איך בעסער (ממ"ס). לערנען מיט זיי הלכות דרך־ארץ (ז. שניאור).

ה ל כ ת א ל מ ש י ח א (הילכעסע לימשיכע) — זאַך פאַר דער ווייטער צוקונפט, אוטאָפּישער געדאַנק (וואָס לאָזט זיך ערשט פאַרווירקלעכן אין משיחס צייטן).

● מיר ווילן נישט וויסן פון קיין סודות, פון הלכתא למשיחא, וואָס עס וועט שפּעטער זיין (ממ"ס). דער פּרינציפּ פון אונטעררירכט אויף דער מוטער־שפּראַך איז נאָך דאַן געווען אַ הלכתא למשיחא, אַ ווייטער טרוים (ש. דובנאָוו).

דער ה ל ל (האַלעל) — לויב־געזאַנג, אַ תפילה (צונויפגעשטעלט פון קאַפּיטלען תהילים), וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן ראש־חודש און אין געוויסע ימים־טובים.

● דאָס האָבן זיך דער הימל און די ערד פאַראייניקט צו אַ גרויסן הלל (ראָזנפעלד).

ה ל ל (הילעל)—נאָמען פון אַ מאַנצביל.

ה ל ל ה ז ק ן (הילעל האַזאָקן) — דער אַלטער הלל. — איינער פון די גרויסע

יידישע רעליגיעזע געלערנטע, וואָס איז געווען נשיא (פּאַטריאַרך) אין ירושלים אין די יאָרן 30 פ"ק — 10 נ"ק.

הלמאי (האַל[ע]מיי)—פאַרוואָס, וואָרום, דען, וואָס דען.

● הלמאי האָט עטל ליב צו נאַשן און פיינט דאָס פנימל צו וואַשן?

די הלצה — הלצות (האַלאָצע — האַלאָצעס) — געלעכטער, שפּאַס, וויץ.

● [ער] האָט ליב אַ הלצה און לאַכט אפילו פון אייגענעם רבין (אָפּאַטאָשו).

המבדיל (האַמאַוודיל) — „דער וואָס שיידט אָפּ" (הייליקייט פון וואָכעדי־קייט). אַ תפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן (אָדער זינגען) שבת־צו־נאַכטס נאָך הבדלה (ז"ד)

● האָט פרץ אָנגעצונדן אַ ליכט און אָנגעשריבן האַסטיק מיטן ניגון פון המבדיל (נ. מייזיל).

דער המון (האַמוין) — מאַסע; פאָלקס־מענטשן.

ער איז געווען באַליבט ביי די פּראָסטע יידן, ביים המון (י. קאָטיק)

דער המון־עם (האַמוין־אַם)—פאָלקס־מאַסע, פאָלקס־מענטשן.

● די יעניקע, וועלכע שרייבן פאַר דעם המון־עם (נ. מייזיל).

די „המוציא" (האַמויצי, מויצע) — באַצייכנונג פון אַ שטיקל ברויט. זע: המוציא מאַכן.

● [ער איז] אַריינגעקומען, אָפּגעשניטן „המוציא" און געגאַנגען זיין וועג (ש. אַש).

„המוציא" (האַמויצי) מאַכן—מאַכן אַ ברכה איבער ברויט פאַרן עסן (ביי רעליגיעזע יידן)

● [ער] האָט זיך געוואַשן, המוציא געמאַכט (ש. אַש)

המן (האָמען, האָמאָן) — געשטאַלט פון דער פורים־דערציילונג, וואָס האָט געוואָלט אומברענגען די יידן אין פּערסיע; באַצייכנונג פון אַן אויסגעשפּראָכענעם יידן־פיינד.

● מיר האָבן איבערגעלעבט ערגערע צייטן און גרעסערע המנס (ש"ע)

ער הערט זיי אַלעמען ווי המן דעם גרעגער (ש"ע).

המן הרשע (האָמען [האָמאָן] האָראָשע) — דער שלעכטער, בייזער המן.

די המצאה — המצאות (האַמצאָע — האַמצאָעס) — דערפינדונג; איינפאַל.

● צי שטעקט נישט דרינען עפּעס אַ המצאהלע פון די רויטע יידלעך (ש"ע) איך פאַל אויף אַ המצאה (ש. אַנ־סקי).

דער המשך — המשכים (העמשעך — העמשייכים) — פאָרזעצונג.

● איך האָב נישט באַוויזן אָנצושרייבן דעם המשך פון מיין דערציילונג (א. קאָטיק)

הן... הן... (הען... הען...) —סיי.. סיי...

● זענען מיר פּאָרט מבינים, שאַרפע מבינים הן אויף זינגען, הן אויף שפּילן, הן אויף אַלע אַנדערע זאַכן (ש"ע).

דער הן־צדק (הען־צעדק)—ערן־וואָרט.

● ער דאַרף שווערן אויף זיין הן־צדק, אַז ער וועט פאַרן אַלע יאָר קיין סלאָנים (י. קאָטיק).

די הנאה (האַנאָע) — גענוס, פאַרגעניגן, באַפרידיקונג.

● איך שרייב צוליב זיך, צוליב מיין הנאה וועגן (נ. מייזל).
אונדז, קינדער, האָט שטאַרק הנאָה געטאָן, וואָס מיר האָבן אַ לאָשיקל (סטאַווסקי).

די הנהגה (האַנהאָגע) — אויפפירונג, האַלטונג.

● די גאַנצע הנהגה זיינע איז געווען מער אַ פאָלקסטימלעכע (י. קאָטיק).

I די הנחה — הנחות (האַנאָכע—האַנאָכעס) — רעדוקציע (פון פרייז), פאַרקלענערונג, פאַרלייכטערונג.

● מיר האָבן באַקומען הנחה־בילעטן אין טעאַטער.
צוגעזאָגט הנחות פאַר יידישע קאָלאָניסטן: יאָרן־לאַנג פריי פון אָפּצאָל (פרץ).

II די הנחה — הנחות (האנאָכע—האַנאָכעס) — פאָרויסזעצונג, גרונט־זאַץ, גרונט־געדאַנק.

● מיר גייען אַרויס פון דער הנחה, אַז יעדער געזונטער מענטש דאַרף אַרבעטן.

דאָס הסב־בעט (העסע־בעט) — אָנלען־בעט; ברייטע שטול, אויסגעלייגט מיט קישנס (פאַרן בעל־הבית פסח ביים סדר ביי רעליגיעזע יידן)

● דער טאַטע זיצט אָנגעלענט אויף דעם הסב־בעט מיט גדלות, ווי עס פאַסט זיך פאַר אַ מלך (ש. אַנ־סקי).

די הסברה (האַסבאָרע) — דערקלערונג, אויסטייטשונג, דאָס געבען צו פאַרשטיין.

● זייער אינטערעסאַנט איז געווען זיין אַרט הסברה, ער האָט די שווערסטע פראַגע אַזוי דערקלערט, אַז אַ קינד האָט געקאָנט פאַרשטיין (י. קאָטיק).

דער הסכם (העסקעם) — צושטימונג; פאַרשטענדיקונג; אייגשטימיקע מיינונג,

● עס איז געבליבן ביי אונדז דער הסכם, אַז מיר גייען אין גאָרטן אַריין נאָך באַרן (ש"ע).

די הסכמה (האַסקאָמע) — צושטימונג; אַפּראָבאַציע.

● איך האָב באַקומען דערויף די הסכמה פון מיינע עלטערן.

דער הספד — הספדים (העספּעד — העספּיידים) — טרויער־רעדע (נאָך אַ געשטאָרבענעם), נעקראָלאָג.

● מיר וועלן זיך צעגיסן דערנאָך אין הספדים און נעקראָלאָגן (ש"ע). [ער האָט] געהאַלטן אַ קורצן הספד (א. ביק).

די הסתדרות (היסטאַדרוט) — פאַראיין, אָרגאַניזאַציע. פאַרקירצטע באַצייכענונג פון דער ההסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל (האַ־היסטאַדרוט האַקלאַליט שעל האַאָוודים האַאיווורים בעערעץ ייסראָעל) — די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטער אין ארץ ישראל (אָרגאַניזירט אין יאָר 1920).

די העויה — העויות, העוויה — העוויות (האַווייע — האַווייעס) — גרימאַס; זשעסט.

● ווייז מיר כאָטש איינע צווישן די חיות, אין זאָל נישט נאָכמאַכן אירע העוויות (עטינגער).

די העזה (האָזע) — דרייסטקייט; פרעכקייט.

● העזה דאָס האָט, צו קלאַפּן אין פרעמדע טירן (אָפּאַטאָשו).

העזהדיק (האָזעדיק) — דרייסט; פרעך.

● ער קוקט פון אַ זייט, בייז און העזה־דיק (מ. בורשטין).

העיקר שכחתי (האָיקער שאָ־כאַכטי) — ווערטלעך: דאָס וויכ־טיקסטע האָב איך פאַרגעסן. אַלטע פאָרמולע פון אַ צושריפט צום סוף פון אַ בריוו; פאָסטסקריפּטום. זע אויך: עיקר שכחתי.

די הערה — הערות (העאָרע — העאָרעס) — באַמערקונג.

● איך האָב עס געלייענט אויסנווייניק מיט די הערות (ש. אַש).

די הפטורה — הפטורות (האַפ־טוירע — האַפטוירעס) — שלוס־קאַפּיטל; קאַפּיטל פון נביאים, מיט וועלכן מען פאַרענדיקט דאָס לייע־נען פון דער תורה שבת און יום־טוב אין בית־המדרש; שלוס־וואָרט.

● חדר־יינגלעך זאָגן אָפּ די הפטורה (ש. אַש). ער האָט גענומען זאָגן מיט אַ ניגון פון דער הפטורה (א. ביק).

דער הפך — הפכים (הייפעך — הייפאָכים) — זע: היפך.

הפלא־ופלא (האַפלע־וועפעלע) — וווּנדער איבער וווּנדער, וווּנדערבאַר, אויסטערליש.

● ס'איז הפלא־ופלא, גאָרנישט קיין מענטשלעכער כוח (ש"ע).

די הפסקה — הפסקות (האַפסאָ־קע — האַפסאָקעס) — איבעררייס, פּויזע.

● בשעת יעדער הפסקה כאַפּט ער אָפּ דעם אָטעם (מ. בורשטין).

דער הפקר (העפקער) — שוצלאָזיקייט, פאַרלאָזנקייט (אָן אַ בעל־הבית), אוועקגעוואָרפענע זאַך (אָן אַן אייגנ־טימער); כאַאָס.

● די וועלט איז קיין קרעטשמע, קיין בערוזע, קיין הפקר (פּרץ). ס'איז הפקר — ס'איז שוצלאָז, פאַרלאָזן.

● דער שטויב איז הפקר, דער שטויב איז נישט מיין (פּרץ).

הפקר־יונג — גאַסן־יונג, אונטער־וועלט־מענטש.

הפקר־וועלט — כאַאָס, אַנאַרכיע, אַ וועלט אָן אַ מאָראַלישער און עטי־שער אָרדענונג.

דאָס הפקרות (העפקיירעס) — צע־לאָזטקייט, געזעצלאָזיקייט, אַנאַרכיע.

● און אָט רעדט ער, דער דיכטער, ווייטער וועגן דער הפקרות און צע־לאָזנקייט פון די גבירים (נ. מייזיל).

דאָס הצטרכות — הצטרכותן (היצטאַרכעס — היצטאַרכעסן) — באַ־דערפעניש.

● זיי האָבן שוין געדאַרפט אויך אין איינעם אַרבעטן, כדי צו באַפרידיקן אַלע מאַטעריעלע הצטרכותן (זשי־טלאָווסקי).

די הצלחה (האַצלאָכע) — גליק; דערפאָלג.

● אַז די הצלחה שפּילט צו, גילט ערשט די חכמה (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

די הקדמה — הקדמות (האַקדאָמע — האַקדאָמעס) — אַריינפיר, אַריינפיר־וואָרט, פאָרוואָרט, פאָררעדע.

● די הקדמה איז גרעסער פונעם ספר (ש"ע). איך האָב אָנגעהויבן רעדן אָן הקדמות (ש. אַנ־סקי).

דער הקדש — הקדשים (העקדעש — העקדיישים) — אויפהאַלט־אָרט (אַזיל) פֿאַר אָרעמע קראַנקע יידן (אַמאָל). באַצייכענונג פֿון אַן אומאָרדענטלעך, שמוציק אָרט.

● ביי טאָג האָט ער געוואַנדערט,... און ביי נאַכט גענעכטיקט אין די הקדשים (ש. אַש).

הקיצור (האַקיצער) — קורץ, קורץ גערעדט, מיט איין וואָרט. זע אויך: אַקיצור.

● הקיצור, געפּועלט — מען וועט אונדז שוין געבן אַ באַוואָרעניש (ש״ע).

הקיצור המעשה (האַקיצער האַמייסע) — קורץ דערציילט, דער קיצור פֿון דער דערציילונג. זע: קיצור המעשה.

● הקיצור המעשה, ער פֿאָרט אַ טאָג, ער פֿאָרט צוויי, ער פֿאָרט דריי — גאָרנישט מיט גאָרנישט (ש״ע).

די הקפה — הקפות (האַקאָפע — האַקאָפעס) — דאָס אַרומגיין (מיט די ספֿר־תּורהס אַרום באַלעמער אין שול שמחת תּורה ביים דאַווענען); דאָס אַרומקרייזן; דער אַרומפֿלי; דער טור.

● דער עולם איז געגאַנגען הקפות, פֿאָרויס דער חזן, און פֿון הינטן דאָס גאַנצע קליינוואַרג (ממ״ס). מאַכנדיק איינִיקע הקפות איבערן מאַרק, האָבן זיך די טויבן אויף די דעכער צעשטעלט (ש. אַש).

דער הר־הבית (האַר־האַבאַיס) — בית־המקדש־באַרג, דער באַרג אויף וועלכן עס איז געשטאַנען דער הייליקער טעמפּל אין ירושלים.

● זי [די ציג] פֿלעגט אַלע פֿאַרטאָג לויפֿן זיך פּאַשען ביים הר־הבית און קומען צוריק מיט דריי טעפּ מילך (פּרץ).

הרגענען (האַרגענען) — מערדעריש שלאָגן; שלאָגן אויף טויט, טויטן.

● האָבן די פּויערים געסטראַשעט צו דערהרגענען דעם שׂרה (אָפּאַטאָשו).

דער הרהור — הרהורים (הירהער — הירהורים) — געדאַנק, נאָכטראַכטעניש.

● פֿאַרברענען די שלעכטע הרהורים און מחשבֿות (א. ביק).

דער הרהור־תּשובֿה (הירהער־טשוווע) — געדאַנק וועגן אומקער צום גוטן, געדאַנק פֿון תּשובֿה־טאָן, פֿון אויסבעסערן דעם לעבנס־וועג, (לויט דעם רעליגיעזן באַגריף); די שטימונג פֿון געוויסן.

● גיט עס אַ קלאַפּ אין האַרצן און עס דערוועקט זיך אַ הרהור־תּשובֿה (ש. אַש).

דער הרוג — הרוגים (האָרעג — האַרוגים) — געטויטער, דערהרגעטער, טויטער. זע: הורג.

● וווּהין וועסטו גיין? ווער וועט דיך צונעמען אַזאַ הרוג ווי דו ביסט (ש. אַש).

די הרחבֿה (האַרכאָווע) — ברייטקייט; ווייטקייט.

הרחבֿהדיק (האַרכאָוועדיק) — ברייטלעך; גאָר רייך.

● דער טיש הרחבֿהדיק געגרייט (א. שטיינבאַרג).

הרי־חושך (האָריי־כוישעך) — פֿינצטערע בערג, שוואַרצע בערג; עקוועלט.

● ערגעץ הינטער די הרי-חושך, אויף יענער זייט סמבטיון, געפינט זיך אַ פֿאָלק, וואָס מען רופֿט עס די רויטע יידעלעך (ש"ע).

די **הריגה — הריגות** (האַריגע — האַריגעס) — טויטונג, מאָרד.

● די הריגות פון אונדזערע אבות האָבן געדויערט טעג, וואָכן (ש. אַש).

הרים וגבעות (האָרים אוגוואָעס) — מ"צ—בערג און בערגלעך; גאַנצע בערג זייער אַ סך.

● ער האָט שוין געעפֿנט דאָס מויל און אָנגערעדט אויף אים הרים וגבעות (י. קאָטיק).

הרים וגבעות (האָרים אוגוואָעס) צוזאָגן — צוזאָגן גאָלדענע בערג.

● [ער] האָט מיר צוגעזאָגט הרים וג-בעות, גאָלדענע בערג (ר. בריינין).

דער **הרף-עין** (הערעף-אייען) — אויגנבליק.

● דאָס איז געשען אומגעריכט אין איין הרף-עין.

„הרת-עולם" (האַראַס-אוילאָם) — געמיינט: געבורטס-ווייען פון אַ וועלט, אויפטרייסלונג, באַנייונג פון דער וועלט.

● קריגט זיך נישט מיט אַנאַנדער, היינט איז „הרת-עולם", היינט גייען מיר אַלע צוזאַמען (ש. אַש).

די **השבעה — השבעות** (האַשבאָע— האַשבאָעס) — באַשווערונג (פון גייסטער, לויט דער רעליגיעז-מיס-טישער פֿאָרשטעלונג).

● העלפֿן העלפֿט ער נישט מיט קיין קוויטלעך, נישט מיט השבעות, נאָר מיט זיינע אייגענע האָרעפּאַשנע הענט. (ז. שניאור).

די **השגה — השגות** (האַסאָגע — האַסאָגעס) — באַגריף; באַגער.

● האָט איר דען אַ השגה, ווי דאָס קינד האָט אויסגעזען (ד. פינסקי). נאָך פון קינדווייז אָן איז זיין השגה גע-ווען צו זיין אַ חזן (ש"ע).

די **השגחה** (האַשגאָכע) — אויפזיכט; געטלעכע פֿאָרויסזעונג, לויט דער רעליגיעזער פֿאָרשטעלונג.

● ער גייט איבער אויף דעם טאַטנס הענט, לערנען אונטער זיין השגחה (ממ"ס). ער האָט אין יענער צייט אָנגעהויבן טיף צו גלייבן, אַז די השגחה האָט אים געפירט אויף אָט דעם וועג (ז. ווײַנפּער).

די **השגחה עליונה** (האַשגאָכע עליוינע) — אייבערשטע (הימלישע) השגחה, געטלעכע פֿאָרויסזעונג, לויט דער רעליגיעזער פֿאָרשטעלונג.

די **השגחה פרטית** (האַשגאָכע פּראָטיס) — באַזונדערע געטלעכע פֿאָ-רויסזעונג (לויט דער רעליגיעזער פֿאָרשטעלונג).

● ער האָט גלייך דערזען אין דעם אַ צייכן פון אויבן, אַ השגחה פרטית (י. י. זינגער).

דער **השומר הצעיר** (האַשאָמער האַצאַיר) — וועכטעלעך: יינגער וועכ-טער, נאָמען פון אַ ציוניסטישער יוגנט-אָרגאַניזאַציע און אַרבעטער-פּאַרטיי.

די **השכלה** (האַסקאָלע) — אויפקלע-רונג; אויפקלערונגס-באַוועגונג ביי יידן אין סוף פון 18-טן און אָנהייב 19-טן יאָרהונדערט, אָנהייבנדיק פון משה מענדלסזאָן (1729—1786).

● איך בין ערשט נישט לאַנג אָנגעקומען פון ליטע מיט אַ קאָפּ פול השכּלה און אייראָפּייאישע געדאַנקען (נאָמבערג).

די השלמה — השלמות (האַשלאָמע — האַשלאָמעס) — פאַרפולקאָמונג.

● זעלטן ווען עס גיט זיך אויף אָט דעם וועג איין צו דערגרייכן אַ השלמה (זשיטלאָווסקי).

השם ירחם (האַשעם יעראַכעם) — גאָט זאָל זין דערבאַרעמען.

השם ישמרנו (האַשעם יישמעריינו) — גאָט זאָל אונדז אָפּהיטן.

● וועט עס זיין אַ וואָך, השם ישמרנו (פּרץ).

השם יתברך (האַשעם ייסבאָרעך) — גאָט. (ווערטלען: גאָטס נאָמען זאָל זיין געבענטשט).

● דאַנקען השם יתברך, וואָס מען קאָן שוין כאָטש געבן אַ לאַך (ש"ע).

די השערה — השערות (האַשאָרע — האַשאָרעס) — אָננעמונג, פאָרשטעלונג, היפּאָטעזע, נישט זיכער באַגרינדעטע מיינונג.

● לויט דער השערה פונעם מחבר, געפינט זיך סמאָלין אין סאַמע האַרץ פון מאַזאָוויע (מ. בורשטין).

די השפּעה — השפּעות — (האַשפּאָע — האַשפּאָעס) — איינפלוס, ווירקונג.

● די השפּעות פון דער וועלט-ליטעראַטור זעענען ביי אים [ביי פּרצן] געווען זייער שטאַרק (נ. מייזיל).

דאָס השתדלות (הישטאַדלעס) — באַמיונג.

● דורך מיין השתדלות איז די דערציילונג געדרוקט געוואָרן (ש. דובנאָוו).

דאָס השתפּכות הנפש (הישטאַפּכעס האַנעפעש) — האַרציקייט; עקסטאַז; העכסטע באַגייסטערונג.

● „דיין דערפאָלג איז אונדזער אַלעמענס שטאָלץ" — האָט ער צו מיר געזאָגט אין אַ מינוט פון השתפּכות הנפש (ש"ע).

דאָס התבודדות (היסבוידעדעס) — אָפּגעזונדערטקייט, אָפּגעשלאָסנקייט, דאָס זיין אַליין מיט זיך.

● דאָ פלעגט ער זיצן ביי דער נאַכט אין התבודדות אַליין (פּרץ).

דאָס התגלות — התגלותן (היסגאַלעס — היסגאַלעסן) — אַנטפּלעקונג.

● עס אינטערעסירן אונדז אַלעמען זיינע בלאָנדזשענישן און התגלותן (נ. מייזיל).

דאָס התחזקות (היסכאַזקעס) — שטאַרקונג, דערמוטיקונג.

● האָט ער דאָך אַ שטיקל התחזקות אין דעם, וואָס אַ ייד איז אַזוי געהויבן (בערדיטשעווסקי).

דאָס התחיבות — התחיבותן (היסכייוועס — היסכייוועסן) — פאַרפליכטונג.

די התחלה — התחלות (האַסכאָלע — האַסכאָלעס) — אָנהייב.

● אים איז שווער געווען צוצוזוכן אַן אָנהייב, צו מאַכן אַן התחלה (אָפּאַטאָשו).

דאָס התלהבות (היסלאַהאַוועס, היסלייוועס) — באַגייסטערונג; ברען.

● זעט נאָר זייער באַגייסטערונג, זייער

התלהבות (ממ״ס). מיר האָבן גערעדט מיט היץ, מיט התלהבות (י. קאָטיק).

די התמדה (האַסמאָדע) — פלייסיקייט; אויסדויער.

● געלערנט מיט גרויס התמדה (ש. אַש). ער האָט מיט התמדה געלייענט (א. ביק).

דאָס התמנות (היסמאַנעס) — אַמט פון אַן עלטסטן; דאָס אויפנעמען פאַר אַן עלטסטן.

● קיין התמנות נעמט ער בשום־אופן נישט אָן: ער איז קיין „דאָזאָרצע״, קיין גבאי נישט (פרץ).

דאָס התנגדות (היסנאַגדעס) — קעגנערשאַפט.

● די פאַרערונג פאַר פרצן, די פיעטעט פאַר זיין גייסט האָט נישט איין מאָל אַרויסגערופן שטאַרקע התנגדות און פאַרביטערונג (נ. מייזיל).

דאָס התנהגות (היסנאַגעס) — אויפפירונג; האַלטונג.

● זיין התנהגות, זיין אויפפירונג האָט אַלעמען איבערראַשט.

דאָס התנצלות (היסנאַצלעס) — פאַרענטפערונג.

● נאָך אַזאַ מין התנצלות וועט דער גוטער לייענער געוויס קיין טענה נישט האָבן (ש״ע).

דאָס התפעלות (היספּײלעס) — אַנטציקונג, באַגייסטערונג, צעפלאַמטקייט.

● לילי האָט זיך פון גרויס התפעלות אַזש צעוונגען (אָפּאַטאָשו).

די „התקוה״ (האַטיקוואָ) — „האָפענונג״. נאַציאָנאַלער הימן פון דער יידישער מלוכה ישראל, געשאַפן אין יאָר 1878 פון נפתלי הערץ אימבער (1856—1909).

דאָס התקרבות (היסקאַרוועס) — דערנענטערונג.

● צווישן אונדז האָט זיך געשאַפן אַ באַשטימטע התקרבות (א. קאָטיק).

דער התר — התרים (העטער — העטיירים) — דערלויבעניש, באַפרייונג פון אַ (ריעליגיעזן) געבאָט. זע: היתר.

● אויף יעדער זאַך וועט ער איך אויסגעפינען אַ התר.

ער זאָל אַרויסגעבן אַ התר (א. ביק).

די התר־הוראה (העטער־הויראָע) — רבנישער דיפּלאָם, אויטאָריזאַציע אויף צו זיין אַ רב, רבנות־דערלויבעניש.

די התר־שחיטה (העטער־שכיטע) — דיפּלאָם, אויטאָריזאַציע אויף אַ שוחט.

● ער נעמט אַרויס אַ היתר־שחיטה און ווערט שוחט אויפן דאָרף (פרץ).

ואהבת לרעך כמוך (וועאָהאַווטאָ לערייאַכאָ קאָמויכאָ)— זאָלסט ליב האָבּען דיין מיטמענטש ווי זיך אַליין. אַ בּיבּליש געזעץ, וואָס הלל האָט געהאַלטן פאַרן עיקר פון דער יידישער רעליגיע,

ואיננו (וועאייגעָנו) — און ער איז נישטאָ, און ער איז פאַרשווונדן געוואָרן

● און איידער וואָס - ווען ואיננו — דער בּחור איז פאַרשווונדן (ש״ע).

ודוי (ווידע) — זע: ווידוי.

ודי לנבון (וועדיי לעָנאָווין)—און עס איז גענוג פאַר דעם, וואָס פאַרשטייט. אַ צושריפט-פאָרמולע, וואָס ווערט בּאַנוצט, ווען מען וויל, אַז יענער זאָל זיך אַליין אָנשטויסן, וואָס מען מיינט.

● אויף אַזוי ווייט קאָן איך מיך פאַר דיר אַרויסרעדן — ודי לנבון (י. קאָטיק).

והא ראיה (וועה ראַיע)—און אָט אַ בּאַווייז.

● איך האָבּ געוווּסט, אַז איר וועט קומען, און והא ראיה, איך האָבּ אייך מיטגעבּרענגט קעז. (פּרץ)

והיום (וועהאַיוים) — און היינט, און איצט.

● והיום, און אַצינד קום איך פאָרצוזעצן דעם ספּור (ש. אַנ-סקי).

והילד איננו (וועהאַיעלעד אייגענו) — און דאָס קינד איז נישטאָ, דאָס „קינד” איז פאַרשווונדן געוואָרן.

● פּלוצים פּלעגט ער זיך אויפהויבּן, אַוועקגיין און והילד איננו, נישטאָ פּעפּערל (ש״ע).

וו (וואָוו) — (דאָס זעקסטע אות (ו) פון עם אַלף-בּית.

ווידוי, וידוי (ווידע) — בּאַקענטעניש צו זינד, בּאַקענטעניש צו אָפּגעטוענע מעלערן; אַ תּפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן פאַרן שטאַרבּן.

● אַז מען לעבּט אָן חשבּון, שטאַרבּט מען אָן ווידוי (שפּריכוואָרט לויט א. בּערנשטיין). ער דערציילט פון זיינע איבּערלעבּענישן ווי אַ פאָרזעצונג פון זיין ווידוי (ד. פּינסקי)

וויזתא וויי(זאָסאָ) — זע: ויזתא

וויכּוח — וויכּוחים (וויקועך — וויקוכים) — דיסקוסיע, פּאָלעמיק, דעבּאַטע; דיספּוט, וואָרטשטרייט.

● מיט זיי האָבּן וויכּוח, דאַרף מען זיך גוט אונטערגאַרטלען, זיי איבּערשפּאַרן איז אוממעגלעך (ש״ע).

דער וויתּור — וויתּורים (וויטער— וויטורים) — פאַרציכטונג, דאָס אָפּזאָגן זיך פון אַ רעכט, פון אַ פּרינציפּ; קאָמפּראָמיס.

● מיר זענען נישט גרייט צו קיין ווי־תּורים, צו קאָמפּראָמיסן.

דער ו ו ע ד — ו ו ע ד י ם (וואַד — וואַדים) — זע: ועד.

דער ו ו ש ט (ווײַשעט) — גאָרגל.

ו ו ש ת י (וואַשטע) זע: ושתּי.

דער ו ו ת י ק — ו ו ת י ק י ם (וואַטיק — וואַטיקים)—זע: ותיק.

דער ו ו ת ר ן — ו ו ת ר נ י ם (וואַטרען—וואַטראָנים) — זע: ותרן

דאָס ו ו ת ר נ ו ת (וואַטראָנעס) זע: ותרנות.

ו י ב ו א ה מ ן (וואַיאָווי האָמען) — און המן איז אַרײַנגעקומען. אַן אויסדרוק, וואָס ווערט באַנוצט, ווען עס קומט פּלוצים אַרײַן אַ בייזער מענטש, אַ פֿײַנט.

● איך הייב איף די אויגן — ויבוא המן! פֿאַר מיר שפּייט דער מלאַך המות (ש. אַנ־סקי.)

„ו י ב ר ח" (וואַיווראַך) מאַכן — מאַכן פּיס, אַנטלויפֿן.

● נעמט די פּיס אויף די פּלייצעס און מאַכט ויברח (ש"ע).

ו י ד ו י (ווידע) — זע: ווידוי.

ו י ה י (וואַיעהי)—און עס איז געווען. ווי „ויהי" איז אַ צרה (פֿאָלקסווערטל לויט א. בערנשטײַן). דאָס ווערטל נעמט זיך דערפֿון, ווײַל אַלע קאַפּיטלעך פֿון דער ביבל, וועלכע הייבן זיך אָן מיטן וואָרט „ויהי", דערציילן וועגן טרויעריקע געשעענישן.

ו י ה י ה י ו ם (וואַיעהי האַיום) — און עס איז געקומען דער טאָג; אין אַ שיינעם טאָג; אַמאָל איז געווען (אַרײַנפֿיר - פֿאָרמולע פֿון אַ מעשהלע)

● ויהי היום איז אין אַ שיינעם זומערטאָג געקומען אין דעם שטעטל אַ גרייז־גרויער ייד (ממ"ס).

ו י ה י ר צ ו ן (וואַיעהי ראָצן)—זאָל גאָט וועלן, זאָל זײַן דער ווילן (פֿון גאָט)

● ויהי רצון, און זאָל זײַן דער גוטער ווילן פֿון זײַן ליבן נאָמען, אַז מײַן סטעמפּעניו זאָל געפֿינען לײַטזעליקייט אין אײַערע אויגן (ש"ע).

ו י ז ת א (ווײַזאָסאָ) — נאָמען פֿון המנס יינגסטן זון; באַצייכענונג פֿון אַ גרויסן נאַר.

ו י כ ו ח — ו י כ ו ח י ם (וויקועך — וויקוכים) - זע: וויכּוח.

ו י ל ך (וואַיעילעך)—און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

● גאַנץ פֿרי איז ער אויפֿגעשטאַנען, עפּעס גענומען אין מויל אַרײַן און וויילך (בערדיטשעווסקי).

ו י צ ע ק ו (וואַיצאַקו) — ווערטלעך: זיי האָבן געשריגן; גרויס געשריי.

● איז דאָך געוואָרן ...אַ ויצעקו: סטייטש אַ ייד דרייט און דרייט (ש"ע).

ו י ק ר א (וואַיקראָ) „און ער האָט גערופֿן", נאָמען פֿונעם דריטן חומש־בוך.

ו י ת ו ר — ו י ת ו ר י ם (וויטער — וויטורים) — זע: וויתור.

ו י ת ר ו צ צ ו (וואַיסרוצעצו) — „און זיי האָבן זיך געשטויסן, גע(ה)אַמפּערט; אינערלעכער ווידערשפּרוך, אינעווייניקסטער קאַמף.

● ויתרוצצו... האָבן זיך די צוויי מענדעלעך געבוצקעט אינעווייניק, געריסן זיך און געפּליקט (ממ"ס). איך

האָב טאַקע דורכגעלעבט אַ היפּשן ויתרוצצו אין מיין נשמה (זשיטלאָווסקי).

וכדומה (אוכדוימע)—און דאָס גלייכן.

● וואָס טראָגט אַ גייער? בענדער און בענדלעך, קעמעלעך, נאָדלען און האָרנאָדלען ,און שפּילצייג פאַר קינדער... וכדומה אַזעלכע קלייניקייטן (פּרץ).

ויכוח — ויכוחים (וויקועך — וויקוכים) זע: וויכּוח.

וכשמו כן הוא (וועכּישמוי קיין הו) — אַזוי ווי זיין נאָמען, אַזוי איז ער.

● וכשמו כּן הוא:... אַזוי האָט מען אים גערופן! אַן אייזערנער ייד! אַ ייד ווי אַ בוים (פּרץ).

ומעשה שהיה כּך היה (אומייסע שעהאָיאָ קאַך האָיאָ) די געשיכטע ,(די זאַך) איז אַזוי פאָרגעקומען; אַן אַלטע אַריינפיר-פאָרמולע אין אַ דערציילונג.

ונתנה תוקף (אונסאַנע טויקעף)—אַ תּפילה (וועגן הימלעשן געריכט איבער דער וועלט און מענטשן), וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן ראש השנה און יום כּפּור ביים דאַווענען.

● גייט לאָדט אים צום ונתנה תוקף (פּרוג).

דער ועד (וואַאַד) — קאָמיטעט.

דער ועד ארבע ארצות —(וואַאַד אַרבאַ אַראָצעס)—סינאָד - פאָרשטייערשאַפט פון די יידישע קהילות פון די פיר אַלט-פּוילישע פּראָווינצן: גרויס-פּוילן, קליינפּוילן, פּאָדאָליע-גאַליציע און וואָלין (אין אָנהייב אויך ליטע) אין 16—18 טן יאָהרהונדערט נ"ק.

ועל כּולם (וועאַל קולאָם) מער פון אַלץ, איבער אַלץ.

● איך קאָן נישט פאַרטראָגן דאָס רויטע פּניב זיינס מיט די פעטע באַקן מיט דער מעשענער באָרד און ועל כּולם דאָס היסטעלע זיינס (ש"ע).

דער וצדקתך (וועצידקאָסכאָ) — „און דיין פרומקייט". באַצייכענונג פון אַ היפּער-פרומען, פון פאַלשער פרומקייט.

● דער פרומער, דער וצדקתך דאַנקט דעם אייבערשטן, וואָס אים האָט דאָס נישט פאַרטשעפּעט (ממ"ס). נישט חלילה קיין וצדקתך ווי אַנדערע ווייבער (ש"ע).

דער ושט (ווישעט) — גאָרגל.

ושתּי (וואַשטע) נאָמען פון אחשורושעס ווייב (אין דער פּורים-דערציילונג).

דער ותור—ותורים (וויטור וויטורים) — זע: וויתּור.

דער ותיק — ותיקים (וואַטיק — וואַטיקים) — פליסיקער, איבערגעגעבענער, טרייער, לאַנגיאָריקער; דער וואָס-שטייט אויף זייער פרי צום לערנען.

● דו ביסט פון די ותיקים-לייט, קומסט אין דער ביבליאָטעק גאַנץ פרי (זשיטלאָווסקי).

דער ותרן — ותרנים (וואַטרען — וואַטראָנים) — ברייטהאַרציקער; קאָמפּראָמיס-גרייטער ;דער וואָס איז גרייט צו פאַרציכטן, זיך פון עפּיס אָפּצוזאָגן.

● אונזערע גבירים זענען ותרנים אויף אַ ווילער עצה, אויף אַ גוט וואָרט (ממ"ס).

דאָס ותרנות (וואַטראָנעס)—ברייטהאַרציקייט: נויגונג צו פאַרציכטן, זיך פון עפּעס אָפּצוזאָגן, צו מאַכן קאָמפּראָמיסן.

ז

ז א ב (זעוו) — נאָמען פון אַ מאַנצביל. אין יידיש: וואָלף.

ז ב ו ל ו ן (זוווּלן) — ביבל־פּערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

ז ה ב כ ה ו ז ה ב כ ה (זע בעכוי, ווענע בעכוי, זע בעקוי, ווענע בעקוי) — דער (זאָגט) אַזוי און דער (זאָגט) אַזוי; דער אַהער און דער אַהין.

● קומען זיי... ווערט זה בכה וזה בכה! איינער זאָגט אַ דריטל, איינער — אַ האַלבן, איינער גאָר אַ גאַנצן מי־ליאָן (פּרץ).

ז ה ה ר ג ע (זע האָרעגע)—די מינוט, אין דער מינוט.

● זה הרגע ווייז אַ וועג מיר (ש. אַנ־סקי).

ז ה נ ו פ ל ו ז ה ק ם (זע נויפל ווענע קאָם) — דער פּאַלט און דער שטייט אויף, דער ווערט דערנידעריקט און דער ווערט דערהויבן.

● זה נופל וזה קם... מאַכט דער נייער קינסטלער דעם זעלבן וועג, וואָס דער אַלטער האָט געמאַכט (פּרץ).

ז ה ב ט ה ו ר (זאָהאָוו [זאָהעוו] טאָ־הער) — ריין גאָלד, גינגאָלד.

● זיי שאַרן אַרויס פון אַ גריבל נישט קיין זאַמד, נאָר ריין גאָלד, טאַקע זהב טהור (פּרץ).

ז ה ר (זויהאר, זויהער) — זע: זוהר.

ז ו ת ו ר ה ו ז ו ש כ ר ה (זו [זוי] טוירע ווענע [ווענוי] סכאָראָ) — דאָס איז דאָס לערנען און דאָס איז זיין באַלוינונג.

● אַלץ טרייבט צום לערנען! אָבער זו תורה וזו שכרה (פּרץ).

ז ו ג ת ו (זוגאָסוי) — זיין ווייב.

● ער שרייבט מיר, איך זאָל אַריינגיין צו זיין זוגתו (ש. אַש).

ז ו ג ת י (זוגאָסי) — מיין ווייב.

● זיי וויסן, זוגתי טריינע מירל (פּרץ).

ז ו ג ת ך (זוגאָסכאָ) — דיין ווייב.

● דאָרט זיצט זוגתך טריינע מירל און זי האָט ליב צו הערן דורך אַ שפּאַרע. (פּרץ).

„ז ו ה ר" (זויהאַר, זויהער)—ווערטלעך: ליכט־שיין. נאָמען פונעם גרונט־ווערק (אין דער אַראַמישער שפּראַך) פון דער יידישער רעליגיעז מיסטישער לערע (קבלה, ז"ד), צוגעשריבן דעם תנא ר' שמעון בן יוחאי. וואַרשיינלעכער מחבר אָדער רעדאַקטאָר: משה די־ליאון אין שפּאַניע (סוף פון 13טן יאָר־הונדערט נ"ק).

דער ז ו ו ג - ז ו ו ג י ם (זיווע־זיוווּגים) — זע: זיווג.

ז ו כ ה (זויכע) זיין — ווערט זיין, האָבן דאָס גליק; זיך פאַרדינען.

● נישט זוכה געווען פערזענלעך זיך צו באַקענען מיטן גרעסטן פון אונ־דזערע פּאָעטן (ש"ע).

דער זול (זאָל) — וואָלוולקייט, ביליקייט.

● היינטיקן זומער איז אַ גרויסער זול אויף אויבס.

דער זולל (זוילעל) — פרעסער.

● דו זולל, דו באַנדיט, ווי פרעסט מען דאָס אַזוי פאַרשייט? (אָליצקי).

דער זולל־וסובא (זוילעל וועסויווע) — זע: זולל־וסובאניק.

דער זולל־וסובאניק (זוילעל־וועסויוועניק) — פרעסער און זויפער.

● אַ גראָב נפש... און אַ גרויסער זולל וסבאניק (ש״ע).

דער זיו־השכינה (זיוו־האַשכינע)— געטלעכער שיין.

● אויף פיל פנימער איז פשוט געווען אויסגעגאָסן דער זיו־השכינה (ש. אַש).

דער זיווג—זיווגים (זיוועג — זיווגים) — איינס פון אַ פּאָר פאָלק (מאַן אָדער פרוי); דער צונויפשטעל פון אַ פּאָר פאָלק.

● זאָל דער אייבערשטער נאָר צושיקן דעם רעכטן זיווג (ש״ע).

דער זיווג מן השמים (זיוועג מין האַשאָמאַיִם) — זיווג פון הימל, געראָטענער זיווג.

● שיינטשע און לוי, איר מאַן זענען געווען אַ גלייך פּאָר פאָלק, טאַקע אַ זיווג מן השמים (ממ״ס).

דער זיכרון (זיקאָרן) — זע: זכרון.

די זין (זאַיִען)—דאָס זיבעטע אות (ז) פונעם אלף־בית.

די זיקנה (זיקנע)—זע: זקנה (זיקנע).

זכור את אשר עשה לך עמלק (זכאָר עס אַשער אָסאָ לעכאָ אַמאָלעק) — געדענק, וואָס עס האָט דיר געטון דער עמלק. אַ זאַץ פון דער ביבל, וואָס ווערט אָפט פאַראַפראַזירט אין באַציונג צו די היטלעריסטן.

דאָס זכות—זכיות (זכות—זאָכיעס) פאַרדינסט (אין מאָראַלישן און גייסטיקן זין); באַרעכטיקונג; רעכט. אין זכות—צוליב, וועגן.

● גיב אין זכות פון קינדער קליינע וואַסער לויטערע און ריינע (י. פיכמאַן). דאָס איז אים בייגעשטאַנען דאָס זכות פון זיין רבין מאָניש (ש״ע).

זכותו יגן (זכוסוי יאָגיין)—זיין זכות זאָל אונדז באַשיצן, זיין זכות זאָל אונדז ביישטיין.

● און דעם ים געשפּאָלטן ווער? מיין זיידע זכותו יגן (א. שטיינבאַרג).

דאָס זכות אבות (זכות אָוועס) — — פאַרדינסט (אין גייסטיקן זין) פון די עלטערן; פאַרדינסט פון די פאַטריאַרכן (פון די אבות, (ז״ד); פראָטעקציע.

● ביז וואַנען אָבער זכות אבות וועט ביישטיין (ממ״ס). איך בין אַוועק זוכן זכות אבות, פּראָטעקציע (ש״ע).

דאָס זכות הקיום (זכוס האַקיום) — עקזיסטענץ - באַרעכטיקונג, דאָס רעכט אויף לעבן.

● מיר דאַרפן פאַר אונדזער פאָלק קיין זכות הקיום נישט זוכן (זשיטלאָווסקי).

די זכיה (זכיע) — גנאָד; ערע; גליק; פריווילעגיע.

● ביי אונדז איז געווען אַ זכיה, אַז ער האָט גערעדט מיט אונדז (י. קאָטיק). אַ זכיה איז געווען אומעטום ביי יידן,

אַז מען האָט געהאָרכט ניסע בעלזער זינגען (ש"ע).

דער ז כ ר (זייכער) — אָנדענק; שפור; איבערבלייבעניש.

● פון זומער פון גרינעם קיין זכר געבליבן (א. וויקטאָר). דאָס איז אַ זכר פון אַמאָליקער פעסטונג (י. קאָטיק).

דער ז כ ר — ז כ ר י ם (זאָכער — זכאָרים) — ייִנגל, מאַנצביל.

דער ז כ ר ו ן (זיקאָרן) — פעיקייט פון געדענקען, פון זיך דערמאָנען, פון דערינערונג.

● קינדער־יאָרן, זיסע קינדער־יאָרן, אייביק בלייבט איר וואַך אין זכרון (געבירטיג).

ז כ ר ו נ ה ל ב ר כ ה (זיכרוינאָ ליוראָכע)—איר אָנדענק זאָל זיין געבענטשט.

ז כ ר ו נ ו ל ב ר כ ה (זיכרוינוי ליוראָכע) — זיין אָנדענק זאָל זיין געבענטשט (ווען אַ געשטאָרבענעם גערעדט).

ז כ ר ו נ ו ת (זיכרוינעס) — מ"צ — דערינערונגען; מעמואַרן.

● עס זענען מיר איצט ליב די זכרונות פון מיין יוגנט (ר. ברייניִן).

ז כ ר י ה (זעכאַריע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל; ביבל־פערסאָנאַזש.

דער ז ל ז ו ל—ז ל ז ו ל י ם (זילזל—זילזולים) — זידלעריי, באַליידיקונג.

● קיין שום זלזולים און אָנפאַלן האָבן נישט געהאַט קיין ווירקונג (ש. דובנאָוו).

ז ל מ ן (זאַלמען) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

ז ל פ ה (זילפּע) — ביבל־פערסאָנאַזש, נאָמען פון אַ פרוי.

ז מ י ר ו ת (זמירעס) — מ"צ — שבת־לידער, שבת־געזאַנגען.

● דער ז מ ן—ז מ נ י ם (זמאַן—זמאַנים)— צייט; סעמעסטער. דאָס האַלבע לערנ־יאָר אין רעליגיעזע שולן.

● אַזוי גייען פאַרביי זמנים און יאָרן (פּרץ).

דער ז מ ר (זעמער) — געזאַנג; מעלאָדיע; ליד.

דער ז ק ן — ז ק נ י ם (זאָקן — זקיינים) — אַלטער.

די ז ק נ ה — ז ק נ ו ת (זקיינע — זקיינעס) — אַלטע.

די ז ק נ ה (זיקנע)—אַלטקייט, די עלטער.

ז ק נ ה ד י ק (זיקנעדיק) — אַלט.

● פאַרטראַכט מיט אַ זקנהדיקער מיושבדיקייט איז געלעגן דער ברעג פון טייך (א. ביק).

ז ק נ י ־ ה ד ו ר (זיקניי־האַדאָר) -- די עלטסטע פון דור, די עלטסטע פון דער גענעראַציע.

ז ק נ י ם ־ ה ו י ז (זקיינים־הויז) — הויז (אַנשטאַלט) פאַר אַלטע לייט.

ז ר ו ב ב ל (זרובאָוועל) — נאָמען פונעם אייניקל פונעם יידישן קעניג יהויכין, וואָס האָט די יידן צוריקגעפירט פון בבל קיין ארץ־ישראל (אין יאָר 536 פ"ק).

ז ר ח (זאָרעך)— נאָמען פון אַ מאַנצביל.

די ז ר י ע ה — ז ר י ע ו ת (זריע — זריעס) — דער פאַרזיי, דאָס פאַרזייען אַ פעלד.

● אַזוי ווי די זריעה, אַזוי איז די תבואה (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

ז ר ש (זערעש) — נאָמען פון המנס ווייב (פון דער פורים־דערציילונג).

ח

חב״ד (כאַבאַד) — די ערשטע אותיות פון די ווערטער: חכמה (כאָכמע), בינה (בינע), דעת (דאַאַס) — קלוגשאַפט, פאַרשטאַנד, וויסן, וועלכע זענען, לויט דער קאַבאַליסטישער פאָרשטעלונג, די שעפערישע כוחות (ספירות) פון גאָט; באַצייכענונג פון אַ חסידישער ריכטונג, וואָס האָט געשטרעבט צוריק צו קבלה, געגרינדעט דורך שניאור זלמן פון ליאַדע.

● ווי דער מנהג פון די חבדער חסידים (ז. שניאור).

דער חבוט הקבר (כיבעט האַקייווער) — זע: חיבוט הקבר.

דער חבור — חבורים (כיבער — כיבורים) — זע: חיבור.

חבלי־יצירה (כעווליי־יעצירע) — מ״צ — שאַפונגס־שמערצן, שאַפונגס־ווייען.

● עס זענען געווען די ערשטע חבלי־יצירה פון אַ שפּראַך, וואָס האָט געדאַרפט נאָכאַמאָל געבוירן ווערן (בריינין).

חבלי־לידה (כעווליי־ליידע) — מ״צ — געבורט־שמערצן, געבורט־ווייען.

● דאָס זענען געווען די חבלי־לידה, די געבורט־ווייען פון אַ פרייען מאָרגן פאַר אַלע מענטשן.

דער חבר — חברים (כאַווער — כאַווייריםֹ) — פריינד, קאָלעגע, מיטשילער, שול־פריינד, פאַרטיי־מיטגליד.

דער חבר־לדעה (כאַווער־לעדייע) — איינשטימיקער אין דער מיינונג, אין געדאַנק.

די חברה — חברות (כאַוויירע — כאַוויירעס) — זע: חברטאָרין, חברטע.

די חברה — חברות (כעווורע — כעווורעס) — געזעלשאַפט, גרופע, קאָמפּאַניע, פאַריין.

● איז אַרויס מיט אַ קריטיק איינער פון דער חברה (ממ״ס).

דער חברה־מאַן — חברה־לייט (כעווורע־מאַן — כעווורע־לייט) — שטיפער, קלוגער, בריה, ווילער יונג. ווייסע חברה־ביקעס — שטיפער; קליינע שטיפער.

● איר קאָנט אים גאָרנישט און ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ חברה־מאַן דאָס איז (ש״ע).

די חברה־קדישא (כעווורע קאַדישע) — „הייליקער פאַראיין" — יידישע רעליגיעזע געזעלשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט באַערדיקן געשטאָרבענע.

די חברותא — חברותות (כאַווורטע — כאַוורוסעס) — גרופע, געזעלשאַפט (מעיסטנס איראָניש).

● זיי וואָלטן זי אַריינגענומען אין זייער ווייבערשער חברותא (ש. אַש).

די חברטאָרין — חברטאָרינס (כאַווערטאָרין — כאַווערטאָרינס) — פריינדין.

● איך מיט זיין מאַמעשי זענען מיר געוואַקסן צוזאַמען, געווען חברטאָ־ווינס פון קינדווייז אָן (אָפּאַטאָשו).

די ח ב ר ט ע—ח ב ר ט ע ס (כאַווערטע—כאַווערטעס)—פריינדין, שול־פריינדין; פּאַרטיי־מיטגליד.

די ח ב ר י א, ח ב ר י ה (כעווריייע) — קאָמפּאַניע; כאַליאַסטרע; געזעלשאַפט.

● פלוצלונג אָבער גיט באַשע־גיטל אַ קוק, דערזעט זי, אַז די נשים פון דער חבריה... טראָגן אירע בעסטע טאַמעטענע און זיידענע קליידער (פּרץ).

זיך ח ב ר ן (כאַווערן) — קאָלעגירן, צוזאַמענלעבן, זיין באַפריינדעט.

● אַ גאַנץ יאָר געוואַקסן אין וואַלד, בין איך קנאַפּ געוויינט געווען צו חברן זיך מיט קינדער (א. קאָטיק).

די ח ב ר ש אַ פ ט (כאַווערשאַפט) — פריינדשאַפט.

● דינסט איז נישט קיין חברשאַפט (ז. שניאור).

די ח ג א — ח ג א ו ת (כאַגע — כאַגאָעס, כאָגעס) — קריסטלעכער רעליגיעזער יום־טוב (שאָוויניסטישע באַצייכענונג).

● אַז מען קלינגט, איז חגא (שפּריכוואָרט).

די ח ג י ג ה — ח ג י ג ו ת (כאַגיגע — כאַגיגעס) — פייערונג.

● די פרייד איז געקומען צום אויסדרוק אין די חגיגהלעך, וואָס מען האָט דורכגעפירט פון צייט צו צייט (ז. ווײַנפּער).

דער ח ד ב ד ר א (כאַד בעדאָרע)—איינציקער אין דור, איינער אין זיין גענעראַציע, דער ערשטער פון זיין צייט.

● [ער] וויל זיין אַ חד בדרא, וויל אומעטום שטיין בראש (א. ביק).

דער ח ד ־ ג ד י א (כאַד־גאַדיאָ) — „אַ ציגעלע"—דאָס לעצטע ליד פון דער הגדה (ז.ד.) מיט דעם וואָרט פלעגט מען באַצייכענען אויך אַן אַרעסט, אַ טורמע.

● דער חד־גדיא מיטן נייעם ניגון איז גאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן (פּרץ). מען האָט אים, וואָס אַרט אייך, איינגעזעצט אין חד־גדיא אַריין (ש"ע).

דער ח ד ו ש ־ ח ד ו ש י ם (כידעש־כידוּשים)—זע: חידוש.

דאָס ח ד ר—ח ד ר י ם (כיידער־כאַדאָרים)— צימער; רעליגיעזע שול פאַר קינדער; גייסטיקע ריכטונג (שול).

● איך קויף אַוועק די דאָזיקע שטוב אין גאַנצן מיט אַלע דריי חדרים (ש"ע). פון חדר זאָגט מען נישט אויס. (פאָלקסווערטל).

דאָס ח ד ר ־ מ י ו ח ד — ח ד ר י ם ־ מ י ו ח ד י ם (כיידער ־ מעיוכעד — כאַדאָרים־מעיוכאָדים)—אָפּגעזונדערט צימער.

● פאָרגעקומען איז דער עקזאַמען טאַקע ביי אים אין זיין חדר מיוחד, וווהין קיין בן־אדם האָט נישט געטאָרט אַריינקומען (ש"ע)

דער, דאָס ח ד ר ־ מ ת ו ק ן—ח ד ר י ם ־ מ ת ו ק נ י ם (כיידער־מעסוקן — כאַדאָרים ־ מעסוקאָנים) — אויסגעבעסערט חדר, פאַרבעסערטע רעליגיעזע שול פאַר קינדער.

● אין יענע יאָרן זענען אויפגעקומען די אַזויגערופענע חדרים ־ מתוקנים,

אויסגעבעסערטע, מאָדערנע חדרים, הייסט עס (אל. צייטלין).

דער **חוב-חובות** ((כויוו-כויוועס)— דאָס געבאָרגטע געלט; פליכט.
● פאַר אַן אַלטן שלעכטן חוב גנעמט מען אפילו פּלעווע אויך (שפּריכוואָרט לויט א. בערנשטיין). ער האָט זיין חוב דערפילט.

דער **חובב-ציון—חובבי-ציון** (כויוועוו-ציען—כאָוועוויי-ציען) — ציון-פריינד, ליבהאָבער פון ארץ-ישראל, אָנהענגער פון דער אַמאָליקער באַוועגונג חיבת-ציון (ז"ד).

„חובבי שפת עבר" (כאָוועוויי ספאַס אייווער) — מ"צ—ליבהאָבער פון דער העברעישער שפּראַך, העברעיסטן.

דער **חודש-חדשים** (כוידעש—כאַדאָשים) — מאָנאַט, צוועלפטער טייל פון יאָר.

חוה (כאַווע)—נאָמען פון אַ פרוי.

דער **חוזה** (כויזע)—זעער,נביא (ז"ד).

דער **חוזק** — שפּאָט, געלעכטער. (שטאַמט אייגנטלעך נישט פון העברעישן וואָרט „חוזק", נאָר פונעם נאָמען פון אַ יידישן פּראָפעסיאָנעלן וויצלער, וואָס האָט וואַרשיינלעך געלעבט אין 18-טן יאָרהונדערט אין פּוילן.
● ביי אייך איז אַלץ ווילד, חוזק אין גאַנצן (ממ"ס). אַ חוזק-שמייכל לייגט זיך אים איבערן מויל (פּרץ).

חוזק (כויזעק) מאַכן (פון עמעצן) — אָפּשפּעטן פון עמעצן, עמעצן אויסלאַכן.
● פריער האָט מען געלאַכט, געמאַכט חוזק, געזאָגט ווערטלעך (ש"ע).

חוזקן (כויזעקן)—שפּעטן, אָפּשפּעטן, אויסלאַכן.
● זיי האָבן מיך מער אָדער ווייניקער אויסגעחוזקט (זשיטלאָווסקי).

חוזר (כויזער) זיין — זיך צוריקציען פון אַן אָפּגערעדטער זאַך; באַדויערן.
● ער האָט חוזר געווען און פאָדערט אַ העכערן פּרייז.

חוזר בתשובה (כויזער ביטשווע) זיין — זיך אומקערן אויפן גוטן וועג.

דער **חוט-המשולש** (כוט-האַמשולעש) — דרייפעדעמדיקע שנור; דריילינג.
● אין דער אמתן אָבער איז אָט דער חוט-המשולש (מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם) וויט-וויט נישט פון איין שטאָף געשאַפן (נ. מייזיל).

דער **חוט-השדרה—חוט-השדרות, חוט-השדרהס** (כוט-האַשעדרע — כוט.האַשעדרעס)—רוקנביין.
● עס מוט מיר ווי יעדעס ביינדל אינעם חוט-השדרה (ממ"ס).

דער **חוטא-חוטאים** (כויטע-כויטים, כאָטים) — זינדיקער.

חוטא-בעגל (כויטע-בעאייגל, כויטע-בייגל) זיין — ווערטלעך: זינדיקן מיטן גאָלדענעם קאַלב, זינדיקן (איראָניש).
● וואָס האָב איך חוטא-בעגל געווען (ש"ע).

חוכא-וטלולא, חוכא-טלולא (כוכע-אוטלולע, כוכע-טלולע) — געלעכטער און שפּאָט ,גרויס געלעכטער.
● איז געווען אין שטאָט חוכא-וטלולא. מען האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן (ש"ע).

חוכא-וטלולא (כוכע - אוטלולע)

מאַכן — אויסלאַכן, געלעכטער מאַכן, אָפּשפּעטן.

● זי וועט אים פּשוט אויסלאַכן, חוכא וטלולא מאַכן (פּרץ).

דער **חול המועד** (כאָלעמויעד, כאָלעמויעד)—וואָכעדיקער יום־טוב, האַלבער יום־טוב. אַזוי הייסן די פיר מיטן־טעג פון פּסח און די פינף מיטן־טעג פון סוכות.

די **חולאת – חולאתן** (כאָלאַאַס—כאָלאַאַסן) — זע: חלאת.

דער **חולה – חולים, חלאים** (כוילע—כוילים, כאַלאָים)—קראַנקער, שלאַפער.

● פרעג נישט דעם רופא (דאָקטער), נאָר דעם חולה (שפּריכוואָרט).

חולה (כוילע) זיין—קראַנק זיין, שלאַף זיין.

● דער הונט איז מיר עפּעס חולה, צעקלאַפּט אַ לאַפּע (אָפּאַטאָשו).

דער **חולה־מסוכן – חולים מסוכנים** (כוילע־מעסוקן — כוילים־מעסוקאָנים) — געפערלעך־קראַנקער.

● ווי אַ פּראָפעסאָר אַ חולה מסוכן געטאַפּט זיינע זייטן, אויסגעהערט זיינע ברוסטן (ש. אַש).

דער **חולה נופל – חולים נופלים** (כוילע־נויפל — כוילים־נויפלים)—עפּילעפּטיקער, עפּילעפּסיע־קראַנקער.

די **חולה־נופל**־קראַנקהייט (כוילע־נויפל־קראַנקהייט)—עפּילעפּסיע, פאַלנדיקע קרענק.

חולהוואַטע (כוילעוואַטע) — קראַנקלעך, שוואַך.

דער **חולם** (כוילעם)—שריפט־צייכן (וֹ), וואָס באַצייכנט אין העברעיש דעם וואָקאַל אָ=O (לויט דער ספרדישער אויסשפּראַך) אָדער דעם דיפטאָנג וי=Oj (לויט דער אַשכנזישער אויסשפּראַך).

די **חולנית** (כוילאַניס)—קראַנקע, שלאַפע פרוי.

● זי איז אַ יידענע אַ חולנית, זי האַלט זיך קוים אויף די פיס.

די **חולשה – חולשות** (כולשע—כולשעס) — שלאַפקייט, שוואַכקייט.

● אָט די חולשה איז אונדז גוט באַקאַנט (זשיטלאָווסקי).

דער **חומר** (כוימער) — קערפּער, דאָס קערפּערלעכע; שטאָף, דאָס מאַטעריעלע.

● ער האָט דעם חומר אונטערטעניק געמאַכט צו דער נשמה (ש. אַש).

די **חומרא** (כומרע) — אַ מאָטיוו אויף צו פאַרשווערן, האַרבער צו מאַכן דעם דין (דעם רעליגיעזן געזעץ) קעגנזאַץ: קולא(ז"ד).

● אַ ביסל „אַנגערירט" בין איך שוין, קלער איך ,וואָס זוכט ער: אַ „קולא," צו אַ „חומרא" (פּרץ).

דער **חומש–חומשים** (כומעש—כומאָשים) — די פינף ביכער פון דער תורה; איינס פון די פינף ביכער פון דער תורה.

דער **חונף – חנפים, חונפים** (כוינעף—כאַנייפים, כאָנפים)—צושמייכלער, אונטערלעקער ,פאַלשער מענטש, דער וואָס לויבט יענעם אין אַן איבערגעטריבענער מאָס.

● ס'וויל יעדער חונף מיט געלויב דעם שטאַרקנס האַרץ דערגיין (אָליצקי).

די **חופה – חופות** (כופע — כופעס)

—באַלדאַכין, געבויט פון פיר דרענג־לעך (שטאַנגען) מיט אַ דעק פון אויבן. שטעלן אַ חופּה — חתונה מאַכן, חתונה האָבן.

ח ו פּ ה ־ ק ל ײ ד — חתונה־קלייד.

● אין נײ בײ טאָג, כ׳נײ בײ נאַכט, קיין חופּה־קלייד זיך נישט געמאַכט (פּרץ).

ח ו ץ (כוץ) — אויסער.

● מיט קיינעם, דוכט זיך, חוץ מיטן טאַטן, האָט ער קיין הויך וואָרט נישט געקאָנט אויסרעדן

ח ו ץ ל ג ד ר (כוץ לאַגעדער)—אויסערן צוים, פון צוים אַרויס ,פון יענער זייט צוים

● אַז מען גייט אַרויס חוץ לגדר (בערדיטשעווסקי).

ח ו ץ ל ד ר ך ה ט ב ע (כוץ ־ לעדערעך־האַטעווע) קעגן די נאַטורגעזעצן, איבערנאַטירלעך, אויסערגעוויינלעך.

ח ו ץ ל ז ה (כוץ לאָזע) אויסער דעם.

● חוץ לזה האָט ער פאַרזוכט דאָ די אייגענע צרות, וואָס אין מאַזעפּעווקע (ש״ע).

די ח ו צ פּ א, ח ו צ פּ ה—(כוצפּע) פרעכהייט, אומפאַרשעמקייט, עזותדיקייט (ז. ד.); דרייסטקייט.

● ער האָט נישט געהאַט די חוצפּה זיך קעגנצושטעלן דעם טאַטן זיינעם (י. קאָטיק).

ח ו צ פּ ה ד י ק (כוצפּעדיק) —פרעך, אומפאַרשעמט, עזותדיק; דרייסט.

דער ח ו ק ־ ח ו ק י ם (כאָק־כוקים) — געזעץ, (באַזונדערס) רעליגיעז געזעץ.

● אין דער באַטור הערשן פעסטע געזעצן, אייזערנע חוקים.

דער ח ו ק ו ל א י ע ב ו ר (כאָק וועלויאַוויר) געזעץ נישט צום איבערטרעטן, שטרענג געזעץ,

● ס׳איז אַ חוק ולא יעבור בײ די רוימע יידלעך נאָך פון פאַרצייטן (ש״ע).

דער ח ו ק ר—ח ו ק ר י ם (כויקער—כויקרים)—פאָרשער; גריבלער, פילאָסאָף.

● וואָלטן נישט געווען קיין חוקרים, וואָלט ער דאָך נישט געהאַט וועגן וואָס זיך צו תקרנען (בערדיטשעווסקי).

ח ו ק ר ו ד ו ר ש (כויקער וועדוירעש) זיין — אויספאָרשן, אונטערזוכן.

● באַדאַרפן מיר די זאַך חוקר ודורש זיין — דערגרונטעווען ביזן שורש (ש״ע).

די ח ו ר ב ה —ח ו ר ב ו ת (כורווע — כורוועס) — רוינע; איינגעפאַלן הויז.

● דאָס איז אַ וויסטע גרוב, אַ לאָך, אַן אומריינע חורבה אויף הינערשע פיסלען (ממ״ס). די דייטשן האָבן דאָרט נישט איבערגעלאָזט קיין שטיין אויף אַ שטיין, דאָס שטעטל איז געווען איין גרויסע חורבה (ש. אַש.)

ח ו ר ב ה ד י ק (כורוועדיק) — רויִנירט, צעשטערט.

● גאָלדע די פישערין האָט געוווינט אין דעם קליינעם חורבהדיקן הייזל (ש. אַש).

דער ח ו ר ב ן—ח ו ר ב נ ו ת, ח ו ר ב נ ס (כורבן — כורבוינעס, כורבנס) — צעשטערונג, פאַרוויסטונג. באַצייכענונג פון דער צעשטערונג פון בית־המקדש און ירושלים.

ח ו ר ב ן ב י ת ר א ש ו ן (כורבן באַיס רישן) — צעשטערונג פון ערשטן יידישן טעמפּל (בית המקדש) דורך נבוכדנאצרן אין יאָר 586 פ״ק.

חורבן בית שני (כורבן באַיס שייני) — צעשטערונג פון צווייטן יידישן טעמפּל (בית המקדש) דורך טיטוסן אין יאָר 70 נ"ק.

דאָס **חורש-געלט, חרש-געלט** (כוירעש-געלט, כיירעש-געלט) — שווייג-געלט, איבערקויף-געלט, כאַבאַר.

אָפּחורשן, אָפּחרשן (אָפּכוירעשן, אָפּכיירעשן) — געבן שווייג-געלט, כאַבאַר, איבערקויפן.

דער **חוש — חושים** (כוש — כושים) — פעיקייט פון אויפנעמען דורך איינעם פון די קערפּער-אָרגאַנען; געפיל.

● איך האָב מיט אַלע חושים געשפּירט, אַז איך בין אַליין אַרויס אין וועג (זשיטלאָווסקי). עס קומט צום אויסדרוק אַ לעבעדיקער חוש פאַר דער נאַטור (דובנאָוו).

צעחושן — צעטומלען. ער גייט אַרום צעחושט — ער גייט אַרום צעטומלט.

דער **חוש-הטעם** (כוש-האַטאַאַם) — פעיקייט פון באַנעמען דורכן געשמאַק, געשמאַק-געפיל.

דער **חוש-המשוש** (כוש-האַמישוש) — פעיקייט פון באַנעמען דורך אָנטאַפּן, אָנטאַפּ-געפיל.

דער **חוש-הראיה** (כוש-האָריִע) — פעיקייט פון זען, זע-קראַפט.

דער **חוש הריח** (כוש האָרייעך) — פעיקייט פון אויפנעמען דעם גערוך, גערוך-געפיל.

באַצייכענונג פון דער פעיקייט פון אַרויספילן אַ געשעעניש.

● מיט זיין שאַרפן חוש הריח האָט דער טויבער דערשפּירט, וואָס עס קומט פאָר (מ. בורשטין).

דער **חוש השמיעה** (כוש-האַשמיִע) — פעיקייט פון הערן, געהער.

● ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, איז מיין „געהער", מיין חוש השמיעה געווען זייער שוואַך (ברייִנין).

חושד (כוישעד) זיין — האָבן אַ פאַרדאַכט, פאַרדאַכטן, נישט טרויען.

● אויף אַזוי פיל האָב איך גאָר נישט חושד געווען (ממ"ס).

חושד בכשרים (כוישעד ביקשיירים) זיין — האָבן אַ פאַרדאַכט אויף אומשולדיקע, אויף ערלעכע מענטשן.

● שטאַמלט ער: „וואַשע" אַזוי און אַזוי... חושד בכשרים... (פּרץ).

דער **חושך** (כוישעך) — פינצטערקייט, פינצטערניש; ווויסט-איבערקערעניש.

● דורך ליכט און חושך, פרייד און פּיין, מיר וועלן זיין, מיר וועלן זיין (מאַרינאָוו).

חושך (כוישעך) ווערן — פינצטער ווערן.

● חושך איז מיר געוואָרן אין די אויגן (ז. שניאור). עס טוט זיך חושך — עס טוט זיך וויסט, עס קערט זיך די וועלט. ● דערווייל האָט זיך געטאָן חושך (ש"ע).

חושך-ואפלה (כוישעך-וועאַפיילאָ) — גרויס פינצטערניש, וויסט-איבערקערעניש.

● ס'איז געוואָרן אין שטאָט חושך-ואפלה (ש"ע).

חושך-מצרים (כוישעך-מיצראַיִם) — עגיפּטישע פינצטערניש, פינצטערקייט פון עגיפּטן, גרויס פינצטערניש.

● באַלד איז אין גרויסן זאַל געוואָרן חושך מצרים; אין דער פינצטער

האָבן בענק און טישן זיך גערוקט און געפאַלן (ש. אַש).

ח ו ש כ ן (כוישעכן) — פינצטערן.

● ער האָט אָפּגעחושכט זיינע יאָרן.

איך גיי אַרום אַ פאַרדרייטער, אַ פאַר־חושכטער (ש. אַש).

דער ח ו ת ם (כויסעם) — (אין איבער־געטראָגענעם זין) שטעמפּל, צייכן.

● די איבערלעבענישן אין די קינדער־יאָרן האָבן געלייגט זייער חותם אויף אַלע זיינע שאַפונגען.

חות ם ־ ה מ ל כ ו ת (כויסעם־האַמאַלכוס)— קעניגלעכער שטעמפּל.

● ווערט דאָס פינגערל אַ חותם־המלכות, דער מלך חתמעט דערמיט אַלע פּאַ־פירן (פּרץ).

דער ח ז י ר — ח ז י ר י ם (כאַזער — כאַזיירים) — שווין. באַצייכענונג פון זייער אַ קאַרגן מענטש.

● פון אַ חזיר אַ האָר איז אויך גוט (ממ"ס).

ח ז י ר י ש (כאַזעריש)—שווייניש; מיאוס; קאַרג.

● פון אַ חזיריש עקל קאָן מען קיין שטריימל נישט מאַכן (ממ"ס).

ח ז " ל (כאַזאַל) — די ערשטע אותיות פון די ווערטער: חכמינו זכרונם לברכה (כאַכאָמיינו זיכרוינאָם לי־וראָכע) — אונדזערע געלערנטע, גע־בענטשט זאָל זיין זייער אָנדענק.

דער ח ז ן — ח ז נ י ם (כאַזן — כאַזאָ־נים) — קאַנטאָר, זינגער אין בית־מדרש און שול.

● עס ציט אים ווי אַ חזן צום עמוד (פאָלקסווערטל).

דאָס ח ז נ ו ת (כאַזאָנעס) — ליטורגיע־געזאַנג; אַמט פון אַ חזן.

די ח ז נ ט ע — ח ז נ ט ע ס (כאַזנטע — כאַזנטעס) — פרוי פון אַ חזן.

די ח ז ק ה — ח ז ק ו ת (כאַזאָקע — כאַזאָקעס) — אַלט באַזיץ־רעכט, פּריי־ווילעגיע.

● די חזקה אויף דער אַרענדע גייט איבער אין זיין משפחה פון טאַטעס צו קינדער (ממ"ס).

די ח ז ר ה — ח ז ר ו ת (כאַזאָרע — כאַזאָרעס) — צוריקשיקונג, דאָס צו־ריקגעשיקטע, רעמיטענדע.

● פון די דריי הונדערט אַרויסגעשיקטע ביכלעך האָט די רעדאַקציע צוריק־באַקומען חזרה צוואָנציק עקזעמ־פּלאַרן.

ח ז ר ן (כאַזערן) — ווידערהאָלן, זאָגן אָדער טון דאָסזעלבע נאָך אַמאָל.

● עס חזרט זיך איבער אויף דאָס ניי (ממ"ס). אויף מאָרגן וועלן די שילער איבערחזרן די פריערדיקע לעקציעס.

דער ח ט א — ח ט א י ם (כעט — כאַ־טאָים) — זינד, פאַרברעכן.

● ער איז געווען אַן ערלעכער, פּינקט־לעכער באַאַמטער, וואָס האָט אויף זיך קיין חטאים נישט געהאַט (ג. לעווין).

די ח ט א ת נ ע ו ר י ם (כאַטאָס־נעו־רים) — יוגנט־זינד.

● די זאָזיקע חטאת נעורים וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן (ש. דובנאָוו).

(דער) ח י (כיי) — לעבעדיק וועזן, בעל־ח י (ז"ד); געלעבט.

● דאַן האָט ער דערהערט די שטימע פון יעדן חי (ש. אַש). מען האָט גע־טאַנצט און געזונגען — חי גע־לעבט (ש"ע).

ח י (כיי) — אַכצן (לויט דעם באַטרעף פון די אותיות: ח—8, י—10) „גליק-צאָל" ביי רעליגיעזע יידן (לויט דעם באַטייט פונעם וואָרט: חי—לעבעדיק).

ח י - ו ק י ם (כיי-וועקאַיאָם) — דער וואָס לעבט און איז באַשטענדיק; באַצייכע-נונג פון גאָט; לעבעדיק וועזן, מענטש.

● שריי חי-וקים, אַז טיר און לאָדן זענען פאַרמאַכט (פּרץ). וואָס ער קאָן צוקלערן, קאָן טאַקע אַ פּראָסטן חי-וקים נישט איינפאַלן (ז. שניאור).

דער ח י ב — ח י ב י ם (כאַיעוו — כאַיאָ-ווים) — זע: חייב.

דער ח י ב ו ט ה ק ב ר (כיבעט האַקיי-ווער) — דאָס פּייניקן זיך נאָכן טויט אין קבר, לויט דער רעליגיעז-מיסטי-שער פאָרשטעלונג.

● אויב עס איז מיר באַשערט אָפּקו-מען חיבוט הקבר, האָב איך אים געהאַט אין בויבעריק (ש"ע). ער קומט שוין באַצייטנס אָפּ חיבוט הקבר (אָפּאַטאָשו).

דער ח י ב ו ר — ח י ב ו ר י ם (כיבער—כי-בורים)—ווערק (בוך); דאָס צוגעבן ביים רעכענען.

● ער האָט אָנגעשריבן אַ נייעם חיבור (א. ביק).

די ח י ב ת - צ י ו ן (כיבאָס-ציוין) — „ליבע צו ציון", ליבע צו ארץ-ישראל. נאָמען פון אַ נאַציאָנאַל יידישער באַ-וועגונג אין לעצטן פערטל פון 19-טן יאָרהונדערט (ביזן יאָר 1897).

דער ח י ד ו ש — ח י ד ו ש י ם (כידעש — כידושים) — וווּנדער, וווּנדערלעכע זאַך, פאַרוווּנדערונג; נייס.

● עס איז דאָך עפּעס גאָר אַ חידוש, אַ טשיקאַווע זאַך (ממ"ס). אַ סך חידושים האָט ער אָנדערציילט פון דעם, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען אין זיין רייזע אין וואָלין (ראַווניצקי).

ח י ד ו ש י - ת ו ר ה (כידושיי טוירע) — מ"צ — נייע געדאַנקען (נייס) אין דער תורה, אויפטוען אין לערנען.

● שרייבט חידושי-תורה (פּרץ).

ח י ד ו ש י ם ו נ פ ל א ו ת (כידושים ווע-ניפלאָעס) — וווּנדער איבער וווּנדער.

זיך חידושן (כידעשן) — זיך וווּנדערן, שטוינען.

● אַלע האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּ-חידושן (ראַווניצקי).

די ח י ה — ח י ו ת (כייע—כייעס) — פיר-פיסיק באַשעפעניש, באַזונדערס ווילד-באַשעפעניש ווי: אַ וואָלף, אַ בער אדג"ל.

● ער האָט נישט געקאָנט קוקן ווי די פישער-יינגלעך מאַטערן די שטוביקע חיות (אָפּאַטאָשו).

ח י ה (כייע) — נאָמען פון אַ פרוי.

די ח י ה ר ע ה — ח י ו ת ר ע ו ת (כייע ראָע—כייעס ראָעס) — ווילדע, בייזע חיה.

● דו שטייסט איינער אַליין אין אַ פינצטערן וואַלד, צווישן חיות רעות (ש. אַש).

ח י ה ש (כייאיש) — טיריש, ווילד, גראָב, ברוטאַל.

● אַ ברייטביינקער יונג מיט עפּעס חיהשעס אין זיינע אַלע גלידער (ש. אַש).

דער ח י ו ב — ח י ו ב י ם (כיעוו—כיווים) — פליכט; פאַרפליכטונג.

● קומט אַראָפּ אַ חזן, לויפן מיר אויף בילעטן אים הערן און כּלי-זמר אויף אַ חתונה — איז דאָך אוודאי ביי אונדז אַ חיוב (ש״ע).

די חיונה (כאַיונע) — אויסהאַלטונג, דערנערונג, פּרנסה (ז״ד).

● מוז זי, נעבעך, אַלץ אַליין האָרעווען אויף דעם שטיקל חיונה (מ. בורשטין).

דער, דאָס חיות (כאַיעס, כיעס) — לעבן, דערקוויקונג.

● מיר האָט זיך געגעסן דאָס חיות, געפּאַלן שטיקער פלייש (ש״ע). ס'איז אַ חיות צו שפּאַצירן אין וואַלד.

דער חיזוק (כיזעק) — אָנהאַלט.

● דאָס יינגל האָט אַ חיזוק (ש. אַש).

חיי-שעה (כייע-שאָ) — פאַרגעניגן אויף דערווייל; איין שעה אַ גוטע.

● איך האָב נאָך כּמעט קיין חיי-שעה נישט געהאַט (ש״ע).

חייב—חייבים (כייעוו—כאַיאָווים) — שולדיק, שולדיקער.

● אַקעגן מיין פערדל האָב איך מיך געפילט עפּעס זייער (ש״ע).

חייב מיתה (כייעוו מיסע) — פאַרדינט טויט-שטראָף.

● קומט אַמאָל אויף אַ בוים די צייט, חייב מיתה ווערט אַ בוים... פון דער ערד אַרויסגעריסן ווערט ער (פרץ).

חיל—חילות (כאַיל — כאַיאָלעס) — מיליטער, אַרמיי.

● די רוימישע לעגיאָנען האָבן אָנגעהויבן ציטערן פאַר די יידישע חילות (א. ביק).

דער חילול (כילול, כילעל) — פאַרשוועכונג, שענדונג.

● ס'איז איר אויסגעקומען ווי אַ חילול זיך צו לאָזן באַדינען (בערדיטשעווסקי).

חילול-המת (כילעל-האַמעס) — פאַרשוועכונג, שענדונג פון אַ טויטן.

דער חילול-השם (כילעל-האַשעם) — ווערטלעך: פאַרשוועכונג, שענדונג פון גאָטס נאָמען, פאַרשוועכונג פון אַ הייליקער זאַך, צו שאַנד מאַכן דעם יידישן נאָמען.

● געפינט אַזאַ געפּאַקטן וואָגאָן יידן און קיינער האָט קיין בילעט נישט, קאָן זיין אַ גרעסערער חילול השם? (אָפּאַטאָשו).

דער חילול-התורה (כילעל-האַטוירע) — פאַרשוועכונג, שענדונג פון דער תורה (פון דער ביבל).

חילול-קודש (חילעל-קוידעש — פאַרשוועכונג פון אַ הייליקער זאַך.

● דאָס האָט מען מיר פאַררעכנט פאַר אַן אַפּיקורסות, פאַר חילול-קודש (בריינין).

דער חילול-שבת (כילעל-שאַבעס) — פאַרשוועכונג פון שבת (לויט דעם באַגריף פון רעליגיעזע יידן).

חילוף—חילופים (כילעף—כילופים) דער בייט, טויש, בייטעניש.

דער חילוק (כילעק) — אונטערשיד; דאָס טיילן ביים רעכענען.

● זעט, וואָס פאַר אַ חילוק עס איז צווישן אַ גלופּסקערין און אַ יידענע פון אַן אַנדער שטאָט (ממ״ס).

חילוקי-דעות (כילוקיי-דייעס) — מ״צ — מיינונג-פאַרשידנהייט, מיינונג-שטרייטן.

● ווען דעם זעענען דאָ חילוקי-דעות ביי

די יידישע ליטעראַטור-פאָרשער (נ. מייזיל).

דער חינוך (כינעך) — דערציונג.

דער חיסור (כיסער) — דאָס אַראָפּ-נעמען ביים רעכענען.

דער חיסרון-חסרונות (כיסאָרן — כעסרוינעס) — זע: חסרון.

דאָס חיצוניות (כיצויניעס)—וועלט-לעכקייט.

דער חיריק (כיריק) — שריפטצייכן (ִ) אין העברעיש, וואָס באַצייכנט דעם וואָקאַל אי— y, i.

די חית (כעס) דאָס אַכטע אות (ח) פונעם אלף-בית.

דער חיתוך הדיבור (כיטעך האַדיבער) — אויסשפּראַך; דיקציע.

● ער האָט זיך געהאַט אויסגעצייכנט מיט זיין קלאָרן און אָנגענעמען חיתוך-הדיבור (ר. ברייגין).

דער חכם-חכמים (כאָכעם—כאַכאָ-מים)—קלוגער, געלערנטער.

● אַ חכם עסט, כדי ער זאָל לעבן; אַ נאַר לעבט, כדי ער זאָל עסן (שפּריכ-וואָרט לויט א. בערנשטיין)

דער חכם בלילה (כאָכעם באַליילע)— „קלוגער ביי נאַכט“, אַ נאַר.

דער חכם מופלג-חכמים מופלגים (כאָכעם מופלעג — כאַכאָמים מופלאָגים)—זייער קלוגער.

● האַלט פון זיך! אַ חכם מופלג (א. שטיינבאַרג).

דער חכם עתיק-חכמים עתיקים)—אַלטער חכם, זייער קלוגער.

● און אַ חכם עתיק דאָרט פאַראַן (א. שטיינבאַרג).

די חכמה-חכמות (כאַכאָמע—כאַכאָ-מעס)—גאָר אַ קלוגע; געלערנטע.

● ווערטער טאָקע ווי פון אַ חכמה, אַ יידישע טאָכטער (ממ"ס)

די חכמה — חכמות (כאָכמע — כאָכ-מעס) — וויסנשאַפט, קלוגשאַפט, גע-לערנטקייט; וויץ, גלייכווערטל.

● קלוג זענען די פוקסן, אָבער וואָס טויג מיר זייער חכמה, אַז עס איז נאָר צום שלעכטן (פרץ). ער האָט מיט זיינע חכמות געמאַכט אַלע לאַכנדיק.

די חכמה חיצונית (כאָכמע כי-צויניס) — געמיינט: וועלטלעכע וויסנ-שאַפט, וועלטלעך וויסן.

● ער האָט זיך דאָרט באַקאַנט מיט דער חכמה חיצונית און האָט זיך דער-וואָרבן אַ סך וועלטלעך וויסן (א. ביק).

חכמי-התלמוד (כאַכמיי האַטאַל-מוד)—די געלערנטע וואָס האָבן צונויפ-געשטעלט דעם תלמוד.

חכמי-ישראל (כאַכמיי-ייסראָעל) —

● ער האָט געפאָרשט די יידישע גע-שיכטע און די פאַרשידענע ספרים פון חכמי-ישראל.

זיך חכמען, חכמענען (כאָכמען, כאָכמענען)—זיך קלוגלען, זיך וויצלען.

● נו, גענוג זיך צו חכמענען (ש. אַש).

די חכמת (כאַכעמעס) — זייער קלוגע פרוי.

די חכמת-החשבון (כאָכמאַס-האַכעשבן)—מאַטעמאַטיק, רעכן-קונסט, רעכנוויסנשאַפט.

די חכמת-החשבון והמדידה

(כאָכמאַס האַכעשבן וועהאַמדידע)— רעכן־קונסט און געאָמעטריע, מאַטע־מאַטיק.

● איינמאָל איז ער אַפילו אַרויסגע־טראָטן מיט זיין חכמת החשבון והמדי־דה פאַר דער וועלט (פּרץ).

די **חכמת־היד** (כאָכמאַס־האַיאַד)— שוואַרצקינסטלעריי, טרעפעריי.

● שוואַרצקינסטלער, וואָס קען חכמת היד (אָפּאַטאָשו).

די **חכמת־היהדות** (כאָכמאַס־האַיאַ־האַדוס)—יידישע וויסנשאַפט, יודאַיסטיק.

די **חכמת־הפּרצוף** (כאָכמאַס־האַ־פּאַרצוף)—פיזיאָנאָמיע־קענטעניש.

● ער איז געווען אַ גרויסער בקי אין חכמת־הפּרצוף (פּרץ).

חל (כאַל) זיין—זיך באַציען אויף ווע־מען, אויף וואָס; אויספאַלן אויף אַ טאָג (אויף אַ דאַטע).

● אויף אַזעלכע עלטערע סטודענטן זענען נישט חל געווען אַלע נייע גזירות (זשיטלאָווסקי). דאָס יאָר איז דער ערשטער טאָג פּסח חל אויף אַ מיטוואָך.

חלאים (כאַלאָים) — מ"צ — קראַנקע; קראַנקהייטן.

● זענען זיי געזעסן ווי חלאים ביי אַ דאָקטאָר אין פּאָדער־הויז (אָפּאַטאָשו). פאַרשידענע יידן מיט פאַרשידענע חלאים (ש. אַש).

די **חלאת**—**חלאתן** (כאַלאַס—כאַ־לאַסן)—קרענק, קראַנקהייט, שלאַפקייט. זע אויך: חולאת.

● ער זעט אין דעם אַ קרענק, אַ חלאַת, וואָס מען באַדאַרף באַקעמפן (נ. מייזיל).

דאָס **חלב** (כיילעוו) — פעטס פון רינ־דער און שאָף (וואָס רעליגיעזע יידן עסן נישט).

● געשמירט מיט חלב פון אַ גראָשנדיק ליכטל (פּרץ).

די **חלה** — **חלות** (כאַלע — כאַלעס)— קוילעטש, ווייס געבעקס פון ווייצן־מעל.

חלה (כאַלע) נעמען — דאָס אָפּנעמען אַ קליין שטיקל טייג (פאַרן באַקן) צו פאַרברענען עס אין פייער (ביי רע־ליגיעזע יידן).

דער **חלול־השם** (כילעל־האַשעם) — זע: חילול־השם.

דער **חלום** — **חלומות** (כאָלעם — כאַלוימעס) — טרוים; אילוזיע; איינ־רעדעניש; דאָס זען אין שלאָף.

● און איז נאָר אַ חלום דאָס לעבן, דאַן וויל איך חלומות פון פרייהייט און גליק (ראָזנפעלד).

חלומען (כאָלעמען) — טרוימען; זען אין שלאָף.

● געחלומט האָט זיך אים, אַז ער האָט געפונען אַ סך געלט (נאָמבערג).

דער **חלוף** — **חלופים** (כילעף — כילופים) — זע: חילוף.

דער **חלוץ** — **חלוצים** (כאָלעץ — כאַלוצים) — פיאָנער, פאָרקעמפער, פאָרגייער, זאַרבעט־פיאָנער. באַצייכע־נונג פון די אַרבעטער־פיאָנערן אין ארץ־ישראל.

● זיי זענען חלוצים פון אַ גרויסער באַ־פרייונג־אידעע.

דער **חלוק** (כילעק) — זע: חילוק.

חלוקי־דעות (כילוקיי־דייעס) — זע: חילוקי־דעות.

דער חלוש-חלושים (כאַלעש—כאַלושים) — שלאַפער, קרענקלעכער.
● אַ חלוש, קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס (ש. אַש).

חלילה (כאַלילע) — באַהיט זאָל מען ווערן; אָפּגעהיטן זאָל מען זיין.
● דאָס וועט זיי, חלילה, נישט שאַדטן (ממ"ס). צי דו ביסט, חלילה, קראַנק (א. שטיינבאַרג).

דער חלל (כאַלעל) — ליידיקער, פריי-ער רוים; וועלטן-רוים.
● אַ זילבערנער קלאַנג קלינגט אָפּ אין דער וועלט פון איין חלל אין צווייטן (ש. אַש).

דער חלף — חלפים (כאַלעף — כאַלאָפים) — שאַרפער מעסער (מיט וועלכן רעליגיעזע יידן קוילן בהמות און עופות).
● דער חלף ליגט אים אויפן האַלדז (ממ"ס).

דער חלפן — חלפנים (כאַלפן — כאַלפאָנים) — וועקסלער, געלט-טוי-שער.
● בין איך, הייסט עס, געוועזן אַ ייד אַ חלפן, געשטאַנען מיט אַ טישל אין מאַרק און צעביטן קליין-געלט (ש"ע).

דער חלק — חלקים (כיילעק — כאַלאָקים) — טייל; אָנטייל; צושטייער, ביטראָג.
● ער צעשפּאַלט אַ שייט האָלץ אויף פיר גלייכע חלקים (מ. בורשטין). מיר האָבן אויך אַ חלק אין גלופּסק (ממ"ס).

דער חלק לעולם-הבא (כיילעק לעאוילעם-האַבע) — אַ חלק אין "יענער וועלט", לויט דער רעליגיעזער פאָרשטעלונג.
● זיין חלק לעולם-הבא וואָלט מען נישט געקויפט פאַר אַ דרייער (פרץ).

דאָס חלשות (כאַלאָשעס) — אָנמאַכט, אָפּגעשוואַכטקייט, דאָס נישט-גוט ווערן.
● מענטשן זענען פון שרעק אַליין געפאַלן חלשות (ש"ע).

חלשן (כאַלעשן) — פאַלן אין אָנמאַכט, אָפּגעשוואַכט ווערן; לעכצן, אויסגיין נאָך עפּעס.
● ס'איז מיר געוואָרן, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט-גוט אויף צו חלשן (ש"ע). מען לעכצט, מען חלשט נאָך אַ טראָפּן וואַסער (א. שטיינבאַרג).

דער חמור—חמורים (כאַמויר, כאַמער—כאַמוירים) — אייזל.

די חמימה — חמימות (כמימע — כמימעס) — גרויסע היץ.
● אַ שעפּ וואַסער איר ברענגען, עס איז אַ חמימה (ש. אַש).

חמימותדיק (כמימעסדיק) — הייס.
● אין הויף האָט געגרינט אַ קאַשטאַן, וואָס פלעגט אין אַ חמימותדיקן טאָג אונדז שיצן אַקעגן דער ברענענדי-קער זון.

דער חמץ (כאָמעץ) — זויערטייג, זוי-ערברויט און אַלצדינג וואָס רעלי-גיעזע יידן עסן נישט אין די אַכט טעג פון פסח.

חמצדיק (כאָמעצדיק)—פון חמץ (ז"ד).

חמשה-עשר בשבט (כאַמישאָסער בישוואַט) — דער פופצנטער טאָג פון

חודש שבט, דער ראש-השנה (ביי-יאָר) פון דיביימער, יום-טוב פון ביימער-בלי אין ארץ ישראל.

ח ן (כיין) — רייץ; צויבער; שיינקייט; לייטזעליקייט.

● באַקומען חן ביי אים אין די אויגן (ש"ע) דאָס האָט דעם זיבעטן חן (פאָלקסווערטל).

ח נ א (כאַנע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

ח נ ה כאַנע) — נאָמען פון אַ פרוי.

ח נ ו ך (כאַנויך)—נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דער חנוך (כינעך) זע: חינוך.

ח נ ו כּ ה (כאַנוקע) „באַנייונג". יום-טוב, וועלכן מיר פייערן אַכט טעג (אָנהויבנדיק פון דעם 25-טן כסלו) צום אָנדענק פון דעם מכבּעער-אויפשטאַנד קעגן די סירייער און צום אָנדענק פון גרויסן ניצחון, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן יהודה המכּבּי אין יאָר 165 פ"ק.

דאָס ח נ ו כּ ת ה ב י ת (כאַנוקאַס-האַבאַיס) — פייערונג פון באַנייען אַ הויז.

ח נ ו פ ה — ח נ ו פ ו ת (כ(אַ)נופע — כ(אַ)נופעס) זע: חניפה.

ח נ י פ ה — ח נ י פ ו ת (כ(אַ)ניפע—כ(אַ)ניפעס) — זיסע פאַלשע רייד, פאַלש לויב-געזאַנג, דאָס זיך צולעקן.

● מיט אַ זיינטישער חניפה זיך געלעקט צו אים (אָפּאַטאָשו).

ח נ י פ ה ד י ק (כ(אַ)ניפעדיק) — זיך צולעקנדיק, רעדנדיק זיס-פאַלש.

● אין פאַרטראָג נישט זיינע חניפהדיקע רייד.

ח נ ן (כאָנען) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

ח נ נ י ה (כאַנאַניע) — ביבל-פּערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דער ח נ פ ן — ח נ פ נ י ם (כאַנפן — כאַנפאָנים) — זע: חונף.

ח נ פ ע נ ע ן (כאַנפענען) — זיך צולעקן, שמעצן פאַלש לויבן.

● געחנפעט האָט ער זי, אַז עס האָט געשלאָגן צו דער גאַל (ש"ע). מען חנפעט נישט דעם נגיד, נאָר זיין געלט (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

ח ס - ו ח ל י ל ה (כאַס-וועכאָלילע) — אָפּגעהיטן זאָל מען ווערן, זאָל גאָט אָפּהיטן, נישט געשען זאָל עס.

● ער זאָל חס-וחלילה נישט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן (י. קאָטיק).

ח ס - ו ש ל ו ם (כאַס-וועשאָלעם) — זע: חס-וחלילה.

● ער זאָל נישט אָנווערן די שטעלע, חס-ושלום (ש"ע).

דער ח ס ד — ח ס ד י ם (כעסעד — כאַסאָדים) — גענאָד, וווילטאַט.

● דאָס גיי איך טאָן מיט דיר אַ חסד (ממ"ס).

דער ח ס ד ש ל א מ ת (כעסעד שעל עמעס) — אמתער גענאָד, וווילטאַט. באַצייכנט דאָס באַגלייטן אַ געשטאָרבענעם צו זיין אייביקער רו; נאָמען פון אַ רעליגיעז-פילאַנטראָפּישער אינסטיטוציע, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט באַערדיקן אָרעמע געשטאָרבענע.

ח ס ו ר (כיסער) — זע: חיסור.

דער ח ס י ד — ח ס י ד י ם (כאָסיד — כסידים) — פרומער; אָנהענגער פון חסידות (ז"ד).

דאָס חסידות (כסידעס) — חסידיזם, פאָלקסטימלעכע רעליגיעז-מיסטישע באַוועגונג ביי יידן, אַנטשטאַנען אין 18טן יאָרהונדערט. דער באַגרינדער פון חסידיזם איז געווען דער בעל-שם טוב (ז"ד).

חסידיש (כסידיש) — לויטן שטייגער פון חסידים.

חסל סידור (כאַסאַל סידער) — גע-מיינט: פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל, פאַרענדיקט מיטן קאַפּיטל.

חסר (כאָסער) גיין — פאַרלוירן גיין, קאַליע ווערן, ווייניקער ווערן.

חסר דעה (כאָסער [כסאַר]-דייע)—אָן פאַרשטאַנד, פאַרלוירן דעם פאַר-שטאַנד; נאַריש, משוגע. (ז"ד).

דער חסרון — חסרונות (כיסאָרן — כעסרוינעס) — דער בלויז, פעלער, מינוס.

● חסרונות זעט מען נאָר ביי יענעם (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

חפני (כאָפּני) — ביבל-פערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דער חפץ — חפצים (כייפעץ — כאַ-פאָצים, כאַפייצים) — זאַך; שטוב-זאַך; געגנשטאַנד.

● צווישן דעם ביסל חפצים, וואָס זע-נען אין שטיבל געווען, איז דער אַל-טער קלאַוויר געווען דער טייערסטער חפץ (ז. ווייַנפּער).

דער חצוף — חצופים (כאָצעף — כאַצופים) — פרעכער, אומפאַרשעמ-טער; פאַרשייטער, אויסגעלאַסענער.

די חצופה — חצופות (כצופע — כצופעס) — פרעכע, אומפאַרשעמטע, פאַרשייטע, אויסגעלאַסענע.

חצות (כצאָס) — האַלבע נאַכט; באַ-צייכענונג פון די תפילות וואָס רעלי-גיעזע יידן זאָגן אין האַלבער נאַכט.

● מען קלאַפּט אונטן צו חצות (פּרץ).

חצות אָפּריכטן — ביי רעליגיעזע יידן: דאָס בעטן גאָט אין האַלבער נאַכט, דאָס זאָגן אין האַלבער נאַכט ספּע-ציעלע תפילות און קינות אויפן חורבן פון בית-המקדש.

● זיי שטייען אויף ביי נאַכט פון די געלעגערס, ריכטן אָפּ חצות (ממ"ס).

דער חצר המלכות (כאַצאַר האַ-מאַלכוס) — קעניגלעכער הויף.

● דאָס פינגערל איז געקומען אין חצר-המלכות אַריין (פּרץ).

די חקירה — חקירות (כקירע — כקירעס) — אויספאָרשונג; דאָס פאָרשן, דאָס טיפע אַריינטראַכטן, דאָס זיך גריבלען; פילאָסאָפיע.

● דו קריכסט מיר צו ווייט אין חקירות (בערדיטשעווסקי).

די חקירה ודרישה (כקירע או-דרישע) — אויספאָרשונג, אויספרעגונג.

● דער אויספאָרשונגס-ריכטער האָט דורכגעפירט אַ גרינטלעכע חקירה ודרישה.

חקרן — חקרנים (כאַקרען — כאַ-קראָנים)—פאָרשער, גריבלער, דענקער.

● געטראַכט האָט דער חקרן זיבן וואָכן מיט אַ נאַכט (א. שטיינבאַרג).

(זיך) חקרנען (כאַקרענען) — (זיך) גריבלען, (זיך) טיף אַריינטראַכטן.

● צו פיל חקרנען איז שעדלעך (א. שטיינבאַרג).

חרבונה (כאַרווינע) — פערסאָנאַזש פון דער פורים-דערציילונג.

חרוב (כאָרעוו) — צעשטערט, וויסט; פאַרביי, זייער קראַנק.

● די מאַמע איז געוואָרן זייער חרוב (ש. אַש). דאָרט געפינט זיך מיין חרוב שטיבעלע.

חרוב (כאָרעוו) מאַכן — צעשטערן, פאַרניכטן.

● די דייטשן האָבן חרוב געמאַכט אַ סך לענדער.

חרוב ונחרב (כאָרעוו ווענעכרעוו)— צעשטערט און פאַרוויסט, צעשטערט און רואינירט.

● און חרוב ונחרב איז דאָס וואַטיל־קאָוו, נעבעך, געוואָרן (פרץ).

דאָס חרוסת (כרויסעס) — אַ געמיש פון צעריבענע עפל, ניס און צימע־רינג, צעמישט מיט וויין, וואָס רע־ליגיעזע יידן נוצן פסחביים סדר.

דער חרוץ—חרוצים (כאָרעץ—כאַ־רוצים)—פלייסיקער; פעיקער; שאַרפ־זיניקר; קלוגער.

די חרטה (כאַראָטע)—דאָס באַדויערן; דאָס זיך צוריקציען פון אַ צוזאָג.

חרטה (כאַראָטע) האָבן — באַדויערן; זיך צוריקציען פון אַ צוזאָג.

● באַטראַכט פריער איידער דו רעדסט, אַז דו זאָלסט שפעטער נישט דאַרפן חרטה האָבן.

חרטומים (כאַרטומים)—מ"צ—פּישוף־מאַכער, צויבערער (אין מצרים).

● די חרטומים אין מצרים האָבן מן הסתם גרעסערע קונצן באַוויזן (פרץ).

דער חריף — חריפים (כאַריף — כאַריפים) — שאַרפזיניקער.

דאָס חריפות (כאַריפעס) — שאַרפזי־ניקייט; שאַרפזיניקער געדאַנק.

דער חרם—חרמים, חרמות (כיי־רעם — כאַראָמים, כאַראָמעס)—אויסראָ־טונג; אַנאַטעמע, פאַרשעלטונג. רעלי־גיעזע פראָצעדור פון אויסשליסן דעם „זינדיקן" פון דער געזעלשאַפט.

חרמות (כאַראָמעס) — מ"צ — שעל־טונגען, שעלטערייען, שווערע וויסטע קללות.

● און שלעג און חרמות (פרץ).

די חרפּה — חרפּות (כאַרפּע — כאַרפּעס) — שאַנד.

● אַזאַ באַריש יינגל איז ער — אַ חרפּה צו דערציילן (ז. ווייַנפּער).

דער חשבון—חשבונות (כעשבן—כעשבוינעס) — די רעכענונג, דאָס רעכענען.

● איר מאַכט דעם חשבון אָן דעם בעל־הבית (פאָלקסווערטל).

דער חשבון הנפש (כעשבן האַנע־פעש) — נשמה־חשבון, רעכענונג (מיט זיך) וועגן גייסטיקן צושטאַנד.

● ער האָט זיך געמאַכט אַ שטיקעלע חשבון־הנפש (ז. שניאור).

חשבון־צדק (כעשבן־צעדעק) — גע־רעכטער חשבון, ערלעכע רעכענונג.

● זאָלן זיי מאַכן אַ חשבון־צדק פון דער נחלה (פרץ).

חשבונען (כעשבענען) — רעכענען. זיך חשבונען, זיך אָפּחשבונען — זיך רעכענען, זיך אָפּרעכענען.

● זענען זיי זיך צונויפגעפאָרן צום עלטסטן אין דער משפחה און האָבן זיך געחשבונט (אָפּאַטאָשו)

דער חשד — חשדים (כשאַד — כשאָ־דים) — פאַרדאַכט.

● מען האָט גערעדט שטיל... געוואָרפן בליקן מיט חשד אויף מיר (נאָמבערג).

חשוב (כאָשעוו) — אָנגעזען; וויכטיק.

● מיר באַגריסן די חשובע געסט, די

ח

אָרבּעט איז זייער אַ חשובֿע און נוצלעכע.

דער חשובֿ — חשובֿים (כאָשעוו — כשווּים) — אָנגעזעענער, וויכטיקער מענטש.

● ער האָט זיך אַמאָל גערעכנט צו די חשובֿים אין דעם פאָטערס משפּחה.

דער חשוד — חשודים (כאָשעד-כאַשודים) — פאַרדעכטיקער.

דער חשוון, חשוון (כעשוון) — דער צווייטער חודש לויטן יידישן לוח (אָקטאָבער-נאָוועמבער).

דער חשוך-בּנים (כאַסוך-באָנים) — דער וואָס האָט נישט קיין קינדער. קינדערלאָזער.

● געווען איז ער אַן אַלמן און אַ חשוך-בּנים, [נישט געהאַט] קיין איינציק קינד (פּרץ).

דאָס חשיבֿות (כשיוועס) — אָנגעזעענקייט; וויכטיקייט.

● ערשט איצט האָט ער דערפילט זיין גאַנצע חשיבֿות (א. בּיק). די זיכערקייט פון זיינע באַוועגונגען האָבן אים צוגעגעבן חשיבֿות (א. בּיק).

חשמונאים (כאַשמוינאָים) — מ״צ — מכבּים, מכבּער, מתתיהו און זיינע זין; העלדישע יידישע משפּחה, וועלכע האָט באַפרייט דאָס יידישע פאָלק פון סירישן יאָך און האָט באַגרינדעט די ערשטע יידישע דינאַסטיע פון פירשטן און קעניגן אין דער עפּאָכע פון בּית-שני (II—I יאָרהונדערט פ״ק).

דער חשק (כיישעק) — באַגער, גלוסטעניש; פלייס.

● דאַן האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ חשק צו לערנען (ש. אַש).

דער חשש (כשאַש) — קלער, נישט-זיכערקייט, מורא.

● ווי באַלד נאָר עפּעס אַ חשש, איז שוין אויס (ממ״ס).

דער חתוך-הדבּור (כיטעך-האַדיבער) — זע: חיתוך-הדיבור.

די חתונה — חתונות (כאַסענע — כאַסענעס) — דאָס געזעצלעכע פאַרבונדן פון מאַן און פרוי; דאָס שטעלן אַ חופּה (ז״ד).

● ווען זאָרגט זיך אַן אָרעמאַן? — אַז ער האָט צוויי חתונות אין איין טאָג (ש״ע).

די חתימה — חתימות (כסימע — כסימעס) — אונטערשריפט; שטעמפּל.

● דאָס איז די חתימה פון פּרעזידענט אַליין (ש״ע).

די חתימת-זקן (כסימאַס-זאָקן) — צייכן פון אַ באָרד, באָרד-שפּראָצונג.

● אַזאַ יינגל, וואָס האָט קוים אַ חתימת-זקן, וואָס ווייסט ער פון וועלט-זאַכן (בּערדיטשעווסקי).

חתמענען (כאַסמענען) — אונטערשרייבן; שטעלן אַ שטעמפּל, זיגלען.

● בּיז מען וועט נישט לייגן קיין באַוואָרעניש, וועל איך נישט חתמענען (ש״ע).

דער חתן — חתנים (כאָסן — כאַסאַנים) — פאַרקנסטער; יונגערמאַן, וואָס האָט אַ כּלה.

דער חתן-בּחור—חתן-בּחורים—(כאָסן-באָכער — כאָסן-באָכערים) — דערוואַקסן יינגל.

דער חתן-היובֿל (כאַסאַן-האַיויוול)— יובּילאַר, בּעל-היובֿל (ז״ד).

טביה (טעוויע)—נאָמען פון אַ מאַנצביל. זע אויך; טוביה.

די טבילה — טבילות (טווילע — טווילעס) — דאָס אונטערטונקען זיך אין וואַסער; רעליגיעזער מנהג צו רייניקן דעם גוף; דאָס אָפּשמדן (צערעמאָניע ביים איבערגיין צום קריסטלעכן גלויבן).

● ווי אַ סימבאָל פון מאָראַלישער ריינקייט האָבן זיי [די איסיים] איינגעפירט דעם מנהג פון טבילה אַלע אינדערפרי (זשיטלאָווסקי).

דאָס טביע(ו)ת־עין (טוויעס־אַין) — שאַרף אויג, פעיקייט פון דערקענען (מענטשן), פון באַאָבאַכטן.

● דעם וואַלד קען ער גוט..., נאָר פאַרלאָזן זיך אויף טביעת־עין וועגן מזרח וויל ער נישט (פרץ).

די טבע (טעווע) — נאַטור; געוווינהייט.

● האָט טריינע מירל איר מאַנס טבע: שמייכלט און שווייגט (פרץ).

דער טבת (טייוועס) — נאָמען פונעם פערטן חודש (דעצעמבער־יאַנואַר), לויט דעם יידישן לוח.

די טהרה (טאַהאַרע, טייריע) — רעליגיעזע רייניקונג, דאָס אָרומוואַשן אַ געשטאָרבענעם פאַרן באַערדיקן, לויט דער רעליגיעזער פּראָצעדור ביי יידן. טהרה־ברעט — ברעט (טיש), אויף וועלכן מען וואַשט אַרום (ביי רעליגיעזע יידן) אַ געשטאָרבענעם. טהרה־שטיבל — שטיבל אויפן בית־עולם, ווו מען וואַשט אַרום דעם געשטאָרבענעם.

די טובה — טובות (טויווע — טויוועס)—ווילטאַט; געפעליקייט; גוטס.

● איך פאַרלאַנג נישט קיין שום טובות (ש"ע).

טוביה (טויוויע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל. זע אויך: טביה.

(זיך) טובל (טויוול) זיין — (זיך) איינטונקען אין וואַסער, לויטן יידישן דין.

● וויפל איר זאָלט נישט אַ שרץ טובל זיין, בלייבט ער אַלץ אומריין (שפּריכוואָרט).

(זיך) טובלען (טויוולען) — (זיך) איינטונקען אין וואַסער.

● ער איז אַריין אין וואַסער, האָט זיך גיך אָפּגעטובלט, אָפּגעוואַשן דאָס לייב (וויסנבערג).

די טומאה (טומע) — גייסטיקע שמוציקייט, אומריינקייט; אומריינע קראַפט; קראַפט, וואָס שטאַמט פונעם טייוול, לויט דער רעליגיעז־מיסטישער פאָרשטעלונג. קעגנזאַץ: קדושה (ז"ד).

● דאָרטן זיצט די שוואַרצע טומאה (ש. אַנ־סקי).

דער טומטום (טומטעם) — מענטש פון אומבאַשטימטן געשלעכט.

(זיך) טועה (טויע) זיין — מאַכן אַ

גרייז; האָבן אַ פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן עפּעס, האַנדלען לויט אַ פאַלשער פאָרשטעלונג, האָבן אַ טעות.

● איך האָב אַלע ווײַלע זיך טועה געווען אין די ציפערן (נאָמבערג).

טועם (טויעם) זיין — פאַרזוכן (פון עסן), צובייסן.

● זי וועט גאָרנישט פאַרזוכן, גאָרנישט טועם זיין (פּרץ).

דער טינוף (טינעף) — שמוץ; עקסקרעמענטן, געמיינע זאַך.

דאָס טינופת — טינופתן (טינויפעס — טינויפעסן) — טינוף, אָפּפאַל.

דער טיפש — טיפשים (טיפּעש — טיפּשים) — נאַר.

● זײַ פאַרשטייען נישט די טיפשים (ש. אַנ-סקי).

די טיפשה — טיפשות (טיפשע — טיפשעס) — נאַרישע פרוי.

● ווײַן נישט, דו טיפשה איינע (ממ"ס).

דאָס טיפשות (טיפּשעס) — נאַרישקייט.

די טירחה (טירכע) טערכע — זע: טרחה.

די טית (טעס) — דאָס ניינטע אות (ט) פונעם אַלף-בית.

טכסיסי-מלחמה (טאַכסיסיי-מילכאָמע) — מ"צ — זע: תכסיסי-מלחמה.

„טל" (טאַל) — „טוי". אַ תפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן (בענטשן „טל") דעם ערשטן טאָג פסח.

● אַז מען בענטשט „טל", לאָזט מען אַרויס די פערד פונעם שטאַל (פאָלקס-ווערטל לויט א. בערענשטיין).

„טל-ומטר" (טאַל-אומאָטער) — „טוי און רעגן". באַצייכענונג פון אַ גאָר קליינער זאַך. דער אויסדרוק שטאַמט פון דעם, וואָס די ווערטער „טל-ומטר" פלעגן אין סידור זיין געדרוקט מיט גאָר קליינע אותיות.

● אין אַ קליין שטעטל וואָראָנקע ווי אַ טל-ומטר די גרויס (ש"ע).

דער טלטול-הדרך (טילטול-האַדערעך) — רייזע-וואָגלעניש.

● טאַקע פאַר זיין טובה-וועגן האָט עס דער פאָטער געהאַט דעם טלטול-הדרך קיין פּינסק (אל. צייטלין).

דער טלית — טליתים (טאַלעס — טאַלייסים) — אַ פירעקיק וואָלן אָדער זיידן טוך מיט וואָלענע פעדעם (ציצות) אין די פיר עקן, וואָס רעליגיעזע באַווייבטע יידן טראָגן אויף זיך ביים דאַווענען.

דער טלית-קטן — טלית-קטנס (טאַלעס-קאָטן — טאַלעס-קאָטנס) — זע: ארבע-כנפות.

דער טמא — טמאים (טאָמע — טמייאים) — אומריינער, שמוציקער; נידערטרעכטיקער, פאַרדאָרבענער מענטש.

דער טמאניק — טמאניקעס (טאָמעניק — טאָמעניקעס) — זע: טמא.

● ער איז אַ טמאניק, אַ טריף ביין (א. שטיינבאַרג).

דער טעות — טעותן (טאָעס — טאָעסן) — פאַלשע פאָרשטעלונג; נישט-ריכטיקער מיין; גרייז; פעלער.

● אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז דער פעטער פיניע אויך געקומען. (ש"ע). די גרויסע טעותן, וואָס איך האָב געמאַכט אין לעבן (בערדיטשעווסקי).

דער טעות-הדפוס (טאָעס-האַדפוס) — דרוק-פעלער.

I דער טעם — טעמים, טעמען (טאַאַם — טיימים, טיימען) — געשמאַק; זין.

די פיש זענען גוט, זיי האָבן טויזנט טעמען (אָפּאַטאָשו). אַז מען זאָגט אַ זאַך, זאָל דאָס זיין מיט אַ טעם (ש"ע).

II דער טעם — טעמים (טאַאַם — טיימים) — אורזאַך; מאָטיוו; באַדייט.
● נאָר קיינער ווייסט נישט דעם טעם דערפון, פאַרוואָס דער ייד איז געבליבן אין שטאָט (ש. אַש).

די טענה — טענות (טײנע — טײנעס) — פּרעטענסיע; פאָדערונג; באַהויפּטונג; רייד.

די טענה־ומענה (טײנע־אומײנע) — אויסרייד; דאָס דערווידערן; דאָס אַרויסרוקן קעגן־מאָטיוון.
● מען וועט אים גלייך באַפרייען אָן שום טענה־ומענה (י. קאָטיק).

טענות ותביעות (טײנעס און־טוויעס) — מ"צ — פּרעטענסיעס, פאָדערונגען און מאָנונגען.
● צו פאַרשרייבן זייערע טענות ותביעות (י. קאָטיק).

דער טפח — טפחים (טעפּעך — טפאָכים) — די ברייט פון דער האַנטפלאַך (אַמאָליקע מאָס).
● געהאַלטן זיך צען טפחים אונטערן הימל (פּרץ).

דער טפל (טאָפל) — צוגאָב־זאַך, בייזאַך, צווייטראַנגיקע זאַך. קעגנזאַץ: עיקר.

דער טפש — טפשים (טיפּעש — טיפּשים) — זע: טיפּש.

די טפשה — טפשות (טיפּשע — טיפּשעס) — זע: טיפּשה.

דאָס טפשות (טיפּשעס) — זע: טיפּשות.

דער טרוד — טרודים (טאָרעד — טערודים) — פאַרנומענער.
● און כאָטש מען איז שטענדיק אַ טרוד, בלייבט נאָך אַ ביסל צייט פאַר אַ יידיש וואָרט (בערדיטשעווסקי).

טרוד (טאָרעד) זיין — זיין פאַרנומען, באַשעפטיקט.
● גאַנצע טעג בין איך געווען טרוד מיט דעם רעמאָנט (ממ"ס).

די טורחה (טירכע, טערכע) — מי, באַמיונג.
● אַ דאַנק אייך פאַר דער טרחה (ש"ע).

טריף, טריפה (טרייף, טרייפע) — אומריין, ריטועל נישט דערלויבט (צו געניסן). קעגנזאַץ: כשר (ז"ד).

דער טריף־פסול—טריף־פסולען (טרייף־פּאָסל — טרייף־פּאָסלען) — פאַרבאָטן ביכל, אפּיקורסיש ביכל.
● דאָס האָסטו אַליין געבראַכט דעם טריף־פסול פון סלאָנימסקין, דעם אפּיקורס (ר. בריינין).

דאָס טרפות (טאַרפעס) — ריטועל נישט־דערלויבטע שפּייז.

דער יאוש (ייִיעש, ייִיאוש) — פאַרצווייפלונג, אָפּהענטיקייט.

● אַ מענטש דאַרף זיין גרייט אַלץ אויפצונעמען און נישט אַריינפאַלן אין יאוש (מ. בורשטין).

יבוא יומו (יאָוווי יוימוי) — עס וועט (נאָך) קומען זיין טאָג.

יבנה (יאַווגע) — אַ היסטאָריש שטעטל אין ארץ־ישראל, וווּ יוחנן בן זכאי האָט געגרינדעט אַ בית־המדרש, וועלכער איז געווען דער ערשטער גייסטיקער צענטער פון יידישן פאָלק נאָכן חורבן פון בית־שני.

דער „יברכך" (יעוואָרעכעכאָ) — „ער זאָל דיך בענטשן". מאַכן יענעם אַ „יברכך" — געבן יענעם אַ זידל.

● אוי האָט ער אים געמאַכט אַ „יברכך", וועט ער האָבן צו געדענקען (י. קאַטיק).

די יבשה — יבשות (יאַבאָשע — יאַבאָשעס) — טרוקעניש; קאָנטינענט.

● אויף דער יבשה זענען פאַראַן וועגן, פאַראַן רעלסן, פאַראַן אייזנבאַנען (ש"ע).

יגון ואנחה (יאָגוין וואַאַנאָכע) — קלאָג און זיפץ; קלאָג און וויי.

● ער האָט געהאַט דערפון בלויז יגון ואנחה (י. קאַטיק).

די יגיע(ת)־כפיה (יעגיאַ(ס)־קאַפּעאָ) — די אַרבעט פון אירע הענט, איר אייגענע מי.

די יגיע(ת)־כפיו (יעגיאַ(ס)־קאַפּאָוו) — די אַרבעט פון זיינע הענט, זיין אייגענע מי.

● יעדער איינער לעבט פון יגיעת־כפיו, פון דער אַרבעט מיט די אייגענע הענט (זשיטלאָווסקי).

די יד — ידים (יאַד — יאָדאַים) — האַנט (פאַרגרעסערונגס־אויסדרוק).

● שלעפּט מיט די געזונטע גראָבע ידים אַן עמער נאָך אַן עמער (ש"ע).

די יד־אחת (יאַד־אַכאַס) — איין־האַנט, בונד, שותפות (ז"ד).

● זיי וועלן מאַכן מיט אים יד־אחת (בערדיטשעווסקי).

ידוע (יאָדואַ) — באַקאַנט, באַוווּסט.

● ווי עס איז ידוע קאָן אַפילו אַ מלאך נישט טון פאַר אַמאָל קיין צוויי שליחות (ש. אַנ־סקי).

ידוע לכל (יאָדואַ לאַקויל, יאָדוע לאַקל) — אַלעמען באַקאַנט, אַלעמען באַוווּסט.

● ס'איז ידוע לכל, אַז ר' זישעלע איז געווען איינער פון די גדולי הדור (פּרץ).

דער ידיד — ידידים (יעדיד — יעדידים) — גוטער פריינד, גוטער ברודער.

● מיר זענען געוואָרן באַלד אמתע ידידים, גוטע ברידער הייסט עס (ממ"ס).

ידידיה (יעדידיע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

די ידיעה — ידיעות (יעדיע — יעדיעס) — מיטטיילונג, מעלדונג; קענטעניש, דאָס וויסן.

● איך וואָרט אויף אַ ידיעה וועגן אייער נייער אויסגאַבע (ש"ע). אין אַלעמען האָט ער געהאַט אַ ידיעה (בערדיטשעווסקי).

די ידיעה ובחירה (יעדיע אוּווכירע) — דאָס וויסן און אויסוואַל; דאָס פאָרויסזען (פון גאָט) און דער פרייער ווילן (פון מענטש).

● ידיעה ובחירה... פון וואַנען נעמען זיך (פּרץ).

דער ידען — ידענים (יאַדן — יאַדאָנים) — ווייסער, קענער.

● ער האָט ליב געהאַט דעם עצם ענין פון וויסן, צו זיין אַ ידען (בערדיטשעווסקי).

דאָס יהדות (יאַהאַדוס) — יידישקייט. זע: חכמת היהדות.

● ווי האָט מען דאָס נישט קיין ברעקל יהדות (זשיטלאָווסקי).

יהודה (יעהודע, יודע) — ביבל־פּערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

יהודה הלוי (יעהודע האַלייווי) — גרויסער העברעישער דיכטער און רעליגיעזער פילאָזאָף אין מיטלאַלטער (אַרום 1080—1145).

יהודה המכבי (יעהודע האַמאַקאַבי) — באַרימטער יידישער העלד, וואָס האָט געקעמפט קעגן די גריכן־סיריער (II יאָרהונדערט פּ"ק).

יהודה הנשיא (יעהודע האַנאָסי) — יהודה דער פּאַטריאַרך. גרויסער יידישער רעליגיעזער געלערנטער, וואָס האָט צונויפגעשטעלט די משנה (ז"ד, דער לעצטער פון די תנאים (אַרום 135—200 נ"ק).

יהודית (יודעס, יודיס) — נאָמען פון אַ פרוי; נאָמען פון דער העלדישער יידישער פרוי, וואָס האָט געטויט דעם פיינטלעכן גענעראַל העלאָפערנעס, לויט דעם אַפּאָקריפישן בוך „יהודית".

יהושע, יהושוע (יעהוישוע, יעשוע, שיע) — ביבלישער פּערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

יואל (יויעל) — נאָמען פון אַ ביבלישן פּראָפעט; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דער יובל — יובלס (יויוול — יויוולס) — יובליי, געדענק־פייערונג (באַזונדערס נאָך 25, 50, 75, 100 יאָר).

דאָס יובל־יאָר (יויוול־יאָר) — דאָס פופציקסטע יאָר, וואָס לויט דער ביבל, האָט די פּאַרקויפטע ערד געדאַרפט זיך אומקערן צו דעם ערשטן באַזיצער.

די יוד (יוד) — דאָס צענטע אות (י) פונעם אַלף־בית.

דער יודע־חן — יודעי־חן (יוידייאַ־כיין, יוידע־כיין—יאָדיי־כיין)— באַליבטער; פּראָטעזשירטער, באַגנאָדטער

● נאָר ווייניקע יודעי־חן האָבן געוווסט, וואָס עס טוט זיך אין רבינס הויף. (י. קאַטיק).

דער יודע־נגן — יודעי־נגן— יוידייאַ, יוידע־נאַגיין — יאָדיי־נאַגיין)— זינגער, מוזיקער, שפּילער, מוזיק־קענער

● ער איז געווען אַ שאַרפער מבין אויף חזנים און בכלל א יודע־נגן (ש"ע).

דער יודע־ספר—יודעי־ספר (יוידייאַ, יוידע־סייפער — יאָדיי־סיי־

פּער) — לערנער, דער וואָס קען לערנען.

● קיין יודע־ספר בין איך נישט, לערנען לערן איך נישט (פּרץ).

דער יוון — יוונים (יאָוון — יעוואָנים) — גריך. שאָוויניסטישע באַצייכענונג פון אַ גריכיש־אָרטאָדאָקסישן (פּראַוואָסלאַוונעם) ווי: אַן אוקראַינער, רוס.

● פאַלט אַריין, ווי אַ יוון אין דער סוכּה (פאָלקסווערטל).

יוחנן (יויכענען) — נאָמען פון אַ מאַנצביל. פאַרקירצט: יוחן.

יוחנן בן זכּאי (יויכענען בען זאַקיי) — באַרימטער יידישער רעליגיעזער געלערנטער (I יאָרהונדערט נ"ק) וואָס האָט נאָכן צווייטן חורבן געגרינדעט אין יבנה אַ לערן־אַנשטאַלט, וואָס איז געוואָרן דער יידישער רעליגיעזער גייסטיקער צענטר.

יוכבד (יויכעוועד) — ביבל־פּערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ פרוי.

די יולדת — יולדתן (יוילעדעס— יאָלדעסן) — קימפּעטאָרין, געווינערין.

● דער קוואַטער גיט שוין איבער דאָס קינד אַריינצוטראָגן צו דער יולדת (פּרץ).

יום־הדין (יאָם־האַדין) — דער טאָג פון משפּט, דער טאָג פון באַצאָלונג.

● האָט זי געוווּסט, אַז איר יום־הדין רוקט זיך אָן (ש. אַש).

יום־וליל ה (יאָם־וועלײלע) — טאָג און נאַכט.

● זיי זענען געזעסן יום־ולילה און געלערנט (י. קאָטיק).

דער יום־טוב — יום־טובים, ימים טובים (יאָנטעוו — יאָנטויווים, יאָמים טויווים) — פּייערטאָג.

● ווי ווייניק מיר האָבן יום־טובים, די וואָכעדיקע טעג אַזוי פיל (א. רייזען).

יום־טובדיק (יאָנטעווּדיק) — פּייערלעך, אויפן שטייגער פון יום־טוב.

● עס האָט אויסגעוויזן יעדע זאַך יום־טובדיק (ש"ע).

יום־טובן (יאָנטעווּן) — פּייערן; רוען.

● איר יום־טובט נאָך אַלץ? (ד. פּינסקי).

יום־כּפּור, יום־כּיפּור (יאָם־קיפּער) — טאָג פון פאַרגעבונג; גרעסטער יידישער רעליגיעזער יום־טוב, פאַסט־טאָג, וואָס פאַלט אויס דעם 10־טן תשרי.

יומא־דפּגרא (יוימע־דעפּאַגרע) — געלעגנהייטס־יום־טוב.

● ס'האָט חברה אַ סעודה אַ גרויסע געפּראַוועט, אַ יומא־דפּגרא געמאַכט (מאַרינאָוו).

יומם־ולילה (יוימאָם־וועלײלע) — טאָג און נאַכט. זע: יום־ולילה.

● זאָל ער זיצן יומם־ולילה און לערנען (מ. בורשטין).

יונה (יוינע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

יון — יונים (יאָוון — יעוואָנים) — זע: יוון.

יונתן (יוינאָסן, יוינעסן) — ביבל־פּערסאָנאַזש, נאָמען פון אַ מאַנצביל. פאַרקירצט: נתן.

יוסף (יאָסעף) — ביבל־פּערסאָנאַזש, נאָמען פון אַ מאַנצביל.

יוסף הצדיק (יאָסעף האַצאַדיק) — יוסף דער גערעכטער, דער פרומער.

פון יוצא (יויצע) וועגן—פאַר מענטשנס

וועגן, בלויז פאָרמעל, בלויז אָפּצו־
קומען.
● אַמאָל אַריינגעשטעלט אַ וואָרט, נאָר צוליב יוצא וועגן (ממ״ס).

יוצא (יויצע) זיין—דערפילן די פליכט; אויסקומען פאַר מענטשן; אָפּקומען.
● ווער עס וויל יוצא זיין פאַר אַלע־מען, דער איז נישט יוצא פאַר קיי־נעם (ש״ע).

יוצא ונכנס — יוצאים ונכנסים (יויצע וועניכנעס — יויצאים וועניכנאָסים) — איינגייער, היימישער, אָפטער גאַסט.
● [ער] איז אַ יוצא ונכנס אין הויף. (פּרץ).

דער **יוצא מן הכלל** (יויצע מין האַקלאַל) — אויסנאַם.
● ס׳איז אין יעדן כּלל פאַראַן אַ יוצא מן הכלל; אין אַ שלעכטן נאַרישן דור וועט איר אַמאָל געפינען גוטע אויפגעקלערטע יחידים (ממ״ס).

יוצרות (יויצרעס) מ״צ—אַזוי הייסן גע־וויסע תפילות, וואָס ווערן געזאָגט יום־טוב ביים דאַווענען.
● די מומע פאַרגעסט, ווי זי האַלט אין די יוצרות, מישט צונויף קאַשע מיט באָרשטש מיט נעכטיקע טעג (ש״ע).
די יוצרות פאַרבייטן — פאַרבייטן פאַרשידענע זאַכן, מאַכן אַ פּלאָנטער.

דער **יורד — יורדים** (יוירעד — יאָרדים) — געפאַלענער, פאַראָרעמ־טער; דעגראַדירטער.
● ער איז אַן עלנטער, ער איז אַ יורד. (ש״ע).

יורה־דעה (יוירע־דייע) — ווערט־לעך: „ס׳לערנט וויסן“, נאָמען פון צווייטן טייל פון שולחן ערוך (ז״ד).

יורש — יורשים (יוירעש — יאָר־שים) — ירושה־נעמער; נאָכפאָלגער; זון.
● זיי ־צעגן די איינציקע יורשים אויפן גאַנצן פאַרמעגן (ש״ע). ער האָט איי־גנטלעך קיין יורש נישט געהאַט (ש. אַש).

די **יורשטע — יורשטעס** (יוי־רעשטע — יוירעשטעס) — ירושה־נעמערין; נאָכפאָלגערין; טאָכטער.

דער **יושב אוהל — יושבי אוהל** (יוישעוו־אויהעל — יאָשווי־אויהעל) — שטוב־זיצער.
● [זיי] זענען געווען מער יושבי אוהל, שטוב־זיצער און פאַמיליע־מענטשן (נ. מייזיל).

דער **יושב־ראש** (יוישעוו־ראָש) — פאָרזיצער.
● שאַ, שאַ, דער יושב־ראש רעדט (מ. בורשטין).

דער **יושר** (יוישער) — גערעכטיקייט.
● זוך נישט ביי רייכע קיין יושר (פאָלקסווערטל). אַ יושר — עס וואָלט געווען גלייך, ריכטיק.
● אַ יושר ג׳לעבן, מען זאָל טאָקע עפּעס אָנהייבן אונדז אויך אין זינען האָבן (ש״ע).

„**יזכור**“ (ייזקער)—„(ער) זאָל דערמאָ־נען“, „(ער) זאָל געדענקען“. אַזוי הייבט זיך אָן די תפילה נאָך פאַר־שטאָרבענע און געפאַלענע. זע: הזכרת נשמות.

דאָס **יזכור־בוך** (ייזקער־בוך) — אָנדענק־בוך (נאָך פאַרשטאָרבענע, אומגעקומענע).

יחדיו (יאַכדאָוו) — צוזאַמען, אין איי־נעם; בשותפותדיק.

● ווער פון אונדז עס זאָל פריער נישט אויפגעריכט ווערן, באַדאַרף עס זיין יחדיו, מען זאָל זיך טיילן גלייך אויף גלייך (ש״ע).

דער יחוד (ייכעד) — אָפּגעזונדערטקייט; איינזאַמקייט.

● ער איז תּמיד געווען אַליין, ווי ער וואָלט אויסגעמיטן מענטשן, געזוכט יחוד (אָפּאַטאָשו).

דער יחוס (ייכעס) — אָפּשטאַמונג; „איידעלע״ אָפּשטאַמונג, אַריסטאָקראַטישקייט.

● קומען מיר דען נישט אַרויס אַלע פון איין יחוס, פון אדם הראשון (ש״ע). איינקויפן זיך אין יחוס (מ. בורשטין).

דער יחוס־בּריון (ייכעס־בּריון) — אָפּשטאַם־צעטל, אָפּשטאַמונגס־דאָקומענט.

● ער איז געקומען צו פאָרן מיט אַ יחוס־בּריון, אַז ער איז דער באָבעס אַן אייניקל (ש״ע).

זיך יחוסן (ייכעסן) — זיך גרויסן, שטאָלצירן מיט דער אָפּשטאַמונג.

● [דו] לאַכסט פון רייכן און זיין רייכקייט, פון יחוס און די, וואָס יחוסן זיך (ממ״ס).

יחזקאל (יעכעזקל) — נאָמען פון איינעם פון די בּיבּלישע בּיכער; נאָמען פון אַ מאַנצבּיל. פאַריידישט: כאַסקל, כאַצקל.

יחזקאל הנביא (יעכעזקל האַנאָווי) — יחזקאל דער זעער, דער פּראָפעט (VI יאָרהונדערט פ״ק).

יחיאל (יעכיעל, כיל) — נאָמען פון אַ מאַנצבּיל.

דער יחיד — יחידים (יאָכיד — יעכידים) — איינצלנער, אינדיווידווּם.

יחידי־סגולה (יעכידיי־סגולע) — אויסדערוויילטע.

● נאָר יחידי־סגולה האָבּן דערצו געקאָנט זוכה זיין (מ. טורקאָוו).

דער יחסן — יחסנים (יאַכסן — יאַכסאָנים) — מענטש פון „בּעסערער״ אָפּשטאַמונג, „אַריסטאָקראַט״; דער וואָס האַלט זיך פאַר אַ יחוס־קינד.

● דאָ איז ער אַ יחסן, און טו אים עפּעס (אָפּאַטאָשו).

דאָס יחסנות (יאַכסאָנעס) — „אויסדערווײלטקייט״, „אַריסטאָקראַטישקייט״, דאָס האַלטן זיך פאַר אַ יחסן.

זיך יחסנען (יאַכסענען) — זיך גרויסן מיט דער אָפּשטאַמונג; זיך אָנערקענען צו דער אָפּשטאַמונג.

● עס האָבּן זיך אָנגעהויבּן צו יחסנען צום „אַמעריקאַנער״ גלאַט פרעמדע יידן (ש״ע).

דער יין־המשומר (יאַיין־האַמשומער) — אַלטער וויין; אָפּגעהיטענער וויין; לעגענדאַרישער וויין, פון וועלכן עס וועלן, לויט דער רעליגיעז־מיסטישער פאָרשטעלונג, געניסן די פרומע יידן אין גן־עדן.

דער יין־שרף (יאַיין־סאָראָף) — בּראָנפן.

● צוויי פעסער בּיר געעפנט, אַ פאַס מעד, אַ חוץ פלעשער מיט יין־שרף (פּרץ).

דער יישוב (יישעוו) — זע: ישוב.

דער יישוב־הדעת (יישעוו־האַדאַאַס) — זע: ישוב הדעת.

אַ יישר כּוח (יאַשער קויעך) — אַ דאַנק; אויסדרוק פון אַנערקענונג, פון דאַנקבּאַרקייט.

● אַ יישר כּוח פאַר אייער מי.

יכולן (יאָכלען) — קענען (איראָניש).

● אַז ער יכולט, איז דאָך נישט שייך (ש"ע).

די **יכולת** (יעכוילעס) — מעגלעכקייט; דאָס זיין אין שטאַנד.

● ער האָט אונדז געגעבן אפשר מער, ווי ס'איז געווען אין זיין יכולת (ד. פרישמאַן).

דאָס **ילד — ילדים** (יעלעד — יעלאָדים) — קינד.

● אוועקגעפאַלן אויף אספרה (דיפטעריט) אַ ילד (פּרץ).

דער **ילוד-אשה** (יעלוד-אישע)—מענטשן-קינד, מענטש (ווערטלעך: געבוירן פון אַ פרוי).

● נאָר קיין ילוד-אשה זאָל נישט וויסן דערפון (ש. אַש).

די **ילל‏ה — יללות** (יעלאָלע — יעלאָלעס) — געוויין, קלאָג, יאָמער, געיאָמער.

● פון אַלע זייטן הערט זיך אַ קלאָג, אַ געוויין, אַ יללה, (ממ"ס).

דער **ים — ימען, ימים** (יאַם — יאַמען, יאַמים) — גרויס שטייענדיק וואַסער, וואָס איז פאַרבונדן מיטן אָקעאַן.

● טראָג מיך, ים, צו מוטערס שויס (יהודה הלוי).

דער **ים-הגדול** (יאַם-האַגאָדל) — גרויסער ים; באַצייכענונג פון מיטל-לענדישן ים.

דער **ים-המלח** (יאַם-האַמעלאַך) — געזאַלצענער ים, טויטער ים.

דער **ים-הקרח** (יאַם-האַקעראַך) — אייז-ים.

● צי גליטשן זיך שדים אויפן ים-הקרח? (פּרץ).

דער **ים התיכון** (יאַם האַטיכוין) — מיטללענדישער ים.

דער **ים-סוף** (יאַם-סוף) רויטער ים.

ימח שמה (יימאַך שעמאָ) — אָפּגעמעקט זאָל ווערן איר נאָמען.

● די גראַפינע, ימח שמה, איז געווען זייער אַ גרויסע מרשעת און פיינט געהאַט אַ יידן (ש"ע).

ימח שמו (יימאַך שעמוי) — אָפּגעמעקט זאָל ווערן זיין נאָמען.

● דער ימח שמו, ווי ער האָט עס דער-הערט, איז אים די שמחה געוואָרן געשטערט (פּרץ).

ימח שמו וזכרו (יימאַך שעמוי ווע-זיכרוי) — אָפּגעמעקט זאָל ווערן זיין נאָמען און זיין אָנדענק.

ימח שמם וזכרם (יימאַך שעמאָם וועזיכראָם) — אָפּגעמעקט זאָל ווערן זייער נאָמען און זייער אָנדענק.

ימים ומדבריות (יאַמים אומיד-באָרייעס)—מ"צ—ימען און וויסטענישן.

● האָט זיך פאַרטשעפּעט אין אַ וואָלקן, מיטן רעגן אַראָפּ... אויף ימים ומדבריות... (פּרץ).

ימים נוראים (יאָמים נויראָים) — מ"צ — „פאָרכטיקע טעג". — באַ-צייכענונג פון (די צען טעג פון) ראש השנה (ביז) יום-כפור.

ימים-נוראימדיק (יאָמים-נויראימ-דיק)—פאָרכטיק ווי אין די ימים-נוראים.

● אַ שטילער ימים-נוראימדיקער פחד וויגט זיך איבער די טונקעלע גאַסן (פּרץ).

די **יניקה — יניקות** (יעניקע—יעני-קעס) — דאָס זויגן, דאָס שעפּן כוחות דאָס ציען פרנסה.

● ער האָט געשעפּט יניקה פון די פאָלקסקוואַלן (נ. מייזיל). די גאַנצע יניקה זייערע איז פון דער פרעמד, מייסטנס פון גלופּסק (ממ"ס).

דער יסוד—יסודות (יעסאָד—יעסוידעס) — פונדאַמענט, באַזע, גרונט, גרונטשטיין.

● דאָס פאָלקסליד, די פאָלקס־מעשה איז אַלעמאָל אַ וויכטיקער יסוד אין דעם שאַפן פון די גרויסע קינסטלער (נ. מייזיל).

יסורים (יעסורים) — מ״צ —ליידן, ווייטיקן, פיין.

● איך לייד דערפון גרויסע יסורים (ממ״ט).

יסורים רעים (יעסורים ראָים) — מ״צ—שרעקלעכע ליידן.

● פון דער וועלט אַרויס פלי איך! פון דער וועלט מיט שקר... מיט יסורים רעים (פרץ).

יסורים של אהבה (יעסורים שעל אַהאַווע)—מ״צ—ליידן פון ליבשאַפט.

● בריט, זיך, ברענט אין איר מיטן גרעסטן תענוג פון יסורים של אהבה (פרץ).

יעבץ (יאַוועץ)—נאָמען פון אַ מאַנצביל.

יעלה — יעלות (יאַ(יי)לע — יאַ(יי)לעס) מאַכן — מאַכן אַ טומל, אַ געשריי (לויט אַ תפילה, וואָס הייבט זיך אָן מיטן וואָרט „יעלה״ (זאָל אַרויפגיין).

● מאַכט נישט קיין יעלות (י. קאָטיק).

יעקב (יאַנקעוו) — נאָמען פון אַ מאַנצביל; ביבל־פערסאָנאַזש.

יעקב אבינו (יאַנקעוו אָווינו) — אונדזער פאָטער יעקב; ביבלישער פאַטריאַרך.

די יפהפיה, יפיפיה (יעפייפיע) — גאָר אַ שיינע; שיינהייט.

יפת־תואר (יעפאַס־טויאָר) — גרויסע שיינהייט.

● אַ גרויסע יפת־תואר איז זי אויך געווען, האָט זי זיך גרויס געהאַלטן, געבלאָזן פון זיך (פרץ).

יפתח (ייפטאַך) — ביבלישער העלד, איינער פון די שופטים.

יצחק (ייצכאָק)—נאָמען פון אַ מאַנצביל; ביבל־פערסאָנאַזש.

יצחק אבינו (ייצכאָק אָווינו)—אונדזער פאָטער יצחק, ביבלישער פאַטריאַרך.

יציאת־מצרים (יעציאַס־מיצראַים) — — דאָס אַרויסגיין (פון די יידן) פון עגיפטן, דאָס פאַרלאָזן מצרים.

● מען האָט צו דערציילן ווי ביי יציאת־מצרים (פאָלקסווערטל לויט אַ. בערנשטיין).

די יציאת־נשמה (יעציאַס־נעשאָמע)— דאָס אויסגיין, דאָס שטאַרבן.

● יציאת־נשמה איז געווען נאָך פאַר עטלעכע טעג (פרץ).

די יצירה (יעצירע) — באַשאַפונג, שאַפונג (געטלעכע).

● ווי ווונדערלעך איז דער סוד פון יצירה (רויזענבלאַט).

דער יצר־הרע (יעצער־האָרע) — פאַרפירער, פאַרפירערישער גייסט; בייזער גייסט, וואָס רעדט אָן דעם מענטשן צו טון שלעכטס, לויט דער רעליגיעזער פאָרשטעלונג.

● מיטן יצר־הרע, אַז ער כאַפט זיך אַריין, מוז מען שטאַרק מלחמה האַלטן (פרץ).

דער יצר־טוב (יעצער־טאָוו) — גוטער גייסט, וואָס רעדט אָפ פון טון שלעכטס, לויט דער רעליגיעזער פאָרשטעלונג.

יקותיאל (יעקוסיעל, קיסיל, קסיל) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

יקיר (יאַקיר) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דאָס **יקר־המציאות — יקר־המציאותן** (יעקאַר־האַמציעס — יעקאַר־האַמציעסן) — זעלטענע זאַך, זעלטנהייט.

● ער האָט שוין דעמלט געהאַט אַ גרויסע ביבליאָטעק מיט אַ סך יקר־המציאותן (אל. צייטלין).

דאָס, דער **יקרות** (יאַקרעס)—טייערקייט, טייערונג, שטייגונג פון פרייזן.

● דער יקרות אויף פּראָדוקטן שטייגט פון טאָג צו טאָג (ממ"ס).

דער **ירא־שמים — יראי־שמים** (יערײ־שאָמאַים — ייריי־שאָמאַים) — גאָטספאָרכטיקער, פרומער.

● חיים יונה איז אַ בן־תורה און אַ ירא־שמים (פּרץ).

די **יראה** (ייִרע) — פורכט, גאָטס־פאָרכטיקייט, פרומקייט; פאַרהערלע־כונג, ערפורכט.

● און לייגט, ווי זיין שטייגער איז, די שמדקייט אין דער יראה אַריין (פּרץ). חסידים שמועסן מיט יראה וועגן זייערע רביים (אָפּאַטאָשו).

יראת־הכבוד (ייִראַס־האַקאָוועד) — ערפורכט, גרויס רעספּעקט, פאַרהער־לעכונג.

● ער האָט אויפגעוועקט ביי די יינגע יידישע שרייבער אַ יראת־הכבוד צו דער גאַנצער רוסישער ליטעראַטור. (ש. עפּשטיין).

יראת־השם (ייִראַס האַשעם) — גאָטס־פאָרכטיקייט, פרומקייט.

יראת־שמים (ייִראַס־שאָמאַים) — גאָטס־פאָרכטיקייט, גרויסע פרומקייט.

● דער זיידע זיינער איז בצול געוואָרן פון אומגליק נאָר דורך זיין יראת־שמים, דורך זיין פרומקייט (ש"ע).

דאָס **יראת־שמים־פּנים** (ייִראַס־שאָמאַים־פּאָנעם) — פרום געזיכט, אומשולדיק אויסזען.

● דאָס „שטילע וואָסערל" מיטן יראת־שמים־פּנימל, וואָס מען הערט נישט איר קול אַ גאַנצן טאָג (פּרץ).

ירבעם בן נבט (יערײוואָם בען נעוואָט) — ביבל־פּערסאָנאַזש; באַצייכענונג פון אַ מענטש, וואָס זינדיקט אַליין און מאַכט אַנדערע זינדיקן.

דער **ירגזון** (ייִרגאָזן) — צאָרן.

● בייזע ווינטן מיט ירגזון, ברעכן, ברענען און צעבלאָזן (געבירטיג).

דער **ירדן** (יאַרדן) — נאָמען פונעם גרעסטן טייך אין ארץ־ישראל.

ירוחם (יערוכעם) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

די **ירושה — ירושות** (יערושע — יערושעס) — ערבשאַפט, פאַרבליבענע זאַכן נאָך אַ געשטאָרבענעם; זאַכן וואָס מען באַקומט אין אייגנטום נאָך פאַרשטאָרבענע עלטערן, זיידעס, פריינט.

● איבער וואָס קריגן זיך קינדער נאָכן טאַטנס טויט? פאַרשטייט זיך איבער אַ ירושה (ש"ע).

ירושלים (יערושאָלאַים) — נאָמען פון דער אַלטער היסטאָרישער הויפּט־שטאָט פון ארץ־ישראל.

ירושלמי — ירושלמיים (יערו־שאַלמי — יערושאַלמים) — אַ ייד פון ירושלים פון ארץ־ישראל זע: תלמוד.

ירחמיאל (יעראַכמיעל) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

ירידה — ירידות (יערידע — יערידעס) — דער אַראָפּפאַל, דאָס אַראָפּפאַלן, דאָס פאַלן.

● פּרץ האָט שוין געטראָפן זאַמאָשטש אין דער ירידה, שוין אויס פעסטונג (נ. מייזיל).

יריחו (יעריכוי, יעריכע) — נאָמען פון אַן אַלטער שטאָט (אין ארץ־ישראל), וועמענס מויערן עס זענען איינגעפאַלן פונעם בלאָזן פון שופרות (דורך די יידן) אין דער צייט פון פון יהושע, לויט דער ביבל. די מויערן פון יריחו — באַצייכענונג פון אַ קאָלאָס אויף ליימענע פיס.

● פון דיין געשריי קענען יריחוס מויערן ציטערן און איינפאַלן (פּרץ).

די יריעה — יריעות (יעריע — יעריעס) — פּאַרמעט־בלאַט (פון דער ספר־תורה) ; פאַרשריבן בלאַט פּאַפּיר.

● דאָס זענען צוויי וואַלצן, אויף וועלכע עס וועלן זיך וויקלען מיינע שריפטשטעלערישע יריעות (פּרץ).

ירמיהו, ירמיה (יירמעיאהו, יערמיע)—נאָמען פון אַ מאַנצביל.

ירמיהו הנביא (יירמעיאָהו האַנאָווי) — ירמיהו דער זעער, דער פּראָפעט (VI יאָרהונדערט פ"ק), לויט דער טראַדיציע פאַרפאַסער פון דעם נבואה־בוך „ירמיהו" און פון דעם קלאָג־ליד (אויפן חורבן פון ירושלים) „איכה".

ירשענען (יאַרשענען) — אַרבן, באַקומען אַ ירושה, באַקומען זאַכן אין אייגנטום נאָך פאַרשטאָרבענע.

● ער האָט געמיינט, אַז ער ירשנט אים שוין (ש. אַש).

דער יש (יעש) — וועזן, עקזעסטירנדיקע זאַך ; וויכטיקע פּערזאָן.

● ער איז דאָרט אַ גאַנצער יש : סטייטש, בערל־אייזיק (ש"ע).

יש אומרים (יעש אוימרים — פאַראַן אַזעלכע וואָס זאָגן, פאַראַן אַ מיינונג.

● עס איז אפילו געווען אַ יש אומרים, אַז די גאַנצע זאַך איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן (י. קאָטיק).

יש מאין (יעש מעאַין) — אַ וועזן געוואָרן פון גאָרנישט.

● עפּעס אויפצוטון און מאַכן נייע לעבנס און באַשאַפן יש־מאינס (יהואש).

דער ישוב (יישעוו) — באַקלערונג, איבערלייגונג, באַטראַכטונג.

● און ער גיט אים אַ צייט אויף ישוב (פּרץ).

דער ישוב — ישובים (יישעוו — יישווּוים) — זידלונג, באַוווינט אָרט, דאָרף ; באַפעלקערונג.

● ער פליט אַרום און אַרום, איבער דערפער און שטעט, ווי נאָר אַ שטיקל ישוב (פּרץ).

ישוב (יישעוו) האָבן — באַקלערן, באַטראַכטן, זיך איבערלייגן.

● ער גיט זיך אַ ריר, גלייך ער האָט אַ ישוב (פּרץ).

ישוב־הדעת (יישעוו־האַדאַאַס) — איבערלעגונג, דאָס באַקלערן, דאָס באַטראַכטן.

● אַלצדינג זאָל מען טון מיט אַ ישוב־הדעת (ממ"ס).

זיך ישובן (יישעוון) — זיך באַקלערן, זיך איבערלייגן, זיך באַטראַכטן.

● ער האָט זיך אַ ווײַלע געישובט (ש"ע).

די ישובניצע — ישובניצעס (יישעווניצע — יישעווניצעס) — דאָרף־יידענע, דאָרפישע יידענע.

דער ישובניק — ישובניקעס (יישעוויק — יישעווניקעס) — דאָרף־ייד, דאָרפישער ייד.

די ישועה — ישועות (יעשוע — יעשועס) — הילף, דערלייזונג.

● אַז באַשערט איז די ישועה, קומט זי סיי־ווי־סיי (א. שטיינבאַרג).

ישועות ונחמות (יעשועס וועכאָמעס) — מ״צ — הילף און טרייסט.

● זיי וועלן נאָך הערן פון דאָרטן גוטע בשורות מיט ישועות ונחמות (ש״ע).

די ישיבה — ישיבות (יעשיווע — יעשיוועס) — תּלמודישער לערן־אַנשטאַלט (פאַר בחורים).

דער ישיבה־בחור — ישיבה־בחורים (יעשיווע־באָכער — יעשיווע־באָכערים) — ייִנגל (בחור), וואָס לערנט אין אַ ישיבה.

ישמעאל (יישמאָעל) — ביבל־פּערסאָנאַזש. באַצייכענונג פון אַ טערק.

ישעיהו, ישעיה (יעשאַיאָהו; יעשייע, שייע)—נאָמען פון אַ מאַנצביל.

ישעיהו הנביא (יעשאַיאָהו האַנאָווי) — ישעיהו דער זעער, דער פּראָפעט (VII — VIII יאָרהונדערט פ״ק).

„ישקני״ (יישאָקייני) — „לאָז ער מיך קושן״. באַצייכענונג פון אָפּנאַרן, פון נישט האַלטן וואָרט.

● וואָס וועלן מיר טון, אַז מען וועט אונדז נאָכדעם זאָגן: „ישקני״ (ש״ע).

ישראל (ייסראָעל) — נאָמען פון דער יידישער מלוכה אין ארץ־ישראל; באַצייכענונג פון יידישן פאָלק; ערן־נאָמען פון יעקב אבינו (לויט דער ביבל); באַצייכענונג פון אַ ייד, וואָס איז נישט קיין כהן אָדער לוי; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

יששכר (ייטאָסכער) — נאָמען פון אַ מאַנצביל. פאַרקירצט: שכר (סאָכער).

דער יתום — יתומים (יאָסעם — יעסוימים) — אַ ייִנגל, וואָס זיין פאָטער אָדער מוטער (אָדער ביידע) זענען געשטאָרבן.

● אַ יתום בין איך געווען פון טאַטע־מאַמע אין אַ קליין שטעטל אין דער ליטע (ש״ע).

די יתומה — יתומות (יעסוימע — יעסוימעס) — אַ מיידל, וואָס איר פאָטער אָדער מוטער (אָדער ביידע) זענען געשטאָרבן.

יתומדיק (יאָסעמדיק) — פאַראייִנזאַמט, פאַרלאָזן, אָן עלטערן.

● יתומדיק און איינזאַם בלישטשען די ליכטלעך דורך די פאַרקאָוועטע פענצטער (מ. בורשטין).

דער יתור (ייטער) — איבערבלייבעניש; רעשטל. באַצייכענונג פון דעם רעשטל שטאָף, וואָס בלייבט איבער ביים שניידער.

● ער... וויל נישט, אַז איך, זיין בערל דער שניידער, זאָל נעמען יתור! (פּרץ).

יתרו (ייסרע) — ביבל־פּערסאָנאַזש. לויט דער טראַדיציע האָט יתרו געהאַט זיבן נעמען.

● ער האָט יתרוס נעמען (פאָלקס־ווערטל).

כ

כאור־הבוקר (קעאָר־האַבױקער) — װי ס׳װערט ליכטיק, באַגינען, פרי־מאָרגן.
● ער איז אױפגעשטאַנען כאור־הבוקר (בערדיטשעװסקי).

כאחד־האדם (קעעכאָד־האָאָדאָם) — װי יעדער מענטש.
● איז זי אױפן גאַנצן לײב געזונט און פריש געװען, כאחד־האדם געשלאָפן, געגעסן (פרץ).

דער כבד־לשון (קװאַד־לאָשן) — זע: כבד־פה.

דער כבד־פה (קװאַד־פע) — שטאַמלדיקער, שװער רעדנדיקער.

דער כבוד (קיבעד) — זע: כיבוד.

דער כבוד (קאָװעד) — ערע, רום.
● איך בעט איבער אײער כבוד (ש״ע).

דער כבוד־התורה (קאָװעד־[קװאָד] האַטױרע)—כבוד פון לערנען.
● דו האָסט געזען כבוד־התורה? (פרץ).

דער כבוד־אב (קיבעד־אָװ) — זע: כיבוד־אב.

דער כבוד־אם (קיבעד־איים) — זע: כיבוד־אם.

כביכול (קאַװיאָכל) — אַזױ צו זאָגן; באַצײכענונג פון גאָט.
● זײ הײבן שױן אָן צו שמעקן מיט הײנטװעלטישקײט, מיט דעם װאָס לײט רופן עס מאָדערניזם, כביכול (ש״ע). די ערד איז אַ פוס־בענקעלע בײם כביכול (ד. פינסקי).

כדאי (קעדאַי) — עס לױנט, עס איז װערט.
● קלאָגן זיך? פאַר װעמען? נישט כדאי (א. שטײנבאַרג).

כדבעי (קידבאָיע) — װי עס באַדאַרף צו זײן.
● צו דעם װעל איך מיך װאַשן כדבעי (פרץ).

כדומה (קעדױמע) — דאָס גלײכן; אַ שטײגער.

כדומה־למשל (קעדױמע־לעמאָשל)— צום בײשפיל, אַשטײגער.
● כדומה־למשל װי געפינט איר הײנט אַזאַ חזן? (ש״ע).

דער כדור־הארץ (קאַדער־האָאָרעץ)— ערד־קײלעך, ערד־גלאָבוס.

כדי (קעדײ) — אַז, צו, מיטן ציל.
● זי האָט הױך גערעדט, כדי מאָטקע זאָל דערהערן (ש. אַש).

כדרך־הטבע (קעדערעך־האַטעװע) — װי דער שטײגער איז, װי נאַטירלעך.
● און ער האָט כדרך־הטבע געליטן פון זײן שטיפמאַמען (בערדיטשעװסקי).

כדת משה וישראל (קעדאַס מױשע װעײסראָעל) — לױטן ײדישן רעליגיעזן געזעץ.

כהאי לישנא (קעהאַי לישנע) — מיט די װערטער. זע: בזה הלשון.

כּ
ח

● ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן זיין געשיכטע כּהאי לישנא (ש״ע).

כּהוויה, כּהוויה (קאַהאַוואַיע, קעהאַוואַיע) — אַזוי ווי עס איז, געהעריק.

● ער דערציילט אים אַלץ כּהוויה (פּרץ).

כּהלכה (קאַהאַלאָכע, קעהאַלאָכע) — אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין.

דער כּהן — כּהנים (קויהען — קויהאַנים) — זע: כּוהן.

כּהנה וכהנה (קאָהיינאָ ווּעכאָ־היינאָ) — אַזויפיל און נאָך אַזויפיל; אַזעלכע און אַזעלכע.

● איך בין זיכער, אַז מאָרגן וועלן נאָך קומען כּהנה וכהנה (ד. פּינסקי).

כּהרף־עין (קעהערעף־אַין) — אין איין אויגנבליק.

● גיט ער דעם צווייטן פייף, ווערט דאָס אַלץ כּהרף־עין פאַרשוווּנדן (פּרץ).

דער כּוהן — כּוהנים (קויהען — קויהאַנים) — פּריסטער (אַמאָל אין בית־המקדש), דער וואָס שטאַמט פון אהרנס זין, וואָס האָבן אָפּגעריכט די עבודה אין בית־המקדש. באַצייכענונג פון אַ היציקן מענטש.

● אַ כּוהן איז אַ כּעסן (שפּריכוואָרט).

כּוהנדיק (קויהענדיק) — היציק, צאָרנדיק.

● וואָס ביסטו אַזוי כּוהנדיק? (ש״ע).

דער כּוהן־גדול — כּוהנים־גדולים (קויהען־גאָדל — קויהאַנים־געדוילים) — דער עלטסטער כּוהן, דער אייבערשטער פּריסטער.

דער כּוון (קיוון) — זע: כּיוון.

די כּוונה — כּוונות (קאַוואָנע — קאַוואָנעס) — דער מיין; באַטראַכטונג; אויפמערקזאַמקייט.

● אין אַלץ האָט ער אַריינגעלייגט עפּעס אַ טיפע כּוונה (ג. מייזיל). אָפּגעזאַוונט געשמאַק מיט כּוונה און אָפּגעכאַפּט דעם אָנבייסן (ש״ע).

דער כּוח — כּוחות (קויעך — קויכעס) — קראַפט; מאַכט; געוואַלט.

● דאָרט ווו מען דאַרף מוח, העלפט נישט קיין כּוח (שפּריכוואָרט). ער האָט זיך אָנגעטון אַ כּוח (מ. בורשטין).

דער כּוח־הדם (קויעך־האַדאַם) — „קראַפט פון בלוט”, רויע קראַפט.

● צעשפּילט זיך אין איר דער כּוח־הדם (מ. בורשטין).

דער כּוח־הדמיון (קויעך־האַדימיען) — פאָרשטעלונגס־קראַפט; פאַנטאַזיע.

● ביי זיי לעבט דאָס נאָר אין פאַנטאַזיע, אין כּוח־הדמיון (ממ״ס).

דער כּוח־הרשאה (קויעך־האַרשאָע) — באַפולמעכטיקונג, פולמאַכט.

● איך וועל נישט זיין קעגן דעם און וועל אים צושיקן אַ כּוח־הרשאה (ממ״ס).

כּולו־זכּאי (קולוי־זאַקיי) — אין גאַנצן אַ גערעכטער, אין גאַנצן אַ גוטער.

● עס וועט זיך אָנהייבן אַ נייע וועלט פון כּולו־זכּאי (ש. אַנ־סקי).

כּולו־חייב (קולוי־כאַיעוו) — אין גאַנצן אַ שולדיקער, אין גאַנצן אַ שלעכטער.

כּולל (קוילעל) זיין — אַרומנעמען.

● דאָס יידישקייט איז כּולל אונדזער גאַנץ פאַרמעגן (ממ״ס).

דער כּומר — כּומרים (קוימער —

קאָמרים) — קריסטלעכער גייסטלע־כער. זע: גלח.

די **כונה — כונות** (קאַוואָנע — קאַוואָנעס) — זע: כוונה.

דער **כוס — כוסות** (קאָס — קוי־סעס) — בעכער, גלעזל.

● עס באַווייזן זיך אויף רויטע כוסות מיט פלעשער וויין.

די **כוס(י)ה — כוסות** (קויס(י)ע — קויסעס)—בעכער, גלעזל. זע: ארבע כוסות.

● אַ כוסה מאַכן—טון אַ טרונק (בראָנפן, וויין).

דער **כופר — כופרים** (קויפער — קאָפרים) — נישט־גלויביקער, גאָט־פאַרלייקענער, אַטעיסט.

דער **כופר בעיקר** (קויפער בע־איקער)—גאָט־פאַרלייקענער, אַטעיסט.

כורעים (קוירים) פאַלן — פאַלן אויף די קני, קניען; פאַלן צו דער ערד.

● ס'פאַלט [דאָס הייזל] כורעים... (פרץ).

כורש (קוירעש) — נאָמען פון קעניג פון פרס (פערסיע), דעראָבערער פון בבל, וואָס האָט אין יאָר 538 פ"ק דערלויבט די יידן זיך אומצוקערן קיין ארץ ישראל.

דער **כותל־מערבי** (קויסל־מאַ־ראָווי) — מערב־וואַנט, וועלכע איז געבליבן פון דער מויער, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם בית־המקדש אין ירושלים.

דער **כזב ושקר** (קאָזעוו־וועשע־קער) פאַלשקייט און ליגן.

● כזב ושקר! איך בין גאָרנישט אַנט־לאָפן (ש. אַנ־סקי).

דער **כזבן — כזבנים** (קאַזוועז — קאַזוואָנים — ליגנער.

כזית (קעזאַיס) — ווי אַן איילבירט די גרויס, זייער אַ קליין שטיקל.

● נישט געפונען אַ ברעקל ברויט, ווי אַ כזית (ממ"ס).

כחול הים (קעכאָל האַיאַם) — ווי דאָס זאַמד אויפן ברעג פון ים; אָן אַ צאָל, נישט איבערצוציילן.

● גאָלד מיט זילבער מיט דימענטן כחול הים (ש"ע).

כחצות־הלילה (קאַכאַצאָס־האַליי־לאָ) — אין דער האַלבער נאַכט.

● ער הייבט זיך אויף כחצות־הלילה (בערדיטשעווסקי).

דער **כיבוד — כיבודים** (קיבעד — קיבודים) — באַערונג, דאָס אָפגעבן כבוד; אויפנאַמע, טראַקטאַמענט.

● איך זוך ביי אים נישט קיין כיבוד (א. שטיינבאַרג). הייסט ער אָנגרייטן כיבוד (פרץ).

דער **כיבוד־אב** (קיבעד־אַוו) — דאָס אָפגעבן כבוד דעם פאָטער, דאָס טייער האַלטן דעם פאָטער.

דער **כיבוד־אם** (קיבעד־איים) — דאָס אָפגעבן כבוד דער מוטער, דאָס טייער האַלטן די מוטער.

כיד־הגביר (קעיאַד־האַגוויר) — אויפן רייכן שטייגער, אויף אַ גבי־רישן אופן.

● און אַ פלעשל אַלטן מעד ביים טיש כיד־הגביר (פרץ).

כיד־המלך (קעיאַד־האַמעלעך) — קעניגלעך, רייך.

● מען האָט אים געגעבן עסן און טרינ־קען כיד־המלך (י. קאָטיק).

כידוע (קעיאָדואַ) — ווי עס איז באַ־קאַנט, ווי עס איז באַוווסט.

● כידוע, מאַכט יעדער גובערנאַטאָר איין מאָל אין יאָר אַ באַל פאַר גרויסע לייט (פרץ).

דער כּ י ו ו ן, (קיוון) — דער מיין.
● דאָס האָט דער קלוגער רעדאַקטאָר געטון מיט אַ כּיוון (ש"ע).

דער כּ י ו ר (קיער)—וואַש־בעקן, האַנט־פאַס (מיט וואַסער צו וואַשן די הענט אין בית־המדרש).
● [ער] איז צוגעגאַנגען צום כּיור זיך וואַשן (פּרץ).

כּ י נ י ם, כּ נ י ם (קינים) — מ"צ—לייז.

דער כּ י ש ו ף (קישעף) — צויבער, איבערנאַטירלעכע קראַפט. (אַבערגלויבישע פאַרשטעלונג).
● כּישוף איז נאָר אַ פאַרבלענדעניש פאַר די אויגן (פּרץ).

דער כּ י ש ו ף ־ מ אַ כ ע ר — כּ י ש ו ף ־ מ אַ כ ע ר ס (קישעף־מאַכער — קישעף־מאַכערס) — צויבערער ; קונצנמאַכער.

די כּ י ת ה — כּ י ת ו ת (קיטע—קיטעס)— קלאַס (אין העברעישע און רעליגיעזע שולן) ; גרופּע ; סעקטע.
● ער האָט אָנגעהויבן לערנען אין דער ערשטער כּיתה (ראַווניצקי). און כּיתות, כּיתות גייען פאַרביי (פּרץ).

כּ ך ־ ה ו ו ה (קאַך־האַווע) — אַזוי איז געוועזן, אַזוי איז געשען.
● און כּך־הווה, די גאַנצע שטאָט האָט גערעדט און גערעדט (ש"ע).

כּ ך ־ ו כ ך (קאַך־וועקאַך)—אַזוי און אַזוי.
● געזאָגט צו אים: „אדוני קעניג, כּך־וכך, דאָס פאַרמאָגן מיר און דאָס האָבן מיר (ש"ע).

דער כּ כּ ר ־ ל ח ם (קיקאַר־לעכעם) — לאַבן ברויט.
דערגאַנגען עד כּכּר־לחם — דערגאַנגען ביז טרוקן ברויט.

● די גאַסט־הייזער האָט מען פאַרמאַכט... עד כּכּר־לחם זענען זיי געקומען (פּרץ).

דער כּ ל ־ ב ו (קאָל־בוי) דאָס, וואָס אַנטהאַלט (נעמט אַרום) אַלץ ; ענציקלאָפּעדיש ווערק.

דער כּ ל ־ ב ו נ י ק — כּ ל ־ ב ו נ י ק ע ס (קאָלבויניק — קאָלבויניקעס) — דער, וואָס איז פעיק צו אַלצדינג, אַלצקענער.
● ער האָט גערעדט גוט, דער כּל־בוניק (ש"ע).

די כּ ל ב ו נ י צ ע — כּ ל ־ ב ו נ י צ ע ס (קאָל־בויניצע — קאָל־בויניצעס) — די וואָס איז פעיק צו אַלצדינג, אַלצקענערין

כּ ל ־ ד ב ר ־ א ס ו ר (קאָל־דאָווער־אָסער) — יעדע פאַרבאָטענע זאַך.
● ער שפּילט זיך מיט כּל־דבר־אסור (ז. שניאור).

כּ ל ד כ פ י ן י י ת י ו י י כ ו ל (קאָל דיכפין ייסיי וועייכל — Koł dychfyn jejsej wejejchł) ווער עס איז הונגעריק זאָל אַרייַנקומען (און זאָל) עסן.
● טיר און טויער שטייען אָפן... יידן זאָגן : כּל דכפין ייתי וייכול (פּרץ).

כּ ל ה ו ן ד ע ל מ א (קאָל האָן [הוין] דעאַלמאָ) — אַלדאָס גוטס פון דער וועלט.
● דאָס ווילן מיר נישט אַוועקגעבן פאַר כּל הון דעלמא (ש"ע).

כּ ל ה ט ע מ י ם (קאָל האַטיימים — אַלע גוטע געשמאַקן ; זייער געשמאַק.
● אַלץ וואָס זי קאָכט, האָט דאָס כּל הטעמים (י. קאָטיק).

כּ ל ה מ י נ י ם (קאָל האַמינים) — אַלע סאָרטן.
● [זיי] שיקן צו צייטונגען פון גאָר

דער וועלט און פון כל המינים (ש"ע).

כ ל ה פ ס ל נ ו ת (קאָל האַפּאַסלאָנעס)— אַלע געמיינהייטן, אַלע ערגסטע זאַכן, אַלע נידערטרעכטיקייטן.
● מען טוט כל הפסלנות, אַבי קיינער זאָל נישט זען (י. קאָטיק).

כ ל ה פ ס ל נ ו ת ש ב ע ו ל ם (קאָל האַפּאַסלאָנעס שעבאָאוילעם) — אַלע געמיינהייטן (אַלע ערגסטע זאַכן) פון דער וועלט.
● [ער האָט] געפּייערט אויף דער פּאָליציע, גערעדט כל הפסלנות שבעולם (ש"ע).

כ ל ה ש ב ו ע ו ת (קאָל האַשוּוּעס) — אַלערליי שווערצן, אַלערליי שבועות.
● ער האָט זיך געשווירן מיט כל השבועות (ש"ע).

(מיט) **כ ל ו ל ך** (קאָל-וועלאָך) — (מיט) אַלצדינג.
● ער וויל איבערשרייבן די אימעניע (פּאָלוואַרק, גוטס) מיט כל-ולך (בערדיטשעווסקי).

דער **כ ל - ו ל ך — כ ל - ו ל כ ן** (קאָל-וועלאָך — קאָל-וועלאָכן) — אויפטוער, מאַכער. זיין מיט עמעצן כל-ולך — זיין מיט עמעצן נאָענט, היימיש; האַלטן פון אים.
● אַ גרויסער חשוב, דער גאַנצער כל-ולך אין שטאָט (י. קאָטיק). אין דאָרף איז מען מיט „מאָשקען" כל-ולך (פּרץ).

די **כ ל - ו ל כ ט ע — כ ל - ו ל כ ט ע ס** (קאָל-וועלאָכטע — קאָל-וועלאָכטעס) — אויפטוערין, מאַכערין.
● איצט איז זי אַ גאַנצע כל-ולכטע (מ. בורשטין).

כ ל - ז מ ן (קאָל-זמאַן) — אַזוי לאַנג ווי..., ווי לאַנג.
● און די זיבן יאָר האָבן זיך נישט אויסגעלאָזט, כל-זמן טוביה און זיין ווייב סערל האָבן געלעבט (פּרץ).

כ ל - ח מ ת ם (קאָל-כאַמאָסאָם) — זייער גאַנצן צאָרן.
● האָבן זיי אויסגעלאָזט כל-חמתם, נעבעך, אויפן שדכנס קאָפּ (ש"ע).

כ ל - ט ו ב (קאָל-טווו) — אַלדאָס גוטס.
● טריינע מירל דעקט אַ טיש מיט כל-טוב — איבערן שטאַנד (פּרץ).

דער **כ ל - י כ ו ל** (קאָל-יאָכל) — אַלמעכטיקער; גאָט.
● [עס]. שרעקן די גרענעצן פון כל-יכולס אַלמעכטיקייט (פּרץ).

כ ל - י מ י ה ם (קאָל יעמייהעם) — אַלע זייערע טעג (יאָרן), זייער גאַנץ לעבן.
● זיי האָבן זיך כל-ימיהם געמאַטערט (בערדיטשעווסקי).

כ ל - י מ י ו (קאָל-יאָמאָוו) — אַלע זיינע יאָרן, זיין גאַנץ לעבן.
● מיין אַלטער איז געווען כל-ימיו אַ גערטנער (ש"ע).

כ ל - י ש ר א ל (קאָל-ייסראָעל) — אַלע יידן, דאָס גאַנצע יידישע פאָלק.
● אַזאַ יאָר אויף מיר און אויף כל-ישראל (פּרץ). איך וויל זיין צוזאַמען מיט כל-ישראל (פּרץ).

כ ל - מ י נ י (קאָל-מיניי) — אַלע סאָרטן, אַלערליי.
● דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן צו שיקן פון שטאָט כל-מיני איינגעמאַכטסן (בערדיטשעווסקי).

כ ל - נ ד ר י (קאָל-נידריי) — „אַלע פיי-ערלעכע צוזאָגן". אַ תפילה, מיט וועל-

כער עס הייבט זיך אָן די ליטורגיע אין דער נאַכט פון יום־כּפּור.

כּל עבודות־זרות שבּעולם (קאָל אַווידעס־זאָרעס שעבּאָוילעם)— אַלע געצן־דינסטן פון דער וועלט.
● ער האָט שוין אויסגעדינט כּל עבודות־זרות שבּעולם און צו גאָרנישט געקומען (פּרץ).

כּל עינויים קשים (קאָל אינויים קאָשים) — אַלע שווערע פּייניקונגען.
● די היטלעריסטן האָבן אים אָנגעטון כּל עינויים קשים.

כּל צרה, שלא תּבוא (קאָל צאָרע שעלוי טאָווי) — וואָס פאַר אַן אומגליק עס זאָל נישט קומען.
● ער טראַכט זיך: איך בּין בּאַוואָרנט פון כּל צרה שלא תּבוא (ממ"ס).

כּל־שכּן (קאָלש(ע)קן) — אוודאי; נאָך מער.

כּלא היה (קעלוי האָיאָ) — גלייך ווי נישט געווען, ווי קיינמאָל גאָרנישט.
● ווערט דאָס אַלץ פאַרשוווּנדן, כּלא היה (פּרץ).

כּלא ידע (קעלוי יאָדע) — גלייך ווי ער וואָלט נישט געוווּסט.
● דער טאַטע האָט דאָס געוווּסט, נאָר געמאַכט זיך כּלא ידע (ש"ע).

כּלאחר־יד (קילאַכאַר־יאַד) — נישט־דירעקט, זייטיק; נעבּנבּיי.
● האָט שמואל געזאָגט כּלאחר־יד (אָפּאַטאָשו).

כּלאים (קילאַים) — געמישטע פאַרפלאַנצונג, וואָס איז פאַרבּאָטן לויטן יידישן רעליגיעזן געזעץ.
● די גלופּסקער ווייבּער האָבּן נישט מורא פאַר כּלאים (ממ"ס).

דער כּלב — כּלבים (קעלעוו — קלאָווים) — הונט (אין פאַראַכטלעכן זין).
● זיבּן כּלבים אויף איין בּיין (א. שטיינבּאַרג).

דער כּלב־שבּכּלבים (קעלעוו־שעבּיקלאָווים) — הינטישער הונט, בּייזער הונט.
● דעם דאָזיקן כּלב־שבּכּלבים האָלט מען צוגעבּונדן צו אַ בּוים אויף אַן אייזערנער קייט (ש"ע).

די כּלה — כּלות (קאַלע — קאַלעס) — פאַרקנסטע, אַ מיידל וואָס האָט אַ חתן.

די כּלה־מתּנה — כּלה־מתּנות (קאַלע־מאַטאָנע — קאַלע־מאַטאָנעס) — געשאַנק פאַר אַ כּלה.

כּלומרשט (קלוימערשט) — אַזוי צו זאָגן, קלאָמפערשט, מאַכנדיק אַן אָנשטעל.
● איך קוק כּלומרשט אין אַ זייט (ממ"ס).

די כּלי — כּלים (קיילע — קיילים) — געשיר; וועקצייג; אינסטרומענט.
● נעמט די כּלים, לעשט דאָס פייער (געבּירטיג). אין אָרקעסטער איז פּלוצלונג שטיל געבּליבּן אַ כּלי (פּרץ).
ער איז אַרויס פון די כּלים — ער איז געוועזן אויסער זיך (פאַר כּעס, אויפרעגונג און איבּעראַשונג).
אַרבּעטן אויף אַלע כּלים — אַרבּעטן אינטענסיוו, אַרבּעטן שווער.

דאָס כּלי־בּית — כּלי־בּית (קליי־באַיס) — שטוב־זאַכן; מעבּל.
● זעט ער אַן אָרעמע שטוב, צעבּראָכן, אָרעם כּלי־בּית (פּרץ).

דאָס כּלי־זין — כּלי־זין (קליי־זאַיען, קליי־זאַין) — געווער; אינסטרומענט.
● מיט געווער און מיט כּלי־זין גייען מיר די וועלט בּאַפרייען.

דער כ ל י ־ ז מ ר — כ ל י ־ ז מ ר י ם) — (קלעזמער—קלעזמאָרים) — מוזיקאַנט, שפּילער (אויף אַ חתונה).

● שפּיל, כלי־זמר, שפּיל (פּרץ).

די כ ל י ־ ז מ ר י ן — כ ל י ־ ז מ ר י נ ס (קלעזמערין — קלעזמעױנס) — פּרוי פֿונעם כלי־זמר.

די כ ל י ־ ז מ ר יי (קלעזמעריי) — דאָס שפּילן (אויף חתונות), שפּילעריי (מוזיק).

● כלי־זמריי איז ביי זיי געגאַנגען בירושה פון אַ סך דורות (ש״ע).

דאָס כ ל י ־ מ ש ח י ת — כ ל י ־ מ.ש־ ח י ת (קליי־מאַשכיס) — פאָרניכטונגס־אינסטרומענט, צעשטערונגס־אינסטרו־מענט.

כ ל י ק ו ד ש (קליי־קוידעש)—מ״צ—יידישע רעליגיעזע באַאַמטע (רב, דיין, שוחט, חזן).

● אַרום איר זיצן די כלי־קודש־ווייבער: די שוחטקע מיס דעם חזנס ווייב (ש״ע).

די כ ל י ־ ש ל י מ ה (קיילע־שליימע) — פולקאָמענע זאַך; פולקאָמענער מענטש.

● ער וועט זיין אַ כלי־שלימה און וועט אַריבערגיין דעם טאַטן זיינעם (ש״ע).

די כ ל י ־ ש נ י (קיילע־שייני) — צווייט־ראַנגיקע זאַך, ביי־זאַך.

● איך קוק נישט אויפן ״זשאַרגאָן״ ווי אויף אַ כלי־שני (פּרץ).

כ ל ל (קלאַל) — אין גאַנצן, איבערהויפּט.

● אויף דעם האָט מען זיך כלל נישט גערייכט.

I דער כ ל ל (קלאַל) — דאָס אַלגעמיינע, געזעלשאַפט, געמיינשאַפט. קעגנזאַץ: יחיד.

● די אינטערעסן פון יחיד דאַרפן זיך אונטערוואַרפן די אינטערעסן פון כלל.

II דער כ ל ל — כ ל ל י ם (קלאַל — קלאָלים) — רעגל, געזעץ, גרונטזאַץ; פאָרשריפט.

● אַז מען זוכט, געפינט מען — דאָס איז שוין אַן אַלטער כלל (בערדי־טשעווסקי).

דער כ ל ל ־ ט ו ע ר (קלאַל־טוער) — גע־זעלשאַפטלעכער טוער.

דער כ ל ל ־ י ש ר א ל (קלאַל־ייסראָעל)— די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט; דאָס גאַנצע יידישע פאָלק; אַלגעמיין־יידיש.

● איך שעם זיך נישט מיט כלל־ישראל־אַרבעט (פּרץ).

כ ל ע ר ל יי (קאָלערליי) — אַלערליי.

● ער פאַרוואַרפט אים מיט כלערליי פּראָיעקטן (נ. מייזיל)

כ ל פ י (קלאַפּיי) — קעגן (דעם), פאַר...

כ ל פ י ־ ח ו ץ (קלאַפּיי־כוץ) — פאַר אויסן, פאַרן אויסערלעכן געברויך.

כ ל פ י ־ פ נ י ם (קלאַפּיי־פּנים) — פאַר אינעווייניק, פאַרן אינעווייניקסטן געברויך.

כ מ ד ו ב ר (קימדובער) — ווי מען האָט אָפּגערעדט; ווי עס איז געזאָגט גע־וואָרן.

כ מ ה (קאַמאָ) — וויפל, פיל, אַ סך.

● פון כמה יאָרן איז שוין געווען אַזאַ מנהג (ש. דובנאָוו).

כ מ ה ו כ מ ה (קאַמאָ וועכאַמאָ) — ווי־פיל און וויפיל, זייער אַ סך.

● ביי אונדז איז זי שוין כמה וכמה יאָרן (ש״ע).

כ מ ה ל ש ו נ ו ת (קאַמאָ לעשוינעס — אַ סך שפּראַכן.

● אַ מענטש איז נישט מחויב צו וויסן, ווי אַ שטיוול הייסט אויף כמה לשו־נות (פּרץ).

דאָס כּ מ ו ת (קאַמוס) — קוואַנטיטעט, צאָל. קעגנזאַץ: איכות (ז"ד).

כּ מ ל ך בּ ג ד ו ד (קעמעלעך ביגדוד) — ווי אַ קעניג צווישן זײַנע חיילות.
● נאָך מער ווי גוט! איך בין דאָרט כּמלך בּגדוד (א. שטײַנבאַרג).

כּ מ נ ה ג ה (קעמינאָגאָ) — ווי איר שטייגער.
● האָדל, כּמנהגה, האַלט די הבדלה (פּרץ).

כּ מ ע ט (קימאַט) — שיר, נאָענט צו דער פולקאָמער צאָל.
● מען קאָן עס קויפן כּמעט אומזיסט (פּרץ).

כּ ן י א ב ד ו (קיין יויוודו)—אַזוי זאָלן זיי פאַרטיליקט ווערן, אַזוי זאָלן זיי צו גרונט גיין.
● כּן י א ב ד ו !... אויף אים דערוואַרט אַ מיאוסער סוף (א. ביק).

כּ ן י ר בּ ו (קיין יירבו) — זאָלן זיי זיך מערן.
● דער זיידע האָט דערלעבט אייניקלעך אַ גאַנצן דור, כּן ירבּו (ש"ע).

(זיך) כּ נ ג ד (קענעגעד) זיין (שטעלן) — זיין קעגן, זיך קעגנשטעלן.
● ווי קאָן מען דאָס אַ טאַטן זיין כּנגד, שטעלן זיך קעגן אים (י. קאָטיק).

כּ נ ה ו ג (קענאָהוג) — ווי עס פירט זיך.
● אַלץ איז פאָרגעקומען כּנהוג (י. קאָטיק).

די כּ נ ו פ י א — כּ נ ו פ י ו ת (קנופיע — קנופיעס) — קליקע, באַנדע.

די כּ נ ס ת - י ש ר א ל (קנעסעס-ייסראָעל) — פאָרשטייערשאַפט פונעם יידישן פאָלק (באַזונדערס אין ארץ-ישראל); באַצייכענונג פונעם יידישן פאָלק.

● דו כּ נ ס ת - י ש ר א ל, דו ביסט עס די ליבע, געטרייע מאַמע (ממ"ס).

כּ נ ע ן (קנאַאַן) — ביבלישע באַצייכענונג פון ארץ-ישראל און פון זיין אַמאָליקער באַפעלקערונג.

דער כּ ס א - ה כּ ב ו ד (קיסיי-האַקאָוועד)—ערן-טראָן, דאָס אָנגעזעעסטע אָרט; גאָטס שטול.
● צו זעצן אים אויבנאָן אויף דעם כּסא-הכּבוד פונעם יידישן שאַפן (נ. מייזיל).
עס הענגט אין דער הויך דאָרט אַ וואָג פאַרן כּסא-הכּבוד (פּרץ).

דער כּ ס א - ה ר ח מ י ם (קיסיי-האָראַכמים) — שטול פון דערבאַרעמקייט, גאָטס-שטול; גאָט.
● לויפט קינדערלעך, און בעט ביים כּסא-הרחמים פאַר אייער מאַמען (ש. אַש).

דאָס כּ ס א - ר בּ נ ו ת (קיסיי-ראַבאָנעס)— רבנישע שטול, שטעלע פון אַ רב.
● דאָס פלוינער כּסא-רבנות ווערט פריי (מ. בורשטין).

דער כּ ס א ש ל א ל י ה ו (קיסיי שעל עליאָהו) די שטול פון אליהו. באַצייכענונג פון דער שטול, אויף וועלכער עס זיצט דער סנדק אויפן ברית.

כּ ס ד ר (קעסיידער) — נאָכאַנאַנד; שטענדיק; סיסטעמאַטיש.
● איך ניי און ניי כּסדר (מ. בראָדערזאָן).

כּ ס ל (י) ו (קיסלעוו)—דער דריטער חודש לויטן יידישן לוח (דעצעמבער-יאַנואַר).

דאָס כּ ס ף ט ה ו ר (קעסעף טאָהער) — ריין זילבער.
● זע, וואָס איך האָב דיר געקויפט, ס'איז כּסף טהור (ש"ע).

כּעלות (קאַלאָס) — פאַרטאָג, באַ־גינען, מיטן זון־אויפגאַנג.

● כּעלות, קוים עס רויטלט זיך דער מזרח (פּרץ).

כּעלות הבּוקר (קאַלאָס האַבּוי־קער) — זע: כּעלות השחר.

כּעלות השחר (קאַלאָס האַשאַ־כאַר) — ווי נאָר ס'גייט אויף דער מאָרגן־שטערן, מיטן זון־אויפגאַנג, פאַרטאָג.

● כּעלות השחר האָט די מאַמע אויס־געהויכט די נשמה (ז. שניאור).

דער כּעס (קאַאַס) — צאָרן, פאַרדראָס, אויפגעקאָכטקייט.

● כּעס מאַכט אַ קלוגן צום נאַר (פאָלקס־ווערטל).

דער כּעס וחמה (קאַאַס וועכיימע) — פאַרדראָס און צאָרן.

● כּעס וחמה מאַכט דעם מענטשן פאַר אַ בהמה (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

דער כּעסן — כּעסנים (קייסן — קייסאָנים) — היציקער, אויפגעקאָכ־טער, צאָרנדיקער מענטש.

● אַ כּעסן איז ערגער ווי אַ שוועבעלע (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

כּעפרא־דארעא (קעאַפרע־דעאַרע) — ווי שטויב פון דער ערד, מיט דער ערד צוגלייך.

● איך מאַך גלייך דערפון כּעפרא־דארעא (אָפּאַטאָשו).

די כּף (כאָף) — דאָס עלפטע אות (כ) פונעם אלף־בּית.

דער כּף־הקלע (קאַף־האַקעלאַ) — שטיין־שליידערער; גיהנום.

● זי [די נשמה] וועט פאַרפאַלן ווערן אויף כּף־הקלע (פּרץ).

דער כּפוי־טובה — כּפויי־טובה (קפוי־טויווע — קפויע־טויווע) — זע: כּפוי־טובהניק.

דער כּפוי־טובהניק — כּפויי־טובהניקעס — (קפוי־טויוועניק — קפויע־טויוועניקעס) — אומדאַנקבאַרער.

כּפול־שמונהדיק (קאָפל־שמוינע־דיק) — געטאָפּלט אין אַכטן; אַכט־גראַדיק; געפלאָכטן אין אַכטן.

● כּפול־שמונהדיקע הבדלות פלאַקערן אין די הענט (ש. אַש).

כּפי (קעפי, קפי) — לויט.

● נוצן צו ברענגען אונדזערע יידעלעך כּפי מיין מעגלעכקייט (מם"ס).

כּפירה (קפירע) — אַטעיזם, גאָט־פאַרלייקענונג, נישט־גלויביקייט.

● ווען אַזאַ אפּיקורס גיט אַ זאָג, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר, ליגט דאָך אין דעם פאַרשטעקט אַ שטיק כּפירה (ברייגין).

כּפל (קייפל) — דאָס טאָפּלען (אין חשבון), מולטיפּליקאַציע; (פאַר)טאָפּלט.

כּפל־כּפלים (קייפל־קיפלאַים) — עט־לעכע מאָל אַזוי פיל, אַ סך מאָל.

● גאָט זאָל אייך געבן כּפל־כּפלים, איר זאָלט פאַרמאָגן צען מאָל, הונדערט מאָל אַזוי פיל (ש"ע).

כּפלען (קייפלען) — טאָפּלען (אין חשבון), פאַרטאָפּלען, מולטיפּליצירן.

די כּפּרה — כּפּרות (קאַפּאָרע — קאַפּאָרעס) — ווערטלעך: פאַרגעבונג; אויסלייזונג. געמיינט: הינער און הע־נער, וואָס רעליגיעזע יידן קוילען ערב יום־כּפּור אַלס אויסלייזונג פאַר זייערע זינד; באַצייכענונג פון נישט־ווערטיקייט. שעלטוואָרט.

● דער מענטש זינדיקט און דער האָן ווערט די כפּרה (שפּריכוואָרט לויט (א. בערנשטיין). קומט דער ליבער הייליקער שבת — איז אַ כּפּרה יע־הופּעץ, אַ כּפּרה אָדעס, אַ כּפּרה אפילו פּאַריז (ממ״ס).

דאָס כּ פּ ר ה ־ ה י נ ד ל (קאַפּאָרע־הינדל) — דער, וואָס ווערט געשלאָגן פאַר פרעמדע זינד.

● בין איך דאָס כּפּרה־הינדל (ממ״ס).

כּ פּ ר ו ת ־ ש ל אָ ג ן (קאַפּאָרעס־שלאָגן) — די צערעמאָניע פון דרייען דעם האָן (די הון) איבערן קאָפּ ביים זאָגן די תּפילה „בני אדם״ ערב יום־כּפּור.

כּ ר ו ב י ם (קרוּווים) — מ״צ — הימלשע קינדער; קליינע מלאכימלעך; הימלשע באַשעפעניש (לויט דער רעליגיעז־מיסטישער פאָרשטעלונג).

● כּרובים, ווייסט איר דאָך, דאָס זע־נען אַזעלכע קליינע מלאכימלעך מיט דינינקע פליגעלעך גוטע פּנימלעך (נאָמבערג).

כּ ר י ם ו כ ס ת ו ת (קאָרים אוקסאָסויס) — מ״צ — קישנס און איבערבעטן.

● [ער] בעט אויס די בויד ווי אַ בעט: אונטן שטרוי, אויבן שטרוי — כּרים וכסתות (פּרץ).

די כּ ר ך (קראַך) — שטאָט, גרויסע שטאָט.

● דלפּונוּווקע איז אַ שטאָט אַ כּרך, פול געפּאַקט מיט יידן (ממ״ס).

דער כּ ר ך — כּ ר כ י ם (קערעך — קראָ־כים) — (בוך)־באַנד.

● אַזוי האָבן מיר שוין געהאַט באַקו־מען זעקס כּרכים (י. קאָטיק).

דער כּ ר פּ ס (קאַרפּאַס) — ערדפּרוכט (פּעטרישקע, קאַרטאָפל, ציבעלע און אַנדערע גרינס, וואָס מען דערלאַנגט פּסח צום סדר).

דער כּ ר ת (קאָרעס) — פאַרשניידונג פון יאָרן, דאָס שטאַרבן פאַר דער צייט (שטראָף פאַר זינד לויט דעם רעליגיעזן באַגריף).

● אַ קליינינקייט, זאָגט ער, און וואָס קומט? כּ״ת! (פּרץ).

דער כּ ש ו ף (קישעף) — זע: כּישוף.

כּ ש ו ר ה (קעשורע) — גלייך, גלאַטיק; אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין.

● ס׳איז אָבער פּאָרט נישט אין גאַנצן כּשורה (מ. בורשטין).

כּ ש ר (קאָשער) — ריטועל דערלויבט; ריין; ערלעך.

● אַ כּשרער טאָפּ מיט אַ כּשרן לעפל (ש״ע). מיר זאָל זיין, יידישע קינדער־לעך פאַר אייערע כּשרע אויגעלעך (ביאַליק). נאָך אַזוי פיל אַרבעט כּשר איך פאַרדין מיין רו (א. שטיינבאַרג).

דאָס כּ ש ר ו ת (קאַשרעס) — ריטועל־דערלויבטע שפּייז; ריינקייט אין רי־טועלן זין: באַרעכטיקן, רעהאַבּיליטירן.

כּ ש ר ן (קאַשערן) — רייניקן (אין רי־טועלן זין); באַרעכטיקן, רעהאַבּיליטירן.

● מען כּשרט טיש און בענק (ש״ע). ביי אים איז אַלץ געכּשרט.

דאָס כּ ת ב (קסאַוו) — דאָס שרייבונג, האַנטשריפט, שריפט.

● דאָס כּתב זאָל זיין וואָס שענער (ש״ע).

דער כּ ת ב — כּ ת ב י ם (קסאַוו — קסאָווים) — שריפט; געשריפטס, דאָ־קומענט (רעליגיעזער), אָפּמאַך־דאָקו־מענט; באַשטעטיקונגס־שריפט.

● מיר האָבן כּתבים אונטערגעשריבן פון רב (ממ״ס).

דער כ ת ב - י ד — כ ת ב - י ד ן (קסאַוו-יאַד — קסאַוו-יאַדן) — האַנט-שריפט; מאַנוסקריפּט.

● מען זאָל זיין כתב-יד נישט דערקענען (פּרץ). ער האָט מיר פאָרגעלייענט פון כּתב-יד (ש. דובנאָוו).

דאס כּ ת ב - ר בּ נ ו ת (קסאַוו-ראַבאָנעס) — דאָקומענט פון אויפנעמען אַ רב, איינלאַדונג אויף דער שטעלע פון אַ רב,

● ווען מיר אים אונטערשיקן אַ כּתב-רבנות פון ערגעץ אַ שטעטל (פּרץ).

דער כּ ת ב א - ר בּ ה (קאַסווע-ראַבע) — „גרויסער שרייבער", שיין-שרייבער, קאַליגראַף.

● דער כּתבא-רבּה האָט זיך שוין גוט געפלייסט (ש"ע).

כּ ת ב י ם (קסאָווים) — מ"צ — שריפטן; ווערק (בּיכער).

● דערנאָך האָט ער דאָס דיכטעריש איבּערגעגעבּן אין ר' מענדעלעס כּתבים (ראַווניצקי).

כּ ת בּ ע נ ע ן (קאַסוועבּן) — שרייבּן (שפּאָטיש).

● לאָז אים נישט כּתבענען (ש. אַש).

די כּ ת ה — כּ ת ו ת (קיטע — קיטעס) — זע: כּיתּה.

כּ ת ו ב ו ח ת ו ם (קאָסוו ווע־כאָסום, קאָסעוו ווע־כאָסעם) — געשריבּן און געחתמעט; פעסט און זיכער.

● ווער] שרייבּט אונטער און שיקט צום פּולקאָווניק דעם פּראָטאָקאָל... כּתוב וחתום (פּרץ).

די כּ ת ו בּ ה — כּ ת ו בּ ו ת (קסובּע — קסובּעס) — חתונה-דאָקומענט (רעליגיעזער).

כּ ת ו ב י ם (קסווים) — מ"צ — באַצייכענונג פון אַ טייל פון די בּיבּל-בּיכער, וועלכע צוזאַמען מיט דער תּורה און נביאים בּילדן זיי דעם תּנך (ז"ד).

די כּ ת י ב ה (קסיווע, קסיבּע)—געשריפטסט (אין איראָנישן זין).

● וויל דער פּאַספּאָרטיסט האָבּן אַ נייע „כּתיבה" (זשיטלאָווסקי).

כּ ת י ב ה ו ח ת י מ ה ט ו ב ה (קסיווע וואַכסימע טויווע) — דאָס אָנשרייבּן און חתמענען צו אַ גוט יאָר. ניי-יאָר-ווונטש בּיי רעליגיעזע יידן אין די טעג פון ראש-השנה.

כּ ת י ב ה ן (קסיוון, קסיבּן) — שרייבּן מיט דרוק-שריפט, קאַליגראַפירן.

● שיין געכּתיבהט, גרייט צום דרוק (אל. צייטלין).

דער כּ ת ר (קעסער) — קרוין (אויף דער ספר-תּורה).

כּ ת ר י א ל (קאַסריעל) — נאָמען פון אַ מאַנצבּיל.

לא (לוי) — ניין, נישט.

● נאָר קויפן — „לא" מיט אַן אלף — נישטאָ קיין קלינגערס (ממ"ס).

לא אלמן ישראל (לוי אַלמען ייסראָעל) — נישט פאַראייַנזאַמט זענען ייִדן.

● לא אלמן ישראל, פאַראַן נאָך תּלמידי חכמים, וואָס נעמען זיך אָן פאַר אָרעמעלייט (א. ביק).

לא אמות, כי אחיה (לוי אָמוס, קי עכיע) — איך וועל נישט שטאַרבן, נאָר (איך וועל) לעבן (תּהילים).

● די לאָזונג „לא אמות, כּי אחיה"... דאַרף שטיין פאַר אונדז אַלעמען, די לעבנגעבליבענע ייִדן (נ. מייזיל).

לא דובים ולא יער (לוי דובים ועלוי יאַער, — „נישט קיין בערן און נישט קיין וואַלד", עס הייבט זיך גאָרנישט אָן, נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

● נעמט ער זיי אויפווייזן, אַז לא דובים ולא יער — עס הייבט זיך גאָרנישט אָן (מ. בורשטין).

לא־די (לוי־דיי) — נישט גענוג (וואָס...)

● לא־די וואָס דו גייסט אַרום שלינג־און־שלאַנג, ביסטו נאָך אַ ליגנער אויך (ממ"ס).

לא היה ולא נברא (לא האָיאָ ועלוי ניוורא) — עס איז קיינמאָל נישט געווען, עס הייבט זיך גאָרנישט אָן, נישט געשטויגן און נישט געפלויגן.

● דאָס וואָס איז באַשריבן, איז לא היה ולא נברא (אַנ־סקי)

לא־יחרץ־געלט (לוי־יעכרעץ־געלט) — שווייג־געלט; דאָס געלט, וואָס מען גיט צו פאַרמאַכן יענעם דאָס מויל.

דער **לא־יצלח — לא־יצלחס** (לוי־ייצלעך — לוי־ייצלעכס) — אומגעשיקטער נישט־געראָטענער, נישטטויגלעכער, שלימזל, אומבאַהאָלפּענער.

● ער פאַרשטייט נישט פון דאַנען אַהין, אין קלייט־זאַכן איז ער אַ לא־יצלח (בערדיטשעווסקי).

לא־כי (לוי־קי) — נישט אַזוי, נישט ריכטיק.

● עס וועט קומען איינער און זאָגן: לא־כּי! שקר איז די זאַך (פּרץ).

לא כל־שכן (לוי קאָל ש(ע)קען) — איז דאָך געוויס, אוודאי, נאָך מער.

● הייַנט לא כּל־שכן וואָס פאַר אַ פּרעטענסיעס וועלן זיי שוין האָבן! (ש"ע).

לא מעלה ולא מוריד (לוי מאַאַלע ועלוי מויריד) — עס ברענגט נישט קיין נוצן און (עס ברענגט) נישט קיין שאָדן; עס העלפט נישט און עס מאַכט נישט קאַליע.

לא־עליכם (לוי־אַלייכעם) — נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט אויף אייך געזאָגט.

ל

● עס קאָן, לאַ-עליכם, פעלן ברויט אין מויל אַריין... (פרץ).

ל א - ע ל י כ מ ד י ק (לוי-אַלייכעמדיק) — נישט ביים בעסטן געזונט.

● איך בין עפעס לאַ-עליכמדיק (רייד-אַרט).

ל א - ע ל י נ ו (לאַ-אָליינו) — נישט פאַר אונדז געדאַכט, נישט אויף אונדז געזאָגט.

● ער איז, לאַ-עלינו, שווער קראַנק.

ל א ת ג נ ב (לוי סיגנויון) — זאָלסט נישט גנבענען (איינס פון די צען געבאָטן).

● ער האָט אַוועקגעגנבעט דעם חומש מיטן לא תגנב (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

ל א ב ו ד (לעאיבעד) גיין — זע: לאיבוד גיין.

ל א ה (לייע) — ביבל-פערסאָנאַנש (איינע פון די פיר ביבלישע אורמוטערס); נאָמען פון אַ פרוי.

ל א ו - ד ו ק א (לאַוו-דאַווקע) — עס איז נישט קיין מוז, נישט דורכויס נייטיק.

● דאָס אַלץ איז לאו-דוקא (ממ"ס).

ל א ח ר - ז מ ן (לעאַכער-זמאַן) — (שוין) נאָך דער צייט, ווען די צייט איז פאַריבער, שפעטער; אין אַ צייט אַרום.

● לאחר-זמן קומט ער צו פאָרן אַהיים (ש"ע).

ל א ח ר ה מ ע ש ה (לעאַכאַר האַמייסע) — (שוין) נאָך דעם געשעענעם, נאָך אַלעמען.

ל א י ב ו ד (לעאיבעד) גיין — פאַרלוירן גיין, צונישט ווערן, פאַרפאַלן ווערן.

● עס וואַלגערן זיך ביי אונדז אָפטמאָל טאַלאַנטן, וואָס גייען לאיבוד, ווערן פאַרפאַלן (ש"ע).

ל א מ ר ן (לוימערן) — זאָגן, אַריינזאָגן.

● שרייבן איר אַ בריוו, אויסלאמרן אַזוי, אַז זי זאָל אים האָבן צו געדענקען, (ש"ע). זע אויך: לומרן.

דאָס ל ב (לעוו) — האַרץ. זע: לבבות.

● חתן, מאַך דיר אַ לב (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

ל ב י ו ד ע (לעוו יוידייאַ) — דאָס האַרץ ווייסט, דאָס האַרץ פילט.

● אַ מאַמע! לב יודע — איר האַרץ האָט שוין געפילט די סכנה (פרץ).

ל ב ב ו ת (לעוואָוועס) — מ"צ — הערצער. זע: לב.

● אַלע אָרעמעלייט האָבן גוטע לבבות (שפריכוואָרט לויט א. בערנשטיין).

דער ל ב ו ש (לעוויש) — קלייד (אין איבערגעטראָגענעם זין); פאָרמע; דאָס אויסערלעכע.

● דער אַלטער לבוש פאַסט זיך נישט צום נייעם אינהאַלט (פרץ).

ל ב ט ל ה (לעוואַטאָלע) — (אויף) אומזיסט, צו-נישט; איבעריק.

● דאָס מאָל וועט ווידער אַלץ זיין לבטלה, אומזיסט (בערדיטשעווסקי).

ל ב ן - ה א ר מ י (לאָוון-האָראַמי) — לבן דער אַראַמייער. ביבל-פערסאָנאַזש. באַצייכענונג פון אַ מענטש אַן אָפנאַרער, אַ דרייער, אַ שווינדלער.

די ל ב נ ה (לעוואָנע) — הימל-קערפער (סאַטעליט), וואָס דרייט זיך אַרום דער ערד און באַלייכט זי ביי נאַכט מיט דעם אָפשיין פונעם זונליכט.

האַלבע לבנות (לעוואָנעס) — קייַלעכדיקע קלאַמערן ( ).

דער ל"ג - ב ע ו מ ר (לאַג-בעאוימער, לאַגבוימער) — דריי און דרייסיק טאָג צום עומר (ז"ד). אַ יום-טוב פאַר דער יוגנט, געפאַלט דעם 18טן אייר. אין

דעם טאָג האָט דער גרויסער העלד בר־כוכבא אָפּגעהאַלטן אַ זיג איבער די רוימער (II יאָרהונדערט נ"ק).

ל ג ב י (לעגאַבע) — אין באַציונג צו..., צו..., אַקעגן...

● זיי זענען פריינדלעך לגבי זייערע חברים.

ל ג מ ר י (לעגאַמרע) — אינגאַנצן, פול־שטענדיק.

● ער האָט לגמרי נישט געהאַט קיין באַקאַנטע אין וואַרשע (באָמבערג).

ל ג נ א י (ליגנײ) — צו שאַנד, צו חרפה.

● עס זאָל אים דאָס נישט זיין לגנאי.

ל ד ו ר ־ ד ו ר ו ת (לעדאָר־דוירעס) — אויף אייביק, אויף אייביקע צייטן.

● ער האָט מיטגענומען אַהיים פון אַל־דאָס גוטס לדור־דורות (בערדי־טשעווסקי).

ל ד ו ר ו ת (לעדוירעס) — אויף אייביקע צייטן; פאַר די קומענדיקע גענע־ראַציעס.

● דאָ ווערן געשאַפן נייע ליטעראַרישע פאָרמעס לדורות (ש. דובנאָוו).

ל ה ב א (לעהאַבע) — אויף ווייטער; אין דער צוקונפט.

ל ה ב ד י ל (לעהאַוודל) — אונטערשיי־דנדיק, נישט־פאַרגלייכנדיק. אַ צו־שפרוך, וואָס פלעגט באַנוצט ווערן, ווען מען האָט גערעדט גלייכצייטיק וועגן אַ הייליקער און אַ נישט־הייליקער זאַך.

● מיט די אייגענע ציגל קאָן מען שטעלן אַ שול און אַ קלויסטער, להבדיל אַ פּאַלאַץ און אַ תפיסה (פּרץ).

ל ה ב ד י ל א ל ף א ל פ י ה ב ד ל ו ת (לעהאַוודל עלעף אַלפּיי האַוודאָלעס) — אונטערשיידנדיק טויזנט טויזנטער מאָל.

● טוביה אָבער האָט געמיינט, אַז עס איז, להבדיל אלף אלפי הבדלות, אַ פּראָסטער כישוף־מאַכער (פּרץ).

ל ה ו ט (לאָהוט, לאָהעט) — אָנגעבערנט, גיריק.

● די גלופּסקער זענען להוט נאָך כבוד (ממ"ס).

ל ה י ד ו ר ה מ ע ש ה (לעהידור האַ־מייסע) — צו פאַרשענערונג, צו באַ־פּוצונג פון דער דערציילונג.

● מוז מען דאָך עפּעס צוגעבן... להידור המעשה (פּרץ).

ל ה י פ ך (לעהייפעך, לעהיפּעך) — פאַר־קערט, אין קעגנזאַץ.

● להיפך, — ער איז געווען פריינדלעך צו פרייע מענטשן (בערדיטשעווסקי).

ל ה כ ע י ס (לעהאַכעס) — צום פאַרדראָס, צום צאָרן.

● קיינמאָל נישט פאַרשווינדט דער ייד להכעיס מאַקע זיי (ה. גליק).

ל ה ש מ י ד ו ל ה ר ו ג (לעהאַשמיד וועלאַהאַרויג) — צו פאַרטיליקן און צו מאָרדן (פון דער פּורים־מגילה).

ל ו ה, ל ו ו ה, (לויוע) — דער וואָס לייט ביי יענעם געלט, בעל־חוב. קעגנזאַץ: מלווה.

ל ו ח — ל ו ח ו ת (לועך — לוכעס) — קאַלענדאַר.

● דער לוח טרעפט אויך אַמאָל (פאָלקס־ווערטל לויט ג. ווייסמאַן).

ל ו ח ו ת (לוכעס) — מ"צ — טאָוולען. געמיינט: די לוחות מיט די צען ביבלישע געבאָטן.

● גאָלדענע ווערטער, וואָס זענען צויס־געקריצט אויף די לוחות ביז אויף היינטיקע טעג (ג. מייזיל).

לוי, לווי (לייווי) — ביבל-פּערסאָ-נאַזש; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

לוי — לויים, לווי — לוויים (לייווי—לייוויאים) דער, וואָס שטאַמט פונעם שבט לוי. די לוויים פלעגן דינען אין בית-המקדש און העלפן די כּוהנים ביים אָפּריכטן די עבודה (ז״ד).

די **לויה — לויות; לוויה — לוויות** (לעוואַיע — לעוואַיעס) — טרויער-צוג, דאָס באַגלייטן אַ גע-שטאָרבענעם צו זיין אייביקער רו.

● די גאַנצע שטאָט איז נאָכגעגאַנגען נאָך דער לוויה (ש״ע).

דער **לויתן, לוויתן** (ליוויאָסן) — וואַלפיש; לעגענדאַרער פיש, וואָס איז צוגעגרייט פאַר די פרומע אויף „יענער וועלט", לויט דער רעליגיעז-מיסטישער פאָרשטעלונג.

דער **לולב — לולבים** (לולעוו — לולאָווים) — פּאַלמען-צווייגל (צונויפ-געבונדן מיט הדסים און ערבות), וואָס ווערט צוזאַמען מיטן אתרוג גענוצט סוכּות צום בענטשן (ביי רעליגיעזע יידן).

● ער איז אַ צעבראָכענער לולב (פאָלקס-ווערטל לויט א. בערנשטיין).

לומדים (לאָמדים) — מ״צ — לער-נער, געלערנטע, קענער פון דער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור.

לומרן (לוימערן) — זע: לאמרן.

דער **לועג-לרש** (לויעג-לעראָש) — אָפּלאַכער, אָפּשפּעטער פון אַן אָרע-מאַן, פון אַן אומגליקלעכן.

● עס וואָלט געווען ווי אַ לועג-לרש: שפּעטן פון אַ שטומען, פאַרוואָס ער רעדט נישט (ממ״ס).

לזכות (ליזכוס) — צום גוטן, צום גונסטן; צו דער פאַרטיידיקונג. קעגנ-זאַץ: לחובה.

לזכּרון (לעזיקאָרן) — צום אָנדענק, צום געדענקען.

● לאָז עס טאַקע בלייבן פאַרשריבן לזכּרון אויף דור-דורות (ש״ע).

לזכּרון-דורות (לעזיכרען-דוי-רעס) — צום אייביקן אָנדענק.

● זאָל עס פאַרצייכנט ווערן לזכּרון-דורות (מ. טורקאָוו).

לחובה (לעכויווע) — צו דער באַ-שולדיקונג; צום שלעכטן. קעגנזאַץ: לזכות.

לחוץ לארץ (לעכוץ לאָאָרעץ) — קיין אויסלאַנד; אין אַ לאַנד, אויסער ארץ ישראל.

לחיים (לעכאַיים) — צום לעבן, צום געזונט (ווונטש-אויסדרוק ביים טרינ-קען וויין, בראָנפן).

לחיים טובים ולשלום (לעכאַיים טויווים אולעשאָלעם) — צו אַ גוט לעבן און צו פרידן (ווונטש-פאָרמולע ביים טרינקען).

לחלוטין (לאַכלוטן) — אינגאַנצן, איבערהויפּט (געוויינלעך פאַר אַ פאַר-ניינונג).

● פאַראַן ווידער אַזעלכע, וואָס רעדן גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט (ש״צ).

דאָס **לחם** (לעכעם) — ברויט.

לטובֿת (לעטויוועס) — צום גוטן פון..., צום וווילן פון..., פאַר.

לטובֿת הכּלל (לעטויוועס האַ-קלאַל) — צום גוטן פון דער געמיינ-שאַפט, פאַרן וווילן פון דער געזעלשאַפט.

● מיין גאַנץ לעבן אַרבעט איך לטובֿת הכּלל (ממ״ס).

ל

ליהודים (לאַיעהודים, לאַיודים) — „פאַר יידן", יידישלעך; פריילעך.

● עס קאָכט זיך, דאָס שטעטל איז אויף, ס'איז „ליהודים" (ממ"ס).

לילית (ליליס) — ווייבלעכער דע־מאָן (טייוול); קעניגין פון די שדים; טייוול אין געשטאַלט פון אַ ווונ־דער־שיינער פרוי, וואָס פאַרפירט פרומע.

דער לימוד — לימודים (לימעד — לימודים) — לערן־קעגנשטאַנד; אונ־טערריכט; לעקציע; (דאָס) לערנען.

● די שילער פלעגן פלייסיק באַזוכן די לימודים (א. קאָטיק).

דאָס ליצנות (לייצאָנעס) — וויצלע־ריי; אָפּלאַכעריי, אָפּשפּעטעריי.

● איך טרייבט ליצנות (א. שטיינבאַרג). אָבער ליצנות אין אַ זייט (ש"ע).

די ליקוי־חמה (ליקע־כאַמע) — זון־פאַרטונקלונג.

די ליקוי־לבנה (ליקע־לעוואָנע) — לבנה־פאַרטונקלונג.

לית ברירה (לעס ברייִרע) — נישטאָ קיין אויסוואַל, נישטאָ קיין אויסוועג, נישטאָ קיין אַנדערע מעגלעכקייט.

לית דין ולית דיין (לעס דין וועלעס דייען) — ווילקיר, אַנאַרכיע; נישטאָ קיין געזעץ און נישטאָ קיין ריכטער.

● ס'איז נישט הפקר אַ וועלט, ס'איז נישט לית דין ולית דיין (א. ביק).

לך־לך (לעך־לעכאָ) — „גיי דיר".

● לך־לך קיין כערסאָן, קיין וואָלין, ערגעץ אַנדערש (ממ"ס).

לכבוד (לעקאָוועד) — צום כּבוד, צום באַערן; פאַר.

● ווינפּל האָט זי אָנגעבאַקן לכבוד דעם ליבן גאַסט (ש"ע).

לכבוד יום־טוב (לעקאָוועד יאָנ־טעוו) — צו באַערן דעם יום־טוב; אויף יום־טוב.

לכבוד שבת (לעקאָוועד שאַבעס) — צו באַערן דעם שבת; אויף שבת.

● ער וואַשט זיך אָפּ לכבוד שבת (פּרץ).

לכל הדעות (לעכאָל האַדייעס) — לויט אַלע מיינונגען.

● איך בין אַן אָרעמאַן, אַן אביון טאַקע לכל הדעות (ממ"ס).

לכל הפּחות (לעכאָל האַפּאָכעס) — צום ווייניקסטן, אַם ווינציקסטן.

● ער וויל דיך זען אַ פּראָפעסאָר, אָדער לכל הפּחות אַ דאָקטער (ש"ע).

לכל זמן (לאַקל זמאַן) — זע: לכל עת.

לכל עת (לאַקל אייס) — אויף אַלץ איז דאָ אַ צייט

● זיי זשע ברודער נישט קיין נאַר, ווייס: לכל עת (א. שטיינבאַרג).

לכן (לאָכיין) — דעריבער, דערפאַר.

● אַזוי ווי איר טאָכטער איז באַקאַנט מיט זיין טאָכטער, לכן איז ער גע־קומען אָפּנעמען אַ גרוס (ש"ע).

לכף זכות (לעקאַף זכוס) — צום גונסטן; צו באַרעכטיקן, צו פאַרטיי־דיקן.

● איך האָב עס אויסגערעכנט לכף זכות.

לכשיִריוח (ליכשעיִאַרוויאַך) — אַז ער וועט פאַרדינען, אַז עס וועט אים פרייער ווערן אין געלט.

● לכשיִרוח וועט ער אָפּגעבן (פּרץ).

לכתחילה (לעכאַטכילע) — אין אָנ־הייב, צום אָנהייב; פאָרויס.

ל

● איך דערקלער מיך לכתחילה פאַר אַ מיטאַרבעטער אין וואָרט און טאַט (ש"ע).

לעג-ולקלס (לעלאַג-אולקעלעס) — צו שאַנד און צו שפּאָט.

● מרימל הער'ט און פאַרטייטשט: ללעג-ולקלס, זאָגט זי, וועט מען זיין (פּרץ).

למאי (לעמאַי) — פאַרוואָס.

● למאי זאָלן מענטשן זיין אַזוי שלעכט, אַז זיי קאָנען זיין גוט (ש"ע).

די למד (לאַמעד) — דאָס צוועלפטע אות (ל) פונעם אלף-בית.

דער למד-וונ'יק — למד-וונ'קעס; למד-וואָווניק—למד-וואָוניקעס (לאַמעד=וואָווניק — לאַמעד=וואָווניקעס) — איינער פון די 36 (ל=30 + ו = 6) צדיקים, וואָס אויף זיי שטייט די וועלט, לויט דער רעליגיעז-מיסטישער פאָרשטעלונג.

למדינת הים (לימדינאַס האַיאַם) — אין אַ לאַנד, וואָס ליגט אויף יענער זייט ים; אין אַ ווייט לאַנד.

● ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט למדינת הים, אין אַ ווייטן וועג אַריין (ש"ע).

דער למדן — למדנים (לאַמדן — לאַמדאָנים) — (תלמודישער) געלערנטער, קענער פון תלמוד.

● אַ ייד אַ למדן גיט זיך אַן עצה (פאָלקסווערטל).

דאָס למדנות (לאַמדאָנעס) — געלערנטקייט (באַזונדערס יידיש-רעליגיעזע געלערנטקייט).

דער למוד — למודים (לימעד — לימודים) — זע: לימוד.

למזל (לעמאַזל) — מיט גליק, מיט מזל.

● די קימפּעטאָרין האָט למזל געבוירן אַ קינד (ש"ע).

למך (לעמעך) — ביבל-פּערסאָנאַזש. באַצייכענונג פון אַ טעמפּן מענטש.

למען השם (לעמאַאַן האַשעם) — ווערטלעך: פאַר גאָטס (נאָמען) וועגן; געדענקט אין גאָט; דורכויס, נישט אַנדערש.

● זי זאָל אים, למען השם, שרייבן פון איר געזונט (ש"ע).

למען ידעו (לעמאַאַן ייידו [ויעידו]) — אַז זיי זאָלן וויסן.

● מוז אַלצדינג פאַרצייכנט ווערן, למען ידעו (א. שטיינבאַרג).

למעשה (לעמייסע) — פּראַקטיש (גענומען); פאַקטיש.

● למעשה האָט מען אויף דער דאָזיקער פאָרשריפט נישט איינמאָל עובר געווען (י. טרונק).

למראית-עין (לעמאַריס-אַין, לעמאַרעס-אייען) — פאַרן אויג; פאַרן אויסערלעכן עפעקט.

למשל (לעמאָשל) צום ביישפּיל, אַשטייגער.

● ווען למשל מען וואָלט מיך געהערט, וואָלט איך זאָגן... (א. שטיינבאַרג).

לנוי (לענוי) — פאַר שיינקייט, צו באַפּוצן.

● מוז מען דאָך עפּעס צוגעבן לנוי (פּרץ).

לסוף (לעסאָף) — צום שלוס, צו ענדע.

● טו איך לסוף אַ פרעג מיינע קאַבצאַנסקער יידן (ממ"ס).

לסירוגין (לעסיירוגין) — איבערגעהיפּערטערהייט, נישט לויט דער ריי.

● אַפילו די נעגל שנײדט אַ ייד מיט אַ דריידל, עפּעס לסירוגין, געשפּרונגען און געדרייט (ממ"ס).

לעבר-הים (לעאייווער-האַיאַם) — אויף יענער זייט ים.

● ער האָט זיך צוגעגריט אַוועקצופאָרן לעבר-הים (י. י. זינגער).

לעולם (לעאוילעם)—שטענדיק, אייביק; איבערהויפּט, אייגנטלעך.

● ער האָט לעולם געהאַט זיינע קאַפּריזן (אַפּאַטאָשו).

לעולם-ועד (לעאוילעם-וואָער — אויף אייביק, אויף שטענדיק.

● ס'איז פאַרפאַלן לעולם-ועד, קיין האָן וועט אַפילו נישט קריִיען (ש"ע).

לעולם תקח (לעאוילעם טיקאַך) — שטענדיק זאָלסטו נעמען; נעם וואָס מען גיט דיר.

● לעולם — נעם, תקח — ווייטער מאַן (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

לעולמות (לעאוילאָמעס) — אויף אייביקע צייטן, אויף שטענדיק.

● איך האָב צוגעזאָגט קעסט לעולמות (מ. בורשטין).

לעזאזל (לאַזאָזל) גיין — גיין צום טייוול; זיך אָפּטראָגן.

● זאָגט ער, אַז איך זאָל גיין לעזאזל — נעמען דעם וועג הייסט עס (ש"ע).

לעילא-ולעילא (לעאיילע-אולע-איילע, ליילע-אוליילע) — דערהויבן; גאָר הויך; העכער און העכער.

● עס איז גאָר לעילא-ולעילא (בערדי-טשעווסקי).

לעיני השמש (לעאייני האַשעמעש)—אין מיטן העלן טאָג; עפנטלעך.

● דאָס אַלץ קומט פאָר אָפן, לעיני השמש, אָן בושה (א. איינהאָרן).

לעניננו (לעאיניאָנינו) — צו אונדזער זאַך.

● לאָמיר זיך אומקערן לעניננו (זשי-טלאָווסקי).

לערך (לעערעך) — אומגעפער, בערך, אַרום, מער-ווייניקער.

● דאָס איז געשען לערך מיט אַ יאָר צוריק (ד. בערגלסאָן).

לעת-עתה (לעאייס-אַטאָ, לעסאַטע)—דערווייל, פאָרלויפיק.

● ביסט אַ קינד נאָך, שלאָף לעת-עתה (ש"ע).

לעתיד (לעאָסיד) — אין דער צוקונפט; אויף ווייטער.

לעתיד-לבוא (לעאָסיד-לאָווי [לאָ-ווע]) — אין דער ווייטער צוקונפט; אין משיחס צייטן.

● דורכגעזאָפּט מיט דעם ליכט, וואָס איז מאָקע באַהאַלטן געוואָרן פאַר די צדיקים לעתיד לבוא (פּרץ).

לפחות (לעפּאָכעס) — זע: לכל-הפחות.

לפי-זה (לעפּי-זע) — לויט דעם.

לפי-שעה (לעפּי-שאָ) — אויף דער-ווייל, צייטווייליק, פּראָוויזאָריש.

לפי-תומו (לעפּי-טומוי) — נישט-געפּרעגטערהייט; אָן אַ זייטיקן מיין.

לפי-ערך (לעפּי-ערך) — אומגעפער, בערך; רעלאַטיוו; מער-ווייניקער.

● זיי האָבן געפּירט, לפי-ערך, אַ שטיל לעבן (י. קאָטיק).

לפני כל עם ועדה (ליפני קאָל אָם וועאיידע) — פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג (און געמיינשאַפט), פאַר אַלעמענס אויגן; עפנטלעך.

● איך דערצייל אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט לפני כל עם ועדה (ש. אַנ-סקי).

לפנים (לעפאָנים)—אויסערלעך; פאַר מענטשנס וועגן, מאַכנדיק אָן אָנשטעל.

● מוז מען אַמאָל, — כאָטש נאָר לפנים — זיך טון אַ בייזער (ממ״ס).

לפנים משורת הדין (ליפנים מעשוראַס האַדין) — נישט ווי דער שטרענגער געזעץ פאָדערט ; זייער מילד.

● זאָלסט באַהאַנדלען דיינע קינדער לפנים משורת הדין (א. ביק).

דער **לץ — לצים** (לעץ — לייצים) — אָפּשפּעטער, אָפּלאַכער; וויצלער ; אַ מין טייוול, וואָס טוט אָפּ פאַרשידענע שטיקלעך, לויט דער פאָלקס-לעגענדע.

● דאָרטן פליגן לצים וויגען, מוזיצירן, מאַכן קולות (פּרץ).

דאָס **לצנות** (לייצאָנעס)—זע : ליצנות.

די **לקוי-חמה** (ליקע-כאַמע) — זע : ליקוי-חמה.

די **לקוי-לבנה** (ליקע-לעוואָנע) — זע : ליקוי-לבנה.

דער **לקחן — לקחנים** (לאַקכן — לאַקכאָנים)—זע: גנב.

לקחנען (לאַקכענען) — צונעמען ; גנבענען.

● האָט אָפּנים דאָס געלט עמעצער אַרויסגעלקחנט (ש״ע).

לרוב (לעראָוו) — מערסטנס; אַ סך.

● עסן איז געווען לרוב (א. קאָטיק).

לשוא עמלו (לאַשאָוו אַמאָלוי) — אומזיסט זיין מי, זיין מאַטערניש.

● אָבער לשווא עמלו — זיין מי איז געווען אומזיסט (בערדיטשעווסקי).

לשום מלאכה (לעשום מעלאָכע) — צו קיין שום אַרבעט.

● ער איז געווען אַ פינצטערע קאַליקע, אַ לא-יצלח לשום מלאכה (ש״ע).

דאָס **לשון — לשונות** (לאָשן — לעשוינעס) — שפּראַך.

● אַז עס קומט צום געזעגענען זיך, בלייב איך אָן לשון (ש״ע).

דאָס **לשון הרע** (לאָשן האָרע) — שלעכטע רייד, באַרעדעריי, אויס-טראַכטעניש.

דאָס **לשון יחיד** (לאָשן-יאָכיד) — איינצאָל.

דאָס **לשון סגי-נהור** (לאָשן סאַגי-נאָהער) — פאַרשטעלטע שפּראַך, ריידאַרט, וואָס זאָגט דאָס פאַרקערטע פון דעם, וואָס מען מיינט.

● הייניטיקע יידן זענען אַלע איבער-געשפּיצטע..., רעדן נאָר אויף לשון סגי-נהור (ממ״ס).

דאָס **לשון קודש** (לאָשן קוידעש) — הייליקע שפּראַך ; העברעיש.

● ער רעדט לשון קודש ווי אַ וואַסער (ש. אַש).

דאָס **לשון רבים** (לאָשן ראַבים) — מערצאָל.

לשיטתו (לעשיטאָסוי) — לויט זיין מעטאָד, לויט זיין גאַנג (ריכטונג) ; לויט זיין טעאָריע.

● לשיטתו דאַרף מען בכלל נישט קיין שום אינטערדיאַלעקטישן אויסלייג (א. א. ראָבאַק).

לשם (לעשעם) — צוליב, וועגן.

● [ער] פאַרט זיך דורך גלאַט אַזוי לשם פאַרגעניגן (ש״ע).

לשם מצוה (לעשעם מיצווע) — צוליב טוגנט, צוליב אַ ווילטאַט, צו-ליב דעם ווייל פון דער זאַך.

● דאָס איז געווען געטון לשם מצווה : אַזאַ אַרבעט האָט געהערט צו אונ-דזער פּראָגראַם-אויפגאַבע (א. קאָטיק).

לשם שמים (לעשעם שאָמאַים) — פאַר דעם אין הימלס (פאַר גאָטס) וועגן. פאַר מצווה וועגן.

● ער נעמט זיי איין מיט גוטע ריידע־לעך, ער מיינט טאַקע לשם מצווה, לשם שמים (פּרץ).

לשמה (לישמאָ) — צוליב דער זאַך אַליין.

● ער טוט זיין אַרבעט לשמה, מיט גע־טריישאַפט (ד. בערגלסאָן).

לשנה טובה (לעשאָנע טויווע) — צו אַ גוט יאָר (יידישער ניי־יאָר־ווונטש).

לשנה טובה תכתבו (לעשאָנע טויווע טיקאָסייווו) — זאָל אייך אָנ־געשריבן ווערן אַ גוט יאָר. טראַדי־ציאָנעלער יידישער ניי־יאָר־ווונטש אין די טעג פון ראש השנה.

לתרבות רעה (לעטאַרבוס ראָע) — צו שלעכטע זיטן, צו שלעכטס, צו זינד, אויף אַ שלעכטן וועג.

● מאַטיאַס וועט אַוועק פון דער יידי־שער אומה לתרבות רעה (מ. בורשטין).

לתשמיש (לעטאַשמיש) — צום נוצן, צום געברויך.

● צוניץ קומען זיי נישט, גאָרנישט לתשמיש, אָבער לנוי — אויסטערליש (פּרץ).

די מאה — מאות (מייע — מייעס) — הונדערט; הונדערט שטיק (ניס אדג"ל).

● אַז עס קומען די מאות, קומען די דעות (ש"ע).

מאהבה (מייאַווע) — פון ליבשאַפט.

מאהבת מרדכי (מייאַוועס מאָרד־כע) — פון ליבשאַפט צו מרדכין, פון ליבשאַפט צו דער זאַך. זע: משנאת המן.

מאוימדיק (מעוייעמדיק) — שרעק־לעך; שוידערלעך.

● די גאַנצע לופט איז געווען איין גרויס שטיק מאוימדיקע פינצטערניש (ש. אַש).

מאוס (מיעס) — זע: מיאוס.

מאחורי הפרגוד (מייאַכויריי האַ־פּאַרגעד) — פון הינטער די קוליסן.

● דאָס האָבן מיר געהערט מאחורי הפרגוד.

מאי־קא־משמע־לן? (מיי־קאָ־מאַשמע־לאָן?) — וואָס זשע לאָזט עס מיך הערן?

● מאי־קא־משמע־לן דער רעגן? וואָס זשע לאָזט עס מיך הערן? (א. רייזען)

מאימת יום־הדין (מעאיימעס יאָם־האַדין) — פון שרעק פאַרן יום־הדין, (פאַרן טאָג פון אורטייל, פון משפט).

● מען ווערט נישט אַזוי פאַרציטערט מאימת יום־הדין (פרץ).

מאיר (מייער)—נאָמען פון אַ מאַנצביל.

מאיר־בעל־נס (מייער באַל־נעס)— מאיר דער וווּנדער־טוער, וועמענס קבר עס געפינט זיך ביי טבריה אין ארץ ישראל.

מאיר בעל־נס־פושקע — פושקע צו זאַמלען געלט פאַר אָרעמע רעליגיעזע לערנער אין ארץ־ישראל. זע: חלוקה.

● בערל האָט זיך דערשלאָגן צו רב מאיר בעל־נס־פושקע, וואָס זיין מאַמע וואַרפט אַריין אַלע פרייטיק פאַר ליכט בענטשן אַ קאָפּיקע (ש"ע).

דאָס מאכל — מאכלים (מייכל — מייכאָלים) — שפייז; עסנוואַרג; גע־ריכטס.

● דער טיש אַ פולער שטייט מיט מאכלים צוגעגרייט (מאַני לייב).

דאָס **מאכל־טוב** — **מאכלים־טובים** (מייכל־טאָוו) — מייכאָלים־טויווים) — גוט, געשמאַק עסן.

● מאַכן אַ פסח מיט וויין, מיט אינדי־קעס און מיט פאַרשידענע מאכלים־טובים (ממ״ס).

דאָס **מאכל־מלכים** (מייכל־מעלאָ־כים) — קעניגלעכע שפּייז.

● אַ בולקע מיט ראָסל־פלייש, ווער עס האָט נאָר — דאָס איז דאָך טאַקע אַ מאכל־מלכים (ממ״ס).

דער **מאמין** — **מאמינים** (מיי־מען — מיימינים) — גלויביקער.

● איר זענט אַ ווינציקער מאמין אין די זאַכן (ש״ע).

דער **מאמר** — **מאמרים** (מיימער — מיימאָרים) — שפּרוך (אין תּלמוד); אַרטיקל (אין דער צייטונג); זאַץ.

● דער מאמר האָט דעם ווערט צו ווערן אָפּגעדרוקט (ראַוויניצקי).

דער **מאמר־המוסגר** (מיימער־האַמוסגער) — באַמערקזאַץ.

מאמריסטיק (מיימעריסטיק) — אַר־טיקל־שרייבעריי; פּובליציסטיק; זאָגעריי

● עס איז נישט די טויטע, צעצויגענע מאמריסטיק (נ. מייזיל).

מאסף ממון (מעאַסעף מאָמען) זיין— זאַמלען געלט, מאַכן קאַפּיטאַל.

● פריער האָט מען פאַרדינט און פאַר־דינט, מאסף ממון געווען (ש״ע).

מארבע־כנפות הארץ (מעאַרבע קאַנפעס האָאָרעץ) — פון אַלע פיר עקן פון לאַנד, פון אומעטום.

● מען וועט קומען מארבע כנפות הארץ (פרץ).

מארבע פינות העולם (מעאַרבע פּינעס האָאוילעם) — פון אַלע פיר עקן פון דער וועלט, פון אומעטום.

● מאַנוסקריפּטן און ביכלעך פלעגט ער באַקומען מארבע פינות העולם.

דער **מאריך** — **מאריכים** (מייִרעך— מייריכים) — דער וואָס צעציט זיינע רייד, דער וואָס צעשפּרייט זיך ביים רעדן אָדער שרייבן, באַרעדעווודיקער.

● ער שטעלט זיך נישט אָפּ אויף קליי־ניקייטן, ער איז נישט קיין מאריך (נ. מייזיל).

מאריך (מייִרעך) זיין — אויספירלעך רעדן (שרייבן); אויסציען, צעשפּרייטן (אַ געדאַנק).

● איך האָב פיינט מאריך צו זיין און האָב ליב רעדן צו דער זאַך (ש״ע).

מאריך־ימים (מייִרעך־יאָמים) זיין— האָבן לאַנגע יאָרן, האָבן אַ לאַנג לעבן.

מאריך ימים ושנים (מייִרעך יאָמים ווּשאָנים) זיין — האָבן לאַנגע יאָרן, אַ לאַנג לעבן.

● מאריך ימים ושנים זאָלט איר מיר זיין (ממ״ס).

מבוהל (מעווּהעל) ווערן — צע־טומלט ווערן, דערשראָקן ווערן.

● איך בין גאָר מבוהל געוואָרן און אין האַרצן ביי מיר האָט זיך ווי עפּעס אָפּגעריסן (אנכי).

מבוזה־ומבוזה (מעווּזע־אומעווּזאַזע) זיין — צו שאַנד און שפּאָט מאַכן, שטאַרק באַליידיקן.

● האָט ער זיי געפרוווט זאָגן אַ וואָרט, האָבן זיי אים געקאָנט מבוזה־ומבוזה זיין (בערדיטשעווסקי).

מבויש (מעווּיעש) — פאַרשעמט.

● פאַרטומלט, מבויש און איבערגעשראָקן האָט זיך יאָסעלע געלאָזט גיין צוריק אַהיים (ש"ע).

דער מ ב ו ל (מאַבל) — גרויסע פאַרפלייצונג; פאַרפלייצונג, וואָס האָט פאַרטרונקען די וועלט, לויט דער ביבל־דערציילונג.

מ ב ו ל ב ל (מעווּלבל) ווערן — צעמישט ווערן.
● דער מוח ווערט וואָס אַמאָל מער מבולבל (פרץ).

מ ב ז ה (מעוואַזע) זיין — פאַרשעמען, באַליידיקן.
● זיי האָבן אים אָנגעהויבן צו פייניקן און מבזה צו זיין (מ. בורשטין).

מ ב ח י ן (מאַווכין) זיין — אונטערשיידן, דערקענען דעם אונטערשיד.
● ער האָט נישט מבחין געווען צווישן „גוט" און „שלעכט" (בערדיטשעווסקי).

מ ב ט י ח (מאַווטיעך) זיין — צוזאָגן, פאַרזיכערן.
● ער האָט מבטיח געווען פינף יאָר קעסט (בערדיטשעווסקי).

מ ב ט ל (מעוואַטל) זיין — צונישט מאַכן, אַנולירן; אָפּשאַפן.
● ער איז מבטל דענסטמאָל איטלעכן, אַפילו דעם בעסטן פריינד (ממ"ס).

מ ב ט ן ו ל י ד ה (מיבעטועןן וועליידע) — פון געבוירן אָן.
● ער איז טאַקע אַן עוואַנגעלישער קריסט מבטן ולידה.

דער מ ב י ן — מ ב י נ י ם (מייווין — מייווינים) — זאַך־קענער.
● קיין גרויסער מבין אויף פערד איז מיין זיידע נישט געווען (ש"ע).

דאָס מ ב י נ ו ת (מעווינעס) — זאַך־קענטשאַפט; מיינונג פון אַ זאַך־קענער.
● די מומעס באַקוקן די זאַכן, זאָגן מבינות, וויפל עס קאָסט (ש. אַש).

מ ב י ש (מעוואַיעש) שטעלן, זיין — פאַרשעמען, באַליידיקן.
● למאי, זאָל ער מביש שטעלן אַ מענטשן? (ש"ע).

מ ב י ת — ל ב י ת (מיבאַיס — לעבאַיס) — פון הויז צו הויז.

מ ב ל ב ל (מעוואַלבל) זיין — צעמישן.
● מען פלייסט זיך די מוחות מבלבל צו זיין.

מ ב ק ר ח ו ל ה (מעוואַקער כוילע) זיין — באַזוכן אַ קראַנקן.
● אַז איך ווער אַמאָל שלאַף, קומט האַלב בערדיטשעוו מיך מבקר חולה זיין (אָפּאַטאָשו).

מ ב ש ר (מעוואַסער) זיין — אָנזאָגן.
● ער הערט זיך איין אַ ווײַלע און איז באַלד מבשר (פרץ).

מ ג ב י ל (מאַגביל) זיין — באַשטימען.
● ער קאָן אַפילו נישט מגביל זיין די צייט פון אַרויספאָרן (פרץ).

מ ג ד ל (מעגאַדל) זיין — אויפהאָדעווען, דערציען.

מ ג ד ל ז י י ן ל ת ו ר ה, ל ח ו פ ה ו ל מ ע ש י ם ט ו ב י ם (מעגאַדל זיין לעטוירע, לעכופע אולמייסים טויווים) — דערציען צו תּורה, צו חופּה־שטעלן און צו גוטע זיטן (וווּנטש־פאָרמולע אויף אַ ברית ביי רעליגיעזע יידן).

מ ג ד ל ־ כ ל ב י ם (מעגאַדל־קלאָווים) זיין — האָדעווען הינט.
● איז ער מגדל כלבים, מען זאָל אים נישט באַגנבענען (פרץ).

מגולגל (מעגולגל) ווערן — פאַרוואַנדלט ווערן; פאַרוואָגלט ווערן (פון איין אָרט אין צווייטן); זע: גלגול.
● ער וועט מגולגל ווערן אין די ווייטע מקומות אין וואָלין (ראַווניצקי).

דער **מגושם** (מעגושעם) — פאַרגרעבטער; פּראָסטער; באַלייבטער.
● פאַלט אַריין דער מגושם און גיט אַ פרעג (פּרץ).

מגושמדיק (מעגושעמדיק) — פאַרגרעבט; פּראָסט; באַלייבט.
● זיין פאָטער, איז געווען אַ גרויסער מגושמדיקער ייד (בערדיטשעווסקי).

מגזם (מעגאַזעם) זיין — איבערטרייבן.
● איר מיינט אפנים איך בין אייך מגזם, דערציייל אייך בבא-מעשיות פון טויזנט און איין נאַכט (ש"ע).

דער **מגיד — מגידים** (מאַגיד — מאַגידים)—פּרעדיקער, בעל-דרשן (ז"ד).
● מאַכט מיט די הענט און קאָכט זיך ווי אַ מגיד אויף דער בימה (ש"ע).

דאָס **מגידות** (מאַגידעס) — דאָס פּרעדיקן; דאָס דרשענען.

די **מגילה — מגילות** (מעגילע — מעגילעס) — הילע, באַצייכענונג פון בוך אסתר (פורים-דערציילונג); נאָמען פון איינעם פון די פינף ביבלישע ביכער: שיר השירים, רות, איכה, קהלת, אסתר. באַצייכענונג פון אַ לאַנגער געשיכטע.
● הער אים אַזוי, ווי אין טשערנאָוויץ די מגילה (ממ"ס). ער האָט געלייענט פון אַ פּאַפּיר עפּעס אַ גאַנצע מגילה (ש"ע).

די **מגילת איכה** (מעגילאַס אייכע)— דאָס קלאָג-ליד נאָכן חורבן פון ירושלים. דאָס ליד הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „איכה ישבה" (צוגעשריבן דעם נביא ירמיהו).

די **מגילת אסתר** (מעגילאַס עסטער) — דאָס בוך אסתר, פורים-דערציילונג.

מגייר (מעגאַיער) זיין — פאַריידישן, איבערפירן צום יידישן גלויבן.

זיך **מגייר** (מעגאַיער) זיין — אָננעמען דעם יידישן גלויבן, איבערגיין צום יידנטום.

מגלה (מעגאַלע) זיין — אַנטפּלעקן, אויפדעקן, פאַרעפנטלעכן, אויסזאָגן.
● איך וועל דיר מגלה זיין אַ סוד (מ. בורשטין).

דער „**מגן-דוד**" (מאָגן-דאָוויד) — „וואָפן-שילדל פון דוד המלך". אַלטער יידישער עמבלעם, צונויפגעשטעלט פון צוויי גלייכזייטיקע דרייעקן.

מגאַ-ומשא (מאַגע-אומאַסע, מאַגעמאַסע) האָבן — קומען אין באַרירונג, אין באַציונג מיט עמעצן, האָבן אַ קאָנטאַקט (געווייינלעך אין אַ פאַרניינטן אָדער באַגרענעצנדיקן זין).
● מיט דער חברה זינגערס האָט ער געהאַט ווינציק-וואָס מגאַ-ומשא (ש"ע).

די **מגפה — מגפות** (מאַגייפע — מאַגייפעס) — עפּידעמיע.
● אין אַ מגפה איז אַ ציג אויך אַ בהמה (פאָלקסווערטל).

דער **מדבר — מדבריות** (מידבער — מידבאָריעס) — וויסטעניש.
● צוקומען צו אייך דאַרף מען דורכגיין אַ סך מדבריות (ש"ע).

די **מדה—מדות** (מידע—מידעס — זע: מידה.

מדור לדור (מידאָר לעדאָר) — פון

איין גענעראַציע צו דער צווייטער, פון דור צו דור.

מ ד ח ה (מאַדכע) זיין — אָפּלייגן, אָפּשלעפּן, אָפּציען.

● איך האָב אים אַלץ מדחה געווען און געצויגן, ביז עס איז נאָר מעגלעך געווען (ממ״ס).

די מ ד י נ ה — מ ד י נ ו ת (מעדינע — מעדינעס) — לאַנד ; מלוכה.

מ ד י נ ה - ג י י ע ר — אָרעמאַן, וואָס גייט איבער די הייזער פון שטאָט צו שטאָט.

דער מ ד י נ ה - ח כ ם — מ ד י נ ה - ח כ מ י ם (מעדינע-כאָכעם — מעדינע-כאַכאָמים) — לאַנדס-חכם, זייער אַ קלוגער, אַ וועלט-חכם.

● עס האָט געקלונגען מיט זיין קלוגשאַפט, ער איז געווען אַ מדינה-חכם.

דער מ ד ק ד ק — מ ד ק ד ק י ם (מעדאַקדעק — מעדאַקדעקים) — גראַמאַטיקער ; פּעדאַנט ; פּינקטלעכער.

● ער איז אַ גרויסער מדקדק אויף שפּראַך-ריינקייט.

מ ד ק ד ק (מעדאַקדעק) זיין — שטרענג אָפּהיטן ; אַכט לייגן ; זיך שטרענג באַציען צו...

מ ד ק ד ק ז י י ן כ ח ו ט ה ש ע ר ה (מעדאַקדעק זיין קעכוט האַסיירע) — אָפּהיטן אויף אַ האָר, גאָר שטרענג זיך באַציען צו...

● מיט אַזאַ צדיק ווי אַ טריסקער איז מען טאַקע מדקדק כחוט השערה (פּרץ).

די מ ד ר ג ה — מ ד ר ג ו ת (מאַדרייגע — מאַדרייגעס) — סטאַדיע, שטופע, שטאַפּל, ניוואָ.

● ער איז געשטיגן פון מדרגה צו מדרגה (נ. מייזיל).

דער מ ד ר י ך — מ ד ר י כ י ם (מאַדריך — מאַדריכים) — דערציער, וועגווייזער, פירער.

● דו האָסט קיין מדריך נישט געהאַט (ש. אַש).

מ ד ר י ך (מאַדריך) זיין — דערציען, פירן (אין גייסטיקן זין).

● פלעגט זי לערנען מיט אירע שוועסטערלעך, וועלכע זי האָט מדריך געווען (ממ״ס).

דער מ ד ר ש — מ ד ר ש י ם (מעדרעש— מעדראָשים) — רעליגיעז ווערק, וואָס דערקלערט די ביבל אויף אַ לעגענדאַרן אופן (אַנטשטאַנען אין דער תלמודישער און נאָך-תלמודישער עפּאָכע).

מ ה - ד אָ ך (מאַדאָך) — אויב-דאָך, אויב שוין.

● מה-דאָך ער זאָגט גאָרנישט, וואָס זאָל איך שוין רעדן?

איז מ ה - ט ו ב (מאַ-טאָוו) — איז גוט.

● ווילט איר נעמען ביי דער שטאָט דריי הונדערט רובל אַ יאָר, איז מה-טוב (פּרץ).

מ ה - ט ו ב ו (מאַ-טויווו) — „ווי גוט זענען...״ — ערשטע ווערטער פון דער תפילה, מיט וועלכער ס׳הייבט זיך אָן דאָס דאַווענען אין דער פרי; באַצייכענונג פון אַן אָנהייב.

● באַדאַרף איך אייך דערציילן איטלעכן באַזונדער, אָנהייבן אַלע מאָל פון מה-טובו (ש״ע).

מ ה י א מ ר ו ה ב ר י ו ת (מאַ יוימרו האַבריעס) — וואָס וועלן מענטשן זאָגן, וואָס וועט די וועלט זאָגן.

„מ ה - י פ י ת״ (מאַ-יאָפעס) — „ווי שיין״ — ערשטע ווערטער פון אַ רעליגיעז-שבת-ליד.

● די ראָלע פון זינגען „מה־יפית" פאַרן פריץ איז אַריבער (ש"ע). זע: מה־יפית־ייד.

מ ה ־ י פ י ת ־ י י ד (מאַ־יאָפעס־ייד) — ייד, וואָס דערנידעריקט זיך פאַר פרעמדע. דער אויסדרוק שטאַמט פון דער צייט פון דער טיפסטער דערנידערונג פון יידן, ווען זיי האָבן געמוזט פאַר שיכורע פריצים טאַנצן און זינגען מה־יפית; צולעקער.

● איך האָב פיינט אַ מה־יפית־ייד ערגער ווי אַ משומד (ש"ע).

מ ה ־ י פ י ת ־ ל י ד ל (מאַ־יאָפעס־לידל) — חניפה־לידל, פאַלש לויב־געזאַנג.

מה ־ י פ י ת נ י ק — מ ה ־ י פ י ת נ י ק ע ס (מאַ־יאָפעסניק — מאַ־יאָפעסניקעס) — צולעקער, חונף. זע: מה־יפית־ייד.

מ ה ־ י ק ר (מאַ־יאָקער) — ווי טייער.

● מה־יקר — וואָס ווּעסטו האָבן דערפאַר (ש"ע).

מ ה ל י ל ש ק ר (מאַ לי לעשאַקייר) — צו וואָס דאַרף איך זאָגן אַ ליגן.

● איך זאָג אייך דעם אמת! און, צוריק געשמועסט, מה לי לשקר (פרץ).

מ ה ־ נ ש ת נ ה (מאַ־נישטאַנע) —„מיט וואָס איז אַנדערש". ערשטע ווערטער פון די פיר קשיות פון דער הגדה.

● אַ חכם פון דער מה־נשתנה אַרויס (ש"ע).

מ ה ־ פ ש ע י? (מאַ־פּישי) — וואָס איז מיין שולד?

● שרייט דער הונט: מה־פשעי, שרעקלעך! אַלע מאָל בלבולים פרישע (א. שטיינבאַרג).

מ ה ־ פ ש ע י ו מ ה ח ט א ת י (מאַ־פּישי אומאַ כאַטאָסי) — וואָס איז מיין שולד און וואָס איז מיין זינד?

מ ה ־ ר ע ש (מאַ־ראַאַש) — וואָס איז דער טומל, וואָס באַטייט דאָס געשריי, דאָס געפילדער.

● און אַז ס'איז אַביסל פרי, מה־רעש?

מ ה ש ל א י ע ש ה ה ש כ ל, י ע ש ה ה ז מ ן (מאַ שעלוי יאַאַסע האַסייכל, יאַאַסע האַזמאַן) — וואָס דער שכל (פאַרשטאַנד) קאָן נישט באַווייזן אויפצוטון, טוט אויף די צייט.

מ ה ־ ש מ ך (מאַ־שמעכאָ) — ווי הייסטו? ווי איז דיין נאָמען?

● מה־שמך? ווי אַזוי רופט מען דיך? (ש"ע).

מ ה א י ־ ט ע מ א (מעהאַי־טיימע) — צוליב דעם דאָזיקן מאָטיוו, צוליב דעם טאַקע.

● מהאי־טעמא דרוקן מיר דאָס איבער וואָרט ביי וואָרט (ש"ע).

די מ ה ו מ ה — מ ה ו מ ו ת (מעהומע — מעהומעס) — גערודער, טומל.

● אַ מהומה ווי אין אַ דול־הויז (ממ"ס).

דאָס מ ה ו ת (מאָהוס, מעהוס) — דאָס ווּעזנטלעכע, דאָס וועזן (פון דער זאַך).

● ווי אַנדערש איז זאַמאָשטש לויט זיין מהות און כאַראַקטער (נ. מייזיל).

מ ח ח ל ו ע ד כ ל ה (מעהאָכייל וועאַד קאָלאָ) — פון אָנהייב ביז צום סוף.

● ער האָט דערציילט מהחל ועד כלה (י. קאָטיק).

מ ה י ו ם ו ה ל א ה (מעהאַיאָם וואָהאָלע) — פון היינט אָן און ווייטער.

● מהיום והלאה וועט ער זיין מער פאָרזיכטיק (מ. בורשטין).

מ ה י כ י (מ ה י כ א) ־ ת י ת י (מייכע־טייסע, מאַכטייסע) — זאָל זיין אַזוי, גוט, ווויל, מיט פאַרגעניגן, אדרבה.

● מהיכא־תיתי, זאָל ער צונעמען און איבערגעבן אַן אַנדערן (פּרץ).

מהיכא־תיתידיק (מאַכטייסעדיק)— אַזוי זיך, ווי עס איז, ווי לאָז געמאַך.

● טראָגט ער זיין איבערמאַנטל קוים אָנגעוואָרפן אויף די פּלייצעס, קרום און מהיכא־תיתידיק (ז. שניאור).

דער מהלך (מעהאַלעך, מאַלעך) — דיסטאַנס; שטרעקע; וועג.

● עס איז אַזאַ מהלך, ווי פון הימל צו דער ערד (ש״ע).

דער מהלך־רב (מאַלעך־ראַוו) — וויטע שטרעקע, ווייטער וועג.

● דאָס שטעטל? ווייט! אַ מהלך־רב! אין טיף פּאָליעסיע (אַנ־סקי).

מהנה (מעהאַנע) זיין — אָנטון (פּאַר־שאַפן) יענעם פאַרגעניגן; דערפרייען.

● ווילט זיך מיר מהנה זיין דעם ייִדן (ש״ע).

מהרהר (מעהאַרער) זיין — אַריינ־טראַכטן, אַריינקלערן, זיך אַריינ־גריבלען.

● נאָר צו פיל מהרהר זיין טאָר מען אויך נישט (ש״ע).

מהר״ל (מאַהאַראַל) — פאַרקירצונג פונעם נאָמען פון דעם באַרימטן רב אין פּראָג ר׳ לוי יהודה בן בצלאל (1520—1609), וואָס האָט, לויט דער לעגענדע באַשאַפן דעם גולם.

מהרש״א (מאַרשאָ) — פאַרקירצונג פונעם נאָמען פון דעם תּלמודישן גע־לערנטן ר׳ שמואל איידלש (1555—1631); נאָמען פון זיין פּירוש אויפן תּלמוד.

מודה (מוידע) זיין — אָנערקענען.

● דאָך מוז מען מודה זיין, אַז אין סעגדערלס אַ וואָרט איז אַמאָל גע־לעגן אַ גלייכער איינפאַל (ממ״ס).

זיך מודה (מוידע) זיין — זיך אָנער־קענען צו עפּעס (צו אַ שולד).

● איך מוז מיך מודה זיין, איך בין איצט אין אַ פאַרלעגנהייט (ש״ע).

מודה אני (מוידע אַני) — „איך דאַנק״, ערשטע ווערטער פון דער תּפילה, וואָס עס זאָגן רעליגיעזע ייִדן (באַזונדערס קינדער) אין דער פרי נאָכן אויפשטיין פון שלאָף.

● ער זאָל זיך אויסלערנען כאָטש מודה אני זאָגן (ש. אַש).

זיך מודה ומתודה (מוידע־אומיס־וואַדע) זיין — זיך אין גאַנצן אָנער־קענען אַלס שולדיקער, זיך אָנערקע־נען צו אַ שולד.

● איך בין זיך מודה ומתודה, אַז איך האָב געטראַכט פון דעם טאָג און נאַכט (ש״ע).

מודים (מוידים) — „מיר דאַנקען״ — אַ תּפילה (פון שמונה עשׂרה), ביי וועלכער רעליגיעזע ייִדן בוקן זיך פאַר גאָט (ביז צו דער ערד).

● מודים ביז צו דער ערד, שמד־שטיק ביז צום הימל (פאָלקסווערטל).

מודיע (מוידיע) זיין — צו וויסן טון; מעלדן, באַקאַנט מאַכן.

● דעם אַלטן מודיע זיין לוינט נישט, ער ווייסט אַליין (פּרץ).

מודיעין (מודיאין, מאָדין)—נאָמען פון אַ היסטאָריש דאָרף אין ארץ־ישׂראל (אין צפון פון ירושלים), ווו מתתיהו האָט אין יאָר 168 פּ״ק אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד קעגן די גריכן־סיריער.

מ ו ד ע ה — מ ו ד ע ו ת (מוידאָע —
מוידאָעס) — באַקאַנטמאַכונג, מעלדונג.
● זיי האָבן אַרויסגעלאָזט מודעות אין
אַלע בלעטער (ש„ע).

דער מ ו ה ל — מ ו ה ל י ם (מויהעל —
מויהאַלים) — באַשניידער, דער וואָס
פירט דורך דאָס יידישן אויף אַ ברית
לויט דער רעליגיעזער פּראָצעדור.

דער מ ו ח — מ ו ח ו ת (מויעך — מוי=
כעס) — געהירן; קאָפּ.
● קעפּ האָבן געטראַכט, מוחות האָבן
געאַרבעט (ש"ע).

מ ו ח ל (מויכל) זיין — אַנטשולדיקן;
פאַרגעבן; נישט פאַראיבל נעמען;
פאַרציכטן.
● זעצט אייך, זייט מוחל (ממ"ס). איך
האָב געזינדיקט, זייט מיר מוחל (ש.
אַש). איך בין מוחל דיין האָניק און
וויל נישט דיין ביס (פאָלקסווערטל).

זיך מ ו ח ן (מויעכן) — זיך גריבלען,
אַריינטראַכטן.
● ווער האָט] געשפּרייזט שעהן לאַנג
און זיך געמוטשט (אָפּאַטאָשו).

מ ו ט ל ב ס פ ק (מוטל בעסאָפעק)
זיין — זיין אונטער אַ צווייפל, אונ=
טער אַ פראַגע=צייכן.
● ער נישטערט אויס ווערטער, וואָס
זענען מוטל בספק בנוגע זייער אויס=
שפּראַך (א. א. ראָבאַק).

מ ו כ ן ו מ ז ו מ ן (מוכן אומזומען) —
אין גאַנצן גרייט.
● מען איז אין מאַרק געקומען מוכן
ומזומן אַגראַשן צו פאַרדינען (ש. אַש).

דער מ ו כ י ח — מ ו כ י ח י ם (מויכי=
עך — מויכיכים) — שטראָפער; פּרע=
דיקער.

● מיר דאַרפן אַ מנהיג, אַ פאַסטעך,
נישט קיין בייזן מוכיח (א. ביק).

דער מ ו כ ר = ס פ ר י ם — מ ו כ ר י =
ס פ ר י ם; מ ו כ ר = ס פ ר י מ נ י ק —
מ ו כ ר י = ס פ ר י מ נ י ק ע ס (מוי=
כער=ספאָרים — מאָכריי=ספאָרים; מוי=
כער=ספאָרימניק — מאָכריי=ספאָרימני=
קעס) — (אַרומפאָרנדיקער, הויזירנדי=
קער) ביכער=פאַרקויפער.
מענדעלע מוכר=ספרים — פּסעוודאָנים
פון גרויסן יידישן קלאַסיקער שלום
יעקב אַבראַמאָוויטש (1917—1836).

דער מ ו ל ד (מוילעד) — ווערטלען:
„געבורט": דאָס באַווייזן זיך פון דער
נייער לבנה; דער אָנהייב פון דער
ערשטער לבנה=פאַזע.

דער מ ו ל ך (מוילעך) — אָפּגאָט, פאַר
וועמען די געצנדינער האָבן געברענט
זייערע קינדער.
● [די נאַציס] האָבן געמוזט ווי אַ מולך
שמעקן דעם ריח פון ברענענדיקן
מענטשלעכן לייב (ש. אַש).

דער מ ו ם — מ ו מ י ם (מום — מומים) —
פעלער, דעפעקט (פיזישער).

דער מ ו מ ח ה — מ ו מ ח י ם (מומכע —
מומכים) — ספּעציאַליסט; זאַך=קענער.
● אין פּאָליטיק איז ער געווען אַ גרוי=
סער מומחה (י. קאָטיק).

דער מ ו מ ר ל ה כ ע י ס (מומער לע=
האַכיס) — ביי־ווילליקער זינדיקער;
דער וואָס טוט שלעכטס אַלעמען אויף
צו להכעיס.

מ ו ס י ף (מויסיף) זיין — צולייגן, צוגעבן.
● דאָס שרייבט דיר מיין מוטער, איך
פון מיין זייט וועל אויף דעם עפּעס
מוסיף זיין (מ"ס).

מ ו ס כ ם (מוסקעם) — איינפאַרשטאַנען,
איינגעשטימט.

● זיי זענען **מוטכּם** מיטצוהעלפן ווי ווייט מעגלעך (ש"ע).

דער **מוסר — מוסרים** (מאָסער — מאָסרים) — זע: מסר — מוסרים.

דער **מוסף — מוספים** (מוסעף — מוסאָפים) — צוגאָב־תּפילה (נאָך שחרית), וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן שבּת, ראש־חודש און יום־טוב.

דער **מוסר** (מוסער) — שטראָף־רייד; מאָראַל. זיך אַ מוסר נעמען — זיך אָפּלערנען, זיך נעמען אַ ביישפּיל.

● וואָס טויג אונדז ווערטער? מוסר? שטראָפעריי? (ש"ע). אָט פון וועמען באַדאַרף אַ ייד זיך אַ מוסר נעמען (ממ"ס).

מוסר (מוסער) זאָגן — פּרעדיקן מאָראַל, האַלטן אַ שטראָפּרעדע.

● ער האָט געהאַלטן אין איין מוסר זאָגן (אָפּאַטאָשו).

דער **מוסר־השכּל** (מוסער־האַסקל) — מאָראַל; סענטענץ; לערע; אויספיר.

● וואָס איז דער מוסר־השכּל פאַר אונדז דערפון זיך אָפּצולערנען (ש. אַש).

מוסר מודעה (מויסער מוידאָע) זיין — עפנטלעך דערקלערן, מעלדן. איך האָב שוין איינמאָל מוסר מודעה געווען פאַר דער גאַנצער וועלט (ש"ע).

זיך **מוסר נפש** (מויסער נעפעש) זיין — זיך איבערגעבן מיט לייב און לעבן, זיך מקריב זיין, איינשטעלן דאָס לעבן (פאַר יענעם, פאַר אַן אידעע).

● נישט אַלע זענען זיך אַזוי מוסר נפש ווי פאַנדרע (ז. שניאור).

דער **מוסר־ספר — מוסר־ספרים** (מוסער־סייפער — מוסער־ספאָרים) — רעליגיעז בוך וועגן פרומקייט און מאָראַל; מאָראַל־שריפט.

(יענעם) **מוסרן** (מוסערן) — יענעם פּרעדיקן מאָראַל, זאָגן שטראָף־רייד.

● ער האָט שוין מער נישט געמוסרט דעם זון (מ. בורשטין).

דער **מוסרניק — מוסרניקעס** (מוסערניק — מוסערניקעס) — דער וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער לערע וועגן מאָראַל, וועגן עטיק; מאָראַליסט, עטיקער.

● ער איז אַמאָל געווען אַ מוסרניק פון דער נאָוואָגראָדקער ישיבה.

דער **מופלג — מופלגים** (מופלעג — מופלאָגים) — זע: מופלג בּתורה.

דער **מופלג בּתורה** (מופלעג באַטוירע) — ווילערנער, קענער פון דער רעליגיעזער ליטעראַטור.

● דאָס איז געווען אַ זיידענער יונגערמאַן, אַ צאַצקע, אַ מופלג בּתורה (ש"ע).

דער **מופקר — מופקרים** (מופקער — מופקאָרים) — הפקר־מענטש; גאַסן־יונג; אויסגעלאַסענער.

די **מופקרת — מופקרותן** (מופקערעס — מופקאָרעסן) — ווייבלעכע פאָרם פון מופקר.

● גיי דיר צו דיין טאָכטער, צו דער מופקרת (ש"ע).

דער **מופת — מופתים** (מויפעס — מאָפסים) — װוּנדער; קונץ.

● און מופתים זאָלסטו מיט מיין שטעקן טון (א. שטיינבאַרג).

אַ **מוציא** (מויצע) — אַ שטיקל ברויט (פאַרקירצט פון המוציא, ז"ד).

● אַ מוציא מיט האָניק (ריידאַרט לויט ג. ווייסמאַן).

דער **מוצאי־יום־טוב** (מאָצעיאָנטעוו) — דער אויפדערנאַכט נאָך יום־טוב.

דער מוצאי־שבת (מאָצע־שאַבעס) — שבת־צו־נאַכטס.

מוציא־לעז (מויצע־לאַז) זיין — באַרעדן, רעדן (אויסטראַכטן) שלעכטס אויף יענעם.

● מען טאָר נישט מוציא־לעז זיין אויף יידישע טעכטער (מ. בורשטין).

דער מוצלח—מוצלחים (מוצלעך — מוצלאָכים) — באַגליקטער, דער וואָס דאָס גליק שפּילט אים צו; מזלדיקער.

● [ער איז] אַ גרויסער מוצלח געוועזן אין זיינע עסקים (פּרץ).

מוקדם ומאוחר (מוקדעם אומעוכער) — פריערדיקער און שפּעטערדיקער, פריער און שפּעטער, כראָנאָלאָגישער סדר; כראָנאָלאָגיש.

● דעריבער האָב איך נישט אָפּגעהיט קיין מוקדם ומאוחר, דעם וואָס־פריער און וואָס־שפּעטער (נ. מייזיל).

דער מוקיר־סופרים — מוקירי־סופרים (מויקיר־סאָפרים — מויקיריי־סאָפרים)—פאַרערער פון שרייבער.

● ער איז געוועזן אַ מוקיר־סופרים, געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר שרייבער.

דער מוקיר־ספרים — מוקירי־ספרים (מויקיר־ספאָרים — מויקיריי־ספאָרים)—פאַרערער פון ביכער.

דער מוקיר תלמידי־חכמים (מויקיר טאַלמידיי־כאַכאָמים) — פאַרערער פון געלערנטע.

● לערנען האָט ער נישט געקאָנט, אָבער ער איז געוועזן אַ מוקיר תלמידי־חכמים (בערדיטשעווסקי).

מוקצה (מוקצע) — געווייכט; נישט־נוצבאַר; נישט דערלויבט (רעליגיעז), נישט דערלויבט אָנצורירן, אויסגעמיטן.

● די דאָרטיקע יידן נעמען דאָס נישט, ווייל ס'איז מוקצה (ש"ע).

מוקצה מחמת מיאוס (מוקצע מאַכמעס מיעס)—אָפּגעזונדערט (נישט אָנצורירן) צוליב העסלעכקייט.

● אַזאַ ביטעלע האַלטן אין די הענט איז מוקצה מחמת מיאוס (ש"ע).

די מורא (מוירע) — שרעק.

● אַ געשלאָגענער האָט שטענדיק מורא (שפּריכוואָרט).

דער מורד — מורדים (מוירעד — מאָרדים) — ווידערשפּעניקער, אויפשטענדלער, רעוואָלוציאָנער.

● נאָכגעגעבן די פאָדערונגען פון די מורדים (אַנ־סקי).

מורד (מוירעד) זיין — ווידערשפּעניקן, רעוואָלטירן, אויפשטיין (קעגן פיינט).

● איז דאָס פאַרחושכדיקע געסל אויפגעשטאַנען, מורד געוועזן (מ. בורשטין).

דער מורד־במלכות—מורדים־במלכות (מוירעד־בעמאַלכעס — מאָרדים־בעמאַלכעס) — ווידערשפּעניקער קעגן קעניג, רעוואָלוציאָנער, אויפשטענדלער.

מורד־במלכות (מוירעד־בעמאַלכעס) זיין — ווידערשפּעניקן קעגן קעניג, רעוואָלטירן.

● דערנאָך קומט הענגען, שיסן, פערטלען — אַ קלייניקייט! מורד־במלכות זיין (ש"ע).

דער מורה־דרך (מוירע־דערעך) — וועג־ווייזער, פירער.

● אים האָבן געפעלט די אייגנשאַפטן צו זיין אַ גייסטיקער פירער, אַ מורה־דרך (נ. מייזיל).

דער מורה־הוראה (מוירע הוירָאָע) — רב, דיין; דער וואָס פּסקנט ריטועלע שאלות.

דער מורה־מורנו – מורי־מורנוס (מוירע־מויריינו — מוירע־מויריינעס) — „דער לערער פון אונדזערע לערער", באַצייכענונג פון אַ גרויסער תלמודישער אויטאָריטעט (אָפט באַנוצט אין איראָנישן זין).

● קיין שום טיטלען מיט ליובעבישן מיט מורי־מורנוס זאָל אויף מיין מצבה נישט זיין (ש"ע).

דער מורנו – מורנוס (מויריינע — מויריינעס) —„אונדזער לערער", אַמאָליקער טיטל פון אַ רעליגיעזן געלערנטן; אָנגעזעענער, יחסן.

● איך בין דאָ פונקט אַזאַ מורנו ווי דו (ש. אַש).

דער מושב (מוישעוו) — זידלונג, באַוווינט אָרט. באַצייכענונג פון אַן אָפּגעלאָזענעם אָרט, פון אַן אומאָרדנונג.

● עס פליסט איבער אַ מושב (פרץ).

אַ מושב ווי אין הקדש (פאָלקסווערטל).

דער מושב־זקנים – מושב־זקנימס (מוישעוו־זקיינים—מוישעוו־זקיינימס) — אַלטנהויז, אַנשטאַלט פאַר אַלטע לייט, זקנים הויז.

● און אַ מושב־זקנים שטעל איך אַוועק, אַלטע יידן זאָלן זיך נישט וואַלגערן אין בית־המדרש (ש"ע).

די מושבה – מושבות (מאָשאַוואַ — מאָשאַוואָט) — קאָלאָניע אין ארץ־ישראל.

מושוה, מושווה (מושווע) ווערן — זיך באַדינגען, זיך אויסגלייכן, דורכקומען.

● מיר וועלן מושווה ווערן, נישט גיין צום רב (אָפּאַטאָשו).

דער מושל – מושלים (מוישל — מאָשלים) — געוועלטיקער, הערשער.

● דער פריץ איז געוואָרן אויס מושל אויף דעם פויער (א. קאָטיק).

דער מושלם – מושלמים (מושלעם — מושלאָמים) — קענער, מענטש מיט אוניווערסאַלער בילדונג.

● אַ טאַטנס אַ קינד, וואָס וויל זיין אַ מושלם, באַדאַרף אַלצדינג קענען (ש"ע).

די מושלמת (מושלעמעס) — קענערין, פרוי מיט אוניווערסאַלער בילדונג.

מוותר, מותר (מעוואַטער) זיין — פאַרציכטן; איינגיין אויף אַ קאָמפּראָמיס.

● אויפן יידישן כבוד וועלן מיר נישט מוותר זיין.

דאָס מותר – מותרים, מותרות (מויסער — מויסאָרים, מויסרעס) — איבערפלוס; לוקסוס.

● זיי האָבן געלעבט באַשיידן, זיך נישט געיאָגט נאָך קיין מותרות (י. קאָטיק).

מותר (מוטער) — (רעליגיעז) דערלויבט.

דער מזבח – מזבחות (מיזבייעך — מיזבייכעס) — אַלטאַר; פאָסטאַמענט, אויף וועלכן מען פלעגט אין אַלטערטום ברענגען קרבנות.

דער מזג־טוב (מעזעג־טאָוו) — גוטער כאַראַקטער, גוטע נאַטור.

● דאָס איז געווען אַ יידענע אַ מזג־טוב. אַ מענטש אָן אַ גאַל! (ש"ע).

מזהיר (מאַזהיר) זיין — וואָרענען.

● איך האָב געוואָלט זאָגן צום דריטן מאָל, מזהיר זיין (פרץ).

די מזוזה – מזוזות (מעזוזע — מעזוזעס) — ווערטלעך: ביישטידל, אושאַק. באַצייכענונג פון דעם איינגעהילטן שטיקל פאַרמעט, אויף וועלכן עס זענען אָנגעשריבן צוויי אָפּזאַצן

פונעם חומש, וואָס ווערט צוגעשלאָגן צום ביישטידל פון דער טיר ביי רע־ריגיעזע יידן.

דאָס מ ז ו מ ן — מ ז ו מ נ י ם (מעזומען—מעזומאָנים) — באַר־געלט, קאַסע־געלט. בענטשן מזומן — דאָס געמיינזאַמע בענטשן נאָכן עסן ביי רעליגיעזע יידן מיטן אָנטייל פון ווייניקסטנס דריי דערוואַקסענע מאַנצבילן

● איינער בענטשט מזומן, דער אַנדערער ציילט מזומן (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

מ ז ו נ ו ת (מעזוינעס)—מ״צ—שפייז, דערנע־רונג, עסן.

● דער מאָגן מאָנט מזונות (ש״ע).

מ ז י ו ה ש כ י נ ה (מעזיוו האַשכינע) — פון דער געטלעכער שיין.

● באַשטראַלט מזיו־השכינה, זיצן זיי מיט די קרוינען אויף די קעפ און לערנען (פרץ).

דער מ ז י ק — מ ז י ק י ם (מאַזיק — מאַזיקים) — שעדיקער; שאָדן־מאַכער; גרויסער שטיפער; זייער געשיקטער.

● אַ קאַץ, זאָגט מען, איז אַ מזיק (ש״ע). ער איז געווען אַ מזיק אַ יונג (מ. נאַדיר).

מ ז י ק ן (מאַזיקן) — שעדיקן, צעשטערן.

● וועט ער דאָס גאַנצע דאָרף מזיקן (ש. אַש).

מ ז כ ה (מעזאַקע) זיין — באַערן; באַ־שענקען.

● זאָל מיך גאָט מזכה זיין מיט איי־ערע בריוו (ממ״ס).

מ ז כ י ר (מאַזקיר) זיין — דערמאָנען

● וועגן יענער מעשה האָבן מיר קיינ־מאָל נישט גערעדט מער, קיינמאָל נישט מזכיר געווען אַפילו (ש״ע).

מ ז כ י ר נ ש מ ו ת (מאַזקיר נעשאָמעס) זיין — דערמאָנען געשטאָרבענע, אָפּ־ריכטן אַ תפילה נאָך געשטאָרבענע.

דאָס מ ז ל — מ ז ל ו ת (מאַזל — מאַ־זאָלעס)—1) פלאַנעט; זאָדיאַק־צייכן; 2) (געווינלעך אָן מערצאָל) גליק, ברכה; גורל, לאָס.

● זאָל איר לייכטן אַזוי דאָס מזל, ווי זי לייכט און שיינט (ממ״ס).

מ ז ל ־ ב ר כ ה (מאַזל־בראָכע) — בענטשונג; (גרויס) גליק.

● זאָ גיט גאָט זיין מזל־ברכה (א. שטיינבאַרג).

מ ז ל ־ ט ו ב (מאַזל־טאָוו) — גוט מזל, גרויס גליק (ווונטש־פאָרמולע).

מ ז ל ד י ק (מאַזלדיק) — גליקלעך.

● עס וועט היינט זיין אַ מזלדיקער טאָג (אַפּאַטאָשו).

מ ז ל ז ל (מעזאַלזל) זיין — גרינגשעצן, אונטערשעצן.

● פונדעסטוועגן דאַרף מען נישט מזלזל זיין מיט דעם ענין (מ. בורשטין).

דער „ מ ז מ ו ר ” (מיזמער) — „לויב־געזאַנג”; „געזאַנג”; (אַזוי הייבן זיך אָן געוויסע קאַפּיטלעך פון תהילים); לידל. עס גייט ווי אַ מזמור — עס גייט גלאַטיק, גיך. אָפּשפּילן אַ מזמור—מאַכן אַ סקאַנדאַל.

● אַלע האָבן געזונגען איין מזמור: עסן, עסן, עסן! (ממ״ס). גיין גייט עס (דאָס פערדל) ווי אַ מזמור (ש״ע). ער האָט געוואָלט אָפּשפּילן דעם ווייב אַ מזמור, מאַכן איר אַ סקאַנדאַל (ש״ע).

מ ז ר ז (מעזאַרעז) זיין — צואיילן, צו־טרייבן, צויאָגן.

● —ס׳איז דאָך כל־נדרי־צייט,—איז אים לוי יצחק מזרז (פרץ).

דער מזרח (מיזרעך) — זייט פון דער וועלט, ווו די זון גייט אויף; בילדל, וועלכעס רעליגיעזע יידן הענגען אויף אין שטוב אויף דער מזרח־וואַנט.

דער מזרחי (מיזראַכי) — נאָמען פונעם פאַרבאַנד פון רעליגיעזע ציוניסטן.

מזרע אברהם, יצחק ויעקב (מיזערא אַווראָהאָם, ייצחאָק וועיאַנקעוו) — פון די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב; פון יידן.

דער מחבל — מחבלים (מעכאַבל — מעכאַבואָלים) — פאַרניכטער, שעדיקער, צעשטערער; שד (טייוול).

● אָפּצוראַטעווען איר קליין מיידעלע פון די הענט פון די מחבלים (ש. אַש).

דער מחבר — מחברים (מעכאַבער מעכאַברים) — אויטאָר, פאַרפאַסער, שרייבער.

דער מחדש — מחדשים (מעכאַדעש — מעכאַדשים) — באַנייער, שעפער.

● ר' חיימל איז נישט געווען קיין מחדש פון נגונים (פרץ).

מחדש (מעכאַדעש) זיין — באַנייען; אויפטאָן נייס, שאַפן; מחדש זיין די לבנה — זאָגן אַ תפילה צו דער באַנייונג פון דער לבנה (ביי רעליגיעזע יידן).

● כ'בין מחדש די לבנה (א. שטיינבאַרג). די טענער נעמט מען פון דער טבע, זי איז קיינער נישט מחדש (פרץ).

מחויב (מעכויעוו) זיין — זיין פאַרפליכטעט, האָבן דעם חוב, (די פליכט).

● [איך] בין מחויב צו דערציילן (פרץ).

מחולק (מעכולעק) זיין — זיך פונאַנדערגיין, געטיילט זיין (אין דער מיינונג).

● מיינע עלטערן זענען מחולק געווען אין דער רעכענונג פון מיינע יאָרן (ממ"ס).

דער מחוסר־לחם — מחוסרי־לחם (מעכוסער־לעכעם — מעכוסריי־לעכעם) — נויטבאַדערפטיקער, אָרעמאַן, וואָס האָט נישט קיין שטיקל ברויט.

● קאָנסט ווערן, לא עליכם, אַ מחוסר לחם... אויסשטעלן די האַנט (פרץ).

דער מחוסר־פרנסה—מחוסרי־פרנסה (מעכוסער־פּאַרנאָסע — מעכוסריי־פּאַרנאָסע) — פרנסהלאָזער, דער וואָס פאַרדינט נישט אויף אויסהאַלטונג.

● אַזאַ מחוסר־פרנסה ווי ער איז, האָט איר דען געזען (בערדיטשעווסקי).

מחוץ (מעכוץ) — פון אויסער דעם אָרט; אויסער.

● דער שם פון היסטאָריקער־קרייז האָט זיך פאַרשפּרייט אויך מחוץ פוילן (ד"ר רפאל מאַהלער).

מחוץ לארץ (מעכוץ לאָאָרעץ) — פון אויסלאַנד; פון אויסער ארץ ישראל.

● [ער איז] טאַקע ערשט געקומען מחוץ לארץ, שיינט ווי די זון (פרץ).

מחוץ לדרך הטבע (מעכוץ לעדערעך האַטעווע) — איבערנאַטירלעך; אויסערגעוויינלעך.

מחוץ למחנה (מעכוץ לאַמאַכנע) — פון אויסער דער געזעלשאַפט.

● מחוץ למחנה וועט ער אַפילו דעם שופר של משיח נישט הערן (פרץ).

דער מחוצף—**מחוצפים** (מעכוצעף—מעכוצאָפּים) — פרעכער, פאַרשייטער.

דער מחותּן — **מחותּנים** (מעכוטן — מעכוטאָנים, מאַכעטאָנים) — פאָטער אָדער נאָענטער קרובֿ פון חתן־כּלה; באַפריינדעטער, אייגענער, נאָענטער.

די מחותּנעשאַפט (מעכוטאָנעשאַפט, מאַכעטאָנעשאַפט) — פריינט־שאַפט, אָנקערעכץ.

● עפּעס האָט זיך געפונען אַ מחותּנע־שאַפט צווישן זייערע נשמות (ש״ע).

די מחותּנתטע — **מחותּנתטעס** (מעכוטענעסטע — מעכוטענעסטעס מאַכעטענעסטע — מאַכעטענעסטעס) — מוטער אָדער נאָענטע קרובֿה פון חתן־כּלה; אייגענע, נאָענטע, באַ־פריינדעטע.

דער מחזור — **מחזורים** (מאַכזער — מאַכזוירים)—זאַמלונג פון תּפילות אויף ימים טובֿים.

מחזיק (מאַכזיק) זיין — אונטערשטיצן, אונטערהאַלטן.

● פאַרוואָס זאָל די שטאָט נישט מחזיק זיין אַזאַ נוצלעכן מענטשן? (מם״ס).

מחזיר למוטבֿ (מאַכזיר לעמוטעוו) זיין — אומקערן צום גוטן, אַרויפפירן (אַ זינדיקן) אויפן גוטן וועג.

● מען דאַרף מחזיר למוטבֿ זיין, מוסר זאָגן, צום האַרצן רעדן (פּרץ).

מחזק (מעכאַזעק) זיין — שטאַרקן.

● דער בטחון האָט אים מחזק געווען (בערדיטשעווסקי).

די מחזקה — **מחזקות** (מאַכזאָקע — מאַכזאָקעס) — אָנהאַלט; אָנשפּאַר; באַציונג.

● איך האָבּ מיט זיי נישט געהאַט קיין אינטימערע מחזקות (זשיטלאָווסקי).

אַ מחיה (מעכאַיע) — דערקוויקונג, פרייד, פאַרגעניגן.

● אַז ער זאָגט, איז אַ מחיה צו הערן (ש״ע).

(**זיך**) **מחיה** (מעכאַיע) זיין—(זיך) דער־קוויקן, דערפרייען.

● דער אַלטער וועט זיך מחיה זיין (ש״ע).

די מחיה (מיכיע) — אויסהאַלטונג, פּרנסה.

● און גאָט האָט דאָס שטעטל מיט מחיה באַגליקט (פּרץ).

מחיה מתים (מעכאַיע מייסים) זיין — לעבעדיק מאַכן טויטע; מאַכן פון טויט לעבעדיק.

● ער האָט אַזעלכע פּראָשקעס, וואָס זענען מחיה מתים, מאַכן פון טויט לעבעדיק (ש״ע).

דאָס מחיה־נפשות (מעכאַיע־נעפאָ־שעס) — דערקוויקונג (פאַר דער נשמה).

● אַ גאַנצע נאַכט איז אויף דער גאַס שטיל, [אַ] מחיה נפשות (ש״ע).

מחיה נפשות (מעכאַיע נעפאָשעס) זיין — אויפלעבן; לעבעדיק מאַכן; דערקוויקן.

● מיטן קוק האָט ער מחיה נפשות געווען (פּרץ).

די מחילה (מעכילע) — פאַרגעבונג; אַנטשולדיקונג, דאָס נישט פאַראיבל האָבן.

● ער בעט בערטשיקן מחילה צום לעצטן מאָל (מ. בורשטין).

די מחיצה — **מחיצות** (מעכיצע — מעכיצעס) — צווישן־ווענטל, אַ וואַנט וואָס טיילט אָפּ; גרענעץ.

● צווישן די דאָזיקע קינדער איז פּלו־צים אויסגעוואַקסן אַ וואַנט, אַ מחיצה (ש״ע).

מחיצהדיק (מעכיצעדיק) — אָפּגעטיילט; צווישנדיק.
● ס'איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ מחיצהדיק ווענטל (ש. אַש).

די מחלה — מחלות (מאַכלע — מאַכלעס) — קראַנקהייט, שלאַפקייט.
● פוילקייט איז די שווערסטע מחלה.

די מחלוקה — מחלוקות (מאַכלויקע — מאַכלויקעס) — זע: מחלוקת.

די מחלוקת — מחלוקתן (מאַכלויקעס — מאַכלויקעסן) — שטרייט, קריגערײַ, שפּאַרעניש, רייסעניש.
● אַ מחלוקת איז ווי פייער (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

די מחלוקת לשם שמים (מאַכלויקעס לעשעם שאָמאַיִם) — מחלוקה פאַר גאָטס וועגן; אידייאישער שטרייט.
● די רייסענישן וועגן אַ מחלוקת לשם שמים, צוליב דעם כבוד פון יידן (ממ"ס).

מחלל (מעכאַלעל) זיין — פאַרשוועכן; שענדן; פאַראומרייניקן.

מחלל קודש (מעכאַלעל קוידעש) זיין—פאַרשוועכן, שענדן אַ הייליקייט.

מחלל שבת (מעכאַלעל שאַבעס) זיין — פאַרשוועכן דעם שבת.

דער מחמיר — מחמירים (מאַכמיר — מאַכמירים) — שטרענגער, האַרבער (רב), דער וואָס מאַכט אַלץ טריף, דער וואָס טייטשט אויס האַרב דאָס (רעליגיעזע) געזעץ.

מחמת (מאַכמעס)—צוליב, וועגן, ווײַל.
● נישט, חלילה, מחמת באַרימערײַ זאָג איך דאָס (ש"ע).

די מחנה — מחנות (מאַכנע — מאַכנעס) — גרופּע; מענגע; לאַגער.
● די געזונטע מחנות גייען (פּעפּער).

מחנותווייז (מאַכנעסווייז) — גרופּנווייז.
● מיט דעם ליכט וועלן מיר פאַריאָגן די בייזע גייסטער, וואָס ווימלען מחנותווייז אויף דער ערד (אָפּאַטאָשו).

מחנך (מעכאַנעך) זיין — דערציען.
● דעם עלטערן זון האָט זי מחנך געווען אויף איר דרך (בערדיטשעווסקי).

מחרים (מאַכרים) זיין — אַריינלייגן אין חרם, פאַרשעלטן, אויסשליסן פון דער געזעלשאַפט (ביי רעליגיעזע יידן).

די מחשבה — מחשבות (מאַכשאָווע — מאַכשאָוועס) — געדאַנק, מיין.
● אַז איר קומט אַריין צו אַ גרויסן מענטשן, פאַרפלאָנטערן זיך אייך די מחשבות (ש"ע).

די מחשבה זרה — מחשבות זרות (מאַכשאָווע זאָרע — מאַכשאָוועס זאָרעס) — פרעמדער, שלעכטער געדאַנק.

די מטבע — מטבעות (מאַטביייע—מאַטבייעס) — געלטשטיק.
● אַז מען האָט די מטבע, האָט מען די דעה (פאָלקסווערטל). לאָמיר אָנקוקן די אַנדערע זייט פון דער מטבע (ש"ע).

די מטה — מטות (מיטע — מיטעס) — זע: מיטה.

מטהר (מעטייער) זיין — רייניקן, אַרומוואַשן אַ געשטאָרבענעם.

דער מטופל — מטופלים (מעטופל — מעטופאָלים) — באַלאַסטעט מיט אַ גרויסער פאַמיליע. זע: בעלמטופל.

● ער איז געווען אַ מטופל מיט קינדער פון אַלערליי ווּקס (ש״ע).

דער מ ט ו ר ף — מ ט ו ר פ י ם (מעטורעף - מעטוראָפּים) — צעמישטער, צערודערטער, משוגענער.

מ ט ו ש ט ש (מעטושטעש) ווערן — פאַרנעפּלט, פאַרווישט, צעמישט ווערן.

● דערנאָך זענען די זכרונות מטושטש געוואָרן (פּרץ).

מ ט י ב (מייטיוו) זיין — פאַרגיטיקן, זיין גוטווילִיק.

מ ט י ב ח ל ו ם (מייטיוו כאָלעם) זיין — אויסטייטשן אַ חלום צום גוטן.

● נאָכן דאַווענען וועלן מיר אייך מטיב חלום זיין (אַנ-סקי).

מ ט ל ט ל י ם, מ ט ל ט ל י ן (מעטאַלטעלין) — מ״צ — באַוועגלעכער שטובאינווענטאַר; זאַכן, וועלכע מען קאָן לייכט איבערטראָגן; חפצים (ז״ד).

מ ט מ א (מעטאַמע) זיין — פאַראומרייניקן, מאַכן שמוציק (אין גייסטיקן זין).

● זיי האָבן מטמא געמאַכט דאָס הייליקע אָרט (אָפּאַטאָשו).

דער מ ט מ ו ן (מאַטמען) — שאַץ, אוצר, אַ סך געלט.

● ווּעמען פאַרטרויט מען אַזאַ מטמון מיט געלט? (ש״ע).

מ ט ע י ם (מאַטים) זיין — באַטאָנען, אַקצענטירן.

● ער איז נאָך אַמאָל מטעים: גוט יום דיר, רבקה-ביילע! (פּרץ).

זיך מ ט פ ל (מעטאַפּל) זיין — זיך פאַרנעמען, זיך באַשעפטיקן.

● זיי זענען זיך מטפל מיט דער פראַגע.

(זיך) מ ט ר י ח (מאַטריעך) זיין — (זיך) באַמיִען; באַלעסטיקן.

● זייט זיך נישט מטריח, איך גיי אַליין (ממ״ט).

מ י ו מ י ה ה ו ל כ י ם? (מי וואָמי האַהוילכים) — „ווער און ווער זענען די מיטגייער?", מיט וועמען גייט מען צום טיש?

● אָבער ווּ איז דער יונגער דור? מי ומי ההולכים? (מ. בורשטין).

מ י י ו ד ע (מי יוידייע [יעדייע])—ווער ווייס.

● אַלע שיסן אויס מיט אַזאַ געלעכטער, גלייך ווי איך וואָלט געזאָגט מי יודע וואָס פאַר אַ נאַרישקייט (ש״ע).

„מ י י ח י ה" (מי ייכיע) — „ווער עס זאָל לעבן" (אַ זאַץ פון דער תּפילה „ונתנה תוקף", ז״ד).

„מ י י מ ו ת" (מי יאָמוס) — „ווער עס זאָל שטאַרבן" (אַ זאַץ פון דער תּפילה „ונתנה תוקף", ז״ד).

● ווער עס ווייִנט אויפן „מי ימות", און ווער אויפן „מי יחיה" (ווער עס ווייִנט, פאַרוואָס אים איז שלעכט, און ווער — פאַרוואָס יענעם איז גוט — שפּריכוואָרט).

„מ י - ש ב ר ך" (מי שעביירעך) — „ווער עס האָט געבענטשט" — אַ תּפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן ביים לייענען די תּורה און אויך אויף אַ רעליגיעזער שמחה (ברית, חתונה אדג״ל).

אַ מי-שברך כאַפּן — כאַפּן אַ זידל.

● אַ טרוקענער מי-שברך העלפט ווי טרוקענע באַנקעס (פאָלקסווערטל).

מ י א ו ס (מיעס) — העסלעך; נישט שיין.

● ביי אַ מאַמע איז נישטאָ קיין מיאוס קינד (פאָלקסווערטל).

זיך מיאש (מעיאַעש) זיין — פאַר־צווייפלען; רעזיגנירן.

● מען האָט זיך שוין פונעם קראַנקן מיאש געווען (ש. אַש).

מיגיע־כפּו (מיגיע [מעיעגיע] קאַ־פּוי) — פון דער אַרבעט פון זיין האַנט, פון זיין מי. זע: מיגיע כפּיו.

מיגיע כפּיה (מעיעגיע קאַפּעאַ) — פון דער מי פון אירע הענט, פון איר אייגענער אַרבעט.

● און געשפּייזט האָט זיך די אלמנה מיגיע כפּיה (פּרץ).

מיגיע כפּיו (מעיעגיע קאַפּאָוו) — פון דער מי פון זיינע הענט, פון זיין אייגענער אַרבעט.

● דער מיוחס ווערט דער אַרבעטער, וואָס לעבט מיגיע כפּיו (זשיטלאָווסקי).

מיד ליד (מעיאַד לעיאַד) — פון האַנט צו האַנט.

● מיד ליד האָב איך אויך צעטיילט אַ פּופציק גילדן (פּרץ).

די מידה — מידות (מידע — מי־דעס) — אייגנשאַפט; כאַראַקטער־אייגנשאַפט; זיטן.

● אָפּהענטיקייט איז נישט קיין יידישע מידה (י. אָקרוטני).

די מידה טובה—מידות טובות (מידע טויווע — מידעס טויוועס) — גוטע אייגנשאַפט, גוטע זיטן.

● אַזעלכע מידות טובות, וואָס רייכע עלטערן קאָנען זיי זייערע קינדער נישט געבן (ממ"ס).

די מידה כּנגד מידה (מידע קע־נעגעד מידע) — „מאָס פאַר מאָס", דאָס אָפּצאָלן יענעם אַזוי ווי ער האָט געטון, לויט זיין פאַרדינסט.

די מידה מגונה — מידות מגונות (מידע מעגונע — מידעס מעגונעס) מיאוסע מידה, העסלעכע אייגנשאַפט.

● נאָכקרומען אַן אַנדערן איז אַ מידה מגונה, אַ מיאוסע מידה (פּרץ).

דאָס מידת־הדין (מידאַס־האַדין) — שטרענגע גערעכטיקייט, האַרבע אויס־לייגונג פונעם געזעץ; האַרבקייט; שטרענגקייט. קעגנזאַץ: מידת־הרחמים (ז"ד).

דאָס מידת־הרחמים (מידאַס־האַ־ראַכמים) — מילדע אויסלייגונג פו־נעם געזעץ; מילדקייט. קעגנזאַץ: מידת־הדין (ז"ד).

● מידת־הרחמים וואַקסט פון טאָג צו טאָג (פּרץ).

דאָס מידת־סדום (מידאַס־סדאָם) — שלעכטע מידה (ווי אין סדום).

דער מיוחס — מיוחסים (מעיו־כעס — מעיוכאָסים) — איידלמאַן; יחסן; דער וואָס שטאַמט פון אַן אָנ־געזעענער משפּחה; פּריווילעגירטער, אָנגעזעענער.

● כאַסקל איז ווייניקסטנס אַ מיוחס, שטאַמט פון אַ גרויסער משפּחה (ממ"ס). ער איז מיט איין מאָל גע־וואָרן אַ מיוחס ביי אַלעמען (ש"ע).

די מיוחסטע — מיוחסטעס (מע־יוכעסטע — מעיוכעסטעס) — זע: מיוחסת.

די מיוחסת — מיוחסות (מעיו־כעסעס — מעיוכאָסוס) — אַדעליקע פרוי, יחסנטע, אַריסטאָקראַטין, די וואָס שטאַמט פון אַן אָנגעזעענער משפּחה; פּריווילעגירטע, אָנגעזעענע.

● קיין גרויסע מיוחסת איז זי ביי דער שוועסטער נישט געווען (ש"ע).

דער מיושב — מיושבים (מעיו-שעוו — מעיושאָווים) — באַדאַכטער, באַקלערטער; געלאַסענער, געזעצטער.

מיושבדיק (מעיושעוודיק) — באַדאַכט, באַקלערט, געלאַסן, געזעצט.

● זיי זענען געזעצטע, מיושבדיקע מענטשן (מ. בורשטין).

זיך מיחד (מעיאַכעד) זיין — זיך אָפּזונדערן.

● ער פלעגט זיך אויך מיחד זיין אַליין, אַליין אין די פעלדער (אנכי)·

דער מיחוש—מיחושים, מיחושן (מייכעש — מייכושים, מייכושן) — שוואַכקייט, ווייטיק; שלאַפקייט.

● עט, גאָרנישט, אַ מיחוש, עס וועט אַזוי זיך איבערגיין (ממ"ס).

די מיטה — מיטות (מיטע — מי-טעס) — בעטל, טראָג-בעטל פאַר אַ טויטן.

● אַ שוואַרצע מיטה האָט מען געזען אויף אַקסלען פון מענטשן (נאָמבערג).

מיכאל (מיכאָעל) — נאָמען פון אַ מאַנצביל. פאַרקירצט : מיכל.

מילא (מיילע) — נו, זאָל זיין.

● מילא, האָב איך נישט געטראָפן (ש"ע).

די מילה (מילע) — באַשניידונג, דאָס יידישן פון אַ יינגל לויט דער יידי-שער רעליגיעזער פּראָצעדור.

דאָס מים (מאַים) — וואַסער.

דאָס מים אחרונים (מאַים אַכרוי-נים) — „דאָס לעצטע וואַסער", דאָס ביסל וואַסער צו וואַשן די הענט נאָכן עסן (פאַרן בענטשן) ביי רעלי-גיעזע יידן.

● לאָז מען בעסער געבן אַ ביסל מים-אחרונים-וואַסער, וועלן מיר בענטשן (ש"ע).

מים המאררים (מאַים האַמעאָרע-רים) — פאַרשאָלטן וואַסער (וואָס מען פלעגט אַמאָל געבן צו טרינקען אַ פרוי, וועלכע מען האָט באַשול-דיקט אין נישט-געטריישאַפט).

די מימרא — מימרות (מעמרע — מעמרעס) — סענטענץ; זאָגעכץ, נאָכ-זאָגעכץ; ווערסיע.

● נישט תמיד איז אמת, וואָס טראָגט זיך אַרום אין דער וועלט, ס'איז זיך אַ מימרא (ממ"ס).

I 1) דאָס מין — מינים (מין — מינים) — סאָרט; אַרט.

● שוואָמען זענען פאַראַן פאַרשידענע מי-נים, יעדעס מין האָט זיין קאָליר (מ. בורשטין).

2) דער מין — מינים (מין — מי-נים) — געשלעכט.

● אין דער יידישער שפּראַך זענען פאַ-ראַן דריי מינים.

II דער מין — מינים (מין — מינים) — הערעטיקער; אפיקורס.

● אַרבעט דער מין דערווייל, פאַר בחורים דרשנט ער וועגן טבע (פּרץ).

דער מין גמור (מין גאָמור) — פול-שטענדיקער אַפּיקורס.

● דער וואָס האָט געשריבן די קמיצה, איז אַ מין גמור (א. ביק).

דער מין זכר (מין זאָכער) — מענ-לעכער מין, מענלעך געשלעכט.

דער מין נקבה (מין נעקייווע) — ווייבלעכער מין, ווייבלעך געשלעכט.

דער מין סתם (מין סטאַם) — זאַכלע-כער מין. דריטער מין.

דאָס מ י נ ו ת (מינעס) — הערעזיע; אפיקורסות.

● זי (די קמיעה), איז פול מיט מינות (א. ביק).

דער מ י ע ו ט — מ י ע ו ט י ם (מיעט — מיוטים) — קליינער טייל, מינדערהייט.

● אין צאַרישן רוסלאַנד האָט מען יידן ווי אַ נאַציאָנאַלן מיעוט שטאַרק פאַרפאָלגט.

דער מ י ק [ו] ל—מ י ק י ל י ם (מייקל—מייקילים) — מילדער, פאַרלייכטערנדיקער, דער וואָס זוכט פאַרמילדערונגס־מאָטיוון (ביים פסקענען ריטועלע שאלות), דער וואָס באמת זיך צו מאַכן כשר.

● די גאַנצע געגנט האָט געוווּסט, אַז ר׳ משה איז אַ גרויסער מיקל (אָפּאַטאָשו).

זיך מ י ש ב (מעיאַשעוו) זיין — האָבן אַ ישוב, זיך באַטראַכטן, באַרעכענען, באַקלערן, באַראָטן.

● זייט זיך טאַקע באַלד מישב און גיט אַן עצה (ממ״ס).

די מ י ת ה — מ י ת ו ת (מיסע — מיסעס) — טויט, דאָס שטאַרבן.

די מ י ת ה ־ מ ש ו נ ה — מ י ת ו ת ־ מ ש ו נ ו ת (מיסע־מעשונע — מיסעס־מעשונעס) — בייזער טויט, אומנאַטירלעכער טויט.

● ער האָט שיער, שיער נישט איינגענומען אַ מיתה־משונה (ש״ע).

מ כ ב ד (מעכאַבעד) זיין — באַערן; אויפנעמען אַ גאַסט מיט כיבוד.

● זי האָט מיך מכבד געווען מיט טיי און איינגעמאַכטס (ש״ע).

דער מ כ ב י — מ כ ב י ם (מאַקאַבי — מאַקאַבים) — מכבעער; העלדישע יידישע משפחה (חשמונאים), וואָס האָט געקעמפט קעגן די סירייער פאַר דער פרייהייט פון יידישן פאָלק (II יאָרהונדערט פ״ק).

די מ כ ה — מ כ ו ת (מאַקע — מאַקעס) — פלאָג; בלאָטער, געשוויר אדג״ל.

● אַז די מכה האָט גוט אָנגעריסן, עפנט זי זיך אַליין (פאָלקסווערטל).
ער עסט אַ מכה — ער עסט גאָרנישט. ער האָט אַ מכה — ער האָט גאָרנישט.

אַ מ כ ה א ש ר ל א כ ת ו ב ה ב ת ו ר ה (מאַקע אַשער לוי קסוּוואָ באַטוירעָ)— „אַ פלאָג וואָס איז נישט אָנגעשריבן אין דער תורה", אַ גרויסע פלאָג, אַן אומגליק, אַן אָנשיקעניש.

● אַ „מכה אשר לא כתובה בתורה" רופט מען אים אין שטאָט און מען היט זיך פאַר אים ווי פאַר פייער (ש״ע).

דער מ כ ו ב ד — מ כ ו ב ד י ם — (מעכובעד — מעכובאָדים) — אָנגעזעענער, חשובער מענטש.

● ער איז געווען דער עלטסטער און דער מכובדסטער פון אַלע איינוווינער אין קוילער־גאַס (ש. אַש).

(זיך) מ כ ו ו ן (מעכאַוון) זיין — באַטראַכטן; זיך פאַרטיפן, אַריינטראַכטן (מיט כוונה); צילן, מיינען.

● ער האָט אויסגעזוכט דאָס פאַרבאָרגנסטע אָרט און אָוועקגעשטעלט זיך מכוון צו זיין (ש. אַש). איך בין נישט מכוון צו שעדיקן די זאַך.

מ כ ו ח (מיקויעך) — וועגן.

● איך האָב מיט אייך צו שמועסן מכוח אַן ענין (ממ״ס).

מ כ ו ח א ל ה פ ו ע ל (מיקויעך על

האָפּויעל) — פון קענען ביז טון; פון טעאָ־יע ביז צו דער פּראַקטישער פאַרווירקלעכונג.

● דער אינזשינער פלעגט מיט זיינע טעכנישע קענטענישן העלפן [אים] אַרויסצוברענגען זיינע המצאות מכּוח אל הפּועל (זשיטלאָווסקי).

מ כּ ו ת א כ ז ר י ו ת (מאַקעס אַכזאָ־ריעס) — מ״צ — גרויזאַמע, שרעק־לעכע קלעפּ.

● און מכּות אכזריות פלעגט מען אים שלאָגן (פּרץ)

מ כּ ו ת ר צ ח (מאַקעס רעצאַך) - מ״צ־ מערדערישע קלעפּ.

● האָט מען עטלעכע פון אונדז גע־בונדן און געשלאָגן מכּות רצח (ש״ע).

זיך מ כ י ן (מייכין) זיין — זיך צוגרייטן.

● געביטן איר קלייד און זיך מכין גע־ווען (ח. נ. ביאַליק).

„מ כ י ר ת י ו ס ף“ (מעכיראַס יאָסעף)— „דאָס פאַרקויפן יוספן“ (דורך זיינע ברידער לויט דער ביבלישער דער־ציילונג), נאָמען פון אַ פּורים־שפּיל.

● אפשר ווילט איר, מיר זאָלן אייך שפּילן „מכירת יוסף“. (ש״ע).

מ כּ ל ה מ י נ י ם (מיקאָל האַמינים) — פון אַלע סאָרטן.

מ כּ ל ה מ י נ י ם ש ה ו א (מיקאָל האַמינים שעהו) — פון אַלערליי סאָרטן, וואָס זענען פאַראַן; פון אַלץ וואָס אין אים איז פאַראַן.

● דערפון איז אַרויס אַ שוואָם, נישט קיין הונט־שוואָם, נאָר אַ שוואָם מכּל המינים שהוא (פּרץ).

מ כּ ל ט ו ב (מיקאָל טווו) — פון אַל־דאָס גוטס, פון אַלעם גוטן.

● איר האָט דאָרט באַקומען מכּל טוב, וואָס אייער האַרץ גלוסט.

מ כּ ל ־ ש כּ ן (מיקאָלשקן) — אוודאי און אוודאי, געוויס.

● „מה־דאָך“, זאָגט זי, „יענע איז שיין, מכּל־שכּן איך“ (א. שטיינבאַרג).

מ כּ ל ו מ ר ש ט (מיקלוימערשט) — אַזוי צו זאָגן, מאַכנדיק אַן אָנשטעל.

● [ער] עסט מכּלומרשט נישט קיין זיסע זאַכן און כאַפּט לעקעך פון טאַץ (פּרץ).

מ כּ מ ה ו כ מ ה ט ע מ י ם (מיקאַמאָ ווכאַמאָ טיימים) — צוליב אַ סך און אַ סך מאָטיוון.

● דער אַרטיקל איז אינטערעסאַנט מכּמה וכמה טעמים (נ. מייזיל).

מ כּ מ ה ו כ מ ה ש נ י ם (מיקאַמאָ ווכאַמאָ שאָנים) — פון אַ סך און אַ סך יאָרן.

● שוין מכּמה וכמה שנים רוישן צוויי מאָל אין טאָג אַלע זיבן הימלען מיט לייבל קאָנסקיוואָלערס „שמע ישראל“ (פּרץ).

מ כּ מ ה ט ע מ י ם (מיקאַמע טיימים) — צוליב אַ סך מאָטיוון.

● דאָס לוינט מיר נישט מכּמה טעמים (ממ״ס).

מ כּ מ ה ל ש ו נ ו ת (מיקאַמע לעשוי־נעס) — פון אַ סך שפּראַכן.

● טויזנטער מענטשן מכּמה לשונות גייען אין די גאַסן (בערדיטשעווסקי).

מ כּ מ ה ש נ י ם (מיקאַמע שאָנים) — פון אַ סך יאָרן.

● איך גיי שוין אַרום איבער די דער־פער מכּמה שנים (ד. פּינסקי).

דער מ כ נ י ס ־ א ו ר ח (מאַכניס־אוי־רעך — גאַסט־פריינדלעכער מענטש,

דער וואָס נעמט אויף געסט, (אורחים).

● און אַ מכניס-אורח איז שמואל פון אייביק אָן (פּרץ).

די מכניס-אורחטע (מאַכניס-אוירעכטע) — גאַסטפּריינדלעכע.

מכפּר (מעכאַפּער) זיין — פאַרגעבן (זינד); מוחל זיין; פאַרגיטיקן.

● זי האָט אָנגענומען פאַר ליב דעם טויט און האָט געבעטן, ער זאָל אויף איר מכפּר זיין (פּרץ).

מכפּר-פּנים (מעכאַפּער-פּאָנעם) זיין — פאַרגיטיקן, איבערבעטן.

● דיקשטיין און נאַטאַנזאָן ווילן אים (פּרצן) זיין שטעלע אָפּזאָגן און דער-מיט מכפּר-פּנים זיין די קוכאַזשעווס-קיס (דינעזאָן).

מכריז (מאַכריז) זיין — אויסרופן.

מכריז ומודיע (מאַכריז ומוידיע) זיין — אויסרופן און צו וויסן טון.

● איז ער אַוועק נאָכקאָנטראָלירן די זאַך און דערנאָך זי מכריז ומודיע זיין איבער דער שטאָט (מ. בורשטין).

מכריע (מאַכריע) זיין — אָנטשיידן, דעצידירן (ווען צוויי בעלי-דינים קע-נען נישט דורכקומען צווישן זיך).

דער מכשול — מכשולים — (מיכשל — מיכשוילים) — שטרויכלונג, שטערונג, אָפּהאַלט.

● עס איז געשען אַ מכשול און ער האָט נישט געקאָנט קומען.

דער מכשיר — מכשירים (מאַכ-שיר — מאַכשירים) — ווערקצייג, אינסטרומענט.

● ער פאַרקאַטשעט די אַרבל און שאַרט צונויף די מכשירים (מ. בורשטין).

דער מכשף — מכשפים (מעכאַשעף — מעכאַשפים) — כּישוף-מאַכער. צויבערער, קונצן-מאַכער.

● אַ מכשף... מאַכט עפּעס רעגן אין שטוב און שניי (פּרץ).

די מכשפה — מכשפות (מאַכ-שייפע — מאַכשייפעס) — כּישוף-מאַכערין, צויבערין.

● אַ געמאַכטע מכשפה איז ערגער פון אַן אמתער (פאָלקסווערטל).

די מכּת-מדינה (מאַקעס-מעדינע) — לאַנד-פּלאָג, אַ מכּה וואָס האָט אַרומ-געכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד.

● די דאָזיקע ברואים זענען אַ מכּת-מדינה, זיי זענען פאַרשפּרייט אומע-טום (ממ"ס).

מל (מאָל) זיין — באַשניידן, יידישן (אויף אַ ברית) לויט דער רעליגיעזער פּראָצעדור.

מלא (מאָלע) — פול. באַצייכענונג פון זיין אָנגעטרונקען, זיין שיכּור.

● דאָס פלעשל איז געוואָרן ליידיק און ער איז געוואָרן מלא (ש"ע).

מלא גדולה (מאָלע געדולע) — פול מיט פרייד.

● דערזען די בעלי-בתּים מיט די צע-פליקטע קאַפּאָטעס, זענען די ווייבער געוואָרן מלא גדולה (ש"ע).

מלא גזלן (מאָלע גאַזלען) — פול מיט בייזקייט, מיט צאָרן.

● ער איז מלא גזלן אויף דעם יונגן אורח, וואָס איז קלאָר אומעטום ווי אַ וואַסער (ש"ע).

מלא וגדוש (מאָלע וועגאָדעש) — פול אָנגעשטאָפּט מיט וויסן.

● ער איז געווען אַ מלא וגדוש, אַ שטיק ענציקלאָפּעדיע.

מלא חימה (מאָלע כיימע)—פול מיט צאָרן, מיט כּעס.

● פלעגט ער זיך אָנצינדן, ווערן מלא חימה (ש״ע).

מ ל א ח ן (מאָלע כיין) — פול מיט רייץ, זייער שיין, גראַציעז.

● זי איז געווען מלא חן, שיין ווי די וועלט (ש״ע).

מ ל א ־ ק ו מ ת ו (מעלוי־קוימאָסוי) — אין זיין פולער הויך, גלייך אויס־געצויגן.

● פלוצלונג שטעלט ער זיך אויף מלא־קומתו, גלייך אַ בוים וואָלט אַרויס־געשפרונגען פון דער ערד (פרץ).

מ ל א ר צ י ח ה (מאָלע רעציכע) — פול מיט בייזקייט, מיט גרימצאָרן.

● היינט האָבן אָטבע: ווי באַלד זיי דערזען פאַר זיך אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַזוי ווערן זיי מלא רציחה (ש״ע).

מ ל א ש מ ח ה (מאָלע סימכע) — פול מיט פרייד; פריילעך.

● איז פון אַלץ אַראָפּ די מרה־שחורה, אַלץ איז געוואָרן מלא שמחה (פרץ).

דער מ ל א ך — מ ל אָ כ י ם (מאַלעך — מאַלאָכים) — געטלעך וועזן, שליח פון גאָט, באַדינער פון גאָט, הימל־באַשע־פעניש מיט פליגלען, לויט דער רע־ליגיעז־מיסטישער פאָרשטעלונג. באַ־צייכענונג פון זייער אַ גוטן מענטש.

● מיט די ווייסע ברייטע פליגלען זע־נען די מלאָכים געפלויגן (ש״ע).

דער מ ל א ך ה ג ו א ל (מאַלעך האַ־גויעל) — דער אויסלייזנדיקער מלאך.

דער מ ל א ך ה ד ו מ ה (מאַלעך האַ־דוימע) — דער מלאך איבער די קברים, איבער די טויטע.

דער מ ל א ך ה מ ו ת (מאַלעך האַמאָ־וועס) — דער מלאך פון טויט.

● דער מלאך המות שחט (שעכט) און בלייבט גערעכט (פאָלקסווערטל).

דער מ ל א ך ־ ה ש ל ו ם — מ ל אָ כ י ־ ה ש ל ו ם (מאַלעך־האַשאָלעם — מאַ־לאָכיי־האַשאָלעם) — מלאך פון פרידן, לויט דער רעליגיעז־מיסטישער פאָר־שטעלונג.

● נישט אין אַלע יידישע הייזער ני־דערן אַראָפּ די מלאָכי־השלום (ש״ע).

דער מ ל א ך ־ ח ב ל ה — מ ל אָ כ י ־ ח ב ל ה (מאַלעך־כאַבאָלע — מאַלאָ־כיי־כאַבאָלע) — שלעכטער מלאך, וואָס פייניקט די זינדיקע נאָכן טויט, לויט דער רעליגיעז־מיסטישער פאָר־שטעלונג.

● אַ גיהנום ברענט, שדים טאַנצן, מלאָכי־חבלה פירן אַ פייערדיקן ראָד (פרץ). צוויי מלאָכי־חבלה נעמען אייך און וואַרפן אייך פון עק וועלט ביזן אַנדערן (ש״ע).

דער מ ל א ך ־ ע ל י ו ן — מ ל א כ י ־ ע ל י ו ן (מאַלעך־עליען — מאַלאָכיי־עליען) — אייבערשטער מלאך, גאָטס שליח.

● מלאָכי־עליון שוועבן און טראָגן זיך אין דער לופטן (ש״ע).

די מ ל אָ כ ה — מ ל אָ כ ו ת (מעלאָכע — מעלאָכעס) — פאַך; אַרבעט, האַנט־ווערקעריי.

● אַז מען האָט אין דער האַנט אַ מלאָכה, קומט אין שטוב אַריין די ברכה (שפּריכוואָרט).

די מ ל אָ כ ה ב ז ו י ה (מעלאָכע בזויע) — העסלעכע מלאָכה; מיאוס, פאַראַכ־טעט פאַך.

● ס׳איז אַ מלאָכה בזויה, מען דאַרף האָבן צו טון מיט עמי־הארצים (פרץ).

מלאָכהן, מלאָכהנען (מעלאָכען—מעלאָכענען)—קינצלען.

● זיי (די לידער) זענען פּראָסט און עכט יידיש, נישט געמלאָכהט (ש״ע).

דער מלאפּום, מלואפּום (מעלופּם) — שריפטצייכן (וּ), וואָס באַצייכנט אין העברעיש דעם וואָקאַל או.

מלאפּום-קינד — שוואַך, קליין באַ-שעפעניש.

● בין איך אָבער אויך נישט קיין מלאפּום-קינד (ש״ע).

דער מלבוש — מלבושים (מאַל-בעש — מאַלבושים) — אָנטועכץ, קלייד, באַקליידונג.

● ער האָט נישט געהאַט קיין מלבוש מיט וואָס זיך צוצודעקן (פּרץ).

מלביש (מאַלביש) זיין — באַקליידן.

● ער האָט אים מלביש געווען פון קאָפּ ביז די פיס.

מלביש ומנעיל (מאַלביש אומאַניל) זיין — באַקליידן און באַשוכן.

● מען האָט אים מלביש ומנעיל געווען כיד המלך... פון אַלעם גוטן: אַ שמריימל, שיך און זאָקן... (פּרץ).

מלביש ערומים (מאַלביש אַרומים) זיין — באַקליידן נאַקעטע.

● דאָס גרעט שאָקלט זיך, הוידעט און וואָרפט זיך, גלייך עס וויל אַראָפּ-פאַלן און אַ האַלבע וועלט מלביש ערומים זיין (פּרץ).

דער מלוה — מלוות; מלווה — מלוות (מאַלווע — מאַלוועס) — הלוואה-געבער, געלט-אויסבאָרגער, פּראָצענטניק.

דער מלוה — מלוים; מלווה — מלווים (מעלאַווע — מעלאַווים) — באַגלייטער, דער וואָס נעמט אָנטייל אין אַ לוויה.

● די מלווים מיידן די לעצטע הייזער, די לוויה ציט זיך אויס (מ. בורשטין).

די מלוה (מלווה)-מלכה — מלוה (מלווה)-מלכות, מלווה-מלכּהס (מעלאַווע-מאַלקע — מע-לאַווע-מאַלקעס) — „דאָס באַגלייטן די קעניגין" — מאָלצייט, וואָס רע-ליגיעזע יידן עסן שבת-צו-נאַכטס צום געזעגענען דעם שבת.

● שבת-צו-נאַכטס האָבן זיך פאַרקליבן מענטשן און ס'איז געווען אַ פריי-לעכע מלווה-מלכה (ממ״ס).

די מלוכה — מלוכות (מעלוכע — מעלוכעס) — קעניגרייך; רעגירונג; שטאַט; מדינה.

דער מלומד — מלומדים (מע-לומעד — מעלומאָדים) — געלערנטער, קענער, ווילקענעוודיקער.

● ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ מלומד, פאַר אַן אַלץ-וויסער (ש״ע).

דאָס מלומדות (מעלומדעס) — גע-לערנטקייט; לערעריי.

די מלומדת (מעלומעדעס) — געלע-רנטע, קענערין, ווילקענעוודיקע.

דער מלואפּום (מעלופּם)—זע:מלאפּום.

די מלחמה — מלחמות (מילכאָמע—מילכאָמעס) — קריג.

די מלחמת גוג-ומגוג (מילכע-מעס גאָג-אומאָגאָג) — די מלחמה מיטן קעניג גוג און מיט זיין פאָלק מגוג. באַצייכענונג פון דער לעצטער מלחמה (פאַר משיחס קומען).

● האַלטן מיר שוין ביי מלחמת גוג-ומגוג (א. שטיינבאַרג).

דער מליץ — מליצים (מייליץ — מייליצים) — פאַרטיידיקער, גוט-זאָגער, אַדוואָקאַט.

● ער האָט געהאַט גוטע מליצים פאַר זיך (ש״ע).

דער מליץ־יושר — מליצי־יושר (מייליץ־יוישער — מייליצײ־יוישער) — פאַרטיידיקער, אַדוואָקאַט, גוט־זאָגער; גוטער מלאך.

● נישט פאַרענטפערן זיך דאַרפן מיר, נישט קיין מליץ־יושר איז אונדז בוי־טיק (מ״ס).

די מליץ־יושרטע — מליץ־יושרטעס (מייליץ־יוישערטע — מייליץ־יוישערטעס) — פאַרטיידיקערין, גוט־זאָגערין.

● געזען אַביסל אַ מליץ־יושרטע! (ש״ע).

די מליצטע — מליצטעס (מיי־ליצטע — מייליצטעס) — פאַרטיידי־קערין, גוט־זאָגערין.

די מליצה — מליצות (מעליצע — מעליצעס) — וואָרט־באַפּוצונג, פּראַזע; פּסעוודאָ־ביבלישער סטיל אין דער השכלה־ליטעראַטור.

● מיט מליצה קאָן מען אַ סך שרייבן און ווייניק זאָגן (ש״ע).

מליצהדיק (מעליצעדיק) — מיט וואָרט־באַפּוצונג; מיט פּראַזן; אין פּסעוודאָ־ביבלישן סטיל (גערעדט אָדער געשריבן).

האָט דער לערער דאָס בריוול אי־בערגעזעצט אין העברעיש, מליצה־דיק (ש״ע).

דער מלך — מלכים (מעלעך — מע־לאָכים) — קעניג.

● אַ נייער מלך — נייע גזירות (פּאָלקס־ווערטל).

די מלכה — מלכות (מאַלקע — מאַלקעס) — קעניגין.

1 דאָס מלכות — מלכותן (מאַל־כעס — מאַלכעסן) קעניגרייך; רעגי־רונג.

● איז וואָס, אַז מלכות איז קעגן אונדז? ווען איז דאָס מלכות מיט אונדז? (אָפּאַטאָשו).

II דער מלכות (מאַלכעס) — קעניג.

● אירע פּיש מעג עסן דער מלכות (ש״ע).

דאָס מלכות הרשע (מאַלכעס האָ־רעשאַ) — זע: מלכות הרשעה.

דאָס מלכות הרשעה (מאַלכעס האָרשאָאָ) — בייזע, שלעכטע קעניג־רייך. באַצייכענונג פון רוים (אַמאָל) און פון דייטשלאַנד (היינט).

דאָס מלכות יהודה (מאַלכעס יע־הודע) — די היסטאָרישע מלוכה יהודה אין ארץ ישראל (930—586 פ״ק).

דאָס מלכות ישראל (מאַלכעס ייסראָעל) — די היסטאָרישע מלוכה ישראל אין ארץ ישראל (930—720 פ״ק).

דאָס מלכות שמים (מאַלכעס שאָ־מאַים) — דאָס הימלישע קעניגרייך, גאָטס קעניגרייך.

מלכותדיק (מאַלכעסדיק) — קעניג־לעך, גרויסאַרטיק.

● ער האָט זי באַהאַנדלט מלכותדיק, אָפּגעהויכט דאָס אָרט, ווי זי איז גע־שטאַנען (אָפּאַטאָשו).

מלכיאל (מאַלקיעל) - נאָמען פון אַ מאַנצביל.

מלכים (מעלאָכים) — מ״צ — „קע־ניגן" — נאָמען פון אַ ביבל־בוך, ביבל־כראָניק.

דער מלמד — מלמדים (מעלאַמעד— מעלאַמדים) — רעליגיעזער לערער (אין חדר אָדער ישיבה).

מ ל מ ד ז כ ו ת (מעלאַמעד זכוס) זיין — פאַרטיידיקן ; גוט-זאָגן ; פאַרגלעטן ; אויסטייטשן צו גוטן.

● איך האָב אויף אים מלמד זכות געווען (י. קאָטיק).

דאָס מ ל מ ד ו ת (מעלאַמדעס) — (רעליגיעזע) לערעריי.

● האָב איך אפילו נישט געוואָלט אָננעמען דאָס מלמדות (פרץ).

די מ ל מ ד ק ע — מ ל מ ד ק ע ס (מעלאַמעדקע — מעלאַמעדקעס) — פרוי פון אַ מלמד ; רעליגיעזע לערערין פון מיידלעך.

דאָס מ ל ק ו ת (מאַלקעס) — שמיץ, קערפערלעכע שטראָף (מיט ריטער).

די מ ל ת א-ד ב ד י ח ו ת א — מ ל י ד ב ד י ח ו ת א (מילסע-דעווידיכוסע—מיליי-דעווידיכוסע) — פרייליך וואָרט, גלייכווערטל.

● איך וועל אייך זאָגן אַ גלייכווערטל, אַ מלתא-דבדיחותא (פרץ).

די מ ם (מעם) — דאָס דרייצנטע אות (מ) פונעם אַלף-בית.

מ מ ה - נ פ ש ך (מימאָנעשעך, מימאָנעפשעך) — אָדער-אָדער, אָדער יאָ, אָדער ניין ; אויב שוין יאָ אַזוי.

● ממה-נפשך, יאָ-יאָ, ניין — ניין (ש"ע). ממה-נפשך, איר האָט געוואַרט אַזוי פיל, וועט איר וואַרטן נאָך אַ ביסל (ש"ע).

מ מ ו כ ן (מעמוכן) — פיגור פון דער פורים-דערציילונג.

דער, דאָס מ מ ו ן (מאָמען) — געלט.

דער, דאָס מ מ ו ן - ק ו ר ח (מאָמען-קוירעך) — קורחס געלט ; אַ סך געלט. זע : קורח.

● ער פלעגט פאַרדינען ממון-קורח (בערדיטשעווסקי).

דער מ מ ו נ ה — מ מ ו נ י ם (מעמונע—מעמונים) — פאַרטרויונגס-מאַן, באַפולמעכטיקטער ; עלטסטער.

● די ממונים אויף פאַנאַנדערקלעפּן די אַפישן וועלן עס אין קיין פאַל נישט דערלאָזן (נ. מייזיל).

דער מ מ ז ר — מ מ ז ר י ם (מאַמזער — מאַמזיירים) — אומגעזעצלעך קינד (לויטן רעליגיעזן געזעץ). אַריבערגעטראָגן: קלוגער, געשיקטער; חברה-מאַן. ממזר-קלוג — זייער קלוג.

● דאָס איז שוין געווען דעם ממזרס מלאכה, זיינס אַ שפּיצל (ממ"ס).

די מ מ ז ר ט ע — מ מ ז ר ט ע ס (מאַמזערטע — מאַמזערטעס) — ווייבלעכע פאָרם פון ממזר.

מ מ ז ר י ש (מאַמזעריש) — אויסטערליש.

● זענען געזעסן יינגע מיידלעך מיט ממזרישע לאָקעלעך (אָפּאַטאָשו).

די מ מ ז ר ת (מאַמזיירעס)—זע: ממזרטע.

מ מ י ל א (מימיילע) — פון זיך אַליין (פאַרשטענדלעך), זעלבסטפאַרשטענדלעך.

● וויבאַלד אָפּגעברענט, פאַרשטייט זיך דאָך ממילא, אַז איך בלייב אַן אָרעמאַן (ממ"ס).

מ מ י ת ן (מיימעסן) — מערדעריש שלאָגן; הרגענען, טויטן.

● פלעגט ער מיך שלאָגן, ממיתן אויף וואָס די וועלט שטייט. (ממ"ס).

מ מ ל א (מעמאַלע) זיין — אויספילן ; דערגאַנצן ; פאַרטרעטן.

● דעם חסרון קאָן מען ממלא זיין (ממ"ס).

דער מ מ ל א מ ק ו ם (מעמאַלע מאָקעם) — שטעלפאַרטרעטער.

● אָפטמאָל פלעגט דער ניי־געבאַקענער ממלא מקום שפּילן זיך מיט דעם קליינוואַרג (ד. קאַצענעלסאָן).

דער ממלא מקומו (מעמאַלע מע־קוימוי) — פאַרטרעטער אויף זיין אָרט.

● ער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין ממלא מקומו (ש. אַש).

„ממעמקים קראתיך ד׳״ (מי־מאַמאַקים קעראָסיכאָ אַדוינאָי) — „פון די טיפענישן רוף איך צו דיר, גאָט״—אַ זאַץ פון תהילים.

● אין שול פאַרן עמוד איז דאָך טיפער, „ממעמקים קראתיך ד׳״ (פּרץ).

ממש (מאַמעש) — פאַקטיש,ווירקלעך; אין דער אמתן; קאָנקרעט.

● עס איז ממש אַ ווונדער (ש״ע).

דאָס ממשות (מאַמאָשעס) — רעאַל־קייט, דאָס רעאַלע, ווירקלעכקייט, קאָנקרעטקייט; דאָס ווערטיקע.

● זיינע רייד האָבן קיין ממשות נישט (ש״ע).

ממשותדיק (מאַמאָשעסדיק) — רעאַל, ווירקלעך; קאָנקרעט.

ממשיך (מאַמשיך) זיין — פאָרזעצן, קאָנטינואירן.

● איך נעם זיך ווידער ממשיך צו זיין מיין ספור (אַנ־סקי).

די ממשלה (מעמשאָלע) — מאַכט, הערשאַפט, דאָס געוועלטיקן.

● הייבט זיך מיר אָן וועלן אַרויסווייזן מיין ממשלה, מיין כוח (ש״ע).

ממתקים (מאַמטאַקים) — מ״צ — ווערטלעך: זיסוואַרג. באַצייכענונג פון געלט.

● און די ממתקים, — ווו נעמט מען די קלינגערס? (ממ״ס).

דער מן (מאַן) — שפייז, וואָס יידן האָבן געקליבן אין דער מדבר צום עסן (לויט דער ביבל).

● פרישע פעטע גריוון, וואָס צעגייען זיך אין מויל אַזוי ווי דער מן, וואָס די יידן האָבן געגעסן אין דער מדבר (ש״ע).

מן (מין) — פון.

מן המבחר [המובחר] (מין האַ־מיווכער, [האַמווכער] — פון דעם בעסטן (סאָרט), פון די בעסטע.

● זאָלסטו קויפן אַ פּאָר סוסים, אָבער מן המבחר, פון די בעסטע (ש״ע).

מן־הסתם (מין־האַסטאַם, מינעסטאַם, מיסטאַם) — וואַרשיינלעך; אויף געוויס.

● איר ווייסט מן־הסתם (פּרץ).

מן הצד (מין־האַצאַד) — פון דער זייט, פון אַ זייט.

● זייטיקע פאַרשווינען, מענטשן מן הצד האָבן אַ סך מער געוווסט (ש״ע).

מן השמים (מין האַשאָמאַיִם) — פון הימל (באַשערט).

● מיר איז אָבער אָנגעצייכנט געוואָרן מן השמים (ש״ע).

דער מנגן — מנגנים (מענאַגן — מענאַגנים) — זינגער, מוזיק־קענער.

● ער איז אַ קליינער מנגן, ער האָט אַ קול פון אַ שלייצן (ש״ע).

דער מנדב — מנדבים (מענאַדעוו— מענאַדווים) — שפּענדער, דער וואָס שענקט געלט אויף אַ וווילטעטיקן צוועק.

מנדב (מענאַדעוו) זיין — שפּענדן.

מנדר (מענאַדער) זיין — פייערלעך צוזאָגן (אַ שפּענדונג), שפּענדן, שענקן

אויף אַ רעליגיעזן אָדער ווילטעטיקן צוועק (דורך מון אַ נדר).

● בין איך מנדר אַ נייעם דאַך אויפן אַלטן בית־המדרש (ש״ע).

די **מנה־יפה** (מאָנע יאָפע)—שיין שטיק, שיין חלק; היפּשע פּאָרציע; אַ סך; אַ גרויסע סומע.

● דאָרט ליגט אַ חלק פלייש, אַ מנה יפה, מיט שמאַלץ באַוואַקסן (ש״ע).

דער **מנהג** — **מנהגים** (מינעג — מינאָגים) — איינפירונג, שטייגער, לעבנס־שטייגער, געוויינטקייט (פון אַ רעליגיעזן כאַראַקטער); טראַדיציע.

● די געוווינהייטן פון דער באַפעלקערונג, אירע מנהגים, אירע טראַדיציעס (א. קאָטיק). אַ מנהג ברעכט אַ דין (פאָלקסווערטל).

דער **מנהג העולם** (מינעג האָאוילעם) — שטייגער פון דער וועלט, אַזוי ווי עס פירט זיך אויף דער וועלט.

● **מנהג העולם**? די וועלט פירט זיך אַזוי? (ש״ע).

דער **מנהג ישן** (מינעג יאָשן) — אַלטער מנהג, אַלטע טראַדיציע.

● ס׳איז ביי אונדז אַ מנהג ישן, אַן אַלטער מנהג (ש״ע).

דער **מנהיג** — **מנהיגים** (מאַניג — מאַניגים) — פירער, אָנפירער.

● אַ מנהיג זאָל זיין דער, וואָס האָט אַ קלאָרן פאַרשטאַנד און אַ ריינע נשמה (ממ״ס).

דער **מנהיג־הדור** — **מנהיגי־הדור** (מאַניג האַדאָר — מאַניגיי־האַדאָר) — פירער פון דור; גרעסטער מענטש פון דער צייט.

● ער איז פאָרט דער רעדל־פירער, דאָס אייבערשטע פון שטייסל, דער מנהיג־הדור (פּרץ).

דער **מנובל** — **מנובלים** (מענוּוול — מענוּוואָלים) — זע: מנוול.

דער **מנוול**—**מנוולים**; **מנוּוול**—**מנוּוולים** (מענוּוול — מענוּוואָלים) — עקלדיקער, מיאוסער, געמיינער, נידערטרעכטיקער.

● די דאָזיקע מנוולים ווייסן אפילו נישט, אַז זיי טוען עפּעס שלעכטס. (נאָמבערג).

די **מנוולטע** — **מנוולטעס**; **מנוּוולטע** — **מנוּוולטעס** (מענוּוולטע — מענוּוולטעס) — עקלדיקע, מיאוסע, געמיינע, נידערטרעכטיקע.

די **מנוולת** (מענוּוועלעס) — זע: מנוולטע.

די **מנוחה** (מענוכע) — רו; אָפּרו.

● ער וואַנדערט פון אָרט צו אָרט און קאָן קיין מנוחה נישט געפינען (נ. מייזיל).

מנוחה (מענוכע) — נאָמען פון אַ פרוי.

מנוחהדיק (מענוכעדיק) — רויק, שטיל.

● יידן שפּאַצירן זיך מנוחהדיק (ש. אַש).

די **מנורה** — **מנורות** (מענוירע—מענוירעס) — לייכטער מיט זיבן רערלעך (אָדער אַכט ביי אַ חנוכה־מנורה); עמבלעם פון מדינת ישראל.

די **מנחה** (מינכע) — פאַרנאַכט־געבעט, דאָס דאַווענען פאַרנאַכט ביי רעליגיעזע יידן.

מנחם (מענאַכעם) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

מנחם־אבל (מענאַכעם־אָוול) זיין —

טרייסטן דעם אבל (אין די זיבן טעג פון שבעה־זיצן).

● ער גייט מנחם־אבל זיין אַ יידן, וואָס בײַ אים איז געשטאָרבן דאָס ווייב.

מניה־וביה (מיני־אוויי, מעניי־ביי) — „פון זיך אַליין", בליץ־שנעל, אין איין מינוט.

● ער מאַכט די גרעסטע רעכענונג מניה־וביה, אין איין רגע (י. קאָטיק).

דער **מנין** — **מנינים** (מיניען — מיניאָנים) — די צאָל פון וויניקסטנס צען דערוואַקסענע יידן, וואָס איז נויטיק צום דאַווענען בציבור (בײַ רעליגיעזע יידן); באַצייכענונג פון צען מענטשן; באַצייכענונג פון אַן אָרט, ווו מען דאַוונט בציבור (ז"ד).

● בײַ אַ געדעקטן טיש זענען געזעסן אַ פינף מנינים יידן (אָפּאַטאָשו).

דער **מנין ובנין** (מיניען אובניען) — „צאָל און געבוי", צונויפשטעל. זע: רוב מנין ובנין.

די **מניעה** — **מניעות** (מעניע — מעניעס) — שטערונג, אָפּהאַלט.

● פון מײַן זייט איז קיין מניעה נישט געווען (ממ"ס).

מנער ועד זקן (מינאַאַר וועאַד זאָקן) — פון יונג ביז אַלט, פון קליין ביז גרויס.

מנצח (מענאַצייעך) זיין — באַזיגן.

● זיי מנצח די שרעק (אַנ־סקי).

דער **מנקר** — **מנקרים** (מענאַקער — מענאַקרים) — פלייש־טרייבערער.

● עס זענען געקומען די קצבים מיט זייערע מנקרים (פרץ).

מנשה (מענאַשע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

מנשה בן ישראל (מענאַשע בען ייסראָעל) — נאָמען פונעם באַרימטן יידישן געלערנטן, וואָס האָט אויסגעפועלט בײַ קראָמוועלן די דערלויבעניש אויף דעם צוריקקער פון יידן קיין ענגלאַנד (1604 — 1657).

דער **מס** — **מסים** (מאַס — מיסים) — שטייער־אָפּצאָל.

● אין אַ צייט פון מסים, שטייערן און פּאָדאַטקעס, מוז זי נעבעך אַליין האָרעווען (מ. בורשטין).

מסביר (מאַסביר) זיין — דערקלערן, געבן צו פאַרשטיין.

● מען דאַרף פריער רעכט צעקייען און ערשט נאָכדעם מסביר זיין, געבן צו פאַרשטיין, באַלייכטן (ש"ע).

מסדר (מעסאַדער) זיין — איינאָרדנען, דורכפירן לויט אַן אָנגענומענעם סדר.

מסדר קדושין (מעסאַדער קעדושן) זיין — דורכפירן די רעליגיעזע פּראָצעדור אויף אַ חתונה.

מסוגל (מעסוגל) זיין—פעיק זיין; צוגעפּאַסט זיין.

● איך בין נישט מסוגל אַרויסצוברענגען מײַנע געדאַנקען (פרץ).

מסוכן (מעסוקן) — געפערלעך קראַנק, פאַרביי.

● ווער איז דאָס אַזוי מסוכן קראַנק (ש"ע).

מסופק (מעסופּעק) זיין — זיין אין צווייפל, צווייפלען.

● איך בין שטאַרק מסופק, צי פון הימל קאָן מען האָבן געלט (פרץ).

דער **מסור** — **מוסרים** (מאָסער — מאָסרים) — זע: מסר—מוסרים.

די **מסורה** — **מסורות** (מעסוירע מעסוירעס) — טראַדיציע.

● מיט דער צייט האָבן זיי אויסגעשפּו־

נען אַ מסורה פֿון קדמונים, אַן אמת ווערטיקע טראַדיציע (פּרץ).

דער מסחר — מסחרים (מיסכער— מיסכאָרים) — האַנדל, געשעפֿט.

● וואָס טויג מיר דער גאָלדענער מסחר מיט די בריליאַנטענע געשעפֿטן (ממ"ס).

די מסיבה—מסיבות (מעסיבע—מע־סיבעס) — קרייז מענטשן (אַרום טיש); געזעלשאַפֿט; חבריש גלעזל טיי.

● זענען מיר געזעסן אין אַ מסיבה אַ גאַנצע חברה ליטעראַטן (ש"ע).

די מסיחה לפי תומה (מייסיכאָ לפֿי טומאָ) — די, וואָס דערציילט אַליין (נישט געפֿרעגט פֿון קיינעם); די, וואָס דערציילט אָן אַ שום זיי־טיקן מיין.

דער מסיח לפי תומו (מייסיעך לעפּי טומוי) — דער, וואָס דערציילט אַליין (נישט געפֿרעגט פֿון קיינעם); דער, וואָס דערציילט אָן אַ שום זיי־טיקן מיין.

● דערציילט בענדיצקי ווי אַ מסיח לפי תומו (ש"ע).

די מסיכתא — מסיכתות (מע־סיכטע—מעסיכטעס) — זע מסכתא.

די מסירה — מסירות (מעסירע — מעסירעס) — דענונציאַציע; צוטראָ־געכץ, דאָס איבערגעבן, געהיימע אָנ־קלאַגע.

● פֿאַראַן אַזעלכער, וואָס שרייבט אָן אויף יענעם אַ מסירהלע גלאַט אַזוי (ש"ע).

דאָס מסירת־נפש (מעסירעס־נע־פֿעש) — טרייַשאַפֿט, איבערגעגעבנ־קייט; גרויסע אָנשטרענגונג.

● מיט מי און מסירת־נפש האָב איך מיך צו אייך דערשלאָגן (ש"ע).

דער מסית ומדיח (מייסיס אומאַ־דיעך) — פֿאַרפֿירער און איבעררע־דער, יצר הרע (ז"ד).

● קומט דעם בר־מינס קטיגור — דער געוועזענער מסית ומדיח (פּרץ).

מסכים (מאַסקים) זיין — איינשטי־מען, צושטימען, זיין אין דער זעל־ביקער מיינונג.

● דו וועסט אַפֿילו נישט מסכים זיין מיט מיר (ש"ע).

די מסכתא—מסכתות (מעסעכטע— מעסעכטעס)—(תּלמודישער) טראַקטאַט. אַ שווערע מסכתא—אַ שווערער טראַק־טאַט, אַ שווערער פּראָבלעם.

● עס איז אַ שווערע מסכתא, וואָס דאַרף פֿיל גוטע מפרשים (נ. מייזיל).

מסלסל בשערו (מעסאַלסל בעסיי־רוי) — (דער וואָס) קרייזלט, פּוצט זיינע האָר.

● ער גלאָט נישט די באָרד... ער איז מסלסל בשערו (פּרץ).

מסלק (מעסאַלעק) זיין — דעקן, אָפּ־צאָלן אַ חוב; איינלייגן (געלט).

„מסעות בנימין השלישי" (מאַסאָעס ביניאָמין האַשלישי) — „די רייזעס (וואַנדערונגען) פֿון בנימין דעם דריטן" — טיטל פֿון דער באַרימטער דערציילונג פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים.

מספיד (מאַספּיד) זיין — באַקלאָגן, באַוויינען (אַ געשטאָרבענעם), האַלטן אַ הספד.

די מסקנא—מסקנות (מאַסקאָנע — מאַסקאָנעס) — אויספֿיר; קאָנסעקווענץ

● ער איז נישט מסכים נישט מיט מיי־נע טעאָרעטישע מסקנות, נישט מיט מיינע פּראַקטישע אויספֿירן.

דער מסר [מסור] — מוסרים (מאַ־סער — מאָסרים) — דענונציאַנט, צו־טראָגער, אויסגעבער, פאַרקלאָגער.

● אַ מסור האָט אין זיך אַ כּוח — מען גלויבט אים (ש״ע).

מסרן (מאַסערן) — דענונצירן, פאַר־קלאָגן, צוטראָגן אַ מסירה אויף יענעם.

● זי פאַרמסרט אים פאַר דעם פאָטער (ש״ע).

מסתם (מיסטאַם) — וואַרשיינלעך. זע: מן הסתם.

● און די קליינע הערט זיך איין, זי פאַרשטייט מסתם (גאַלין).

מסתמא (מיסטאָמע) — וואַרשיינלעך; געוויס.

● אַז אַ מאַמע זאָגט, מסתמא ווייסט זי דאָך וואָס זי זאָגט (ממ״ס).

מסתפּק במועט (מיסטאַפּעק בעמועט) זיין — זיך באַגנוגענען מיט ווייניק.

● ער צופּט ווי אַ פייגעלע שבת־שירה — מסתפּק במועט (פּרץ).

מעבדות לחירות (מייאַוודוס לעכיירוס) — פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט.

● וויפל יידישע הענט עס האָבן זיי אַרויסגעצויגן און אַריינגעצויגן מעבדות לחירות (פּרץ).

מעביר (מייווער, מאַאווער) זיין — אָפּ־זאָגן, באַזייטיקן.

● מען האָט אים מעביר געווען פון שחיטה (פּרץ).

מעביר נחלה (מייווער [מאַאווער] נאַכלע) זיין — אָפּזאָגן פון ירושה־רעכט; אָפּזאָגן פון דער נחלה; אַנט־אייגענען.

● ער וויל מעביר נחלה זיין אַלע בעלי־בתּים (פּרץ).

מעביר סדרה (מייווער [מאַאווער] סעדרע) זיין — אָפּלייענען די סדרה, אָפּלייענען אַ קאַפּיטל פון חומש (מיט דער טראַדיציאָנעלער אינטאָנאַציע).

● אַז זיי רעדן, זינגען זיי, גלייך ווי זיי וואָלטן מעביר געווען די סדרה (ש״ע).

דער „מעבר־יבוק" (מייווער [מאַאַ־ווער]־יאַבעק) — „דורכגאַנג איבערן טייך יבוק". — זאַמלונג פון תּפילות, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן פאַרן שטאַרבן.

● איך האָב געשריבן אַ צוואה, כ'האָב געקויפט אַ מעבור־יבוק (אַנ־סקי).

מעבר־לים (מייאייווער [מייווער]־לעיאַם) — פון יענער זייט ים, פון אַ ווייט לאַנד.

מעדני [ה]מלך (מאַאַדאַניי־[האַ]מע־לעך)-מ״צ — קעניגלעכע שפּייז, זיי־ער געשמאַק עסן.

● באַווייזט זיך אַ טאַץ מיט עסנוואַרג, מעדני־המלך (ש״ע).

מעדני־מלכים (מאַאַדאַניי־מעלאָכים) — מ״צ — זע: מעדני־מלך.

מעדנים (מאַאַדאַנים) — מ״צ — גע־שמאַקע מאכלים, געשמאַק עסן.

מעוברת (מעוברעס) — שוואַנגערע, טראָגנדיקע.

מעור אחד (מעויר עכאָד) — „פון איין הויט (פעל)", פון איין שטיק.

● דאָס איז די ערשטע דערציילונג מעור אחד, פון איין גוס.

דער מעורב עם הבריות (מעו־רעוו אים האַבריעס) — „אויסגעמישט מיט מענטשן"; צוגעלאָזט צו מענטשן; צוגעפּאַסט צו מענטשן; מיט אַלעמען היימיש.

● ער איז געווען מיט חסידים אַ חסיד און מיט אַריסטאָקראַטן אַן אַריסטאָ־קראַט — דאָס וואָס הייסט ביי אונדז אַ מעורב עם הבריות (ש״ע).

דאָס מ ע ו ת (מאָעס) — געלט.

● אַז מען האָט מעות, איז מען אַ בעל־הבית (פאָלקס־ווערטל).

דאָס מ ע ו ת ־ ח י ט י ן [חיטים] (מאָעס־כיטן [כיטים]) — געלט אויף ווייץ (אויף מצות פאַר אָרעמעלייט אויף פסח).

● טראָגט ער אַריין די פאָר גראָשן אויף מעות חיטים פאַר אָרעמעלייט (פּרץ).

מ ע י ד (מייאיד) זיין — עדות זאָגן, פעסטשטעלן, געבן צייגנשאַפט.

● דאָ וועט שוין די גאַנצע וועלט מעיד זיין, אַז ער האָט קיין טעות נישט געהאַט (פּרץ).

מ ע י ז (מייאיז) זיין—זע: מעיז פנים זיין.

מ ע י ז פ נ י ם (מייאיז ־ פּאָנעם) זיין — זיך קעגנשטעלן, נישט הערן יענעם.

● די לאַנדסלייט האָבן דעם אָנקל נישט געקאָנט מעיז פנים זיין (ש. אַש).

מ ע י ן (מעאַיען) זיין — אַריינקוקן.

● אין זיין פרייער צייט האָט ער מעין געווען אין ספרים.

מ ע כ ב (מעאַקעוו) זיין — אָפּהאַלטן, שטערן, נישט דערלאָזן (צו עפּעס).

● זיי זענען מעכב די קבורה (א. ביק).

מ ע כ ב ה ק ר י א ה (מעאַקעוו האַקריע) זיין — אָפּהאַלטן, נישט לאָזן לייענען (די תורה).

● שבת האָבן בעלי־בתים מעכב הקריאה געווען, נישט געלאָזט לייענען (י. קאָטיק).

די מ ע ל ה—מ ע ל ו ת (מיילע—מיילעס) — גוטע אייגנשאַפט; גוטער כאַראַקטער־שטריך; פאָרצוג. זיך האַלטן אין דער מעלה — זיין גרויס ביי זיך.

● אין דערינען באַשטייט דעם מענטשנס מעלה, וואָס ער קאָן רעדן (ממ״ס).

מ ע ל ה ־ ג ר ה (מאַלע־גיירע) זיין—אי־בערקייען (דאָס געגעסענע). אין אי־בערגעטראָגענעם זין: איבערקייען דאָס געזאָגטע.

מ ע ל ה ־ ג ר ה ן (מאַלע־גיירען) — אי־בערקייען.

● דער אָקס ליגט זיך אויסגעצויגן און מעלה־גרהט (ממ״ס).

מ ע ל י ם (מיילים, מאַאַלים) זיין—פאַר־הוילן, פאַרבאָרגן, אויסבאַהאַלטן; נישט אויסזאָגן.

● איינער פאַרן אַנדערן וועט, חס ושלום, נישט מעלים זיין (פּרץ).

דער מ ע מ ד (מיימעד) — באַשטאַנד; פּאָזיציע; שטעל.

● ער האָט זיך געזוכט אַ מעמד (פּרץ).

מ ע מ ד ו ת (מיימאָדעס) — מ״צ — תפי־לות, צונויפגעשטעלט פון אויסצוגן פון דער ביבל און תלמוד. (אין אַל־טערטום האָבן אַזוי געהייסן די דע־לעגאַציעס, וועלכע זענען געשטאַנען און האָבן אָנטייל גענומען אין דער קרבנות־פּראָצעדור אין בית־המקדש).

דאָס מ ע נ ה ־ ל ש ו ן (מיינע [מאַנע]־לאָשן) — גרויס מויל, געשליפן צינגל, באַרעדעוודיקייט.

● זי האָט אַ מענה־לשון און רעדט אָן אַן אָפּשטעל (ש״ע).

די מ ע נ ה—מ ע נ ו ת (מיינע—מיינעס) — ענטפער; אויסרייד; אויסרעדעניש, פּרעטענזיע.

● רייסן זיך דורך בריוו אין רעדאַקציע, טענות, מענות (נ. מייזיל).

מעניני־דיומא (מייאיניעניי־דעיוי־מע) — פראַגן פון טאָג, אַקטועלע פראַגן.

● מיר וועלן שמועסן מעניני דיומא, וועגן זאַכן, וואָס אינטערעסירן היינט אַלעמען.

מעפּילים (מאַאַפּילים) — מ"צ — גע־וואַגטע, דרייסטע. באַצייכענונג פון די „אומלעגאַלע" יידישע עמיגראַנטן, וואָס פלעגן קומען קיין ארץ ישראל קעגן פאַרבאָט פון דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט.

● אַ גרויסע שיף האָט געבראַכט קנאַפּע פיר טויזנט יידישע „אומלעגאַלע" עמיגראַנטן, מעפּילים (נ. מייזיל).

דער **מערב** (מײַרעוו) די זייט פון דער וועלט, ווו די זון פאַרגייט.

די **מערה—מערות** (מיירע—מיירעס) הייל (אין דער ערד, אין בערג).

דער **מעריב** (מיירעוו) — נאָמען פון דער אָוונט־תּפילה.

די **מערכה—מערכות** (מאַראָכע — מאַראָכעס) — מזל, גליק; גורל.

● אַ מערכה, וואָס איך האָב באַצייטנס זיך אַרומגעקוקט (ממ"ס).

מערת המכפּלה (מעאָראַס האַמאַכ־פּיילע) — הייל ביי חברון אין ארץ־ישראל, ווו עס זענען באַגראָבן די ביבלישע פאַטריאַרכן.

● אַלץ האָט שוין אויסגעזען ווי גע־שטאָרבן, דאָס גאַנצע שטיבל—אַ שטי־לע מערת המכפּלה (וויסנבערג).

I די **מעשה — מעשיות** (מייסע — מייסעס) — דערציילונג; פאַנטאַסטישע געשיכטע; געשעעניש.

II די **מעשה — מעשים** (מייסע — מייסים) — טאַט. ס'איז מעשה... — פונקט ווי... אַ האַנדלונג פון... זיך אָנטון אַ מעשה — זיך נעמען דאָס לעבן.

● ער פירט זיך מעשה־סוחר, נישט געאיילט (מ. בורשטין). עס קומט אונדז אויס טאַקע זיך נאָר אַ מעשה אָנצוטון (ממ"ס).

מעשה אבות ירשו בנים (מייסע אָוועס יאָרשו באָנים) — די טאַט פון די עלטערן נעמען איבער די קינדער; די קינדער גייען אין די וועגן פון זייערע עלטערן.

● דער סדר עולם איז: מעשה אבות ירשו בנים (פּרץ).

די **מעשה־בראשית — מעשי־בראשית** (מייסע־בריישיס — מייסיי־בריישיס) — ביבלישע באַ־שרייבונג פון דער באַשאַפונג פון דער וועלט; דער סאַמע אָנהייב; דאָס אוראַלטע.

● מאַכט פון ווייסטענישן — פרוכטבאַרן באַדן, וואָס ענדערט די מעשי־בראשית (נ. מייזיל).

די **מעשה בתוך מעשה** (מייסע בעטאָך מייסע) — אַ געשיכטע אין אַ געשיכטע, אַ מעשה וועגן אַ מעשה.

די **מעשה מעבר לים** (מייסע מעייווער לאַיאַם [לעיאַם]) — אַ גע־שיכטע, וואָס האָט זיך געטראָפן אויף יענער זייט ים, אין גאָר אַ ווייט אָרט.

● איך וויל אייך נישט דערציילן קיין מעשה מעבר לים (פּרץ).

די **מעשה נורא** (מייסע נוירע) —

וווּנדערלעך געשעעניש, אַן אויסטער־לישע זאַך; שרעקלעכע געשיכטע.

● נאָר אַ מעשה נורא — מען זינגט שוין נישט, און ער הערט ווייטער (פרץ).

מעשה־נסים (מייסע = ניסים) — דורך אַ נס, אַ וווּנדער איז געשען.

● מעשה נסים, וואָס עס האָט קיינעם נישט געשאַדט.

מעשה נפלא (מייסע ניפלע) — וווּנדערבאַרע געשיכטע.

● די מעשה מיט דעם געווינס איז אַ מעשה נפלא, אַ געקייטלטע מעשה (ש"ע).

די מעשה־סדום — מעשי־סדום (מייסע־סדאָם — מייסיי־סדאָם) — סדומישע טאַט; נידער־טרעכטיקע, פאַרדאָרבענע טאַט.

● אַ קלאַסישער דאָקומענט וועגן די מעשי־סדום אין וואַרשעווער געטאָ (ד"ר ר. מאַהלער).

די מעשה רע — מעשים רעים (מייסע ראָ [ראַ] — מייסים ראָים — שלעכטע טאַט.

● אַלע פילן, אַז עס איז געשען אַ מעשה רע (פרץ).

די מעשה שהיה (מייסע שעהאָיאָ) — אַ זאַך, וואָס עס איז געשען, וואָס עס האָט זיך געטראָפן.

● וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה, נישט קיין פאַנטאַזיע, נאָר טאַקע אַ מעשה שהיה (ש"ע).

מעשה־שטן (מייסע־סאָטן) — אַן אויפטו פונעם טייוול, די אַרבעט פונעם נישט־גוטן; אויף צו להכעיס.

● דאָ האָט ביי אים, מעשה־שטן, זיך נישט געפונען אפילו אַ ברעקל ברויט (ממ"ס).

מעשה־תעתועים — מעשי־תעתועים (מייסע־טאַטואים — מייסיי־טאַטואים) — שאַנד־טאַט.

● ער דעקט אויף די מעשי־תעתועים פון דעם וואַרשעווער יודן־ראַט (ד"ר ר. מאַהלער).

מעשים (מייסים) — מ"צ — טאַטן, טווּנגען.

ער אַרבעט מעשים — ער טוט אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך, ער מאַכט אַלע · אָנשטרענגונגען.

מעשים אשר לא יעשו (מייסים אַשער לוי יעאָסו) — זאַכן, וואָס קענען נישט געטון ווערן; אויסער־געוויינלעכע טאַטן.

● ער ברעכט דורך מויערן, אייזערנע ווענט, ער טוט מעשים אשר לא יעשו (ש"ע).

מעשים בכל יום (מייסים בעכאָל יאָם) — זאַכן, וואָס טרעפן זיך יעדן טאָג; טאָג־טעגלעכע געשעענישן, געוויינלעכע זאַכן.

● דאָס איז נישט קיין נייס, דאָס זע־נען מעשים בכל יום.

מעשים טובים (מייסים טויווים) — מ"צ — גוטע טאַטן; גוטע, שיינע אויפטוען; פאַרדינסטן (אין איבער־געטראָגענעם זין).

● פאַר וואָסערע מעשים טובים — ווייסט ער אַליין נישט (ש"ע).

מעשים רעים (מייסים ראָים) — מ"צ — שלעכטע טאַטן.

מעשים תעתועים (מייסים טאַ־טואים) — מ"צ — זע: מעשה־תעתועים.

דער מעשר (מייסער) — אַ צענט־חלק (וואָס יידן פלעגן פאַרצייטנס געבן די כוהנים און לוויים פון די תבואות

און בהמות); באַשטייערונג אין דער הויך פון אַ צענטן טייל.

דער מעת־לעת (מעסלעס) — טאָג און נאַכט; פיר און צוואַנציק שעה נאָכאַנאַנד.

מפא״י (מאַפּאַי) — פאַרקירצונג פון „מפלגת פועלי ארץ־ישראל" (מיפּלעגעט פּאַאַליי ערעץ־יסראָעל) — „אַרבעטער־פּאַרטיי פון ארץ־ישראל", נאָמען פון דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין ישראל.

די מפולת (מאַפּוילעס) — איינגעפאַלן הויז, חורבה (ז״ד).

● געוועזן איז הינטער דער שטאָט אַן אַלטע חורבה... פון דור־דורות אַ מפולת (פּרץ).

דער מפונק — מפונקים (מעפּונעק — מעפּונאָקים) — געצערטלטער, געפּיעסטעטער מענטש; פיינשמעקער, דעליקאַטער.

● איר קאָנט נישט ליידן, אַז מען רעדט דערפון? איר זענט אַ מפונק? (ש״ע).

דער מפורסם — מפורסמים (מעפּורסעם — מעפּורסאָמים) — באַרימטער, פּאָפּולערער מענטש.

מפורסם (מעפּורסעם) ווערן — באַרימט, פּאָפּולער ווערן.

● אַזוי איז ריוועלעס נאָמען געוואָרן מפורסם אַזש אין יעהופּעץ (ש״ע).

דער מפטיר (מאַפטיר) — די לעצטע עליה (יחסנישע עליה), דער שלוס פון לייענען די תורה שבת און יום־טוב (ביי רעליגיעזע יידן). קויפן מפטיר — אַריינפאַלן אין אַ שלעכטן עסק.

● וואָס טויג אייך, איך האָב מיר געקויפט מפטיר (ש״ע).

מפיל (מאַפּיל) זיין — אַבאָרטירן. געבוירן אַ טויט קינד פאַר דער צייט. מפיל־קינד — „שוואַך קינד", אומבאַהאָלפענער מענטש.

● איך בין נישט קיין מפיל־קינד און מיינע הענט ליגן נישט אין קימפּעט (ב. י. ראָזען).

מפילן (מאַפּלען) — זע: מפיל זיין.

● פון עגמת־נפש האָט ברינע געמפּילט און געבוירן אַ טויט קינד (אָפּאַטאָשו).

מפיס (מעפּאַיעס) זיין — איבערבעטן; פאַרגיטיקן.

● ער האָט זיך באַמיט אים מפיס צו זיין, צו איינשטילן דעם ברוגז (מ. בורשטין).

מפיצי השכלה (מייפיציי האַסקאָלע) — מ״צ — פאַרשפּרייטער פון בילדונג.

די מפלה — מפלות (מאַפּאָלע — מאַפּאָלעס) — דורכפאַל, נידערלאַגע.

● מען זעט דאָך שוין, אַז די מפלה זייערע קומט (ש. אַש).

זיך מפלפל (מעפּאַלפּל) זיין — אײַבערגעשפּיצט, סכאָלאַסטיש דיסקוטירן.

● איך פלעג זיך מפלפל זיין אין שווערע תלמודישע סוגיות מיט עלטערע חברים פון מיר (ברײנין).

מפ״ם (מאַפּאַם) — פאַרקירצונג פון „מפלגת הפועלים המאוחדת" — (מיפּלעגעט האַפּאָאַלים האַמעאוכעדעט) — „פאַראייניקטע אַרבעטער־פּאַרטיי" — נאָמען פון דער יידישער לינק־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין ישראל.

מפני דרכי שלום (מיפּניי דאַר־

כיי שאָלעם) — צוליב שלום וועגן, צוליב פרידן; צוליב האַרמאָנישקייט.

מ פ ס י ק (מאַ סיק) זיין — איבעררייסן (די אַרבעט), איבערהאַקן (די רייד); אויסרעדן אין מיטן דאַוועגען.
● זי איז פאַרנומען ביי די קאַרטאָפל, זי וועט נישט מפסיק זיין (פּרץ).

דער מ פ ס י ק מ ש נ ת ו (מאַפסיק מי־שנאָסוי) — (דער וואָס) רייסט איבער זיין לערנען.
● איז ער מפסיק משנתו און קוקט זיך אום (פּרץ).

מ פ צ ה (מעפאַצע) זיין — איבערבעטן, פאַרגיטיקן, קאָמפּענסירן.
● האָט ער [אים] מפצה געווען פאַר דעם בזיון מיט מזומנס (ש״ע).

מ פ צ י ר (מאַפציר) זיין — שטאַרק, דרינגלעך בעטן; צושטיין.
● מען איז צו אים צוגעשטאַנען, שטאַרק מפציר געווען (פּרץ).

מ פ ק י ר (מאַפקיר) זיין — איבערלאָזן אויף הפקר, אַוועקוואַרפן. מפקיר זיין דאָס לעבן — איינשטעלן דאָס לעבן, ריזיקירן מיטן לעבן.
● זיי מפקיר דיין גאָלד (פּרץ). גיין זיך שלאָגן איבער דעם (איבער געלט), מפקיר זיין דאָס לעבן, דאָס נישט (ש״ע).

זיך מ פ ק י ר (מאַפקיר) זיין — איינ־שטעלן זיך, ריזיקירן מיטן לעבן, (פאַר יענעם), אָפּגעבן דאָס לעבן.
● ער איז גרייט געווען זיך מפקיר צו זיין פאַר זיין חבר (ש״ע).

(זיך) מ פ ר נ ס (מעפאַרנעס) זיין — (זיך) שפּייזן, אויסהאַלטן (אַ פאַמיליע), דערנערן.

● פון דעם וועט ער קענען מפרנס זיין זיין ווייב און קינדער (ש. אַש). ער האָט זיך מפרנס געווען פון איי־גענער האָרעוואַניע (י. י. טרונק).

מ פ ר ס ם (מעפאַרסעם) זיין — פאַר־עפנטלעכן, באַקאַנט מאַכן; פּאָפּולאַ־ריזירן.

מ פ ר ש י ם (מעפאָרשים) — מ״צ — קאָמענטאַטאָרן; דערקלערער פון דער רעליגיעזער ליטעראַטור; ספרים וואָס דערקלערן (קאָמענטירן) דעם תלמוד.
● לערנען אין יענער צייט האָט גע־הייסן גמרא מיט מפרשים (ראַוויניצקי).

מ פ ת ח ב י ת ו (מיפעסאַך בייסוי) — פון דער טיר פון זיין הויז; פון זיין טיר, פון זיין שטוב, איבערן שוועל.
● מיין פריינט גייט נישט אַרויס מפתח ביתו אָן אַ שירעם (ש״ע).

דער מ צ ב (מאַצעוו) — צושטאַנד, לאַגע.
● דער מצב פון זיין געזונט האָט זיך פאַרבעסערט.

די מ צ ב ה – מ צ ב ו ת (מאַציישווע — מאַצייוועס) — דענקמאָל־שטיין אויף אַ קבר.
● אויף דער מצבה זענען אַלע יידן שיין (פאָלקסווערטל לויט בערנשטיין).

מ צ ד (מיצאַד) — פון, פון דער זייט.
● זי האָט אַרויסגערופן צו זיך האַס מצד דער גאַנצער יידישער באַפעל־קערונג (ר. גערבער).

מ צ ד י ק (מאַצדיק) זיין — באַרעכטיקן, אָנערקענען פאַר גערעכט.
● האָט זי מצדיק געווען אויף זיך דעם דין (פּרץ).

די מ צ ה ־ מ צ ו ת (מאַצע — מאַצעס) — פלעצל געבאַקן פון נישט געזויערטן

טייג לויטן יידישן רעליגיעזן ריטואַל (אויף פּסח).

דאָס מ צ ה־ו ו אַ ס ע ר (מאַצע־וואַסער)— ריין וואַסער, וואָס רעליגיעזע יידן נוצן צו באַקן מצות; באַצייכענונג פון אַ זאַך, וואָס מען צעכאַפּט.

● דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטון, ווי נאָך מצה־וואַסער (ש"ע).

די מ צ ה ־ ש מ ו ר ה (מאַצע־שמורע) — „אָפּגעהיטענע מצה", מצה, געבאַקן פון אָפּגעהיטענעם טרוקענעם ווייץ. זע: שמורה.

● דאָס פּנים געקנייטשט ווי אַ מצה־שמורה (ש"ע).

די מ צ ו ה — מ צ ו ו ת; מ צ ו ו ה — מ צ ו ו ו ת (מיצווע מיצוועס)—רעליגיעז געבאָט; ווילטאַט, גוטע טאַט. אַ מצווה אויף אים - גוט אויף אים אַזוי; גוט איז אים געשען.

● אוי, לאַנג לעבן זאָלט איר פאַר דער מצוה! (ש"ע). אַ מצוה! נישט געזאָלט שלאָפן, ווען אויף דער וואַך דאַרף מען שטיין (א. שטיינבאַרג).

דער מ צ ו ה ־ ט אַ נ ץ (מיצווע־טאַנץ) — דער טאַנץ, וואָס די געסט טאַנצן מיט דער כלה נאָך דער חופּה (אויך: כשר־טאַנץ).

דער מ צ ו ר ע — מ צ ו ר ע י ם (מעצוירע — מעצויראָים) — קרעציקער, צרעת־קראַנקער, לעפּראַ־קראַנקער.

● האָט מען דעם מצורע, דעם קראַנקן, אַרויסגעטריבן פון דער מחנה (פ. הירשביין).

דאָס מ צ ו ר ע ת (מעצויראַאַס) — קרעץ, צרעת־קראַנקהייט, לעפּראַ־קראַנקהייט.

די מ צ י א ה — מ צ י א ו ת (מעציע — מעציעס) — ווערטלעך: געפונענע זאַך; ביליק געקויפטע זאַך.

● אַלע כאַפּן מציאות אויפן יריד (ש"ע).

דאָס מ צ י א ו ת (מעציעס) — עקזיסטענץ, דאָס פאַראַנען זיין, דאָס זיין, דאָס עקזיסטירנדיקע.

(זיך) מ צ י ל (מאַציל) זיין — (זיך) ראַטעווען (פון טויט, פון אַן אומגליק), אָפּראַטעווען.

מ צ ל י ח (מאַצליעך) זיין — האָבן דערפאָלג, באַגליקן.

● פאָרט געזונט, זייט מצליח (ש"ע).

זיך מ צ מ צ ם (מעצאַמצעם) זיין — זיך באַגרענעצן; זיך צוימען (אין רעדן, שרייבן אדג"ל).

מ צ ע ר (מעצייער) זיין — פאַרשאַפן ליידן, קרענקונג.

● זי האָט געשוויגן, ווייל זי האָט אים נישט געוואָלט מצער זיין (בריינין).

זיך מ צ ע ר (מעצייער) זיין — האָבן קלעמעניש, זיך ערגערן.

מ צ ר י—מ צ ר י י ם (מצרי—מיצריאים) — עגיפּטער.

מ צ ר י ם (מיצראַים) — עגיפּטן.

מ צ ר י ש (מיצריש) — עגיפּטיש.

מ צ ר ף (מעצאַרעף) זיין—באַהעפטן; צורעכענען, אַריינעמען אין דער געזעלשאַפט.

מצרף זיין צום מנין — צורעכענען ווי איינעם פון די צען דאַווענער (ביי רעליגיעזע יידן).

מ ק ב ל (מעקאַבל) זיין — דערהאַלטן, באַקומען; אָננעמען.

● אָט דאָס איז טאַקע דער בריוו, וואָס איך האָב היינט פון אים מקבל געווען (ש"ע).

מ ק ב ל ב א ה ב ה (מעקאַבל בעאַהאַווע) זיין — אָננעמען פאַר ליב.

● האָט ער די שטראָף מקבל באהבה געווען (מ. בורשטין).

מקבל נחת (מעקאַבל נאַכעס) זיין — קלייבן פאַרגעניגן (נחת), האָבן אַ געגוס.

● [ער האָט] געקוקט און מקבל נחת געווען (פּרץ).

מקבל פּנים (מעקאַבל פּאָנעם) זיין — אויפנעמען, באַגעגענען אַ גאַסט.

● ער גייט אונדז אַקעגן מקבל פנים זיין (ש"ע).

מקבל קנין (מעקאַבל קיניען) זיין — שווערן (דורך אָננעמען ביים עק טיכל, לויט דער רבנישער פּראָצעדור).

● אַזוי זאָגט ער און איז מקבל קנין (פּרץ).

מקבל שבת (מעקאַבל שאַבעס) זיין — פייערלעך אויפנעמען דעם שבת (מיט שבתדיקן דאַווענען).

● מענדל שטייט שוין פאַרן עמוד און איז מקבל שבת (ש. אַש).

מקבל תענוג (מעקאַבל טײנעג) זיין — קלייבן פאַרגעניגן, האָבן פאַר־געניגן.

● [ער] איז מקבל תענוג פון עולם־הזה (פּרץ).

מקבר (מעקאַבער) זיין — באַגראָבן, באַערדיקן, באַהאַלטן (אַ געשטאָרבע־נעם).

● דאָס געזעץ האָט נישט דערלויבט זי מקבר צו זיין אויפן יידישן בית־עולם

זיך **מקדים** זיין — זיך צואײַלן, זיך פּעדערן, זיין פון די ערשטע.

מקדים (מאַקדים) זיין — פאָרויס זאָגן, פאָרזאָגן.

● איך האָב דאָך אייך מקדים געווען, אַז (עס איז) סיי־ווי אַ גלייכווערטל (פּרץ).

●

מקדמונים (מיקאַדמוינים) פון אַמאָ־ליקע צייטן, פון פאַרצייטנס.

● אַזוי פירט זיך שוין פון קדמונים אָן (אַפּאַטאָשו).

מקדש (מעקאַדעש) זיין — דורכפירן די רעליגיעזע צערעמאָניע פון אָנטון דער כלה דאָס קדושין־רינגל אונטער דער חופה; נעמען פאַר אַ ווייב.

מקדש השם (מעקאַדעש האַשעם) זיין — הייליקן גאָטס נאָמען, אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר יידישקייט.

● זיי זענען מקדש השם, קאָן זיין אַ שענערער טויט? (ד. פינסקי).

דער **מקובל—מקובלים** (מעקובל—מעקובאָלים) — קאַבאַליסט, יידישער מיסטיקער.

די **מקוה—מקוות, מקואות** (מיק־ווע—מיקוועס, מיקוואָעס) — וואַסער־באַסיין, ריטועל באָד.

● ער איז פלינק געגאַנגען אין מקוה אַריין, טובל געווען זיך (ש. אַש.)

מקוים (מעקוימעם) ווערן — דערפילט ווערן, זיך פאַרווירקלעכן, רעאַליזירן.

● אונדזער האָפענונג איז נישט מקוים געוואָרן (ממ"ס).

דער **מקום — מקומות** (מאָקעם—מעקוימעס) — אָרט.

● איך וועל פאָרן אַהיים אין אונדזערע מקומות אַריין (ממ"ס).

דער **מקום גדול** (מאָקעם גאָדל) — גרויס אָרט.

● און שטאַמען שטאַמט זי פון א מקום גדול (פּרץ).

מקום לפורעניות (מאָקעם לע־פּורעניעס) — אָרט פון ליידן, פּיי־ניקונגס־אָרט.

● דער פּאַוויאַק (וואַרשעווער תפיסה)

איז געוואָרן אַ מקום לפורעניות (ד"ר ע. רינגעלבלום).

דער מקום מנוחה (מאָקעם מע־נוכע) — רו־אָרט; אָפּרו־אָרט.

● בלאָנקען זיך, נעבעך, אַרום ווי די פאַרוואָגלטע, נישט צו געפינען פאַר זיך אַ מקום מנוחה (ממ"ס).

דער מקום פורעניות (מאָקעם, [מעקאָם] פוראָניעס) — פייניקונגס־אָרט.

● איצט איז עס גאָר אַ מקום פורעניות פאַר אַ יידישן מענטשן. (נ. מייזיל).

דער מקום מקלט (מאָקעם מיק־לעט) — אַזיל, רעטונגס־אָרט; אויפ־האַלטונגס־אָרט.

● אַ מקום מקלט פאַר פיל יידן איז געווען דער וואַרשעווער ווינונג־קאָאָפּעראַטיוו (ר. גערבער).

דער מקום קדוש (מאָקעם קאָ־דעש) — טעמפּל, בית־מדרש, שול.

● פלעגט די משפחה זיצן אין מקום קדוש, צוהערן זיך, ווי דער כאָר זינגט (פרץ).

דער מקונן — מקוננים (מעקוי־נען — מעקוינענים) — באַווייגער, באַקלאָגער, קלאָגער; עליגיע־שרייבער.

● אַ מקונן, וואָס האָט גאַנצע יאָרן גע־קלאָגט אויפן חורבן־ירושלים.

דער מקור — מקורים, מקורות (מאָקער — מעקוירים [מעקוירעס]) — אורשפּרונג, אורקוואַל, קוואַל.

● דעם מענטשנס פאַרשטאַנד איז דאָך דער מקור פון אַלע געדאַנקען (ממ"ס).

ער פאַרליוט דעם מקור פון זיין פרנסה (נ מייזיל).

דער מקורב — מקורבים (מעקו־רעוו — מעקוראָווים) — נאָענטער, פריינד, אייגענער.

● זיינע מקורבים, וואָס האָבן מיט אים פאַרבראַכט אַ ביסל צייט (ממ"ס).

דער מקח — מקחים (מייקעך — מעקאָכים) — פּרייז.

● נאָר גלייבט נאַר און מקח בלייבט מקח (פאָלקסווערטל).

דער מקח וממכר (מייקעך אומעמ־קער) — האַנדל, הענדלערײַ, איינ־קויף און פאַרקויף.

● מענטשן זאָלן פטור ווערן פון דער האַנדלעריי, פון דעם מקח וממכריזם (זשיטלאָווסקי).

דער מקח טעות (מייקעך טאָעס) — אָפּגענאַרטער פּרייז; אָפּגענאַרטע זאַך.

● ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז עס איז געווען אַ מקח טעות.

דער מקטרג — מקטרגים — (מע־קאַטוירעג — מעקאַטרייגים) — באַשול־דיקער, פאַרקלאָגער; אָנקלאָגער; בייזער מלאך.

● טאָמער בילט נאָך דער מקטרג, וועט ער מוזן שטומען (י. קאָטיק).

מקטרג (מעקאַטרעג) זיין — פאַר־קלאָגן. אָנקלאָגן, באַשולדיקן.

● ווער איך גאָרנישט אין כעס, בין איך אויף זיי גאָרנישט מקטרג (פרץ).

מק"י (מאַקי) — פאַרקירצונג פון „מפלגה קומוניסטית ישראלית" (מיפלאַגאַ קאָמוניסטיט ייסרע־עליט) — ישראלדיקע קאָמוניסטישע פּאַרטיי.

מקיים (מעקאַיעם) זיין — דערפילן, אויספילן; אויספירן, פאַרווירקלעכן.

● דאָס איז דאָך די איינציקע מצוה, וואָס זיי קאָנען מקיים זיין אין דאָרף (פרץ).

מקים פסק (מעקאַיעם פּסאַק) זיין— אויספירן אַן אורטייל; באַשטראָפן, אויספירן די שטראָף.
● האָט מיר דער טאַטע מקים פסק געווען לויט מיין פאַרדינסט (ש"ע).

דער מקלט (מיקלעט) — אַזיל־אָרט, רעטונגס־אָרט; אויפהאַלטונגס־אָרט.
● די ליטעראַטור איז פאַר מיר אַ מקלט, אַ רעטונגס־הויז (פּרץ).

מקמץ (מעקאַמעץ) זיין — איינקאַרגן.
● ער איז מקמץ אין צדקה, קאַרגט זיך און די קינדערלעך דעם ביסן אין מויל אַריין (פּרץ).

מקנא (מעקאַנע) זיין — האָבן קנאה, נישט פאַרגינען.
● דער איז מיר גלאַט מקנא, און דער פאַרגינט מיר נישט (ש"ע).

דער מקפּיד — מקפּידים (מאַק־פּיד — מאַקפּידים) — שטרענגער אָפּ־היטער, פּעדאַנט; דער, וואָס לייגט אַכט אויף גענויקייט.
● אַ גלופּסקער ייד איז נישט אַזאַ מקפּיד אויף שיינע קליידער (ממ"ס).

מקפּיד (מאַקפּיד) זיין — שטרענג אָפּ־היטן, אַכט לייגן אויף גענויקייט.
● דער שרייבער איז מער מקפּיד אויף זיין שפּראַך, ווי דער וואָס רעדט (ממ"ס).

מקצר (מעקאַצער) זיין — פאַרקירצן.
● איך האָב אַ ביסל מקצר געווען די פּרטים פון דער מעשה (ממ"ס).

מקצר ימים (מעקאַצער יאָמים) זיין — פאַרקירצן די יאָרן, פאַרקירצן דאָס לעבן.
● ער זאָל אים נישט מקצר ימים זיין (ש"ע).

דאָס מקצת מן המקצת (מיקצעס מין האַמיקצעס) — אַ קליין ביסעלע, אַ ביסל פון אַ ביסל.
● דאָס מקצת מן המקצת, וואָס ער זעט, איז דער שכל נישט משיג (פּרץ).

מק"ק (מיקאַק) — פאַרקירצונג פון די ווערטער: „מקהילה קדושה" (מי־קעהילע קעדוישע)—פון דער הייליקער קהילה, פון דער שטאָט.

מקרב (מעקאָרעוו) זיין — דערנענטערן, צוציען, פּראָטעזשירן.
● זינט ער איז אַ יתום געבליבן, האָט אים זלאַטע נאָך מער מקרב געווען (ש"ע).

דער מקרה (מיקרע) — צופאַל.
● עס איז גאָר קיין נס נישט געווען, נאָר אַ מקרה (פּרץ).

(זיך) מקריב (מאַקריוו) זיין — (זיך) אָפּפערן, אָפּגעבן דאָס לעבן.
● זי האָט זיך בלויז מקריב געווען פאַר אירע עלטערן (אָפּאַטאָשו).

די מקשה לילד (מאַקשאָ ליילעד) — שווערע געווינערין, די וואָס גייט שווער צו קינד.
● דערביי איז יעדע פון זיי געווען אַ מקשה לילד, געווען יעדעס מאָל מער דאָרטן ווי דאָ (פּרץ).

דער מקשן—מקשנים (מאַקשן — מאַקשאָנים) — פרעגער, פראַגעס־שטעלער, דער וואָס האָט ליב צו פרעגן, צו שטעלן קלאָץ־קשיות.
● איך בין געווען אַ מקשן, איך האָב נאָר געפרעגט קשיות (י. קאָטיק).

דער מר (מאַר) — האַר, הער.

דער מרא־דאַתרא (מאַרע־דעאַסרע)

— רעליגיעזער פירער פון שטאָט, שטאָטישער רב.

● זאָג: איך, לוי יצחק, דער מרא־דאתרא, רוף (פרץ).

די **מראה—מראות** (מאַרע—מאַרעס) — אויסזען; געשטאַלט; פאַרב (פון פנים).

● די מראה נאַרט אָפּ (פרץ). דאָס פנים איז געווען געל, אָן מראה (אָפּאַטאָשו).

דער **מראה־כּוהן** (מאַרע־קויהען)— אויסזען פון אַ כּוהן; שיינער אויסזען.

● אַ קאַפּעליע האָט צוגעצומבלט, עס האָט געהאַט מראה כּוהן (ממ״ס).

ער איז מראה־כּוהן — ער איז רויט אויפן פּנים, ער איז אָנגעטרונקען; ער שיינט.

דער **מראה־מקום** — **מראה־מקומות** (מאַרע־מאָקעם — מאַרע־מעקוימעס) — אָרט־אָנווייזער (אין אַ בוך), ציטאַטן־אָנווייזער; זוך־צעטל (אין אַ בוך).

● ער האָט געבראַכט ציטאַטן מיט מראה מקומות, אָנגעוויזן פון וואַנען ער האָט זיי גענומען.

מרגיש (מאַרגיש) זיין — פילן; שפירן.

● איך האָב אָנגעהויבן מרגיש צו זיין, אַז אַרום מיר איז נישט גלאַט (אַנ־סקי).

דער **מרגל** — **מרגלים** (מעראַגל— מעראַגלים) — אויסקוקער, אויסשפּי־רער, שפּיאָן.

● זאָל די מומע נישט זיין קיין מרגל (מ. בורשטין).

מרגליות (מאַרגאָליעס) — מ״צ — „פּערל” — אַ צונאָמען.

מרדכי (מאָרדכע) — נאָמען פון דעם העלד פון דער פּורים־דערציילונג, וואָס האָט געראַטעוועט די פּערסישע יידן פון המנען; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

די **מרה־שחורה** (מאָרע־שכוירע) — מעלאַנכאָליע, טרויער־שטימונג, אומעט, פאַרזאָרגטקייט.

● אויף אַלץ ליגט אַ טרויער, אַ מרה־שחורה (פרץ).

מרה־שחורהדיק (מאָרע־שכוירע־דיק) — מעלאַנכאָליש; פאַרזאָרגט; פאַרטרויערט, אומעטיק.

● לאָזט ער זיך מרה־שחורהדיק צוריק אין וואַסער אַריין (פרץ).

מרוצה (מערוצע) זיין—באַשטיין, איינ־שטימען, איינשטימיק זיין.

● זי איז מרוצה געוואָרן צו בלייבן דאָ (ש״ע).

דער **מרוצה לבריות** (מערוצע לאַבריעס) — העפלעכער, צוגעלאָזע־נער צו מענטשן.

● ער איז אַ מרוצה לבריות, פאַר יעדן האָט ער אַ גוט וואָרט.

דער **מרור** (מאָרער) — ביטערע קריי־טעכצער (ווי כריין און אַנדערע), וואָס מען נוצט פּסח צום סדר (ביי רעליגיעזע יידן); ביטערניש.

● זייט מיך נישט מכבד מיט מרור; מיט דעם בין איך געבוירן (פרץ).

מרחיק (מאַרכיק) זיין — דערווייטערן.

● ער האָט זיך מרחיק געווען פון זיינע חברים (ש. ציטראָן).

זיך **מרחם** (מעראַכעם) זיין — זיך דער־באַרעמען.

● זאָל זיין ליבער נאָמען זיך מרחם זיין אויף איר מאַן (פרץ).

דער **מרחץ** — **מרחצאות** (מער־

כעץ — מערכאַצאָעס) — יידיש (רי־טועל) באָד.

דער מרחק — מרחקים (מער־כעק — מערכאָקים) — ווייטע דיס־טאַנץ; ווייטקייט, ווייט אָרט, ווייט לאַנד.

● צו וואָס זיך לאָזן אין אַזאַ צייט אין די מרחקים? (נ. מייזיל).

(זיך) **מרחק** (מעראַכעק) זיין — (זיך) דערווייטערן.

● האָט מען זיך אָנגעהויבן מרחק צו זיין, איז געוואָרן אַ שטילע שנאה (בערדיטשעווסקי). זיי האָבן אים מרחק געווען (ש. אַש).

דער מרחשון (מאַרכעשוון) — זע: חשון.

די מרידה — (מערידע — מערידעס) — אויפשטאַנד, רעוואָלוציע.

● איר ווילט, כ'לעבן, מאַכן אַ מרידה צווישן די ווייבער (ממ"ס).

מרים (מיריעם [מאַריעם]) — נאָמען פון אַ פרוי.

מרים הנביאה (מיריאָם האַנע־וויע) — מרים די זעערין, די פראָ־פעטין (ביבל־פערסאָנאַזש).

מרכא־טפחא (מערכאָ־טיפּכאָ) — אינטאָנאַציע־צייכנס אין געשטאַלט פון אַ קאָמע און אַ פאַרקערטער קאָ־מע (( )); באַצייכענונג פון קרומע פיסלעך.

● ער האָט פיס ווי אַ מרכא־טפחא (ריידאַרט, לויט א. בערנשטיין).

מרכז רוחני (מערקאַז רוכני) — גייסטיקער צענטער.

מרמז (מעראַמעז) זיין — אָנדייטן, אָנווינקען.

● די מעשיות זענען מרמז טיפע ענינים (ש. ציטראָן).

מרנן ורבנן ורבותי (מאָראָ־נאָן וועראַבאָנאָן וועראַבויסאַי) — מיינע הערן, לערער און פירער.

● און איך, מרנן ורבנן ורבותי, האָב פאַר אייך נאָך אַ שאלה (פרץ).

מרעיש־עולם — (מאַריש־אוילעם) זיין — אויפרודערן אַ וועלט; אי־בערקערן וועלטן.

● [ער] וועט מרעיש־עולם זיין און אי־בערקערן וועלטן (ש"ע).

די מרשעת — מרשעתן (מאַר־שאַאַס, מירשאַעס — מאַרשאַאַסן, מירשאַעסן) — בייזע, שלעכטע פרוי.

● ער האָט צו דרייצן יאָר אַ שטיפ־מאַמע באַקומען... אַ שטיפמאַמע אַ שלאַנג, אַ מרשעת (פרץ).

די מרת (מאָראַס) — הארנטע. אַ טראַ־דיציאָנעלער טיטל פאַר אַ פרוי (פון אַן אָנגעזעענער פאַמיליע).

די משא — משאות (מאַסע — מאַ־סאָעס) — לאַסט.

● געפאַלן ווי אַ שווערע משא אין וואַסער (א. ביק).

די משא כבדה (מאַסע קעוויידע)— שווערע לאַסט.

● דאָס לערנען אין חדר איז געווען פאַר יאָסעלען אַ משא כבדה (ש"ע).

דער משא־ומתן (מאַסע־אומאַטן, מאַסעמאַטן) — געשעפט; פאַרהאַנד־לונג; קאָנטאַקט.

● איך האָב נישט מיט אים קיין שום משא־ומתן.

משבת לשבת (מישאַבעס לעשאַ־

בעס) — פון איין שבת צום אַנדערן שבת, איין מאָל אין דער וואָך.

● מען פלעגט זיך פאַרזאַמלען משבת לשבת און לייענען יידישע געשיכטע (פּרץ).

דער **משגיח** — **משגיחים** (מאַשגיעך — מאַשגיכים) — אויפזעער.

משדך (מעשאַדעך)- זיין — רעדן אַ שידוך; פאַרקנסן.

(זיך) **משדך** (מעשאַדעך) זיין — ווערן אייגענע, ווערן מחותנים.

● מיר ווילן דען איינער מיטן אַנדערן זיך משדך זיין? (ממ״ס).

משה (מוישע) — נאָמען פון באַפרייער און געזעצגעבער פונעם יידישן פאָלק לויט דער ביבל, גרונטלייגער פון דער יידישער רעליגיע; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

משה־מחויב (מוישע־מעכוייעוו) — משה, וואָס איז פאַרפליכטעט, געצוואונגען. באַצייכענונג פון אַ מענטש, וואָס איז פאַרפליכטעט, וואָס איז געצוואונגען.

● מיין מאַן איז אייך נישט משה־מחויב, ער האָט זיך נישט אונטערגענומען ביי אייך פאַר קיין דערציילער (ש״ע).

משה רבינו (מוישע ראַביינו) — אונדזער לערער משה. זע: משה.

משהו (מאַשעהו) — וואָס־עס־איז, קליין ביסל; עפּעס, קליינער טייל.

● און פאַר וואָס שרעקט ער זיך? פאַר דער משהו שרעקט ער זיך (פּרץ).

משוגע — **משוגעים** (מעשוגע — מעשוגאָים) — צעמישט, דול.

משוגע (מעשוגע) ווערן —. אַראָפּגיין פון זינען, צעמישט ווערן, דול ווערן.

● אַ וועלט איז דאָך נישט משוגע (ש״ע).

משוגע־מטורף (מעשוגע־מעטורעף) — אינגאַנצן צעמישט, אין גאַנצן אַראָפּ פון זינען.

משוגעים־הויז (מעשוגאָים־הויז)— דול־הויז, הויז פאַר גייסטיק־קראַנקע.

דער **משוגענער** — **משוגענע** (מעשוגענער — מעשוגענע) — צעמישטער, נישט־קלאָרער, דער וואָס איז אַראָפּ פון זינען; גייסטיק־קראַנקער.

● אַלע משוגענע שלאָגן [ביי] יענעם די פענצטער אויס (פאָלקסווערטל לויט א. בערנשטיין).

די **משוגענע** — **משוגענע** (מעשוגענע — מעשוגענע) צעמישטע, נישט־קלאָרע, די וואָס איז אַראָפּ פון זינען; גייסטיק קראַנקע.

דאָס **משוגעת** — **משוגעתן** (מעשוגאַאַס — מעשוגאַאַסן) — צעמישטקייט, נישט־קלאָרקייט, דאָס אַראָפּגיין פון זינען; גרויסע נאַרישקייט.

● ער וועט אין זיין משוגעת סיי ווי סיי אַלץ פון זיך אַראָפּרייסן (פּרץ).

דער **משולח** — **משולחים** (מעשולעך — מעשולאָכים) — יידישער קורייער, שליח, ספּעציעל געשיקטער מענטש.

דאָס **משולחת** — **משולחתן** (מעשולאַכעס — מעשולאַכעסן) —. זע: משלחת.

משולם (מעשולעם) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

משום (מעשום) — פון וועגן, צוליב.

משום דרכי השלום (מעשום

דאַרכיי האַשאָלעם) — צוליב פרידן, פון שלום וועגן.

● און משום דרכי השלום פרעגט ער: וואָס מאַכט איר? (פרץ).

משום מראית עין (מעשום מאַריס אַין [איען]) — בלויז פאַרן אויג, פאַר מענטשן וועגן.

● ווי דערלאָזט מען אַזוינס „משום מראית עין”? וואָס פאַר אַ פּנים האָט עס פאַר מענטשן? (פרץ).

דער **משומד** — **משומדים** (מעשומעד — מעשומאָדים) — אָפּטריניקער, געשמדטער, אַ ייִד וואָס נעמט אָן אַ פרעמדן גלויבן, וואָס גייט אַוועק פון יידישקייט; חברה־מאַן; אויסוואָרף.

די **משומדת** (**משומדתטע**) — **משומדתטעס** (מעשומעדעס [מעשומעדעסטע]־מעשומעדעסטעס) — אָפּטריניקע, געשמדטע, יידישע פרוי וואָס האָט אָנגענומען אַ פרעמדן גלויבן; אויסוואָרפין.

משונה, משונהדיק (מעשונע, מעשונעדיק) — מאָדנע, מערקווירדיק; גאָר אַנדערש; אויסטערליש.

● ס'איז דאָך עפּעס משונה ווילד (ממ"ס).

משופע, משופעדיק (מעשופע, מעשופעדיק) — שטייל, שיף, באַרגאַראָפּ.

● ער האָט זיך גענומען אַראָפּגליטשן פון משופעדיקן דאַך (אָפּאַטאָשו).

דער **משורר** — **משוררים** (מעשורער — מעשאָרערים) — זינגער (ביי אַ חזן); (העברעישער) דיכטער.

● דעם ניגון האָלט אונטער אַ גרויסע קאַפּעליע משוררים (פרץ). אַ משורר, נישט קיין משורר ביי אַ חזן, נאָר אַ פּאָעט, אַ דיכטער (ש"ע).

משיב שלום (מיישיוו שאָלעם) זיין — אָפּענטפערן אויף אַ באַגריסונג ביי אַ באַגעגעניש.

● איז ער מיר משיב שלום, באַטראַכט מיך אַ ביסל און גיט באַלד אַ טרעף (שמואלזאָן).

משיג (מאַסיג) זיין — באַנעמען, פאַרשטיין, באַגרייפן.

● דאָס קאָנט איר מיך גאָרנישט פאַרשטיין, דאָס קאָנט איר גאָרנישט משיג זיין (פרץ).

משיג גבול (מאַסיג גוווּל) זיין — געמיינט: אויסדינגען אַ זאַך, אויסכאַפּן יענעמס פרנסה.

● צו האָבן דין־תורהס מיט יידן, וואָס האָבן אים משיג־גבול געווען (פרץ).

דער **משחית** — **משחיתים** (מאַשכיס — מאַשכיסים) — שעדיקער, פאַרניכטער.

● איז אים געלונגען צו אַנטרינען פון די נעגל פון משחית (ש. אַש).

דער **משיח** — **משיחים** (מעשיעך — מעשיכים) — „געזאַלבטער”; מעסיאַס; דערלייזער פון יידישן פאָלק; באַפרייער, אויסלייזער פון דער וועלט, (לויט דער רעליגיעזער פאָרשטעלונג). וואַרטן אויף עמעצן ווי אויף משיחן — דערוואַרטן עמעצן מיט גרויס אומגעדולד.

דאָס **משיחות** (מעשיכעס) — מעסיאַניזם, דערלייזונג־אידעע.

משיחיש (מעשיכיש) — אויסלייזעריש, באַפרייעריש, מעסיאַניש.

אין מ ש ך (מעשעך) — אין פאַרלויף; אין דער צייט.

● אין משך פון אַ יאָר האָב איך זיך מיט אים נישט געזען.

דער מ ש כּ ו ן — מ ש כּ נ ו ת (מאַשקן—מאַשקאָנעס) דעפּאָזיט, איינגעלייגטע זאַך; פאַנט, פאַרזעצטע זאַך.

● איר האָט אַוודאי געוואָלט לייען אויף אַ משכּון? (פּרץ).

דער מ ש כּ ו ן ע ו ב ר ל ס ו ח ר (מאַשקן אויווער לאַסויכער) — פאַנט, דעפּאָזיט לויט זיין פאַרקויפסווערט.

● אין מיינע אויגן איז דער משכּון עובר לסוחר ווערט ק"ן (150) קערבּלעך (פּרץ).

מ ש כּ [ו] נ ע ן (מאַשקענען) — פאַרזעצן, איינלייגן אַ זאַך.

● ער האָט זיך נעבעך פאַרמשכּנט פון קאָפּ ביז די פּיס (ש"ע).

דער מ ש כּ י ל — מ ש כּ י ל י ם (מאַסקיל — מאַסקילים) — געבילדעטער, אויפגעקלערטער, אָנהענגער פון דער השכּלה (ז"ד).

מ ש כ מ ו ו מ ע ל ה (מעשיכמוי וואָמיילאָ) — פון אַקסל אָן און העכער; אַ זייער הויכער.

● אַ הויכער, הויכער ייִד, טאַקע משכמו ומעלה (פּרץ).

דער מ ש כּ ן (מישקן) — הייליק געצעלט (וואָס די ייִדן האָבן געבויט אין מדבּר, לויט דער ביבל).

מ ש כּ נ ע ן (מאַשקענען) — פאַרזעצן.

אַ מ ש כּ נ ת א (מאַשקאַנטע) מאַכן — אָפּשמייסן.

● האָבן זיי אים אַוועקגעלייגט אויפן טיש און אים געמאַכט אַ משכּנתא, אָפּגעשמיסן (י. י. זינגער).

דער מ ש ל — מ ש ל י ם (מאָשל — מעשאָלים) — ביישפּיל; אַלעגאָריע; פאַבולע.

● דער משל קלעפּט זיך ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט (ש"ע).

מ ש ל ח (מעשאַלייעך) זיין — אַרויסשיקן, אַרויסטרייבן.

● מען האָט אים משלח געווען פון קאַמעניץ (י. קאָטיק).

דאָס מ ש ל ח ת — מ ש ל ח ת ן (מישלאַכעס — מישלאַכעסן) — אָנשיקעניש, צוטשעפּעניש, אומגליק, שלאַק.

● ווי ערגעץ אַן אָנשיקעניש, אַ משלחת, אַ שלאַק — איז דאָס ביי מיר (ש"ע).

מ ש ל י (מישליי) — ביבל־בוך, וואָס אַנטהאַלט משלים און אַפאָריזמען (צוגעשריבן שלמה המלך).

מ ש ל י ם (מאַשלים) זיין — דערגאַנצן; איינגיין; שלום מאַכן (מיט דער לאַגע, מיט די באַדינגונגען אדג"ל).

● דאָס איבעריקע האָט מיר משלים געווען מיין זכּרון (ש. ציטראָן).

מ ש ל נ ו (מישעלאָנו) — פון אונדזערע (מענטשן), אַן אונדזעריקער. אַ משלנודיקער — אַן אונדזעריקער.

(זיך) מ ש מ ח (מעסאַמייעך) זיין — (זיך) פריילעך מאַכן, (זיך) ווייַלן.

● אַ מאַרשאַליק איז משמח דעם עולם מיט גראַמען (פּרץ).

מ ש מ ע ו ת (מאַשמאָעס) — ווייזט אויס, עס זעט אויס, געדרונגען.

● משמעות, ער פאַרשטייט, וואָס מען מיינט (ש"ע).

דער מ ש מ ר — מ ש מ ר י ם (מישמער — מישמאָרים) — וואַכנאַכט, דאָס אויפזיין ביי נאַכט און לערנען.

● געלערנט גאַנצע טעג און אויך אָפט גאַנצע נעכט „משמרים" (ראַוויניצקי).

משנאת המן (מעסינעס האָמאָן) — פון פיינטשאַפט צו המנען ; פון פיינטשאַפט צו דער זאַך. קעגנזאַץ: מאהבת מרדכי.

● זיין שמחה איז אָבער געווען נישט אַזוי מאהבת מרדכי ווי משנאת המן (צ. קאַצענעלסאָן).

די **משנה** (מישנע) — זאַמלונג פון יידישע רעליגיעזע געזעצן, פאַר־פאַסט פון די תנאים, צונויפגעשטעלט און געשלאָסן דורך ר׳ יהודה הנשיא אין II יאָרהונדערט פ״ק.

משנה מקום, משנה מזל (מע־שאַנע מאָקעם, מעשאַנע מאַזל) — געביטן דאָס אָרט, געביטן דאָס מזל.

● האָבן די איבעריקע וואָראָנקער בעלי־בתים אויך גענומען שמועסן פון „משנה מקום — משנה מזל״ און פון איבערפעקלען זיך אין אַנדערע גרע־סערע שטעט (ש״ע).

משנה שם (מעשאַנע שעם) זיין — ענדערן, פאַרבייטן דעם נאָמען.

● ער האָט זיך משנה שם געווען, גע־ווינט אויף אַ פרעמדן פאַס (ש. ציטראָן).

משניות (מישנאַיעס) — זע: משנה.

משנים־קדמוניות (מישאָנים־קאַדמויניעס) — פון אַמאָליקע יאָרן, פון גאָר אַלטע צייטן.

● דאָס איז שוין געווען אַזאַ טראַדיציע משנים קדמוניות (י. קאָטיק).

משועבד (מעשובעד) זיין — זיין אונ־טערטעניק, זיין פאַרקנעכטעט; דינען.

משועבדי קהל (מעשובאָדיי קאָ־האָל) — די וואָס דינען ביי קהל ; קהלה באַאַמטע.

● אונטן אין קעלער און אויבן איבערן דאַך (ווינען) אָרעמע לייט און משועבדי־קהל (פרץ).

זיך **משער** (מעשייער) זיין — זיך אָנ־שטויסן; זיך פאָרשטעלן, באַקומען אַ פאָרשטעלונג.

● מען איז זיך משער, אַז עס דאַרף זיין נישט שלעכט (ש״ע).

דער **משפט — משפטים** (מישפעט — מישפאָטים) — אורטייל ; געזעץ ; פראָצעס.

● איך ציטערט פאַר זיין שווערן משפט (ממ״ס). מען האָט קעגן זיי קיין משפטים נישט פאַרפירט (נ. מייזיל).

משפטים בל ידעום (מישפאָ־טים באַל יעדאָום) — די געזעצן זע־נען נישט באַוווסט, נישט באַקאַנט.

● ווי ווייט דער מהלך דאַרף זיין, ווייס איך נישט, משפטים בל ידעום (פרץ).

משפטן (מישפעטן) — אורטיילן ; זיך משפטן — זיך פראָצעסירן.

● זאָל דער לייענער משפטן פאַר זיך (א. א. ראָבאַק).

משפיע (מאַשפיע) זיין — באַווירקן, באַאיינפלוסן.

● מיט דיין גוטסקייט האָסטו משפיע געווען אויף אַלע (ש. אַש).

די **משקה — משקאות** (מאַשקע — מאַשקאָעס) — (אַלקאָהאָליש) געטראַנק.

● איך טראַכט פון אַ ביסל משקה, פון אַ גוט ביסל ווייַן (ש״ע).

דאָס **משקולת** (מישקוילעס) — וואָג־צינגל ; וואָג־שאָל ; וואַקלדיקע פּאָ־זיציע.

● עס שטייט אויף אַ משקולת, אָט־אָט פאַלט עס אום.

דער משקל (מישקל) — ריטם (אין אַ געדיכט); שטאַנדוואָרט; מוסטערוואָרט.

דער משרת — משרתים (מעשאָרעס — מעשאָרסים) — באַדינער.
● [זי] וויל וועקן דעם משרת, הייסן מאַכן וואַרעמס אַ גלעזל (פּרץ).

משׁשת ימי בראשית (מישײ־שעס יעמיי בעריישיס) — „פון די זעקס טעג פון דער וועלט־באַשאַפונג", פון זינט די וועלט שטייט.
● עס זעט אויס, גלייך דער באַרג איז באַשאַפן געוואָרן משׁשת ימי בראשית (פּרץ).

זיך משתדל (מישטאַדל) זיין — זיך באַמיען.
● ער האָט אים צוגעזאָגט זיך משתדל זיין, ער זאָל באַקומען אַ סטיפּענדיע.

זיך משתטח (מישטאַטייעך) זיין — זיך אויסשפּרייטן, אויסציען (אויף דער ערד). זיך וואַרפן צו דער ערד, זיך פאַרנייגן (פאַר אַ קבר).
● צו קבר־אבות קומט מען, משתטח איז מען זיך (פּרץ).

דער מת — מתים (מעס — מייסים) — טויטער, געשטאָרבענער.
● מען שלאָפט ווי די מתים (אָפּאַטאָשו).

דער מת טהור (מעס טאָהער) — ריינער מת.

דער מת־מצוה (מעס־מיצווע (מעס־מיצווע) — אַ געשטאָרבענער, וואָס האָט נישט קיין פריינט, וועלכע זאָלן זיך פאַרנעמען מיט זיין קבורה.

זיך מתדבק (מיסדאַבעק) זיין — זיך באַהעפטן (מיט גאָט).
● ער פלעגט זיך אַרויסגנבענען אין די פעלדער זיך מתדבק צו זיין (ש. אַש).

זיך מתוודה (מיסוואַדע) זיין — זיך אָנערקענען צו זינד; אויסרעכענען די אָפּגעטוענע זינד.
● ער האָט זיך אויסגערעדט זיין האַרץ, מתוודה געווען זיך (ד. פּינסקי).

זיך מתווכח, מתוכח (מיסוואַקייעך) זיין — דיסקוטירן, דיספּוטירן, דעבאַטירן.
● האָט מען געטראָפן ביי אַלע טישן יידן, וואָס האָבן זיך מתוכח געווען (י. קאַטיק).

מתוך המעשה (מיטאָך האַמייסע) — פון דער דערציילונג, אין פאַרלויף פון דער דערציילונג.
● מתוך המעשה וועט איר געוואָר ווערן (פּרץ).

מתוך שחוק (מיטאָך סכויק) — פון געלעכטער; לאַכנדיק.
● געזעגנט זיך מיט איין דער פאַר־פאַסער מתוך שחוק, לאַכנדיק (ש"ע).

מתוך שמחה (מיטאָך סימכע)—פון פרייד, מיט פרייד.
● ער האָט געדינט דעם רבונו של עולם מתוך שמחה (פּרץ).

דער מתון (מאָסון) — באַדאַכטער, געלאַסענער.
● בטבע אַ מענטש אַ שטילער, אַ מתון (פּרץ).

מתושלח (מעסושעלעך) — ביבל־פּערסאָנאַזש, וואָס האָט, לויט דער לעגענדע, געלעבט זייער לאַנג.
● ער האָט מתושלחס יאָרן (פאָלקס־ווערטל).

זיך מתחבר (מיסכאַבער) זיין — זיך באַהעפטן, זיך פאַרבינדן; זיך חברן, זיך צונויפחברן.
● ער האָט זיך מתחבר געווען מיט אַ חברה גנבים (פּרץ).

זיך **מתחיב** (מיסכאַיעוו) זיין — זיך פאַרפליכטן.

● דער פאַרלאַג האָט זיך מתחיב געווען צו באַצאָלן.

מתחיב בנפשו (מיסכאַיעוו בע־נאַפשוי) זיין — פאַרזינדיקן דאָס לעבן; באַצאָלן מיט לעבן (פאַר אַ זינד).

● ער איז טאַקע מתחיב בנפשו (פרץ).

זיך **מתחתן** (מיסכאַטן) זיין — ווערן אַ מחותן, ווערן אַן אייגענער, אַ נאָענטער.

מתי־מדבר (מייסיי־מידבער) — די געשטאָרבענע אין דער מדבר; יידן וואָס זענען, לויט דער ביבל, אויס־געשטאָרבן אין דער מדבר; אָפּגע־שטאַנענע מענטשן.

● אויך די מתי־מדבר אין פלוינע וואַכן אויף (מ. בורשטין).

זיך **מתיאש** (מיסיאַעש) זיין — זיך אָפּזאָגן, רעזיגנירן.

● ער קאָן זיך פון אים נישט מתיאש זיין (פרץ).

די **מתיבתא** — **מתיבתות** (מע־סיווטע — מעסיווטעס) — תלמודישער לערן־אַנשטאַלט פאַר דערוואַקסענע בחורים.

זיך **מתיחד** (מיסיאַכעד) זיין — זיך אָפּזונדערן.

● ווען ער וואָלט האָבן דעם כוח זיך מתיחד צו זיין מיט זיין נשמה און מיט זיך זעלבסט (ד. פרישמאַן).

דאָס **מתינות** (מעסינעס) — באַזאַכטקייט, געלאַסנקייט.

זיך **מתיעץ** (מיסיאָעץ) זיין — זיך באַראָטן, האַלטן אַן עצה.

דאָס **מתיקות** (מעסיקעס) — זיסקייט.

● איך האָב געמיינט, איך צעגיי פון מתיקות (פרץ).

מתיקותדיק (מעסיקעסדיק) — זיס.

● זיי האָבן די פינגער געלעקט פון זיינע מתיקותדיקע רייד (ש. אַש).

מתיר (מאַטיר) זיין — דערלויבן (אין רעליגיעזן זין).

● קינדער מעגן זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ פאַרן דאַווענען, דער טאַטע איז דיר מתיר (י. י. זינגער).

(זיך) **מתיר נדר** (מאַטיר ניידער) זיין — (זיך) באַפרייען פון אַ נדר, פון אַ פייערלעכן צוזאָג; נאָכגיביקער ווערן.

● געמוזט זיך מתיר נדר זיין און נאָך איבערבעטן דעם לוינקעטניק (פרץ)

זיך **מתכוון**, **מתכון** (מיסכאַוון) זיין — האָבן די כוונה, צופירן דעם געדאַנק צו..., צילן.

דער **מתמיד** — **מתמידים** (מאַס־מיד — מאַסמידים) — פלייסיקער (אין לערנען), דער, וואָס לערנט מיט איי־פער (מיט התמדה).

מתמר ועולה (מעסאַמער וועאוילע) — שטייגט גלייך אַרויף אין דער הויך (ווי אַ פאַלמע).

● אַלץ געשווינדער קומט די תפילה אַרויף, אַלץ מער איז זי מתמר ועולה (פרץ).

דער **מתן־בסתר** (מאַטן־בעסייסער) — פאַרבאָרגענע, שטילע גאָב. צדקה וואָס מען גיט פאַרבאָרגענערהייט, אין דער שטיל; נאָמען פון אַ פילאַנטראָ־פישער אינסטיטוציע ביי יידן.

● בויגט זיך איינער איין און שטעקט

איִם אַריין אין האַנט אַ מתּן־בסתר (ממ״ס).

מ תּ ן ־ תּ ו ר ה (מאַטן־טוירע) — דאָס געבן (די יידן) די תּורה אויפן באַרג סיני, לויט דער ביבל. קומען נאָך מתּן־תּורה — קומען צו שפּעט, נאָך אַלעמען.

● ער איז געקומען שוין נאָך מתּן־תּורה (פֿאָלקסווערטל).

דער מ ת נ ג ד — מ ת נ ג ד י ם (מיס־נאַגעד — מיסנאַגדים) — קעגנער (פֿון חסידות).

● אַ מתנגד האָט קיינמאָל קיין ספקות נישט; אויסגעטרעטענע וועגן (פּרץ).

דאָס מ ת נ ג ד ו ת (מיסנאַגדעס) — קעגנערשאַפֿט (צו חסידות).

מ ת נ ג ד י ש (מיסנאַגדיש) — לויט דעם שטייגער פֿון מתנגדים.

● און קאַמיעניעץ איז פֿאַרבליבן אַ פֿאַרברענטע מתנגדישע שטאָט (י. קאָטיק)

די מ ת נ ה — מת נ ו ת (מאַטאָנע — מאַטאָנעס) —גאָב, געשאַנק, פּרעזענט.

● אַ גוט וואָרט איז אַמאָל בעסער פֿון אַ מתּנה (פֿאָלקסווערטל).

זיך מ ת נ צ ל (מיסנאַצל) זיין — זיך פֿאַרענטפֿערן.

די מ ת נ ת ב ש ר ־ ו ד ם (מאַטנאַס באָסער־וועדאָם) —גאָב פֿון אַ מענטשן, נדבה, שטיצע.

● שמואל וועט חלילה אויסשטעלן אַ האַנט נאָך אַ מתּנת בשר־ודם (פּרץ)

די מ ת נ ת ־ ח י נ ם [חנם] (מאַטנאַס־כינעם) — אומזיסטע גאָב, נדבה.

● נישט פֿאַרשעמען מיט מתּנת־חינם (פּרץ).

די מ ת נ ת ־ י ד (מאַטנאַס ־ יאַד) — האַנט־גאָב, כאַבאַר, אונטערקויף־געלט, שוחד־געלט; אַ קלאַפּ (אַ פּאַטש).

● ער האָט דאָס גרינג איינגעאָרדנט, מסתּמא פּאַר אַ מתּנת־יד (זשיטלאָווסקי). [ער] מעסט אים אויס פֿון הינטן אַ מתּנת־יד, נישט ווי צו טאָן, צום שפּאַס (פּרץ).

זיך מ ת ע ס ק (מיסאַסעק) זיין — זיך באַשעפֿטיקן, זיך פֿאַרנעמען.

● עטלעכע וואָכן האָט זיך יצחק מתעסק געווען מיט די טעכנישע צוגרייטונגען (צ. קאַצענעלסאָן).

זיך מ ת ע ס ק ב מ צ ו ו ת (מיסאַסעק בעמיצוועס) זיין —זיך פֿאַרנעמען מיט מצווה־זאַכן, מיט פֿילאַנטראָפּיע.

● דערצו פֿלעגט ער גלאַט זיין אַ מתעסק במצוות (פּרץ).

דער מ ת ע ס ק ב צ ר כ י צ י ב ו ר (מיסאַסעק בעצאָרכיי ציבער) — דער, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט געזעלשאַפֿטלעכע זאַכן.

● ווערט מען אַ מתעסק בצרכי ציבור, גיט מען צדקה... (פּרץ).

דער מ ת פּ ל ל — מ ת פּ ל ל י ם (מיס־פּאַלעל —מיספּאַלעלים) — דאַווענער.

מ ת פּ ל ל (מיספּאַלעל) זיין — דאַווענען, בעטן (צו גאָט).

● עפּנט זיך מיין האַרץ און איז מתפּלל שטיל (רויזנבלאַט).

מ ת ק ן (מעסאַקן) זיין — אויסבעסערן, פֿאַרריכטן; אויפֿטאָן גוטס.

● איך זאָל אויף דער עלטער עפּעס מתקן זיין אויף דער וועלט (ש״ע).

זיך מ ת ק נ א (מיסקאַנע) זיין — פֿילן קנאה, האָבן אייפֿער, באַגערן צו זיין אָדער צו האָבן אַזוי ווי יענער.

● איך האָב זיך מתקנא געווען אין דער דינסט, וואָס זי קאָן דערציילן אַזוי פיל מעשהלעך (י. קאָטיק).

מ ת ר ה (מאַסרע) זיין — וואָרענען, פאַרזאָגן.

● דערמאָנט ער זיי, איז זיי מתרה איין מאָל, צוויי מאָל (פּרץ).

זיך מ ת ר ח ק (מיסראַכעק) זיין — זיך דערווייטערן.

● נאָר ער אַליין איז זיך מתרחק (פּרץ).

מ ת ר ע ם (מיסרייעם) זיין — האָבן פּרעטענזיעס, טענות; זיך באַקלאָגן.

● ער האָט שטאַרק מתרעם געווען אויף דער שטאָט (ממ"ס).

מ ת ת (מאַטעס)—נאָמען פון אַ מאַנצביל.

מ ת ת י ה ו (מאַטיסיאָהו) — נאָמען פון פאָטער פון די חשמונאים, וואָס האָבן אָרגאַניזירט דעם אויפשטאַנד פון יידן קעגן די סירער (II יאָרהונדערט פ"ק); נאָמען פון אַ מאַנצביל.

נ

דער נאה דורש (נאָע דוירעש) — שיין־רעדנער, דער וואָס רעדט שיין.

דער נאה מקים (נאָע מעקאַיעם) — שיין־פאַרווירקלעכער.

● מען איז נישט נאָר אַ נאה דורש, נאָר אויך אַ נאה מקים, מען פאַרווירקלעכט מיט מעשׂים, וואָס מען פּרעדיקט (ג. מייזיל).

דער נאמן — נאמנים (נעמאָן — נעמאָנים) — באַגלויבטער אויפזעער (אויף כּשר פליש, ביי מצות־באַקן אדג״ל ביי רעליגיעזע יידן).

דאָס נאמנות (נעמאָנעס) — באַגלויבטקייט. אויף נאמנות — אויף באַגלויבטקייט; אויפן וואָרט.

● איר דאַרפט אים גלויבן אויף נאמנות (ש״ע). עס איז אַ געלעכטער אויף נאמנות (ממ״ס).

נבהל ומשתומם (ניוול אומיש־טוימעם) — זע: נבהל ונשתומם.

נבהל ונשתומם (ניוול ווע־נישטוימעם) — דערשראָקן און פאַר־וווּנדערט; דערשטוינט.

● איך ווער נבהל ונשתומם, און שטיי מיט אויפגעריסענע מויל און אויערן (פּרץ).

די נבואה — נבואות (נעוווע — נעוווּעס) — זעונג; פּאָרויסזאָגונג; וויזיע.

נבוכדנאצר, נבוכדנצר (נע־ווּכאַדנעצאַר) — נאָמען פון קעניג פון בבל, פאַר וועמענס הערשאַפט עס איז חרוב געוואָרן דער ערשטער בית־המקדש און יידן זענען פאַר־טריבן געוואָרן פון ארץ־ישׂראל קיין בבל (VI יאָרהונדערט פ״ק).

דער נבול־פּה (ניבל־פּע) — זע: ניבול־פּה.

דער נבזה — נבזהס (ניווזע — ניווזעס) — פאַרדאָרבענער, נידער־טרעכטיקער, געמיינער מענטש.

דער נביא — נביאים (נאָווי — נעוויאים) — פּראָפעט, זעער; פאָ־רויסזאָגער.

די נביאה — נביאות (נעוויע — נעוויעס) — פּראָפעטין, זעערין; פאָ־רויסזאָגערין.

די נביאהטע — נביאהטעס (נעוויעטע — נעוויעטעס) — זע: נביאה.

דאָס נביאות (נעוויעס) — זע: נבואה.

נביאים (נעוויאים) — מ״צ — פּראָפעטן. טייל פון תנ״ך, וואָס אַנטהאַלט די שאַפונגען פון די פּראָפעטן (זעער).

נביאים אחרונים (נעוויאים אַכ־רוינים) — מ״צ — די שפּעטערדיקע נביאים (ישעיה, ירמיהו, יחזקאל, תרי עשׂר).

נביאים ראשונים (נעוויאים רישוינים) — מ״צ — ערשטע נביאים (יהושע, שופטים, שמואל, מלכים).

נ ב י א י ש (נעוויאיש) — זעעריש, פּראָ־פעטיש, וויזיאָנעריש.

די נ ב ל ה — נ ב ל ו ת (נעווײלע — נעווײלעס) — טויטער קערפּער פון אַ בהמה אָדער חיה. באַצייכענונג פון אַ העסלעכן, געמיינעם מענטש.

● בעסער אָפּצושינדן די פעל פון אַ נבלה, אַבי נישט אָנצוקומען צו קיין מענטשן (שפּריכוואָרט).

די נ ב ל ה (נעוואָלע) — שענדלעכקייט, נידערטרעכטיקייט, געמיינהייט.

● ער האָט אָפּגעטון אַ שרעקלעכע נבלה.

דער נ ג ב (נעגעוו) — טרוקן (וויסט) אָרט. באַצייכענונג פון דעם זאַמדיקן שטח אין דרום־זייט פון ארץ־ישראל.

דער נ ג ו ן — נ ג ו נ י ם (ניגן — ניגו־נים) — זע: ניגון.

דער נ ג ז ל — נ ג ז ל י ם (ניגזל — ניג־זאָלים) — באַרויבטער; געליטענער.

● ער גייט גלאַט אַרום ווי אַ נגזל, אַ געקוילעטער האָן (ש״ע).

נ ג ז ר (ניגזער) געוואָרן — אַרויסגע־טראָגן געוואָרן אַ האַרבער אורטייל; (פון הימל) אָנגעצייכנט געוואָרן, באַשערט.

● אויב עס איז אויף מיר נגזר גע־וואָרן פון הימל, איך זאָל אַזוי פריַ אַוועקגיין פון דער וועלט (פרץ).

דער נ ג י ד — נ ג י ד י ם (נאָגיד — נעגידים) — רייכער מענטש; פאַר־מעגלעכער.

● וויפל אַזאַ נגיד האָט געקאָנט פאַר־מאָגן, איז שווער צו זאָגן (ש״ע).

די נ ג י ד ה — (נ ג י ד י ת) — נ ג י ד ו ת (נעגידע [נעגידיס] — נעגידעס) — רייכע פרוי; פאַרמעגלעכע.

נ ג י ד י ש (נעגידיש) — רייך; פאַר־מעגלעך.

די נ ג י ד י ת ט ע — נ ג י ד י ת ט ע ס (נעגידיסטע — נעגידיסטעס) — רייכע פרוי.

די נ ג י נ ה (נעגינע) — געזאַנג, מוזיק.

● יידן האָבן ליב מוזיק און פאַרשטייען נגינה (ש״ע).

די נ ג י ש ה — נ ג י ש ו ת (נעגישע — נעגישעס) — אונטערדריקונג, פאַר־פאָלגונג.

דער נ ג ל ה (ניגלע) — אַנטפּלעקטער; באַוווּסטער, קעגנזאַץ: דער נסתּר.

● פון אַ נסתּר, וואָס איז פאַרוואָרפן געוועזן אין אַ יידיש שטעטל, ווערט פרץ אַ נגלה (נ. מייזיל).

דער נ ג ל ה (ניגלע) — דאָס אָפענע קלאָרע לערנען באַצייכענונג פון תּנ״ך און תּלמוד, וואָס באַהאַנדלען פראַגן פון טאָג־טעגלעכן לעבן פון מענטשן אויף דער וועלט. קעגנזאַץ: נסתּר (אין קבלה).

● די תּורה געדענק איך נישט, קיין מופלג אין נגלה בין איך נישט (פרץ).

די נ ג ע־צ ר ע ת (נעגאַ־צעראַאַס) — קרעץ־קראַנקייט; פּלאָג.

● דאָס דייטשע פאָלק איז אָנגעשטעקט מיט דער נגע־צרעת, מיט דער קראַנקייט פון בעסטיאַלישער מאָרד־לוסט (ש. אַש).

די נ ד ב ה — נ ד ב ו ת (נעדאָווע — נעדאָוועס) — שפּענדונג, געשאַנק, גאָב פאַר אָרעמעלייט; פילאַנטראָפּישע שטיצע.

● נדבות טיילט מען אַלע טאָג (ש״ע).

דער נ ד ב ן — נ ד ב נ י ם (נאַדוועז —

נאַדוואָנים) שפּענדער, נדבות־געבער; פילאַנטראָפּ.

נדחה (נידכע) — אָפּגעלייגט (אויף שפּעטער); איבערגעטראָגן אויף אַן אַנדערן טערמין.

● פאַרוואָס איז עפּעס ביי אייך אַ נדחה, ווי קומט איר זיך אַזוי פאַרשפּעטיקן (ממ״ס).

דער **נדן** — **נדנס, נדנים** (נאַדן, נעדאַן — נאַדנס, נעדאַנים) — חתונה־אויסשטייער (אין געלט און אין זאַכן), וואָס די עלטערן גיבן זייערע קינדער (חתן־כּלה).

דער **נדר** — **נדרים** (ניידער — נעדאָרים) — (רעליגיעזע) זעלבסט־פאַרפליכטיקונג; פייערלעכער צוזאָג.

● טוט (ער) אַ נדר, אַז איבער שבת וועט ער קיינעם קיין וואָרט נישט זאָגן (פּרץ).

נהנה (נעהענע) זיין — געניסן; האָבן אַ נוץ.

● פון צדקה דאַרף מען נישט נהנה זיין (פּרץ).

דער **נהנה מיגיע כפו** (נעהענע מעיעגיע קאַפּוי) — דער, וואָס לעבט פון זיין אייגענער מי.

● ער האָט זשטאַרק געהאַלטן פון אַ נהנה מיגיע כפו (פּרץ).

נהרא ונהרא ופשטיה (נאַהאַראָ נאַהאַראָ אופּאַשטיי) — יעטווידער טייך האָט זיין גאַנג; יעדעס אָרט האָט זיך זיינע מנהגים.

● איז שוין געווען ענג: נהרא ונהרא ופשטיה (פּרץ).

נוגע (נויגייע) — באַטרעפט, באַרירט;

● עס איז אים שטאַרק נוגע, אַז די זאַך זאָל אויסגעפירט ווערן.

דער **נוגע** — **נוגעס** — (נויגייע — נויגייעס) — פאַראינטערעסירטער.

● ער קען נישט זיין אָביעקטיוו אין דער פראַגע, ווייל ער איז אַ נוגע.

דער **נוגע בדבר** (נויגייע באַדאָ־וואָר) — פאַראינטערעסירטער אין דער זאַך.

● כ׳זאָג עס נישט ווי אַ נוגע בדבר (מ. בורשטין).

זיך **נוהג** (נויעג) זיין — זיך פירן.

● איך בין זיך נוהג ווי אונדזערע זיידעס (ממ׳ס).

נוהג כבוד (נויהעג קאָוועד) זיין — אָפּגעבן כבוד, ערן, אַכטן.

● אין דער היים איז יעדער נוהג כבוד אַן עלטערן מענטש (אָפּאַטאָשו).

נוח (נויעך) — זע: נח.

נוטה (נויטע) זיין — נויגן, געניגט זיין.

● ער איז נישט געווען נוטה צו חסידות (י. קאָטיק).

דער **נוטה־למות** (נויטע־לאָמוס) — אָטשטאַרבנדיקער, דער וואָס האַלט ביים שטאַרבן.

נוטה למות (נויטע לאָמוס) זיין—האַלטן ביים שטאַרבן; זייער אָפּגעשוואַכט ווערן.

● דאָס מויל האָט זיך איר אויסגע־קרימט, נוטה למות איז זי געוואָרן (פּרץ).

דער **נולד** — **נולדים** (נוילעד — נוילאָדים) — ניי־געבוירן קינד; געבוירענער.

● יעדעס שטריימל (יעדער רב) האָט זיך זיינע נולדים... זיינע בריתן (פּרץ).

נולד (נוילעד) ווערן — געבוירן ווערן; אַנטשטיין.

● עס איז ביי מיר נולד געוואָרן אַ געדאַנק (ש״ע).

די נון (נון) — דאָס פערצנטע אות (נ) פונעם אלף-בית.

דער נוסח — נוסחאות (נוסעך — נוסכאָעס) — סטיל; שטייגער; מע-טאָד; טראַדיציאָנעלע מעלאָדיע; טעקסטטירונג.

● און דוקא אויפן יידישן שטייגער מיט אונדזער פראָסטן יידישן נוסח (ש"ע).

נוקם (נויקעם) זיין — נעמען נקמה, אָפּצאָלן יענעם מיט שלעכטס (פאַר שלעכטס).

● ער האָט זיך אין אונדז נוקם געווען, זיך געבאָדן אין אונדזער בלוט (ש"ע).

דער נוקם ונוטר (נויקעם ווענוי-טער) — נקמה-נעמער, נקמה-דורשטי-קער; דער, וואָס היט לאַנג די נקמה אין האַרצן.

● דער פעני'ער פיניע איז אפנים געווען אַ נוקם ונוטר (ש"ע).

נוקם ונוטר (נויקעם וועניטער) זיין — נקמה-נעמען, פאַרפאָלגן.

● פאַר דער קלענסטער זאַך האָט ער גערודפט, זיין נוקם ונוטר געווען (אָפּאַטאָשו).

נוקם ונוטר כנחש (נויקעם וועניטער קענאָכעש) — נקמה-זיכטיק ווי אַ שלאַנג.

● דער בריסקער רב איז געווען אַ מתנגד און בטבע אַ נוקם ונוטר כנחש (פרץ).

נושא-חן (נויסע-כיין) זיין — גע-פעלן ווערן, אויסנעמען (ביי מענטשן).

● ער האָט נושא-חן געווען אין זייערע אויגן (ש"ט).

דער נושא-כלים — נושאי-כלים (נויסע-קיילים — נויסיי-קיילים) — „וואָפן-טרעגער", אַדיוטאַנט.

● ער איז אַרומגערינגלט מיט נושאי-כלים (נ. מייזיל).

נושאי המיטה (נויסיי-האַמיטע) — די מיטה-טרעגער. די, וואָס טראָגן דאָס בעטל מיטן פאַרשטאָרבענעם אויפן בית-עולם.

נושאים (נויסים) — זע: נושאי המיטה.

● וועט די חברה-קדישא נישט באַלייַ-דיקן די נושאים (פרץ).

נושאים-מאַן — נושאים-לייט (נויסים-מאַן — נויסים-לייט) — מיטגליד פון דער חברה, וואָס פאַר-נעמט זיך מיטן אַוועקטראָגן גע-שטאָרבענע אויפן בית-עולם.

די נזיפה — נזיפות (נעזיפע — נעזיפעס) — זידל, פאָרוואורף.

● ער האָט געכאַפּט פון זיין שטיפ-מאַמע אַ שטאַרקע נזיפה.

דער נזיר — נזירים (נאָזיר — נעזירים) — נאַזירעער; אָפּגעשייד-טער (פון ערדישן לעבן), אַסקעט; אַ מענטש, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון וועלט-לעכע פאַרגעניגנס; הייליקער. אַ נזיר ביי יידן האָט נישט געטרונקען קיין וויין און נישט געשוירן די האָר.

דאָס נזירות (נעזירעס) — אַסקעטיזם.

נח (נויעך) — ביבל-פערסאָנאַזש; נאָ-מען פון אַ מאַנצביל.

דער נחבא אל הכלים (נעכבאָ על האַקיילים) — דער, וואָס פאַרשטופּט זיך אין אַ ווינקל; זייער באַשיידע-נער; שעמעוודיקער מענטש.

● ער פלעגט אַנטלויפן פון כיבודים, ער איז געווען אַ נחבא אל הכלים-

נחום (נאָכעם) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

נחזור לעניינו (נאַכזער לעאינ־יאָניינו) — לאָמיר זיך צוריקקערן צו אונדזער זאַך.

די נחלה — נחלאות (נאַכלע — נאַכלאָעס) — אייגענעווירטשאַפט; (אייגענע) שטוב, (אייגן) שטיקל ערד.

● יעדער מענטש אין קאַרטשעוו מוז זיין אייגענע נחלה האָבן — זיין שטוב (ש. אַש). האָב איך מיר מיין האַלבע שטוב, אַ שטיקל נחלה (ש"ע).

נחמה — נחמות (נעכאָמע — נעכאָמעס) — טרייסט.

● איידער מען דערלעבט די נחמה, גייט אַרויס די נשמה (פאָלקסווערטל).

נחמה (נעכאָמע) — נאָמען פון אַ פרוי.

נחמיה (נעכעמיע) — ביבל־פערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

נחמן (נאַכמען) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דער נחש — נחשים (נאָכעש — נעכאָשים) — שלאַנג; די שלאַנג, וואָס האָט אָנגערעדט חוהן צו זינד, (לויט דער ביבל); יצר־הרע.

● איינער ווינט אויפן נחש (פרץ).

דער נחש הקדמוני (נאָכעש האַקאַדמוני) — אורשלאַנג, זע: נחש.

דער נחת (נאַכעס) — פאַרגעניגן, פרייד; גליק.

● לאָז דער זיידע האָבן נחת פון זיין אייניקל (ש"ע). ער האָט שוין אָפּגעלעבט אין נחת די יאָרן (פרץ).

דער נחת־רוח (נאַכעס־רועך) — גייסטיקער גענוס, גייסטיקער פאַרגעניגן.

נחתדיק (נאַכעסדיק) — מיט פאַרגעניגן, פריידיק; גליקלעך.

● האָט דער פאָטער נחתדיק געמורמלט (ז. ווייגפער).

די נטיה — נטיות (נעטיע — נעטיעס) — נייגונג.

● ער האָט שוין דאַן געהאַט אַ נטיה צו שווימען קעגן שטראָם.

דער ניבול־פה (ניוול־פע)(מיאוסע—רייד

דער ניגון — ניגונים (ניגן — ניגונים) — מעלאָדיע.

● אַ בריוול — ווי מען לייענט עס, אַ ניגון — ווי מען זינגט אים (פרץ).

ניזוק (ניזעק) ווערן — געשעדיקט ווערן.

● קיינער איז נישט ניזוק געוואָרן (פרץ).

דער נימוס (נימוס) — טאַקט, טאַקטישע אויפפירונג; העפלעכקייט.

● פונדעסטוועגן האָט ער געדאַרפט אָפּהיטן פשוטן נימוס (ה. וואַסער).

דער נצחון — נצחונות (ניצאָכן — ניצכוינעס) — זיג; דאָס אויספירן.

נכנס יין יצא סוד (ניכנאַס יאַין יאָצאָ סאָד) — איז אַריין דער וויין, איז אַרויס דער סוד.

נכנס יין יצא שטות (ניכנאַס יאַין יאָצאָ שטוס) — איז אַריין דער וויין, איז אַרויס די נאַרישקייט.

● נכנס יין יצא שטות — האָט גענומען אַן איבעריקן טראָפּן, רעדט ער פון וועג. (פרץ).

ניחא (ניכע) — אָנגענעם; רעכט.

● אַז אייך איז ליב, איז מיר ניחא (ש"ע).

נ י מ א ס (נימעס) ווערן — זע: נמאס ווערן.

נ י מ א ס ו מ י א ו ס (נימעס אומיעס) ווערן — זע: נמאס ומיאוס ווערן.

דער נ י ס י ו ן (ניסאָיען) — זע: נסיון.

נ י ס ן (ניסן) — דער זיבעטער חודש לויט דעם יידישן לוח (מערץ-אַפּריל); נאָמען פון אַ מאַנצביל.

נ י צ ו ל (ניצל) ווערן — געראַטעוועט ווערן.

● מיר זענען ניצול געוואָרן פון אַ גרויסן אומגליק (ש״ע).

דער נ י צ ו ץ (ניצעץ) — פונק (אין איבערגעטראָגענעם זין).

● מיר האָבן נישט אין זיך אַ פונק פיעטעט, אַ ניצוץ פון פאָלקס-גע-טריישאַפט (מ. נאַדיר).

נ י צ ח ו ן—נ י צ ח ו נ ו ת (ניצאָכן-ניצכוי-נעס) — זיג; דאָס אויספירן.

דער נ י ק ו ד (ניקעד) — פונקטואַציע (אין העברעיש).

● אַ פאַלשער ניקוד (פונקטואַציע) האָט אים געקאָנט אויפרעגן (ברייגין).

נ י ש ק ש ה (נישקאָשע)—נישט שלעכט.

● איך האָב נישקשה ברייטע פלייצעס (א. שטיינבאַרג).

נ י ש ק ש ה ד י ק (נישקאָשעדיק) — זע: נישקשה.

דער נ כ ב ד — נ כ ב ד י ם (ניכבעד — ניכבאָדים) — אָנגעזעענער, געאַכטע-טער, חשובער מענטש.

דער נ כ נ ע — נ כ נ ע י ם (ניכנע — ניכנאָאים) — אונטערטעניקער, אונ-טערגעוואָרפענער.

די נ כ פ ה (ניכפע) — קרענק; גרימ-צאָרן, כעס.

● [ער] האָט געפילט, ווי די נכפה עסט אים (אָפּאַטאָשו).

נ כ ר י ם ד ב ר י א מ ת (ניקאָרים דיווריי עמעס) — מען דערקענט די אמתע רייד.

● נכרים דברי אמת: ר׳ לוי יצחק לייקנט נישט (פּרץ).

נ כ ש ל (ניכשל) ווערן — געשטרויכלט ווערן.

● ר׳ זישעלע וויל נישט, אַ ייד זאָל נכשל ווערן דורך דעם, וואָס ער פאַרגעסט (פּרץ).

נ מ א ס (נימעס) ווערן — דעריעסן, אי-בערדריסיק, פאַרמיאוסט ווערן.

● קרעפּלעך עסן קאָן אויך נמאס ווערן (ש״ע).

נ מ א ס ו מ י א ו ס (נימעס אומיעס) ווערן — שטאַרק פאַרהאַסט ווערן.

● זינט ער איז אַוועקגעשטאָרבן, איז מיר נמאס ומיאוס געוואָרן דאָס לעבן (ש״ע).

נ מ ר ו ד (נימרעד) — ביבל-פּערסאָנאַזש; לויט דער לעגענדע באַגרינדער פון בבל, גרויסער יעגער. פון נמרודס ציטן — פון אַלטע צייטן.

● שטייט פון נמרודס אַלטע צייטן אַ גרויסער... טורעם (אַנ-סקי).

דער נ מ ש ל (נימשל) — די סענטענץ, מאָראַל פון אַ משל; די זאַך, וואָס ווערט פאַרגליכן.

● דער נמשל שווימט אַליין אַרויס (פּרץ). דער משל איז נישט גלייך צום נמשל (ש״ע).

דער נ ס — נ ס י ם (נעס — ניסים) — וווּנדער, איבערנאַטירלעכע דערשיי-נונג.

● אויף נסים טאָר מען זיך נישט פאַר-לאָזן (שפּריכוואָרט).

דער נס בתוך נס (נעס בעטאָך נעס) — אַ וווּנדער אין אַ וווּנדער.
● אַ נס בתוך נס, וואָס יידישע קינדער זענען אַזוי אויסגעהאַלטן (פּרץ).

דער נס מן השמים (נעס מין האַשאָמאַים) — אַ וווּנדער פון הימל, גרויסער נס.
● אַז איך בין נישט געבליבן אויפן אָרט, איז טאַקע אַ נס מן השמים (פּרץ).

נסי־נסים (ניסיי־ניסים) — מ״צ — וווּנדער איבער וווּנדער, גרויסע נסים.
● דורך נסי־נסים זיך אַרויסגעראַטעוועט (ב. מייזיל).

דער נסיון — נסיונות (ניסאָיען — ניסיוינעס) — פּרווו, אויספּרווונג.
● אוודאי איז נישט איטלעכער געגוג שטאַרק בייצושטיין דעם נסיון (ממ״ס).

נסים ונפלאות (ניסים ווענִיפלאָעס) — וווּנדער און אויסטערלישקייטן, גרויסע וווּנדער, וווּנדער איבער וווּנדער.
● ער האָט געהאַט צו דערציילן נסים ונפלאות (ש״ע).

די נסיעה — נסיעות (נעסיע — נעסיעס) — רייזע.
● דעמלטדיקע צייטן איז אַ נסיעה קיין לייפּציק געווען מער, ווי היינט אַ נסיעה קיין אַמעריקע (פּרץ).

דער נסך (נעסעך) — נישט כשרער וויין (ביי רעליגיעזע יידן).

נסתלק (ניסטאַלעק) ווערן — אַוועקקומען (פון דער וועלט), שטאַרבן (וועגן אַ רעליגיעזער גרויסער פּערזענלעכקייט גערעדט).
● פּונקט אין דער צייט, ווען דער אַלטער איז נסתלק געוואָרן (ממ״ס).

דער נסתר — נסתרים (ניסטער — ניסטאָרים — פאַרבאָרגענער.
● ער איז פּאָרט געבליבן אַ נסתר פאַרן פּאָלק (ב. מייזיל).

נע־ונד (נאַ־וועגאַד) זיין — וואָגלען, אַרומוואַנדערן.
● ווערן נע־ונד, לאָזן זיך אין דער וועלט אַריין (פּרץ).

דער נע־ונדניק — נע־ונדני־קעס (נאַ־וועגאַדניק — נאַ־וועגאַד־ניקעס) — וואָגלער, וואַנדערער.

די נע־ונדניצע — נע־ונד־ניצעס (נאַ־וועגאַדניצע — נאַ־וועגאַדניצעס) — וואָגלערין, וואַנדערערין.
● די נשמה, די נע־ונדניצע, האָט שוין אַרויסגעצויגן אַ פאַרבלוטיקטע שפּילקע (פּרץ).

די נעילה (ניִלע) — שלוס; שלוס־תפילה (פון יום כפור).

די נעימותדיקייט (נעימעסדיקייט) — אָנגענעמלעכקייט, ליבלעכקייט, זיסקייט.
● אויף זיין פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ נעימותדיקייט, וואָס פאַנגט דאָס האַרץ (ש. ציטראָן).

נעלם (נעלעם) ווערן — פאַרשווינדן, פאַרפאַלן ווערן.
● דער נעמיראָווער פלעגט סליחות־צייט יעדן פרימאָרגן נעלם ווערן, פאַרשווינדן (פּרץ).

נעמי (נאָמע, נוימע) — ביבל פּערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ פרוי.

נענש (נענעש) ווערן — באַשטראָפט ווערן.

דער נפטר — נפטרים (ניפטער — ניפטאָרים) — געשטאָרבענער.

נפטר (ניפטער) ווערן — אַוועקקומען,

שטאַרבן (וועגן אַ פרומען ייד גערעדט).

● מילא אַ ייד איז נפטר געוואָרן — אייביק לעבן, קאָן מען נישט (פרץ),

נ פ ל א ו ת (ניפלאָעס) — מ״צ — וווּנדער; אויסטערלישקייטן.

● פלעגט מען שטענדיק מיר דערציילן פון גן־עדן נאָר נפלאות (אַנ סקי).

דאָס נ פ ל ע (נייפעלע) — טויט קינד, וואָס איז געבוירן געוואָרן פאַר דער צייט. באַצייכענונג פון אַ קערפערלעך שוואַך אַנטוויקלט קינד.

די נ פ ק א ־ מ י נ ה (נאַפקע־מינע) — אונטערשייד.

● וואָס איז דאָ פאַר אַ נפקא־מינה, צי אַ ליטוואַק, צי אַ וואַרשעווער, מיר זענען אַלע יידן (ממ״ס).

דער, דאָס נ פ ש — נ פ ש ו ת (נעפעש — נעפאַשעס) — פאַרשוין, פערזאָן; נשמה.

● איז אָבער דער ייד אַ גראָבער נפש געווען (פרץ).

נ פ ש א ח ת (נעפעש אַכאַס) — איין נשמה, איין ווען.

⊙ געשלאָסן ברודערשאַפט, גאָר נפש אחת (ש״ע).

נ פ ת ל י (נאַפטאָלע) — ביבל־פערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

נ צ ו ל (ניצל) ווערן — געראַטעוועט ווערן. זע: ניצול ווערן.

דער נ צ ח י ש ר א ל (נעצאַך ייסראָעל) — אייביקייט פון יידישן פאָלק; דאָס אייביקע יידישע פאָלק.

⊙ ער גייט זיין אייביקן וועג פון אייביקן זיין, דעם וועג פון נצח ישראל (ש. אַש).

נ צ ח י ש ר א ל ל א י ש ק ר (נעצאַך ייסראָעל לוי יעשאַקער) — די אייביקייט פון יידישן פאָלק וועט נישט פאַרלייקנט ווערן; דאָס יידישע פאָלק וועט לעבן אייביק.

● נצח ישראל לא ישקר! — דאָס יידישע פאָלק וועט נישט אויפהערן צו לעבן (ג. מייזיל).

דער נ צ ח ו ן — נ צ ח ו נ ו ת (ניצאָכן — ניצכוינעס) — זיג; דאָס אויספירן.

דאָס נ צ ח י ו ת (ניצכיעס)—אייביקייט.

דער נ צ ר ך — נ צ ר כ י ם (ניצרעך — ניצראָכים) — באַדערפטיקער, נויטבאַדערפטיקער; אָרעמאַן.

● זיין שטוב איז געווען אָפן פאַר יעדן נויטבאַדערפטיקן, פאַר יעדן נצרך (ש. ציטראָן).

נ צ ר ת (נאַצערעס) — נאָמען פון דער שטאָט אין ארץ־ישראל, ווו עס האָט געלעבט יעזוס קריסטוס.

די נ ק ב ה — נ ק ב ו ת (נעקייווע — נעקייוועס) — פרוי, ווייב, מיידל; ווייבלעך געשלעכט.

⊙ ער וואַרפט אַרויף דעם גאַנצן עול אויף אַ שוואַכער נקבה (מ. בורשטין).

דער נ ק ו ד (ניקעד) — פונקטואַציע (אין העברעיש).

די נ ק ו ד ה — נ ק ו ד ו ת (נעקודע — נעקודעס) — פינטל; פונקט; שריפטצייכן, וואָס באַצייכנט אין העברעיש אַ וואָקאַל; פונקטואַציע־צייכן.

⊙ צו איין ציל שטרעבן אַלע, צו איין נקודה (ג. פרילוצקי). העברעישע ביכלעך פאַר קינדער ווערן געדרוקט מיט נקודות.

נ ק ו ד י ם ו ב ר ו ד י ם (נעקודים אוּוערודים) — געשפרענקלט און געפלעקט; פילפאַרביק.

נקי (נאָקי) זיין — ריין זיין.

● האָט ער זיך אַרומגעקוקט, אַז ער איז נקי, ריין פון געלט (ש"ע).

דער **נקי־כפּימניק** — **נקי־כפּימניקעס** (נעקי־כאַפּאַימניק — נעקי־כאַפּאַימניקעס) — מענטש מיט ריינע הענט (וואָס נעמט נישט קיין כאַבאַר); ערלעכער.

● אַ נקי־כפּימניק, וואָס נעמט נישט (ש"ע).

די **נקמה** — **נקמות** נעקאָמע — נעקאָמעס) — אָפּצאָלונג (פאַר שלעכטס), דאָס אָפּצאָלן (מיט שלעכטס פאַר שלעכטס).

● נקמה איז נישט קיין יידישע זאַך (פּרץ).

נקמה (נעקאָמע) נעמען — אָפּצאָלן יענעם (מיט שלעכטס פאַר שלעכטס).

דער **נר־תּמיד** (נער־טאָמיד) — דאָס אייביקע ליכט; הייליק פייער.

● ברענט זיך אַ לעמפּעלע, אַ נר־תּמידל, שטענדיק ברענט עס זיך (ש. אַש).

דער **נרדף** — **נרדפים** (נירדעף — נירדאָפים) — פאַרפאָלגטער, געיאָגטער.

דער **נשאר** (נישער) — איבערגעבליבענער; איבערבלייבעכץ; קליינער טייל.

● אַ קליין געוואַקסענער ייד, אַ נשאר פון די אַלטע בעלזער (פּרץ). זי האָט בלויז פאַרכאַפּט אַ ברעג פון אָט דעם בליק, אַ קליינעם נשאר (בערגלסאָן).

נשיא — **נשיאים** (נאָסי — נעסיאים) — פּירשט; עלטסטער פון אַ שבט; טיטל פון פאָרזיצער פון די סנהדרין אין דער צייט פון בית־שני; עקסילאַרך; פּרעזידענט.

נשים (נאָשים) — מ"צ — פרויען, ווייבער. זע: אשה.

● סקאָצל קומט! נשים! זעצט אייך (פּרץ).

נשים וטף (נאָשים וועטאַף) — פרויען און קליינע קינדער.

● דאָס זענען געווען מערסטנטיילס נשים וטף, פרויען און קינדער (בערדיטשעווסקי).

נשים צדקניות (נאָשים צידקאָניעס) — מ"צ — פרומע ווייבער, ערלעכע פרויען.

די **נשמה** — **נשמות** (נעשאָמע — נעשאָמעס) — זעל, גייסט.

די **נשמה יתירה** — **נשמות יתירות** (נעשאָמע יעסיירע — נעשאָמעס יעסיירעס) — דערהויבענע זעל, דערהויבענע נשמה.

● די נשמה יתירה — די אידעע — מוז זיין דער תּוך פון זיין לעבן (פּרץ).

נשמה־יתירהדיק (נעשאָמע־יעסיירעדיק) — גייסטיק דערהויבן.

● מיר, נשמה־יתירהדיקע יידן, וועלן איבער אירע חורבות גיין (פּרץ).

דער **נשרף** — **נשרפים** (ניסרעף — ניסראָפים) — אָפּגעברענטער (נאָך אַ שרפה).

נשתּומם (נישטוימעם) ווערן — דערשטוינט, פאַרוווּנדערט ווערן.

נשתּנה (נישטאַנע) ווערן — פאַרענדערט, פאַראַנדערשט ווערן.

● און דאָס קול איז נשתּנה געוואָרן (פּרץ).

נתבּקש (ניסבאַקעש) ווערן — פאַרבעטן ווערן, אַרויסגערופן ווערן (אין הימל אַריין).

● באָנטשע איז נתבקש געוואָרן (פרץ).

נ ת ג ד ל (ניסגאַדל) ווערן — גרויס, דערהויבן ווערן; אויסוואַקסן; אויפגעהאָדעוועט, דערצויגן ווערן.

● ערשט זענען זיי אויסגעוואַקסן און נתגדל געוואָרן (ש״ע). מיין גאַנץ לעבן... בין איך נתגדל געוואָרן אין טונעיאַדעווקע (ממ״ס).

נ ת ג ל ה (ניסגאַלע) ווערן — אַנטפּלעקט ווערן, זיך אַנטפּלעקן.

● נתגלה איז ער ערשט געוואָרן מיט מיט דער צייט און צופעליק (פרץ).

נ ת ן (נאָסן) — נאָמען פון אַמאַנצביל.

נ ת נ ע ן (נאַסענען) — געבן (איראָניש).

● קיין מעות נישט נתנען, איידער מען ווייסט אים, ווער ער איז און וואָס ער איז (ש״ע).

נ ת ע ל ה (ניסאַלע) ווערן — דערהויבן ווערן.

● אַלע זאָלן נתעלה ווערן צו דער העכסטער מדרגה (פרץ).

נ ת ע ש ר (ניסאַשער) ווערן — רייך ווערן, זיך באַרייכערן.

● ער האָט געמאַכט עפּעס אַ דערפינדונג, געהאָפט נתעשר צו ווערן פון אים (זשיטלאָווסקי).

נ ת פ ע ל (ניספּאָעל) ווערן — איבערראַשט ווערן; אַנטציקט ווערן.

● דער עולם איז געווען נתפעל, ממש געלעקט די פינגער (ש״ע).

ס

די ס ב ה — ס ב ו ת (סיבע — סיבעס) — זע: סיבה.

די ס ב י ב ה — ס ב י ב ו ת (סוויווע — סוויוועס) — דער אַרום, אומגעבונג; קרייז (פון מענטשן).

● אַ שטעטל, וואָס ליגט אין דער סביבה פון מאַזעפּעווקע (ש"ע). מיין סביבה, אַלץ אַרום מיר, איז געווען אַלט־מאָדיש (ברייגין).

דער ס ב ל ן — ס ב ל נ י ם (סאַוולען — סאַוולאָנים) — געדולדיקער; מענטש מיט אויסדויער.

דאָס ס ב ל נ ו ת (סאַוולאָנעס) — געדולד; אויסדויער.

● האָבן מיר כּוחות געזאַמלט און באַנוצט אויף סבלנות, אויף אויסהאַלטן (פּרץ).

די ס ב ר ה [ס ב ר א] — ס ב ר ו ת (סווארע — סוואָרעס) — מיינונג, אָננעמונג. בויך־סברה — אומבאַגרינדעטע מיינונג, אויסגעקלערטע זאַך.

● עס איז אַ סברה, אַז ער איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען (ש"ע).

דער ס ג ו ל (סעגל) — שריפט־צייכן (.˙.) אין העברעיש, וואָס באַצייכנט דעם וואָקאַל „ע".

די ס ג ו ל ה — ס ג ו ל ו ת (סגולע — סגולעס) — מיטל, וווּנדער־מיטל.

● צוקער איז אַ סגולה צום הונגער, פאַרשלאָגט דעם אַפּעטיט (ש"ע).

ס ג ו פ י ם (סיגופים) — זע: סיגופים.

דער ס ג י ־ נ ה ו ר (סאַגי־נאָער, סאַגענאָער) — בלינדער (ווערטלעך: דער, וואָס איז פול מיט ליכט). זע: בלשון סגי נהור.

ס ג י ־ נ ה ו ר ד י ק (סאַגינאָערדיק, סאַגענאָערדיק) — בלינד.

● אַ ביסל איז ער סגי־נהורדיק אויף איין אויג (ש"ע).

די ס ג י ־ נ ה ו ר ט ע — ס ג י ־ נ ה ו ר ־ ט ע ס (סאַגענאָערטע — סאַגענאָערטעס) — בלינדע.

● זי וויל נישט האָבן צו טון מיט אַ סגי־נהורטע, דאָס הייסט, מיט אַ בלינדער (ש"ע).

ס ד ו ם (סדאָם) — נאָמען פון אַ שטאָט, וואָס ווערט דערמאָנט אין חומש ווי אַן אָרט, ווו עס האָבן געוווינט פאַרדאָרבענע, שלעכטע מענטשן. באַצייכענונג פון אַ שלעכטער שטאָט.

● לאָזט מיך כאָטש אָנוואַרעמען זיך, ס'איז דאָך ביי אייך אַ סדום, אַפּנים (ש"ע).

דאָס ס ד ו ם ־ ב ע ט ל (סדאָם בעטל) — פּייניקונגס־בעטל, „פּראָקרוסטעס־בעטל". באַצייכענונג פון אַ באַגרענעצטן סכעמאַט, אין וועלכן מען וויל אַלצדינג אַריינפּרעסן.

● אין אַ סדום־בעטל דיך איינפּאַקן (ש. אַש).

ס ד ו ם ו ע מ ו ר ה (סדאָם ווּאַמוירע) — נעמען פון צוויי שטעט, וועלכע זע־

נען, לויטן חומש, געווען פול מיט שלעכטע מענטשן און דערפאַר צעשטערט געוואָרן דורך פעך און שוועבל.

דער סדום-משפט (סדאָם-מישפּעט) — סדום-אורטייל; אומגערעכטער אורטייל, וואָס באַפרייט דעם שולדיקן און באַשטראָפט דעם אומשולדיקן.

דער סידור — סדורים (סידער — סידורים) — זע: סידור.

סדנא דארעא חד הוא (סאַדנאָ דעאַראָ כאַד הו) — „דער פונדאַמענט פון דער ערד איז (אומעטום) דער אייגענער"; אומעטום די אייגענע וועלט.

● דאַכט זיך: סדנא דארעא חד הוא — אומעטום די אייגענע וועלט (פּרץ).

דער סדר — סדרים (סיידער — סעדאָרים) — אָרדענונג; ריי; טראַדיציאָנעלע אָוונט-סעודה אין די ערשטע צוויי נעכט פון פּסח (ביי רעליגיעזע יידן). אָפּריכטן דעם סדור — צערעמאָניעל דורכפירן די טראַדיציאָנעלע אָוונט-סעודה אין די ערשטע צוויי נעכט פון פּסח (ביי רעליגיעזע יידן).

● זיי בויען הייזער מיט אַ פּלאַן, מיט אַ סדר (ממ"ס). געגרייט איז דער סדר מיט מצות און כריין (מ. א. סול).

דער סדר-היום (סיידער-האַיאָם) — טאָג-אָרדענונג.

● מען האָט מיך אויסגעהערט און מען איז אַריבער צום סדר-היום (זשיטלאָווסקי).

דער סדר-העולם (סיידער-האָאוילעם) — וועלט-אָרדענונג; גאַנג, שטייגער פון דער וועלט.

● אַזוי איז דער סדר-העולם פון אייביקע צייטן (ממ"ס).

די סדרה [סדרא] (סעדרע) — קאַפּיטל; טייל פון חומש (וואָס מען לייענט אין איין שבת).

● ס'גייט ביי זיי אַ סדרה דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן (ש"ע).

סדרן (טיידערן, סאַדערן) — ברענגען אין אָרדענונג, איינפירן אַ סדר.

● גאַנצע מאָנאָלאָגן האָבן זיך אויסגעסדרט אין מיין קאָפּ (נאָמבערג).

ס"ה (סאַך-האַקל) — זע: סך-הכל.

סובל (סויוול) — זיין — דולדן, פאַרטראָגן.

● האָט מען אים נישט ליב, מען קאָן אים נישט סובל זיין (ש"ע).

דער סוג (סוג) — סאָרט, אַרט, קאַטעגאָריע.

● די פראַגע געהער צו גאָר אַן אַנדער סוג פון פּראָבלעמען.

די סוגיא (סוגיה) — **סוגיות** — (סוגיע — סוגיעס) — (תלמודישע) אָפּהאַנדלונג. אַ שווערע סוגיא — שווערע פראַגע; שווער פּראָבלעם; שווערע שטעל אין תלמוד.

● אָפטמאָל פלעגן מיר אַרומרעדן אַ האַרבע סוגיא (נ. מייזיל).

דער סוד — סודות (סאָד — סוידעס) — געהיימניש, סעקרעט, פאַרטרויליכס.

● ס'איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד (פאָלקסווערטל).

סודות התורה (סוידעס-האַטוירע) — מ"צ — פאַרבאָרגענישן פון דער תורה.

● מיט די אייגענע אותיות שרייבט מען סודות התורה (פּרץ).

סודותדיק (סוידעסדיק) — פאַרטרוילעך, שטילערהייט, געהיימנישפול.

● ער האָט דערביי געמאַכט אַזאַ סודותדיקע מינע (ז. ווייספער).

זיך **סודען** (סוידען) — זיך שושקען, שעפּטשען; רעדן שטיל, פאַרטרוילעך.

● זי שושקעט זיך מיט איר און סודעט זיך אַ גאַנצן טאָג (ש"ע).

דער **סוחר — סוחרים** (סויכער — סאָכרים) — הענדלער.

● איטלעכער סוחר לויבט זיין סחורה (פאָלקסווערטל).

דאָס **סוחרות** (סאָכרעס) — זע: סוחרעריי.

די, דאָס **סוחרעריי** (סאָכרעריי) — האַנדל, דאָס האַנדלען.

די **סוטה — סוטות** (סויטע — סויטעס) — פאַרדעכטיקע פרוי אין נישט־געטריישאַפט צום מאַן.

די **סוכה — סוכות** (סוקע — סוקעס) — ביידל, געצעלט (וואָס רעליגיעזע יידן שטעלן אויף אויף די אַכט טעג פונעם יום־טוב סוכות).

סוכות (סוקעס) — מ"צ — נאָמען פונעם יום־טוב, וואָס הייבט זיך אָן דעם 15־טן תשרי.

די **סוכנות** (סאָכנוס) — אַגענטור, אַגענץ. באַצייכענונג פון דער יידישער אַגענץ אין ארץ ישראל.

זיך **סומך** (סוימעך) זיין — זיך פאַרלאָזן, זיך שטיצן, זיך אָנשפּאַרן.

● ער איז אַן אויטאָריטעט, מען קאָן זיך אויף אים סומך זיין.

דער **סוס — סוסים** (סוס — סוסים) — פערד (פאַרגרעסערונגס־אויסדרוק, אויך איראָניש באַנוצט).

● פערדלעך, סוסים איינס און איינס (ש"ע).

דער **סוף** (סאָף) — שלוס, ענדע.

● אַז דער סוף איז גוט, איז אַלץ גוט (פאָלקסווערטל).

סוף גנב לתליה (סאָף גאַנעוו לימליע) — אויפן גנב וואַרט די תליה.

סוף־כל־סוף (סאָף־קאָל־סאָף) — שליסלעך, צום סאַמע שלוס.

דער **סופר — סופרים** (סויפער — סאָפרים) — שרייבער, שריפטשטעלער; רעליגיעזער שרייבער (פון מזוזות, ספרים, תפילין).

דער **סופר מהיר** (סויפער מאָהיר) — פלינקער, געניטער שרייבער.

● קיין סופר מהיר אין העברעיש בין איך קיינמאָל נישט געווען (זשיטלאָווסקי).

(זיך) **סותר** (סויסער) זיין — זיין אין ווידערשפרוך, אין קעגנזאַץ צו..., אין ווידעראַנאַנד; (זיך) קעגנזייטיק אויסשליסן.

● איך געפין אין אים זאַכן, וואָס זענען סותר איינס דאָס אַנדערע (ממ"ס).

די **סחורה — סחורות** (סכוירע — סכוירעס) — האַנדלס־קעגנשטאַנד, האַנדלס־אָביעקט, זאַך מיט וואָס מען האַנדלט; שטאָף.

● גוטע סחורה לויבט זיך אַליין (פאָלקסווערטל).

די **סטרא־אחרא** (סיטרע־אַכרע) — „די אַנדערע זייט"; טייוול, בייזע קראַפט, אומריינער כוח; שטן.

● די סטרא־אחרא וויל מיך אָפּרייסן פון דער אמונה (ברייינין).

סטרא־אחראדיק (סיטרע־אַכרעדיק) — טייוולאָניש.

● מיט דער הילף פון סטרא־אחראדי־קע מיסטישע כוחות (ש. אַש).

די ס י ב ה — ס י ב ו ת (סיבע—סיבעס) — אורזאַך ; מאָטיוו, טעם ; שטערונג, צופאַל.

● ניִשט פרעגט מיך די סיבה, פאַרוואָס איך זע אויס אַזוי בלאַס (ראַסקין). עס האָט זיך געטראָפן אַ סיבה (ש״ע).

ס י ג ו פ י ם (סיגופים)—מ״צ—זעלבסטפייניקונגען.

דער ס י ד ו ר — ס י ד ו ר י ם (סידער — סידורים) — יידיש תפילה־בוך ; זאַמלונג פון תפילות צום דאַווענען (אין דער וואָכן און שבת).

דער ס י ו ם (סיעם) — שלוס, אָפּשלוס, פאַרענדיקונג ; שלוס־פייערונג (באַזוגדער ביים פאַרענדיקן פון לערנען).

● אונדזער שול האָט געפייערט דעם סיום פון לערן־יאָר.

דער ס י ו ו ן, ס י ו ן (סיוון) — דער ניינטער חודש לויטן יידישן לוח (מאַי־יוני).

דער ס י כ ס ו ך — ס י כ ס ו כ י ם סיכסעך — סיכסוכים) — זע : סכסוך.

דער ס י ל ו ק (סילעק) — אָפּצאָל, דעקונג, באַצייכענונג פון אַן איינגעלייגטן נדן.

● אַ חשבון — אַ האַלבער סילוק (ש״ע).

ס י ל ו ק ן (סילעקן) — אָפּצאָלן, דעקן אַ חוב ; איינלייגן דעם נדן.

● דעם נדן וועט דער טאַטע דיינער סילוקן (ממ״ס).

דער ס י מ ן — ס י מ נ י ם (סימען — סימאָנים) — צייכן ; שפּור ; באַווייז.

● דאָס איז דאָך געוויס אַ גוטער סימן (ממ״ס). דו ביסט בייז, אַ סימן — ביסט אומגערעכט (פּרץ).

דער ס י מ ן ט ו ב (סימען טאָוו) — גוטער סימן, גוטער צייכן.

● צו לאַנגע יאָר! אַ סימן טוב (ש״ע).

דער ס י מ ן מ ו ב ה ק — ס י מ נ י ם מ ו ב ה ק י ם (סימען מוּוהעק — סימאָנים מוּוהאָקים) — קלאָרער סימן ; דייטלעכער צייכן.

ס י נ י (סינאַי) — נאָמען פון באַרג (אויפן האַלב־אינדזל סיני), אויף וועלכן די יידן האָבן, לויט דעם חומש, באַקומען די תורה; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

ס י נ י ד י ק (סינײדיק) — וואָס שטאַמט פון באַרג סיני ; טראַדיציאָנעל.

● ער וויל זיך דערמאָנען אַ חנישע זאַך, אַ סינידיקס (פּרץ).

דער ס י פ ו ר — ס י פ ו ר י ם (סיפּער— סיפּורים) — דערציילונג.

● איך האָב דעמאָלט געשריבן מיין ערשטן סיפור (דינעזאָן).

דער ס י פ ו ר ־ ה מ ע ש ה (סיפּור־האַמייסע) — (אינהאַלט פון דער דערציילונג, געשיכטע.

● אַ סיפור־המעשה, וואָס איז געדרוקט ערגעץ אין אַ בלאַט (ש״ע).

דער ס י פ ו ר ־ נ פ ל א — ס י פ ו ר י ־ נ פ ל א ו ת (סיפּער־ניפלע — סיפּוריי־ניפלאָעס) — וווּנדערבאַרע, וווּנדערלעכע דערציילונגען.

ס י פ ו ר י ־ מ ע ש י ו ת (סיפּוריי־מייסעס) — (פאַנטאַסטישע) געשיכטן, דערציילונגען.

דער ס י ר ־ ה ב ש ר (סיר־האַבאָסער) — טאָפּ מיט פלייש.

די ס י ר כ א — ס י ר כ ו ת (סירכע — סירכעס) — צונויפוואַקסונג פון די

לונגען, אָנוווּקס אויף דער לונג ביי אַ בהמה. באַצייכענונג פון אַ פעלער.

● דאָס געשמאַקסטע שטיקל פלייש איז פון אַזאַ בהמה, אויף וועלכער ס'איז געווען אַ סירכא (ש"ע).

אַ ס ך (סאַך) — פיל; גרעסערע צאָל.

ס ך - ה כ ל (סאַך-האַקל, ס(אַ)כאַקל) — איינגעם, צוזאַמען, אַרום און אַרום.

● מיר זענען געווען סך-הכל צוויי פאַרשוין (ש"ע).

דער ס ך - ה כ ל — ס ך - ה כ ל ע ן — (סאַך-האַקל — סאַך-האַקלען) — סומע, רעזומע, אונטערשטע שורה; בילאַנס.

● געשלאָסן דאָס בוך, דער סך-הכל געמאַכט (יהואש).

דער ס כ ו ם — ס כ ו מ י ם (סכום — סכומים) — סומע, צאָל.

דער ס כ ו ם ה כ ו ל ל (סכום האַקוי-לעל) — אַלגעמיינע סומע; אַלגעמיי-נע צאָל.

דער ס כ ך (סכאַך) — דאַך-באַדעקונג פון געוויקסן-שטענגלעך (וואַסער-גראָז, טראָסט, יאָדלע-צווייגלען, פאַפשויען-שטענגלעך אדג"ל) אויף דער סוכה.

● האָט די סוכה שוין אַ דאַך — פרישן, גרינעם יאָדלע-סכך (יאָנאַס).

די ס כ נ ה — ס כ נ ו ת (סאַקאָנע [סע-קאָנע] — סאַקאָנעס) — געפאַר, לעבנס-געפאַר; ס'איז סכנות—ס'איז שרעקלעך.

● זי איז געשטאַנען אין אַ סכנה דער-הרגעט צו ווערן (ש"ע).

ס כ נ ה ד י ק (סאַקאָנעדיק, סעקאָנע-דיק) — געפערלעך; שרעקלעך.

● זי שאָקלט סכנהדיק מיטן קאָפּ און פאַרבערעכט מיט די הענט (מ. בורשטין).

ס כ נ ת - נ פ ש ו ת (סאַקאָנעס (סעקאָ-נעס) נעפאָשעס) — לעבנס געפערלעך, גאָר געפערלעך, גאָר שרעקלעך.

● אַ שטורעם-ווינט, עס ווערט סכנת-נפשות (פרץ). עס ציט מיך אַהין סכנת-נפשות (ש"ע).

ס כ נ ת ד י ק (סאַקאָנעסדיק, סעקאָנעס-דיק) — געפערלעך; שרעקלעך.

● ער זאָל קאָנען ביישטיין אַקעגן דער סכנתדיקער קאָנקורענץ (ש"ע).

דער ס כ ס ו ך — ס כ ס ו כ י ם (סיכ-סעך — סיכסוכים) — שטרייט; קאָנ-פליקט.

● די סכסוכים קאָנט איר איצט אויס-גלייכן (י. קאַציק).

ס ל ו ק ן (סילעקן) — זע: סילוקן.

די ס ל י ח ה — ס ל י ח ו ת (סליכע — סליכעס) — „פאַרגעבונג". (זאַמלונג פון) תפילות, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן אין די לעצטע טעג פונעם חודש אלול און צווישן ראש-השנה און יום-כפור.

● אָפט רייסט זיך אַרויס אַ געשריי פון סליחות (פרץ).

ס ל י ח ה ו מ ח י ל ה (סליכע אומע-כילע) — אַנטשולדיקונג און פאַר-געבונג.

● איך בעט ביי דיר סליחה ומחילה אויף דעם (פרץ).

ס ל י ח ה נ ע ן (סליכענען) — באַצייכע-נונג פון דעבונצירן, פון מסרן עמעצן.

ס ל י ח ו ת (סליכעס) — מ"צ — זע: סליחה.

ס ל ק א ד ע ת ך ? (סאַלקאָ דייטאַך) — ווי קומט עס דיר גאָר אויפן גע-דאַנק ? ווי פאַלט עס דיר גאָר איין ?

● סלקא דעתך ? ווער זאָגט: ניין ? (פרץ).

דער ס ם (סאַם) — גיפט.

דער ס״ם (סאַם) — פאַרקירצונג פונעם וואָרט סמאל (ז״ד).

דער ס ם - ה מ ו ת (סאַם-האַמאָוועס) — געפערלעך גיפט, טויט-גיפט; ביטער-קייט, ביטערניש.

● קרימט אים איבער דער בעל-הבית מיט סם-המות (ש״ע).

ס מ א ל (סאַמאָעל) — נאָמען פון דעם עלטסטן פון די טייוולאָנים (אין דער מיסטישער ליטעראַטור).

דער ס מ ב ט י ו ן (סאַמבאַטיען) - לע-גענדאַרער טייך, וואָס טיילט אָפּ דאָס לאַנד פון די פאַרלוירענע צען יידישע שבטים (די „רויטע יידלעך״) און וואָס וואַרפט אַ גאַנצע וואָך אַרויס שטיינער, און נאָר שבת בלייבט ער שטיל. באַצייכענונג פון אַן אומרויק קינד.

● ער רוט נישט ווי דער סמבטיון (פאָלקסווערטל).

די ס מ י כ ה (סמיכע) — אַטעסטאַציע, דיפּלאָמירונג (אויף רב).

● אייזערנע קעפּ, וואָס האַלטן שוין ביי באַקומען סמיכה (ז. שניאור).

דאָס ס מ י כ ו ת (סמיכעס) אַטעסטאַציע, דיפּלאָמירונג (אויף רב); צוזאַמענהאַנג.

דאָס ס מ י כ ו ת - ה פ ר ש ה (סמיכעס-האַפּאַרשע) — זע: סמיכות-הפרשיות.

דאָס ס מ י כ ו ת - ה פ ר ש י ו ת (סמי-כעס-האַפּאַרשעס) — קאַפּיטלען-צוזאַ-מענהאַנג, אָנגעהעריקייט, צוזאַמענ-האַנג, שייכות.

● אַ סמיכות הפרשיות! וואָס געהער זיך עס אָן מיט געאָגראַפיע? (ש״ע).

אויפן ס מ ך (סמאַך) — אויפן גרונט, אויפן יסוד; זיך שטיצנדיק אויף...

● די טעקסטן האָט ער צונויפגעשטעלט אויפן סמך פון די פאַרשידענע וואַ-ריאַנטן (נ. מייזיל).

די ס מ ך (סאַמעך) — דאָס פופצנטע אות (ס) פונעם אַלף-בית.

ס מ ך - מ ם (סאַמעך-מעם) — די ערשטע צוויי אותיות פון סמאל (ז״ד). באַ-צייכענונג פונעם עלטסטן פון די טייוולאָנים.

● ער קאָן אַרויסרופן נישט-גוטע, אַפילו דעם סמך-מם (אַב טקי).

דער ס מ ן — ס מ נ י ם (סימאָן — סי-מאָנים) — זע: סימן.

(זיך) ס מ ע ן (סאַמען)—(זיך) פאַרגיפטן.

דער ס נ ד ק (סאַנדעק) — דער, וואָס האַלט דאָס קינד אויפן ברית ביים יידישן (ביי רעליגיעזע יידן).

דאָס ס נ ד ק א ו ת (סאַנדעקאָעס) — די פונקציע פון אַ סנדק, דאָס האַלטן דאָס קינד ביים ברית (ביי רעליגיעזע יידן).

דער ס נ ה (סנע) — ברענענדיקער דאָרן (אין וועלכן גאָט האָט זיך באַוויזן, לויטן חומש, צו משהן).

● דער סנה האָט געברענט און איז נישט פאַרברענט געוואָרן.

די, דער ס נ ה ד ר י ן (סאַנעדרין) — העכסטע יידישע געריכט- און פאַר-וואַלטונג-אינסטאַנץ אין דער צייט פון בית-שני; רבנים פאַרזאַמלונג, צונויפ-גערופן אין פראַנקרייך דורך נאַ-פּאָלעאָנען דעם 1 אין יאָר 1807.

די ס נ ה ד ר י ן ג ד ו ל ה (סאַנעדרין גדוילע)—גרויסע(ר) סנהדרין, באַשטאַ-נען פון 71 מיטגלידער.

די ס נ ה ד ר י ן ק ט נ ה (סאַנעדרין קטאַנע)—קליינע(ר) סנהדרין, באַשטאַ-נען פון 23 מיטגלידער.

דער סניגור (סאַנייגער) — פאַרטיידיקער; גוטער מלאך, וואָס פאַרטיידיקט דעם מענטש פאַרן הימלישן געריכט, לויט דער רעליגיעז-מיסטישער פאַרשטעלונג.

● שיט דער סניגור פון שניי-ווייסן זעקל אויף דער וואָג-שאָל פון דער רעכטער זייט (פּרץ).

סעדיה (סאַדיע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

סעדיה (ה) גאון (סאַדיע (האַ)גאָען) — נאָמען פונעם יידישן רעליגיעזן דענקער און שרייבער אין עגיפּטן און בבל (892—942).

די סעודה — סעודות (סודע — סודעס) — פייערלעכער מאָלצייט.

● האָבן מיר אַ סעודה, עסט מען און מען טרינקט (פאָלקסליד).

די סעודה גדולה (סודע גדוילע) — גרויסער מאָלצייט.

די סעודת-הבראה — סעודות-הבראה (סודאַס-האַווראָע — סודעס-האַווראָע) — טרויער-מאָלצייט, מאָלצייט פאַרן אבל נאָך דער קבורה.

די סעודת-מצוה — סעודות-מצוה (סודאַס-מיצווע — סודעס-מיצווע) — מצווה-מאָלצייט, פרייידיקער מאָלצייט (אויף אַ חתונה, ברית אדג״ל).

● עס וועלן דעריבער זייבּיק זיין חתונות און גטן, בריתן און לויות, סעודות-מצוה און סעודות-הבראה (פּרץ).

דער סעיף — סעיפים (סײַף — סײַפים) — פּאַראַגראַף.

דער ספור — ספורים (סיפּער — סיפּורים) — זע: סיפּור.

דער ספור-המעשה (סיפּער-האַמייסע) — זע: סיפּור-המעשה.

דאָס ספיקות (ספייקעס) — צווייפל.

I **די ספירה** (ספירע) — „ציילונג". באַצייכענונג פון די זיבן וואָכן פון צווייטן טאָג פּסח ביז שבועות; טרויער-צייט.

● עס איז ספירה-צייט, דער ייד איז איצט פאַרטרויערט (ש. אַש).

II **די ספירה — ספירות** (ספירע — ספירעס) — „צאָל" — איינע פון די צען געטלעכע אייגנשאַפטן און שעפערישע כוחות, לויט דער יידישער מיסטישער פאַרשטעלונג; הימלישע ספערע.

● עס קלאָגן אַלע צען ספירות (אַנ-סקי).

דער ספק — ספקות, (סאָפעק — ספייקעס) — צווייפל.

● אַז ער איז געבוירן געוואָרן צו זיין אַ שרייבער — אין דעם איז קיין ספק נישט געווען (ש״ע).

דאָס ספקות (ספייקעס) — צווייפל.

דער ספר—ספרים (סייפער—ספאָרים) — בוך; יידיש רעליגיעז בוך; תורה.

דער ספר הזכרונות (סייפער-האַזיכרוינעס) — געדענק-בוך; כראָניק.

● ער פאַרשרייבט אין ספר הזכרונות, וואָס עס איז געשען (ש. ציטראָן).

דער ספר החיים (סייפער האַכאַיים) — בוך פון לעבן.

● נישט געלונגען איז דעם שונא אָפּצומעקן אונדזער נאָמען פון ספר-החיים.

דער ספר החתום (סייפער האַכאָסום) — פאַרשלאָסן בוך, נישט-פאַרשטענדלעכע שריפט, „בריוו מיט זיבן זיגלען".

דער בריוו איז פֿאַר מיר געווען אַ ספר-החתום, אַ רעטעניש (ש״ע).

די ספר-תורה—ספר-תורהס [ספרי-תורות], ספרי-תורה (סייפער טוירע—סייפער-טוירעס, סיפריי-טוירע) רייניקייט, די תורה געשריבן אויף פּאַרמעט, תורה-בוך.

ספרד (ספאַראַד) — שפּאַניע (אויך פּאָרטוגאַל).

דער ספרד (ספאַרד) — זע: ספרדי.

דער ספרדי — ספרדים (ספאַר-די — ספאַרדים) ייד, וואָס שטאַמט פון שפּאַניע אָדער פּאָרטוגאַל.

ספרדיש (ספאַרדיש) אויפן שטייגער פון די ספרדים; שפּאַניאַליש.

ספרים הקדושים (ספאָרים הא-קדוישים)—הייליקע ביכער, הייליקע ספרים.

● [זי] איז געווען אַ גרויסע בקיאה אין די ספרים הקדושים אויף עברי-טייטש (פּרץ).

ספרים חצונים (ספאָרים כיצוי-נים)—אַפּאָקריפן און פּסעוודעפּיגראַפן, ביכער וואָס זענען נישט אַריינגענו-מען געוואָרן אין תנ״ך. באַצייכענונג פון נישט-רעליגיעזע ביכער, פון וועלטלעכער ליטעראַטור.

● עס האָט אים געצויגן צו בילדונג, צו לייענען ספרים חצונים (י. קאַטיק).

דער סרחן — סרחנים (סאַרכן—סאַרכאָנים) — זינדיקער; שטינקער.

סרחנען (סאַרכענען) — זינדיקן שטינקען.

דער סריס — סריסים (סאָריס—סאָריסים) — געשלעכטלאָזער מאַנצביל, קאַסטרירטער.

די סרכא — סרכות (סירכע — סירכעס) — זע: סירכא.

דער סרסור—סרסורים; סרסר סרסרים (סאַרסער—סאַרסוירים) — מעקלער.

● מאַכט מען אים פֿאַר אַ סרסור, נאָרט ער אָפּ ביידע צדדים (פּרץ).

דאָס סתימת הגולל (סטימאַס האַגוילעל)—דאָס פאַרשיטן דעם גרוב, דאָס צודעקן דעם קבר.

● נאָך סתימת הגולל, דער יתום זאָגט קדיש (פּרץ).

די סתירה — סתירות (סטירע — סטירעס) — ווידערשפּרוך, ווידער-אַנאַנד, קעגנזאַץ.

● דער אַרטיקל איז נישט ריין פון סתירות, ווידעראַנאַנדן (נ. מייזיל).

סתם (סטאַם) — אַזוי-זיך, וואָס עס איז, פּראָסט-פּשוט; אומבאַשטימט.

● איך רעד פון סתם אַ קיך מיט אַן אויוון (ש״ע).

סתרי-תורה (סיסריי טוירע) פאַר-באָרגנקייטן, טיפענישן פון דער תורה.

● זיינע ווערק זענען סתרי-תורה, מען פאַרשטייט זיי נישט (נ. מייזיל).

ע

דער עבד־כנעני (עוועד־קנייני [קנאַאַני]) — כנענישער קנעכט, שקלאַף, פּאַרקויפטער מענטש.

● איך בין קיינמאָל קיין עבד־כנעני נישט צו דעם, וואָס איך האָב געזאָגט, געשריבן און אפילו געדרוקט (פּרץ).

עבדים היינו (אַוואָדים האָיִנו) — „קנעכט זענען מיר געווען" — אַן ענטפער אויף די פיר קשיות פון דער הגדה אויף פּסח (ז"ד).

● איך האָב מיך דערמאָנט: „עבדים היינו" (פּרץ).

די עבודה (אַווידע) — קולט; גאָטעס־דינסט; הייליקע אַרבעט.

● דאָס איז נישט געווען גלאַט אַזוי געשפּילט, געקרימפּלט, דאָס איז געווען אַ מין עבודה, אַ גאָטעס־דינסט (ש"ע).

די עבודה־בזויה — עבודות בזויות (אַווידע בזויע — אַווידעס בזויעס) — עקלדיקע, מיאוסע אַרבעט.

די עבודה זרה — עבודה־זרהס, עבודה־זרות (אַווידע־זאָרע — אַווידע־זאָרעס) — געצן־דינעריי, דינסט צו פרעמדע געטער.

● ער האָט אויסגעדינט אַלע עבודה־זרהס אין דער וועלט (בערדיטשעווסקי).

דאָס עבודת־הבורא (אַווידאַס־האַבוירע) — גאָטעס־דינסט; דאָס דאַווענען; הייליקע אַרבעט.

● דאָס איז נישט געווען קיין טאַנצן, דאָס איז געווען אַ מין עבודת־הבורא, אַ גאָטעס־דינסט (ש"ע).

דאָס עבודת־פרך (אַווידעס פּערעך) — אויסמאַטערנדיקע, שווערע אַרבעט.

● עבודת פרך האָט ער געאַרבעט... האַלדז פלעגט ער האַקן, וואַסער טראָגן... (פּרץ).

די עבירה — עבירות (אַווירע — אַווייִרעס; נעווירע — נעווייִרעס) — זינד; פאַרברעכן, חטא.

● אַ קאַלטער פרימאָרגן, אַן עבירה אַ הונט אַרויסצולאָזן אויף דער גאַס (ש"ע).

עבירות שבין אדם לחברו (אַווייִרעס שעבייִן אָדאָם לאַכאַווייִרוי) — פאַרזינדיקונג פון מענטש צו מענטש, זינד קעגן מענטשן.

עבירות שבין אדם למקום (אַווייִרעס שעבייִן אָדאָם לאַמאָקוים) — „זינד פון מענטש אַקעגן גאָט"; זינד קעגן גאָט.

● אמת, רבי, יום־כפור איז נאָר מכפר אויף עבירות שבין אדם למקום, און עבירות שבין אדם לחברו — נישט? (פּרץ).

דער עבר (אָווער) — פאַרגאַנגענהייט, פריערדיקע צייט. קעגנזאַץ: עתיד.

● לאָזט זיך אויף ביידע וועגן, וויל זיך אָפּטרייסלען פונעם לאַסט (נ. מייזיל).

עבֿרדיק (אָוועדיק) — פריערדיק, פֿאַרגאַנגען.

○ מיין זיידע האָט דערציילט פון עבֿרדיקע דורות (יהואש).

עבֿר ובֿטל (אָוועראובאָטל) געוואָרן — אויסגעוועפט געוואָרן, אָפּגעלעבט, אָפּגעפּאָרן. זע: עובֿר בטל ווערן.

● די כּוחות זענען אים אויסגעגאַנגען... עבֿר ובֿטל איז ער געוואָרן (פּרץ).

עבֿר זמן (אָוועדזמאַן) — אַוועק די צייט, פֿאַריבער, פֿאַרביי, צו שפּעט.

● זיי מיִען זיך אויפצוטאָן אַזוינע זאַכן, וואָס ס'איז שוין לאַנג עבֿר זמן (ממ"ס).

עבֿר זמנו — בטל קרבּנו (אָוואַר זמאַנוי—באָטייל קאָרבּאָנוי) — „פֿאַריבער די צייט — פֿאַרפֿאַלן זיין קרבּן", אַדורך די צייט — שוין פֿאַרפֿאַלן.

די **עבֿרה — עבֿרות** (אַוויירע — אַוויירעס; נעוויירע — נעוויירעס) — זע: עבֿירה.

עבֿרי (איוורע) —העבֿרעיִשער טעקסט (אין סידור); דאָס דאַוונען; דאָס עלעמענטאַרע לייענען (אין העבֿרעיִש).

● ער איז אַ ביסל געכאַפּט אויף דער עבֿרי (ש"ע).

עבֿרי־טייטש (איוורע־טייטש) — אַלטע באַצייכענונג פֿון יידיש; פֿאַרטייטשטער העבֿרעיִשער טעקסט (אויף יידיש).

● ער זאָגט שוין עבֿרי־טייטש ווי אַ וואַסער (פּרץ).

דער **עגול** (איגל) — זע: עיגול.

די **עגונה — עגונות** (אַגונע — אַגונעס) — פֿרוי, וועמענס מאַן איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן; פֿאַרלאָזטע.

○ ער וועט לאָזן זי נאָך אַן עגונה (א. שטיינבאַרג).

דער **עגל** (אייגל) — קאַלבֿ; אָפּגאָט אין געשטאַלט פֿון אַ גילדענעם קאַלבֿ, וואָס יידן האָבן געמאַכט אין דער מדבּר.

● אַרום דעם גאָלדענעם עגל גלייך מיט אַלע געטאַנצט? (פּרץ).

דער **עגל הזהבֿ** (אייגל האַזאָהאָוו) -- גאָלדן קאַלבֿ; אָפּגאָט פֿון גאָלד.

די **עגלה — עגלות** (אַגאָלע — אַגאָלעס) — וואָגן. באַצייכענונג פֿון דעם וואָגן, מיט וועלכן מען פֿירט איבער אַ געשטאָרבענעם אויפֿן בית־עולם.

די **עגלה ערופֿה** (עגלע אַרופֿע) —אַ קאַלבֿ, וואָס איז געוואָרן געטויט אָנשטאָט אַ מענטשן (אויבֿ מען האָט אין פֿעלד געפֿונען אַ דערהרגעטן מענטש און נישט געכאַפּט דעם מערדער). ער האָט אַ קול ווי אַן עגלה ערופֿה—ער האָט אַ קול, וואָס גרילצט אין די אויערן, אַ דומפּיק קול.

דאָס **עגמת־נפֿש** (אַגמאַס־נעפֿעש) — קרענקונג, האַרצקלעמעניש, האַרצווייטיק, ערגערונג, צער.

● איך האָבֿ איר אוודאי עגמת־נפֿש פֿאַרשאַפֿט (נאָמבערג).

דער **עד — עדים** (אייד — איידים) — עדות־זאָגער, דער וואָס גיט ציייגנשאַפֿט, וואָס באַשטעטיקט פֿאַרן געריכט פֿאַקטן. זע: עדות.

● מען האָט אויסגעהערט דעם לעצטן עד (פּרץ).

עד־בלי־די (אַד־בּעלי דאַי)—איבערגענוג; אָן אויפֿהער.

עד גמירא (אַד געמירע) — ביז צום ענדיקן, ביז צום סוף.

ע

● און אַזוי גייט שוין דער שחרית עד גמירא (פּרץ).

עד היום (אַד־האַיעם) — ביז היינט, ביזן היינטיקן טאָג.

● דאָס ווייס איך נאָך נישט עד־היום (פּרץ).

עד היום הזה (אַד האַיאָם האַזע) — ביזן היינטיקן טאָג.

● זיי צייכענען זיך אויס מיט זייער שיין־שרייבן עד היום הזה (ש״ע).

עד חצי המלכות (אַד כאַצי האַמאַלכוס) — ביז אַ העלפט פון דעם קעניגרייך; זייער אַ סך.

● און ווילסט עפּעס טון פון מייַנעט־וועגן? — עד חצי המלכות (פּרץ).

עד חרמה (אַד כאָרמע) — ביז צו פאַרניכטונג.

● מיר וועלן שלאָגן די „פּלשתים" עד חרמה, מאַכן פון זיי אַ תל (ש״ע).

עד יום פטירתו (אַד יאָם פּטי־ראָסוי) — ביזן טאָג פון זיין שטאַרבן.

● ליבשאַפט אין די אויגן האָט ער געהאַט עד יום פטירתו (פּרץ).

עד יעבור זעם (אַד יאַאַוויר זאַאַם) — ביז עס וועט דורך דער צאָרן, ביז עס וועט דורך דאָס בייז.

● ער וועט וואַרטן עד יעבור זעם (מ. בורשטין).

עד־כאן (אַד־קאַן) — ביז דאַנען, ביז אַהער; ביז איצט.

● עד־כאן! אָפּגעשטעלט זיך און ווייטער גייט ער נישט (ש. אַש).

עד־כאן אומרים בשבת הגדול (אַד־קאַן אוימרים בעשאַבעס האַגאָדל) — „ביז דאַנען זאָגט מען אום שבת הגדול" — געמיינט: ביז דאַנען, ווייטער וועט עס אַזוי נישט גיין.

עד ככר לחם (אַד קיקאַר לעכעם) — ביז אַ לאַבן ברויט, ביז טרוקן ברויט.

● עד ככר לחם זענען זיי געקומען (פּרץ).

עד לב השמים (אַד לעוו האַשאָמאַיִם) — ביזן הימל אַרויף, ביזן זיבעטן הימל.

● די געשרייען האָבן דערגרייכט עד לב השמים — ביזן זיבעטן הימל אַריין (ש״ע).

עד לחשבון (אַד לעכעשבן) — ביזן אָפּרעכענען.

● צי קאָן מען כאַפּן אַ פּאָר קערבלעך עד לחשבון (ש״ע).

עד לשמים (אַד לאַשאָמאַיִם) — ביזן הימל.

● זי פלעגט אים אויפהויבן עד לשמים (ש. גיטראָן).

עד מפי עד (אייד מעפּי אייד) — געהערט איינער פון צווייטן.

● עד מפי עד, ווי אַזוי עס איז געוועז, דערצייל איך נישט (פּרץ).

עד מתי? (אַד מאָסאַי?) — ביז ווען? ווי לאַנג נאָך?

● בין איך גרייט איינצוטונקען די פעדער אין גאַל און שרייען: גזלנים, עד מתי? (פּרץ).

עד סוף כל הדורות (אַד סאָף קאָל האַדוירעס) — ביז אייביק, ביזן סוף פון אַלע דורות.

● אַזוי וועט עס בלייבן עד סוף כל הדורות (י. י. טרונק).

דער **עד־ראיה** (אייד־רייַע) — דער עדות, וואָס האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען.

די ע ד ה (אײדע) — געמײנדע, קהילה, גרופּע.

● די עדה פֿון טולטשין איז געװען זײַן קינד, זײַן לעבן (ש. אַש).

דער ע ד ו ת — ע ד ו ת (אײדעס — אײדעס) — דער װאָס זאָגט צײַגנשאַפֿט; דער װאָס גיט איבער, װאָס ער האָט געזען אָדער געהערט, דער װאָס באַשטעטיקט פֿאַקטן (פֿאַרן געריכט); דער, װאָס איז אָנװעזנדיק געװען בײַ אַ געװיסער געשעעניש. יאָר־עדות — פֿאַלשער עדות.

● זײ זענען געצײלטע עדות פֿון יענער טראַגישער עפּאָכע (מ. טורקאָװ).

ע ד ו ת (אײדעס) זאָגן — זאָגן צײַגנשאַפֿט, באַשטעטיקן פֿאַקטן (פֿאַרן געריכט); דערצײלן, װאָס מען האָט אַלײן געזען, אָדער געהערט.

● מען זאָגט עדות אַזױ און אַזױ, אַז קײנער נישט, נאָר זי (פּרץ).

די ע ד ו ת ט ע — ע ד ו ת ט ע ס (אײדעסטע — אײדעסטעס) — װײַבלעכע פֿאָרם פֿון עדות (ז״ד).

ע״ה (אָלאָװ (אָלעאָ) האַשאָלעם) — זע: עליו (עליה) השלום.

דער ע ו ב ד מ א ה ב ה (אױװעד מײאַהאַװע) — דער, װאָס דינט (צו גאָט) פֿון ליבשאַפֿט װעגן.

● פֿון הײַנט אָן װעט ער זײַן אַן עובד מאהבה (פּרץ).

די ע ו ב ד א (ע ו ב ד ה) — ע ו ב ד ו ת (אװודע — אװודעס) — טועכץ; אַרבעט; אױפֿגאַבע.

● איר עובדה איז געװען אַכטונג צו געבן אױף די קינדער (ש״ע).

ע ו ב ר (אױװער) זײַן — איבערשרײַטן, איבערטרעטן אַ געזעץ; זינדיקן.

● נישט אײן ייִד האָט געפּרוּװט עובר זײַן אױף דעם פֿאַרבאָט (מ. באַלאַבאַן).

דער ע ו ב ר ־ ב ט ל (אױװער־באָטל) — זע: עובר־בטלניק.

ע ו ב ר ־ ב ט ל (אױװער־באָטל) זײַן — אױסגעװעפּט זײַן; אָפּגעפֿאָרן, צעבראָכן װערן.

● אַן אַלטער מאַן — איז שױן עובר־בטל (ש״ע).

דער ע ו ב ר ־ ב ט ל נ י ק — ע ו ב ר ־ ב ט ל נ י ק ע ס (אױװער־באָטלניק — אױװער־באָטלניקעס) — לײדיקגײער; אױסגעװעפּטער, אָפּגעפֿאָרענער מענטש.

● אַ מנין עובר־בטלניקעס זענען געזעסן אַרום טיש (אָפּאַטאָשו).

ע ו ב ר ל ס ו ח ר (אױװער לאַסױכער) — גאַנגבאַר, װאָס האָט אַ קורס.

● צאָלן מיט אַ ליטװישער װאַלוטע, װאָס איז עובר לסוחר (נ. מײזיל).

ע ו ב ר ק ר י א ת ־ ש מ ע (אױװער קרישמע) זײַן — איבערטרעטן, פֿאַרשפּעטיקן די צײַט פֿון זאָגן די תּפֿילה „שמע" (פֿון לײענען „קריאת־שמע") אין דער פֿרי בײַם דאַװענען (בײַ רעליגיעזע ייִדן). באַצײכענונג פֿון אױפֿשטײן שפּעט.

● זיצט, איר האָט הײַנט אַ ביסל עובר קריאת־שמע געװען (ש״ע).

ע ו ב ר ש ב ו ע ה (אױװער שװוּע) זײַן — ברעכן די שבועה, נישט האַלטן דעם פֿײַערלעכן צוזאָג.

ע ו ג מ ל ך ה ב ש ן (אָג מעלעך האַבאָשן) — עוג, דער קעניג פֿון בשן — ביבלישער פּערסאָנאַזש. באַצײכענונג פֿון זײער אַ הױכן מענטש, פֿון אַ ריז.

● הויך ווי עוג מלך הבשן, כמעט אונטערגעשפּאַרט מיטן קאָפּ דעם בוידעם (ש"ע).

עוד ידם נטויה (אָד יאָדאָם נעטויאָ) — „זייער האַנט איז נאָך אויסגעשטרעקט"; זיי פאַרמעסטן זיך נאָך אויף גרויסע אויפטועך.

● און עוד ידם נטויה, מען פאַרמעסט זיך ערשט אויף ווייטערדיקע אויפטוען (נ. מייזיל).

דער עודף (אוידעף) — איבערבלייבעכץ; דאָס מערערע; רעשט.

● דאָס קאָמפּענסירט מיט אַן עודף דעם אָנוועער (ש. ציטראָן).

די עוולה — עוולות (אַוולע — אַוולעס) — אומרעכט.

● יעדער איינער האָט געפּילט אָט דעם אומרעכט, אָט די שרייענדיקע עוולה (נ. מייזיל).

עוזר (אויזער) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דער עוכר ישראל (אויכער ייסראָעל) — זינדיקער; יידן־פאַרעטער; רשע (ז"ד).

דער עול (אָל) — יאָך; שווערע פליכט.

● געפּטרט אַן עול פון קאָפּ (ש"ע).

דער עול־פּרנסה (אָל־פּאַרנאָסע) — יאָך פון פרנסה (פון פאַרדינען אויף לעבן).

● געהאָרעוועט אינאיינעם און געטראָגן אינאיינעם דעם עול־פּרנסה (בערדיטשעווסקי).

די עולה — עולות (אַוולע — אַוולעס) — זע: עוולה.

דער עולה — עולים (אוילע — אוילים) — איינוואַנדערער (קיין ארץ־ישראל).

עולה (אוילע) זיין — איינוואַנדערן (קיין ארץ־ישראל).

עולה־יפה (אוילע־יאָפע) זיין — געראָטן, זיך איינגעבן.

● דער זיווג איז עולה־יפה געווען, האָבן זיך איינער דעם אַנדערן גוט געפּאַסט (ממ"ס).

עולה לגדולה (אוילע ליגדולע) זיין — דערהויבן ווערן, הויך שטייגן.

● מיין נאַר איז ווידער עולה לגדולה געוואָרן (ממ"ס).

עולה לתורה (אוילע לאַטוירע) זיין — אויפגערופן ווערן צום לייענען פון דער תורה ביים דאַווענען.

עולה רגל (אוילע רעגל) זיין — פּילגערן, גיין צו־פוס (צו אַ הייליק אָרט).

● איך האָב גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און האָב עולה־רגל געווען, צו־פוס הייסט עס, קיין כייסין (ש"ע).

די עולה תמימה (אוילע טמימע) — גאַנצער, פולער אָפּפער.

● ער איז פאַרברענט געוואָרן, אויפגעגאַנגען ווי אַן עולה תמימה אין פלאַמען אויפן רוימישן שייטער (א. גייק).

1 דער עולם (אוילעם) — פּובליקום; באַפעלקערונג; פאַרזאַמלטע מענטשן.

● דער קאַפּוליער עולם האָט אויפגעשטעלט מויל און אויערן (ראַווניצקי).

2 דער עולם — עולמות (אוילעם — אוילעמעס) — וועלט.

● עפּעס ביסטו העט־העט, גאָרנישט אויף דעם עולם (ממ"ס).

דער עולם האמת (אוילעם האָעמעס) — די וועלט פון אמת, „יענע וועלט" (נאָכן טויט).

● ער איז שוין לאַנג אויפֿן עולם האמת (מ. בורשטין).

די **עולם הבא** (אוילעם האַבע) — קומענדיקע וועלט, „יענע וועלט" (נאָכן טויט).

● עולם הבא וועט איר זיך קויפֿן (ש"ע).

דער **עולם הדמיון** (אוילעם האַדימיען) — די וועלט פֿון פֿאַנטאַזיע, פֿאַנטאַסטישע וועלט.

● זיין פֿאַנטאַזיע כאַפּט אים אויף אירע פֿליגלען און פֿאַרטראָגט אים ווייט־ווייט אין עולם הדמיון (ש"ע).

די **עולם־הזה** (אוילעם־האַזע) — די וועלט (ביים לעבן), דאָס געניסן (האָבן פֿאַרגעניגן) אויף דער וועלט.

● ווילט זיך אַמאָל מיר אויך עולם־הזה אַ ביסעלע (י. יפה).

דער **עולם־הזהניק** — **עולם־הזהניקעס** (אוילעם־האַזעניק — אוילעם־האַזעניקעס) — דער, וואָס זוכט בלויז פֿאַרגעניגנס אין זיין לעבן; פֿאַרברענגער.

די **עולם־הזהניצע** — **עולם־הזהניצעס** (אוילעם־האַזעניצע — אוילעם־האַזעניצעס) — ווייבלעכע פֿאָרם פֿון עולם־הזהניק.

דער **עולם־הזמרה** (אוילעם־האַזימרע) — וועלט פֿון געזאַנג.

● די נשמה פֿליט ערגעץ אַרום, הויך, הויך! אין עולם־הזמרה (פּרץ).

דער **עולם הפוך** (אוילעם־האָפּעך) — פֿאַרקערטע וועלט.

דער **עולם השקר** (אוילעם האַשעקער) — וועלט פֿון ליגן, פֿאַלשע וועלט. רעליגיעזע באַצייכענונג פֿון דער וועלט ביים לעבן.

● אויף יענער וועלט האָט מען דיין שווייגן נישט באַלוינט, דאָרט איז דער עולם השקר (פּרץ).

דער **עולם התוהו** (אוילעם האַטויהו) — כאַאָטישע וועלט, כאַאָס.

● ער דרייט זיך אַרום, ווי אויפֿן עולם התוהו (מ. בורשטין).

עולם־ומלואו (אוילעם־אומלויע) — „די וועלט און אַלץ, וואָס פֿילט זי אָן", אַ וועלט מיט וועלטעלעך.

● דערפֿאַר האַלט זי פֿון מיין מאַמען אַן עולם ומלואו (ש"ע).

עולם כמנהגו נוהג (אוילאָם קעמינהאָגוי נויהעג) — די וועלט פֿירט זיך אויף איר שטייגער, די וועלט גייט מיט איר וועג.

● עולם כמנהגו נוהג, אַ וועלט גייט נישט אונטער (מ. בורשטין).

עולמות־העליונים (אוילאָמעס־האָעליוינים) — מ"צ — אייבערשטע (הימלישע) וועלטן.

● הערט זיך אין די עולמות־העליונים אַ קלאַנג פֿון שמחה (פּרץ).

עומד בדבורו (אוימעד בעדיבוירוי) — דער וואָס האַלט זיין וואָרט.

עומד בדבורי (אוימעד בעדיבורי) — איך האַלט מיין וואָרט.

● איך וויל זיין אַן עומד בדיבורי (פּרץ).

עומד על דעתו (אוימעד אַל דאַטוי) — דער, וואָס האַלט זיך ביי זיין מיינונג.

● אַ תּלמיד חכם דאַרף זיין אַן עומד על דעתו, דאַרף קיינעם פֿאַר זיך נישט שטעלן (א. ביק).

דער **עונג** (אוינעג) — גענוס, פֿאַרגעניגן.

דער עונג־רוחני (אוינעג־רוכני) — גייסטיקער גענוס.

● זיי זאָלן אין דעם פילן אַן עונג־רוחני (ש״ע).

דער עונג שבת (אוינעג־שאַבעס) — שבתדיקער גענוס, שבת־פאַרגעניגן; שבת־פייערונג; נאָמען פונעם קאָנספּיראַטיוון „צענטראַלן היסטאָרישן אַרכיוו" אין וואַרשעווער געטאָ, געשאַפן געוואָרן אין סוף 1940.

דער עונש (אוינעש) — שטראָף.

● פאַר וועלכע חטאים האָב איך דאָס פאַרדינט אַזאַ שווערן עונש (אַנ־סקי).

זיך עוסק (אויסעק) **זיין** — זיך פאַרנעמען, זיך באַשעפטיקן.

ער האָט נישט געוואָלט עוסק זיין אין קיין שום געשעפטן (י. י. טרונק).

דאָס עוף — עופות (אָף — אויפעס) — פויגל; געפליגל (באַזונדער אַ האָן, אַ הון).

● אַ מחנה עופות: הינער, אַלטע קוואָקעס און יונגע הינדלעך לויפן (ש״ע).

עופות טהורים (אויפעס טעהוירים) — מ״צ — ריינע (כשרע) עופות (אין רעליגיעזן זין).

עופות טמאים (אויפעס טמייאים) — מ״צ — אומריינע (נישט־כשרע) עופות (אין רעליגיעזן זין).

דאָס עופעלע — עופעלעך (אויפעלע — אויפעלעך) — קליין פייגעלע. הינדעלע; קליין קינד.

● און די קוואָטשקע היט די עופעלעך, זי היט (א. שטיינבאַרג).

עוקר (אויקער) **זיין** — אָפּציען, אַנטלויפן; אַרויסרייסן.

● ער האָט באַצייטנס עוקר געווען פון שטאָט (מ. בורשטין).

עוקר מדינה (אויקער מעדינע) **זיין** — אָפּציען, אַנטלויפן פון לאַנד.

● נאָך דעם זעלבן טאָג האָט ער עוקר מדינה געווען, אַריבער די גרענעץ.

עוקר מן השורש (אויקער מין האַשוירעש) **זיין** — אויסרייסן מיטן וואָרצל, אויסוואָרצלען.

● די פאַנאַטיקער וועלן מיך עוקר מן השורש זיין, אויפעסן (פרץ).

דער עושר — עשירים (אוישער — אַשירים) — רייכער; רייכקייט.

● דער עושר בלאָזט זיך אָן און דער אָרעמאַן ווערט געשוואָלן (פאָלקסווערטל). גאָט האָט זיי מיט עושר און כבוד באַגליקט (פרץ).

עזוב־תעזוב (אָזויו־טאַאַזויו) — „העלפן זאָלסטו העלפן" (אַ ביבל־געזעץ, וואָס זאָגט, אַז מען זאָל העלפן דעם אַנדערן ביי אַ צופאַל).

● בין איך אייך מחויב צו העלפן: „עזוב־תעזוב" שטייט (פרץ).

דאָס עזות (אַזעס) — פרעכקייט, אומפאַרשעמקייט; חוצפה.

דער עזות־מחוצף־פנים (אַזעס מעכוצעף־פּאָנעם) — גרויסער עזות־פנים (ז״ד).

דער עזות־פנים — עזות־פנימער (אַזעס־פּאָנעם — אַזעס־פּנימער) — פרעכער; אומפאַרשעמטער; חוצפהדיקער.

● אַ שטיקל עזות־פנים איז ער, ער וועט נישט פאַרשווייגן קיינעם (ש״ע).

די עזות־פנימטע — עזות־פנימטעס (אַזעס־פּאַנימטע — אַזעס־פּאַנימטעס) — פרעכע; אומפאַרשעמטע; וצפהדיקע

דער עזר־כנגדו (אייזער־קענעגע־דוי) — קעגנזייטיקער העלפער. באַצייכענונג פון אַ ווייב (די ביבל באַצייכנט חוהן ווי אַן „עזר כנגדו" פאַר אדמען).

● זי איז געווען אַן אמתער עזר כנגדו (פרץ).

עזרא (עזרע) — ביבל־פערסאָנאַזש, נאָמען פון אַ ביבל־בוך ; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

עזרא הסופר (עזרע האַסויפער) — עזרא דער שרייבער. — באַרימטע היסטאָרישע פערזענלעכקייט, וואָס האָט צוזאַמען מיט נחמיהן באַנייט דאָס יידישע לעבן אין ארץ־ישראל נאָכן גלות בבל (V יאָרהונדערט פ"ק).

עזריאל (אַזריעל) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

די עזרת־נשים (עזראַס־נאַשים) —ווייבער־שול, אָפּטייל פאַר פרויען אין שול (צום דאַווענען).

● טריינע־מירל הינטערן פאָרהאַנגל אין עזרת־נשים ציטערט פאַר עין־הרע (פרץ).

די עטרה — עטרות (אַטאָרע — אַטאָרעס) —באַצירונג (באַפּוצונג) אויפן אויבערשטן ראַנד פון טלית.

● גאָלדענע עטרות און אייזערנע מוחות (פרץ).

דער עיבור (איבער) — צוגאָב פונעם דרייצנטן חודש (אָדר ב'), לויטן יידישן לוח.

● אַ שאָד וואָס דער עיבור קומט אויס אַלע מאָל ווינטער (א. רייזען).

דאָס עיבור־יאָר (איבער־יאָר) — דאָס יאָר, וואָס האָט, לויטן יידישן לוח, דרייצן חדשים (דורכן צוגאָב פון חודש אָדר ב', ז"ד).

דער עיכּוב — עיכּובים (איקעוו — איקווים) — אָפּהאַלט; שטערונג, מניעה.

● איבער געלט וועט קיין עיכּוב נישט זיין (מ"מס).

דער עילוי — עילויים (אילע— אילואים) — ווונדערקינד; מענטש מיט געניאַלע פעיקייטן (צום לערנען).

● אַ ווונדערקינד איז ער געווען, אַ שאַרפער עילוי (ד. פרישמאַן).

די עין (אַיען) — דאָס זעכצנטע אות (ע) פונעם אלף־בית.

די עין — עינים (אַין — איינאַים) —אויג (פאַרגרעסערונגס־אויסדרוק).

● מיט די עינים זאָלסטו מיר נישט גלאָצן ווי אַ קאָטער (ש"ע).

עין־בעין (אַין־בעאַין) — אויג אין אויג, אויג אויף אויג.

● האָט ער זי געוואָלט זען עין־בעין (פרץ).

די עין־הרע (איין(ע)־האָרע, אַנעהאָרע, נעהאָרע) — בייז אויג, אַ „גוט־אויג".

● קיין עין־הרע נישט, קיין בייז אויג זאָל אים נישט שאַטן (ש"ע).

עין־הרע (איין־האָרע) אָפּשפּרעכן — אָפּשפּרעכן אַ „גוט־אויג"; מיט קאַבאַליסטישע שפּרוכן באַפרייען אַ מענטשן פון אַ שלאָפקייט, וואָס איז געקומען דורך עמעצנס אַ בייז אויג, לויט דער אַבערגלויבישער פאָרשטעלונג.

● זי שפּרעכט גוט אָפּ אַן עין־הרע (ש"ע).

די עין־הרעניצע — עין־הרעניצעס (איין־האָרעניצע —

איין האָרעניצעס) — נישט־פאַרגינערין; פרוי, וואָס גיט אַן עין־הרע („גוט־אויג"), לויט דער אַבערגלויבישער פאָרשטעלונג.

דער עין־הרעניק—עין־הרע־ניקעס (איין־האָרעניק — איין־האָרעניקעס) — נישט־פאַרגינער.

עין־יעקב (איין־יאַנקעוו) — „קוואַל פון יעקב" — פאָפולערער רעליגיעזער ספר (פון דעם 16־טן יאָרהונדערט), וואָס אַנטהאַלט תלמודישע אגדות.

עין תחת עין (אַין טאַכאַס אַין) —„אויג פאַר אויג" (טאַליאָניש געזעץ).

עינויים (אינואים)-מ"צ-פייניקונגען

◉ די עינויים, וואָס מען שטייט אויס, נעבעך, אין געטאָ (צ. קאַצענעלסאָן).

עינויים קשים (אינואים קאָשים) — מ"צ — שווערע פייניקונגען.

דער עיפּוש (איפּעש) — דומפּיקייט, שימל, שלעכטער גערוך. באַצייכענונג פון אַ שלעכט קינד, פון אַ שלעכטן מענטשן (אויסוואורף).

עיפּושדיק (איפּעשדיק) — דומפּיק שימלדיק, מיט אַ שלעכטן גערוך.

◉ כּתרילעווקע איז אַן אָרט פון בלאָטע, פון געדיכטער פאַרעיפּושטער לופט (ש"ע).

דער עיקר — עיקרים (איקער — איקאָרים, איקרים) — הויפּט־זאַך, דאָס וויכטיקסטע; פּרינציפּ.

◉ געלט איז בלאָטע, דער עיקר איז אַן ערלעכער מאַן (ש"ע).

דער־עיקרשט (דעריקערשט) — הויפּטזעכלעך.

דער עיקר המעשה (איקער האַמייסע) —דער קערן פון דער דערציילונג.

◉ איך מאַך עס בקיצור און גיי אַריבער גלייך צום עיקר המעשה (ש"ע).

דער עיקר־העיקרים (איקער־האָאיקאָרים)—דאָס סאַמע וויכטיקסטע, די סאַמע הויפּטזאַך.

◉ אויפקלערן פאַר זיך דעם גאַנצן גאַנג, דעם עיקר־העיקרים (נ. מייזעל).

דער עיקר־שכחתי (איקער שאָכאַכטי) — דעם עיקר (דאָס סאַמע וויכטיקסטע) האָב איך פאַרגעסן; פאָרמולע פון אַ נאָכשריפט אין אַ בריוו; פּאָסט־סקריפּטום.

די עיר המלוכה (איר האַמלוכע) — הויפּט שטאָט, רעזידענץ; קרוינשטאָט:

◉ קלינגט מיט איר די עיר המלוכה (פּרץ).

עיר ואם בישראל (איר וועאיים בעייסראָעל)— אַן עכט יידישע שטאָט; וויכטיקער יידישער קולטור־צענטער.

◉ דאָס שטעטל קאַרטשעוו, אַן עיר ואם בישראל (ש. אַש).

די עיר־מקלט — ערי־מקלט (איר־מיקלעט — אָרע מיקלעט) — אַזיל־שטאָט; רעטונגס אָרט.

◉ זיין שטוב איז געווען אַן עיר־מקלט פאַר אימיגראַנטן (א. קאָטיק).

דער עירוב (אייריעוו) — פאַרצוימונג (מיט דראָט אָדער שנור), וואָס רעליגיעזע יידן מאַכן איבער אַ הויף אָדער שטאָט, אַז זיי זאָלן מעגן טראָגן זאַכן אום שבת (לויט דעם רעליגיעזן געזעץ).

דער עירוב תבשילין (אייריעוו טאַוושילין) — דאָס געקעכטס, וואָס

רעליגיעזע יידן קאָכן ערב יום־טוב און לאָזן עס איבער אויף נאָך שבת (וואָס קומט האַרט נאָך יום־טוב), אַז זיי זאָלן מעגן קאָכן אום יום־טוב שפּייז אויף שבת (וואָס קומט האַרט נאָך יום־טוב).

דער עירוב־תחומין (איירעווטכומין) — רעליגיעזע פּראָצעדור פון אַנידערלייגן עסנוואַרג ביים סוף פון תחום פון ווינאָרט, אום צו מעגן גיין שבת און יום־טוב אויסערן תחום (ביי 2000 איילן).

דער עכברוש — עכברושים (אַכבעראָש — אַכבערוישים) — שאָדן־מאַכער, מזיק; גנב. (דער אָפּשטאַם פון דעם וואָרט עכברוש איז נאָך נישט אויפגעקלערט געוואָרן).

● עכברושים, וואָס פּאָרעט איר זיך מיטן פערד? (ש״ע).

על אחת כמה וכמה (אַל אַכאַס קאַמאָ וועכאַמאָ) —געוויס און געוויס, אוודאי און אוודאי.

על אפו ועל חמתו (אַל אַפּוי וועאַל כאַמאָסוי) — דערווידער (קעגן) זיין ווילן, געצוווּנגענערהייט; ס׳איז אים איבערדריסיק.

על אפי ועל חמתי (אַל אַפּי וועאַל כאַמאָסי) — דערווידער (קעגן) מיין ווילן; ס׳איז מיר איבערדריסיק.

● ביי מיר איז דאָס געזעגענען זיך עד היום על אפי ועל חמתי (ש״ע).

על אפם ועל חמתם (אַל אַפּאָם וועאַל כאַמאָסאָם) — דערווידער (קעגן) זייער ווילן; געצוווּנגענערהייט.

על דאטפת אטפוך (אַל דע־אַטייפעט אַטפון) — דערפאַר וואָס דו האָסט יענעם דערטרונקען, האָט מען דיך דערטרונקען; מען צאָלט דיר אָפּ לויט דיין פאַרדינסט.

● על דאטפת אטפוך—אַז איין צד האָט אַ לאַנגע צונג, מוז דער צווייטער אַרויסשטרעקן אַ לענגערע (פרץ).

על דעת עצמו (אַל דאַאַס אַצמוי) — לויטן אייגענעם פאַרשטאַנד (איינזען); אויף אייגענער האַנט.

● על דעת עצמו איז ער אַראָפּגעשאָסן אויף דער ערד (פרץ).

על השם ועל משיחו (אַל האַשעם וועאַל מעשיכוי) — אויף גאָט און זיין געזאַלבטן; אויף אַלע גרעסטע מענטשן.

● ער רעדט על שם ועל משיחו (פרץ).

על התורה ועל העבודה (אַל האַטוירע וועאַל האָאַווידאָ) — „אויף תורה און אויף גאַטעס־דינסט״; אויף לערנען און אויף הייליקער אַרבעט.

● ער זיצט אין שול על התורה ועל העבודה (ש״ע).

על־חטא (אַל־כעט) — „אויף (וועגן) דער זינד״ אַ תפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן ביים דאַווענען אין געוויסע טעג פון יאָר (באַזונדערס יום כפור) און שלאָגן זיך דערביי אין האַרצן ווי אַ צייכן פון חרטה. זיך שלאָגן (אין האַרצן) על חטא (איבערגעטראָגן) — באַדויערן, האָבן חרטה.

על חטא שחטאתי כנגד (אַל כייט שעכאָטאָסי קענעגעד) — אויף דער זינד, וואָס איך בין באַגאַנגען קעגן...

● מוז איך מיר קלאַפּן אין האַרצן אַריין על חטא שחטאתי כנגד האַגעאָגראַפיע (פרץ).

על חשבון (אַל כעשבן) — אויף דער רעכענונג, אויף דער קאָנטע.

● דאָס גאַנצע געלט, וואָס געפינט זיך ביי זיי על חשבון צוקונפטיקע שטייערן (ד"ר רינגעלבלום).

על חשבונו (אַל כעשבוינוי) — אויף זיין רעכענונג, אויף זיין קאָנטע.

● געלאָזט מאַכן על חשבונו שפּאָגל-נייע זיידענע קאַפּאָטעס (י. י. טרונק).

על-כל-פּנים (אַל-קאָל-פּאָנעם) — אויף יעדן פאַל, יעדנפאַלס; וויי-ניקסטנס.

● זי איז, על-כל-פּנים, געווען באַגייס-טערט מיט די נייע אידייען (א. קאַטיק).

על כל צרה שלא תבוא (אַל קאָל צאָראָ שעלוי סאָווי) — אויף יעדן אומגליק, וואָס זאָל נישט קו-מען; אין אַ נויט-פאַל

על-כן (אַלקיין) — דעריבער.

● על-כן, ברידערלעך, שטאַרקט די הערצער (א. שטיינבאַרג).

על כסא הרבנות (אַל קיסיי האָ-ראַבאָנוס) — אויף דער רבנישער שטול, אויפן אַמט פון אַ רב.

● [ער] איז געזעסן אַ יאָר צוואַנציק על כסא הרבנות (פּרץ).

על כסא מלכותו (אַל קיסיי מאַלכוסוי) — אויף זיין קעניגלעכער שטול, אויפן טראָן.

● האָט ער זיך געזעצט אויף זיין כסא מלכותו ווי אַן אמתער מלך (ש"ע).

על מנת להחזיר (אַל מענאַס לעהאַכזיר) — מיטן באַדינג צוריק-צוגעבן.

על מנת לקבל פּרס (אַל מענאַס לעקאַבייל פּראָס) — מיטן באַדינג צו באַקומען באַצאָלונג (באַלוינונג).

על-פּי (אַל-פּי) — לויט, דורך.

● על-פּי צופאַל ווערט ער דאָס גע-וואָר (א. שטיינבאַרג).

על-פּי גורל (אַל-פּי גוירל) — לויטן שיקזאַל; לויטן גורל; לויטן אַרויסגעצויגענעם צעטל.

● צום מיליטער שטעלט מען זיך צו דער צייט, און מען גייט על-פּי גורל (פּרץ).

על-פּי דין (אַל-פּי-דין) — לויטן געזעץ; לויט דער רעליגיעזער פאָר-שריפט.

על-פּי דיניהם (אַל-פּי דינייהעם) — לויט זייערע (נישט-יידישע) געזעצן.

● על-פּי דיניהם... מוז מען אָפּטיילן די דעכער מיט פייער-מויערן (פּרץ).

על-פּי דין ועל-פּי יושר (אַל-פּי דין וועאַל-פּי יוישער) — לויטן געזעץ און לויט גערעכטיקייט (מענטשלעכקייט).

● זיי וועלן זיך צעטיילן על-פּי דין ועל-פּי יושר (פּרץ).

על פּי דרך הטבע (אַל-פּי דערעך האַטעווע) — אויפן נאַטירלעכן וועג.

על-פּי הדחק (אַל-פּי האַדכאָק) — אין אַ נויטיקן פאַל, אין אַ נויט; אין ערגסטן פאַל.

● על-פּי הדחק קאָן מען אויסקומען אָן געזעגענישן אויך (אַנ-סקי).

על-פּי הכרח (אַל-פּי העכרעך) — געצוווּנגענערהייט, מיט (דורך) אַ מוז, דורך צוואַנג.

על-פּי חכמת ה... (אַל-פּי כאָכ-מאַס האַ...) — לויט דער וויסנשאַפט פון...

● על־פּי חכמת־הדאָקטאָריע קומט אפילו אויס, אַז יעדער מענטש מוז האָבן אַ מאָגן (ש"ע).

על־פּי חקירה (אַל־פּי כקירע) — לויט חקירה, מיט פילאָסאָפיע.

● על־פּי חקירה אים באַווייזן, אַז מען דאַרף זיין קלוג, געדולדיק (א. שטיינבאַרג).

על־פּי טעות (אַל־פּי טאָעס) — לויט אַ טעות, דורך אַ פאַרזען.

● צו וועלן אָנטון על־פּי טעות אַ קאַפּאָטע פון אַ קליין יינגל (י. י. טרונק).

על־פּי יושר (אַל־פּי יוישער) — לויט יושר, לויט גערעכטיקייט, לויט מענטשלעכקייט.

על־פּי מקרה (אַל־פּי מיקרע) — דורך אַ צופאַל, צופעליק.

● אָט אַזוי דערהויבן ווערט מען על־פּי מקרה (א. שטיינבאַרג).

על־פּי נס (אַל־פּי נעס) — דורך אַ וווּנדער.

● פון טויט איז ער ניצול געוואָרן על־פּי נס (י. י. טרונק).

על־פּי סברא (אַל־פּי סװאָרע) — לויטן מיין; לויטן פאַרשטיין; לויטן אָנשטויסן זיך.

● גאַליציע וואָלט על־פּי סברא געדאַרפט זיין פאַר מיר דאָס פּאַסיקסטע לאַנד (זשיטלאָווסקי).

על־פּי רוב (אַל־פּי ראָוו) — מערסטנטייל, אָממערסטן, צום אָפטסטן.

● אין די אורלויב־צייטן איז פּרץ על־פּי רוב אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד (נ. מייזיל).

על־פּי רמז (אַל־פּי רעמעז) — לויט אַ ווונק, דורך אַן אָנדייט.

● ביסלעכווייז איז מיר דערקלערט געוואָרן.. על־פּי רמז, דאָס הייסט אויפן ווונק מיט אַן אָנצוהערעניש (ממ"ס).

על־פּי שכל (אַל־פּי סייכל) — לויטן פאַרשטאַנד, לויטן געדאַנק; לאָגיש.

● מען זאָל זיי געבן צו פאַרשטיין על־פּי שכל (ש"ע).

על פּרשת דרכים (אַל פּאַראָשאַס דראָכים) — אויפן שייד־וועג (ווו די וועגן קרייצן זיך).

● דער דור פון זיין צייט איז געשטאַנען על פּרשת דרכים (ר. בער דיטשעווסקי).

על צד היותר טוב (אַל צאַד האַיויסער טאָוו) — אויפן בעסטן אופן.

● זיי האָבן באַוויזן אויסצונוצן די לאַגע על צד היותר טוב (ש"ע).

על קידוש השם (אַל קידעש האַשעם) — צו הייליקן גאָטס נאָמען, אָפּגעבנדיק דאָס לעבן פאַר יידישקייט.

● ער איז אומגעקומען על קידוש השם ווי אַ גרויסער נאַציאָנאַלער העלד (מ. טורקאָוו).

על רגל אחת (אַל רעגל אַכאַס) — אויף איין פוס, גיכערהייט, גאָר גיך.

● [מיר] כאַפּן אָפּ דאָס גאַנצע ווערק על רגל אחת, אין איין אָטעם (ש"ע).

על תנאי (אַל־טנאַי) — אויף (אונטער) אַ באַדינג.

דער עלוי — עלויים (אילע — אילואים) — זע: עילוי.

עלול (אָלעל) זיין — זיין פעיק (צו פאַראורזאַכן), זיין מסוגל.

● דאָס איז עלול צו דערוועקן דאָס געוויסן פון דער וועלט. (ש. אַש).

עלות השחר (אַלאָס האַשאַכאַר) — זונאויפגאַנג, פרימאָרגן.

● יעדן פאַרטאָג אויפגעשטאַנען און געזאָגט תהילים ביז צו עלות השחר (ש. אַש.)

עלי ועל צוארי (אָלאַי וועאַל צאַוואָרי) — ווערטלעך: אויף מיר און אויף מיין האַלדז; אויף מיין אחריות (פאַראַנטוואָרטלעכקייט).

● עלי ועל צוארי — עס וועט זיין, חלילה, גאָרנישט שאַדטן (ש״ע).

1. **די עליה** (אַליע) — שטייגערונג, העכערונג פון פרייז.

2. **די עליה — עליות** (אַליע — אַליעס) — דאָס אַרויפשטייגן, דאָס אויפרופן עמעצן פון די דאַווענערס צום פאָרלייענען פאַר אים אַ קאַפּיטל פון דער תורה; דאָס פאָרגעלייענטע קאַפּיטל פון דער תורה (ביים דאַווענען). עמעצן געבן אַן עליה — עמעצן געבן אַ זידל.

● ער האָט זיך געקליבן צו געבן זיי דאָרט די אמתע עליה פאַר די איינגעהאַנדלטע פערד (ב. שלעווין).

3. **די עליה — עליות** (אַליאַ — אַליאָט) — איינוואַנדערונג (קיין ארץ־ישראל).

עליה השלום (אָלעאָ האַשאָלעם) — פרידן (רו) צו איר. אַ צושפרוך, וואָס ווערט באַנוצט, ווען מען רעדט וועגן אַ פאַרשטאָרבענער פרוי.

עליו השלום (אָלאָוו האַשאָלעם) — פרידן (רו) צו אים. אַ צושפרוך, וואָס מען באַנוצט, ווען מען רעדט וועגן אַ פאַרשטאָרבענעם מאַנצביל.

● דער טאַטע, עליו השלום, האָט איבערגעלאָזט אַ שיינעם נאָמען (ש״ע).

עליכם שלום (אַלייכעם שאָלעם) — פרידן צו אייך. פאָרמולע פון אַן ענטפער אויף אַ באַגריסונג (אויף „שלום עליכם") ביי אַ באַגעגעניש.

דאָס עלילת־דם (אַלילאַס (אַלילעס) דאַם) — בלוט־בלבול וועגן „ריטועלן מאָרד", באַצייכענונג פון דער פאַלשער באַשולדיקונג, אַז יידן נוצן קריסטלעך בלוט צו באַקן מצות.

דאָס עלילת־שוא (אַלילאַס־שאָוו) — פאַלשע באַשולדיקונג, אומזיסטער בלבול.

● ווען, וואָס? דאָס איז דאָך אַן עלילת שוא (י. קאָטיק).

עלינו (אָליינו) — „אויף אונדז" — דאָס ערשטע וואָרט פון אַ תפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן צום סוף פון דאַווענען.

● בעסער אָנצוקומען צו „עלינו", איידער צום בעסטן מענטש (שפּריכוואָרט לויט א. בערנשטיין).

דער עם־הארץ — עם (עמי)־הארצים (אַמאָרעץ — אַמעראַצים) — אַנאַלפאַבעט; פאַרגרעבטער; גראָבער יונג; נישט־געבילדעטער.

● ער איז נישט קיין עם־הארץ אין די קליינע אותיות (ש״ע). ער איז אַ פּראָסטער נפש, אַ גרויסער עם־הארץ (ש״ע).

דער עם־הארץ דאורייתא (אַמאָרעץ דעאורייסע) — אויסנעשפּראָכענער עם־הארץ; זייער פאַרגרעבטער.

עם־הארץ שבעמי־הארצים (אַמאָרעץ שעבעאַמעראַצים) — גאָר גרויסער עם־הארץ.

דאָס עם־הארצות (אַמעראַצעס) — אַנאַלפאַבעטיזם, פאַרגרעבטקייט.

דער, דאָס עם הספר (אַם האַסייפער)

—פֿאָלק פֿון בוך. אַלטע באַצייכענונג פֿונעם יידישן פֿאָלק.

● דאָס עם הספר טראָגט אין האַרצן דעם אָנדענק פֿון זייִנע גרויסע מענטשן (נ. פּריילוצקי).

דער, דאָס עם חכם ונבון (אַם כאָכאָם ווענאָווין) — קלוג און פֿאַרשטענדיק פֿאָלק; געבילדעט פֿאָלק.

● יידן ווערן וועלן אַן עם חכם ונבון (ממ״ס).

עם ישראל חי (אַם ייסראָעל כאַי) — דאָס יידישע פֿאָלק לעבט; זאָל לעבן דאָס יידישע פֿאָלק.

● מען טאַנצט מיט פֿייער און ברען, מען שרייט אויס: עם ישראל חי! (נ. מייזיל).

עם כל הנערים (אַים קאָל האַנעאָרים) — מיט אַלע יינגלעך צוזאַמען; מיט אַלע יינגערע צוגלייך.

● ער פֿירט זיי אַרויס מחנותווייז — עם כל הנערים (א. א. ראַבאַק).

עם קודש (אַם קוידעש) — הייליק פֿאָלק.

דאָס עם קשה־עורף (אַם קשייאוירעף) — האַרטנעקיק (עקשנותדיק) פֿאָלק.

דער עם־רב (אַם־ראַוו) — גרויסע באַפֿעלקערונג; מאַסע, גרויסע מענגע, אַ סך מענטשן.

1. דער עמוד (אָמעד) — שטענדער (אין בית־המדרש פֿאַרן חזן).

● עס ציט אים ווי אַ חזן צום עמוד (פֿאָלקסווערטל).

2. דער עמוד — עמודים (אָמעד—אַמודים) — בוך־זייט (פֿון דער גמרא), קאָלומנע (פֿון בוך).

● אין יענעם טאָג האָבן מיר גראָד געלערנט יענעם באַוווּסטן עמוד (א. רייזען).

דער עמוד־[ה]אש (אַמוד־[האָ]־אייש) — פֿייער־זייל.

● דער גלויבן אין גערעכטיקייט איז געווען דער עמוד־אש, וואָס האָט באַלויכטן דעם וועג פֿון יידן אין יעדער עפּאָכע.

דער עמוד־[ה]ברזל (אַמוד־(האַ)־באַרזל) — אייזערנער סלופּ (זייל).

● דאָס איז געווען אַ מענטש אַן עמוד־ברזל (פּרץ).

דער עמוד־(ה)ענן (אַמוד־(הע)־אָנאָן) — וואָלקן־זייל.

עמוס (אָמעס) — נאָמען פֿון אַ יידישן פּראָפֿעט (אין 6־טן יאָרהונדערט פּ״ק).

עמוק (אָמעק) — טיף.

● די סוגיה איז געווען עמוק, עמוק — אַ טיפֿער ענין (פּרץ).

עמך (אַמכאָ) - פֿאָלקס־מענטש, (פֿאָלקס־)ייד. עמך־יידן — פֿאָלקס־יידן.

● עמך, שער און אייזן (ש״ע).

עמלק — עמלקים (אַמאָלעק — אַמאָלייקים) — נאָמען פֿון אַ פֿאָלק (בעדואינער שבט), וואָס האָט געקעמפֿט קעגן די יידן אין די צייטן פֿון משה רבינו. באַצייכענונג פֿון יידן פֿיינט.

עמנואל (אימאָנועל) — נאָמען פֿון אַ מאַנצביל.

דער עמק (איימעק) — טאָל. באַצייכענונג פֿון דעם עמק יזרעאל אין ישראל.

● צי וואָלט עס נישט געקאָנט זיין שיין אויף די פֿעלדער פֿון עמק? (ב. שלעווין).

דער ע מ ק ־ ה ב כ ה (איימעק־האַבאָ־כע) — יאָמער־טאָל, גיהנום.

● אַרויסגענומען פון עמק־הבכה, פון דעם יאָמער־טאָל, פון דעם גיהנום (ש. אַש).

דער ע נ ו — ע נ ו י ם ; ע נ ו ו — ע נ ו ו י ם (אָנעוו—אַנאָווים, אַניווים)—באַשיידענער.

● אַ גלופּסקער ייד איז בטבע אַן ענו, ער יאָגט זיך נישט נאָך כּבוד (ממ״ס).

ע נ ו י י ם (אינואים) — זע : עינויים.

דער ע נ י — ע נ י י ם (אָני — אַניאים) — אָרעמאַן.

דער ע נ י ב פ ת ח (אָני באַפּעסאַך) — אָרעמאַן ביי דער טיר; בעטלער.

● האָט ער מיר צוגעוואָרפן, ווי. צו אַן עני בפּתח (זשיטלאָווסקי).

דער ע נ י ה ג ו ן (אָני האָגן) — „בעסערער״ אָרעמאַן, אָנגעזעענער מענטש, וואָס איז פאַראָרעמט געוואָרן.

● עס איז אַן עני הגון, ער איז געקומען עפּעס בעטן (פרץ).

דער ע נ י ו א ב י ו ן (אָני וועעוויען) — גרויסער אָרעמאַן, בעטלער.

● געווען, נעבעך, אַן עני ואביון אין זיבן פּאָלעס (ממ״ס).

דער ע נ י מ ד ו כ א (אָני מעדוקע) — אונטערדריקטער; געדריקטער אָרעמאַן.

● איך עני מדוכּא, וואָס שטומט דאָ ווי אַ פיש, וואָס מען טרעט דאָ ווי אַ וואָרעם (פּרץ).

דער ע נ י ש ב ע נ י י ם (אָני שעבעאַניאים) — אָרעמסטער פון די אָרעמע, גרויסער אָרעמאַן.

● אפילו ביים לעצטן עני שבעניים מוז זיין פסח גלייך כשר, ריין און זויבער (ש״ע).

דאָס ע נ י ו ו ת (אַניוועס)—באַשיידנקייט.

● צו פיל עניוות איז אַ האַלבער שטאָלץ (שפּריכוואָרט לויט א. בערנשטיין).

ע נ י ו ו ת ד י ק (אַניוועסדיק) — באַשיידן, פּשוט.

דאָס ע נ י ו ת (אַניעס) — אָרעמקייט.

דער ע נ י ן — ע נ י נ י ם (איניען — איניאָנים) — אָנגעלעגנהייט; זאַך (אין אַבסטראַקטן זין).

● איר זענט פאַרטון אין די עניינים (פינינבערג).

דער ע ס ק — ע ס ק י ם (אייסעק — אַסאָקים) — געשעפט ; אָנגעלעגנהייט.

● נאָר ווי טרעט מען צו צום עסק (ש״ע). איך האָב צו אייך אַ נויטיקן עסק (ש״ע).

דער ע ס ק ן — ע ס ק נ י ם (אַסקן — אַסקאָנים) — טוער, געזעלשאַפטלעכער טוער.

זיך ע ס ק ן (אייסעקן) — זיך באַשעפטיקן, זיך פאַרנעמען.

● אַלץ מיטן קאָנצערט געווען פאַרעסקט (ש״ע).

דער ע פ ו ש (איפּעש) — זע : עיפּוש.

ע פ ר ו א פ ר (אָפער וואָאייפער) מאַכן — מאַכן צו שטויב און צו אַש.

ע פ ר א ד א ר ע א (אַפרע דעאַרע) מאַכן — מאַכן צו שטויב פון דער ערד.

● דעם ספּאָדיק זאָל מען אַראָפּרייסן

פון קאָפּ, עפרא דארעא זאָל מען פון אים מאַכן (פּרץ).

דער עץ-הדעת (אייץ-האַדאַאַס) — דער בוים פון וויסן (לויט דער ביבל האָט גאָט פאַרבאָטן אדמען צו עסן די פרוכטן פון עץ הדעת, אדם האָט אָבער געגעסן און באַקומען פאַרשטאַנד). באַצייכענונג פון חכמה און וויסן.

● פאַרזוכן פון דעם עפּל פון פאַרווערטן עץ-הדעת (אַנ-סקי).

דער עץ-חיים — עץ-חיימס (אייץ-כאַים — אייץ-כאַימס) — „בוים פון לעבן"; הילצערן הענטל פון אַ ספר-תורה.

● מאַכט מען דאָך אָבער פון איין שטיק האָלץ אַ לאָפּאַטע און אַן עץ-חיים (פּרץ).

דאָס עצבות (אַצוועס) — טרויעריקייט, אומעט.

● ווערן איז אַריינגעפאַלן אין אַן אומעט, אין עצבות (פּרץ).

די עצה — עצות (אייצע — אייצעס) — ראָט; אויסוועג.

● מיט וועמען האַלט מען אַן עצה (ש"ע). ער האָט קיין אַנדער עצה נישט (פּרץ).

די עצה טובה — עצות טובות (אייצע טויווע — אייצעס טויוועס) — גוטער ראָט, גוטע עצה.

דאָס עצירות (אַצירעס) — פאַרהאַלטונג, פאַרשטאָפּונג, האַרטער מאָגן.

דער עצם (עצעם) — קערן, דאָס וועזנטלעכע.

די עצם-זאַך (עצעם-זאַך) - הויפּט-זאַך.

● און דאָ קום איך שוין צו דער עצם-זאַך (מ. בורשטין).

דאָס עצם-מהות (עצעם-מאָהוס) — דאָס סאַמע וועזנטלעכע.

די עצם-מעשה (עצעם-מייסע) — עצם-דערציילונג; הויפּט-זאַך; עצם-טאַט.

● איצט זעט די עצם-מעשה אויס צו זיין נישט נוצלעך.

דער עצם-ענין (עצעם-איניען) — עצם-זאַך, הויפּט-זאַך, דאָס סאַמע וועזנטלעכע.

● נאָך אָט דער פאַרענטפערונג קאָן איך צוטרעטן צום עצם-ענין (נ. מייזיל).

עצמות (אַצאָמעס) — מ"צ — ביינער; זאַפּט (מאַרך) פון די ביינער.

● צי נישט די עצמות! דערצייל, ווער איז דאָס געווען (ז. וויינפּער).

עצמות היבשות (אַצאָמעס האַיעווישעס) —מ"צ— פאַרטריקנטע ביינער. באַצייכענונג פון אַלטע, צעבראָכענע מענטשן.

● אויך די עצמות היבשות הייבן אָן אַרויפצוציען אויף זיך הויט און פלייש (מ. בורשטין).

עצתי (אַצאָסי) — מיין ראָט (עצה).

● ברידערלעך, עצתי, שטאַרקט די הערצער (א. שטיינבאַרג).

די עקדה (אַקיידע) — אָפּפער, געבונדענער אָפּפער.

● מיר אַלע זענען צו דער עקדה געבראַכט געוואָרן (ש. אַש).

עקיבא (אַקיווע) — נאָמען פון דעם גרויסן יידישן געלערנטן (תנא ר' עקיבא), וואָס האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם אויפשטאַנד פון

בר-כוכבא קעגן די רוימער; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דער עקר — עקרים (איקער — אי-קאָרים) — זע: עיקר.

דער עקר — עקרים (אָקער — אַקאָרים) — קינדערלאָזער; אומפּרוכט-באַרער.

○ איך שטאַרב, ווייל איך בין אַן עקר (פּרץ).

די עקרה — עקרות (אַקאָרע — אַקאָרעס) — קינדערלאָזע; אומפּרוכט-באַרע.

● ווילסט נישט בלייבן קיין עקרה — קינדער, קינדער ווילסטו האָבן (אַנ-סקי).

די עקרת-הבית (אַקערעס האַ-באַיס) — הויזפרוי; בעל-הביתטע.

○ איז די באָבע ראַצע געווען די הויפּט-פּערזאָן אין די מסחרים און די עקרת-הבית (י. י. טרונק).

דער עקשן — עקשנים (אַקשן — אַקשאָנים) איינגעשפּאַרטער; האַרט-נעקיקער.

● קיין איינגעשפּאַרטער, קיין עקשן בין איך קיינמאָל נישט געווען (מ. בורשטין).

דאָס עקשנות (אַקשאָנעס) — איינ-געשפּאַרטקייט; האַרטנעקיקייט.

● דו ברענגסט מיט דיין עקשנות מיך פון געדולד אַרויס (געבירטיג).

עקשנותדיק (אַקשאָנעסדיק) — איינגעשפּאַרט, האַרטנעקיק.

עקשנותדיקייט (אַקשאָנעסדי-קייט) — זע: עקשנות.

די עקשנטע — עקשנטעס (אַק-שנטע — אַקשנטעס) — איינגעשפּאַר-טע; האַרטנעקיקע.

זיך עקשנען (אַקשענען) — זיין איינגעשפּאַרט; זיין האַרטנעקיק; נישט נאָכגעבן.

● ער האָט זיך נאָך אַלץ געעקשנט, געווען איינגעשפּאַרט.

ערב (ערעוו) — האַרט פאַר..., טאָג פאַר... ערב-יום-טוב — טאָג פאַר יום-טוב; ערב-שבת - פרייטיק.

דער ערב — ערבים (אָרעוו — אַריי-ווים) — גאַראַנטירער, דער גאַראַנט, פּאַראַנטוואָרטלעכער; פאַרזיכערער; זשיראַנט.

ערב (אָרעוו) זיין — גאַראַנטירן, זיין פאַראַנטוואָרטלעך; פאַרזיכערן; זשי-רירן.

● ווער איז דאָס מחויב ערב צו זיין פאַר יענעם (ש״ע). איך בין אייך ערב, אַז קיין פויגל וועט נישט וויסן (ש״ע).

דער ערב-קבלן (אָרעוו-קאַבלען) — פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן אָפּמאַך, גאַראַנטירער, פאַרזיכערער; הויפּט-זשיראַנט.

● איך האָב דאָך זי אַריינגעפירט, איך בין דאָך דער ערב-קבלן געווען (פּרץ).

דער ערב-רב (אייריעוו-ראַוו) — גע-מיש; מענטשן-געמיש. באַצייכענונג פון פינצטערע מאַסן.

● דאָס איז קיין וועלט נישט! אַן ערב-רב איז עס, אַ דול-הויז (פּרץ).

דאָס עריבות (אַרייוועס, אָרוועס) — גאַראַנטיע, פאַראַנטוואָרטלעכקייט; באַוואָרעניש; פאַרזיכערונג; דאָס זשירירן.

● מיין וועקסעלע איז דאָס בעסטע ערבות (ממ״ס).

די **ערבטע – ערבטעס** (אָרעווטע – אָרעווטעס) — גאַראַנטירערין; פאַראַנטוואָרטלעכע; זשיראַנטין.

דער **ערבניק – ערבניקעס** (אָרעווניק – אָרעווניקעס) — אויפגעצווונגענער גאַראַנט; מענטש, וואָס איז גענומען געוואָרן אַלס ערבות אין געפאַנגענשאַפט.

● דערווייל זענען פוןביידע צדדים גענומען געוואָרן ערובניקעס ביז אויפן אַנדערן טאָג (מ. באַלאַבאַן).

די **ערוגה – ערוגות** (אַרוגע – אַרוגעס) — זאַגאָן, בייט (אין פעלד אָדער גאָרטן).

● אויף אַ קליינער ערוגה אַקערט ער און זייט קאָרן (אַנ־סקי).

דער **ערך** (ערעך) — פאַרגלייך.

● אַלס אַ פערזענלעכקייט איז ער נישט דער ערך גרעסער (ד. פרישמאַן).

אַן **ערך** (ערעך) — אומגעפער, בערך.

דער **ערל – ערלים** (אָרל [ערל] — אַריילים) — נישט־ייד (נישט קיין פאַסיקער אויסדרוק).

● מען דאַרף מיט ערל שלאָגן בלאַט (ש״ע).

די **ערלטע – ערלטעס** (אָרעלטע — אָרעלטעס; ערלטע — ערלטעס) — נישט־יידישע פרוי (נישט קיין פאַסיקער אויסדרוק).

די **ערלית** (אַריילעס) — זע: ערלטע.

דער **עשו** (אייסעוו) — נאָמען פון יעקבס ברודער, לויטן חומש. באַצייכענונג פון אַ נישט־יידן.

דאָס **עשירות** (אַשירעס) — רייכקייט.

● עשירות קאָן נאָך אַראָפפירן פון רעכטן וועג (פרץ).

עשר מכות (עסער מאַקעס) — צען פלאָגן, (וואָס ווערן אויסגערעכנט אין דער הגדה אויף פסח). דאָס בעסטע פון די עשר מכות — דאָס בעסטע פון ערגסטן, דאָס רעלאַטיוו בעסטע.

עשרה הרוגי מלכות (אַסאָראָ האַרוגיי מאַלכוס) — „די צען דערמאָרדעטע דורך דער (רוימישער) רעגירונג". די צען תּלמודישע געלערנטע, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך דער רוימישער רעגירונג אין II יאָרהונדערט פ״ק.

עשרה ראשונים (אַסאָראָ רישוינים) — די ערשטע צען; ערשטע פאָרגייער.

● ער איז געווען אַ סאָציאַליסט. איינער פון די עשרה ראשונים (מ. פרומקין).

דאָס **עשרות** (אַשרעס) — רייכקייט.

● [אים] האָט זיך אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט פון אַזאַ עשרות (ש״ע).

עשרים וארבעה (עסרים וועאַרבאָאָ; עסרימוואַרבע) — פיר און צוואַנציק. באַצייכענונג פון די 24 ביכער פון דער ביבל.

עשרת הדברות (אַסערעס האַדיברעס) — די צען (ביבלישע) געבאָטן.

עשרת השבטים (אַסערעס האַשוואָטים) — די צען יידישע שבטים, וואָס האָבן געבילדעט די מלוכה ישראל און זענען דורך די אַסירער אין יאָר 720 פ״ק פאַרטריבן געוואָרן און אָפּגעריסן געוואָרן פון יידישן פאָלק.

● ווו זענען אַהינגעקומען די עשרת השבטים? (ש״ע)

עשרת ימי תשובה (אַסערעס יעמיי טשוווע) — די צען טעג פון תשובה טון (פון ראש־השנה ביז יום־כּפּור) ביי רעליגיעזע יידן.

עת־צרה (אייס־צאָרע) — אַ צייט פון אומגליק, פון אַ נויט; זייער שווערע צייט.

● אין אַן עת־צרה הייבט ער אָן האָפן אויף נסים (ממ״ס).

עת־צרה ליעקב (אייס־צאָרע לע־יאַנקעוו) — שלעכטע צייט פאַר יידן.

● ס'איז נישט מער ווי אַן עת־צרה ליעקב (מ. בורשטין).

דער עת־רצון (אייס־ראָצן) — צייט פון באַווייליקונג, פּאַסיקע צייט.

דער עתיד (אָסיד) — צוקונפט. די קומענדיקע צייט. קעגנזאַץ: עבר (אָווער).

עתיד לטול את הדין (אָסיד ליטויל עס האַדין) — וועט (אין דער צוקונפט) באַקומען די שטראָף.

● די וואָס דרוקן אַזוינע ספרים זענען עתיד ליטול את הדין (י. ב. לעווינזאָן).

די פּא (פּיי) — דאָס זיבעצנטע אות (פּ) פונעם אלף־בית.

די פּאה — פּאות (פּייע — פּייעס) — שלייפן־לאָקן, די עקן האָר (צווישן די שלייפן און אויערן), וואָס רעליגיעזע יידן פלעגן נישט אָפּשערן ביזן וואָרצל. עס ליגט מיר נישט אין דער לינקער פּאה — כ׳האָב עס נישט אין זינען.

די פּגימה — פּגימות (פּעגימע — פּעגימעס) — שטשערב, קריץ; פלעק; שאַנד.

● גאַלע פּגימות! קריצן, שפּיצן גאָר אַ גאַנצע שורה (א. שטיינבאַרג). קיין פּגימה זאָל זיך נישט געפינען אויף אייערע נשמות (ש. אַש).

1) **די פּגירה** (פּעגירע)—דאָס שטאַרבן פון אַ בהמה אָדער חיה.

● איז פלוצלונג געוואָרן אַ פּגירה אויף פערד, פאַלן ווי די פליגן (פּרץ).

2) **די פּגירה — פּגירות** (פּעגירע — פּעגירעס) — שוואַכע, קראַנקע בהמה.

● עס שלעפּט זיך אַ פערדל אַ פּגירה (ממ״ס).

דער פּגם (פּעגאַם) — פלעק, שאַנד; פעלער, חסרון (ו״ד).

דער פּגע — פּגעים (פּעגע — פּעגאָים) — אומגליק, שלאַק, אָנשיקעניש.

● ער האָט געמוזט טראָגן אַלע פּגעים אויף זיינע פּלייצעס (בערדיטשעווסקי).

דער פּגע רע — פּגעים רעים (פּעגע ראָ — פּעגאָים ראָים) — נישט־גוטער, טייוול, צוטשעפּעניש, שלאַק, אָנשיקעניש.

● באַשיצן זיי פאַר אַלע אָנשיקענישן און פּגעים רעים (ממ״ס).

דער פּגר — פּגרים (פּייגער — פּעגאָרים) — טויטער קערפּער (פּאַראַכטונגס־אויסדרוק).

● טויזנטער דייטשע פּגרים זענען געפאַלן אַרום די הייזער פון געטאָ (ש. אַש).

פּגרן (פּייגערן) — שטאַרבן (פון אַ בהמה אָדער חיה גערעדט). זיך מאַכן געפּגרט — זיך מאַכן נישט־וויסנדיק, נישט פאַרשטייענדיק.

● געפּגרט אַ בער אין וואַלד (פאָלקס־ווערטל).

1) **דער פּדיון** (פּידיען) — לייזעכץ.

● האָט מען זיך צוגעכאַפּט צום קעסטעלע, ווו דער פּדיון איז געלעגן (מ. בורשטין).

2) **דער פּדיון — פּדיונות** (פּידיען — פּידיוינעס) — אויסלייז־געלט; געשאַנק פאַר אַ חסידישן רבין.

● צעטיילט די מתנות און פּדיונות, וואָס מענטשן האָבן אים געגעבן (אַפּאַטאָשו).

דער פּדיון־הבן (פּידיען־האַבען) —

„אויסלייזונג פון אַ זון" — רעליגיעזע פייערונג ביי יידן אויפן דרייסיקסטן טאָג פון אַן ערשטגעבוירענעם ייִנגל (בכור).

דער פדיון־הנפש (פידיען־האַנע־פעש) — נשמה־אויסלייזונג, נשמה־באַפרייונג.

● איך וועל דאָס לעצטע העמד פאַרזעצן און אַוועקגעבן אויף פדיון־הנפש (אַנ־סקי).

דער פדיון־שבויים (פידיען־שעוויים) — דאָס אויסלייזן (אויס־קויפן) געפאַנגענע (יידן).

● ער האָט מקיים געווען די מצווה פון פדיון־שבויים און אויסגעלייזט יידן פון די טערקן (ש. אַש).

פה (פיי) — זע: פּא.

פה־אחד (פע־עכאָד) — „מיט איין מויל", איינשטימיק.

● אַלע זאָגן פה־אחד, אַז עס איז אַזוי (פרץ).

פה־אל־פה (פע־על־פע) — פון מויל צו מויל, פערזענלעך; אויף פיר אויגן.

● ער מוז מיט אים רעדן פה־אל־פה (פרץ).

פה־לין (פוי־לין) — דאָ נעכטיק אי־בער, דאָ בלייב ווינען. לויט דער לעגענדע שטאַמט דער נאָמען „פוילן" פון די ווערטער „פה־לין".

● דער ראש־הגולה האָט געזאָגט: „פה לין" און פון דעמאָלט אָן הייסט דאָס לאַנד „פוילן" (פרץ).

„פה נטמן" (פוי ניטמאַן) — דאָ איז באַהאַלטן, דאָ איז באַגראָבן, דאָ ליגט. אַן אָנגענומענע אויפשריפט אויף יידישע מצבות.

● „פה נטמן" — אָט דאָ ליגט באַגראָבן אַ בינטל פון לעבנס־חלומות (ראַסקין).

פוגע בכבוד (פויגייע בעקאָוועד) זיין — אָנרירן יענעמס כבוד, עמעצן באַליידיקן.

● האָט קיין פאַריבל נישט, רב טביה, אפשר האָב איך אייך פוגע בכבוד געווען (ש"ע).

דער פוסק — פוסקים (פויסעק — פּאָסקים) — דעציזאָר, דעצידירנדי־קער; (רבנישע) אויטאָריטעט, וואָס אַנטשיידט אין (רעליגיעזע) פראַגן; דער, וואָס זאָגט דאָס לעצטע וואָרט.

● אין מיין צייט און אין מיין שטאָט בין איך דער איינציקער פוסק (ש. אַש).

דער פוסק אחרון (פויסעק אַכ־רען) — דער לעצטער, ענדגילטיקער פוסק.

● זיין וואָרט ווערט געהערט, ער איז ביי אונדז דער פוסק אחרון.

פוסקים (פּאָסקים) — מ"צ — ספרים, ווו ס'ווערן געלעזט רעליגיעזע פראַגן.

דער פועל — פועלים (פויעל — פויאַלים) — ארבעטער, געזעלן.

● ביי יעדן וואַרשטאַט שטייט אַ פועל (פרץ).

פועל (פויעל) זיין — זע: פועלן.

דער פועל־יוצא (פויעל־יויצע) — רעזולטאַט.

● זיינע ווערק זענען אַ פועל־יוצא פון שטענדיקע אינעווייניקסטע גראַנג־לעניש (ג. מיידיל).

פועל־יוצא (פויעל־יויצע) זיין — דערגרייכן; באַווירקן; באַקומען אַ רעזולטאַט.

● וואָס איך האָב דערמיט געוואָלט פּועל־יוצא זיין, ווייס איך נישט (פּרץ).

פּועל־צדק — פּועלי־צדק (פּויעל־צעדעק — פּויאַליי־צעדעק) — גערעכטער אַרבעטער. נאָמען פון אַ בעל מלאכישער חברה ביי די ערשטע פּרווון פון שאַפן צעכן ביי די יידישע האַנטווערקער.

● חברה „פּועל־צדק" זענען אַוועק צום רב און האָבן דאָרט געמאַכט אַ געוואַלד (ש"ע).

פּועלי־ציון (פּויאַלע־ציען, פּויעלע־ציען) — „ציון־אַרבעטער". נאָמען פון אַ לינקער פּראָלעטאַריש־ציוניסטישער פּאַרטיי.

פּועלן (פּויעלן) — אויסווירקן; דערגרייכן.

● איצט פּועלט איר ביי מיר אַלץ (ש"ע).

דער **פּורים** (פּורים) — נאָמען פונעם יום־טוב, וואָס פאַלט אויס דעם 14 טן אדר צום אָנדענק, וואָס די פּערסישע יידן זענען געראַטעוועט געוואָרן פון המנן דורך אסתּרן און מרדכין.

דאָס **פּורים־שפּיל** (פּורים־שפּיל) — קליינע דראַמאַטישע אויפפירונג אויף אַ ביבלישער טעמע, וואָס פלעגט געשפּילט ווערן פּורים, ווי: מכירת־יוסף, אחשורש אדג"ל. עס איז אַ פּורים שפּיל — עס איז אַ קאָמעדיע, אַ שפּאַס.

דער **פּורים־קטן** (פּורים־קאָטן) — „קליינער פּורים" — דער טאָג פון 14 אדר א׳ אין אַן עיבור־יאָר.

דאָס **פּורעניות — פּורעניותן** (פּוראָניעס — פּוראָניעסן) — אומגליק, פּלאָג, שלאַק.

● דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצע ריי פון אַלערליי צרות, שלעק, פּורעניות (ש"ע).

פּורץ (פּוירעץ) זיין — צעברעכן (דעם צוים).

● דיינע יידן וועלן פּורץ זיין דעם גדר (אַנ־סקי).

דער **פּורץ־גדר** (פּוירעץ־גאָדער) — צוימען־ברעכער.

● ער איז געווען אַ פּורץ־גדר, אַ צוימען־ברעכער, אַ נאָוואַטאָר, אַ בונטאַר (נ. מייזיל).

פּורש בשמו (פּוירעש בישמוי) זיין — אָנרופן זיין נאָמען.

● איך וויל נישט פּורש בשמו זיין — עס פּאַסט נישט (ש"ע).

דער **פּושע־ישראל — פּושעי־ישראל** (פּאָשע־ייסראָעל — פּאָשיי־ייסראָעל) — זינדיקער ייד; זינדיקער קעגן דער יידישער רעליגיע.

● מען נעמט זיך צו דעם פּושע־ישראל (ממ"ס).

די **פּותיקי, פּותיקא** (פּויטיקע) — גרויסע סומע געלט. זע: אפּותיקי.

● דעם דאָזיקן פאַרשווין מעג איך מיין פּותיקא געטרויען (ש"ע).

דער **פּותר** (פּויסער) — באַשייד, דערקלערונג, אויסטייטש. ער ווייסט נישט פון קיין פּותר און פון קיין חלום — ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן.

פּותר (פּויסער) זיין — באַשיידן, דערקלערן; אויסטייטשן (אַ חלום, אַ רעטעניש).

● מיר האָבן פּותר געווען אייער חלום צום גוטן (אַנ־סקי).

פותר חלום (פויסער כאָלעם) זיין— אויסטייטשן אַ חלום.

● איר זייט געקומען, איך זאָל אייך פותר חלום זיין (ד. פינסקי).

דער **פותר חלומות** (פויסער כאַלוימעס) — אויסטייטשער פון חלומות.

דער **פזמון — פזמונות** (פיזמען — פיזמוינעס) — רעליגיעז געדיכט ; ליד, אַלט לידל ; אויסגעטראַכטע זאַך.

● האָט דער רבי געזאָגט פון סליחות דעם ערשטן פזמון (פרץ). זאָלסט נישט דערציילן קיין פזמונות, נעכטיקע טעג (ש״ע).

דער **פזרן — פזרנים** (פאַזרן — פאַזראָנים) — ברייטהאַרציקער ; צע־טרענצלער; פאַרשווענדער.

דאָס **פזרנות** (פאַזראָנעס) — ברייט־האַרציקייט ; צעטרענצלעריי ; פאַר־שווענדעריי.

● ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך די עכט־רוסישע ברייטקייט, איידעלע פזרנות.

די **פזרנטע — פזרנטעס** (פאַזרנטע — פאַזרנטעס) — ברייט־האַרציקע ; צעטרענצלערין, פאַר־שווענדערין.

דער **פחד — פחדים** (פאַכעד — פעכאָדים) — פורכט, שרעק, מורא.

● ס׳איז שטאָק־חושך, ס׳וויינט דער ווינט — פאַלט אַ פחד (א. שטיינבאַרג).

דער **פחדן — פחדנים** (פאַכדן — פאַכדאָנים) — שרעקעוודיקער.

● ער איז אַ פחדן, שרעקט זיך פאַר זיין אייגענעם שאָטן.

דאָס **פחדנות** (פאַכדאָנעס) — שרעק־עוודיקייט.

די **פחדנטע — פחדנטעס** (פאַכדנטע — פאַכדנטעס) — שרעק־עוודיקע.

פחדניש (פאַכדאָניש) — שרעקעוודיק.

פחות משוה פרוטה (פאָכעס מיש(אָ)ווע פרוטע)—ווייניקער פונעם ווערט פון אַ גראָשן ; קיין גראָשן נישט (ווערט); קלענסטע ווערטיקייט.

● ער האָט געהאַט בירושה דאָס שטיקל פלאַץ און קיין פחות משוה פרוטה געלט (פרץ).

דאָס **פחיתות [פחיתת]־הכבוד** (פכיסעס־האַקאָוועד) — פאַרמינערונג פון כבוד, דערנידערונג, באַליידיקונג.

● איך האָב דערפילט אַ שטיקל פחי־תות־הכבוד (ממ״ס).

אויף **פחת** (פכאַס) — אויף בראָכוואַרג (פון מעטאַלן).

● אויף פחת ווערט ק״ן (150) קערבלעך (פרץ).

דער **פטום** (פיטעם) — זע : פיטם.

פטור (פאָטער)—באַפרייט, געענדיקט, גענוג.

● פטור, אַראָפּ פון מאַרק. (מ. בורשטין).

פטור (פאָטער) ווערן — באַפרייט ווערן, זיך אָפּטשעפּן.

● עפּעס איז דאָך פון אים נישט פטור צו ווערן. (ממ״ס).

פטור בלא כלום (פאָטער בעלוי קלום) — אָפּקומען מיט גאָרנישט ; באַפרייט פון אַלץ.

● פטור בלא כלום — דאָס גייט נישט, ס׳איז אַן אָרעם שטעטל (ש״ע).

פטור בלי כלום אי אפשר (פאָטער בעלי קלום אי עפשער) — אָפּקומען מיט גאָרנישט איז אומ־מעגלעך; מען טאָר נישט פאַרשווייגן.

● מען מוז אויף דעם רעאַגירן, פּטור בלי כּלום אי אפשר (ש. ציטראָן).

די פּטירה (פּטירע) — דאָס אויסגיין, דאָס שטאַרבן (געוויינטלעך וועגן אַ באַרימטער רעליגיעזער פּערזענלעכקייט גערעדט).

פּטרן (פּאַטערן) — פּאַרלירן; איבערפירן (קאַליע מאַכן); אָוועקהערגעבנען; פּטור ווערן, זיך באַפרייען.

● איך האָב באַשלאָסן נישט צו פּטרן קיין צייט (זשיטלאָווסקי). זי האָט געפּטרט דאָס קליידל. מען פּטרט אַרויס דעם פּסח פון שטוב (ממ"ס).

דאָס פּטרניש (פּאַטערניש) — דאָס באַפרייען זיך, דאָס פּטור ווערן.

דער פּידיון—פּידיונות (פּידיען—פּידיוינעס) — זע: פּדיון.

דער פּיוט (פּייעט, פּיעט)—(ליטורגישע) דיכטונג.

דער פּיזמון—פּיזמונות (פּיזמען—פּיזמוינעס) — זע: פּזמון.

דער פּיטם, פּיטום (פּיטעם) — עק (שפּיץ) פון אתרוג.

דער פּיטן — פּיטנים (פּייטן — פּייטאָנים) — ליטורגישער דיכטער, מיטלאַלטערלעכער פּאָעט פון רעליגיעזער דיכטונג (פון פּיוט).

דער פּילפּול (פּילפּל) — זע: פּלפּול.

פּילפּולען (פּילפּלען) — זע: פּלפּולען.

דער פּיקדון — פּ[י]קדונות (פּיקאָדן — פּיקדוינעס) — דעפּאָזיט, איינלאַג; אַ זאַך אָדער געלט, וואָס ווערט איבערגעלאָזן צום אָפּהיטן.

● עשירות, וואָס קומט אָן שוויס און אומגעריכט, איז נאָר אַ פּיקדון (פּרץ).

דער פּיקוח־נפש (פּיקועך־נעפעש)— דאָס ראַטעווען דאָס לעבן, דאָס ראַטעווען אַ מענטשן.

● [ס'איז] פּיקוח־נפש — ראַטעווען אַ שטאָט מיט מענטשן (ש"ע).

דער פּיקח — פּ[י]קחים (פּיקייעך [פּיקעך] — פּיקכים) — קלוגער.

● ער איז געווען אַ ייִד אַ חכם, אַ פּיקח (נ. מייזיל).

דער פּירוד הלבבות (פּיירעד האַלוואָוועס) — „צעשיידונג פון הערצער", צעריסנקייט, צעטיילונג.

● צוליב דעם האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ מין אומצוטרוי, אומצופרידנקייט און פּירוד הלבבות (נ. מייזיל).

דער פּירוש — פּירושים (פּיירעש — פּערושים) — קאָמענטאַר, דערקלערונג.

● ווער בעט אייך, איר זאָלט מאַכן אַ פּירוש אויף מיינע ווערטער (ש"ע).

דער פּירוש המילות (פּיירעש האַמילעס) — ווערטער־פּאַרטייטשונג, ווערטער־דערקלערונג.

● איך קאָן עברי און פאַרשטיי פּירוש המילות (ש"ע).

דער פּירסום (פּירסעם) — דאָס באַקומען אַ נאָמען, דאָס ווערן באַקאַנט; פּאָפּולאַריטעט.

● דאָס האָט אים נאָך צונעגעבן פּירסום (א. ביק).

פּיתום און רעמסס (פּיסעם און ראַמסעס) — צוויי פעסטונג־שטעט, וואָס יידן האָבן געבויט אין מצרים (לויט דער ביבל). ער בויט פּיתום און רעמסס — ער מאַכט פאַנטאַסטישע פּלענער.

פּיתרון — פּיתרונים (פּיסרען — פּיסרוינים) — זע: פּתרון.

דער פ ל א — פ ל א י ם, פ ל א ו ת (פײלע [פעלע] — פלאָים, פלאָעס) — װוּנדער, אױסטערלישקײט.

● איר טאַנצן איז געװען אַ פלא (בערדיטשעװסקי).

פ ל א ד י ק (פעלעדיק) — װוּנדערבאַר.

● דער שנײ האָט פלאדיק געשײנט און געסקריפּעט אונטער די פיס (ממ״ס).

פ ל א י ־ פ ל א י ם (פילע־פלאָים) — װוּנדער איבער װוּנדער.

● פלאי־פלאים, גאָרנישט צו פאַרשטײן (ש״ע).

די פ ל ו ג ת א — פ ל ו ג ת ו ת (פלוגטע— פלוגטעס) — שטרײט (אין גײסטיקן זין), מײנונגס־פאַרשידנהײט, װיכּוח.

● עס איז נישט קײן פלוגתא צװישן פאַרשידנאַרטיקע שרײבער (נ. מײזיל).

פ ל ו נ י (פלױני) — אומבאַקאַנטער מענטש, אַ געװיסער מענטש.

פ ל ו נ י ־ א ל מ ו נ י (פלױני־אַלמױני) — N.N.: אַ געװיסער מענטש.

פ ל ו נ י ב ן פ ל ו נ י (פלױני בען פלױני) — אַזױנער און אַזױנער, אַ געװיסער מענטש (װעמענס נאָמען עס װערט נישט דערמאָנט).

פ ל ו נ י ת (פלױניס) — זע: פלוניתטע

פ ל ו נ י ת ט ע — פ ל ו נ י ת ט ע ס (פלױניסטע — פלױניסטעס) — פרױ, װאָס װערט נישט דערמאָנט מיטן נאָמען; װײב.

● װאָס איז אַזױנס פלוניתטע? — גאָרנישט, פלוניתטע איז פלוניתטע, אַ ײדענע אָן אַ נאָמען (ש״ע). ער פאָרט אַהײם צו דער פלוניתטע (פרץ).

פ ל ט י א ל (פאַלטיעל) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

פ ל י א ה (פליאה) — װוּנדער, אומפאַרשטענדלעכעס.

● נאָר אײנס איז מיר אַ פליאה, ער איז שױן נישט מער אַזאַ מתמיד (בערדיטשעװסקי).

פ ל י א ה ד י ק (פליעדיק) — װוּנדערלעך, אומפאַרשטענדלעך.

● אין פלוג זענען אײערע װערטער זײער פליאהדיק און לײגן זיך נישט אױפן שכל (ממ״ס).

דער פ ל י ט — פ ל י ט י ם (פּאָליט — פלײטים)—אַנטרונענער, אַנטלאָפענער, פליכטלינג.

פ ל י ט ה (פלײטע) מאַכן — אַנטלױפן, אַנטרונען װערן; אָנזעצן, באַנקראָטירן.

● ער האָט זיך איבערגעשראָקן און געמאַכט פליטה (אָפּאַטאָשו).

פ ל י ש ת י ם (פלישטים) — זע: פלשתים.

דער פ ל מ ״ ח (פאַלמאַך) — פאַרקירצונג פון: פ ל ו ג ו ת [ה]מ ח ץ (פלוגאָט [האַ]מאַכאַץ) — שטורם־גרופּן; נאָמען פון דער פאָרמאַציע פון אָפּ־פערװיליקע קעמפער בײ דער הגנה אין ארץ ישׂראל, געשאַפן אין יאָר 1941.

דער פ ל פ ו ל (פילפל) — סכאָלאַסטיק, סאָפיסטיק; שאַרפזיניקע דיספּוטאַציע; מעטאָד פון תּלמודיש־רבנישער דיאַלעקטיק.

● איך בין געװען אַ קעגנער פון פלפול, פון דרשות, װאָס פירן צונױף אַ װאַנט מיט אַ װאַנט (ברײנין).

פ ל פ ו ל ע ן (פילפלען) — סכאָלאַסטיש דיסקוטירן.

● יונגע לערנער פלעגן זיך פלפולען אין לערנען (א. ביק).

דער פ ל ש ת י — פ ל ש ת י י ם (פלישטי

— פּלישטיאים) — איינער פון פאָלק פלשתים. זע: פלשתים.

פ ל ש ת י ם (פּלישטים) — אַמאָליק פאָלק, וואָס האָט געלעבט אויפן דרומדיקן ברעג פון ארץ ישראל.

די **פ מ ל י א, פ מ ל י ה** (פּאַמעליע) — (גאָטס) סוויטע, דינערשאַפט; מלאָכים.

● אַ ליכטיקער מלאך, פון זיין ליבן נאָמענס ליכטיק פמליא (פרץ).

די **פ מ ל י א ש ל מ ע ל ה** (פּאַמעליע שעל מיילע) — גאָטס־סוויטע, מלאכים.

● האָט די פמליא של מעלה באַשטימט, אַז מירעלע זאָל דערווייל בלינד בלייבן (ש. אַש).

פ״נ (פּוי ניטמאַן) — זע: פה נטמן.

פ ן י ר ב ו (פּען יירבו) — טאָמער וועלן זיי זיך פאַרמערן, טאָמער וועלן זיי שטאַרק ווערן.

● די אַלטע מורא „פן ירבו“, טאָמער וועלן זיי זיך פאַרמערן און שטאַרק ווערן (ג. מייזיל).

פ נ ה ה ו ד ה, פ נ ה ז י ו ה, פ נ ה ה ד ר ה (פּאָנאָ הוידאָ, פּאָנאָ זיוואָ, פּאָנאָ האַדאָראָ) — אַוועק איר פּראַכט, אַוועק איר גלאַנץ, אַוועק איר שיינקייט.

● איז איר די שטאָט נמאס ומיאוס געוואָרן: פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה (פרץ).

פ נ ו ד ר ך (פּאַנו דערעך) — מאַכט אַ וועג.

● ער גייט פאָרויס, שרייט: מאַכט אַ וואַרע, פנו דרך (ש. אַש).

פ נ ח ס (פּינכעס) — ביבל־פּערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

פ נ י (פּניי) — מ״צ — אָנגעזעענסטע, חשובסטע מענטשן; עלטסטע; פאָרשטייער.

● די גאַנצע פני פון שטאָט איז געווען פאַרזאַמלט (ש. אַש).

פ נ י ־ ה ע י ר (פּניי־האָאיר) — מ״צ — אָנגעזעענסטע (זייער חשובע) מענטשן פון שטאָט, די עלטסטע פון שטאָט.

● [דערמיט] האָבן זיך פאַרנומען די פני־העיר, די חשובסטע אַלטע בעלי־בתים (צ. קאַצענעלסאָן).

די **פ נ י ה — פ נ י ו ת** (פּניע — פּניעס) הינטער־געדאַנק, זייטיקער מיין.

● יידן, וועלכע רעדן תמיד וועגן פאָלקס־זאַכן, זאָלן האָבן דערביי אויך זייטיקע פניות (מ. בורשטין).

דאָס **פ נ י ם — פ נ י מ ע ר** (פּאָנעם — פּענימער) — געזיכט; אויסזען.

● ליב האָט עטלעך צו נאַשן, פיינט דאָס פנימל צו וואַשן (פרץ). עס האָט נישט קיין פנים (ריידאַרט).

פ נ י ם ־ א ל ־ פ נ י ם (פּאָנעם־על־פּאָנעם) —אויג אויף אויג; פערזענלעך; נאָענט.

● מיין טרוים איז געווען: צו באַגעגענען אַ שרייבער פנים־אל־פנים (ברייגין). מיר שטייען איצט פנים־אל־פנים מיט די אַלע פראַגן (נ. מייזיל).

פ נ י ם ח ד ש ו ת (פּאָנעם כאַדאָשעס) —ניי פנים; נייער מענטש.

● איך איינער אַן אַלטער, פול פנים חדשות (פרץ).

פ נ י נ ה (פּנינה) —נאָמען פון אַ פרוי. יידיש: פערל.

דער **פ נ ק ס — פ נ ק ס י ם** (פּינקעס — פּינקאָסים) — בוך; קהילה־בוך; הייליק בוך; קהילה־קראָניק.

● די דאָזיקע שרפה שטייט פאַרשריבן

אין די קראָניקעס, אין קהלישן פּנקס הייסט עס (ממ"ס).

פּ ס ו ל (פּאָסל) — נישט־באַנוצבאַר; פּאַר־באָטן (ריטועל); דיסקוואַליפיצירט.

● מיינסט, אַז דיר געפעלט נישט, איז דער ניגון פּסול (א. שטיינבאַרג).

דער פּ ס ו ל (פּסול) — פלעק; חרפּה; אומווירדיקייט.

● ביי יידן איז אַ משומד אַ פּסול אין דער משפּחה.

פּ ס ו ל ת (פּסוילעס) — אָפּפאַל.

● זעסט דאָך: פּסולת, אָפּפאַל, בראָכ־וואַרג (א. שטיינבאַרג).

דער פּ ס ו ק — פּ ס ו ק י ם (פּאָסעק — פּסוקים) — ביבל־זאַץ, ביבל־פערז; שפּרוך; זאַץ.

● אַקעגן אַ פּסוק העלפט נישט קיין זאַך (ממ"ס). דאָס מיינט טאַקע דער פּסוק (ריידאַרט).

פּ ס ח (פּייסעך) — נאָמען פון דעם פרי־לינג יום־טוב, וואָס ווערט געפייערט אַכט טעג (אָנהויבנדיק פונעם 15־טן ניסן) צום אָנדענק פון יציאת־מצרים (ז"ד); נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דאָס פּ ס ל ו ת (פּאַסלעס) — אומטויג־לעכקייט, דיסקוואַליפיקאַציע.

● דלות מאַכט פּסלות (פּרץ).

פּ ס ל ע ן, פּ ס ל ע נ ע ן (פּאַסלען, פּאַס־לענען) — דערקלערן פאַר ריטועל פאַרבאָטן; דיסקוואַליפיצירן.

דער פּ ס ק — פּ ס ק י ם, פּ ס ק ן (פּסאַק — פּסאָקים, פּסאַקן)—אורטייל; שטראָף; זידל.

● דער פּרעזידענט לייענט פאַרן יידישן מיידל אַ פּסק פון פּאַפּיר (פּרץ). דער גרעסטער בעל־הבית קאָן ביי אים כאַפּן אַ פּסק (ש"ע).

דער פּ ס ק ־ ד י ן (פּסאַק־דין) — געריכט־לעכער אורטייל.

פּ ס ק נ ע ן (פּאַסקענען) — אַרויסטראָגן אַן אורטייל; אורטיילן, אַנטשיידן.

די פּ ע ו ל ה (פּולע) — ווירקונג; אויפטו.

● נו וואָס זשע איז די פּעולה, וואָס קומט אַרויס? (ממ"ס). זיי האָבן גע־האַט ביי אים אַ גוטע פּעולה אין לערנען (י. קאָטיק).

דער פּ ק ד ו ן — פּ ק ד ו נ ו ת (פּיקאָדן — פּיקדוינעס) — זע: פּיקדון.

דער פּ ק ו ח ־ נ פ ש (פּיקועך־נעפעש) זע: פּיקוח־נפש.

דער פּ ק ח — פּ ק ח י ם (פּיקייעך — פּיקכים) — זע: פּיקח.

דאָס פּ ק ח ו ת (פּיקכעס)—קלוגשאַפט.

● דאָס פּנים שטראַלט פון פּקחות און ווילקייט (מ. בורשטין).

דער פּ ר א — פּ ר א י ם (פּערע — פּראָים) —ווילדער, נישט־דערצויגענער.

● איר זענט דאָך עפּעס דאָ ווילדע מענטשן, פּראים (ש"ע).

דער פּ ר א ־ א ד ם — פּ ר א ־ א ד מ ס (פּערע־אָדעם — פּערע־אָדעמס) — ווילדער, נישט־דערצויגענער מענטש.

● נו, גייט רעדט מיט אַ פּרא־אדם (ש"ע). אַזוי טוען פּרא־אדמס, נישט קיין מענטשן (ש"ע).

דער פּ ר ד ס — פּ ר ד ס י ם (פּאַרדעס — פּאַרדייסים) — פרוכט־גאָרטן; מאַ־ראַנצן־גאָרטן. באַצייכענונג פון גן־עדן.

● ער וועט פון דעם „פּרדס" קיין גאַנ־צער נישט אַרויס (אָפּאַטאָשו).

די פּ ר ה ־ א ד ו מ ה (פּאָרע־אַדומע) — רויטע קו (וועלכע מען פלעגט פאַר־צייטנס פאַרברענען און מיט איר אַש רייניקן די אומריינע (טמאים).

דער פרוד-הלבבות (פּיירעד-האַלוואָוועס) — זע: פּירוד-הלבבות.

פרוזדור (פּרויזדער) — פּאָדער-הויז, פּאַרצימער.

● די וועלט איז אַ פּרוזדור, נאָר אַ קורצער דורכגאַנג און נישט מער (א. שטיינבאַרג).

די פרוטה — פרוטות (פּרוטע — פּרוטעס) — גראָשן, קלענסטע מטבע.

דאָס פרוכת — פרוכתן (פּאָרויכעס — פּאָרויכעסן) — פּאָרהאַנג (אויפן ארון קודש).

● איבערגעצויגן איז היינט געווען דער ארון מיט דעם נייעם יום-טובדיקן פּרוכת (ש. אַש).

1. פרוש — פרושים (פּאָרעש — פּרושים) — אָפּגעזונדערטער. באַצייכענונג פון אַמאָליקן רעליגיעזן לערנער, וואָס האָט פאַרלאָזט זיין משפחה (זיין פרוי) און איז אַוועק אין דער ישיבה לערנען.

● אין קאָמעניץ זענען געווען די בעסטע פּרושים, די גרעסטע לערנער (י. קאָטיק).

2. פרושים (פּרושים) — אָנהענגער פון אַ גייסטיק-רעליגיעזער ריכטונג ביי יידן אין דער צייט פון בית שני, וואָס האָבן קאָמענטירט די תּורה לויט די באַדערפענישן פון דער צייט. די פּרושים זענען געווען די פּאָרגייער פון די תּלמוד-לערער (זע תּורה שבעל-פּה), קעגנער פון די צדוקים.

פרות-הבשן (פּאַרעס-האַבאָשן) — קי פון לאַנד בשן; זייער פעטע קי.

● איך זאָל ליב האָבן די גראָבע, די פּרות-הבשן, וואָס זייער איינציקער אידעאַל איז פרעסן? (ש"ע).

פרחה נשמתו (פּאָרכאָ נישמאָסוי) געוואָרן — „אַרויסגעפלויגן די נשמה", אַרויס די נשמה (פאַר שרעק); דער-ציטערט געוואָרן.

● [ער] האָט אויף אים געגעבן אַ קוק, איז אים פּרחה נשמתו געוואָרן (ש"ע).

דער פרט — פרטים (פּראַט — פּראָטים) — איינצעלנער, יחיד; איינצעל-הייט; הינזיכט.

● דאָס איז אַן אומגליק אי פאַרן פּרט, אי פאַרן כּלל (ממ"ס). איך וועל זיך נישט אַריינלאָזן אין פּרטים (א. א. ראָבאַק). אין דעם פּרט בין איך מיט דיר נישט מסכּים.

דאָס פרטות (פּראָטעס) — איינצעל-הייט.

● איך וועל שפּעטער דערציילן מיט מער פּרטות (י. י. טרונק).

די פרי — פירות (פּיירע — פּיירעס) — פּרוכט, אויבס.

● אָנגעפּאַקט פּירות, פּרוכט פון אַלע סאָרטן (ביאַליק).

דער פריץ — פריצים (פּאָרעץ — פּריצים) — רייכער ערד-באַזיצער; אַריסטאָקראַט; האַר.

● מאַרצעפּאַנעס עסן גרויסע, גרויסע פּריצים (מאַלאָדאָווסקאַ ק.)

די פריצה — פריצות (פּריצע — פּריצעס) — ווייבלעכע פאָרם פון פּריץ.

● זייערע ווייבער און טעכטער פּוצן זיך אויס ווי פּריצות אין זייד און אין סאַמעט (ש"ע).

די פריצטע-פריצטעס (פּריצטע-פּריצטעס) — זע: פּריצה.

דער פרנס — פרנסים (פּאַרנעס—פּאַרנאָסים) — קהילה-ראַטמאַן, גע-מיינדע-ראַטמאַן, קהילה-פאָרשטייער.

● דו ווּעסט זיין אַ פּרנס ביי יידן (ש. אַש).

דער פּרנס־חודש — **פּרנסי־חודש** (פּאַרנעס־כוידעש — פּאַרנעסיי־כוידעש) — קהילה־פּאַרזיצער אויף אַ חודש (אַמאָל).

● דער פּרנס־חודש איז געווען ד׳ער גאַנצער בעל־הבית אין שטאָט (י. קאָטיק).

די פּרנסה — **פּרנסות** (פּאַרנאָסע — פּאַרנאָסעס) — אויסהאַלטונג, פאַרדינסט צום לעבן.

● אויסגעלאָזט זיך די פּרנסות, נישטאָ מער פון וואַנען צו ציען (ממ״ס).

די פּרנסה בשפע (פּאַרנאָסע בעשעפע) — פולע פּרנסה, פּרנסה איבערן מויל.

דער פּרסום (פירסעם)—זע: פּירסום.

פּרעה (פּאַרע) — עגיפּטישער קעניג, פּאַראַאָן; ביבל־פּערסאָנאַזש.

פּרעה מלך מצרים (פּאַרע מיילעך מיצראַיִם) — פּרעה דער קעניג פון עגיפּטן.

פּרץ (פּערעץ) — נאָמען אָדער פאַמיליע־נאָמען פון אַ מאַנצביל; פאַמיליע־נאָמען פונעם גרויסן דיכטער און מייסטער פון דער יידישער פּראָזע, איינעם פון די דריי קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור (1852—1915).

דער פּרצוף — **פּרצופים** (פּאַרצעף — פּאַרצופים) — פּנים, געזיכט; אויסזען.

דער פּרצוף־פּנים (פּאַרצעף־פּאַנעם) — געזיכט; אויסזען.

● אַ שטעטל מיט אַ פּרצוף־פּנים, ווי אַלע שטעטלעך (פּרץ).

דער פּרק — **פּרקים** (פּיירעק — פּראָקים) — קאַפּיטל. באַצייכענונג פון פּרקי אבות (ז״ד).

דער פּרק משניות (פּיירעק מישנאַיעס) — קאַפּיטל משניות (ז״ד).

פּרקי־אבות (פּירקיי־אָוועס)—מ״צ— „שפּרוכן פון אונדזערע פאָטערס״, זאַמלונג פון שפּרוכן פון חכמים און תנאים; טייל פון משנה.

די פּרשה — **פּרשיות** (פּאַרשע — פּאַרשעס) — קאַפּיטל; קאַפּיטל פון חומש.

פּשוט (פּאָשעט) — פּראָסט; *איינפאַך; געוויינטלעך.

● די מעשה איז פּשוט, די מעשה איז פּראָסט (פּרץ מאַרקיש).

פּשוט כמשמעו (פּאָשעט קעמאַשמאָעו) — גלאַט אַזוי, פּראָסט ווי עס דאַכט זיך; גאָר געוויינלעך.

● דו מיינסט, טאַטע, מען האָט מיך פּשוט כמשמעו אָפּגעלאָזט? (ממ״ס).

דער פּשט (פּשאַט) — טייטש; איינפאַכע קלאָרע אויסטייטשונג לויטן מיין פונעם וואָרט (אין קעגנזאַץ צו דרש); מיין.

● אַלע ווייבער פאַרשטייען גוט דעם פּשט פון דער דאָזיקער שטומער פּרשה (ש״ע).

דאָס פּשטות (פּאַשטעס) — איינפאַכקייט; באַשיידנקייט.

● גערעדט אין פּשטות אַריין, אָן גאווה (פּרץ).

דאָס פּשטל — **פּשטלעך** (פּשעטל — פּשעטלעך)—תלמודישע סכאָלאַסטישע אָפּהאַנדלונג, שאַרפזיניקע, קאַזויסטישע באַטראַכטונג.

דער פּשטן — **פּשטנים** (פּאַשטן —

פאַשטאָנים) — אויסטייטשער; דער, וואָס טייטשט אויס קלאָר.

פ ש י ט א (פּשיטע) — געוויס. זע: אפשיטא.

דער פ ש ר (פּעשער)—אויסגלייך, קאָמ-פּראָמיס. זע: פּשרה; אויסטייטשונג.

די פ ש ר ה — פ ש ר ו ת (פּשאָרע — פּשאָרעס) — אויסגלייך; קאָמפּראָמיס.

● איך מאַך אַ פּשרה; לאָז זיין אַ ביסל ביי אים אויפן וואָגן און אַ ביסל ביי מיר (ממ״ס).

דער פ ש ר ן — פ ש ר נ י ם (פּאַשרן — פּאַשראָנים — קאָמפּראָמיסן-מאַכער, דער וואָס גייט איין אויף פּשרות

דאָס (די) פ ת (פּאַס)- ברויט.

פ ת ע כ ו ״ ם (פּאַס אַקום) - נישט כשר ברויט (ביי רעליגיעזע יידן).

דער פ ת ח (פּאַסעך, פּאַטעך) — שריפט-צייכן (ַ) אין העברעיש, וואָס באַ-צייכנט דעם וואָקאַל „אַ״.

● פּתח שין שאַ (פּאָלקסווערטל).

דער פ ת ח ו ן - פ ה (פּיסכען-פּע) — אויסרייד; טענה; געלעגנהייט (צו עפּעס).

● נישט געבן דעם יצר-הרע קיין פּתחון-פּה (אָפּאַטאָשו).

פ ת ח י ה (פּסאַכיע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

פ ת ר ו ן—פ ת ר ו נ י ם (פּיסרען-פּיסרוי-נים)—באַשייד, אויסטייטשונג, לעזונג.

די צ א י נ ה - ו ר א י נ ה (צענע-רענע) — „גייט און זעט", טיטל פונעם טייטש-חומש (פרויען-חומש); פרייע איבערזעצונג פון חומש און מגילות מיט אגדות און משלים, פאַרפאַסט פון רבֿ יעקב פון יאַנאָוו (סוף XVI אָנהייב XVII יאָרהונדערט).

צ א ן - ק ד ש י ם (צאָן-קאָדאָשים) — מ"צ — הייליקע שעפעלעך. באַצייכענונג פון יידן, פון יידישע קינדער.
● יידעלעך, צאן-קדשים, שטופּן זיך, יאָגן זיך (ממ"ס).

צ ב א ה ה ג נ ה ל י ש ר א ל (צוואַ האַהאַגאַנאַ לעיסראַעל) — פּאַרטיידיקונגס-אַרמיי אין ישראל.

צ ב א י ש ר א ל (צוואַ ייסראַעל) — אַרמיי פון ישראל.

דער צ ב ו ע ק — צ ב ו ע ק ע ס (צוואַק — צוואַקעס) — צוויי-פּנימדיקער, צווייזייטיקער, פאַלשער מענטש.
● פאַר צבועקעס זאָלסטו זיך מער היטן, ווי פאַר שלעכטע מענטשן (פאָלקסווערטל).

צ ב ו ע ד י ק (צוועדיק) — צוויי-פּנימדיק, צווייזייטיק.

די צ ב ו ע ט ש ק ע — צ ב ו ע ט ש ק ע ס (צוואַטשקע — צוואַטשקעס) — ווייבלעכע פאָרם פון צבועק.

צ ב ו ע ט ש ן (צוואַטשען) — צוויי-פּנימדיק זיין, צווייזייטיק, פאַלש זיין.

דער צ ב ו ר — צ ב ו ר י ם (ציבער — ציבורים) — זע: ציבור.

צ ב י (צווי) — נאָמען פון אַ מאַנצביל. אין יידיש: הערש, הירש.

צ ב י ה (ציוויע) — נאָמען פון אַ פרוי.

דאָס צ ב י ע ו ת (צוויעס) — צוויי-פּנימדיקייט, צווייזייטיקייט, פאַלשקייט.

צ ב י ע ו ת ד י ק (צוויעסדיק) — צוויי-פּנימדיק, צווייזייטיק.

דער צ ד — צ ד ד י ם (צאַד — צדאָדים) — זייט. איינער פון צוויי פערזאָן אָדער איינע פון צוויי גרופּן (פאַרן געריכט אדג"ל).
● מען מוז אויסהערן ביידע צדדים (פאָלקסווערטל).

דער צ ד ש כ נ ג ד ו [ש כ נ ג ד ו] (צאַד שעקענעגעד [שעקענעגדוי] — (זיין) קעגנערישע זייט.
● איטלעכער צד האָט אַ צד שכנגדו (פאָלקסווערטל).

צ ד ו ק (צאָדעק) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

צ ד ו ק י ם (צדוקים) — מ"צ — אָנהענגער פון אַ פּאָליטיש-רעליגיעזער פּאַרטיי ביי יידן (אין דער צייט פון בית שני), וועלכע האָט אַרומגענומען דעם פירנדיקן אַריסטאָקראַטישן שיכט, וואָס האָט זיך שטרענג געהאַלטן ביי דער תורה שבכתב און נישט אָנער-

קענט די תורה שבעל־פה, קעגנער פון די פרושים (ז"ד).

די **צדיק** (צאַדיק) — דאָס אַכצנטע אות (צ) פונעם אַלף־בית.

דער **צדיק — צדיקים** (צאַדיק — צאַדיקים) — גערעכטער, פרומער; חסידישער רבי.

אַ צדיק אין פעלץ — פאַרשטעלטער (פאַלשער) צדיק, צבועק.

צדיקי הדור (צאַדיקיי האַדאָר) — מ"צ — די גערעכטע פון דער גענעראַציע; די גרעסטע וואונדער־טוער פון דער צייט.

די **צדיקיתטע — צדיקיתטעס** (צאַדייקעסטע — צאַדייקעסטעס) — פרומע יידענע, ערלעכע פרוי. זע: צדקת.

● זעט נאָר די צדיקיתטע, די פרומע יידענע (מ. בורשטין).

די **צדקה** (צדאָקע)—ווערטלעך: „גערעכטיקייט"; הילף פאַר אָרעמע; נדבה. געבן צדקה — געבן געלט פאַר אָרעמעלייט. צדקה־פושקע — פושקע, מיט וועלכער מען קלויבט געלט פאַר אָרעמעלייט.

צדקה תציל ממות (צדאָקע טאַציל מימאָוועס) — צדקה ראַטעוועט פון טויט (רוף ביי לוויות).

דאָס **צדקות** (צידקעס) — פרומקייט.

● זיין צדקות האָט געקלונגען אין דער גאַנצער געגנט אַרום (ש. אַש).

די **צדקנית — צדקניות** (צידקאָניס — צידקאָניעס) — ערלעכע פרוי, פרומע יידענע.

● זי איז דאָך אַ מלאך, אַ צדקנית (אָפּאַטאָשו).

די **צדקת — צדקתטעס** (צאַדייקעס — צאַדייקעסטעס) — פרומע, ערלעכע פרוי (יידענע).

● אַ יידענע אַ צדקת, קאַרגט אויף זיך און גיט צדקה (פרץ).

צהלה־ושמחה (צאָהאַלאָ ווּעסאָמייכאָ) — (איז) לוסטיק און פרייליך; יובלט און פרייט זיך.

● דאָס שטעטל יאַמפּעלי — צהלה ושמחה — קלינגט און פרייט זיך (ש"ע).

די **צואה—צואות** (צויע — צויעס) — אומריינקייט, עקסקרעמענטן; אומווערטיקע זאַך.

די **צואה — צואות; צוואה — צוואות** (צאַוואָע — צאַוואָעס) — טעסטאַמענט, אָנזאָג פאַרן שטאַרבן.

● אויף מיין עשירות לאָז איך קיין צוואה נישט איבער (פרץ).

צו־להכעיס (צו־לאָכעס, צו־לאַכעס) — צום פאַרדרוס; צום צאָרן; קעגן.

● קיינמאָל נישט פאַרשווינדט דער ייד צו־להכעיס טאַקע זיי (אָשעראָוויטש).

די **צורה — צורות** (צורע — צורעס) — פנים; געזיכט; דאָס אויסזען; געשטאַלט; פאָרם.

● האָט ער אַפילו פאַרלוירן די צורה זיינע אויך (ב. שלעווין). ער האָט נישט געקאָנט קיין צורה פון קיין אות (י. י. זינגער).

דער **צורר־היהודים** (צוירער־האַיעהודים)—יידן־פיינט; אַנטיסעמיט.

● רעד נישט מיט מיר פון אָט דעם המן, דעם צורר־היהודים! (ש"ע).

דער **צורר־ישראל** (צוירער־ייסראָעל) — פיינט פון יידישן פאָלק, יידן־פיינט, אַנטיסעמיט.

● דער צורר־ישראל שטייט אויף, אונדז צו פאַרטיליקן (מ. בורשטין).

די צורת־אות (צוראַס־אָס) — דאָס אויסזען (די געשטאַלט). פון אַן אות.
● ביז 13 יאָר האָט ער נישט געקאָנט קיין צורת־אות (ש. אַש).

די צורת מטבע (צוראַס מאַטבייע)— דאָס אויסזען פון אַ מטבע, דאָס אויסזען פון געלט.
● [ער] איז טאַקע געווען אַ גאָלדע־נער יונגערמאַן און האָט נישט גע־ווּסט קיין צורת מטבע (ש"ע).

דער ציבור — ציבורים (צי־בער — ציבורים) — געמיינדע, גע־זעלשאַפט, באַפעלקערונג, גרופּע.

די צידה לדרך (ציידע לאַדערעך) — רייזע־פּראָוויאַנט, עסן אויפן וועג.
● ער רירט זיך נישט אין וועג אָן צידה לדרך (ש. אַש).

ציון (ציען) — נאָמען פונעם באַרג און פון דער פעסטונג אין ירושלים (וואָס דוד המלך האָט איינגענומען ביי די יבוסים); אַמאָליקע באַצײ־כענונג פון הר הבית און פון ירו־שלים; באַצייכענונג פון ארץ־ישראל.

דאָס ציונות (ציוינעס) — ציוניזם.

דער ציוני — ציונים (ציויני — ציוינים) — ציוניסט.

די ציצה — ציצות (ציצע — צי־צעס) — פרענדזל; וואָלענע פעדעם, וואָס ווערן אַריינגעקניפּט אין טלית־קטן און אין טלית.
● האָבן זיי זיך געשווירן און איבער־געשלאָגן מיט אַ ציצה (ש"ע).

דאָס ציצה־כנפות (ציצע־קאַנ־פעס) — לייבצודעקל. זע: אַרבע כנפות.

● [ויינגלעך] שטייען אין ציצה־כנפותלעך און האָרכן אויס, וואָס דער רבי דערציילט (ש. אַש).

די צירה (ציירע) — שריפט־צייכן (..) אין העברעיש, וואָס באַצייכט דעם וואָקאַל „איי".

דער צירוף — צירופים (ציירעף— ציירופים) — צונויפשטעל (פאַרבינ־דונג) פון געוויסע אותיות, ווערטער אָדער נעמען פון מלאכים (ביי די קאַבאַליסטן).
● מען קאָן זיך אומגערן אַרויסכאַפּן מיט אַ שם, מיט אַ צירוף און עס וועט געשען אַן אומגליק (אַנ־סקי).

צלאל, צלל (צאַלעל) — נאָמען פון אַ מאַנצביל. זע: בצלאל.

דער צלם — צלמים (ציילעם — צלאָמים)—געשטאַלט; בילד; קרייץ; קרוציפיקס.
● צוריקגעבן אים דעם צלם פון אַ מענטש (בערדיטשעווסקי). און באַלד איז דער גלח אַרויס מיט דעם צלם (רויזענבלאַט).

דער צלם אלהים [אלוקים] (צעלעם עלויהים [עלויקים]) — אָפּ־בילד פון גאָט; פרום, געטלעך אויס־זען.
● אַ יידיש פנים — דער צלם אלוקים פליט אים איבער דער נאָז (פּרץ).

זיך צלמען (ציילעמען) — זיך באַ־קרייציקן; זיך שווערן (אויפן קריסט־לעכן שטייגער).
● ער האָט זיך געשווירן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל זיך איבערגעצלמט (ש"ע).

צמח (צעמעך)—נאָמען פון אַ מאַנצביל.

צמצומדיק (צימצעמדיק) — קאַרג.

● צמצומדיק לשון, טרעפלעכע זאָגעכצן (ש. שטערן).

די **צנועה — צנועות** (צנוע — צנועס) — באַשיידענע, ציכטיקע, אָרענטלעכע; שעמעוודיקע.

דאָס **צניעות** (צניעס) — באַשיידנ־קייט, שעמעוודיקייט.

צניעותדיק (צניעסדיק) — באַ־שיידן; שעמעוודיק; ציכטיק; אָרענט־לעך.

● זי האָט צניעותדיק אַראָפּגעלאָזט די ברעמען (מ. בורשטין).

דער **צער** (צאַר, צאַאַר) — ווייטיק; ליידן; האַרץ קלעמעניש; קרענקונג.

● די ליפּן קרימען זיך — און אויפן פּנים איז אויסגעגאָסן אַ צער (ממ"ס).

דער **צער בעלי־חיים** (צאַר באַלע־כאַים) — רחמנות אויף אַ לע־בעדיק באַשעפעניש.

● אַ בלייכער, אַ פאַרמוטשעטער, אַ קראַנקער — אַ צער בעלי חיים (מ. נאַדיר).

דער **צער גדול בנים** (צאַר גידל באָנים) — די ווייטיקן, די שוועריקייטן פון דערציען קינדער.

● שווער דער צער גדול בנים, ערגער איז נאָך אָן אים (א. שטיינבאַרג).

דער **צער ישראל** (צאַר ייסראָעל) — יידישער פיין, ליידן פונעם יידישן פאָלק.

● זיין האַרץ האָט שטענדיק געווייטיקט פון צער ישראל.

דער **צפון** (צאָפן) — די זייט פון דער וועלט, וואָס געפינט זיך אויף לינקס פון דעם, וואָס שטייט מיטן פּנים געווענדט צו מזרח; קעגן־זייט פון דרום.

● ערגעץ ווייט אין צפון פאַלט געדיכט אַ שניי (גיסער).

צפורה (ציפּוירע) — נאָמען פון אַ פרוי.

דער **צר־עין** (צאַר־אַין) — נישט־פאַרגינער.

● לעקט אויך אָפּ אַ ביין, איך בין קיין צר־עין נישט! (פּרץ).

די **צרה — צרות** (צאָרע — צאָרעס) — אומגליק; ליידן.

צרה שלא תבוא (צאָרע שעלוי סאָווי) — וואָסאַראַ צרה עס זאָל נאָר נישט קומען.

● ביי יעדן אומגליק, ביי יעדער צרה שלא תבוא פאַרענטפערט ער דעם רבונו של עולם (ש"ע).

דער **צרוף — צרופים** (ציירעף — ציירופים) — זע: צירוף.

צרות הכלל (צאָרעס האַקלאַל) — אַלגעמיינע צרות, צרות פון דער אַלגעמיינהייט, פונעם כלל.

● שווער אויפן האַרצן, סיי פון איי־גענע צרות, סיי פון צרות הכלל (ש. ציטראָן).

צרות ישראל (צאָרעס ייסראָעל) — יידישע צרות, ליידן פונעם יידישן פאָלק.

● ער וועט נישט אויפהערן צו זיפצן און צו קרעכצן אויף צרות ישראל (ש"ע).

צרות־צרורות (צאָרעס־צערו־רעס) — גרויסע, שווערע ליידן; אומ־גליקן.

● האָט ער טאַקע געליטן צרות־צרורות: ווו געטאָגט, נישט גענעכטיקט (פּרץ).

דער **צריף — צריפים** (צ(ע)ריף — צ(ע)ריפים) — באַראַק (אין הייַנטיקן ארץ־ישראל).

צ ר כ י - צ בּ ו ר (צאָרכיי - ציבּער) — מ״צ — באַדערפענישן פון דער געזעלשאַפט; אַלגעמיינע אינטערעסן.
● עס האַלט בּיי צרכי-צבּור, מען דאַרף ראַטעווען אַ שטאָט (ש״ע).

צ ר ת - ר בּ י ם — צ ר ו ת - ר בּ י ם (צאָראַס-ראַבּים — צאָרעס-ראַבּים) — אַלגעמיין אומגליק; אומגליק, וואָס טרעפט אַ סך מענטשן.
● צרת-רבּים האָט געמאַכט אַלע גלייך (ממ״ס).

צ ר ת ר בּ י ם ח צ י נ ח מ ה (צאָראַס ראַבּים כאָצי נעכאָמע) — אַן אַלגעמיינע צרה איז אַ האַלבּע טרייסט.

ק

דער קב־הישר (קאַוו־האַיאָשער) — „גלייכע מאָס", „גערעכטיקייטס־מייסטל". — טיטל פון אַ פּאָפּולערן רעליגיעזן מוסר־ספר (מאָראַל־בוך) אין יידיש.

דער קבוץ — קבוצים (קיבעץ — קיבוצים) — זע: קיבוץ.

די קבוצה — קבוצות (קוווּצע — קוווּצעס; קוווּצאַ — קוווּצאָט) — לאַנדווירטשאַפטלעכער קאָלעקטיוו אין ארץ־ישראל.

די קבורה (קוווּרע) — דאָס באַערדיקן (באַגראָבן) אַ פאַרשטאָרבענעם.

● קאַלט ווערט אים, אַז ער דערמאָנט זיך פון אַזאַ קבורה (פרץ).

די קבורת־חמור (קווּראַס־כאַמאָר) — אייזל־קבורה, באַליידיקנדיקע באַערדיקונג (דאָס באַגראָבן אַ זינדיקן ייד הינטער ביים פּלויט פון בית־עולם) ביי רעליגיעזע יידן.

דער קברות־ייד (קווּרעס־ייד) — באַגרעבער, טויטן־גרעבער.

די קבורת־ישראל (קווּראַס־ייסראָעל) — דאָס באַגראָבן (אַ יידן) אויפן יידישן בית־עולם; יידישער קבר.

● טוט מען אים זיין רעכט... ברענגט אים צו קבורת ישראל (פרץ).

דער קבורת־מאַן (קווּרעס־מאַן) — באַגרעבער, קברן (ז"ד).

1. **די קבלה** (קאַבאָלע) — קאַבאַליסטיק, יידישע מיסטיק; רעליגיעז־מיסטישע לערע, וואָס איז אויפגעקומען ביי יידן אין שפּעטן מיטלאַלטער. הויפּטווערק: דער זוהר (ז"ד).

● מיט קבלה... קאָן איך מאַכן אַזוי, אַז מיר ביידע זאָלן זיך אויפהויבן ביז דער כמאַרע (ש"ע).

2. **די קבלה** (קאַבאָלע) — דאָס איבערנעמען (פון עלטערן, זיידעס); דאָס איבערגעגעבענע; טראַדיציע.

● איך האָב דאָס אַ קבלה... איז נאָר דאָ אַ פּאַסטעך, וועלן זיין שוין הינט (א. שטייבאַרג).

3. **די קבלה — קבלות** (קאַבאָלע — קאַבאָלעס) — דאָס באַקומען; קוויטונג, באַשטעטיקונג פון דערהאַלטן (געלט אָדער זאַכן).

● ווי קאָן ער מיר שיקן אַ קבלה איידער ער האָט באַקומען די שטעקשיך (ש"ע).

קבלו דעתי (קיבלו דאַאַטי) — נעמט אָן מיין מיינונג.

● אַזוי מיין איך, נאָר קבלו דעתי זאָג איך נישט (פרץ).

דער קבלת־פּנים (קאַבאָלאַס־פּאָנים) — פייערלעכע אויפנאַמע (פון געסט); פייערלעכע באַגעגעניש; פייערלעכע אויפנאַמע פונעם חתן פאַר דער חופּה (ביי רעליגיעזע יידן).

דער קבלת־שבת (קאַבאָלאַס־שאַ־

ק

בעס) — דאָס אויפנעמען פרייטיקצו־נאַכטס דעם שבת מיט אַ באַזונדערער תפילה (ביי רעליגיעזע יידן).

דער קבצן — קבצנים (קאַפּצן — קאַפּצאָנים) — אָרעמאַן, בעטלער.

● אַרומגעגאַנגען איז ער אַ צייט מיט די קבצנים (פרץ).

דאָס קבצנות (קאַפּצאָנעס) — אָרעמ־קייט, בעטלעריי.

קבצניש (קאַפּצאָניש) — אָרעם, בעט־לעריש.

דער קבר — קברים (קייווער — קוואָרים) — גרוב (פאַר אַ טויטן).

● דער גרעסטער טייל קברים איז שוין פאַרוואַקסן מיט גראָז (ש"ע).

דער קבר־אבות (קייווער־אָוועס) — עלטערן־קבר; קברים פון טאַטע־מאַמע.

● ווייבער זענען געגאַנגען אויף קבר־אבות, געמאָסטן פעלד און פאַרגאָסן טייכן טרערן (ממ"ס).

דער קבר ישראל (קייווער־ייסראָעל— יידישער קבר; קבר אויפן יידישן בית־עולם.

● איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר וועלן מיינע ביינער קומען צו קבר ישראל (ש"ע).

קברות־בלעטער (קוואָרעס־בלע־טער) — מ"צ — בלעטער, וואָס וואַקסן אויפן בית־הקברות. באַצייכענונג פון אַלטקייט, פון פאַרפוילטקייט, פון טויט.

● דאָס שמעקט שוין מיט קברות־בלעטלעך (פאָלקסווערטל). אוי, סע באַווייזן זיך שוין די קברות־בלעט־לעך, די גרויע האָר.

קברים (קוואָרים) רייסן — וויינען אויפן קבר; בעטן די טויטע, אַז זיי זאָלן זיך מיען (ביי רעליגיעזע יידן).

דער קברן — קברנים (קאַברען— קאַבּראָנים) — באַגרעבער, באַערדי־קער, קברות־ייד, טויטן־גרעבער.

● ס'איז דריי טעג נאָך באַנטשעס טויט, פרעגט דעם קברן בחרם, ווו ער האָט אים געלייגט (פרץ).

דער קדוש (קידעש) — זע: קידוש.

דער קדוש — קדושים (קאָדעש — קעדוישים) — הייליקער; געהייליק־טער, מאַרטירער; דער, וואָס איז געפאַלן פאַר יידישקייט, פאַרן יידישן פאָלק.

● דאָס בלוט פון קדושים פליסט אין דיינע אָדערן, אַ טאָכטער פון מאַר־טירער ביסטו (איינהאָרן).

דער קדוש וטהור — קדושים וטהורים (קאָדעש וועטאָהער — קעדויישים אוטעהוירים) — הייליקער און ריינער, גרויסער הייליקער.

● [דער] קדוש וטהור, וואָס איז אויס־געגאַנגען אויף קידוש־השם (ש. אַש).

דער קדוש־השם (קידעש־האַשעם)— זע: קידוש־השם.

דער קדוש־לבנה (קידעש־לעוואָ־נע) — זע: קידוש־לבנה.

די קדושה (ק(ע)דושע)—הייליקייט; אַ תפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן (מיטן חזן צוזאַמען) אין שמונה־עשרה.

● אַריינטראָגן אַ נייע קדושה אין די אַלטע ווערטער (ברייבין). אין וואָס פאַר אַ שול מען דאַוונט, אַזאַ קדושה שפרינגט מען (פאָלקסווערטל).

קדושין (קידושין) — זע: קידושין.

די קדושת־שבת (ק(ע)דושאַס־שאַ־בעס) — הייליקייט פון שבת.

דאָס ק ד ח ת (קאַדאָכעס) — פיבער־קראַנקהייט.

● די פּאַשיסטן טרייסלען זיך, עס וואַרפט זיי דאָס קדחת (קופּערשמיד).

1. דער ק ד י ש (קאַדיש, קאַדעש) — אַ תּפילה נאָך געשטאָרבענע, וואָס רע־ליגיעזע יידן זאָגן נאָכן טויט פון טאַטע־מאַמע. קדיש זאָגן — זאָגן די תּפילה (קדיש) נאָך געשטאָרבענע (בײַ רעליגיעזע יידן). אָפּזאָגן נאָך עפּעס אַ קדיש — געזעגענען זיך מיט עפּעס אויף שטענדיק.

2. דער ק ד י ש – ק ד י ש י ם (קאַדיש—קאַדיישים) — זון.

● קום, מיין קדיש, אַהער (פאָלקסליד).

דער ק ד מ ו ן – ק ד מ ו נ י ם (קאַד־מען — קאַדמוינים) — אַמאָליקער; אַלטער; פּאַרצייטיקער (געלערנטער).

● בכלל האָבן אונדזערע קדמונים גע־האַלטן, אַז גוטס איז פאַראַן אויף דער וועלט מער ווי שלעכטס (ה. צייטלין).

פון ק ד מ ו נ י ם (קאַדמוינים) — פון אַמאָליקע צייטן.

● אַזוי איז שוין בײַ אונדז איינגעפירט פון קדמונים (ש״ע).

ק ד ש י ־ ק ד ש י ם (קאָדשיי־קאָדאָ־שים) — מ״צ — גרעסטע הייליקייטן; דאָס סאַמע הייליקסטע אָרט (אַמאָל אין בית־המקדש); דאָס אַלער־הייליקסטע.

● [ער האָט] אַנטפּלעקט פאַר מיר זיין האַרץ, די קדשי־קדשים פון זיין נשמה (ש״ע).

די ק ה י ל ה – ק ה י ל ו ת (קעהילע—קעהילעס) — יידישע געמיינדע־פאַר־וואַלטונג; יידישע געמיינדע.

● מען וווינט אין דאָרף, ווייט פון אַ יידישער קהילה (פּרץ).

דער ק ה ל (קאָהאָל, קאָל) — יידישע געמיינדע; יידישע געזעלשאַפט.

● אַז גאַנץ קהל זאָגט „יאָ", וועסטו זאָגן „ניין" (מ. בורשטין).

ק ה ל י ש (קאָליש) — געזעלשאַפטלעך, פון דער יידישער געמיינדע.

● מיט קהלישע זאַכן זיך פאַרנעמען (ש״ע).

זיך ק ה ל ן (קאָהאָלן, קאָלן) — זיך פאַרנעמען מיט קהלישער אַרבעט (מיט שטאָטישע זאַכן); ליאַרמען, טומלען.

● זיי קהלן זיך, שרייען, ליאַרמען און פויקן איבער דער גאַנצער וועלט (ש״ע).

דער ק ה ל ע ר (קאָהאָלער, קאָלער) — איראָניש: דער, וואָס פאַרנעמט זיך שטאַרק מיט קהלישער אַרבעט.

ק ה ל ת (קויהעלעס) — זע: קוהלת.

ק ו ב ר (קיווער) זיין (ווערן)—באַגראָבן (ווערן).

● [זיי] זענען קובר געוואָרן אין ברו־דער־קבר (ר. גערבער).

ק ו ד ם (קוידעם) — צוערשט, פריער, פאַר דעם.

● האָט דער פאָטער קודם זיך אַוועק־געלאָזט אין טשערניגאָווער גובערניע (ש״ע).

ק ו ד ם ־ כ ל (קוידעם־קאָל) — פריער פון אַלץ, פאַר אַלעמען.

● קודם־כל באַדאַרף איך מיך פאַר אייך פאָרשטעלן, ווער איך בין (ש״ע).

ק ו ד ש (קוידעש) — הייליק ; אמת.

● אַלץ וואָס ער דערציילט איז קודש (ש. אַש).

קודש-קדשים (קוידעש-קאָדאָשים)— זייער הייליק, דאָס סאַמע הייליקסטע; ריינער אמת.

● ס'איז אַלצדינג געווען אמת, קודש-קדשים (ש"ע).

קהלת (קויהעלעס) — ביבל-בוך, וואָס אַנטהאַלט אַפּאָריזמען, שפּרוכן, פילאָזאָפישע געדאַנקען ; איינע פון די פינף מגילות (ז"ד). באַצייכענונג פון שלמה המלך, וועלכער איז לויט דער טראַדיציע דער מחבר פון דעם בוך.

דער **קול — קולות** [**קולער**] (קאָל — קוילעס [קוילער]) — שטים. אויפן קול — הויך (מיט אַ הויכער שטים).

● פלעגסט אַמאָל הערן דעם חזן אין שול... גאָר אַנדערע קולות, אַן אַנדער געפיל (פרץ).

קול-התורה (קאָל-האַטוירע) — שטים פון לערנען.

● דער קול-התורה האָט גענומען קלינגען פון אינעווייניק (פ. הירשביין).

קול-מבשר (קאָל-מעוואַסער) — „אָנזאָגער" — נאָמען פון דער ערשטער ייד. צייטשריפט (ביילאַגע צו המליץ) אין סוף פונעם XIX יאָרהונדערט.

דער **קול-נגינה** (קאָל-נעגינע) — שטים צו זינגען.

● אַ קול-נגינה האָב איך אויך, אַן אמתן סאָפּראַן (ש"ע).

דער **קול-קורא** (קאָל-קוירע) — אויפרוף.

די **קולא** (קולע) — „פאַרלייכטערונג". מאָטיוו אויף צו פאַרלייכטערן (מילדער מאַכן) אַ געזעץ. קעגנזאַץ ; חומרא.

קולות (קוילעס) — מ"צ — שטימעס ; געוואַלדן, געשרייען.

● עס הערן זיך קולות, געשרייען (ממ"ס).

קולות (קוילעס) מאַכן — שרייען, געוואַלדעווען.

● ווען איר איז קאַלט, מאַכט זי קולות אונטערן הימל (ז. ליבין).

קולות וברקים (קוילעס אוווראָקים) — מ"צ — דונערן און בליצן.

● זיין וואָרט איז נישט געקומען פון קולות וברקים — פון דונערן און בליצן (נ. מייזיל).

קולי-קולות (קוילע-קוילעס)— גרויסע געוואַלדן, גרויסע געשרייען.

דער **קונדס — קונדסים** (קונדעס-קונדייסים) — פרייליך יינגל, שטיפער; מזיק; שאַלטיק.

● מיט די קונדסים איז ער אַליין אויך געווען אַ קונדס (ש"ע).

די **קונדסעריי** (קונדעסעריי) — שטיפעריי ; יינגלישער (קינדערשער) שפּאַס.

● ער קוקט איצט אויף דאָס דאָזיקע ביכעלע ווי אויף אַ קונדסעריי (ש"ע).

דער **קונה — קונים** (קוינע — קוינים) — קויפער, קונד, קליענט.

דער **קונה-הכל** (קוינע-האַכּל) — אַלצדינג-קויפער, דער, וואָס קויפט אַלץ.

● ער איז געווען אַ קונה-הכל, אויף אַלץ אין דער וועלט איז ער געווען אַ קונה (ש"ע).

זיך **קונה עולם** (קוינע אוילעם) זיין — זיך דערווערבן אייביקייט.

● מען קאָן מיט איין דערציילונג זיך קונה עולם זיין טאַקע אין די אייביקע אייביקייטן (ש. שטערן).

זיך **קונה שם** (קוינע שעם) זיין — זיך דערווערבן אַ נאָמען, באַרימט ווערן.

● ער האָט מיט זיין ליד זיך קונה שם געווען, באַקומען אַ נאָמען.

די **קונהטע — קונהטעס** (קוי־נעטע — קוינעטעס) — קויפערין, קונ־דין, קליענטין.

דער **קונטרס — קונטרסים** (קונטרעס — קונטרייסים) — בראָשור, העפטל.

● פוןביידע זייטן זענען געלעגן קו־פעס ביכער מיט קונטרסים (ממ״ס).

די **קוף** (קוף) — דאָס ניינצנטע אות (ק) פונעם אלף בית.

קופּה של שרצים (קופּע שעל שראָצים) — „פּושקע מיט ווערים״; אַ סך געמיינהייטן; נידערטרעכטי־קייטן.

● אַן אויפגעקומענער עושר מיט אַ קופּה של שרצים אויף די פּלייצעס (פּרץ).

דער **קוצו של יוד** (קויצע שעל יוד) — דאָס שטריכעלע פון אות יוד. באַצייכענונג פון אַ קלענסטער קליי־ניקייט, פון אַ האָר.

● פון איינמאָל געשעענעם וועט ער קיין קוצו של יוד נישט ענדערן (פּרץ).

קוראים נכבדים (קוירים ניכ־באָדים) — מ״צ — געערטע (אָנגע־זעענע) לייענער.

קורח (קוירעך) — ביבל־פּערסאָנאַזש. באַצייכענונג פון אַ רייכן (און פון אַ קאַרגן).

● ער זאָל וועלן, וואָלט ער געווען רייך ווי קורח (ש״ע).

קורע כּדג (קויריאַ קעדאַג) זיין — צעררייסן ווי אַ פיש; צעררייסן אויף שטיקלעך.

● דו ביסט ווערט, מען זאָל דיך קורע כּדג זיין (פּרץ).

דער **קטיגור** (קאַטייגער) — באַשול־דיקער; שלעכטער מלאך (וואָס באַ־שולדיקט), לויט דער רעליגיעז־מיס־טישער פאָרשטעלונג.

● קעגן באַנטשען וועט אפילו דער קטיגור קיין וואָרט אין מויל נישט געפינען (פּרץ).

קטלי־קני (קאַטליי־קאַניי) — מ״צ — האָלץ־העקער.

● ער איז נישט אַבי־ווער, איז נישט קיין קטלי־קני (ש״ע).

דער **קטלן — קטלנים** (קאַטלען — קאַטלאָנים) — „וייבער־קוילער״. אַ מאַן, וואָס האָט באַגראָבן דריי ווייבער.

די **קטלנית — קטלניות** (קאַט־לאַניס — קאַטלאַניעס) — „מענער־קוי־לערין״; פרוי וואָס האָט באַגראָבן דריי מענער.

דער **קטן — קטנים** (קאָטן — קטאַ־נים)—קליינער מענטש.

קטני־אמונה (קטאַניי־עמונע) — מ״צ — קליינגלויביקע; וואַקלדיקע.

● דאָס קומט, אַז מען איז פון די קטני־אמונה, פון ווייניק צוטרוי און גלויבן (ש. שטערן).

דער **קטרוג** (קיטרעג) — באַשולדי־קונג.

● עס מוז זיין אַ שטאַרקער קטרוג וועגן אַ גרויסן חטא (פּרץ).

1. דער **קיבוץ—קיבוצים** (קיבעץ—קיבוצים) — באַפעלקערונג.

2. דער **קיבוץ — קיבוצים** (קי־

ק

בוץ — קיבוצים) — לאַנדווירטשאַפט־לעכע קאָמונע אין ארץ־ישראל.

דער קידוש (קידעש) — נאָמען פון אַ תפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן איבער ווייַן אָדער איבער חלות פריי־טיק־צונאַכטס און אין די אָוונטן פון יום־טוב. קידוש־גלעזל — אַ גלעזל צו ווייַן אויף קידוש.

קידוש (קידעש) **מאַכן** — זאָגן די תפילה איבער ווייַן אָדער חלות פריי־טיק־צונאַכטס און אין די אָוונטן פון יום־טוב (ביי רעליגיעזע יידן).

דער קידוש־השם (קידעש־האַשעם)— דאָס פאַרהייליקן גאָטס נאָמען, דאָס אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר יידישקייט, פאַרן יידישן פאָלק.

● עס איז אַ צייט פון גרויסן קידוש־השם, פון שטאַרבן פאַרן קאָלעקטיוו (ש. אַש).

דער קידוש־לבנה (קידעש־לעוואָ־נע) — תפילה פון דער לבנה־באַ־נייונג (ביי רעליגיעזע יידן).

קידוש־לבנה־אותיות (קידעש־לעוואָנע־אויסיעס) — גאָר גרויסע אותיות (מיט וועלכע עס פלעגט אַמאָל געדרוקט ווערן די תפילה פון קידוש־לבנה).

קידושין (קידושן) **געבן** — דורכפירן די רעליגיעזע צערעמאָניע אונטער דער חופה. קידושין־פינגערל — דאָס פינגערל, וואָס דער חתן טוט אָן אויפן פינגער פון דער כלה אונטער דער חופה (ביי רעליגיעזע יידן).

דער קיום (קיעם) — עקזיסטענץ; באַשטאַנד.

● וואָלט דאָך די וועלט קיין קיום נישט געהאַט (ש"ע).

דער קיום־האומה (קיעם־האָו־מע) — עקזיסטענץ, באַשטאַנד פונעם פאָלק.

● עס האָט זיך פאַר אים אַנטפּלעקט אַ גרויסער סוד, דער סוד פון קיום־האומה (מ. בורשטין).

אַ קימאַ־לן (קיימאָ־לאָן, קיימעלאָן)— אַ באַטרעף; אַ פעסטגעשטעלטע זאַך.

● האָט איר שוין אַ קימאַ־לן פון צוויי־טויזנט ביכלעך (ש"ע). מיר האָבן אַ קימאַ־לן, אַז יידן זענען מענטשן מיט קעפּ (ממ"ט).

קין (קאַין) — ביבלישער פערסאָנאַזש (וואָס האָט דערהרגעט זיין ברודער הבל). באַצייכענונג פון אַ מערדער. קין־צייכן — מערדער־צייכן.

● זאָל עס זיין אַ קין־צייכן פאַר דער דייטשער נאַציע (נ. מייזיל).

די קינאה (קינע) — זע: קנאה.

די קינאה־שינאה (קינע־סינע) — זע: קנאה־שנאה.

די קינה—קינות (קינע — קינעס) — קלאָג־ליד; עלעגיע.

קינות (קינעס) — מ"צ — קלאָג־לידער; עלעגיע. באַצייכענונג פון דעם קלאָג־ליד „איכה", וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן אום תשעה באב.

● יידן וויינען ביי די קינות אום תשעה באב (ממ"ס).

דער קיסר — קיסרים (קייסער — קייסאָרים) — אימפּעראַטאָר, הערשער איבער אַן אימפּעריע.

די קיסרינע — קיסרינעס (קיי־סערינע — קייסערינעס) — אימפּעראַ־טאָרין; פרוי פונעם קיסר.

די קיצבה (קיצווע) — זע: קצבה.

דער קיצור (קיצער) — פאַרקירצונג.

דער קיקיון דיונה (קיקאָיוין דעיוינע)—יונהס ריצין־ביימל, וועלכעס איז, לויט דער ביבל, אויפן אַנדערן טאָג, וואָס איז אויסגעוואַקסן, באַלד פאַרוויאַנעט געוואָרן. באַצייכענונג פון אַ זאַך, וואָס האָלט אָן זייער קורץ.
● קליינע דערפינדונגען, קיקיון דיונהס, וואָס פלעגן זיך האַלטן נאָר אַ קליי־נע צייט (זשיטלאָווסקי).

דער קל — קלים (קאַל — קאַלים) — לייכטזיניקער, נידעריקער מענטש.
● ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ קל (א. ביק).

דער קל־וחומר (קאַל־וועכוימער) — פון גרינג צו שווער. (תלמודישער) מעטאָד פון דערקלערן אַ שווערע (האַרבע) זאַך אויפן גרונט פון אַ גרינגער זאַך; לאָגישער אויספיר; קאָנקלוזיע a minori ad maius
● שווייגן איז גוט פאַר חכמים און אַ קל־וחומר פאַר טפשים (פאָלקסווערטל).

דער קל־שבקלים (קאַל־שעבעקאַלים) — דער גרינגסטער פון די גרינגע; דער סאַמע לייכטזיניקער.

קלונמוס (קלוינעמעס) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

די קליפה — קליפות (קליפּע — קליפּעס) — נישט־גוטע; ווייבלעכער דעמאָן; בייזע קראַפט; טייוול.
● די קליפה האָט צוגענומען ביי זיי דעם שכל מיט דער יידישקייט אינ־איינעם (ממ"ס).

די קללה — קללות (קלאָלע — קלאָלעס) — שעלטונג; אומגליק.
● ער זאָל נישט קריגן קיין קללה פון אירע עלטערן (י. קאָטיק). דער פאַ־שיזם איז אַ קללה פאַר דער מענטש־הייט.

קללהן (קלאָלען) — שעלטן.
● זי זאָל נאָר נישט אַזוי קללהן, וואָלט זי געווען גאָר אַ ווילע יידענע (פּרץ).

קללות נמרצות (קלאָלעס נימ־ראָצעס) — מ"צ — שטאַרקע קללות.
● ער האָט זיי ביידן געשאָלטן מיט קללות נמרצות (ש"ע).

קלמן (קאַלמען) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

די קלפי — קלפיות (קאַלפּע — קאַלפּעס) — וואַל־אורנע; וואַלן (אַמאָל פון אַ גבאי, פּרנס אדג"ל).
● מיר האָבן זיך אונדזער קלפי, די קוויטלעך לייגט מען אַריין אין אַ קאַפּל (ש. אַש).

דאָס קמחא־דפסחא (קימכע־דע־פּאַסכע) — פּסחדיק מעל.
● דורך אַ פענצטערל האָט מען אויס־געטיילט קמחא־דפסחא (פּרץ).

די קמיע — קמיעות (קאָמייע — קאָמייעס) — אַמולעט; פאַרהיט־מיטל (באַזונדערס אַ שטיקל פּאַרמעט אָדער פּאַפּיר מיט סודותדיקע ווער־טער און צייכענונגען) פון אַן אומ־גליק, לויט דער רעליגיעז־מיסטישער פאָרשטעלונג.
● די קמיע, וואָס איז גוט אָפּצושפּרעכן אַן עין־הרע, לאָז איך איבער מיין זון (ש. אַש).

דער קמץ (קאָמעץ) — שריפט־צייכן (ָ), וואָס באַצייכנט דעם וואָקאַל „אָ".
● מיטן שפּיציקן קמץ־בערדעלע (ש"ע).

דער קמצן — קמצנים (קאַמצן — קאַמצאָנים) — קאַרגער.

● אַ קמצן... אין מויל אַריין האָט ער זיך נישט פאַרגינען (פרץ).

דאָס ק מ צ נ ו ת (קאַמצאָנעס) — קאַרגשאַפט.

● עס איז גאָרנישט אויסצודערציילן פון זיין קמצנות (פרץ).

ק״ן (קאַן) — הונדערט פופציק (לויט דעם באַטרעף פון די אותיות: ק=100, נ=50).

● אין מיינע אויגן איז דער משכון... ווערט ק״ן קערבלעך (פרץ).

ק נ א (קאָנע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל (פאַרקירצונג פון אלקנא).

די ק נ א ה (קינע) — צאָרן; נישט־פאַרגינעריי; אייפערזוכט.

● קנאה פאַרקירצט די יאָרן (פאָלקס־ווערטל).

די ק נ א ה ־ ש נ א ה (קינע־סינע) — שטאַרקע פיינטשאַפט.

● אַזוי האַלט אָן די קנאה־שנאה, די אייביקע קריגערייען (מ. בורשטין).

דאָס ק נ א ו ת (קאַנאָעס) — פאַנאַטיזם; זעלאָטיזם.

● דאָס קנאות האָט זיך אין אים גלייך אויפגעוועקט (א. ביק).

דער ק נ א י — ק נ א י ם (קאַנאָי — קאַנאָים) — פאַנאַטיקער; זעלאָט.

● מיר וויסן פון פרומאַקעס, פון קנאים, וואָס האָבן אין זאַמאָשטש געלעבט (נ. מייזיל).

ק נ א י ם (קאַנאָים) — מ״צ — זעלאָטן. באַצייכענונג פון דער זעלאָטישער פאַטריאָטישער גרופע ביי יידן, וועלכע האָט געקעמפט מיט די רוימער אין דער צייט פון בית־שני.

די ק נ א ת ־ ס ו פ ר י ם (קינאַס־סאָפרים) — קנאה צווישן שרייבער (געלערנטע); שרייבער־קאָנקורענץ; שרייבער־פאַרמעסט.

● ס'האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן די קנאת־סופרים צווישן אָדעס און וואַרשע (גאָרין).

ק נ א ת ס ו פ ר י ם ת ר ב ה ח כ מ ה (קינאַס סאָפרים טאַרבע כאָכמע) — קאָנקורענץ (פאַרמעסט) צווישן שרייבער (געלערנטע) באַרייכערט דאָס וויסן.

די ק נ י ה — ק נ י ו ת (קניע — קני־עס) — איינקויף.

● מיט דער קניה פון די אָקסן איז ער געווען צופרידן (י. קאָטיק).

דער ק נ י ן — ק נ י נ י ם (קיניען — קיניאָנים) — דעראָבערונג; אייגנטום (אין איבערגעטראָגענעם זין); זאַך.

דער ק נ י ן ה ק ה ל (קיניען האַקאָהאָל [האַקאָל]) — אייגנטום פון דער געמיינשאַפט; קהל־זאַך.

● די שול איז אַ קהל־זאַך, אַ קנין־הקהל (פרץ).

דער ק נ ס (קנאַס) — געלט־שטראָף.

● איר וועט מוחל זיין צאָלן קנס (ממ״ס).

דאָס ק נ ס ־ מ אָ ל (קנאַס־מאָל) — פייערלעכער מאָלצייט ביים פאַרקנסן; דאָס תנאים־שרייבן. פ אַ ר ק נ ס ן — ווערן חתן־כלה, תנאים שרייבן.

די ק ע ר ה — ק ע ר ו ת (קיירע — קיירעס; קאָאַרע — קאָאַרעס) — שיסל, טעלער. באַצייכענונג פון דעם סדר־טעלער (טעלער, אויף וועלכן ס'ליגן די זאַכן, וואָס זענען נויטיק פסח ביים סדר).

● די מאַמע, אַריינקוקנדיק אין דער

הגדה, האָט געמאַכט די קערה (ספּעקטאָר).

דער **קפּדן** — **קפּדנים** (קאַפּדן — קאַפּדאָנים) — צאָרנדיקער; היציקער; אויפגרעגטער; פּעדאַנט; שטרענגער; פאַנאַטיקער.

קפּדניש (קאַפּדאָניש) — צאָרנדיק; היציק; פּעדאַנטיש; שטרענג; פאַנאַטיש.

● דאָס קפּדניש בלוט האָט אויפגעקאָכט (א. ביק).

דאָס **קפיצת־הדרך** (קפיצעס־האַדערעך) — וועג־שפּרונג, „זיבן־מייל־דיקע טריט", דאָס איבערנאַטירלעכע גיכע איבערטראָגן זיך אויף מײלן ווייט.

● ער פלעגט ביי נאַכט דורך זיבן־מיילנדיקע טריט, דורך קפיצת־הדרך גיין קיין ווין (ש. אַש).

קפריסין (קאַפּריסן) — ציפּערן.

דער **קץ** (קעץ) — **סוף**, ענדע; דאָס קומען פון משיחן און סוף פון גלות (ביי רעליגיעזע יידן).

● די נאַכט איז אָן אַ קץ (ש. אש).
משיח קומט נישט, ווער ווייסט דעם קץ (א. שטיינבאַרג).

דער **קצב** — **קצבים** (קאַצעוו — קאַצאָווים) — (יידישער) פליישער, קוילער.

● אַ הונט קאָן קיין קצב נישט זיין (פאָלקסווערטל).

די **קצבה** (קיצווע) — פילאַנטראָפּישע אונטערשטיצונג; שטיצע, נדבה.

דאָס **קצבות** (קאַצאָוועס) — פליישעריי, באַשעפטיקונג פונעם קצב.

די **קצבטע** — **קצבטעס** (קאַצעווטע — קאַצעווטעס) — ווייבלעכע פאָרם פון קצב.

דער **קצין** — **קצנים** (קאָצן—קעצינים) — עלטסטער, אָנפירער.

● מען ווערט גיכער אַ קצין, איידער אַ בעל־הבית (פאָלקסווערטל).

דאָס **קרבות** (קרייווּעס)—פריינטשאַפט.

דער **קרבן** — **קרבנות** (קאָרבן — קאָרבאָנעס) — אָפּפער.

● בנימין איז געפאַלן אַ קרבן (ממ"ס).

דער **קרבן־מנחה** (קאָרבן־מינכע) — זע: קרבן־מנחה־סידור.

● זי באַגיסט דעם קרבן־מנחה מיט הייסע טרערן (ש"ע).

דער **קרבן־מנחה־סידור** — **קרבן־מנחה־סידורים** (קאָרבן־מינכע־סידער — קאָרבן־מינכע־סידורים) — ווייבערישער־סידור (וואָס אַנטהאַלט תפילות און פאַרשידענע תחינות).

קרוב (קאָרעוו) — נאָענט, ביי, אומגעפער, אַרום.

אין אונדזער שול לערנען זיך קרוב דריי הונדערט קינדער.

דער **קרוב** — **קרובים** (קאָרעוו — קרויווים)—פריינט; אייגענער; משפחה־קינד.

● מען האָט אָנגעהויבן פון די נאָענטע קרובים ביז די וויטסטע פערד־פוס־פאָדקאָווע (ממ"ס).

קרוב לאמת (קאָרעוו לעעמעס) — נאָענט צו דערווירקלעכקייט.

● עס קאָן זיין, אַז דאָס איז ער; קרוב לאמת (פרץ).

דער **קרוב למלכות** — **קרובי למלכות** (קאָרעוו לעמאַלכעס — קרויוויי לעמאַלכעס) — נאָענט צו די רעגירונגס־איינסטאַנצן; באַליבט ביי די רעגירנדיקע קרייזן.

ק

● ער איז אַ קרוב למלכות, ער איז נאָענט צו די תקיפים אין די מיניס־טעריומס (ש. דובנאָוו).

קרוב למקח (קאָרעוו לעמייקעך) — „נאָענט צום פרייז"; נאָענט צום סוף. ער איז שוין קרוב למקח — ער האַלט ביים שטאַרבן.

די **קרובה — קרובות** (קרויווע — קרויווער) — אייגענע, נאָענטע, פריינט.

די **קרובהשאַפט** (קרויוועשאַפט) — פריינטשאַפט, משפּחהשאַפט.

די **קרובטע—קרובטעס** (קאָרעווטע — קאָרעווטעס) — זע: קרובה.

קרוע־בלוא (קרוע־בלוע)—אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן; אָפּגעריסן־אָפּגעפליקט.

● זיי גייען אַרום קרוע־בלוא, האַלב נאַקעט.

די **קריאת התורה** (קריעס האַטוי־רע)—דאָס לייענען די תורה אין בית־המדרש ביים דאַוונען.

די **קריאת־שמע** (קרישמע) תּפילה, וואָס הייבט זיך אָן פון די ווערטער: „שמע ישראל" (שמאַ ייסראָעל) — „הער זשע, ייד!"

קריעה (קריע) רייסן—איינרייסן דעם לאַץ פון מלבוש צום צייכן פון טרוי־ער נאָך אַ געשטאָרבענעם נאָענטן קרוב (ביי רעליגיעזע יידן).

דאָס **קריעת ים־סוף** (קריאַס יאַם־סוף) — דאָס שפּאַלטן דעם רויטן ים (לויט דער ביבל) באַצייכענונג פון אַ זייער שווערער טאַט.

◎ איידער מען פאַרדינט אַ דריי‌ער, איז קריעת ים סוף (פּרץ).

דער **קרן** (קערן) — איינקויף־פּרייז; גרונט־קאַפּיטאַל; הויפּט־זאַך.

◎ וואָלוול, כּמעט אונטערן קרן (ש"ע). אַבי דער קרן איז גוט (מ. בורשטין).

קרנים (קאַרנאַים) — מ"צ — הערנער (פאַרגרעסערונגס־אויסדרוק).

● ווען דער אָקס גייט נישט אין שטאַל אַריין, פירט מען אים ביי די קרנים אַריין (פאָלקסווערטל).

די **קרקע — קרקעות** (קאַרקע — קאַרקאָעס) — (שטיקל) ערד (באַזונדערס אויף אַ קבר).

● מען גראָבט די קרקע.

די **קרקע־בתולה** (קאַרקע־בסולע) — אומגעאַקערט ערד; אומבאַאַרבעט פעלד.

● דער דאָזיקער געביט איז נאָך ביי אונדז אַ קרקע־בתולה, אַן אומבאַאַר־בעט פעלד (ש. ציטראָן).

קשה (קאָשע) — שווער (צו פאַרשטיין), אומפאַרשטענדלעך.

● איז אָבער קשה: פון וואַנען האָט ער זיך גענומען אַהער (ש"ע).

קשהדיק (קאָשעדיק) — שווערלעך (צו פאַרשטיין).

דער **קשה־עורף — קשי־עורף** (קשיי־אוירעף—קשיי־אוירעף) — האַרט־נעקיקער; עקשנותדיקער.

● דו מוזט זיין אַ קשה־עורף (ש. אַש).

דער **קשי־עורף** (קשי־עורף) — האַרט־נעקיקייט, עקשנות.

● ס'האָט זיך אויפגעוועקט די אַלטע אויסגעהאַלטנקייט, דער אַלטער קשי־עורף (ש. אַש).

די **קשיה — קשיות** (קאַשע—קאַשעס) — פראַגע (וואָס פאַרלאַנגט אַן אויפ־קלערונג); האַרבע זאַך (צום פאַרשטיין).

● איר זאָלט מיר נישט שטעלן קיין קשיות: ווי אַזוי, און וואָס, און ווען (ש"ע).

דער **קשר** (קעשער)—בונד, פאַרבינדונג.

● דאָס איז דער בייער קשר, וואָס וועט צונויפבינדן אונדזער פאָלק (הירשביין).

ר׳ (רעב) — זע: רב (רעב).

ר א ו ב ן (רוּוון) — ביבל־פּערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ מאַנצביל. פאַרקלענערונגס־פאָרם: ראובעלע.

ר א ו י (ראָיע) — ווירדיק; ווערט; פּאַסיק; אַנטשפּרעכנדיק.

● זי האָט זיך גאָרנישט געהאַלטן ראוי דערצו (י. י. טרונק). דער דור איז נאָך נישט ראוי אויפצונעמען געוויסע אידעען (נ. מייזיל).

די **ר א י ה** (ריע) — דאָס זען, חוש פון זען, פעיקייט פון זען.

● ס'איז ביי מיר שטאַרק געשלאָגן די ראיה (ש״ע).

די **ר א י ה — ר א י ו ת** (ראַיע—ראַיעס) — באַווייז; מאָטיוו.

● דערצו האָט די היסטאָריע ראיות גאָר אַ סך (קאַפּלאַן).

די **ר א י ה ל ד ב ר** (ראַיע לעדאָוואָר) — אַ באַווייז צו דער זאַך.

● מיר געפינען דאָ אַ ראיה לדבר (א. א. ראָבאַק).

ר א י ו ת ב ר ו ר ו ת (ראַיעס ברורעס) — מ״צ — קלאָרע באַווייזן.

● ער האָט באַוויזן מיט ראיות ברורות (ש״ע).

דער **ר א ש ב י ת ־ ד י ן** (ראָש בעזדן) — אייבערשטער ריכטער; פאָרזיצער פון יידישן רעליגיעזן געריכט.

● דער ראש בית־דין האָט שוין געוואָלט פסקענען (י. קאָטיק).

דער **ר א ש ה ג ו ל ה** (ראָש האַגוילע) — דער עלטסטער פון דער דיאַספּאָרע; טיטל פון דעם עלטסטן (פאָרשטייער) פון יידן איז בבל נאָכן חורבן פון בית שני.

דער **ר א ש ה ד י נ י ם** (ראָש האַדאַיאָנים) זע: ראש בית־דין.

● איר זאָלט באַוויליקן זיין דער ראש־הדינים און אָנפירן די דין־תורה (אַנ־סקי).

דער **ר א ש ה מ ד ב ר י ם** (ראָש האַמעדאַברים) — הויפּט־רעדנער.

● ער איז געווען דער ראש המדברים פונעם קרייז (א. קאָטיק).

דער **ר א ש ־ ה ק ה ל — ר א ש י ־ ה ק ה ל** (ראָש־האַקאָהאָל [האַקאָל] — ראָשיי־האַקאָהאָל [האַקאָל]) — פאָרזיצער פון דער קהילה.

● אונדזערע ראשי־הקהל, זאָלן לעבן, האָבן פאַרזאָרגט די נשרפים (ממ״ס).

דער **ר א ש ה ש נ ה** (ראָש האַשאָנע) — יידישער ניי־יאָר, נאָמען פון דעם פייערלעכן רעליגיעזן יום־טוב, וואָס פאַלט אויס דעם ערשטן און צווייטן טאָג תשרי, די ערשטע צוויי טעג פון די ימים נוראים (ז״ד).

דער **ר א ש ו ר א ש ו ן** (ראָש ווערישן) — „דער הויפּט און דער ערשטער״,

דער סאַמע ערשטער; דער אָנגעזע־
ענסטער.

● דער פעטער הערץ איז דער ראש
וראשון ביי אונדז אין שטעטל. (ש"ע).

דער ראש־חודש (ראָש־כוידעש) —
דער ערשטער טאָג (אָדער ביידע
ערשטע טעג) פון חודש.

דער ראש־ישיבה (ראָש־יעשיווע) —
פאַרוואַלטער פון אַ ישיבה (פון אַ
רעליגיעזן לערן־אַנשטאַלט פאַר
בחורים).

ראשו ורובו (רוישוי ווערובוי) —
מיט זיין לייב און לעבן, מיט זיין
גאַנצן וועזן.

● שפעטער אָבער איז שלום עליכם
געוועזן אין גאַנצן, ראשו ורובו פאַר־
טאָן אין זיך (נ. מייזיל).

ראשי ורובי (רוישי ווערובי) — מיט
מיין לייב און לעבן, מיט מיין גאַנצן
וועזן.

● איך בין געוועזן אַריינגעטאָן ראשי
ורובי אין דער יידישער געשיכטע
(זשיטלאָווסקי).

ראשי־פרקים (ראָשיי־פּראָקים) —
הויפט־פונקטן; ערשטע קאַפּיטלעך;
פאַרלויפיקער אָפּמאַך צווישן חתן־כלה
פאַר די תנאים.

● מיר האָבן אָנגעוואָרפן בלויז די ראָ־
שי־פרקים, די הויפט־טעזיסן (גאָרדין).

ראשי־תיבות (ראָשיי־טייוועס) —
ערשטע אותיות פון ווערטער; איני־
ציאַלן; אַבּרעוויאַציע; ווערטער־פאַר־
קירצונג (אַ שטייגער: ס"ה=סך־הכל.
ש"ע=שלום עליכם).

ראשית (ריישעס)—ערשטנס; צוערשט.

● ראשית האָבן זיי דערציילט, אַז זיי
פאָרן אויס די גאַנצע וועלט (ש"ע).

ראשית דבר (ריישיס דאָווער) —
פריער פאַר אַלץ.

● ראשית דבר, פריער פאַר אַלץ, קום
איך דיר איצט צו באַשרייבן (אנ־סקי).

ראשית חכמה (ריישעס כאָכמע) —
דאָס ערשטע פון וויסן, דאָס סאַמע
ערשטע. (ערשטע ווערטער פון אַ
תפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן
באַלד אין דער פרי).

● ביי אים איז ראשית חכמה—געשעפט,
אַלצדינג געשעפט (ש"ע).

דער רב — רבנים (ראָוו—ראַבאָנים)
— רעליגיעזער פירער פון אַ קהילה.

● אַז דער מאַן איז אַ רב, איז דאָס
ווייב אַ רביצין (ממ"ס).

רב (רעבּ) — אַ טיטל, וואָס מען פלעגט
ביי יידן צוגעבן צום נאָמען; הער.

● איך בין מיר אַ בעקערל, רופט מען
מיך רב לעמל (בראָדערזאָן).

דער רב־הכולל (ראָוו־האַקוילעל)
— אויבערשטער רב; העכסטער רעלי־
גיעזער פאָרשטייער.

רב הראשי (ראָוו האָראָשי)—זע:
רב הכולל.

די רבותא (רעוווסע)—חידוש, אויפ־
טו; דער מער.

● דאָס איז דאָך נישט קיין רבותא,
וואָס זשע וואָלט מען מיך דאָ גע־
לאָזט הערן? (ממ"ס).

רבותי (ראַבויסיי) — מיינע הערן,
מיינע האַרן.

● רבותי! ער האָט געשוויגן, וועל איך
אויך שווייגן (פרץ).

רבותים (ראַבויסים) הערן, האַרן.

● ווייסט איר וואָס, רבותים, מיר וועלן
פאָרן שפּאַצירן (פרץ).

דער **רבי—רביס, רביים** (רעבע—רעבעס, ראַבייאים) — גוטער ייד, צדיק (גייסטיקער לערער און פירער פון חסידים); מלמד, לערער; טיטל פון אַ רב (ראָוו), פון אַ חסידישן צדיק, פון אַ מלמד.

● רבי, מיר זענען געקומען צו אייך, איר זאָלט אונדזער רבי זיין (ש. אַש). און דער רבי מיט די קינדערלעך לערנט אלף-בית (וואַרשאַווסקי). די וועלט איז גאָר אַ ווילער רבי (פרץ).

רבי-געלט (רעבע-געלט) — לערנגעלט, חדר-געלט; אָנלערנעכץ; שטראָף.

● זיין פריערדיקער שותף האָט אים געקאָסט גענוג רבי-געלט (ש"ע).

רביאיש (רעבייאיש) — (אויפן שטייגער) פון אַ רבין, פון אַ חסידישן צדיק.

● אַלע קינדער האָבן געוווינט אין דעם גרויסן רביאישן הויף (י. י. זינגער).

דער **רבים** (ראַבים) — מערהייט; מערצאָל. זע: לשון רבים.

● עס איז ביטער און שלעכט, ווען דער רבים איז אומגערעכט (שפּריכוואָרט).

רבינו (ראַביינו) — אונדזער רבי, אונדזער לערער.

די **רביצין** (רעבעצין) — די פרוי פון אַ גוטן ייד (פון אַ צדיק), פון אַ רב, פון אַ מלמד. באַצייכענונג פון אַ פרומער פרוי.

דאָס **רבנות** (ראַבאָנעס) — אַמט פון אַ רב (ראָוו).

● זאָלסט ליב האָבן אַרבעט און פיינט האָבן רבנות (שפּריכוואָרט).

רבניש (ראַבאָניש) — לויטן שטייגער פון אַ רב (ראָוו).

דער **רבנן-קדיש** (ראַבאָנען-קאַדעש) — קדיש, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן נאָכן לערנען פון תלמוד און נאָך אַ דרשה. אָפּזאָגן נאָך עמעצן אַ רבנן-קדיש — זיך מיט עמעצן אָפּגעזעגענען אויף אייביק.

● זיי האָבן אַ ידיעה אין דעם, ווי אַ טערק אין אַ רבנן-קדיש (ש"ע). מעג מען שוין נאָך אונדזער געלט זאָגן רבנן-קדיש (י. קאָטיק).

רבקה (ריווקע) — ביבל-פּערסאָנאַזש (איינע פון די ביבלישע מוטערס); נאָמען פון אַ פרוי.

דער **רגזן — רגזנים** (ראַגזן — ראַגזאָנים) — היציקער; צאָרנדיקער; בייזער.

דאָס **רגזנות** (ראַגזאָנעס) — היציקייט, צאָרן, בייזקייט.

● הויבסטו אָן מיט רגזנות, וועסטו ענדיקן מיט נאַרישקייט (פאָלקסווערטל).

דעררגזנען (דערראַגזענען)—דערצערענען, אַריינברענגען אין כעס.

דער **רגיל — רגילים** (ראָגל — רעגילים) — געניטער; דערפאַרענער.

דאָס **רגילות** (רעגילעס) — געוווינהייט.

● אַ רגילות איז די צווייטע טבע (א. שטיינבאַרג).

די **רגל — רגלים** (רעגל — ראַגלאַים) — פוס (פאַרגרעסערונגס-אויסדרוק).

● (ער האָט) אויפגעהויבן די רגלים און געמאַכט ויברח (ש"ע).

די **רגע — רגעס** (רעגע — רעגעס) —

אויגנבליק; מינוט; סעקונדע; אַ ווײַלע.

● אוי, וואַרט כאָטש אַ רגע צו (ש"ע).

די **רגע כּמימרא** (רעגע קעמעמרע) — קליינע ווײַלע, קורצע מינוט.

● ער הערט נישט אויף צו זאָגן אַפילו אויף אַ רגע כּמימרא (ש"ע).

די **רדיפה — רדיפות** (רעדיפע — רעדיפעס) — פאַרפאָלגונג.

● איך לעבּ איבּער רדיפות און אומגערעכטע אָנפאַלן אויף מיר (ש"ע).

דער **רואה ואינו נראה** (רויע וועאיינע נירע) — דער, וואָס זעט יענעם און ווערט אַליין נישט געזעען (אין וווּנדער־מעשיות).

● אַ רואה ואינו נראה געווען, האָט געשלייכט זיך ווי אַ שאָטן (ש אַש).

דער **רואה־חשבון** (רויע־כעשבּן) — רעכענער, בּוכהאַלטער; רעוויזאָר; רעווידענט.

● מען קליבּט צוויי רואה־חשבּונס, אַכט אויפמאָנער פון וואָכן־געלט (פּרץ).

דער **רוב** (ראָוו) — מערהייט.

דאָס **רוב** (דאָס ראָוו, ס'ראָוו) — מערסטנס, מײַנסטנס.

● דאָס רובּ האָבּן יידן געוווינט אין די שטעט (י. קאָטיק).

דער **רוב בּנין** (ראָוו בּיניען) — די גרויסע מערהייט, דער הויפּט־בּאַשטאַנד.

דער **רוב בּנין ורוב קנין** (ראָוו בּיניען וועראָוו קיניען) — די גאָר גרויסע מערהייט.

● זיי זענען דאָך אומעטום דער רוב בּנין ורוב קנין (אָפּאַטאָשו).

רוב גדלו ורוב עשרו (ראָוו גאָדלוי ווערוואָו אָשרוי) — זיין גרויסקייט און רייכקייט; זיין גרויסע שטאָלצקייט און זיין גרויסע רייכקייט.

● שרייבּט ער אַרויס דעם טאַטן רוב גדלו ורוב עשרו, ווי אַזוי ער פאָרט אַרויס מיט דריי פּאָר פערד (ש"ע).

דער **רוב דעות** (ראָוו דייעס) — די מערהייט מיינונגען; די מערהייט שטימען.

דער **רוב מנין** (ראָוו מיניען) — די גרעסטע צאָל.

דער **רוב מנין ובנין** (ראָוו מיניען אובּיניען) — דער גרעסטער און וואָגיקסטער טייל; די גאָר גרויסע מערהייט.

● אין דריי שטעט וווינט דער רוב מנין ובּנין פון דעם היגן יידישן ישוב. (נ. מייזיל).

דער **רוגז** (רויגעז) — בּייזקייט, צאָרן, כּעס.

● זאָגט דער לערער שוין מיט רוגז (ווייַנפּער).

די **רוגזא, רוגזה** (רוגזע) — צאָרן, גרימצאָרן, כּעס, צערייצטקייט.

● ער איז פון רוגזה געוואָרן אַ פאַרפלאָמטער (אָפּאַטאָשו).

דער **רודף־שלומניק** (רוידעף־שאָלעמניק) — פרידן־ליבּנדיקער; שלום־שטרעבּנדיקער; פאַרמיטלער, אויסגלייכער (צווישן צוויי, וואָס קריגן זיך).

● ווערן אַ רודף־שלומניק זאָלט איר זיך קיינמאָל נישט פּרוּוון (ש"ע).

רודפן (רוידעפן) — פאַרפאָלגן.

● ער האָט נישט קיין רעכט אַזוי מיך צו רודפן (י. קאָטיק).

דער **רווח** — **רווחים** (רעווועך — רעוואָכים) — פּאַרדינסט ; פּראָפיט.

● אָנשטאָט אַ ביסעלע רווח געבליבן ביים נעבעך (פאַלקסווערטל).

די **רווחה** (רעוואָכע)—ווילטאָג; גליק.

רווחים (רעוואָכים) — מ"צ — צינזן.

דער **רוח** — **רוחות** (רועך — רוכעס) — גייסט ; בייזער גייסט ; דעמאָן, טייוול.

● דער רוח וועט אונדז ביידע נישט נעמען (ממ"ס).

אין **רוח** (רועך) — אין גייסט.

● דאָס לאַנד ווערט געבויט לויטן רוח פון דער נייער צייט (מ. בורשטין).

דער **רוח החיים** (רועך האַכאַים) — לעבנס־גייסט; לעבנס־נערוו.

● ער פלעגט אין יעדער ראָל אַריינ־ברענגען אַ רוח החיים, האַרץ, געפיל (צ. קאַצענעלסאָן).

דער **רוח הקודש** (רועך האַקוי־דעש) — גייסטיקע דערהויבונג ; הייליקער גייסט; נבואה.

● אַבי ס'איז אים נאָר געקומען דער רוח הקודש, האָט ער אַרויסגעוואָרפן איין נאָוועלע נאָך דער אַנדערער (ש"ע).

דער **רוח־נבואה** (רועך־נעוווע) — וויזיע, זעונגס־גייסט.

דער **רוח שטות** (רועך־שטוס) — נאַרישער גייסט ; נאַרישקייט ; נאַרישער געדאַנק.

דאָס **רוחניות** (רוכניעס) — דאָס גייסטיקע; גייסטיקייט ; איבערערדישקייט.

● זי פאַרברענגט אין דער וועלט פון רוחניות, אין דער וועלט פון ביכער און דיסקוסיעס.

רוחניותדיק (רוכניעסדיק) — גייסטיק; איבערערדיש.

● ער הייבט זיך ווידער אויף אין די איבערערדישע, רוחניותדיקע וועלטן (זשיטלאָווסקי).

דער **רופא** — **רופאים** (רויפע — רויפים) — פעלדשער; דאָקטער.

● פרעגט נישט דעם רופא, נאָר פרעגט דעם חולה (שפּריכוואָרט).

די **רופאטע** — **רופאטעס** (רויפּעטע — רויפּעטעס) — פעלדשערין.

● די רופאטעס האָבן געקאָנט שטעלן באַנקעס (י. קאָטיק).

דער **רוצח** — **רוצחים** (רעצייעך — רעצכים) — מערדער ; בייזער מענטש.

● אַז דער רוצח שלאָגט טייבעלעך, טוט מיר ווי דאָס האַרץ (פּרץ).

די **רוצחטע** — **רוצחטעס** (רעצייעכטע — רעצייעכטעס) — מערדערין ; בייזע פרוי.

דער **רושם** (רוישעם) — איינדרוק.

● האָט דאָך זיין אָנקומען אַ גרויסן רושם געמאַכט (פּרץ).

רות (רוס, רוט) — נאָמען פון אַ פרוי ; ביבל־פערסאָנאַזש: טיטל פון איינער פון די פינף מגילות (ז"ד).

דאָס **רחבות** (ראַכוועס)—ברייטקייט ; פרייער פלאַץ; ברייטהאַרציקייט; באַקוועמלעכקייט ; צופרידנקייט.

● ענדיקט זיך דער וואַלד, ווייטער אַ רחבות (פּרץ). אַ נייע זיסקייט, אַ נייע רחבות האָט אונטערגעכאַפּט (ש"ע).

רחבותדיק (ראַכוועסדיק) — ברייט, פריי ; אָנגענעם ; צופרידנדיק.

● אין מיטן הויף האָט געגרינט אַ רחבותדיקער קאַשטאַן (י. קאָטיק). ער

האָט זיך רחבותדיק אַ גלעט געטון דאָס בערדל (ז. ווײַנפּער).

דאָס ר ח ב ת - ה נ פ ש (ראַכוועס-האַ-נעפּעש) — טיפע באַפרידיקונג; אי-נערלעכע צופרידנקייט.

● יענער וועט מיטפּילן דעם גליק מיט דעם רחבת-הנפש (ש״ע).

ר ח ל (ראָכל) — ביבל-פּערסאָנאַזש; (איינע פון די ביבלישע מוטערס); נאָמען פון אַ פרוי.

ר ח מ י א ל (ראַכמיעל) — נאָמען פון אַ מאַנצביל (פאַרקירצונג פון ירחמיאל).

ר ח מ י ם (ראַכמים) — דערבאַרעמקייט; באַרעמהאַרציקייט; רחמנות.

● געבעטן זיך רחמים, ווי אַ קראַנקער בעט אויף זײַן לעבן (פּרץ).

ר ח מ נ א - ל צ ל ן (ראַכמאָנע-ליצלאַן) — זאָל גאָט אָפּהיטן.

● און דאָס מויל, רחמנא-לצלן, האָט זיך איר אויסגעקרימט (פּרץ).

דאָס ר ח מ נ ו ת (ראַכמאָנעס) — באַרעמ-האַרציקייט; דערבאַרעמקייט; מיט-לייד.

● אַ שלאַנג האָט אויך רחמנות אויף די קליינע שלענגעלעך (ש״ע). אַן אמתע קרענק רופט אַרויס רחמנות, אַן איינגערעדטע — ביטול (פּרץ).

דאָס ר ח מ נ ו ת - פ נ י ם — ר ח מ נ ו ת - פּ נ י מ ע ר (ראַכמאָנעס-פּאָנעם — ראַכמאָנעס-פּענעמער) — נעבעכדיק אויסזען; פּנים, מינע, וואָס דער-וועקט מיטלייד.

● געמאַכט רחמנות-פּנימער, געלאָזט טרערן (אָפּאַטאָשו).

ר ח מ נ ו ת ד י ק (ראַכמאָנעסדיק) — באַ-רעמהאַרציק; מיטליידנדיק.

ר ח מ נ י ם ב נ י ר ח מ נ ״ י ם (ראַכמאָ-נים בניי ראַכמאָנים) — מ״צ — באַ-רעמהאַרציקע, די זין פון באַרעמ-האַרציקע. באַצייכענונג פון יידן.

● יידן זענען מענטשן מיט קעפּ און דערצו רחמנים בני רחמנים (ממ״ס).

דער ר ח ״ ש (רעכאַש) — פאַרקירצונג פון: רב, חזן, שמש (ראָוו, כאַזן, שאַ-מעס) — באַצייכענונג פון דעם אָפּ-צאָל, וואָס יידן פלעגן געבן די כלי-קודש פאַרן דורכפירן געוויסע רעליג-יעזע צערעמאָניעס.

● קיין רח״ש נעמט ער נישט (פּרץ).

דער ר י ב - ל ש ו נ ו ת (ריוו-לעשוינעס)— שפּראַכן-קאַמף, שפּראַכן-שטרייט.

● מען האָט געמאַכט אַ סוף צו די שפּראַכן-אַמפּערייען, צום ריב-לשונות.

דער ר י ב ו נ ו ש ל ע ו ל ם (ריבוינע שעל אוילעם) — האַר פון דער וועלט, גאָט.

● ריבונו של עולם, ווען ווילסטו דאָ אויספּרוּוון (פּרץ).

דאָס ר י ב י ת (ריבּיס) — פּראָצענט, וואָ-כעריי.

● ער האָט אָפּגעשאַפט דאָס נעמען ריבית (א. ביק).

דער ר י ב י ת נ י ק—ר י ב י ת נ י ק ע ס— (ריביסניק — ריביסניקעס) — פּראָ-צענטניק, וואָכערניק.

דער ר י ו ו ח—ר י ו ו ח י ם (רעווער — רעוואָכים) — זע: רווח.

דער ר י ח — ר י ח ו ת (רייעך — ריי-כעס) — גערוך; דופט.

● די ריחות טראָגן זיך פון יענער זייט פעלדער (ש. אַש).

דער ר י ח נ י ח ו ח (רייעך ניכויעך)— שמעקנדיקער גערוך.

● אוי באַרן! בעראָמעטן! קיילעכיקע, פעטע הענגען אַראָפּ און שיקן אַרויס פון זיך אַ ריח ניחוח (ש״ע).

דער ריח תורה (רייעך טוירע) — דופט פון תורה. עס האָט אַ ריח־תורה—שמעקט מיט תורה.

● דער ניגון ווערט שוין ווייטער אַן אַנדערער: ער האָט שוין אַ ריח־תורה (פרץ).

ריסוק־אברים (ריסעק־אייווריים) — אַרויסרייסונג (צעברעכונג) פון גלידער. באַצייכענונג פון צעברעכן אַ זאַך אויף פּיצלעך.

● זיך נישט אויפן בעט, עס קאָן נאָך כאַפּן ריסוק־אברים.

דער ריקוד (ריקעד) — טאַנץ.

דאָס ריקודל (ריקעדל) — טענצל.

● מען האָט געכאַפּט אַ ריקודל מיטן בעל־היובל (ש״ע).

די ריש (רייש) — דאָס צוואַנציקסטע אות (ר) פונם אַלף־בית.

דער ריש־גלותא (רייש־גאָלוסע) — זע: ראש הגולה.

דער רך־לב (ראַך־לעוו) — ווייכהאַרציקער, סענטימענטאַלער.

דאָס רכילות — רכילותן (רעכילעס — רעכילעסן) — באַרעדעריי, פאַרשוואַרצונג; פּלאָטקע; לשון־הרע.

● טאָג און נאַכט זענען דאָס געווען אינטריגעס מיט שושקערייען, מיט רכילותן (ש״ע).

רכילות (רעכילעס) **טרייבן** — באַרעדן (עמעצן), פאַרנעמען זיך מיט לשון־הרע, פּלאָטקען.

● דערווייל טרייבט מען געשמאַק רכילות (ש״ע).

רכילותן (רעכילעסן) — באַרעדן, טרייבן רכילות, פּלאָטקען.

● גערכילותט אויף וואָס די וועלט שטייט (אָפּאַטאָשו).

דער רכילותניק — רכילותניקעס (רעכילעסניק — רעכילעסניקעס) — באַרעדער, פּלאָטקע־מאַכער, דער וואָס טרייבט רכילות.

● אַ שטאָט פון גאָלע רכילותניקעס מיט לאַנגע צינגער (ש״ע).

די רכילותניצע — רכילותניצעס (רעכילעסניצע — רעכילעסניצעס) — באַרעדערין, פּלאָטקע־מאַכערין.

● די רכילותניצע, די גאַנצע וועלט איז ביי איר אין מויל (ש״ע).

דאָס רמאות (ראַמאָעס) — אָפּנאַרעריי, שווינדל.

דער רמאי — רמאים (ראַמאַי — ראַמאָים) — אָפּנאַרער, שווינדלער.

● ווילסט נאָך זיין אויף דער עלטער אַ רמאי אויך (ממ״ס).

דער רמב״ם (ראַמבאַם) — איניציאַלן פון: רבינו משה בן מימון (ראַביינו מוישע בען מיימען) — נאָמען פון דעם גרויסן יידישן רעליגיעזן געלערנטן און דענקער (1135—1204).

דער רמז — רמזים (רעמעז — רעמאָזים) — אָנדייט; ווונק.

● אין דעם אַרטיקל איז קיין רמז נישטאָ אויף דעם לאַנג־יאָריקן קריג (נ. מייזל).

רמ״ח (רעמאַך) = 248 (ר=200, מ=40, ח=8).

רמ״ח אברים (רעמאַך אייוורים) — 248 גלידער (פון וועלכע עס באַשטייט דער מענטשלעכער קערפּער, לויט דער תּלמודישער אויפפאַסונג).

● אַ בלינדער איז קראַנק אויף די אויגן, אַ שטימער — אויפן מויל און אַ נאַר אויף אַלע רמ״ח אברים (פאָלקס־ווערטל).

ר ס ו ק - א ב ר י ם (ריסעק אייוורים) — זע: ריסוק-אברים.

דאָס ר ע - מ ז ל (ראַ-מאַזל) — שלעכט מזל.

● נעמט ער בײַ יענעם איבער יענעמס רע-מזל (פרץ).

די ר ע ה — ר ע ו ת (ראָע—ראָעס) — דאָס שלעכטס, דאָס בייז. קעגנזאַץ: טובה.

● דערפון קאָן אַרויסקומען אַ רעה פאַר אַלע יידן (י. קאָטיק).

דער ר ע י ו ן — ר ע י ו נ ו ת (ראַיען — ראַיוינעס) — געדאַנק; מחשבה.

● פאַרשטײ גאָר גוט דעם רעיון (א. שטיינבאַרג). פלי נישט אין דמיונות, ווען סטו האָבן קלאָרע רעיונות (ש"ע).

דער ר ע ש (ראַש, ראַאַש) — גערודער, גערויש, טומל, ליאַרעם, טאַראַראַם.

● אין שטעטל איז געוואָרן אַ רעש, אַ גערודער (ש"ע).

ר ע ש ן (ראַשן, ראַאַשן) — רודערן, רוישן, טומלען, ליאַרמען, מאַכן אַ טאַראַראַם.

● ס'איז שטיל, עס רעשט דאָ נישט ווי אין שטאָט (ראַווניצקי).

זיך ר ע ש ן (ראַשן, ראַאַשן) — זיך טומלען, זיך רודערן.

ר ע ש ע ד י ק (ראַשעדיק, ראַאַשעדיק) — טומלדיק, רוישנדיק, ליאַרעמדיק.

ר פ א ל (רעפאָעל) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

די ר פ ו א ה — ר פ ו א ו ת (רעפוע — רעפועס) — הייל-מיטל, מעדיקאַמענט, מעדיצין; היילונג, אויסהיילונג.

● מען האָט מיך אָנגעהייבן שטאָפּן מיט רפואות: פילן, פּראָשקעס און קרייטער (ש"ע).

די רפואה בדוקה (רעפוע בדוקע — אויסגעפּרוּווט הייל-מיטל, אויסגעפּרוּווטע רפואה.

● אויף דעם זענען טרוקענע באַנקעס אַ רפואה בדוקה (פרץ).

די ר פ ו א ה ש ל י מ ה (רעפוע שליימע) — פולשטענדיקע היילונג..

● ער מוז אים געבן אַ רפואה שלימה פאַר באַשע גיטל זיין ווייב (פרץ).

דער ר צ ו ן (ראָצן) — ווילן.

● [זי] מוט שטענדיק דעם רצון פון איר מאַן (פרץ).

די ר צ ו ע ה — ר צ ו ע ו ת (רעצוע — רעצועס) — לעדערנער רימען (פון די תפילין).

● דער מחיהדיקער יוכטן-ריח פון די פרישע, נאָר וואָס אויסגעמאַכטע רצועות (ש"ע).

די ר צ י ח ה — ר צ י ח ו ת (רעציכע — רעציכעס) — מאָרד, געוואַלדטאַט; בייזקייט, צערייצטקייט. ס'איז אַ רציחה — ס'איז אַ פאַרברעכן.

● די רציחות צווישן מענטש און מענטש וועלן פאַרשווינדן (זשיטלאָווסקי). ער איז פול מיט רציחה, אַז מיר האָבן פאַרטאַכלעוועט אַזאַ שאַנס.

ר ק (ראַק) — נאָר, בלויז.

● אַלץ איז ער, נאָר ער, רק ער, בלויז ער (נ. מייזיל).

ר ק ט ו ב (ראַק טאָוו) — נאָר גוט; בלויז גוטס.

● אין אַ וועלט פון רק טוב (פרץ).

דער ר ש ו ת (רעשוס) — הערשאַפט, מאַכט; רעכט, קאָמפּעטענץ; פולמאַכט, דערלויבעניש.

● אַלע זענען דאָך בײַ אים אין רשות (ממ"ס). ער האָט בײַ קיינעם קיין רשות נישט גענומען (פרץ).

ר

דער רשות היחיד (רעשוס האיאָ־כיד) — פריוואַטער באַזיץ (אייגן הויז, אייגענער פּלאַץ אדג"ל).

● אין בעטקע־געסל האָט זיך יעדער געהאַט זיין רשות היחיד (מ. בורשטין).

דער רשות הרבים (רעשוס האָ־ראַבים (רעשוס האָראַבים) — שטאָטי־שער באַזיץ (פּלאַץ, קלוב, גאַס אדג"ל).

● איזן איז עס ר׳ יחזקאל גאַמבינערס שטוב, נאָר דאָך אַ שטאָט־שטוב, אַ רשות הרבים (ש. אַש).

רש"י (ראַשע)—איניציאַלן פון: ר׳ שלמה יצחקי (רעב שלוימע ייצכאָקי) — נאָ־מען פונעם גרויסן תּלמודישן גע־לערנטן און קאָמענטאַטאָר (1040 — 1105). באַצייכענונג פון זיין פּירוש אויף תּנ"ך און תּלמוד.

די רשימה—רשימות (רעשימע — רעשימעס) — אויסווייז, רעגיסטער, ליסטע; פאַרצייכעניש, נאָטיץ.

● מיר האָבן צונויפגעשטעלט א רשימה פון אַלע ביכער פון אונדזער ביבליאָ־טעק. איך זאָל אייך געבן אַ ביסל רשימות צו מיין ביאָגראַפיע (ש"ע).

דער רשע—רשעים (ראָשע — רע־שאָים) — שלעכטער, בייזוויליקער מענטש; זינדיקער. באַצייכענונג פון אַ יידן־פיינט.

● געוועלטיקט האָט דער רשע דורך שווינדל, מאָרד און רויב (פיינבערג).

דער רשע גמור—רשעים גמו־רים (ראָשע גאָמער—רעשאָים גע־מורים) אויסגעשפּראָכענער רשע, פול־שטענדיק פאַרדאָרבענער מענטש.

● זיי זענען געווען רשעים גמורים, זיי האָבן געראַבעוועט און געגזלט (י. ב. לעווינזאָן).

דער רשע־מרושע (ראָשע־מערושע) —גאָר בייזער, פאַרדאָרבענער מענטש.

● דער רשע־מרושע האָט געוואָלט אויס־ווייזן, אַז יידן דינען נישט (ש"ע).

דאָס רשעות (רישעס) — שלעכטס־קייט; בייזקייט; בייזוויליקייט. באַציי־כענונג פון יידן־פיינטשאַפט.

● ער איז אויף מיר אָנגעפאַלן מיט רשעות, מיט ווילדקייט (ש"ע).

די רשעטע—רשעטעס (ראָשיי־טע—ראָשייטעס, ראָשעטע—ראָשעטעס) — שלעכטע, בייזע פרוי.

ש

שאול (שאָול, שויל)—נאָמען פון דעם ערשטן יידישן קעניג; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

די **שאול־תחתיה** (שאָל־טאַכטיע)—אונטערערד; אונטער־ערדישע וועלט, אונטערוועלט פון די טויטע (לויט דעם גלויבן פון די פאַרצייטיקע פעלקער), קבר; גיהנום.

● פאַלט זי גאָר אַראָפּ אין שאול תחתיה (פּרץ).

שאין כוחם אלא בפיהם (שעאיין קויכאָם עלאָ בעפּיהעם) — זייער כוח (קראַפט) איז נישט מער ווי אין זייערע מיילער; זייער קראַפט איז נאָר אין רעדן.

● שטילע, אויסגעווייקטע, פאַרמאַטערטע רבנים, שאין כוחם אלא בפיהם (פּרץ).

שאין מכירין (שעאיין מאַקירין)—וואָס מען קען (אים) נישט.

● ער זאָל זיך אריבערציען אין אַן אַנדערע שטאָט, שאין מכירין (אָפּאַטאָשו).

דער **שאינו יודע לשאול** (שעאייני יעדייע לישויל)—דער, וואָס ווייסט נישט וואָס צו פרעגן (איינער פון די פיר זין, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער הגדה אויף פּסח); גרויסער נאַר.

די **שאלה — שאלות** (שיילע — שיילעס) — פראַגע; רעליגיעזע כשרות־פראַגע.

● איך דערמאָן זיך אָן שלמה המלכס שאַלה: ווער ווייסט, צי שטייגט דער גייסט פון מענטש אַרויף (פּרץ), טשודנאָוו איז אַ שטעטל מיט ווייניק טעפּלעפּל־שאלות (פּרץ).

די **שאלת־הריאה** (שיילעס־האָרייע)—אַ שאלה וועגן דער לונג (פון אַ געשחטענער בהמה (ביי רעליגיעזע יידן).

שאני הכא (שאַינע האָכע)—דאָ איז עפּעס אַנדערש.

● שאני הכא! דאָ איז עפּעס אַנדערש, דאָ גיט יעדער אַ שמייכל (פּרץ).

שאר ארצות (שאָר אַראָצעס) — אַנדערע פאַרשידענע לענדער.

● מען וועט אים פאַרטרייבן אין שאר ארצות אַריין (פּרץ).

שאר־ירקות (שאָר־יעראָקעס) — פאַרשידענע גרינס, פאַרשידענע קרייטעכצער. באַצייכענונג פון קלייניקייטן.

● דאָס ביסל שאר־ירקות פאַרקויפט מען (ש"ע).

די **שארית** (שעאיירים, שיירעס)— איבערבלייבעניש.

● אָן אַ נאָמען, אָן אַ שארית (אַנ־סקי).

די **שארית־הפליטה** (שעאייריס [שיירעס]־הפּלייטע)—דאָס געראַטעוועטע איבערבלייבעניש; דאָס ביסל געראַטעוועטע.

● די שארית־הפליטה פון פוילישן יידנ־טום ווירקט און שאַפט.

די שבועה—שבועות (שוווּע—שוווּ־עס)—דאָס שווערן; פייערלעכער צוזאָג.

● אַ שבועה געגעבן: ווידמען דאָס לעבן דער מענטשלעכער נויט (אַנ־סקי)

די שבועה דאורייתא (שוווּע דעאוירייסע) — האַרבע שבועה (לויט דער תּורה)

● איך וועל אייך גיין שווערן אַ שבועה דאורייתא אין טלית און קיטל (ש"ע)

שבועות (שו[ע]ווּעס) — נאָמען פונעם יום־טוב (וואָס פאַלט אויס דעם זעק־סטן און זיבעטן סיון צום אָנדענק פון באַקומען די תּורה ביים באַרג סיני, לויט דער ביבל); יום טוב פון ערשטן שניט און פון אַראָפּנעמען די ערשטע פּרוכטן (אין ארץ־ישראל).

דער שבח—שבחים (שוואַך — שוואָ־כים)—לויב; לויבגעזאַנג; קאָמפּלימענט.

● מען מוז די טונעיאַדעווקער דעם שבח נאָכזאָגן, אַז זיי זענען צופרידן מיט וואָס גאָט גיט (ממ"ס).

שבחי בעל שם־טוב (שיווּכיי באַל שעם־טאָוו)—„לויב פון בעל שם־טוב". טיטל פון אַ פּאָפּולערן חסידישן ספר.

● דאָס וואָס איך וועל אייך דערציילן איז אין שבחי בעל־שם־טוב נישטאָ (פּרץ).

דער שבט (שוואַט) — דער פינפטער חודש (יאַנואַר־פעברואַר) לויטן יידישן לוח.

דער שבט—שבטים (שייוועט—שוואָ־טים)—שטאַם.

שבכּתב (שעביקסאַוו)—פונעם געשרי־בענעם, געשריבענע(ר) קעגנזאַץ: שבעל־פּה

שבע (שעווע)—נאָמען פון אַ פרוי.

שבע ברכות (שעווע בראָכעס) — מ"צ—„זיבן ברכות". באַצייכענונג פון די זיבן פייערלעכע טעג נאָך דער חתונה, ווען מען זאָגט אויף די מאָל־צייטן די זיבן ברכות (ביי רעליגיעזע יידן).

שבע חכמות (שעווע כאָכמעס)— זיבן הויפּט־וויסנשאַפטן (לויט דער אַלטער צעטיילונג).

● ער איז געווען אַ גאון, געקאָנט אַלע שבע חכמות (י. קאָטיק).

די שבעה (שיווע)—זיבן (טרויער־טעג) באַצייכענונג פון די זיבן טרויער־טעג נאָך אַ פאַרשטאָרבענעם נאָענטן קרוב.

שבעה (שיווע) זיצן — טרויערן (זיצן זיבן טעג אין טרויער) נאָך אַ פאַר־שטאָרבענעם נאָענטן קרוב.

● שטיל זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, אויסגעטאָן די שטיוול און זיך אַוועקגעזעצט שבעה (ש"ע).

שבעה טובי העיר (שיווע טוווי האָאיר) — זיבן אָנגעזעענסטע (חשוב־סטע) מענטשן פון שטאָט.

● געבראַכט די איבעריקע שבעה טובי העיר, די פיינסטע בעלי־בּתּים פון שטאָט (ש"ע).

שבעה מדורי גיהנום (שיווע מע־דוריי גענעם) — זיבן אָפּטיילונגען (אָדער שטאָקן) פון גיהנום.

● איידער מען טרעט צו צו אַ גביר, מוז מען דורכגיין פריער אַלע שבעה מדורי גיהנום (ש"ע).

דער שבעה עשר בתמוז (שי־וואָסער בעטאַמעז) — זיבעצנטער טאָג פון תּמוז. רעליגיעזער תּענית צוליבן איינברעכן די מויער פון ירושלים דורך נבוכדנאצרן אין יאָר 586 פ"ק און דורך טיטוסן אין יאָר 70 נ"ק.

שבעל־פה (שעבאַלפּע) — דער מינדלעכער, די מינדלעכע. קעגנזאַץ: שבכּתב.

● בערדיטשעווסקי שבעל־פּה איז געווען פיל גרעסער פון בערדיטשעווסקין שבכּתב. (נ. מייזיל)

שבעת ימי המשתה (שיוואַס יעמיי האַמישטע) — זיבן מאָלצייט־טעג (נאָך דער חתונה). זע: שבע ברכות.

● צו די מאָלצייטן פון שבעת ימי המשתה האָט קיינער פון זיי נישט געטאָרט פעלן (י. קאָטיק).

די **שברי־כּלי** (שיוורע־קיילע) — צעבראָכענע כּלי, צעבראָכענע זאַך; צעבראָכענער (קראַנקער) מענטש.

● ער איז פון אייביק אָן געווען אַ שברי־כּלי, אַ צעבראָכענער מענטש (א. קאָטיק).

די **שברי־לב** (שיוורע־לעוו) — האַרץ־קלעמעניש, האַרץ־ווייטיק.

● זי איז פון שברי־לב אויסן זינען געקומען (א. מ. דיק)

שברי־לוחות (שיוורע־לוכעס) — מ״צ. — צעבראָכענע לוחות, ברעקלעך פון די ביבלישע טאָוולען, וואָס משה האָט צעבראָכן (לויט דער ביבל).

די **שברת־הלב** (שיוורעס־האַלעוו) — האַרץ־קלעמעניש, האַרץ־ווייטיק.

● מען הערט אַ קרעכץ פון שברת־הלב (פּרץ).

דער **שבת — שבתים** (שאַבעס — שאַבאָסים) — זיבעטער טאָג פון דער וואָך; אָפּרו־טאָג. מאַכן שבת פאַר זיך — זיך אָפּזונדערן.

דאָס **שבת־אחים** (שעוועס־אַכים) — דאָס אינטימע ברידערלעכע צוזאַמענלעבן, דאָס זיצן צוזאַמען ווי ברידער; פאַרברידערונג.

● זיצט מען אַזוי שבת־אחים, מען שמועסט און מען שמועסט (נ. מייזיל).

דער **שבת בראשית** (שאַבעס בעריישיס) — דער ערשטער שבת נאָך סוכּות.

דער **שבת הגדול** (שאַבעס האַגאָדל) — דער „גרויסער שבת״ (פאַר פּסח).

דער **שבת חזון** (שאַבעס כאַזאָן) — דער שבת פאַר תשעה באָב.

דער **שבת־מברכים** (שאַבעס־מעװאָרכים) — שבת, ווען מען בענטשט ראש־חודש.

● עס איז נישט אַוועק קיין שבת־מברכים, ס׳זאָל נישט קומען צו פאָרן אַ בויד מיט מאָדנע פאַרשוינען (ש״ע).

דער **שבת נחמו** (שאַבעס נאַכמו) — דער שבת נאָך תשעה באב.

דער **שבת־צו־נאַכטס** (ש(אַ)בייסענאַכטס)—נאַכט נאָך שבת.

דער **שבת קודש** (שאַבעס קוידעש)— הייליקער שבת, דערהויבענער טאָג.

שבת־קודשדיק (שאַבעס־קוידעשדיק) — הייליק, דערהויבן, פייערלעך.

● עס האָט זיך אָבער געזונגען האָפערדיק און שבת־קודשדיק (זשיטלאָווסקי).

דער **שבת שובה** (שאַבעס שוווע) — דער שבת פאַר יום כּפּור.

דער **שבת שירה** (שאַבעס שירע) — דער שבת, ווען מען לייענט די שירה (וואָס יידן האָבן געזונגען, ווען זיי זענען אַריבערגעגאַנגען דעם ים־סוף (לויט דער ביבל).

דער **שבת תשובה** (שאַבעס טשווע) — זע: שבת שובה.

שבתדיק (שאַבעסדיק) — פייערלעך

(אויפן שטייגער פון שבת); אויף שבת (פון שבת).

● די מאַמע אָנגעטון אין שבתדיקן פּאַריק און אין אַ נייער ווייסער שירץ (נאָמבערג).

שבתי (שאַפּסע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

שבתי-צבי (שאַפּסע-צווי) — נאָמען פון פאַלשן משיח (אין XVII יאָרהונדערט נ"ק).

דער **שבתי-צביניק** — **שבתי-צביניקעס** (שאַפּסע-צוויניק — שאַפּסע-צוויניקעס) — אָנהענגער פון פאַלשן משיח שבתי-צבי.

דער **שגעון** (שיגאָען) זע: שיגעון.

דער **שד** — **שדים** (שעד — שיידים) — טייוול, „נישט-גוטער", בייזער גייסט, לויט דער אַבערגלויבישער פאָרשטעלונג. באַצייכענונג פון אַ ווילד קינד.

● ס'איז געקומען צו רייטן אַ שד אויף אַ בעזעם (פּ. הירשביין).

דער **שדוך** — **שדוכים** — (שידעך — שידוכים) — זע: שידוך.

דער **שדכן** — **שדכנים** — (שאַדכן — שאַדכאָנים) — פאַרמיטלער, דער וואָס פירט אויס שידוכים.

● געוועזן איז ער אַ שדכן, נאָר קיין שידוך האָט ער נאָך צייט ער לעבט נישט אויסגעפירט (נאָמבערג).

דאָס **שדכנות** (שאַדכאָנעס) — פאַרמיטלעריי (צווישן חתן-כּלה, צווישן מחותּנים), פונקציע פון אַ שדכן, באַלוינונג פאַר אויספירן אַ שידוך.

שדכנען (שאַדכענען) — פאַרמיטלען, רעדן אַ שידוך, צוקלויבן אַ חתן אָדער אַ כּלה.

זיך **שדכנען** (שאַדכענען) — פאָרשלאָגן זיך אַלס חתן אָדער כּלה.

● דער אַרענדאַר פון יענער קרעטשמע שדכנט זיך צו דער יתומה (פּרץ).

שהחינו (שעכעיאָנו) — „וואָס האָט אונדז געלאָזט דערלעבן"; וואָס מיר האָבן דערלעבט. — אַ ברכה, וואָס רעליגיעזע יידן מאַכן איבער אַ ניי גליקלעך געשעעניש, אויפן שוועל פון אַ יום-טוב, איבער פריש אויפגעקומענע פּירות.

● די באַרן ווינקען צו אונדז, בעטן זיך: מאַכט אויף אונדז אַ „שהחינו" (ש"ע).

מיט **שהי-פּהי** (שיע-פּיע) אָפּקומען, אָפּפּטרן — אָפּקומען מיט וואָס ס'איז, אָפּפּטרן מיט אַ קלייניקייט; אָפּפּטרן מיט אַן אויסרייד.

● קומט ער ווידער אָפּ מיט שהי-פּהי, מיט אַ גלאָז טיי, מיט אַ סוכאַריקל (ז. שניאור).

שהיות (שיעס) מאַכן — זיך פאַרזאַמען, אָפּשלעפּן.

● ער האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און האָט זיך אויפגעזעצט אויפן שליטן (ש"ע).

שהכּל (שאַקל, שעהאַקל) — אַ ברכה איבער געטראַנקען און איבער געוויסע מאכלים.

שהכּל (שאַקל, שעהאַקל) מאַכן — מאַכן אַ ברכה איבער געטראַנקען און געוויסע מאכלים. באַצייכענונג פון מאַכן אַ כּוסה (געבן אַ טרונק בראָנפן).

שוא ושקר (שאָוו וועשעקער) — פאַלש און ליגן; איין גרויסער ליגן.

● שוא ושקר! ס'איז אַ בלבול (א. שטיינבאַרג).

זיך **שואל עצה** (שויעל אייצע) זיין — זיך באַראָטן, האַלטן (פרעגן) אַן עצה.

● ווילסטו זיך שואל עצה זיין — טאָ הער מיך אויס (אָפּאַטאָשו).

שוה־בשוה, שווה־בשווה (שאָווע־בעשאָווע) זיין — זיין פאַר־גלייכט; נישט קריגן זיך; זיין אין פריינדלעכע באַציונגען.

● שוער און שוויגער זענען נישט שווה־בשווה מיטן איידעם (ש"ע).

די **שוה־כסף; שווה־כסף** (שאָ־ווע־קעסעף) — ווערט־זאַך; זאַך, וואָס מען קען לייכט פאַרבייטן אויף געלט.

● אַ מין שווה־כסף, וואָס מען קאָן צו יעדער צייט מאַכן פון דעם געלט (ש"ע).

דער **שוחד** (שויכעד) — איבערקויף־געלט, כאַבאַר, קאָרופּציע. שוחד־נעמער — כאַבאַרניק.

דער **שוחט — שוחטים** (שוי־כעט — שאָכטים) — דער, וואָס קוי־לעט בהמות און עופות לויטן יידישן דין.

● דאָרט לויפט אַ שוחט, בלייך ווי די וואַנט, אַ נישט־דערקוילעטער האָן אין דער האַנט (פרץ).

די **שוחטקע — שוחטקעס** (שוי־כעטקע — שויכעטקעס) — פרוי פון אַ שוחט.

דער **שוטה — שוטים** (שויטע — שויטים) — נאַר.

● אפילו אין הימל אַליין האָט מען אויך פיינט אַ שוטה (י. י. זינגער).

דער **שוכן־עפר** (שויכן־אָפּער) — טויטער; דער, וואָס רוט שוין אין דער ערד.

● אַ ניגן לעבט און אַ ניגן שטאַרבט, און מען פאַרגעסט אַ ניגון ווי מען פאַרגעסט אַ שוכן־עפר (פרץ).

דער **שולחן** (שולכן) — טיש; טיש, אויף וועלכן מען לייענט די תורה.

דער **שולחן־ערוך** (שולכן־אָרעך) — „געגרייטער טיש"; קאָדעקס; יידישער ריטואַל־קאָדעקס. — זאַמלונג פון רע־ליגיעזע געזעצן צונויפגעשטעלט פון יוסף קאַרא, געדרוקט אין יאָר 1565

● אַז מען זיצט ביים עסן, באַדאַרף מען אָפּהיטן דעם גאַנצן שולחן ערוך פון עמיקעט (ש"ע).

שולט (שוילעט) זיין — הערשן, באַ־הערשן, האָבן מאַכט איבער עמעצן.

● עס זאָל אים חלילה קיין עין הרע נושט שולט זיין (ש"ע).

שולמית (שולאַמיס) — נאָמען פון אַ פרוי (פיגור פון שיר־השירים).

שום (שום) — קיין; וועלכן ס'איז.

● איך האָב געאַרבעט אָן אַ שום אָפּ־האַלט.

דער **שומר — שומרים** (שוימער — שאָמרים) — היטער; וועכטער.

● יידן שומרים האָבן זיך ביי נאַכט אין די גאַסן אַרומגעדרייט מיט גראָ־בע שטעקנס (ש. אַש).

דער **שומר־הסף—שומרי־הסף** (שוימער־האַסאַף — שאָמריי־האַסאַף) — „שוועל־היטער"; טיר־וועכטער; שטוב־היטער.

● איך זאָל זיין דער שומר־הסף, איך זאָל דעם מאַטעריאַל באַהאַלטן (א. אייזנבאַך).

שומר ומציל (שוימער אומאַציל) זיין — אָפּהיטן און באַשיצן (ווען גאָט געוועדט).

● זאָל גאָט שומר ומציל זיין, אַלע

ציין קאָן מען זיך אויסברעכן (ש״ע).

דער שומר חינם (שוימער כינעם)— אומזיסטער היטער.

דער שומר ישראל (שוימער ייס-ראָעל) — „היטער פון יידן״; גאָט.

דער שומר שכר (שוימער סאָכער) — באַצאָלטער היטער.

שומרונים (שאָמרוינים) — נאָמען פון פאָלק, וואָס האָט זיך באַזעצט אין די שטעט פון שומרון אין ארץ-ישראל אין דער צייט פון גלות-אשור (VIII יאָרהונדערט פ״ק). אַ גאָר קליינע איבערבלייבעניש פון די שומרונים לעבט היינט אין שכם אין ארץ-ישראל.

שונמית (שונאַמית) — נאָמען פון אַ פרוי.

דער שופט—שופטים (שויפעט—שאָפטים) — ריכטער; פאָלקס-פירער אין דער צייט פון נאָך יהושעס טויט ביז צום קעניג שאול (אַן ערך 1200 ביז 1030 פ״ק).

שופך דמים (שויפעך דאָמים) זיין—פאַרגיסן בלוט; פאַרצאַפן דאָס בלוט; טיף באַליידיקן.

● צוליב געלט זענען זיי שופך דמים, זענען מבזה אַ מאַמע מיט קינדער (א. ביק).

דער שופר—שופרות (שויפער—שויפרעס) — בלאָזהאָרן (צו בלאָזן תקיעות ראש השנה און מוצאי יום-כפור ביים דאַווענען).

● עס האָט זיך געלאָזט הערן דער ערשטער בלאָז פונעם שופר (ש״ע).

שופר (שויפער) בלאָזן—בלאָזן תקי-עות ראש השנה און מוצאי יום-כפור (ביי רעליגיעזע יידן).

● אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן קיין שופר נישט בלאָזן (ש״ע).

דער שופר של משיח (שויפער שעל מעשיעך) — בלאָזהאָרן, וואָס זאָגט אָן דאָס אָנקומען פונעם אויס-לייזער, אָנזאָג פון דערלייזונג, אָנזאָג פון באַפרייונג.

דער שור הבר (שאָר האַבאָר) — אויעראָקס; לעגענדאַרער גרויסער אָקס, וואָס איז צוגעגרייט אויף שפייז פאַר צדיקים אין גן-עדן, לויט דער רעלי-גיעז-מיסטישער פאָרשטעלונג.

● טרייסט ער זיך מיט אַ האָפענונג אויף אַ שטיק שור-הבר אויף יענער וועלט (ממ״ס).

די שורה—שורות (שורע—שורעס) — ריי, צייל; פערז.

● זיי זענען בריות אויף צו לייענען צווישן די שורות (ש״ע) צוויי שורות ווייסע ציין בליצן אים אַרויס פון מויל (פרץ).

דער שורוק (שורוק) — העברעיש שריפטצייכן (ֻ), וואָס באַצייכנט דעם וואָקאַל „וּ״.

(אין דער הייניקער העברעישער גראַמאַטיק באַצייכנט שורוק דעם וואָקאַל-צייכן וּ און קבוץ—דעם וואָקאַל-צייכן ֻ).

דער שורש—שורשים (שוירעש—שוראָשים) — וואָרצל; אורשפרונג.

● יעדע זאַך ציט זיך צו איר שורש (פרץ).

דער שושן-פורים (שושן-פורים) — דער אַנדערער טאָג פורים (וואָס איז געפייערט געוואָרן, לויט דער מגילה, אין דער פערסישער הויפּט-שטאָט שושן).

„שושנת יעקב״ (שוישאַנאַס יאַנ-

קעוו)—„יעקבס לילִיע״ ; „יעקבס רויז״ —רעליגיעז פורים-ליד.

דער שותּף — שותּפים (שוטעף — שוטפים) — מיטבאַזיצער; מיטבאַטייליקטער.

● האָבן די קרעטשמע צוויי שותּפים געהאַלטן (פּרץ).

דאָס שותּפות (שוטפעס) — מיטבאַזיץ; מיטבאַטייליקונג; געמיינזאַמקייט, געמיינשאַפטלעכקייט.

שותּפותדיק (שותפעסדיק) — געמיינזאַם, געמיינשאַפטלעך.

די שותּפטע — שותּפטעס (שוטעפטע — שוטעפטעס)—מיטבאַזיצערין ; מיטבאַטייליקטע.

שחטן (שעכטן) — קוילען (בּהמות, עופות) לויט דער יידישער רעליגיעזער פּראָצעדור; מאָרדן.

די שחיטה — שחיטות (שכיטע — שכיטעס) — דאָס קוילען (בּהמות, עופות) לויט דער יידישער רעליגיעזער פּראָצעדור; מאָרד.

די שחיטת-חוץ (שכיטעס - כוץ) — דאָס קוילען (בּהמות, עופות) אויסער דער שטאָט (אין אַן אַנדערער שטאָט); דאָס אַריינבּרענגען פלייש פון אַ בּהמה, וואָס איז געשחטן געוואָרן אין דער פרעמד.

● ווען נישט שחיטת-חוץ וואָלט ער (דער שוחט) גאָר געלויכטן (פּרץ).

שחרית (שאַכריס) — מאָרגן-תּפילה, דאָס ערשטע דאַווענען אין דער פרי (שבּת, יום-טוב און ראש-חודש).

● עס איז נאָך שחרית און דער עולם איז זיך שוין לאַנג צעלאָפן צו זיינע וואָכעדיקע עסקים (ד. פּינסקי).

דער שטות - שטותים (שטוס— שטוסים) — נאַרישקייט.

די שטותעריי — שטותערייען (שטוסעריי — שטוסערייען) — גרויסע נאַרישקייט.

● עט, שטותעריי, נאַרישקייטן כ׳לעבן (ש״ע).

דער שטח — שטחים (שעטעך — שטאָכים) — שטרעקע לאַנד; פלאַך; אָפּשניט.

● ווייט ליגט אויסגעשפּרייט דער שטח, ווייט אָן אַן עק (ש. אַש). אויפן שטח פון קולטור-אַרבּעט האָבּן מיר אַ סך אויפגעטון.

די שטיא — שטיות (שאַטיע — שאַטיעס) — נאַרישע.

● איך בּין אַ שטיא, אַ נאַרישע אינדיטשקע (ש״ע).

דער שטר — שטרות (שטאַר—שטאָרעס) — דאָקומענט; וועקסל; פאַרקויף-קאָנטראַקט.

דער שטר - חוב (שטאַר-כויוו)—וועקסל, חוב-דאָקומענט.

● שרייבּט ער אַ שטר-חוב אויף טויזנט און איין טאָלער (פּרץ).

דער שטר - מכירה (שטאַר-מעכירע) — פאַרקויף-דאָקומענט, קאָנטראַקט.

ש״י עולמות (שיי-אוילאָמעס)—דריי הונדערט צען (ש = 300, י = 10) וועלטן (אויפן הימל), וואָס זענען אָנגעגרייט פאַר די צדיקים, לויט דער רעליגיעז-מיסטישער פאָרשטעלונג.

דער שיבּוש (שיבּעש) — קלייניקייט; נישטיקע סומע.

● אַבּי צו דערהאַלטן דאָס לעבּן מיט אַ שיבּוש (ש״ע). פאַרקויפט די היי-זער פאַר אַ שיבּוש (ש״ע).

דער שיגעון (שיגאָען)—מאַניע; מאָד־נער קאַפּריז; משוגעת; איינרעדעניש.

● אָט איז ער גוט, פּלוצלונג קומט אים דער שיגעון און ווערט אָנגעצונדן (ממ"ס). די גימנאַזיע איז געוואָרן ביי יידן אַ מין אידעע־פיקס, אַ מין שיגעון (א. קאָטיק).

דער שידוך — שידוכים (שידעך — שידוכים) — פאַרבינדונג פון חתן־כלה.

אַ שידוך (שידעך) טאָן — ווערן מחותּנים; ווערן חתן־כּלה.

● געפעלט אייך נישט, וועט איר מיט מיר קיין שידוך נישט טאָן (ש"ע).

שיחיה (שעיכיע) — ער זאָל לעבן.

די שיטה — שיטות (שיטע — שי־טעס) — סיסטעם; מעטאָדע; ריכטונג.

● עס האָבן זיך איינגעשטעלט צוויי שטראָמען אין דער יידישער ליטעראַ־טור, צוויי שיטות (נ. מייזיל).

שייך (שאַיעך, שייך) — באַלאַנגט, געהער, באַציט זיך.

● שייך צו זאָגן (ז. וויינפּער).

דאָס שייכות — שייכותן (שיי־כעס — שייכעסן) — צוזאַמענהאַנג, באַציונג, פאַרהעלטעניש.

● וואָס פאַר אַ שייכות קאָן האָבן אַ מלמד מיטן יריד ? (ש"ע).

די שיירה — שיירות (שאַיאָרע— שאַיאָרעס) — גרופּע, קאָמפּאַניע.

● גייען איצט אַזעלכע שיירות יידן (נ. מייזיל).

דער שיכור — שיכּורים (שי־קער — שיקורים) — אָנגעטרונקענער, באַזויפענער ; באַרוישטער.

● וואָס ביי אַ ניכטערן אויף דער לונג איז ביי אַ שיכור אויף דער צונג (שפּריכוואָרט).

שיכּורן, שיכּרן (שיקערן) — זיך באַזויפן, זיך אָנטרונקען מיט אַלקאָ־האָלישע געטראַנקען ; זיך באַרוישן.

דאָס שיכות (שייכעס) — זע : שייכות.

דאָס שיכּרות (שיקרעס) באַזויפנקייט; באַרוישטקייט.

שיכּרן (שיקערן) זע : שיכּורן.

די שין (שין) — דאָס איין און צוואַנ־ציקסטע אות (ש) פונעם אַלעף־בית.

דער שינוי — שינויים (שינע — שינויים) — ענדערונג, איבעראַנדער־שונג.

● מיין בריוו אָפּצודרוקן אָן אַ שום שינוי (פּרץ).

דער שינוי מעשה־בראשית (שינע מייסע־בערײשיס) — גרונטיקע ענדערונג.

● זיינע דעבאַטן אויפן פּאָן פון די קאַמפן, פון די געראַנגלעניש, פון שינוי מעשה־בראשית (נ. מייזיל).

שינוי־שם (שינע־שעם) — ענדערונג פונעם נאָמען.

● דער שינוי־שם האָט באַצייכנט אַ העכערן עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פונעם סעמינאַר (ד"ר ר. מאַהלער).

דער שיעור (שיר) — מאָס ; עק ; תּלמודישע לעקציע.

● וווּנדער אָן אַ שיעור (מאַני לייב). די וועלט איז גרויס אָן אַ שיעור (פּרץ). דער טאַטע וועט דיך פאַר־הערן דעם שיעור (נאָמבערג).

דער שיפוע — שיפועים (שיפּוע — שיפּואים) — שטייַלקייט, שיפּקייט, דער באַרג־אַראָפּ.

ער האָט נישט געקלעטערט אויף בערג־שיפּועים (נ. מייזיל).

דער שיר — שירים (שיר — שי־רים) — געדיכט, ליד (הויפּטזעכלעך אין העברעיש).

● ביאַליקס שירים זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף ייִדיש.

דער שיר המעלות — שיר המעלותן (שיר־האַמײַלעס — שיר־האַמײַלעסן) — ערשטע ווערטער פון געוויסע קאַפּיטלעך תּהילים. באַ־צייכענונג פון דער אויפשריפט, וואָס רעליגיעזע יידן פלעגן אויפהענגען אויף אַלע פיר ווענט פון צימער פון אַ קימפּעטאָרין (ווי אַ סגולה צו פאַר־היטן פון שלעכטע גייסטער); באַציי־כענונג פון אַן אומווערטיקן דאָקו־מענט.

● ס'איז נישט קיין שיפסקאַרטע, ס'איז נאָר אַ שיר המעלות. (ש״ע).

שיר השירים (שיר־האַשירים) — „ליד פון אַלע לידער", „געזאַנג אי־בער אַלע געזאַנגען"; זאַמלונג פון אַלט־העברעישער ליבע־דיכטונג, ערשטע פון די פינף מגילות אין תּנ״ך, ווערט צוגעשריבן שלמה המלך. באַצייכענונג פון אַ ליבּ־געזאַנג, פון הויכער דיכטונג.

● ווען מען לויבן? ווען מען זינגען שיר השירים? (א. שטיינבאַרג).

די שירה (שירע) — געזאַנג, דיכטונג.

שיריים (שיראַים) — מ״צ — איבער־בלייבעכץ, רעשטלעך (באַזונדערס פון אַ מאָלצייט ביי אַ חסידישן רבין).

● גרייט צו כאַפּן שיריים ביי אים פון טיש (דובנאָוו).

שירים ותשבחות (שירים ווערסיש־באָכעס) — מ״צ — געזאַנגען און לויב־לידער, לויבגעזאַנגען.

● קאָנסטרוקטיווע קריטיק, וואָס קאָן מער צונוץ קומען ווי די שירים ותשבחות פון די געשווירענע הוראַ־שרייער (א. א. ראָבאַק).

דער ש[י]שי (שישי) — זעקסטע עליה ביים פאָרלייענען די תּורה ביים דאַווענען (ביי רעליגיעזע יידן). באַ־צייכענונג פון אַ פעטן ביסן.

ש[י]שים (שישים) — זעכציק.

● ערשטנס האָב איך איבערגעשפּאַנט ששים (ש״ע).

ש[י]שים ריבוא (שישים ריבּוי) — „זעכציק מאָל צען טויזנט", זעקס מאָל הונדערט טויזנט.

● ששים ריבוא פרייע שקלאַפן, וועל־כע טראָגן מער (נישט) קיין קייטן (יהואש).

שכולה (שעקולאָ) — וואָס זי איז אין גאַנצן.

● עפנט זיך פאַר זיי אַ וועלט, אַ וועלט שכולה ווונדער.

שכולו (שעקולע) — וואָס ער איז אין גאַנצן.

דער שכיב־מרע (שכיוו־מעראַ) — טויט־קראַנקער; אָפּשטאַרבנדיקער מענטש.

● וואָרנט אייך יוחנן מלמד: היט אייך פאַר אַ קללה, בפרט פון אַ שכיב־מרע (פּרץ).

שכיח (שכיעך) — אָפט, געוויינלעך. איז שכיח — טרעפט זיך אָפט.

● די אָנזעצן זענען דאָרט זייער שכיח (ש״ע). אין אַ לשון־קודש וואָרט איז שכיח אַ גרייז (פּרץ).

די ש כ י נ ה (שכינע) — געטלעכע מאַיעסטעט; געטלעכע הייליקייט.

● ער האָט געזען די שכינה אין איר גלאַנץ (פּרץ). די שכינה פּשוט האָט דאָך דענסטמאָל גערוט אויף איטלעכער זאַך (ממ"ס).

דער ש כ ן — ש כ נ י ם (שאָכן — שכיינים) — נאָענטער איינוווינער; דער וואָס ווינט (אָדער געפינט זיך) נאָענט; לאָקאַטאָר.

● אַ גוטער שכן איז אַ סך בעסער ווי אַ ווייטער קרוב (ש. אַש).

ש כ נ א (שאַכנע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

די ש כ נ ה — ש כ נ ו ת — (שכיינע — שכיינעס) — נאָענטע איינוווינערין, די וואָס ווינט (אָדער געפינט זיך) נאָענט פון אַנדערע; לאָקאַטאָרין.

● איטלעכע שכנה האָט זיך איר ווינקעלע (ש"ע).

דאָס ש כ נ ו ת (שכיינעס)—דאָס ווויינען נאָענט; נאָענטקייט; דאָס ווויינען ביי יענעם (געדונגענע ווינונג).

● בעסער איין ווינקעלע אַן אייגנס, איידער שלעפּן זיך אין שכנות (ש"ע).

ש כ נ ו ת ד י ק (שכיינעסדיק) — נאָענט, דערנעבן.

● ער איז געקומען פון אַ שכנותדיק שטעטל.

ש כ נ ט ע — ש כ נ ט ע ס (שאָכנטע — שאָכנטעס) — זע: שכנה.

ש כ נ י ש (שכייניש) — זע: שכנותדיק.

דער ש ל - י ד (שעל-יאַד) — „פון דער האַנט". תפילין וואָס רעליגיעזע יידן טראָגן אויף דער לינקער האַנט ביים דאַווענען אין דער וואָכן.

● ער האָט אים איינגעקרעמפּעוועט דעם של-יד אויף דער לינקער האַנט (ש"ע)

דער ש ל - ר א ש (שעל-ראָש) — „פון דעם קאָפּ" — תפילין, וואָס רעליגיעזע יידן טראָגן אויפן קאָפּ ביים דאַווענען אין דער וואָכן.

● דער גרויסער של-ראש האָט זיך אַלע מינוט אַראָפּגערוקט צווישן די אויגן. (ש"ע)

ש ל א כ ד ר ך ה ט ב ע (שעלוי קעדערעך האַטעווע) — קעגן די נאַטורגעזעצן, איבערנאַטירלעך.

● עפּעס משונה-ווילד, גאָר שלא כדרך הטבע (ממ"ס).

ש ל א ל ב י ש (שעלוי לעוואַיעש)—אַבי נישט צו פאַרשעמען.

● אויף „שלא לביש", נאָר גאָר אויף אַן אַנדער נוסח (פּרץ).

ש ל א מ ן ה י ש ו ב (שעלוי מין האַיישעוו)—נישט פון דעם לאַנד; נישט פון דער באַפעלקערונג.

● אַ מענטש שלא מן הישוב, געקומען פון דער פרעמד.

ש ל ו ו ה (שאַלווע)—רויִקייט, רו, צופרידנקייט.

ש ל ו ח - מ נ ו ת (שלאַכמאָנעס, שאַלכעמאָנעס) — זע: שלח-מנות.

ש ל ו ם (שאָלעם)—נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דער ש ל ו ם (שאָלעם)—פרידן, רו.

● אויף שלום שטייט די וועלט (שפּריכוואָרט) שלום געבן, נעמען — זיך באַגריסן מיט עמעצן, געבן די האַנט.

ש ל ו ם (שאָלעם) ווערן — זיך איבערבעטן.

ש ל ו ם (שאָלעם) מאַכן -- פאַרגלייכן, אויסגלייכן אַ מחלוקת (קריגעריי).

ש ל ו ם (שאָלעם) שליסן—שליסן פרידן.

דער שלום-בית (שאָלעם-באַיס) — דאָס פרידלעכע משפּחה־לעבן, דאָס האַרמאָנישע צוזאַמענלעבן.

● דער שלום-בית איז אַ ביסל הינקנדיק, מען קריגט זיך (פּרץ).

שלום ושלווה (שאָלעם וועשאַלווע)—פרידן און רו, שטיל און רויק.

● פון דעמלט אָן איז ביי די רויטע יידלעך שלום ושלווה, שאַ-שטיל (ש״ע)

דער שלום-זכר (שאָלעם-זאָכער) — רעליגיעזע פייערונג אין ערשטן פרייטיק־צונאַכטס נאָך דער געבורט פון אַ ייִנגל.

◍ אויפן שלום זכר אַרבעס אָנגעגרייט, וועט מען עסן, טרינקן, זיִנגען פאַר פרייד (גאַלין)

שלום-לאהובי-בריוו (שאָלעם-לאַהווי-בריוו)—פריינטשאַפט-בריוו.

● שרייבן נאָך שלום־לאהובי-בריוו בין איך אויך נישט אימשטאַנד (פּרץ).

שלום עליכם (שאָלעם אַלייכעם)—„פרידן צו אייך"—באַגריסונגספאָרמולע ביי אַ באַגעגעניש (ביי באַגעגענען זיך מיט אַ ייד און ביים געבן אים די האַנט); פּסעוודאָנים פון דעם יידישן קלאַסיקער און גרויסן הומאָריסט שלום ראַבינאָוויטש (1859—1916).

◍ שלום עליכם! פון וואַנען קומט דאָס אַ ייד? (ש״ע).

שלומיאל (שלומיעל) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

שלוש-סעודות (שאַלעשודעס) — דריטע פייערלעכע מאָלצייט שבת פאַרנאַכט (ביי רעליגיעזע יידן).

● מיר זענען געזעסן אַזוי ווי די חסידים ביים רבין צו שלוש-סעודות (דובנאָוו).

שלושים (שלוישים) — דרייסיק. באַצייכענונג פון דרייסיק טרויער-טעג נאָך אַ פאַרשטאָרבענעם נאָענטן קרוב.

● אַזאַ דענקמאָל שטעל איך דאָ צו די שלושים פון מיין אומפאַרגעסלעכן פריינט (מ. טורקאָוו).

שלח-לך (שלאַך-לעכאָ) — שיק אַרויס.

● „לך-לך" איז בעסער פון „שלח-לך" (בעסער איך גיי אַליין, איידער מען הייסט מיר גיין—פאָלקסווערטל).

שלח-מנות (שו[א]לאַכמאָנעס, שאַלכעמאָנעס) — מתנות (זיס געבעקס אדג״ל), וואָס יידן שיקן פורים איינער דעם אַנדערן.

● ער האָט שלח-מנות איינגעקויפט: צוויי צוקערלעך מיט בערד (ראָזעט).

שלי שלך, שלך שלי (שעלי שעלאָך, שעלאָך שעלי) — מיינס איז דיינס, דיינס איז מיינס.

● דעמאָלט וועלן מענטשן זיין גליקלעך, ווען מען וועט מאַכן אַ מישמאַש: שלי שלך, שלך שלי (ש״ע).

דער שליח—שלוחים (שעליעך — שלוכים) — קוריער. מענטש, וואָס ווערט געשיקט; דעלעגירטער.

דער שליח מיוחד, שלוחים מיוחדים (שעליעך מעיוכעד — שלוכים מעיוכאָדים) ספּעציעלער שליח, ספּעציעלער דעלעגאַט

● קומט טאַקע אַריין אַ שליח מיוחד פון פריץ, מען רופט אים אונטערשלאָגן אַ פעלץ (פּרץ).

דער שליח-ציבור—שלוחי-ציבור (שליעך-ציבער—שלוכיי-ציבער) — געמיינדע-פאָרשטייער, דעלעגירטער (געשיקטער) פון דער קהילה; חזן.

● יואל שטייט צווישן זיי, איז זייער שליח־ציבור (ש. אַש). שטייט אַ שליח־ציבור ביים עמוד און רייסט איין וועלטן (פּרץ).

דאָס **שליחות–שליחותן** (שליכעס – שליכעסן) — שיקעכץ, גאַנג; מיסיע; דעלעגאַציע.

● זי גייט אין אַ נויטיק שליחות (פּרץ). ער האָט זיין שליחות דערפילט.

שליט״א (שעליטע)—פאַרקירצונג פון: „שיחיה לארך ימים טובים, אמן״ (שעייכיע לעאוירעך יאָמים טויווים, אָמיין) — „לאָז ער האָבן לאַנגע גוטע יאָרן, אמן״.

די **שליטה** (שליטע) — הערשאַפט, מאַכט.

● ער איז אַ קאַרגער, ער האָט קיין שליטה נישט אויף זיין אייגן געלט (ש. אַש).

דאָס **שלימות** (שליימעס) — פולשטענדיקייט, פולקאָמענהייט.

● ער האָט געטאָן זיין אַרבעט מיט שלימות (ש. אַש).

דער **שלימזל – שלימזלס** (שלימאַזל—שלימאַזלס) — אומגליק; נישט־געראָטענער; נישט־טויגלעכער.

● דער שלימזל פאַרלויפט דעם וועג (ריידאַרט). דאָ בין איך אַ שלימזל, קאָן אַ קאַץ אַ ווײדל נישט צובינדן (ש״ע).

דער **שלימזלניק–שלימזלניקעס** (שלימעזאַלניק — שלימעזאַלניקעס) — נישט־געראָטענער, נישט־טויגלעכער.

די **שלימזלניצע – שלימזלניצעס** (שלימעזאַלניצע — שלימעזאַלניצעס) — נישט־געראָטענע, נישט־טויגלעכע.

● אַז די בעל־הביתטע איז אַ שלימזלניצע, איז די קאַץ אַ בריה (פאָלקס־ווערטל).

דער **שליש** (שאָליש) — דער דריטער אַרביטער, וואָס אַנטשיידט סכסוכים צווישן צוויי צדדים; פאַרטרויונגס־מאַן אין אַן אַרביטראַזש.

● האָבן זיי אים אויסגעווײלט פאַר אַ שליש אינעם ערן־געריכט (י. קאָטיק).

דאָס **שלישות** (שלישעס) — פונקציע פון אַ שליש; איינלאָג־דאָקומענט, איינגעלייגטע זאַך ביי אַ שליש.

● וועסט מיר געבן דיינס אַ שלישות אויף פינף הונדערט קערבלעך (פּרץ).

אַ **שלל** (שלאַל) — אַ סך, אַ גרויסע סומע, אַ הויפן.

● זיין קראַנקהייט האָט אָפּגעקאָסט אַ שלל מיט געלט (י. קאָטיק).

שלמה (שלוימע) — ביבל־פערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

שלמה המלך (שלוימע האַמעלעך)— דער קעניג שלמה.

דאָס **שלמות** (שליימעס)—זע: שלימות.

שלש־סעודות (שאַלעשודעס) — זע: שלוש־סעודות.

דער **שלשול** (שילשל) — לויזער מאָגן, אָפּן לייב, דיאַרייע.

די **שלשלת** (שאַלשעלעס) — „קייט״. באַצייכענונג פון געוויסע טענער ביים לייענען די תורה, ביים זינגען.

● ער האָט זיך צעלאָזט דער סאָלאָווײ מיט אַ שלשלת, מיט אַ דריי (ש״ע).

די **שלשלת היוחסין** (שאַלשעלעס האַיאָכסין)—יחוס־קייט; יחוס־בריוו.

● ער איז געווען די קרוין פון דער משפּחה, די ערשטע רינג פון אונדזער שלשלת היוחסין (י. י. טרונק).

ש

ש ם (שעם) — ביבל־פּערסאָנאַזש, אור־פֿאָטער פון די סעמיטן, לויט דער טראַדיציע.

דער ש ם — ש מ ו ת (שעם—שיימעס) — נאָמען. באַצייכענונג פון נאָמען פון גאָט, פון מלאכים (ביי די יידישע מיסטיקער).

● מיט אַ שם מאַכט ער אָן אַ שריפה און פאַרלעשט זי גלייך מיט אַ צווייטן שם (אַנ־סקי).

אַ ש ם (שעם) האָבן, באַקומען — באַקומען אַ נאָמען, באַרימט ווערן.

● ער האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גוט ייִנגל (ש"ע).

דער ש ם ־ ד ב ר (שעם־דאָווער) — כּלל־נאָמען, באַוווסטע זאַך (פערזאָן).

● אין שטאָט איז „באַשעפעניש" געווען אַ שם־דבר, אַלע האָבן דאָס געקאָנט (ש"ע).

דער ש ם ־ ה ו ו י ה (שעם־האַוואַיע) — גאָטס נאָמען „יהוה", (וואָס רעליגיעזע יידן רעדן נישט אַרויס).

● איך רוף אָן איין אות נאָכן צווייטן, אויסערן שם־הוויה (פּרץ).

דער ש ם ־ ה מ פ ו ר ש (שעם־האַמפוי־רעש)—„עכטער נאָמען פון גאָט" (יהוה).

דער ש ם ־ ט ו ב (שעם־טאָוו) — גוטער נאָמען.

● בעסער אַ שם־טוב, איידער אַן אבן־טוב (פאָלקסווערטל).

דער ש ם ־ ר ע (שעם־ראַ) — שלעכטער נאָמען.

אַ ש ם ־ ר ע (שעם־ראַ) לאָזן — מאַכן יענעם אַ שלעכטן נאָמען, עמעצן באַשמוצן.

● ער לאָזט אויף אים אַ שם־רע, אַז ער האָט פיינט דעם כּלל־ישראל (ממ"ס).

די ש מ א, ש מ ׳ ע — ש מ ו ת (שיימע — שיימעס) — זע: שמות (שיימעס).

ש מ א י (שאַמאַי, שאַמע) - נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דער ש מ ד (שמאַד) — אָפּטריניקייט, דאָס בייטן דעם יידישן גלויבן.

דאָס ש מ ד ־ ש ט י ק (שמאַד־שטיק) — נידערטרעכטיקע האַנדלונג; דורכגע־טריבן שפּיצל. ער גיט זיך נאָך דעם שמד־שטיק — ער גיט נאָך דעם יצר־הרע (ז"ד).

ש מ ד י ש (שמאַדיש) — דורכגעטריבן.

● האָט סעם שמדיש געענטפערט (אָפּאַטאָשו).

ש מ ד ן (שמאַדן) — אַריבערפירן יידן אויף אַן אַנדערן גלויבן.

זיך ש מ ד ן (שמאַדן) — אָפּטריניקן, בייטן דעם יידישן גלויבן.

ש מ ו א ל (שמועל, שמול) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

ש מ ו א ל ה נ ב י א (שמועל האַנאָווי)— שמואל דער זעער (ביבל־פערסאָנאַזש).

די ש מ ו נ ה ע ש ר ה (שו[ע]מענעסרע)— „אַכצן" — אַ תפילה, וואָס אַנטהאַלט אַכצן ברכות, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן שטייענדיקערהייט ביים דאַוונען.

● צוריק גייט מען נאָר ביי שמונה־עשרה (פאָלסווערטל).

די ש מ ו ע ה — ש מ ו ע ו ת (שמוע — שמועס) — הערונג, ידיעה, קלאַנג, ווערסיע.

● דאָס זענען שקרים, פאַלשע שמועות (פּרץ).

דער ש מ ו ע ס — ש מ ו ע ס ן (שמוס — שמוסן; שמועס — שמועסן) — רע־דעכץ, געשפּרעך.

שמועסן (שמוסן, שמועסן) — רעדן, טענהן.

● ווייבער זיצן אויף די שוועלן און שמועסן (ש. אַש).

די **שמורה** (שמורע) — „אָפּגעהיטע מצה"—מצות, וואָס פרומע יידן באַקן פון אָפּגעהיטענעם, טרוקענעם ווייץ.

שמות (שמאָס, שעמאָס) — „נעמען" — טיטל פונעם צווייטן חומש־בוך.

שמות (שיימעס) — מ"צ — אַרייסגע־פאַלענע בלעטער פון רעליגיעזע ספרים. איינצאָל, זע: שמא (שיימע).

● די שמות, די צעפאַלענע, אָפּגעריסענע בלעטלעך פון ספרים וואַלגערן זיך אויף דער ערד (ברייניז).

די **שמיטה** (שמיטע) — רו־יאָר, שבת־יאָר — דאָס זיבעטע יאָר, ווען (לויט דער ביבל) די פעלדער האָבן גע־דאַרפט בלייבן פאַרלאָזט, נישט באַ־אַרבעט און די חובות — געשענקט, מאַראַטאָריום־יאָר. איין מאָל אין אַ שמיטה — איין מאָל אין אַ סך יאָרן, זייער זעלטן.

● נאָר ווען טרעפט זיך דאָס? איין מאָל אין אַ שמיטה (ש"ע).

דער **שמיני־עצרת** (שמיני־אַצערעס, שמינאַצערעס) — אַכטער טאָג סוכות.

דאָס **שמינית שבשמינית** (שמי־ניס שעבעשמיניס) — אַכטל פון אַן אַכטל; זייער אַ קליינער ברוכטייל.

● דאָס אַלץ איז נאָר אַ שמינית שבשמינית (ש"ע).

די **שמיעה** (שמיע) — דאָס הערן, דער חוש (די פעיקייט) פון הערן.

די **שמירה — שמירות** (שמירע — שמירעס) — וואַך; פאַרהיטונג; אַמו־לעט („פאַרהיט־מיטל").

● נויטיק אַן אייגענע שמירה, ווייל מען איז געבליבן אָן אַ מאַכט (ז. ווײַנפּער). נישטאָ קיין מזוזה ביי דער טיר, קיין שמירהלע אין פענצ־טער (פרץ).

דער **שמן־זית** (שעמען־זאַיס) — איילבירטן־בוימל.

שמע ישראל (שו[ע]מאַ ייס־ראָעל) — „הער זשע, ייד". ערשטע ווערטער פון אַ תפילה, וואָס רע־ליגיעזע יידן זאָגן ביים דאַווענען (באַקענטעניש פון דער איינציקייט פון גאָט); אַן אויסגעשריי (ביי פרו־מע יידן), ווען עס טרעפט אַן אומ־גליק. אין איין שמע ישראל — אין אַ גאָר קורצער צייט.

● מען קלעטערט אַרויף אין איין שמע ישראל אויפן העכסטן בוים (ש"ע).

שמע קולנו (שו[ע]מאַ, קוילײ־נו) — „פאַרנעם אונדזער רוף", אַ תפילה פון דער שמונה־עשרה. איינ־פאַלן אַ שמע קולנו אין קאָפּ — איינ־פאַלן אַ משוגעת (אַן אידעע־פיקס).

שמעון (שימען) — ביבל־פערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

שמעיה (שמאַיע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

שמען (שעמען) — האָבן אַ נאָמען, זיין באַרימט (באַוווּסט).

● עס האָט געשמט אין דער וועלט (ש"ע).

שמץ (שעמעץ)—עטוואָס, שפּור, צייכן.

● נישטאָ אויף מיר קיין שמץ פון קיין שמוץ, קיין שפּרענקעלע (א. שטיינבאַרג).

שמריה, שמריהו (שמאַריע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

דער ש מ ש — ש מ ש י ם (שאַמעס — שאַמאָסים) — באַדינער (אין בית־המדרש, שול, ביים רבין אאַ״וו).

● קיין שמש וועט נישט קלאַפּן אין שול אַריין (פּרץ מאַרקיש).

ש מ ש ו ן (שימשן) — ביבל־פּערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ מאַנצביל.

ש מ ש ו ן ה ג י ב ו ר (שימשן האַגיבער) — שמשון דער העלד. איינער פון די העלדישע שופטים אין דער ביבלישער תקופה.

● נאָר פאַלן—ווי שמשון הגיבור (פרוג).

די ש מ ש ט ע — ש מ ש ט ע ס (שאַמעסטע — שאַמעסטעס) — פרוי פון אַ שמש.

די ש נ ה — ש נ י ם (שאָנע — שאָנים) — יאָר (באַנוצט אין איראָנישן זין).

● אַזאַ שנה אויף אים (ריידאַרט).

דער ש נ ו י — ש נ ו י י ם (שינע — שינויים) — זע: שינוי.

דער ש נ י ל מ ל ך (שייני לעמיילעך)— וויצע־קעניג.

● דאָס פייגעלע גאָלדפאַרביק געקליידט — ממש אַ שני למלך (לאָנדינסקי).

דער ש נ י ש ב ש ל י ש י (שייני שעבעשלישי) — משפּחה־אָנקערעכץ, אַ שטיקל קרוב, ווייטער פריינט.

● נישט אַ ווייטער קרוב, נישט קיין שני שבשלישי (ש״ע).

ש נ י א ו ר (שנייער, שנייור) — נאָמען פון אַ מאַנצביל (פון לאַטיין senior).

ש נ י ת (שייניס, שיינעס) — צווייטנס.

די ש״ס — ש״ס ן (שאַס — שאַסן) — פאַרקירצונג פון: ששה סדרים (שישאָ סעדאָרים) — זעקס אָפּטיילונגען פון דער משנה (ז״ד). באַצייכענונג פון תלמוד, פון אַ תלמוד־עקזעמפּלאַר.

די ש ע ה — ש ע ה ן (שאָ — שאָען) — זעכציק מינוט, $^{1}/_{24}$ טייל פון אַ מעת־לעת.

● קוק איך אויפן זייגער, צייל איך יעדע שעה (גאַלין).

די ש ע ה ־ מ ו צ ל ח ת (שאָ מוצלאַכאַס) — גליקלעכע (מזלדיקע) שעה.

● זאָל דאָס זיין צו מזל! אין אַ שעה מוצלחת (א. שטיינבאַרג).

דער ש ע ט נ ז (שאַטנעז) — שטאָף, געמישט פון וואָל און פלאַקס, וואָס איז רעליגיעז פאַרבאָטן. באַצייכענונג פון אַן אומטויגלעכער זאַך.

ש ע י ה (שאַיע)—נאָמען פון אַ מאַנצביל (פאַרקירצונג פון ישעיה).

דאָס ש ע ר ־ ב ל אַ ט (שאַר־בלאַט) — טיטל־בלאַט.

דער ש ע ר ־ ד מ ע ו ת — ש ע ר י ־ ד מ ע ו ת (שאַאַר־דמאָעס — שאַאַריי־דמאָעס) — טויער פון טרערן, טויער פון געוויין.

● זיין תפילה דאַרף דאָך אויפהויבן און פירן אין שערי־דמעות אַריין (פרץ).

דער ש ע ר ה א ש פ ה — ש ע ר י ה א ש פ ה (שאַאַר־האַשפע — שאַאַריי־האָאַשפע) — טויער פון מיסט.

● וואַלגערט זיך דאָ, לא־עליכם, אין שער־האשפה (פרץ).

דער ש ע ר ־ ר ח מ י ם — ש ע ר י ־ ר ח מ י ם (שאַאַר ראַכמים — שאַאַריי־ראַכמים) — „טויער פון דער־באַרעמקייט״, טויער פון הימל. באַצייכענונג פון אַ תפיסה (בלשון סגי־נהור גערעדט).

● עס וועלן זיך עפענען די טויערן פון הימל, די שערי־רחמים וועלן זיך עפענען ברייט (פרץ). אַ צווייטער

זיצט אין שער-רחמים שוין דאָס דריטע יאָר (אָפּאַטאָשו).

ש ע ר י - ת פ י ל ה (שאַאַריי-טפילע — מ״צ — „טויערן פון געבעט״, טויערן אין הימל צום אויפנעמען די תפילות (לויט דער רעליגיעז-מיסטישער פאָרשטעלונג).

● זענען די שערי-תפילה אַזוי שפּעט נאָך פאַרמאַכט ? (פּרץ).

דער **ש ע ת - ה ד ח ק** (שאַס-האַדכאַק) — נויט-צייט, שווערע צייט.

● אין אַ שעת-הדחק האָס ער זיך געווענדט נאָך הילף.

דער **ש ע ת ה כ ו ש ר** (שאַס-האַקוישער) — ריכטיקע צייט, פּאַסיקער מאָמענט.

● ער האָט אויסגענוצט דעם שעת הכושר, די פּאַסיקע צייט (מ. בורשטין).

דער **ש ע ת - ר צ ו ן** (שאַס-ראָצן) — גוטע (ווילִיקע) מינוט, גינסטיקע צייט.

● אין אַ שעת-רצון איז מען צו אים צוגעשטאַנען (פּרץ).

„**ש פ ו ך ח מ ת ך**״ (שפאָך כאַמאָסכאָ) — גיס אויס דיין גרימצאָרן״ — ערשטע ווערטער פון אַ תפילה פון דער הגדה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן פסח ביים סדר. אויסגיסן אויף עמעצן דעם „שפוך חמתך״ — אויסגיסן אויף עמעצן דעם גאַנצן צאָרן.

דאָס **ש פ י כ ת - ד מ י ם** (שפיכעס-דאָמים) — בלוט-פאַרגיסונג ; שווערע באַליידיקונג ; האַרץ-ווייטיק.

● דו קענסט דאָך נישט זען קיין שפיכת-דמים (ש. אַש). אַזאַ חרפה ! ס׳איז דאָך שפיכת-דמים.

ש פ ל (שאָפל) — נידעריק; קליין; דערשלאָגן.

● איך פיל זיך שפל, ווי אַ וואָרעם קליין (גאַלין).

זיך **ש פ ל** (שאָפל) מאַכן — זיך דערנידעריקן.

● פאַר קיינעם נישט רעדן, נישט שפל זיך מאַכן (י. י. זינגער).

דאָס **ש פ ל ו ת** (שיפלעס) — דערשלאָגנקייט, געפאַלנקייט, נידעריקייט.

די **ש פ ע** (שעפע) — איבערפלוס ; אַ סך.

● ווי אַ גראָז, אַ זאַנג אַ דאַרע — שיק זיי שפע פון דער כמאַרע (י. פיכמאַן).

ש פ ר ה (שיפרע) — נאָמען פון אַ פרוי.

די **ש ק י ע ה** (שקיע) — אונטערגאַנג ; זונאונטערגאַנג ; זונזעצונג.

די **ש ק י ע ת - ה ח מ ה** (שקיעס-האַכאַמע) — זונזעצונג, זונאונטערגאַנג.

● ער האָט צו טון מיט שקיעת-החמה, ווייסט ווען די זון זעצט זיך (ש״ע).

דער **ש ק ל — ש ק ל י ם** (שעקל — שקאָלים) — אַלטע יידישע מטבע, טאָלער. באַצייכענונג פון דעם יאָר-אָפּצאָל פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

דאָס **ש ק ל א - ו ט ר י א** (שאַקלע-וועטאַריע) — פאַרהאַנדלונג, אונטערהאַנדלונג.

● נאָך אַ לאַנגן שקלא-וטריא זענען מיר געקומען צו אַ הסכם.

דער **ש ק ץ** (שקאָץ) — שייגעץ, זע : שקצים.

ש ק צ י ם (שקאָצים) — מ״צ — (איינצאָל : שייגעץ) — נישט-יידישע יינגלעך (נישט-פּאַסיקער אויסדרוק) ; באַ-

צייכענונג פֿון שטיפֿערס; פּרעכטע מענטשן.

● שקצים אין די גרויסע היטלעך פֿליען בּאַרג אַראָפּ אויף שליטלעך (מאַני לייבּ).

דער **שקר — שקרים** (שעקער, שיי־קער — שקאָרים) — ליגן.

● ער האַקט דאָרט שקרים אויפֿן פּוד (ש״ע).

דער **שקר־בלבול — שקר־בלבולים** (שעקער־בּילבּל — שעקער־בּילבּולים) — גאָר אַ פֿאַלשע בּאַשול־דיקונג, אין גאַנצן אויסגעטראַכטע זאַך.

שקר גמור (שעקער־גאָמער) — אַ גרויסער ליגן.

● אין אמתן איז דאָס געווען אַ שקר גמור (ש. ציטראָן).

שקר־וכזב — שקרים־וכזבים (שעקער־ווּעכאָזעוו — שקאָרים־אוכ־זאָווים) -- ליגן און פֿאַלש(קייט); גרויסער ליגן.

● אַ ליגן! ס׳איז שקר־וכזב!. ער איז נישט קיין אויסוווּרף (ש״ע).

דער **שקרן — שקרנים** (שאַקרען— שאַקראָנים) — ליגנער.

● זיי זענען גרויסע ליגנער, שקרנים גרויסע (פּרץ).

1. **שרגא** (שראַגע) — „ליכט״, נאָמען פֿון אַ מאַנצבּיל. יידיש: פֿייוול.

2. האָבּן **שרגא** (שראַגע) — האָבּן אַ גאָרנישט, נישט האָבּן קיין שום ממשותדיקס.

● ער סטראַשעט און סך־הכּל האָט ער שרגא (בּ. י. ראָזען).

דער **שרוי בצער** (שאָרע בּעצאַ־אַר)—דער, וואָס איז אין טרויער; פֿאַר־זאָרגטער מענטש.

● ער לאָזט זיך פֿונעם שטעטל אַרויס איינגעבּויגן, וואַקלדיק ווי אַן אמתער שרוי בּצער (פּרץ).

שרפ״ט (שאַרפּאַט) — פֿינף הונדערט ניין און אַכציק (ש=300, ר=200, פ=80, ט=9). בּאַצייכענונג פֿון אַ גרויסער סומע.

● קיין שרפ״ט איז עס נישט ווערט (פּרץ).

שרפ״ט אלפים (שאַרפּאַט אַלאָ־פֿים) — גאָר אַ סך טויזנטער; גע־וואַלדיקע סומע.

דער **שרץ — שרצים** (שערעץ — שראָצים) — רעפּטיל (קריכנדיק בּאַ־שעפֿעניש); מיאוסקייט, עקלדיקייט, אומריינקייט.

● שרצים האָבּן מורא פֿאַר דער זון (א. בּיק). איך האַלט אין די הענט נישט קיין מעסערל, נאַר עפּעס אַ מיאוסקייט, אַ מין שרץ (ש״ע).

דער **ששי** (שישי) — זע: שישי.

ששים (שישים) — זע: שישים.

ששים רבוא (שישים ריבּוי) — זע: שישים ריבּוא.

פֿון **ששת ימי בראשית** (שיי־שעס יעמיי בּעריישיס) — פֿון זינט די וועלט שטייט.

● זיי לעבּן נאָך פֿון ששת ימי בּראשית אָן (ממ״ס).

דער **שתדלן — שתדלנים** (שטאַד־לען — שטאַדלאָנים)—אינטערווּעניענט; פֿאַרמיטלער; גוט־זאָגער; דעפּוטאַט; דער, וואָס בּאַמיט זיך פֿאַר עמעצן.

● צי האָט מען אונדז אויסגעקליבּן פֿאַר שתדלנים, דעפּוטאַטן. (ש״ע).

דאָס **שתדלנות** (שטאַדלאָנעס) —

ש

אינטערוועניץ; פּאַרמיטלונג; דאָס גוט־זאָגן; באַמיונג.

● דאָס שתּדלנות פון פּריוואַטע פּערזאָנען האָט נישט געהאַט קיין דערפאָלג (דובנאָוו).

שתּחיה (שעטיכיע) — זי זאָל לעבן.

● ער זאָל אַריינגיין צו זיין ווייב שתּחיה (ש. אַש).

דער **שתּי־וערב** (שעסי־וואָאיירעוו) — קרייץ.

● איז געווען אויסגעשניטן אין דער פאָרם פון אַ שתּי־וערב (ש. אַש).

שתּיקה (שטיקע) — דאָס שווייגן, שטיל! רואיק!

● שתּיקה! שווייגן איז אַ קלוגע זאַך (ד. פּינסקי). שאַ, שתּיקה, עולם! זייט שטיל, מענטשן. שאַט!

שתּיקה כּהודאה (שטיקע קעהוידאָע) — שווייגן הייסט צושטימען.

● ער רעכנט: שתּיקה כּהודאה און שטייט שוין אין מיטן שטוב (פּרץ).

שתּיקה כּהודאה דמיא (שטיקע קעהוידאָע דאַמיע) — שווייגן איז גלייך ווי צושטימען.

● שתּיקה כּהודאה דמיא, און שווייגן וואָלט געהייסן פּשוט אויף זיך אַליין מקים פּסק זיין (א. א. ראָבאַק).

שׂ

שׂאו ידיכם (סעו יעדייכעם) — „הייבט אויף אייערע הענט״; ערשטע ווערטער פון אַ תּפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן ביים זיך וואַשן צום עסן.

● געוואַשן זיך און אָפּגעזאָגט שׂאו ידיכם, זעצן מיר זיך אויס אַרום טיש (ש״ע)

דער **שׂונא — שׂונאים** (סוינע—סאָנים)—פיינט.

● דער ערגסטער שׂונא וועט נישט טאָן דאָס, וואָס אַ מענטש קאָן טאָן זיך אַליין (ש״ע).

דער **שׂונא־בצע** (סוינע־בעצע) — דער, וואָס האָט פיינט צו נעמען איבערקויף־געלט (שוחד־געלט).

● אַ שׂונא־בצע איז ער געווען גאָר אַן אויסטערלישער (פּרץ).

דער **שׂונא־ישׂראל — שׂונאי־ישׂראל** (סוינע־ייסראָעל — סאָניי־ייסראָעל) — יידן־פיינט, אַנטיסעמיט.

● אַזאַ סוף אויף אַלע שׂונאי־ישׂראל (ש״ע).

דער **שׂונא־ציון — שׂונאי־ציון** (סוינע־ציען — סאָניי־ציען) — „פיינט פון ציון״, יידן־פיינט.

● אַ ווינטער האָט מען איבערגעלעבט— אויף שׂונאי־ציון געזאָגט (פּרץ).

די **שׂונאטע — שׂונאטעס** (סוינעטע — סוינעטעס) — פיינט (ווייבלעכע פאָרם פון שׂונא).

דער **שׂטן** (סאָטן) — טייוול, פּאַרפירער; שלעכטער מלאך, וואָס פאַרפירט דעם מענטשן (לויט דער רעליגיעז־מיסטישער פאָרשטעלונג).

● דער שׂטן מיט זיינע טויזנט אויגן קוקט פון איין עק ביז דעם צווייטן (פּרץ).

דער שטן המקטרג (סאַטן האַמע־קאַטרעג) — דער שטן דער באַשולדיקער, דער בייזער שטן.
● מישט זיך אַריין דער שטן המקטרג און מאַכט קאַליע אין גאַנצן (ש"ע).

די שיחה — שיחות (סיכע — סיכעס ; *סיכאַ — סיכאָט) — שמועס.

די שיחת־חולין (סיכעס־כולן) — וואָכעדיקע רייד, וואָכעדיקער שמועס ; פּלוידעריי.
● שטייען ביידע גאַנץ באַזונדער און זיי שמועסן שיחת־חולין (אַנ־סקי).

די שיחת־נשים (סיכעס־נאָשים) — ווייבערישע רייד, ווייבערישער שמועס.
● זיי פאַרברענגען די צייט מיט שיחת־נשים (פּרץ).

די שין (סין)—דאָס איין און צוואַנציקסטע אות פונעם אלף־בית.

די שינאה (סינע) — זע: שנאה.

דאָס שכירות (סכירעס) — לוין, באַלוינונג, געהאַלט.
● אָנגעבאָטן פופצן הונדערט טאָלער אַ יאָר שכירות (אַפּאַטאָשו).

דער שכל (סייכל) — פאַרשטאַנד.
● איטלעכער נאַר האָט שכל פאַר זיך (פאָלקסווערטל).

דער שכל־הישר (סייכל־האַיאָשער)— געזונטער, קלאָרער פאַרשטאַנד.
● דער שכל־הישר האָט אפילו געזאָגט פאַרקערט (ש"ע).

דער שכר (סכאַר) — באַלוינונג, באַצאָלונג.
● פאַר שווייגן קומט אַמאָל מער שכר, ווי פאַר רעדן (פאָלקסווערטל).

שכר הליכה (סכאַר האַליכע) — באַצאָלונג פאַרן גאַנג, באַלוינונג פאַרן וועג.
● זיי האָבן געהאַט שכר־הליכה, מען האָט זיי אָנגעשטאָפּט די קעשענעס מיט ניס (בערדיטשעווסקי).

שכר־טרחה (סכאַר־טירכע) — באַלוינונג פאַר דער מי.
● פאַר זיין מי האָט זי אים שכר־טרחה צוגעזאָגט (י. קאָטיק).

דער שכר־לימוד (סכאַר־לימעד) — לערנגעלט, שולגעלט.
● שכר־לימוד פאַר זיין קינד צאָלט ער גלייך מיט אַלע (ש"ע).

די שמחה — שמחות (סימכע — סימכעס) — פרייד ; פייערונג (אין דער משפחה).
● ווער קאָן זיין שמחה פילן, ווער קאָן זיין פרייד פאַרשטיין (מ. ראָזענפעלד). זאָל זיין שמחות ביי יידן (ריידאַרט).

שמחה (סימכע) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

שמחת־יום־טוב (סימכעס־יאָנטעוו) — יום־טובדיקע פרייד, יום־טובדיקע פייערונג.

שמחת־תורה (סימכעס־טוירע) — דער פריילעכער יום־טוב פון פאַרענדיקן דאָס לייענען פון דער תורה (אַ טאָג נאָך סוכות).

די שנאה (סינע) — פיינטשאַפט.
● ווער עס זייט שנאה, דער שניידט אומגליק (פאָלקסווערטל).

די שנאת־חינם (סינעס־כינעם) — אומזיסטיקע פיינטשאַפט.

די שנאת־ציון (סינעס־ציען) — „פיינטשאַפט צו ציון", יידן־פיינטשאַפט, אַנטיסעמיטיזם.

דער שעיר־לעזאזל (סאָיר־לאַזאָזל)—אומשולדיק אָפּפער, דער וואָס ליידט פאַר פרעמדע זינד.

שׂ

● כּדי אָפּצווּוועגדן די אויפמערקזאַמקייט פון די מפּלות, געפינט מען דעם שעיר־לעזאזל דעם ייד (נ. מייזיל).

דער שׂר — שׂרים (סאַר — סאָרים) — האַר, עלטסטער, פירשט ; מיניסטער ; מלאך.

דער שׂר־המלכות — שׂרי־המלכות (סאַר־האַמאַלכעס — סאָריי־האַמאַלכעס)—הויכער קעניגלעכער באַאַמטער; מיניסטער.

● קומט אַמאָל צו פאָרן איינער פון די שׂרי המלכות (פּרץ).

דער שׂר־המשקים (סאַר־האַמאַשקים) — עלטסטער איבער די געטראַנקען (אין קעניגלעכן הויף), געטראַנק־מייסטער.

דער שׂר־התורה (סאַר־האַטוירע) — „פירשט פון דער תּורה", גרויסער געלערנטער.

דער שׂר של גיהנום (סאַר שעל געגעם) — עלטסטער (מלאך) פון גיהנום.

שׂרה (סאָרע) — ביבל־פּערסאָנאַזש (איינע פון די ביבלישע מוטערס) ; נאָמען פון אַ פרוי.

שׂרה בּת טובים (סאָרע באַס טויווים) — פּסעוודאָנים פון שׂרה בּת מרדכי פון סאַטאַנאָוו (אָנהויב XIX יאָרהונדערט) — פאַרפאַסערין פון תּחינות פאַר ווייבער ; לעגענדאַרע געשטאַלט, וואָס העלפט פרויען און קינדער.

קיין שׂריד ופּליט (סאָריד אופּאָליט) — קיין איבערבלייבעניש ; קיין רעשט און סימן.

● דאָס געהילץ צעיאָגט, קיין שׂריד ופּליט געבליבן (פּרץ).

דער שׂרף — שׂרפים (סאָרעף — סראָפים) — פייערדיקער מלאך.

די שׂר[י]פה — שׂר[י]פות (סרייפע—סרייפעס) — בראַנד, פייער.

שׂרפהן, שׂרפען (סאַרפען) — ברענען.

● די פיש זענען צוגעברענט, פאַרשרפעט (ממ"ס).

דער שׂררה — שׂררות (סראָרע — סראָרעס) — האַר, גרויסער פריץ ; הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייט.

● זיצן זאָלסטו אין דער קאַרעטע ווי אַ שׂררה (ש"ע).

די שׂררהטע — שׂררהטעס (סראָרעטע — סראָרעטעס) — האַרינטע, גרויסע פריצטע ; פירשטין.

שׂשׂון ושׂמחה (סאָסן ווּעסימכע) — יובל און פרייד, גרויסע פרייד.

● אין שטוב איז ווידער געוואָרן ששׂון ושׂמחה, גוט אויפן האַרצן (ש"ע).

די תאוה — תאוות; תאווה — תאוות (טייווע — טייוועס) — גלוסטעניש, לוסט; באַגער; ליידנשאַפט; שטאַרקע זינלעכקייט, גיריקייט.

● געלט איז נישט מער ווי אַ יצר־הרע, אַ תאווה אַזעלכע (ש״ע).

די תבה (טייווע) — זע: תיבה.

די תבואה — תבואות (טוווע — טוווּעס) — קערנער־געוויקסן, פון וועלכע מען באַקומט מעל אויף ברויט, ווי: קאָרן, ווייץ, גערשטן, האָבער אדג״ל.

● אויף שוואַרצער ערד וואַקסט די בעסטע תבואה (בערנשטיין).

די תביעה — תביעות (טוויע — טוויעס) — מאָנונג, פאָדערונג.

● דער שופט האָט פולשטענדיק אָנערקענט מיין תביעה (א. קאָטיק).

תגין (טאַגין) — מ״צ — קריינדלעך אויף די אותיות, שריפט־באַפּוצונג (אין אַ ספר־תורה).

● איבערצוגעבן מיט אַלע תגין איטלעכעס קליינינקייט (בערגלסאָן).

דער תהו־ובהו (טויהו וואָוויהו) — זע: תוהו־ובוהו.

דער תהום — תהומען (טעהאָם— טעהאָמען) — אָפּגרונט.

● ער האָט זיך נישט אַראָפּגעלאָזט אין קיין אָפּגרונטן, און תהומען (נ. מייזיל).

דער תהילים (טילעם) — פסאַלמען, רעליגיעזע דיכטונגען, וואָס ווערן צוגעשריבן דוד המלך.

● תהילים לאָזן זאָגן אַלטע יידן (ש״ע).

דער תוהו־ובוהו (טויהו־וואָוויהו)— כאַאָס.

● אַ תוהו־ובוהו פון ביכער, אויסגעמישט און צעוואָרפן (פרץ).

דער תוך — תוכות (טאָך — טויכעס) — גרונט; אינהאַלט.

● די שפּראַך איז נאָר די פאָרם, דער תוך מוז זיין די אידעע (פרץ). זי איז אין תוך אַ ווילע (מ. בורשטין).

תוך־כדי־דיבור (טאָך־קעדייּדיבער) — גלייך אויפן אָרט.

● און תוך־כדי־דיבור פאַלן אויף זיי פון סטעליע אַראָפּ ווייסע, שניי־ווייסע קישן (פרץ).

דער תוך־כל־התוכות (טאָך־קאָל־האַטויכעס) — דער סאַמע טיפער אינהאַלט.

● דער תוך־כל־התוכות איז דאָס לעבן (נאָמבערג).

תוכו רצוף אהבה (טויכוי ראָצוף אַהאַווע) — זיין אינהאַלט איז פול מיט ליבשאַפט.

● אַ ניגון ברענט, טאַקע תוכו רצוף אהבה, אויסגעוויקט איז ער מיט ליבשאַפט (פרץ).

די תוכחה (טויכעכע) — שווערע קללה (פאַרשעלטונג); שווערע שטראָף.

● די תוכחה האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיי.

תּוספות (טויספעס) — מ"צ — „צו־גאָבן", זאַמלונג פון קאָמענטאַרן און דערקלערונגען, וואָס רעליגיעזע גע־לערנטע (בעלי־תוספות) האָבן צוגע־געבן צו דער גמרא (אין XII—XIII יאָרהונדערט נ"ק).

תּופס (טויפעס) זיין — באַנעמען, באַגרייפן, פאַרשטיין.

● איידער איך האָב תופס געווען אַ זאַך, איז אָנגעקומען שווערלעך (ש"ע).

די תּורה — תּורות — (טוירע — טוירעס) — לערע, דאָס לערנען; חומש; הייליקע ספרים.

● לויף, מיין קינד, און לערן תורה (פאָלקסליד).

תּורה וגדולה בּמקום אחד (טוירע אוגדולע בעמאָקעם עכאָד) — וויסן און גרויסקייט געפּאָרט צוזאַ־מען.

● ער איז געווען אַ ייד אַ צאַצקע, תורה וגדולה במקום אחד (ש"ע).

די תּורה כּולה (טוירע קולע) — די גאַנצע תורה, די גאַנצע וויסנ־שאַפט.

● לערן זיי אויס תורה כולה אויף איין פוס (ממ"ס).

די תּורה מן השמים (טוירע מין האַשאָמאַיִם) — די תורה פון הימל (פון גאָט).

● איך האָב געפילט, אַז עס איז אַפּי־קורסות, אַז ער לייקנט אין תורה מן השמים (בריינין).

די תּורה שבּכתב (טוירע שע־ביקסאָוו) — געשריבענע לערע (חומש).

די תּורה שבּעל פּה (טוירע שע־באַל־פּע) — מינדלעכע לערע (תלמוד).

די תּורת־חיים (טוירעס־כאַיִם) — תורה פון לעבן, לעבעדיקע לערע.

● נישט דאָס איז תורת־חיים! תורה דאַרף לעבן (פרץ).

די תּורת־משה (טוירעס־מוישע) — די לערע פון משהן (חומש). באַציי־כענונג פון אַ זאַך, וואָס קאָן נישט ווערן אָפּגעפרעגט.

● תורת משה ווייסט נישט פון קיין שטראָף אַלס נקמה (פרץ).

תּורת משה אמת (טוירעס־מוישע עמעס) — „די לערע פון משהן איז אמת", דער ריינער אמת.

● די ווייבער מיינען, אַז עס איז תורת משה אמת (ש"ע).

דער תּושב — תּושבים (טוישעוו — טוישווים) — שטענדיקער איינוווינער, איינגעזעסענער; היימישער.

● האָט מען טאַקע געטראָפן די שטענ־דיקע תושבים, וועלכע האָבן דאָרט געטאָגט און גענעכטיקט (נ. מייזיל).

די תּחבולה — תּחבולות (טאַכ־בולע — טאַכבולעס) — מיטל; עצה; צוטראַכטונג, פאַרטל.

● עס העלפן נישט קיין שום תחבו־לות — די ווייטערוויבן וואַקסן צו הויך (ממ"ס).

דער תּחום — תּחומים (טכום — טכומים) — געביט.

● דער יידישער תחום איז ווי אַ קוואַל, וואָס ווערט נישט אויסגעשעפּט (ממ"ס).

דער תּחום־המושב (טכום־האַמוי־שעוו) — וווינגעביט. באַצייכענונג פון דעם באַגרענעצטן ווין־געביט פאַר יידן אין צאַרישן רוסלאַנד.

● דאָס יידישע לעבן אין דעם תחום־

המושב, אין דעם יידישן שטעטל, איז געווען אָרעם און בלאַס (ברײַנין).

דער **תחום־שבת** (טכום־שאַבעס) — שבת־געביט, שבת־גרענעץ; שטרעקע פון 2000 איילן, וואָס עס איז דערלויבט, לויט דער יידישער רעליגיע, צו גיין אויסער דער שטאָט אום שבת.

● באַלד דערמאָנט ער זיך, אַז עס מוז שוין זיין אַ תחום־שבת, שטעלט ער זיך אָפּ (פּרץ).

תחילת (טכילעס) — אָנהייב, אין אָנהייב; צוערשט.

● געווען איז דאָס תחילת ווינטער (ש"ע). תחילת איז דאָס געגאַנגען גאַנץ גוט (ממ"ס).

די **תחינה — תחינות** (טכינע — טכינעס) — געבעט (צו גאָט); ווייבעריש געבעט־בוך, זאַמלונג פון תּפילות (אין עברי־טייטש), פאַר ווייבער פאַרפאַסט פון שרה בת־טובים (ז"ד).

די **תחית־המתים** (טכיעס־האַמייסים) — ווידערגעבורט, אויפלעבונג; דאָס ווידעראויפלעבן פון טויטע, לויט דער רעליגיעז־מיסטישער פאָרשטעלונג.

● טאַלנע מוז אויפלעבן, טאַלנע מוז אויפשטיין תחית־המתים (ש. אַש).

תחית־העם (טכיעס־האָאָם) — אויפלעבונג פונעם פאָלק, פאָלקס־רענעסאַנס.

● ער האָט געגלויבט אין תחית־העם, אין דער אויפלעבונג פון דער יידישער קולטור.

דער **תחכמוני** (טאַכקעמוינֿי) — נאָמען פון אַ רעליגיעזן לערנאַנשטאַלט פאַר רבנים און לערער.

תחלואים רעים (טאַכלואים ראָים) — מ"צ — שלעכטע קראַנקהייטן.

● מען הייבט אָן פאָכן מיט די נשמות— עס קומען תחלואים רעים (פּרץ).

דער **תחנון** (טאַכנען) — „געבעט" — אַ תּפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן ביים דאַווענען בלויז אין וואָכעדיקע טעג.

● וואָלטן די אַפּיקורסים אָנגעהויבן באַדיי דאַווענען, צו זאָגן תחנון, אַבי משיח זאָל נישט קומען (פּרץ).

תחנונים (טאַכנונים) — מ"צ — גרויס געבעט; דערבאַרעמונג.

● איך וויל פאַלן צו די פיס, וויינען פאַר אים און בעטן אים תחנונים (ממ"ס).

דער **תחת** (טאָכעס) — געזעס.

תחתונים (טאַכטוינים) - גאַטקעס (גאַטיעס), אונטערהויזן; הויזן.

תיכף (טייקעף) — גלייך, באַלד; שוין.

תיכף ומיד (טייקעף אומיאַד) — גלייך, די מינוט; אָן אָפּהאַלט.

● זאָלסט מיר תיכף ומיד אַהער רופן אונדזער שכן (פּרץ).

תימן (טיימאָן) — יעמען, אַ לאַנד אין דרום־אַראַביע.

דער **תימני — תמנים** (טיימאָני — טיימאָנים) — יעמעניטער, ייד פון לאַנד תימן.

דער **תינוק — תינוקות** (טינעק — טינויקעס) — זויגקינד ; קליין קינד.

● איז אין הויף אַ תינוק געווען — אַ יינגעלע אַזוינס (פּרץ).

תינוקות של בית רבן (טינויקעס שעל בייס ראַבאָן) — שול־קינדער.

● מען נעמט תינוקות של בית רבן פון חדר אַרויס, נישטאָ קיין רבי-געלט צו צאָלן (פרץ).

תיקו (טייקו, טייקע) — בלייבט דערביי, בלייבט עס אָן אַן ענטפער; בלייבט אַ קשיא.

● עפּעס אַ האַרבע קשיא, אַן אייביקער תיקו (פרץ). באַמערקונג: לויט ווי אַנדערע מיינען איז „תיקו" אַ פאַרקירצונג פון: תשבי יתרץ קושיות ואבעיות (טישבי יעטאַרעץ קושיעס וועאַבאַיעס) — אליהו וועט פאַרענטפערן די פראַגן.

דער תיקון — תיקונים (טיקן — טיקונים) — אויפריכטונג, אויסבעסערונג; דערהויבונג; זאַמלונג פון געוויסע יום-טוב-תפילות.

● דעריבער דאַרף יעדע זאַך תיקון... יעדע זאַך מוז אויסגעלייזט ווערן פון דער פאַרגליווערטקייט (פרץ).

דער תיקון-טעות (טיקן-טאָעס) — גרייזן-אויסבעסערונג.

דער תיקון-שבועות (טיקן-שוועס) — זאַמלונג פון אויסצוגן פון תנ"ך און תלמוד, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן שבועות ביי נאַכט.

דער תירוץ—תירוצים (טערעץ — טו[ע]רוצים) — פאַרענטפערונג, אויסרייד.

● אויף אַלצדינג קאָן מען געפינען אַ תירוץ (ש"ע).

דער תירוץ מספיק (טערעץ מאַספּיק) — באַפרידיקנדיקע פאַרענטפערונג.

● זיין ענטפער זאָל זיין אַ תירוץ מספיק אויף דער פראַגע (ש"ע).

דער תכלית — תכליתים (טאַכלעס — טאַכלייסים) — ציל; צוועק; לעבנס-פאַרזאָרגונג; לעבנס-צוועק.

● און וואָס איז דער תכלית פון יאָגן (א. רייזען). מען דאַרף זען פאַר אים אַ תכלית, מאַכן דאָס קינד פאַר אַ מענטשן (ש"ע).

תכלית-שנאה (טאַכלעס-סינע) — מיט אויסגעשפּראָכענער (פאַרביסענער) פיינטשאַפט.

● זיי האָבן תכלית-שנאה פיינט געהאַט אַזאַ מענטש (ממ"ס).

דאָס תכלת (טכיילעס) — בלויע וואָל, הימל-פאַרב; בלויע פאַרב.

● דאָס זילבערנע טייכל זעט אויס ווי אַ זילבערנע עטרה צו אַ טלית פון בלויען תכלת (ש"ע).

תכלת-ציציות (טכיילעס-ציצעס) — מ"צ — בלויע ציציות (וואָס עס פלעגן טראָגן די ראַדזינער חסידים).

תכסיסי-מלחמה (טאַכסיסיי-מילכאָמע) — מ"צ — קריג-קונסט, מלחמה-טאַקטיק.

● מיר זענען ווילדע גיבורים און קענען תכסיסי-מלחמה (ממ"ס).

תכריכים (טאַכריכים) — מ"צ — מתים-קליידער (ווייסע לייוונטענע קליידער פאַר געשטאָרבענע).

● אַ סך האָבן זיך געהאַט אָנגעגרייט תכריכים ביים לעבן (י. קאָטיק).

דער תכשיט — תכשיטים — (טאַכשיט — טאַכשיטים) — צירונג; וויל קינד (אין איראָנישן זין).

● קום נאָר אַהער, תכשיט מיינער (ש"ע).

אַ תל (טעל) ווערן — צו גרונט גיין, צונישט ווערן, צעשטערט ווערן,

רוינירט ווערן, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ הויפן שטיינער און ערד.

● דאָס גאַנצע פאַרמעגן איז פאַרשווונדן, פון אַלץ איז געוואָרן אַ תל (י. קאַטיק).

אַ **תל** (טעל) מאַכן — פאַרניכטן; צעשטערן; קאַליע מאַכן; רוינירן.

● מאַכסט מיר אַ תל פון די קליידער (י. י. זינגער).

תל-אביב (טעל-אַוויוו) — „פרילינגסבאַרג", נאָמען פון דער גרויסער יידישער שטאָט אין ישראל.

אַ **תל-עולם** (טעל-אוילעם) מאַכן — פולשטענדיק פאַרניכטן (צעשטערן); רוינירן; איבערפירן; קאַליע מאַכן.

● איר צעוואַרפט מיין שטוב, מאַכט פון מיר אַ תל-עולם (ש"ע). מען פירט איבער קינדער, מען מאַכט פון זיי אַ תל-עולם (ש"ע).

די **תליה** — **תליות** (טליע — טליעס) — הענקער-קלאָץ, סלופ צו העגנען פאַרברעכער.

● אַז מען דאַרף דעם גנב, נעמט מען אים פון דער תליה (ש"ע).

דער **תלין** — **תלינים** (טאַליען — טאַליאָנים) — הענקער.

● דער תלין קניפּט די פּעטליע פאַר זיין אייגענעם האַלדז (י. אָקרוטני).

דער **תלמוד** (טאַלמוד) — „לערע", די מינדלעכע לערע. דאָס גרויסע רעליגיעזע געזעצגעבערישע ווערק (נאָך דער ביבל), וואָס באַשטייט פון דער משנה (געשריבן אין העברעיש) און דער גמרא (געשריבן אין העברעיש און אַראַמיש), געשאַפן פון די תנאים און אמוראים, געשלאָסן אין V יאָרהונדערט נ"ק.

דער **תלמוד בבלי** (טאַלמוד באַוולי) — באַבילאָנישער אויטאָריטאַטיוועער קאָדעקס (פאַר די רעליגיעזע יידן), וואָס אַנטהאַלט די לערע פון די אמוראים אין בבל, צונויפגעשטעלט דורך ר' אשי און רבינא אַרום 500 נ"ק.

דער **תלמוד ירושלמי** (טאַלמוד יערושאַלמי) — תלמוד, וואָס אַנטהאַלט הויפּטזעכלעך די לערע פון די תנאים און אמוראים אין ארץ-ישראל, צונויפגעשטעלט דורך ר' יוחנן.

די **תלמוד-תורה** (טאַלמעד-טוירע) — רעליגיעזע שול פאַר יינגלעך, אויסגעהאַלטן דורך דער קהילה.

דער **תלמיד** — **תלמידים** (טאַלמיד — טאַלמידים) — שילער.

● ווי דער רבי, אַזוי דער תלמיד (פאָלקסווערטל).

דער **תלמיד-חכם** — **תלמידי-חכמים** (טאַלמיד-כאָכעם — טאַלמידיי-כאַכאָמים) — געלערנטער (אין יידישן וויסן).

דער **תלמיד מובהק** — **תלמידים מובהקים** (טאַלמיד מוּוועק — טאַלמידים מוּוואָקים) — אויסגעצייכנטער שילער, באַוווּסטער תלמיד.

● אַ תלמיד מובהק, ער האָט ביי אים געלערנט אַ שיינע פאָר יאָר (פרץ).

די **תלמידה** — **תלמידות** (טאַלמידע — טאַלמידעס) — שילערין.

דער **תם** (טאַם) — נאַיווער; נישט-איבערגעשפּיצטער; נאַר.

● איך האָב מיך געמאַכט אַ תם, געקוקט אין דער זייט קלאָמפערשט (ממ"ס).

תם ונשלם (טאַם ווענישלאַם) — פאַר-

ענדיקט און אָפּגעשלאָסן, פולשטענדיק פאַרענדיקט.

● תם ונשלם די היסטאָריע און פּטור (א. שטיינבאַרג).

דער תּמוז (טאַמעז) — דער צענטער חודש אין יאָר (יוני - יולי), לויטן יידישן לוח. תמוז-צייט — די הייסטע זומער-צייט.

ס'איז ביי אים תמוז אין קאָפּ — ער איז צעמישט, פון זינען אַראָפּ.

דאָס תּמונת-אות (טמונעס-אָס) — אויסזען (צורה) פון אַן אות; געשריפטס.

● אַ גראָבער יונג, ער קאָן נישט קיין תמונת-אות (י. קאָטיק). ביז אויפן היינטיקן טאָג נישטאָ פון זיי קיין תמונת-אות (ממ"ס).

תּמות נפשי עם פּלשתּים (טאָמוס נאַפשי אים פּלישטים) — „זאָל איך אומקומען אין איינעם מיט די פּלשתּים". די לעצטע ווערטער פון שמשון הגיבור; לאָזונג פון קאַמף מיטן שונא ביזן לעצטן אָטעם.

● דער גייסט פון „תּמות נפשי עם פּלשתּים" האָט ווונדער געשאַפן (ש. אַש).

תּמיד (טאָמיד) — שטענדיק; אייביק.

● ער איז אַוועק אויף תמיד, אויף אייביק (ש"ע).

דאָס תּמימות (טמימעס) — נאַיווי-טעט, פּשוטקייט, אויפריכטיקייט.

● דאָס באַווייזט נאָר דיין תמימות מיט דיין פּראָסטקייט (ש"ע).

תּמימותדיק (טמימעסדיק) — נאַיוו, פּשוט; אויפריכטיק.

● אַלץ איז דאָ פּשוט און תמימותדיק ווי אַ קינדערשע טרער (מ. בורשטין).

תּמעוואַטע (טאַמעוואַטע) — נאַריש, נישט-פאַרשטייענדיק.

● ער מאַכט זיך תמעוואַטע, גלייך ווי ער פאַרשטייט נישט (ש"ע).

דער תּמצית (טאַמצעס) — קערן, קווינטעסענץ; אינהאַלט.

● איטלעכער האָט געגעבן דעם תמצית, דעם עסענץ פון דער פּאָעזיע (בעל-מחשבות).

תּמר (טאָמער) — ביבל-פּערסאָנאַזש; נאָמען פון אַ פרוי.

תּמרה (טאָמאָרע) — נאָמען פון אַ פרוי.

דער תּנא — תּנאים (טאַנע — טאַנאָים) — „לערער". באַצייכענונג פון די יידישע רעליגיעזע געלערנטע, וואָס האָבן געשאַפן די משנה (I—II יאָרהונדערט נ"ק).

דער תּנאי — תּנאים (טנאַי — טנאָים) — באַדינג.

● נעמט אַראָפּ אַ מאָס, נאָר מיט אַ תנאי, עס זאָל זיין פאַרטיק אויף פּסח (ש"ע).

תּנאים (טנאָים) — מ"צ — שריפט-לעכער אָפּמאַך צווישן חתן-כלה (ביי רעליגיעזע יידן) קנס-מאָל, פייערונג ביים פאַרקנסן.

די תּנועה — תּנועות (טנועה — טנועס) — באַוועגונג, זשעסט; העברעישער וואָקאַל.

● ער האָט רעציטירט מיט מימיק, מיט די פּאַסיקע תנועות און שטים-מאָדולאַציע.

תּנחום (טאַנכעם) — נאָמען פון אַ מאַנצביל.

תּניא דמסייע לך (טאַניע דימסאַיע לאָך) — דער אויטאָר פון דער ברייתא (צוגאָב-משנה) האָט די זעל-

ת

ביקע מיינונג; שטיצנדיקע אויטאָריטעט.

● זי איז געקומען אַלס תניא דמסיע און פאַרזיכערט, אַז אַזאַ פּראָיעקט איז פאַראַן (פּרץ).

ת נ״ך (טענאַך, טאַנאַך)—פאַרקירצונג פון: תורה, נביאים, כתובים (טוירע, נעוויאים, קסוווים) — ביבל, די ביבלישע ביכער.

ת נ צ ב ״ ה — פאַרקירצונג פון: תהי נשמתו (נשמתה) צרורה בצרור החיים (טעהי נישמאָסוי (נישמאָסאָ) צערוראָ ביצראָר האַכאַים) — זאָל זיין (איר) נשמה ווערן פאַרבונדן אין בונד פון לעבן. אָנגענומענע נאָכשריפט אויף יידישע מצבות.

● דורכגעפאָרן פאַרביי אַ גרויסן בית-עולם מיט אַזויפיל מצבות מיט אָפּגעריבענע אותיות תנצב״ה (ש״ע).

דער ת ע נ ו ג — ת ע נ ו ג י ם (טייניג—טיינוגים) — פאַרגעניגן, גענוס.

● דער טאַטע האָט געקוואָלן, געקליבן תענוג (ש״ע).

דער ת ע נ י ת — ת ע נ י ת י ם (טאָנעס — טאַנייסים) — פאַסט-טאָג, דאָס פאַסטן.

● ער פאַסט תעניתים אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק (ש״ע).

דער ת ע נ י ת - צ י ב ו ר (טאַנעס-ציבער) — אַלגעמיינער פאַסט-טאָג, אַ תענית פאַר דער גאַנצער קהילה.

● זיי האָבן געלאָזן אויסרופן, אַז מאָרגן איז אַ תענית-ציבור (א. ביק).

דער ת ע נ י ת - ת ש ו ב ה (טאַנעס-טשוווע) — פאַסט-טאָג ווי אַן אָפּקומעניש פאַר זינד.

ת פ ו ס (טאָפּעס) — אַרעסטירט, איינגעזעצט.

● זיצט ער תפוס אין שעברעשין. (פּרץ).

ת פ ו צ ו ת - ה אָ ר ץ (טפוצעס-האָרעץ) — (אַלע) ערטער פון דער וועלט.

ת פ ו צ ו ת - י ש ר א ל (טפוצעס-ייסראָעל) — ערטער, ווו יידן זענען צעשפּרייט; יידישע קהילות אין דער וועלט.

● איז מען זיך נוהג אין תפוצות-ישראל צו פאַרברענגען די צייט מיט טעלעגראַמעס און ווונטש-קאַרטן לייענען (פּרץ).

די ת פ י ל ה — ת פ י ל ו ת (טפילע — טפילעס) — געבעט צו גאָט, דאָס דאַווענען (ביי רעליגיעזע יידן).

● זי שעפּטשעט די תפילה מיט האַרץ און געפיל (י. אַדלער).

די ת פ י ל ה ב צ י ב ו ר (טפילע בעציבער) — דאָס געמיינשאַפטלעכע דאַווענען, דאָס דאַווענען מיט אַ מנין (ביי רעליגיעזע יידן).

● אין דערפער פאַרזייט, אין וועלדער צעשפּרייט, אָן תורה, אָן תפילה בציבור (פּרץ).

ת פ י ל י ן (טפילן) — מ״צ — פילאַקטעריעס, וועלכע אַנטהאַלטן שטיקלעך פאַרמעט מיט אויסצוגן פון דער ביבל, וואָס רעליגיעזע יידן (מאַנצבילן פון 13 יאָר אָן) טראָגן אויפן קאָפּ און אויף דער לינקער האַנט אין דער וואָכן ביים דאַווענען אין דער פרי.

1. **די ת פ י ס ה** (טפיסע) — פעיקייט פון פאַרשטיין, פון באַנעמען אין לערנען.

● היינט דאָס קעפּל זיינס, די תפיסה מיין איך, איז אַזעלכעס, וואָס מען באַדאַרף עס זוכן (ש״ע).

2. די תפיסה — תפיסות (טפּיסע—טפּיסעס) — אַרעסט, טורמע; קרי־מינאַל, גצפּצנ געניש.

● ער וועט צערייסן אונדזער קייט, אונדז פון תפיסה אַרויספירן.

תפל (טאָפל) — זע: טפל.

די תפלה־תפלות (טפילע־טפילעס) —זע: תפילה.

די תפלה — תפלות (טיפלע — טיפלעס) — קלויסטער (נישט־פּאַסי־קער אויסדרוק).

די תקומה (טקומע) — אויפריכטונג; שטאַנדהאַפטיקייט.

● האָט דער רוסישער טראָן קיין שום תקומה נישט געקאָנט האָבן (ד. פינסקי).

דער תקון — תקונים (טיקן — טיקונים) — זע: תיקן.

דער תקון־טעות (טיקן־טאָעס) — זע: תיקן־טעות.

די תקופה — תקופות (טקופע — טקופעס) — פּעריאָד, צייט־אָפּשניט; עפּאָכע.

● מיט „מאָנישן" הייבט זיך ביי פּרצן אָן אַ נייע תקופה אין זיין שאַפן (נ. מייזיל).

די תקופת־תמוז (טקופעס־טאַמעז)— תמוז־צייט, הייסע זומער־צייט.

● די זון בראָט, תקופת־תמוז איז דאָס געווען (בערדיטשעווסקי).

די תקיעה — תקיעות (טקיע — טקיעס) — בלאָז (פון אַ שופר); גע־וויסער טאָן ביים שופר־בלאָזן. תקי־עות — דאָס שופר־בלאָזן ראש־השנה און מוצאי־יום־כפור (ביי רעליגיעזע יידן.

די תקיעה גדולה (טקיע געדוי־לע) — לאַנגער שופר־בלאָז.

● לייג איך צענויף אַ האַנט ווי אַ שופר און בלאָז מיר אַ תקיעה גדולה (ש"ע).

דאָס תקיעת־כף (טקיעס־קאַף) — פייערלעכער צוזאָג דורך געבן די האַנט (פאָרם פון שווערן, פון פאַר־פעסטיקן צווישן זיך אַן אָפּמאַך לויטן יידישן רעליגיעזן שטייגער).

● קיין תקיעת־כף וועל איך אייך נישט געבן, נאָר אַזוי אַ האַנט (פרץ).

דער תקיף — תקיפים (טאַקעף — טאַקיפים) — מאַכטהאָבער, מעכטי־קער; שטאַרקער; גיריקער נאָך הער־שאַפט.

● ער קאָן גאָרנישט אויסקומען מיט די תקיפים (א. ביק).

דאָס תקיפות (טקיפעס) — מאַכט־האָבעריי, מעכטיקייט; שטאַרקייט; כוח; גיריקייט נאָך הערשאַפט; גע־וואַלד־הערשאַפט.

● פאָדער פון אים מיט תקיפות, מיט כוח מאָן (אנכי).

די תקנה — תקנות (טאַקאָנע — טאַקאָנעס) — ניי געזעץ; כלל (קלאַל); פונקט (פון אַ רעגולאַמין אדג"ל), פאַראָרדענונג. תקנות — זאַמלונג פון כללים; סטאַטוט; רעגולאַמין.

● ער זאָל אָנשרייבן די תקנות פון דער חברה (ראַווניצקי).

1. תרבות (טאַרבעס, * טאַרבוט) — קולטור, בילדונג; נאָמען פון אַ העַ־ברעישער שול־אָרגאַניזאַציע.

2. תרבות (טאַרבעס) — גוטע אויפ־פירונג, דרך־ארץ.

אויף תרבות רעה (טאַרבעס ראָע) — אויפן שלעכטן (זינדיקן) וועג, צו שלעכטס; צו זינד.

דער תרגום (טאַרגעם) — איבערזעצונג. באַצייכענונג פון דער אַראַמיִשער איבערזעצונג פון דער ביבל.

דער תרגום השבעים (טאַרגעם האַשיווים) — סעפּטואַגינטאַ, גריכישע ביבל־איבערזעצונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן, לויט דער יידישער טראַדיציע, דורך זיבעציק יידישע געלערנטע פאַר דער ביבליאָטעק אין אַלעקסאַנדריע (II יאָרהונדערט פ"ק).

דאָס תרגום־לשון (טאַרגעם־לאָשן) — אַראַמיש. באַצייכענונג פון אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך (אָדער אַרט רעדן), מאָדנע (פאַרשטעלטע) רייד.

● עפּעס רעדן זיי מיר תרגום־לשון! פאַרשטעלט, גאַרנישט ווי געווײנטלעך (ש"ע).

די תרופה — תרופות (טרופע — טרופעס) — מיטל; הייל־מיטל, רפואה.

● וועלן די אַלע תרופות העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס (אַנ־סקי).

דער תרוץ — תרוצים (טערעץ — ט(ע)רוצים) — זע: תירוץ.

תרח (טערעך) — ביבל־פּערסאָנאַזש (נאָמען פון אברהמס פאָטער). פון תרחס צייטן — פון גאָר אַלטע צייטן. אַלטער תרח — זידל־וואָרט פאַר אַ בייזן אַלטן מענטשן.

● דאָרט אין קעלער איז פאַראַן אַ בעקער־אויוון פון תרחס צייטן (ש. אַש).

תרי"ג מצוות (טאַריאַג [טערייאַג] מיצוועס) — זעקס הונדערט דרייצן (ת=400, ר=200, י=10, ג=3) געבאָטן, וואָס זענען, לויטן תלמוד, פאַרפליכטנדיק פאַר יידן.

תרעומות (טאַרומעס) — מ"צ — פּרעטענזיעס; טענות.

● ער איז פול מיט תרעומות צו זיך און צו מענטשן (נ. מייזיל).

די, דאָס תשבורת (טישבוירעס) — ברוכצאָל.

● ער פלעגט מאַכן ריכטיק די קאָמפּליצירסטע תשבורת־רעכענונגען (ברייינין).

דאָס תשואות־חן (טשועס־כיין) — דאַנקבאַרקייט, צופרידנקייט.

● מיר וועלן אייך מיט תשואות־חן די ביכער צוריקגעבן.

1. **די תשובה — תשובות** (טשווע — טשוועס) — ענטפער.

● איר הערט אַ תשובה? (פּרץ).

2. **די תשובה** (טשווע) — אָפּקומעניש פאַר זינד, חרטה אויף די זינד; שטראָף ווי אַן אָפּקומעניש פאַר זינד; דאָס אויסבעסערן דעם פעלער; דאָס זיך אומקערן פון שלעכטן וועג. תשובה טון — בעטן ביי גאָט פאַרגעבונג אויף די זינד; גוט מאַכן, זיך אומקערן פון שלעכטן וועג; אָפּקומען.

די תשוקה (טשוקע) — גלוסטונג, באַגער; שטרעבונג.

● איך האָב דערצו קיין איבעריקע תשוקה נישט געהאַט (אַנ־סקי).

תשליך (טאַשליך, טעשליך) — „וואַרף אַוועק". אַ תפילה, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן ראש־השנה ביי אַ פליסנדיק וואַסער ווי אַ סימבאָל פון ווייניקונג פון זינד (גלייך ווי די זינד זענען אַוועק מיטן וואַסער־שטראָם).

ת ש ע ה ־ ב א ב (טישעבאָוו) — ניינטער טאָג אין חודש אָב, טרויער־טאָג נאָך דער צעשטערונג פון ירושלים אין יאָר 586 פ"ק און 70 נ"ק. באַצייכענונג פון טרויער.

● זייער טרויעריק איז געווען, תשעה־באב איז געווען אין שטוב (ש"ע).

ת ש ר י (טישרע) — נאָמען פונעם ערשטן חודש (סעפטעמבער־אָקטאָבער) פונעם יאָר לויטן יידישן לוח.

ת ש ר ק ־ ל ש ו ן (טאַשראַק־לאָשן) — דאָס רעדן (אָדער לייענען) פאַרקערט (אויף צוריק פון לעצטן אות צום ערשטן) ווי די אותיות תשרק זענען אויסגעשטעלט אין אַ פאַרקערטער ריי.

● היינט ווייסן נישט די שטאָטישע קינדער פון תשרק־לשון, דאָס הייסט, פון רעדן פאַרקערט (ש"ע).

צוגאָב

דער אבי-יתומים (אַווי-יעסוימים)— פאָטער פון יתומים, פאַרזאָרגער פון פאַרלאָזטע, עלנטע קינדער.

● ער איז אַן אבי-יתומים, ער וועט אונדז נישט פאַרלאָזן (ש"ע).

דער אבק-הדרך (אַוואַק-האַדערעך)— שטויב פון וועג.

● איך האָב דעם אבק-הדרך פון זיך אַראָפּגעשטויבט (פּ. הירשביין).

אָדם רוצה בקב שלו (אָדעם רויצע בעקאַוו שעלוי) — אַ מענטש וויל זיין אייגן מייסטל (טעפּל).

● ער עסט, וואָס די רביצין באַקט... אָדם רוצה בקב שלו (פרץ).

דער אַדמור (אַדמור) — פאַרקירצונג פון: אדוננו, מורנו ורבנו (אַדויניינו מוריינו וועראַביינו) — אונדזער האַר, אונדזער לערער און אונדזער פירער; טיטל פון אַ גוטן ייד, פון אַ חסידישן צדיק.

דאָס אהבת-ישראל (אַהאַוואַס [אַוועס] ייסראָעל) — ליבשאַפט צו יידן, ליבע צום יידישן פאָלק.

● דאָס אהבת ישראל איז ביי אים געווען אין לשער (פרץ).

דער אוויר, אויר (אַוויר) — לופט, וועטער; שלעכטע לופט.

● קומט אַמאָל די צייט, דער אויר ווערט ריין (פרץ).

אַוירא דאַרעא מחכים (אַווירע דעאַרע מאַכקים)—די לופט פונעם לאַנד מאַכט קלוג.

די אומה ולשון (אומע וועלאָשן) — „פאָלק און שפּראַך"; נאַציע.

● קיין שום אומה ולשון פאַרמאָגט נישט אַזוי פיל סוביעקטן מיט געלע האָר (ש"ע).

דער אונס (אוינעס) צוואַנג, מוז; דאָס נויטן.

● אָן אַ שום אונס, נאָר טאַקע מיט אַן אייגענעם גוטן ווילן (פרץ).

דאָס אורחים-הויז (אָרכים-הויז)— הויז מיט נאַכטלעגער פאַר אָרעמע לייט.

אורים-ותומים (אורים-ווּעטומים [וועסומים] „ליכט און אמת". באַצייכענונג פון דעם ברוסטשילדל, וואָס עס האָט געטראָגן דער כהן גדול און וואָס האָט אים געדינט ווי אַן אָראַקל; נאָמען פון אַ רבניש ווערק און באַצייכענונג פון זיין מחבר יונתן אייבעשיץ (1690—1764).

● די האַנטביכער זענען דאָך אייגנטלעך די אורים-ותומים פון דעם בילדונג-דאָרשטיקן מענטשן (א. א. ראָבאַק). און דער "אורים-ותומים" האָט געזאָגט: — אמת שיינע מתנות (פרץ).

דער אָח-לצרה (אָך-לעצאָרע) — אַ ברודער, אַ שותף צום אומגליק.

● האָבן מיר אין דעם פּרט מער ווי איין אָח לצרה ביי די כינעזער, ביי די גריכן (א. א. ראַבאַק).

אַחד־העם (אַכאַד־האָאָם) — „איינער פונעם פאָלק" — פּסעוודאָנים פונעם העברעישן שרייבער און דענקער אָשר גינזבערג (1856—1927).

דער אָחור (אָכער) — הינטן, געזעס.

דער איחוד (איכוד) — פאַרייניקונג; נאָמען פון אַ בירגערלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

איוב־בשורה (איעוו־בסורע [פּסורע]) — שלעכטער אָנזאָג, טרויעריק נייס; שלעכטע ידיעה. זע: איוב.

● ס'האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגן אַ שרעקלעכע איוב־בשורה איבערן געטאָ (אַנ־סקי).

אין יוצא ואין בא (איין יויצע וועאיין באָ) — „קיינער גייט נישט אַרויס און קיינער קומט נישט אַריין", נישטאָ קיין שום באַוועגונג.

● אַן אָפּגעלעבט שטעטל: אין יוצא ואין בא (פּרץ).

אין לשער ואין לספר (איין לעשאַיער וועאיין לעסאַפּער) — ס'איז זיך גאָרנישט פאָרצושטעלן און נישט איבערצודערציילן.

● דאָ איז פאַראַן סאָליעס אין לשער ואין לספר (פּרץ).

איש ישר (איש יאָשער) — אָרנטלעכער, ערלעכער, אויפריכטיקער מענטש.

● ער איז געווען אַן ערלעכער, אַן איש ישר (בערדיטשעווסקי).

איש מכובד (איש מעכובעד) — אָנגעזעענער, חשובער מענטש.

● ער איז אַן איש מכובד אין דער גאַנצער שטאָט (פּרץ).

אלא־מאי (עלע־מאַי, עלאָ־מאַי) — נאָר וואָס (דען).

● דער אַרענדאַר זייט איר נישט, אלא־מאַי איר האָט אַן איינרעדעניש (פּרץ).

אם אין קמח אין תורה (אים איין קעמאַך איין טוירע) — אויב מען האָט נישט קיין מעל (נישטאָ וואָס צו עסן), קאָן מען זיך נישט פאַרנעמען מיט לערנען; ווו עס פעלט ברויט, דאָרט פעלט קולטור.

דער אמת גמור (עמעס גאָמער) — פולשטענדיקער אמת, ריינע וואָרהייט.

אני הקטן (אַני האַקאָטן) — מיין ווייניקייט.

● און אויך אַני הקטן בין דאָרט געווען.

אנשי־בית (אַנשיי־באַיס) — מ"צ — שטוב־מענטשן.

● אויף די אַנשי־בית [illegible] אַ פּחד אָנגעפאַלן.

אנשי חיל (אַנשיי־כאַיל) — מ"צ — העלדישע, טיכטיקע מענטשן, מוטיקע לייט.

אסור באכילה (אָסער באַכילע) — (ריטועל) פאַרבאָטן צו עסן.

אסור בהנאה (אָסער באַנאָע) — (ריטועל) פאַרבאָטן צו האָבן דערפון אַ געניס, אַ נוץ.

● אָסור באכילה, אָסור בהנאה — מען צעברעכט די כלים (פּרץ).

אצבע אלוהים (עצבאָ עלויהים [עלויקים]) — אַ פינגער (אַ צייכן) פון גאָט.

● אצבע אלוהים! גאָטס השגחה איז עס (פּרץ).

ארבע רוחות העולם (אַרבע רוכעס האָאוילעם) — פיר עקן (זייטן) פון דער וועלט.

● נישט פאַרשפּרייטן דאָס ביסל געלט אויף ארבע רוחות העולם (פּרץ).

דאָס אריכות (אַריכעס) — אויספירלעכקייט; צעצויגנקייט.

● דערפון שטאַמט דאָס אריכות, די צעצויגנקייט.

באותו מעמד (בעאויסע מיימעד [מאַאַמעד]) — אין דער זעלביקער לאַגע; אין דער אייגענער פּאָזיציע. אין דער אָנוועזנהייט פון די זעלביקע מענטשן, אין זעלביקן צונויפשטעל.

● געווען באותו מעמד זענען מיר זאַלבעדריט (פּרץ).

באלכסון (באַלאַכסן) — נישטגלייך, קרום; שיף; באַרג-אַראָפּ.

● עפּעס גייט עס היינט אַלץ באלכסון (ממ״ס).

באמונה שלי (בעעמונע שעלי) — אויף מיין באַגלויבטקייט, אויף מיין וואָרט.

● באמונה שלי — איך לעבט אין טעות

בגדים ם (בעגאָדים — מ״צ — קליידער; מתים-קליידער, תכריכים (ז״ד).

בגילוי; בגלוי (בעגילע; בעגאָלע) — אין דער עפנטלעכקייט, עפנטלעך.

● ער איז אַרויס מיט זיין השכלה בגילוי (ש. ציטראָן).

בדוחק גדול (בעדויכעק גאָדל) — אין גרויסער נויט, אין אָרעמקייט; מיט גרויסער שוועריקייט.

● פאַרדינט ער, כאָטש בדוחק גדול, זיין ברויט (פּרץ).

בדידי הווה עובדה (בעדידי האָווע אוווּדע) — מיט מיר איז דאָס געשען.

● בדידי הווה עובדה, מיט מיר אַליין האָט דאָס פּאַסירט (ש״ע).

בדקען, בדקענען ם (באַדקען, באַדקענען) — אונטערזוכן; באַצייכענונג פון גנבענען (זע דעם ציטאַט אין הויפּטטעקסט).

בהיסח-הדעת (בעהעסעך-האַדאַאַס) — אומגעריכט, אומדערוואַרטעט.

● אַזוינע זאַכן קומען בהיסח-הדעת, אומגעריכט (פּרץ).

בהן צדקי (בעהען צידקי) — אויף מיין ערנוואָרט.

● געוואָרפן האָט זי זיך אינגאַנצן איינמאָל, אפשר צוויי מאָל — מער, בהן צדקי, נישט (פּרץ).

בהסכם כולם (בעהעסקעם קולאָם) — מיט דער צושטימונג פון אַלע.

● עס איז געבליבן בהסכם כולם, מיר זאָלן זיך נעמען צו דער אַרבעט.

דער בורח בורחים (בוירייעך באָרכים) — אַנטלויפנדיקער, אַנטלאָפענער; פליכטלינג.

● ער האָט געמוזט ווערן אַ בורח, פּשוט הייסט עס, נעמען און אַנטלויפן (ש״ע).

דער בזוי — בזויים (באָזע — בעזוים) — עקלדיקער, געמיינער, נידערטרעכטיקער; אומפאַרשעמטער.

● אָבער אַ בזוי מוז ער זיין (פּרץ).

בחברותא (בעכאַוורוסע) — געמיינזאַם, אין איינעם; קאָלעקטיוו.

● אַ מין שותפות, בחברותא הייסט עס; וואָס גאָט גיט, אַבי אין איינעם (ש״ע).

בחזקת-סכנה (בעכעזקאַס-סאַקאָנע) — אין אַ געפאַר.

● די אַלטע חורבה איז שטענדיק געווען בחזקת-סכנה (פּרץ).

בחזרה (בעכאַזאָרע) — (אויף) צוריק.

● דאָס ביכל, וועלכעס איך פלעג אים אָפּטראָגן בחזרה (ש. ציטראָן).

ביד רחבה ומלאה (בעיאַד רעכאָווע אומלייע) — מיט אַ ברייטער און פולער האַנט.

● פלעגט איר געבן ביד רחבה ומלאה אויף הויז-פירונג (פרץ).

דער בית-יעקב (בייס-יאַנקעוו) — „יעקבס הויז“, נאָמען פון אַן אָרטאָדאָקסישער שול-אָרגאַניזאַציע פאַר מיידלעך.

בכתב (ביקסאַוו) — שריפטלעך.

● זיי נעמען זיך נישט מער די מי בכתב אַריינצוברענגען זייער מיינונג (נ. מייזיל).

בלא (בעלוי) — אָן.

בלא חרטה (בעלוי כאַראָטע) — אָן חרטה, אָן צוריקגאַנג; אָן געדריי.

● בעני, בלא חרטה, בלא דריי, אַ גאַנג זאָל זיין אַ גאַנג (ש״ע).

בלשון יחיד (בעלאָשן יאָכיד) — אין איינצאָל.

בלשון רבים (בעלאָשן ראַבים) — אין מערצאָל.

● וואָס מאַכט איר? בלשון רבים הייסט עס (פרץ).

בלתי (בילטי) — אויסער, אַחוץ; ניי-ערט. בלתי-נאָר — בלויז נאָר.

● איך האָב נישט אַרויסגעזען גאָרנישט, בלתי איין זאַך האָב איך אַרויסגעזען (ש״ע).

במהרה בימינו (בימיירע בעיאָ-מיינו) — אין גיכן, נאָך אין אונד-זערע טעג.

● איר זאָלט זיך אַרויסקריגן פון דער דאָזיקער בלאָטע במהרה בימנו (ש״ע).

במחילה גמורה (בימכילע גע-מורע) — מיט פולשטענדיקער פאַר-געבונג.

● ער זאָל מוחל זיין במחילה גמורה (אַנ-סקי).

דער בן-טובים (בען-טויווים) — מענטש פון אַ גוטער משפחה, זון פון גוטע עלטערן.

● ער איז אַן ערלעכער ייד, אַ בן-טובים (י. קאָטיק).

דער בעל-עסקן (באַלאַסקן) — בעלן, אַמאַטאָר אויף עפעס, פאַר-אינטערעסירטער.

● מען זוכט אַ בעל-עסקן אויף גבאות מיט ליכט אין אַלע גאַסן (פרץ).

דער בעל-קריאה (באַל-קריע) — זע: בעל-קורא.

דער בעל-תביעה — בעלי-תביעות (באַל-טוויע — באַלע-טוויעס) — פאָדערער, מאָנער; דער וואָס מאָנט געריכטלעך.

● דער בעל-תביעה וועט אַרויסזאָגן זיינע תביעות (אַנ-סקי).

בפה אחד (בעפע עכאָד) — איינ-שטימיק.

● מיר זאָלן איצט בפה-אחד, אַלע ווי איינער, פאַרלאַנגען וואָס אונדז קומט.

בפומבי (בעפומבי) — אין דער עפנט-לעכקייט, עפנטלעך.

● באַלד אויפן אָרט, בפומבי (פרץ).

בקביעות (ביקוויעס) — שטענדיק, סטאַביל, אָן איבעררייס.

● ער האָט פריער געאַרבעט בקביעות (ש. ציטראָן).

דער בר-עונשין (באַר-אָנשין) — באַשטראָפבאַרער (פיליאָריקער).

● די קינדער זענען נאָך קיין בר-ענשין נישט (פרץ).

בראש-גלוי (בעראָש-גאָלע) — עפנטלעך.

● נעמט מיך און משפט מיך בראש-גלוי (ש״ע).

ברבים (בעראַבים) — אין דער עפנט-לעכקייט, עפנטלעך.

● געסטראַשעט אַרויסצוגיין ברבים מיט זיין אַנטפלעקונג (ש. ציטראָן).

ברווח, בריווח (בערעוועך) —

איבערגעבונג, מער ווי עס איז נויטיק.

● ער האָט געהאַט פּרנסה ברווח (א. ביק).

בּרחל בתך הקטנה (בעראָכל ביטכאָ האַקטאַנע) אויסרעדן — אויס־רעדן קלאָר די באַדינגונגען, צונויפ־רעדן זיך געגנוי וועגן אַלעמען. (דער אויסדרוק שטאַמט דערפון, וואָס יעקב האָט, לויט דער ביבל, קלאָר אויסגעדעדט מיט לבנען צו אַרבעטן זיבן יאָר פאַר זיין ייִנגערער טאָכ־טער רחל).

בּריהשאַפּט (בעריעשאַפּט) — גע־ראָטנקייט.

בּשייכות (בעשייכעס, בעשאַיכעס) — אין צוזאַמענהאַנג.

בּשם אומרו (בעשעם אָמרוי) — אין נאָמען פון דעם, וואָס האָט גע־זאָגט.

● איך וועל אייך זאָגן אַ גלייכוואָרטל און בשם אומרו דעם פאַרטשעוועער רבס (פרץ).

בּת־ישראל (באַס־ייסראָעל) — יידי־שע טאָכטער.

● נישט פאַר קיין שום בת ישראל גע־דאַכט (פרץ).

בּתמיה (ביטמיע) — מיט פאַרוווּנ־דערונג.

● ער שטעלט אָן אַ פנים מיט אַ בתמיה (פרץ).

דער גביר שבגבירים (געוויר שעבעגווירים) — רייכסטער פון די רייכע, גרויסער גביר.

דער גברן — גברנים (גאַוורען — גאַווראָנים) — געזונטער, שטאַקער מענטש.

דער גדול — גדולים (גאָדל — געדוילים) — גרויסער, שטאָלצער; באַצייכענונג פון אַ גראָשן.

● ער האָט זיך אויפגעבאַזט אויף אַ פור פאַר דריי גדולים (בער־די־טשעווסקי).

דער גורם — גורמים (גוירעם — גאָרמים) — אורזאַך, מאָטיוו.

● דער טעראָר פון די דייטשן איז איי־נער פון די גורמים, וואָס האָלט דעם עולם אין די ציין (ד״ר רינגעלבלום).

דער גיוס (גיעס, גיוס) — מאָבילי־זירונג.

דער גלגול־מחילות (גילגל־מעכילעס) — אונטערערדישע קאָלע־רונג (וואָס די יידישע טויטע וועלן דורכמאַכן פון אַנדערע לענדער קיין ארץ־ישראל, לויט דער רעליגיעז־מיסטישער פאָרשטעלונג).

● די מתים פון דאַנצן וועלן זיך אַהין קייקלען גלגול־מחילות, לעבעדיק צו ווערן (אַנ־סקי).

די גרוגרת דרבי צדוק (גרוי־גערעס דעראַבי צאָדעק) — פאַר־טריקנטע פייג (פייג, וואָס האָט אויס־געסמאָקטשעט דער אַסקעט רבי צדוק). באַצייכענונג פון אַן אויסגע־דאַרטן, מאָגערן מענטש.

● אַ קליינס, אַ נידעריקס, אַ טרוקנס ווי אַ גרוגרת דרבי צדוק, ווי אַ פייג, הייסט עס (ש״ע).

דער דבר־שקר (דוואַר־שעקער) — ליגן.

● אויב ער זאָגט אַ דבר־שקר, זאָל זיך אים שטעלן דאָס מויל אויף אַ זייט (ש״ע).

דברים בּגו (דוואָרים בעגייוו) — פאַראַן אַ מיין אין דעם, עפּעס איז אין דעם פאַראַן.

● שטויסט ער זיך אָן, ס'איז דברים בגו (פרץ).

די דוגמא — דוגמאות (דוגמע —

דוגמאָעס (דוגמעס) — ביישפּיל, מוס־טער.

● לאָמיר נעמען פון דאָרטן אַזעלכע דוגמאות (א. א. ראָבאַק).

דוחק (דויכעק) זיין דעם קץ (קעץ) — צואײַלן די אויסלייזונג, צואײַלן דאָס קומען פון משיחן.

● דאָס איז דער פּרייז פון די, וואָס זענען דוחק דעם קץ (א. ביק).

דוכנען (דוכענען) — בענטשן (מיט דער ברכה פון די כהנים) יום־טוב ביים דאַווענען (ביי רעליגיעזע יידן).

דער דיין אלמנות (דאַיען אַל־מאָנעס) — ריכטער, באַשיצער פון אלמנות; גאָט.

דער דן שלא בפניו (דאָן שעלוי בעפּאָנאָוו) — דער, וואָס אורטיילט אונטער די אויגן.

● איך בין ביז אַהער געווען אַ דן שלא בפניו (פּרץ).

דער דרך־[ה]שלום — דרכי־[ה]שלום — (דערעך־[הא]שאָלעם — דאַרכיי־[הא]שאָלעם) — רו, פרידלעכ־קייט.

● שטיל און רויק אַרום און אַרום, נאָר גאָרנישט, גלאַט אַזוי פון דרך־שלום וועגן (ש"ע).

די הברה — הברות (האַוואָרע — האַוואָרעס) — אויסשפּראַך.

● עס איז אָנגענומען געוואָרן די ליט־ווישע אָרטאָגראַפיע און טיילווייז אויך די ליטווישע הברה (א. א. ראָ־באַק). אין אַ שיינעם העברעיש מיט דער קלינגנדיקער ספרדישער הברה (נ. מייזיל).

די הגהה (האַגאָע) — קאָרעקטע, גרייזן אויסבעסערונג.

● איך האָב אַ שטיק יוגנט פאַרבראַכט אויף הגהה אין רעדאַקציע (ש. ציטראָן).

דער הדיוט (העדיעט) — פּראָסטאַק, גראָבער יונג.

הדיוט קופץ בראש (העדיעט קויפעץ בעראָש) — דער גראָ־בער יונג שפּרינגט אַרויס דער ערש־טער.

דער הורג־נפשות (הוירעג־נעפאָ־שעס) — מערדער; בייזער מענטש.

● ער איז געווען אַ בייזער ייד, ממש אַ הורג־נפשות.

הזהר והשמר! (היזאָהער וועהי־שאָמער) — אָפּגעהיט און באַשירעמט זאָלסטו זיין! היט זיך אויס!

● הזהר והשמר — טאָמער וועט זיך דערוועגן עמעצער צוצורירן זיך (ש"ע).

הזורעים בדמעה, ברנה יקצורו (האַזוירים בעדימאָ, בע־רינאָ ייקצוירו) — די, וואָס זייען מיט טרערן, וועלן שניידן מיט געזאַנג.

● עס איז פאַרווירקלעכט דאָ די לאָ־זונג: הזורעים בדמעה, ברנה יקצורו— די, וואָס זייען מיט טרערן, שניידן מיט געזאַנג (נ. מייזיל).

היטב (הייטעוו) — גוט.

● זע איך שוין, אַז עס איז נישט היטב, אַז מען טאָר נישט שווייגן (פּרץ).

היכי־תמצא? (הייכע־טימצע) — ווי געשיקט זיך עס? ווי איז עס מעגלעך?

● וועט איר דאָך פרעגן: היכי־תמצא, ווי געשיקט זיך עס? (פּרץ).

די היתר־עסקא (העטער־איסקע, העטעריסקע) — רעליגיעזע האַנדלס־געשריפטס, וואָס דערלויבט צו נע־מען פּראָצענט פון אַ הלוואה (דורך

דער היתר-עסקא ווערט דער געלט-אויסלייער אַ פּיקטיווער שותּף צום געשעפט).

הני-מילי (האַנע-מילע) — ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן.

הפּה שאסר, הפּה שהתּיר (האַפּע שעאָסער, האַפּע שעהיטער)— דאָס מויל וואָס האָט פאַרווערט, דאָס מויל האָט דערלויבט.

● שרייבן מוז מען! הפּה שאסר, הפּה שהיתּר (פּרץ).

דער הפסד מרובה (העפּסעד מע-רובע) — גרויסער געלט-שאָדן.

● ביי אַ הפסד מרובה האָט ער אפילו אויף אַ קדמון נישט געקוקט (פּרץ).

הרגל נעשה טבע (הערגל נאַאַסע טעווע) — געוווינהייט ווערט אַ (צווייטע) נאַטור.

● מען איז שוין צוגעוווינט צו דער שטאָט, איז טאַקע הרגל נעשה טבע (פּרץ).

דער הרהור-עבירה — הרהורי-עבירה (הירער-אַווירע — הירוריי-אַוויירע) — זינדיקער געדאַנק.

● און אַז אַ ייד האָט הרהורי-עבירה ביים דאַווענען (פּרץ).

די הרכּבה (האַרקאָווע) — פלאַנצן-קרייצונג.

● וויינט דער גוטער בוים: זיינע צווייגעלעך זענען אים אַ שאָד! דעם סוד פון הרכּבה ווייסט ער נישט (פּרץ).

די השתּנה (האַשטאָנע) — אורין.

דאָס התרוממות (היסרוימעמעס) — דערהויבונג.

● דער קאָפּ איז פאַרוואָרפן אַרויף, די אויגן צו, אויפן פּנים זעט מען התפּעלות מיט התרוממות (ש"ע).

ואני בּתוכם (וואַאַני בּעסויכאָם) — און איך צווישן זיי.

וגר זאב עם כּבש (וועגאָר זע-אייוו אים קעוועס) - עס וועט וווינען צוזאַמען אַ וואָלף מיט אַ שאָף.

● עס איז שוין נישט ווייט די צייט פון דער אידיליע „וגר זאב עם כּבש", דאָס צוזאַמענלעבן פון אַ וואָלף מיט אַ שעפּעלע (נ. מייזיל).

ויאכלו (וואַיויכלו) — „און זיי האָבן אויפגעגעסן", און עס איז פאַרשוווּנדן, און עס איז פאַרפאַלן.

וכך היה אומר (וועכאַך [וועקאַך] האָיאָ אוימער) — און אַזוי האָט ער געזאָגט.

וכך היה מונה (וועכאַך [וועקאַך] האָיאָ מוינע) — און אַזוי האָט ער געציילט.

● פון „וכך היה אומר" ביז „וכך היה מונה" פאַלט מען זיבן מאָל כּורעים (ש"ע).

ולמאי נפקא מינה? (אולמאַי נאַפקע מינע) — און וואָס איז דער אונטערשייד?

● ולמאי נפקא מינה? אַבי ער העלפט (פּרץ).

זוכה בּגורל (זויכע בּעגוירל) זיין — האָבן דאָס גליק, באַשערט זיין; אַרויסציען דאָס געווינס.

● איך ווייס נישט, ווער עס וועט זוכה זיין בגורל צו באַאַרבעטן די מאַטער-יאַלן (ד"ר רינגעלבלום).

דער חוטם (כויטעם) -- נאָז (פאַרגרע-סערונגס-אויסדרוק).

דער חולק — חולקים (כוילעק—כאָלקים) -- קעגנער, מתנגד (ז"ד).

● אויב דער בריסקער רב מיט די

רעשט מחותּנים זענען חולקים, מוז
ר׳ יחיאל אויך זיין אַ חולק. (פּרץ).

דער חושים, חושם (כושעם) — צעחושטער, צעמישטער, נאַר, אידיאָט.

● ער איז פּאַר שרעק געוואָרן אין גאַנצן חושם. איר זעט דען נישט, אַז ער איז אַ חושים (ש״ע).

חיפה (כאַיפע, כייפע) — נאָמען פון אַ האַפן־שטאָט (ביים מיטללענדישן ים אין ישראל.

דאָס חיצוניות (כיצויניעס)—אויסערלעכקייט; וועלטלעכקייט.

● אַלע האָבן געהערט דאָס חיצוניות, איך איינער האָב געוווּסט דעם תּמצית פון דער זאַך (פּרץ).

די חליצה (כאַליצע, כליצע) — רעליגיעזע צערעמאָניע, וואָס באַפרייט דעם ברודער פון אַ פאַרשטאָרבענעם (וואָס האָט נישט איבערגעלאָזט קיין קינד) פון דער פליכט חתונה צו האָבן מיט דער שוועגערין.

דער חלק־כּחלק (כיילעק־קעכיילעק) — גלייך אויף גלייך.

● אַז זיי וועלן געפינען דעם אוצר, וועלן זיי זיך מיט אים צעטיילן אויף דער האַלב, חלק כּחלק (ש״ע).

די חרוצה — חרוצות (כאַרוצע — כאַרוצעס) — קלוגע, פּעיקע.

● איז זי אַ גאַנץ קלוגע, אַ חרוצה, אַ מאַנצבילשער קאָפּ אויף איר (ש״ע).

דער חרם דרבנו גרשום (כיירעם דראַבּיינו גערשן) — דער שטרענגער פאַרבאָט (געמיינט באַזונדערס דעם פאַרבאָט צו האָבן מער ווי איין ווייב) פונעם רעליגיעזן געלערנטן גרשום מאור הגולה (גערשן מעאָר האַגוילע) — גרשום, „דאָס ליכט פון דער דיאַספּאָרע״ (960—1028), וואָס האָט אַרויסגעגעבן נייע תּקנות (געזעצן), צוגעפּאַסט צום לעבן פון די אייראָפּעישע יידן.

דער טבור־הארץ (טאַבור־האָאָרעץ) — ערד־נאַפּל, צענטער; סאַמע מיט פון דער וועלט.

● אין טבור־הארץ, פּונקט אין דער אמתער מיט פון דער וועלט (פּרץ).

אַ טיפּה מן הים (טיפּע מין האַיאַם) — אַ טראָפּן פון ים.

● אַ טיפּה מן הים קעגן דעם, וואָס שפּעטער איז געווען (פּרץ).

יהיה מי שיהיה (jije mi shejije) — זאָל זיין ווער עס איז.

● וועלן עס פּאַר אייך אַנדערע טון: יהיה מי שיהיה (פּרץ).

דער יין נסך (יאַיִן נעסעך) — ריטועל פאַרבאָטענער וויין (ביי רעליגיעזע יידן).

● ערגער ווי יין נסך — זאָגט ער שטרענג (פּרץ).

יפו (יאַפע) — אַלטע האַפן־שטאָט (ביים מיטללענדישן ים) אין ישראל.

יצא מדעתו (יאָצאַ מידאַאַטו) געוואָרן — אַראָפּ פון זינען.

● דער מענטש איז יצא מדעתו געוואָרן, אין מרה־שחורה אַריינגעפאַלן (פּרץ).

דער יקרן — יקרנים (יאַקרען — יאַקראָנים) — דער וואָס נעמט טייערע פרייזן.

● ער איז געווען אַ יקרן, גענומען צו־טייער (ש״ע).

דער יריד — ירידן, ירידים (יעריד — יערידן, יערידים; יאַריד — יאַרידן, יאַרידים) — גרויסער מאַרק

(איין מאָל אָדער עטלעכע מאָל אין יאָר). באַצייכענונג פון אַ גרויסן טומל, פון אַ גערודער.

דער יתוש — **יתושים**) — שטעכ־פליג, קאָמאַר. באַצייכענונג פון אַ געדאַנק, וואָס בויערט אין מוח.

● דער יתוש, וואָס קראַצט אין מוח איז גאָר אַ פייערדיקער רבי (פרץ).

כאור (קאַיאָר) — זון־אויפגאַנג, באַגי־נען; פרימאָרגן; פאַרטאָג: (געשריבן מערסטנס „קאַיאָר", ווייל דער העב־רעישער אָפּשטאַם איז נישט גאַנץ זיכער).

כאחד הרקים (קעאַכאַד האָרייקים)— ווי איינער פון די פראָסטאַקעס (גראָ־בע יונגען).

● טאַקע כאחד הרקים זידלט... (פרץ).

כוזרים (קוזרים) — מ"צ — כאַזאַרן.

דער כוח הדיבור (קויעך האַדי־בער) — רעדנער־טאַלאַנט.

● עס איז זעלטן צו באַגעגענען אַ מענטשן מיט אַזאַ כוח הדיבור, מיט אַזאַ מויל (ש"ע).

דער כוח המושך (קויעך האַמוי־שעך) — צוציונגס־קראַפט.

● אין זיין דערציילן איז געלעגן אַ טאַלאַנט, אַ כוח המושך, וואָס האָט צוגעצויגן (ש"ע).

כולו מוקשה (קולע מוקשע) — אין גאַנצן (איז ער) געהאַרטעוועט, גע־שטאָלט; האַרב און שווער.

● אַ מענטש דאַרף צו זיין כולו מוקשה— שטאָל און אייזן, כאָטש מויערן דורכצוברעכן (פרץ).

כולו שקר (קולע שעקער) — אין גאַנצן ליגן.

● אַלץ וואָס ער זאָגט, איז כולו שקר, איין וואָרט נישט אמת.

כחרס הנשבר (קעכערעס האַניש־בער) — ווי אַ צעבראָכן שערבל.

● צעבראָכן כחרס הנשבר (פרץ).

כל המרבה הרי זה משובח (קאָל האַמאַרבע האַריי זע מעשויבעך)— וואָס מער, אַלץ בעסער.

כל הקודם זכה (קאָל האַקוידעם זאָכע) — ווער עס קומט פריער, דער געווינט; ווער עס קומט פריער, ווערט פריער באַדינט.

כל חמתה (קאָל כאַמאָסאָ) — איר גאַנצער צאָרן.

כל חמתו (קאָל כאַמאָסוי) — זיין גאַנצער צאָרן.

● ער לאָזט אויס אויף זיי כל חמתו, זיין גאַנץ ביטער האַרץ (ש"ע).

כל ישראל חברים (קאָל ייס־ראָעל כאַווײרים) — אַלע יידן זענען פריינד. נאָמען און לאָזונג פון דעם „אַלגעמיינעם יידישן פאַרבאַנד" אין פאַריז. (Alliance Israelite Uni-wersalle,)

כל ישראל ערבים זה בזה (קאָל ייסראָעל אַרייווים זע באָזע) — אַלע יידן זענען פאַראַנטוואָרטלעכע איינער פאַרן אַנדערן.

כל עורב למינהו (קאָל אוירעוו לעמינייהו) — יעדע קראָ צו איר מין.

● כל עורב למינהו — איטלעכער צו זיין צעך (ש"ע).

כל תפוצות ישראל (קאָל טפו־צעס ייסראָעל) — אַלע ערטער, וווּ יידן זענען צעשפּרייט, אַלע יידישע קהילות.

● מען וועט קומען פון כל תפוצות ישראל (פרץ).

כלו כל הקצין (קאָלו קאָל האַ־קיצין) — שוין אַלץ פאַרפאַלן, שוין גאָר שלעכט; מער נישטאָ קיין האָפנונג.

● זי האָט געזען, אַז עס האַלט שלעכט, אַז כּלו כּל הקצין (פּרץ).

כּ ל י ־ י ק ר (קלײ־יאָקער) — טײערע כּלי; גרױסער מענטש.

כּ ל י ־ כּ ת י ב ה (קלײ־קסיווע) — שרײַב־געצײג.

● די כּלי־כּתיבה פֿון אקדמות וואָלט דערצו נישט געקלעקט (פּרץ).

דאָס כּ ל ל י ו ת (קלאָליעס) — דאָס אַלגעמײנע.

● געזאָגט האָט ער עס אין כּלליות, אַזוי אין דער וועלט אַרײַן (פּרץ).

כּ מ ו ש כּ ת ו ב (קעמוי שעקאָסוו) — ווי עס שטײט געשריבן.

● זײ זאָלן זיך נעמען צו דער עבודה — כּמו שכּתוב — אַקאָרד־אַרבעט מיט נאָרמעס (סטאַווריַנסקי).

כּ צ א ן בּ ל י ר ו ע ה (קאַצוין ב(ע)לי רויע) — ווי שעפּסן אָן אַ פּאַסטעך.

● איך בין געבליבן כּצאן בּלי רועה (פּרץ).

כּ ק ר י ע ת י ם ־ ס ו ף (קעקריעס יאַם־סוף) — זײער שווער, שווער ווי דאָס שפּאַלטן דעם רויטן ים (לויט דער ביבלישער דערצײלונג).

● די זאַך איז מיר אָנגעקומען גאָר שווער, ממש כּקריעת ים־סוף.

כּ ש ל ־ בּ ר ך (קשאַל־בערעך) — וואַקל־דיִק (שוואַך) אויף די פֿיס.

● ער איז בטבע אַ כּשל־בּרך, נאָך אַ יאָר וואָלט ער אָן פֿיס געבליבן (פּרץ).

ל א ה ו כ ש ר ד ר א (לוי הוכשער דאָרע) — די גענעראַציע איז נישט דערוואַקסן דערצו, דער דור איז נישט ווערט דערצו.

● לא הוכשר דרא, דער דור איז נישט געווען ראוי אים אויפצונעמען (א. גאָרדין).

ל א ו (לאַוו) — נישט; רעליגיעזער פֿאַר־באָט.

● טאַקע כּדאי געווען עובר צו זײַן אויף אַ לאו (ש״ע).

ל א ח ד י ם (לעאַכאָדים) — אײנצל־(פֿאַר)קויף, דעטײל־(פֿאַר)קויף.

דער ל א ח ד י מ נ י ק — ל א ח ד י מ נ י ק ע ס (לאַכאָדימניק — לאַכאָדימ־ניקעס) — דעטאַליסט, אײנצל־(פֿאַר)קויפֿער.

די ל א ח ד י מ נ י צ ע — ל א ח ד י מ ־ נ י צ ע ס (לאַכאָדימניצע — לאַכאָ־דימניצעס) — דעטאַליסטין, אײנצל־(פֿאַר)קויפֿערין.

● דאָס זענען די קונהטעס, די לאחדימ־ניצעס (ש״ע).

ל ה ד ״ מ, ל ה ד ״ ם — פֿאַרקירצונג פֿון: לא היו דברים מעולם (לוי האָיו דוואָרים מעאוילעם) — עס איז קײנמאָל נישט געווען, עס האָט זיך נישט אָנגעהויבן; נישט געשטויגן, נישט געפֿלויגן.

● להד״ם — עס האָט זיך גאָרנישט אָנגעהויבן (פּרץ).

ל י ד י ג מ ר (לידײ גמאַר) — צו אַ שלוס, צו אַ אָפּשלוס, צו פֿאַרווירק־לעכונג.

● די נסיעה איז נישט געקומען לידי־גמר (פּרץ).

די ל י נ ה (לינע) — דאָס איבערנעכ־טיקן (בײַ אַ קראַנקן).

● פֿון הײַנט אָן זאָל „לינת־הצדק" (ז״ד) קײן לינה נישט שיקן (פּרץ).

ל צ מ י ת ו ת (ליצמיסעס) — אויף אײ־ביק, אויף שטענדיק.

● מיינע ווערק זאָלן לצמיתות נישט פאַרקויפט ווערן (ש"ע).

מ אַ ב ד ע צ מ ו ל ד ע ת (מעאַבעד אַצמוי לאַדאַאַס) זיין—באַגיין זעלבסט־מאָרד, זיך נעמען דאָס לעבן.

● איך זאָל מיך קענען מאַבד עצמו לדעת זיין און אַליין זען, וואָס עס וועט בלייבן, אַז עס וועט אַוועקפאַלן דער קאָפּ (פרץ).

מ אַ י כ ו ל י ה אַ י (מאַי קולע האַי) — וואָס באַדייט עס אין גאַנצן, וואָס איז עס אַזעלכעס.

● דאַכט זיך: מאַי כולי האַי? אַ יידישע זאַך (פרץ).

מ אַ י ן י ב ו א ע ז ר י? (מעאַין יאַווי עזוי) — פון וואַנען וועט קומען מיין הילף?

● מען פרעגט זיך: מאַין יבוא עזרי? (ד"ר רינגעלבלום).

מ א נ ס (מעאַנעס) זיין — צווינגען, נויטן; פאַרגעוואַלדיקן.

● זיי האָבן אים געכאַפּט, געבויט, פשוט מאנס געווען (פרץ).

מ ב ע ר (מעוואַער) זיין — אויסראָמען, פאַרניכטן; פאַרברענען.

מ ב ע ר ח מ ץ (מעוואַער כאָמעץ) זיין — פאַרברענען דעם חמץ; אויסראָמען פאַרבאָטענע זאַכן.

דער מ ג י ה — מ ג י ה י ם (מאַגיאַ — מאַגיהים) — דורכקוקער, קאָרעקטאָר.

מ ג י ה (מאַגיאַ) זיין — דורכקוקן, אויסבעסערן די גרייזן; קאָרעקטע מאַכן.

● איך האָב אַליין מגיה געווען מיינע ביכלעך (ש. ציטראָן).

מ ג מ ג ם (מעגאַמגעם) זיין — שטאַמלען, זיך פאַרהיקן.

● איז ער מגמגם מיטן לשון (פרץ).

דער מ ד ו ב ר (מעדובער) — אָפּרעדעכץ, אָפּמאַך.

● ביי אייך איז געווען אַזאַ מדובר (ש. ציטראָן).

דער מ ד פ י ס — מ ד פ י ס י ם (מאַדפיס — מאַדפיסים) — דרוקער.

מ ה ע נ י ן ש מ י ט ה א צ ל ה ר ס י נ י (מאַ איניען שמיטע אייצעל האַר סינאַי) — וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג האָט איינס מיטן אַנדערן? ווי קומט איינס צום אַנדערן?

● וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות? מה ענין שמיטה אצל הר סיני (ש. ציטראָן).

מ ו ד ה ע ל ה א מ ת (מוידע אַל האָעמעס) זיין — אָנערקענען די וואָרהייט.

● איך בין אַפילו מודה על האמת, אַ איך בין די פעסטע שרייבער נישט מקנא (פרץ).

דער מ ו ר ש ה — מ ו ר ש י ם (מורשע—מורשים) — באַפולמעכטיקטער, פאָרשטייער.

● זאָלן זיי אויך דורכזען דעם צעטל פון די מורשים (פרץ).

דער מ ו ש ל ב כ י פ ה — מ ו ש ל י ם ב כ י פ ה (מוישל בעכיפע — מוישלים בעכיפע) — געוועלטיקער איבער אַלע.

● יעדער פון זיי וויל זיין אַ מושל בכיפה (ש. ציטראָן).

דער מ ח ו צ ף - פ נ י ם (מעכוצעף־פאָנעם) — גאָר פרעכער; זייער פאַרשייטער.

מ ח מ ד (מאַכמעד) — „ליבלינג", „געליבטער". נאָמען פונעם באַגרינדער פון דער מוזולמענישער רעליגיע (איסלאַם) אין VII יאָרהונדערט נ"ק.

דער מ ח מ ד אַ נ ע ר — מ ח מ ד אַ נ ע ר

(מאַכמעדאַנער — מאַכמעדאַנער) — אַנהענגער פון איסלאַם.

דער מחמיר שבמחמירים (מאַכ־מיר שעבעמאַכמירים) — דער האַרבּ־סטער פון די האַרבּע, דער סאַמע שטרענגער.

● איז דער צענזאָר אַ מחמיר שבמח־מירים, ער טשעפּעט זיך צו ווערטער (נ. מייזיל).

אַ מחק (מעכאַק) מאַכן — צונישט מאַכן, צעטרעגצלען.

● ער האָט געמאַכט אַ מחק פון דעם געלט — צעטרעגצלט (פרץ)..

מטה־מטה (מאַטע־מאַטע) — נידע־ריקער און נידעריקער, אַראָפּ און אַראָפּ.

דער מטיף — מטיפים (מאַטיף — מאַטיפים) — פרעדיקער, רעדנער, בעל־דרשן.

● האָט דער מטיף געטראַכט און צו־געטראַכט אַ דרשה אויף זונטיק (פרץ).

מכשיל (מאַכשיל) זיין — שטרויכלען, מאַכן זינדיקן.

(זיך) **מכשיר** (מאַכשיר) זיין — (זיך) צוגרייטן.

ממה נפשך □ (מעמאַנעפשעך, מע־מאָנעשעך) — אויף יעדן פאַל, ווי אַזוי עס זאָל נישט זיין.

ממליץ (מאַמליץ) זיין — גוט זאָגן, פאַרטיידיקן, באַרעכטיקן.

מפיו הקדוש (מיפּיוו האַקאָדעש) — פון זיין הייליק מויל.

● דאָס האָב איך מפּיו הקדוש געהערט (פרץ).

די מציצה (מעציצע) — דאָס אויסזויגן (דאָס בלוט פון אַ וווּנד).

משופרי דשופרי (מעשופריי דעשופריי) — פון די סאַמע בעסטע, פון די סאַמע שענסטע.

● אויב ער האָט עפּעס רעכטס, טאַקע משופרי דשופרי (ש. ציטראָן).

משנה (מעשאַנע) זיין — ענדערן, אי־בּעראַנדערשן.

משתין (מאַשטין) זיין — לאָזן אורין.

די מתנת אלוהים (מאַטנאַס עלוי־הים) — געשאַנק פון גאָט; טאַלאַנט.

● דאָס איז אַ מתנת אלוהים, מיט וועל־כער עס זענען באַשאָנקען גאָר אויס־דערוויילטע (ש. ציטראָן).

דער נואף — נואפים (נויעף — נויאַפים) — אויסגעלאַסענער (אין עראָטישן זין).

נוסעי־הצלב (נויסיי־האַצלאָוו) — קרייצפאָרער, אָנטיילנעמער אין די קרייץ־צוגן (XI—XII יאָרהונדערט).

● שרעקלעכע יידישע רדיפות, וועלכע האָבן דערמאָנט אין די טעג פון נוסעי־הצלב (ש. ציטראָן).

דער נחות־דרגא (נע(כוסדאַרגע)— מענטש פון דער נידעריקסטער מדרגה, (פון דעם נידעריקסטן שטאַפּל), גאָר פּראָסטער.

● קינד און קייט, פון רב ביזן קלענסטן נחות־דרגה (פרץ).

דער נחית־דרגא ((נע(כיסדאַרגע)— זע: נחות־דרגא.

דער נכתב — נכתבים (ניכטעוו — ניכטאָווים) — פאַרשריבענער, צוגע־שריבענער; רעגיסטרירטער.

● אין גיכן איז אַבראַמאָוויטש געוואָרן אַ בערדיטשעווער נכתב (ש. ציטראָן).

נתגלגל (ניסגאַלגל) ווערן — אַרויפ־קומען, זיך באַווייזן; פאַרוואָגלט ווערן.

● זאָל נתגלגל ווערן דער גרויסער זכות (ש״ע).

נתפרסם (ניספאַרסעם) ווערן — באַ־

קאַנט ווערן, באַוווסט ווערן, באַרימט ווערן.

● די זאַך וואָלט נתפרסם געוואָרן אויף דער וועלט (ש. ציטראָן).

ע ל - פ י ד י נ י ד מ ל כ ו ת א (אַל־פּי דיניי דעמאַלכוסע) — לויטן געזעץ פון דער רעגירונג.

● על־פּי דיני דמלכותא מוז מען לער־נען רוסיש אין די חדרים (פּרץ).

ע ל - פ י מ ע ש ה ש ה י ה (אַל־פּי מיי־סע שעהאָיאָ) — לויט דעם וואָס עס איז געשען.

● מיר איז באַקאַנט פון דער פּראַקטיק על־פּי מעשה שהיה (ש. ציטראָן).

דער צ ל מ נ י ק — צ ל מ נ י ק ע ס (ציי־לעמניק — ציילעמניקעס) — פרומאַק; פרומער קריסט.

די צ ל מ נ י צ ע — צ ל מ נ י צ ע ס (ציי־לעמניצע — ציילעמניצעס) — פרו־מאַטשקע; פרומע קריסטין.

● זי איז מיט אַמאָל געוואָרן אַ גרויסע און פרומע צלמניצע (בערגלסאָן).

די ק ר י ר ה (קרירע) — קעלט.

ק ר ש י ם (קראָשים) — מ״צ — ברעטער. באַצייכענונג פון די ברעטער, מיט וועלכע מען לייגט אויס דעם קבר.

די ת י ב ה (טייווע) — קאַסטן. באַציי־כענונג פון דער שיף (פון דעם קאַסטן), וואָס נח האָט געבויט פאַרן קומען פונעם מבול אויף דער וועלט, לויט דער ביבלישער דער־ציילונג

רשימה

פון די וויכטיקסטע העברעישע ווערטער לויט דער אויסשפראך

אווודע	עובדא
אויהעוו ייסראָעל	אוהב ישראל
אויהעל	אוהל, אהל
אויוועל [זיין]	עובר
אויוועל־באָטל	עובר־בטל
אויזער	עוזר
אוילעם	עולם
אוילעם־האַבע	עולם־הבא
אוילעם־האַזע	עולם־הזה
אוימער וועאויסע	אומר ועושה
אוינעג־שאַבעס	עונג־שבת
אויסעס אומאָפסים	אותות ומופתים
אויסעק (זיין)	עוסק
אויפן	אופן
אויצער	אוצר
אויקער (זיין)	עוקר
אוירעך	אורח
אוישער	עושר
אומבעראַכמאָנעסדיק	אומברחמנותדיק
אומכיין	אומחן
אומע	אומה
אומעס האָאוילעם	אומות העולם
אומנעס	אומנות
אונסאַנע־טויקעף	ונתנה־תוקף
אוריעל	אוריאל
איבער־יאָר	עיבור־יאָר
איוורע	עברי
אייגל	עגל
איידע	עדה
איידעס	עדות
אייווער	אבר (איבר)
אייכעס	איכות
אייל מאָלע ראַכמים	אל מלא רחמים
איימע	אימה
איימעס־מאָוועס	אימת־מות
איינבריירע	אין ברירה
איינהאָרע (נעהאָרע)	עין־הרע
איינסאָף	אין־סוף
אייסעק	עסק
אייצע	עצה
איירעוו	עירוב
איישלאָווע	אש להבה
איישעס־איש	אשת איש
איישעס כאַיל	אשת חיל
אילע	עילוי (עלוי)
אימקיין	אם כן
אינוים	עינויים
איניען	ענין
איסער (נאָמען)	איסר
איסער (פאַרבאָט)	איסור
איסרעכאַג	אסרו־חג
איפעש	עיפוש
איקער	עיקר
איר (חודש)	אייר
אישע	אשה
אַבע	אַבא
אַגאַדעטע	אַגדתא

אַגאָדע	אַגדה
אַגודע	אַגודה
אַגודעס-ייִסראָעל	אַגודת-ישראל
אַגונע	עגונה
אַגמעס-נעפעש	עגמת-נפש
אַגעוו	אַגב
אַגעוו-אורכע	אַגב-אורחא
אַדאָמע	אַדמה
אַדהאַיעם	עד-היום
אַדעראַבע	אַדרבא.
אַוואַדע	אַוודאי
אַוואַיע	העוויה
אַוובעז(ד)ן	אַב-בית-דין
אַוונידע	עבודה
אַוווידע-זאָרע	עבודה-זרה
אַוויגדער	אַביגדור
אַווײדע	אַבידה
אַווײלעס	אַבלות
אַווײרע, נעווײרע	עבירה
אַוויר	אַוויר (אַויר)
אַווראָם	אַברהם
אַזהאָרע	אַזהרה (הזהרה)
אַזעספּאָנעם	עזות-פּנים
אַזקאָרע	אַזכּרה, הזכּרה
אַזריעל	עזריאל
אַכאַד-האָאָם	אַחד-העם
אַכאַשווײרעש	אַחשורוש
אַכבעראָש	עכבּרוש
אַכדעס	אַחדות
אַכוץ	אַחוץ
אַכזאָריעס	אַכזריות
אַכזער	אַכזר
אַכיינו בּנײ-ייִסראָעל	אַחינו בּני ישראל
אַכילע	אַכילה
אַכלען	אַכלען
אַכסאַניע	אַכסניא
אַכער-האַמײסע	אַחר-המעשה
אַכראַיעס	אַחריות
אַכרוין (אַכרען)	אַחרון
אַכרײ קיכלעס האַקל	אַחרי כּכלות הכּל

אַלײלעס-דאַם	עלילת-דם
אַליע	עליה
אַלכעט	על-חטא
אַלמאָנע	אַלמנה
אַלמען	אַלמן
אַלעמאַי (אַלמײ)	אַלמאַי (הלמאַי)
אַלעף (א)	אַלף
אַלעפבײס	אַלף-בּית
אַלעקסאַנדער	אַלכּסנדר
אַלפּי	על-פּי
אַלפּײ-אַלאָפּים	אַלפי-אַלפים
אַלקאָלפּאָנעם	על-כּל-פּנים
אַלקײן (אַלקן)	על-כּן
אַם-האַסײפער	עם-הספר
אַמאָרעץ	עם-הארץ
אַמוירע	אַמורא
אַמכאָ	עמך
אַמנען	אַמנון
אַמעד-אײש	עמוד-אש
אַמעד-אָנען	עמוד-ענן
אַמעראַצעס	עם-הארצות
אַנאָע (האַנאָע)	הנאה
אַנדרויגענעס	אַנדרוגינוס
אַנוסים	אַנוסים
אַנטיאָכעס	אַנטיוכוס
אַני-האַקאָטן	אַני הקטן
אַני-מאַמין	אַני-מאַמין
אַני שלוימע	אַני שלמה
אַניוועס	עניוות
אַניעס	עניות
אַנשײ שלוימײנו	אַנשי שלומינו
אַסאַך	אַסך
אַסיפע	אַסיפה
אַסנע	אַסנה
אַסערן	אַסרן
אַסקן	עסקן
אַפּאָטראָפּסעס	אַפּוטרופּסות
אַפּאָטראָפּעס	אַפּוטרופּוס
אַפּאָנעם	אַפּנים
אַפּויטיקע (פּויטיקע)	אַפּותיקי

אַפּיטראָפּסעס	אַפּיטרופּסות
אַפּיטראָפּעס	אַפּיטרופּוס
אַפּיקאָרסעס	אַפּיקורסות
אַפּיקוירעס	אַפּיקורס
אַפּשיטע	אַפּשיטא
אַפּילע	אַפּילו
אַפּיקוימען	אַפּיקומן
אַקאָרע	עקרה
אַקדאָמעס	אַקדמות
אַקיצער	אַקיצור
אַקלאַל	הכלל (אַכּלל)
אַקשאָנעס	עקשנות
אַקשן	עקשן
אַרבע מיסעס	אַרבע מיתות
בעז(ד)ן	בית-דין
אַרבע פּינעס	אַרבע פּינות
האָאוילעם	העולם
אַרבעקאַנפעס	אַרבע-כּנפות
אַרבע קויסעס	אַרבע כּוסות
אַרורע	אַרורה
אַרייוועס (אַרוועס)	ערבות
אַריכעס	אַריכות
אַריכעס-יאָמים	אַריכות-ימים
אַריע	אַריה
אַרן	אַהרון, אַהרן
אַשירעס	עשירות
אַשמעדאַי	אַשמדאַי
אַשער-יאָצער(ל)	אַשר-יצר(ל)
אַשפּע	אַשפּה
אַשקענאַזים	אַשכּנזים
אַשקענאַזיש	אַשכּנזיש
אַשקענעז	אַשכּנז
אַשריי	אַשרי
אָדן	אָדון
אָדעם האָרישן	אָדם הראשון
אָדער	אָדר
אָוו	אָב
אָוול	אָבל
אָוועס	אבות
אָווער	עבר

אָל (יאָך)	עול
אָלעוו-האַשאָלעם	עליו-השלום
אָמיין	אמן
אָמעד	עמוד
אָנעוו	ענו (ענו)
אָס	אות
אָסיד	עתיד
אָסער	אסור
אָף	עוף
אָרל (ערל)	ערל
אָרן	אָרון
אָרן-קוידעש	אָרון-קודש
אָרע-מיקלעט	ערי-מקלט
אָרעוו [זיין]	ערב
אָרצע	אָרצה
אָשער	אָשר
באַדכאָנעס	בדחנות
באַדכן	בדחן
באַדקען(נען)	בדקען(נען)
באַטלאָנעס	בטלנות
באַטלען (סובסטאַנטיוו)	בטלן
באַטלען (ווערב)	בטלען
באַל-אַוויירעניק	בעל-עבירהניק
באַל-אייצע	בעל-עצה
באַלאָנעס	בעלנות
באַל-גייווע	בעל-גאווה
באַל-דאַרשן	בעל-דרשן
באַל-דאָווער	בעל-דבר
באַל-דייע	בעל-דעה
באַל-דין	בעל-דין
באַל-טויווע	בעל-טובה
באַל-יויוול	בעל-יובל
באַל-יויעץ	בעל-יועץ
באַל-כאַי	בעל-חי
באַלכויוו	בעל-חוב
באַלמויפעס	בעל-מופת
באַלמעלאָכע	בעל-מלאכה
באַלן	בעלן
באַל-סימכע	בעל-שמחה

באַלעבאָס	בעל-הבית
באַלעגאָלע	בעל-עגלה
באַלפּע	בעל-פה
באַלשעם	בעל-שם
באַסיע	בתיה
באַסיעכידע	בת-יחידה
באַסמאַלקע	בת-מלכה
באַסקאָל	בת-קול
באַסשעווע	בת-שבע
באַקאָשע	בקשה
באַקל-מיקל-קאָל	בכל-מכל-כל
באַרדאַאַס	בר-דעת
באַ(אַ)ריכעס	באריכות
באַרמיצווע	בר-מצווה
באַרמענען	בר-מינן
באַרסאַמכע	בר-סמכא
באַרקאָכבע	בר-כוכבא
באַשער	באשר
באַשער-בעכען	באשר-בכן
באַגרעס	בוגרת (בגרות)
באָוול	בבל
באָוועמייסע (באָבע-מייסע)	בבא-מעשה
באָטל	בטל
באָכער	בחור
באָלעק	בלק
באָסער-וועדאָם	בשר-ודם
באָקע (באָקי)	בקי
באָרוך-האַבאָ	ברוך-הבא
באָרכאַבע	ברוך-הבא
באָרעך	ברוך
באָרעך-האַשעם	ברוך-השם
באָרערעס	בוררות
בגידע	בגידה
בויגעד (זיין)	בוגד
בוידעק (זיין)	בודק
בוילעט	בולט
בוירע	בורא
בוירע-אוילעם	בורא-עולם
בוירער	בורר

בושע	בושה
ביגדע-מאַלכעס	בגדי-מלכות
ביגנייווע	בגניבה
ביזאָיען	בזיון
ביטאָכן	ביטחון (בטחון)
ביטועך (בעטועך)	בטוח
ביטל	ביטול
ביטנאַי (ביטנײַ)	בתנאי
ביין-האַשמאָשעס	בין-השמשות
ביינע-לעביינע	בינו-לבינו
בייס (ב)	בית
בייס (בעייס)	בעת
בייס-אוילעם	בית-עולם
בייסאַלמען	בית-עלמין
בייס-האַמיקדעש	בית-המקדש
בייס-האַמעדרעש	בית-המדרש
בייס-האַקוואָרעס	בית-הקברות
בייס-האַקיסע	בית-הכסא
ביכדיי	בכדי
ביכלאַל	בכלל
בילבל	בלבול
בילעם	בלעם
בימזעמאָנים	במזומנים
בימע	בימה
בימקעם	במקום
ביניאָמין	בנימין
ביניען	בנין
ביעכוילעס	ביכולת
ביעכידעס	ביחידות
ביערושע	בירושה
ביפּראַט	בפרט
ביקער-כוילים	ביקור-חולים
בישכיינעס	בשכנות
בישליימעס	בשלימות
בכאָר	בכור
בכוירע	בכורה
בלוי-גוזמע	בלא-גוזמא
בלי-ניידער	בלי נדר
בלי-סאָפיק (סאָפעק)	בלי ספק
בסאָמים	בשמים

בסולע	בתולה
בסורע	בשורה
בעאיין-אויפן	באין-אופן
בעאייס (בייס)	בעת
בעאיקער	בעיקר
בעגעד (ווערן)	בגד
בעדאַלעס (זיין)	בדלות
בעדייע	בדעה
בעדילעדאַל (ווערן)	בדילי-דל
בעדערעך קלאַל	בדרך כלל
בעהאַדראָגע	בהדרגה
בעהאָלע	בהלה
בעהיימע	בהמה
בעהעסקעם	בהסכם
בעז(ד)ן	בית-דין
בעזאָל	בזול
בעזיל-האַזאָל	בזיל-הזול
בעזילע-זאָל	בזילי-זול
בעזע-האַלאָשן	בזה הלשון
בעטועך (זיין)	בטוח
בעטמימעס	בתמימות
בעטעווע	בטבע
בעכאָצע-כינעם	בחצי-חינם
בעכוש	בחוש
בעכיין (בעכען)	בכן
בעכיירעם	בחרם
בעכינעם	בחינם
בעלוי-גוזמע	בלא-גוזמא
בעלי-ניידער	בלי נדר
בעלי-סאָפיק (סאָפעק)	בלי ספק
בעמיילע	במילא
בעמעשעך	במשך
בען	בן
בען-איר	בן-עיר
בען-באַיס	בן-בית
בען-טוירע	בן-תורה
בען-יאָכיד	בן-יחיד
בענויגייע	בנוגע
בענימעס	בנעימות
בענימצע	בנמצא

בענעמאָנעס	בנאמנות
בענציען	בן-ציון
בעסאָד	בסוד
בעסאָד-סוידעס	בסוד-סודות
בעסויכאָם	בתוכם
בעסוילעם	בית-עולם
בעסמעדרעש	בית-מדרש
בעסעכאַקל	בסך-הכל
בעעמעס	באמת
בעערעך	בערך
בעפיירעש	בפירוש
בעפרעסיע	בפרהסיא
בעצאַלעל	בצלאל
בעציבער	בציבור
בעקאַוואָנע	בכוונה
בעקאָוועד	בכבוד
בעקאָוועד גאָדל	בכבוד גדול
בעקאָרעוו	בקרוב
בעקויעך	בכוח
בעקיוון	בכיוון
בעקיצער	בקיצור
בעראָש	בראש
בעריע	בריה
בעשאַטוי	בשעתו
בעשאָס	בשעת
בעשאָס-מייסע	בשעת-מעשה
בעשאָלעם	בשלום
בעשוטפעס	בשותפות
בעשום-אויפן	בשום אופן
בעשטיקע	בשתיקה
בראַכיע	ברכיה
בראָכע	ברכה
בראָכע לעוואַטאָלע	ברכה לבטלה
ברואים	ברואים
ברויגעז	ברוגז
ברייִרע	ברירה
בריס	ברית
בריע	בריאה

גאַבאָעס	גבאות
גאַבע	גבאי
גאַדלען	גדלן
גאַדלעס	גדלות
גאַווריעל	גבריאל
גאַוורען	גברן
גאַזלאָנעס	גזלנות
גאַזלען	גזלן
גאַזלענען	גזלנען
גאַלעך	גלח
גאַם-אַטעם	גם-אתם
גאַנווענען	גנבענען
גאַנײדן	גן-עדן
גאַנעוו	גנב
גאַשמיעס	גשמיות
גאָג-מעגאָג	גוג-ומגוג
גאָדל	גדול
גאָלעס	גלות
גאָען	גאון
גאָרעש	גרוש
גדאַליע	גדליה
גדולע (געדולע)	גדולה
גוורע (געוורע)	גבורה
גוויר (געוויר)	גביר
גוזמע	גוזמא
גויווער זײַן	גובר
גויזער זײַן	גוזר זיין
גוילעם	גולם
גוימל (בענטשן)	גומל
גויסעס	גוסס
גויסעסן	גוססן
גויעל	גואל
גוירל	גורל
גוירעם זײַן	גורם זיין
גוישן	גושן
גולע (געולע)	גאולה
גוף	גוף
גופע	גופא
גזאַר	גזר
גזײלע	גזילה
גזײרע	גזירה
גיבער	גיבור
גײווע (גאַיווע)	גאווה
גילגל	גלגול (גילגול)
גימאַטריע	גימטריא
גימל (ג)	גימל
גמילעס-כעסעד	גמילת-חסד
גנײווע	גניבה
גסיסע (געסיסע)	גסיסה
געאולע	גאולה
געדולע (גדולע)	גדולה
געוורע (גוורע)	גבורה
געוויר (גוויר)	גביר
געט	גט
געטן (זיך)	גטן
געמאַטריע	גמטריא
עמאָרע	גמרא
ענעם (געענעם)	גיהנום (גיהנם)
ער	גר
ערשן	גרשון
רושע	גרושה
דאַבערן	דברן
דאַווקע	דווקא
דאַיען	דיין (דין)
דאַכקעס	דחקות
דאַלעד (ד)	דלת (דלד)
דאַלעד אַמעס	דלת (דלד) אמות
דאַלעס	דלות
דאַלפן	דלפן
דאַם-סוינע	דם-שונא
דאַס	דת
דאַרדעקע-מעלאַ-מעד	דרדקי-מלמד
דאַרשענען	דרשענען
דאָוו	דוב
דאָוויד	דוד (דויד)
דאָווער-אַכער	דבר-אחר
דאָן	דן
דאָניעל	דניאל

רדאָ	דור
דאָר־האַפּלאָגע	דור־הפלגה
דאָרעם	דרום
דוואָרים בעטיילים	דברים בטלים
דווירע	דבורה
דווייקעס	דביקות
דויכעק	דוחק
דוירעס (זיין)	דורס
דוכענען	דוכנען
דיבעק	דיבוק
דיבער	דיבור
דייע	דעה
דייגע (דאַיגע)	דאגה
דייגען (דאַיגען)	דאגהן
דימיען	דמיון
דין	דין
דין־וועכעשבן	דין־וחשבון
דין־טוירע	דין־תורה
דינע	דינה
דיקדעק	דקדוק
דירע	דירה
דעהיינע	דהיינו
דערעך	דרך
דערעך־אַגעוו	דרך־אגב
דערעך־ערעץ	דרך־ארץ
דראָשע	דרשה
דריסעס־האָרעגל	דריסת הרגל
האַגאַם	הגם
האַגאַנאַ	הגנה
האַגאָדע	הגדה
האַדאַסע	הדסה
האַדרעס־פּאָנעם	הדרת־פנים
האוואַיע	העוויה
האַוודאָלע	הבדלה
האַווטאָכע	הבטחה
האַוואָרע	הברה
האַזקאָרע	הזכרה
האַזקאָרעס־נעשאָמעס	הזכרת־נשמות

האַטיקווע	התקוה
האַיטאָכן	היתכן
האַכאָנע	הכנה
האַכנאָסע	הכנסה
האַכנאָסעס־אָרכים	הכנסת אורחים
האַכנאָע	הכנעה
האַלבאָשע	הלבשה
האַלוואָע	הלוואה
האַלעוואַי (האַלוויי)	הלוואי
האַמוין	המון
האַמצאָע	המצאה
האַנאָע	הנאה
האַנהאָגע	הנהגה
האַנאָכע	הנחה
האַסאָגע	השגה
האַסאָפע (הויסאָפע)	הוספה
האַסכאָלע	התחלה
האַסמאָדע	התמדה
האַסקאָלע	השכלה
האַסקאָמע	הסכמה
האַסראָע	התראה
האַפסאָקע	הפסקה
האַצלאָכע	הצלחה
האַקדאָמע	הקדמה
האַקכאָשע	הכחשה
האַקל	הכל
האַקל־באַקל	הכל־בכל
האַרגענען	הרגענען
האַריגע	הריגה
האַשאָמער האַצאַיר	השומר הצעיר
האַשאָרע	השערה
האַשגאָכע	השגחה
האַשעם־ייסבאָרעך	השם־יתברך
האַשפּאָע	השפעה
האָדעס	הדס
האָזע	העזה
האָמען	המן
האָמען האָראָשע	המן הרשע
הויווע	הווה (הוה)
הוילעך	הולך

הויסאָפּע	הוספה
הויצאָע	הוצאה
הוירעג	הורג
הוישאַנע-ראַבע	הושענא-רבה
היי (ה)	הא
הייפּעך	היפך
הילכעס	הלכות
הילעך	הילוך
הילעל	הלל
היסטאַדרוט	הסתדרות
היסכאַייוועס	התחייבות
היסלאַוועס	התלהבות
היספּיילעס	התפעלות
היצטאַרכעס	הצטרכות
הישטאַדלעס	השתדלות
העוול	הבל
העוול-האַוואָלים	הבל-הבלים
העזעק	היזק (הזק)
העטער	היתר (התר)
העיויס	היות
העכשער	הכשר
העמשעך	המשך
הען	הן
העסעבעט	הסב-בעט
העספּעד	הספד
העסקעם	הסכם
העפקיירעס	הפקרות
העפקער	הפקר
העקדעש	הקדש
הערגל	הרגל
הערעף-אַיען	הרף-עין
וואַד	וועד
וואַטראָנעס	ותרנות
וואַטרען	ותרן
וואַיוורעך	ויברח
וואַיצאַקו	ויצעקו
וואַשטע	ושתי (ושתי)
וואָוו (ו)	ו (וואו)
ווידע	ווידוי

וויטער	וויתור (ויתור)
ווישעט	וושט
וויזאָסע (ווייזאָסאָ)	ויזתא
וויקועך	וויכוח
זאַיען (ז)	זין
זאַל	ז"ל
זאַלמען	זלמן
זאָכיעס	זכיות
זאָכער	זכר
זאָל	זול
זאָקן	זקן
זאָרעך	זרת
זוגאָסי	זוגתי
זווּלן	זבולון
זויהאַר	זוהר
זויכע (זיין)	זוכה
זוילעל-וועסויווע	זולל-וסובא
זיוועג	זיווג
זייוו (זעוו)	זאב
זייכער	זכר
זיכרוינאָ ליווראָכע	זכרונה לברכה
זיכרוינע ליווראָכע	זכרונו לברכה
זיכרוינעס	זכרונות
זילזולים	זלזולים
זיקאָרן	זכרון (זיכרון)
זכאַריע	זכריה
זכוס	זכות
זכוס-אָווועס	זכות-אָבות
זכוסע יאָגן	זכותו יגן
זכיע	זכיה
זמאַן	זמן
זמירעס	זמירות
זעוו (זייוו)	זאב
זעמער	זמר
זערעש	זרש
זקיינע	זקנה
זרובאָוול	זרובבל
זריע	זריעה

טאַהאָרע	טהרה
טאַכבולע	תחבולה
טאַכטוינים	תחתונים
טאַכלעס	תכלית
טאַכלעס-סינע	תכלית-שנאה
טאַכסיסיי-מילכאָמע	תכסיסי-מלחמה
טאַכריכים	תכריכים
טאַכשיט	תכשיט
טאַל-אומאָטער	טל-ומטר
טאַליען	תלין
טאַלמוד	תלמוד
טאַלמוד-טוירע	תלמוד-תורה
טאַלמיד	תלמיד
טאַלמיד כאָכעם	תלמיד חכם
טאַלמידע	תלמידה
טאַלעס	טלית
טאַלעס-קאָטן	טלית-קטן
טאַם (נאַיוו)	תם
טאַם (געשמאַק)	טעם
טאַמעז	תמוז
טאַמציס	תמצית
טאַנאַך (טענאַך)	תנ״ך
טאַנכעם	תנחום
טאַנע	תנא
טאַקאָנע	תקנה
טאַקעף	תקיף
טאַקיפעס (טקיפעס)	תקיפות
טאַרבעס (טאַרבוט)	תרבות
טאַרגעם	תרגום
טאַרגעם-לאָשן	תרגום-לשון
טאַרומעס	תרעומות
טאַרפעס	טרפות
טאָך	תוך
טאָכעס	תחת
טאָך-קעדיי-דיבער	תוך-כדי-דיבור
טאָמיד	תמיד
טאָמע	טמא
טאָמער (נאָמען)	תמר
טאָנעס	תענית
טאָעס	טעות

טאָפל	טפל
טוווע	תבואה
טווילע	טבילה
טוויע	תביעה
טוויעס-אַין	טביעת-עין
טויהע-וואָוויהע (טויהו-וואָוויהו	תוהו-ובוהו
טויוויע	טוביה
טויוולען	טובלען
טויווע	טובה
טויכעכע	תוכחה
טויע (זיך — זיין)	טועה
טויעם (זיין)	טועם
טויפעס (זיין)	תופס
טוירע	תורה
טוירעס-מוישע	תורת-משה
טוישעוו	תושב
טומע	טומאה
טיטעס	טיטוס
טייווע	תיבה
טייוועס	טבת
טייקעף	תיכף
טייווע (טאַיווע)	תאוה
טייניג (טאַיניג)	תענוג
טיינע (טאַינע)	טענה
טיינע-ומיינע	טענה-ומענה
טיינען (טאַינען)	טענהן
טילים (טילעם)	תהילים
טינויפעס	טינופת
טינעף	טינוף
טיפעש	טיפש
טיפשע	טיפשה
טיפשעס	טיפשות
טיקן	תיקן
טיקן-טאָעס	תיקן-טעות
טירכע (טערכע)	ט(י)רחה, ט(י)רחא
טישבוירעס	תשבורת
טישעבאָוו	תשעה-באב
טישרע	תשרי
טכום	תחום

טכיילעס	תכלת
טכילעס	תחילת
טכינע	תחינה
טכיעס-האַמייסים	תחית-המתים
טליע	תליה
טמונעס-אָס	תמונת-אות
טמייאים	טמאים
טמימעס	תמימות
טנאַי	תנאי
טנאָים	תנאים
טנועע	תנועה
טעהאָם	תהום
טעווע	טבע
טעל	תל
טעל-אַביב	תל-אביב
טעל-אוילאָם	תל-עולם
טענאַך	תנ״ך
טעס (ט)	טית
טעפעך	טפח
טערכע (טירכע)	ט(י)רחה, ט(י)רחא
טערעך	תרח
טערעץ	תירוץ
טעשלעך (טאַשליך)	תשליך
טפילן	תפילין
טפילע	תפילה
טפיסע	תפיסה
טקומע	תקומה
טקופע	תקופה
טקיע	תקיעה
טקיעס-קאַף	תקיעת-כף
טקיפעס (טאַקיפעס)	תקיפות
טרופע	תרופה
טרייף (טרייפע)	טריף (טריפה)
טשוווע	תשובה

*אַבאָשע	יבשה
יאַד	יד
יאַד-אַכעס	יד-אחת
יאַדן	ידען
יאַוונע	יבנה

יאַכסן	יחסן
יאַם	ים
יאַנקעוו	יעקב
יאַקרעס	יקרות
יאַרדן	ירדן
יאַריד (יעריד)	יריד
יאַרשענען	ירשענען
יאַשער-קויעך (שעקויעך)	יישר-כוח
יאָגן-וואַנאָכע	יגון ואנחה
יאָדוע	ידוע
יאָוון	יוון
יאָכיד	יחיד
יאָם-האַדין	יום הדין
יאָם-וועליילע	יום-ולילה
יאָם-קיפער	יום-כפור
יאָמים נעראָים	ימים נוראים
יאָנטעוו	יום-טוב
יאָסעם	יתום
יאָסעף	יוסף
יוד (י)	יוד
יודע (יעהודע)	יהודה
יודעס	יהודית
יוידייע (יוידע) טייפער	יודע ספר
יויוול	יובל
יויכעוועד	יוכבד
יויכענען	יוחנן
יוינע	יונה
יוינעסן	יונתן
יויסעף (יאָסעף)	יוסף
יויעל	יואל
יויצע (זיין)	יוצא
יויצע וועניכנעס	יוצא ונכנס
יוצרעס	יוצרות
יוירעד	יורד
יוירעש	יורש
יוירעשטע	יורשטע
יוישער	יושר
ייזקער	יזכור

ייִעש (jejesh, jiesh)	יאוש
ייִצער-הָרע (jejcer-hore)	יצר-הרע
ייִצער-טאָוו	יצר-טוב
ייִכעס	יחוס
ייִסראָעל	ישראל
ייִסרע	יתרו
ייִצכאָק	יצחק
ייִרגאָזן	ירגזון
ייִרמיִע (יערמיִע)	ירמיה
ייִרע	יראה
ייִרעס-האַקאָוועד	יראת-הכבוד
ייִשעוו	ישוב
ייִשעוו-האַדאַאַס	ישוב-הדעת
ייִשעוון (זיך)	ישובן
יעדיד	ידיד
יעדידיִע	ידידיה
יעדיִע	ידיעה
יעהודע (יודע)	יהודה
יעכיִעל	יחיאל
יעכעזקל	יחזקאל
יעלאָלע	יללה
יעלעד	ילד
יעמאַך-שעמוי (שעמאָ)	ימח-שמו (שמה)
יעניקע	יניקה
יעסאָד	יסוד
יעסוימע	יתומה
יעסורים	יסורים
יעפייפיע	יפהפיה (יפיפיה)
יעציִעת-נעשאָמע	יציאת-נשמה
יעקאַר-האַמציִעס	יקר-המציאות
יעקוסיִעל (קסיל)	יקותיאל
יערושאָלאַיִם	ירושלים
יערושע	ירושה
יעריד	יריד
יערידע	ירידה
יעריי-שאָמאַיִם	ירא-שמים
יערמיִע	ירמיה

יעש	יש
יעשאַיִע	ישעיה
יעשוע (נאָמען)	יהושע
יעשוע (הילף)	ישועה
יעשיווע	ישיבה

כאַד-גאַדיִע	חד-גדיא
כאַווע	חוה (חווה)
כאַווער	חבר
כאַווערטאָרין	חברטאָרין
כאַווערטע	חברטע
כאַווערן (זיך)	חברן
כאַווערשאַפט	חברשאַפט
כאַזאָנעס	חזנות
כאַזאָקע	חזקה
כאַזן	חזן
כאַזנטע	חזנטע
כאַזער	חזיר
כאַזערן	חזרן
כאַי (כיי)	חי
כאַי-וועקאַיאָם	חי-וקים
כאַיונע	חיונה
כאַיל (כייל)	חיל (חייל)
כאַיע	חיה
כאַיע ראָע	חיה רעה
כאַיעוו	חייב
כאַיעם (כאַים)	חיים
כאַיעס	חיות
כאָכאָמע (כאָכיימע)	חכמה
כאָכיימעסטע	חכמתטע
כאַלאָים	חלאים
כאַלאַס	חלאת (חולאת)
כאַלאָשעס	חלשות
כאַלוקע	חלוקה
כאַלע	חלה
כאַלעמויעד	חול-המועד
כאַלעף	חלף
כאַלעשן	חלשן
כאַמויר (כאַמער)	חמור

כאַמישאַסער־בישוואַט	חמשה־עשר־בשבט
כאַנוקע	חנוכה
כאַניפע (כניפע)	חניפה
כאַנע	חנה
כאַנפענען	חנפענען
כאַסוועכאָלילע	חס־וחלילה
כאַסוועשאָלעם	חס־ושלום
כאַסמענען	חתמענען
כאַסענע	חתונה
כאַקרען	חקרן
כאַקרענען	חקר(ע)נען
כאַראָטע	חרטה
כאַרויסעס (כרויסעס)	חרוסת
כאַריף	חריף
כאַריפעס (כריפעס)	חריפות
כאַרפע	חרפה
כאָגע	חגא
כאָכמע	חכמה
כאָכמען (זיך)	חכמהן
כאָכעם	חכם
כאָכעם באַליילע	חכם בלילה
כאָלילע	חלילה
כאָלילע־וועכאַס	חלילה־וחס
כאָלעם	חלום
כאָלעמען	חלומען
כאָלעץ	חלוץ
כאָמעץ	חמץ
כאָנע	חנא
כאָסיד	חסיד
כאָסן	חתן
כאָסער	חסר
כאָסערדייע (כסאַרדייע)	חסר־דעה
כאָרבן (כורבן)	חורבן (חרבן)
כאָרווע (כורווע)	חורבה
כאָרעוו	חרוב
כאָשעוו	חשוב
כוט־האַשעדרע	חוט־השדרה
כוידעש	חודש

כויוו	חוב
כויזק	חוזק
כויזעקן	חוזקן
כויזער (זיין)	חוזר
כויטעבייגל (זיין)	חוטא־בעגל
כוילע	חולה
כוילעוואַטע	חולהוואַטע
כוילע־נויפל	חולה־נופל
כוילעם (ו)	חולם
כוינעף	חונף
כויקער וועדוירעש (זיין)	חוקר ודורש
כוישעד (זיין)	חושד
כוישעך	חושך
כוכע־טלולע	חוכא־טלולא
כומעש	חומש
כופע	חופה
כוץ	חוץ
כוץ־לאָאָרעץ	חוץ־לארץ
כוצפע	חוצפה
כורבן	חורבן
כורווע	חורבה
כוש	חוש
כיבעט האַקייווער	חיבוט הקבר
כיבער	חיבור
כידעש	חידוש
כידעשן (זיך)	חידושן
כיידער	חדר
כיילעוו	חלב
כיילעק	חלק
כיין	חן
כיינדלען (זיך)	חנדלען
כיינעוודיק	חנעוודיק
כייפעץ	חפץ
כיירעם	חרם
כיישעק	חשק
כיי (כאַי)	חי
כילוקע־דייעס	חילוקי־דעות
כילעל־האַשעם	חילול־השם
כילעק	חילוק

כיסאָרן	חיסרון (חסרון)
כיסער	חיסור
כיעוו	חיוב
כיעס (כאַיעס)	חיות
כיריק (.)	חיריק
כניפע	חניפה
כסאַר-דייע	חסר-דעה
כסידיש	חסידיש
כסידעס	חסידות
כסימע	חתימה
כעוורע	חברה
כעוורע-קאַדישע	חברה-קדישא
כעט	חטא
כעס (ח)	חית
כעסעד	חסד
כעקירע (כקירע)	חקירה
כערבן (כורבן)	חורבן
כערווע (כורווע)	חורבה
כעריפעס (כריפעס)	חריפות
כעשבן	חשבון
כעשוון	חשון (חשוון)
כצאָס	חצות
כצופע	חצופה
כקירע	חקירה
כרויסעס (כאַרויסעס)	חרוסת
כריפעס	חריפות
כשאַד	חשד
כשיוועס	חשיבות

לאַגבוימער	ל"ג-בעומר
לאַוודאַווקע	לאוו-דווקא
לאַזאָזל	לעזאזל
לאַיודים	ליהודים
לאַכלוטן	לחלוטין
לאַמדן	למדן
לאַמעד (ל)	למד
לאַמעד-וואָווניק	למד-ואָוניק (למד-וווניק)
לאַקכענעןן	לקחנען
לאָוון-האַראַמי	לבן-הארמי
לאָמדים	לומדים
לאָעט (לאָהעט)	להוט
לאָשן	לשון
לאָשן-האָרע	לשון-הרע
לאָשן-קוידעש	לשון-קודש
לוי-אַלייכעם	לא-עליכם
לוי-אָליינו	לא-עלינו
לוי-דיי (לוי-דאַי)	לא-די
לויווע	לווה
לוי-יוצלעך (לוי-ייצלעך)	לא-יוצלח (לא-יצלח)
לוכעס	לוחות
לולעוו	לולב
לועך	לוח
ליגנאַי	לגנאי
ליוויאָסן	לויתן
לייווי	לוי
לייע	לאה
ליליס	לילית
לימעד	לימוד
ליקע-כאַמע	ליסוי-חמה
ליקע-לעוואָנע	ליקוי-לבנה
לישמאָ	לשמה
לעאיבעד	לאיבוד
לעאייסאַטע	לעת-עתה
לעגאַבע	לגבי
לעגאַמרע	לגמרי
לעגבוימער	ל"ג-בעומר
לעהאַבע	להבא
לעהאַוודל	להבדיל
לעהאַכעס	להכעיס
לעהייפעך	להיפך
לעוואַיע	לוויה
לעוו	לב
לעוואָוועס	לבבות
לעוואָנע	לבנה
לעטויווע	לטובה
לעטויוועס	לטובת
לעכאַטכילע	לכתחילה
לעכאַים	לחיים

לעכאָל־האַדייעס	לכל־הדעות
לעכאָל־האַפּאָכעס	לכל־הפחות
לעכעם	לחם
לעמאַי (לעמיי)	למאי
לעמאַזל	למזל
לעמאַן־האַשעם	למען־השם
לעמאָשל	למשל
לעמעך	למך
לעסאַטע	לעת־עתה
לעסאָף	לסוף
לעס־ברייִרע	לית־ברירה
לעס־דאַיען	לית־דיין
לעס־דין	לית־דין
לעערעך	לערך
לעפּאָכעס	לפחות
לעפאָנעם	לפנים
לעפי־ערעך	לפי־ערך
לעץ	לץ
לעצאָנעס	לצנות
לעצן	לצן
לעקאָוועד	לכבוד
לעראָוו	לרוב
לעראָצע	לרצה
לעשעם	לשם
מאַבל	מבול
מאַגיד	מגיד
מאַגייפע	מגפה
מאַגעמאַסע	מגע־ומשא
מאַדאַנע האַמעלעך	מעדני־המלך
מאַדאָך	מה־דאָך
מאַדרייגע	מדרגה
מאַדריך (זיין)	מדריך
מאַהאַלעך	מהלך
מאַהוס (מאָהוס)	מהות
מאַווטיעך (זיין)	מבטיח
מאַזיק	מזיק
מאַזיקן	מזיקן
מאַזל	מזל
מאַזלטאָוו	מזל־טוב
מאַזקיר נעשאָמעס	מזכיר נשמות
מאַ־טאָוו	מה־טוב
מאַטאָנע	מתנה
מאַטבייע	מטבע
מאַטיסיאָהו	מתתיהו
מאַטיר (זיין)	מתיר
מאַטיר ניידער (זיין)	מתיר נדר
מאַטמען	מטמון
מאַטן־טוירע	מתן־תורה
מאַטנעס־כינעם	מתנת־חינם
מאַטנעס־יאַד	מתנת־יד
מאַטעס	מתת(יהו)
מאַטריעך (זיין)	מטריח
מאַיאָפּעס	מה־יפית
מאַיאָפּעסניק	מה־יפיתניק
מאַים־אַכרוינים	מים־אחרונים
מאַכזיק (זיין)	מחזיק
מאַכזער	מחזור
מאַכטייסע	מהיכי־תיתי
מאַכטאָנעשאַפט	מחותנעשאַפט
מאַכטענעסטע	מחותנתטע
מאַכלויקעס	מחלוקת
מאַכלע	מחלה
מאַכמיר	מחמיר
מאַכמעד	מחמד
מאַכמעס	מחמת
מאַכנים־אוירעך	מכניס־אורח
מאַכנע	מחנה
מאַכרים (זיין)	מחרים
מאַכשאָווע	מחשבה
מאַכשייפע	מכשפה (מכשיפה)
מאַכשיר	מכשיר
מאַל[ע] (זיין)	מל
מאַלאַכיי־כאַבאָלע	מלאכי־חבלה
מאַלביש (זיין)	מלביש
מאַלבעש	מלבוש
מאַלווע	מלווה
מאַלכעס	מלכות
מאַלעגיירע (זיין)	מעלה גרה
מאַלעגיירען	מעלה־גרהן

מאַלעך	מלאך
מאַלעך־האַמאָוועס	מלאך־המות
מאַלקיעל	מלכיאל
מאַלקע	מלכה
מאַמאָשעס	ממשות
מאַמזיירעס	ממזרת
מאַמזער	ממזר
מאַמטאַקים	ממתקים
מאַמעש	ממש
מאַן (עסן)	מן
מאַניג	מנהיג
מאַ־נישטאַנע	מה־נשתנה
מאַנעלאָשן	מענה־לשון
מאַסיג (זיין)	משיג
מאַסמיד	מתמיד
מאַסע (לאַסט)	משא
מאַסעמאַטן	משא־ומתן
מאַסערן	מסרן
מאַספיד (זיין)	מספיד
מאַסקאָנע	מסקנה (מסקנא)
מאַסקיל	משכיל
מאַסקים (זיין)	מסכים
מאַסרע (זיין)	מתרה
מאַפאַי	מפא"י
מאַפאַם	מפ"ם
מאַפאָלע	מפלה
מאַפיל (זיין)	מפיל
מאַפילים (מאַאַ־פילים)	מעפילים
מאַפלען	מפילן
מאַפטיר	מפטיר
מאַפסיק (זיין)	מפסיק
מאַפקיר (זיין)	מפקיר
מאַצייווע	מצבה
מאַציל (זיין)	מציל
מאַצליעך (זיין)	מצליח
מאַצע	מצה
מאַצעוו	מצב
מאַקאַבי	מכבי
מאַקדים (זיך—זיין)	מקדים

מאַקי (פאַרטיי)	מק"י
מאַקע	מכה
מאַקעס־מעדינע	מכת־מדינה
מאַקעס־רעצעך	מכות־רצח
מאַקפיד (זיין)	מקפיד
מאַקריוו (זיין)	מקריב
מאַ־ראַש	מה־רעש
מאַרגאָליעס	מרגליות
מאַריש אוילעם (זיין)	מרעיש עולם
מאַרע	מראה
מאַרשאַעס (מירשאַס)	מרשעת
מאַשגיעך	משגיח
מאַשווע (זיין)	משווה
מאַשטין (זיין)	משתין
מאַשכיס	משחית
מאַשלים (זיין)	משלים
מאַשמאָעס	משמעות
מאַשפיע (זיין)	משפיע
מאַשקאָנטע (מאַכן)	משכנתא
מאַשקן	משכון
מאַשקע	משקה
מאָגן־דאָוויד	מגן־דוד
מאָהוס	מהות
מאָלע	מלא
מאָלע־כיין	מלא־חן
מאָלע־רעציכע	מלא־רציחה
מאָנע־יאָפע	מנה־יפה
מאָנע(פ)שעך	ממה־נפשך
מאָסער	מסור (מוסר, מסר)
מאָעס	מעות
מאָעס־כיטין	מעות־חיטין
מאָצע־שאַבעס	מוצאי־שבת
מאָקעם	מקום
מאָקעם מענוכע	מקום מנוחה
מאָקער	מקור
מאָרדכע	מרדכי
מאָרע־דעאַסרע	מרא־דאתרא
מאָרער	מרור
מאָרעשכוירע	מרה־שחורה

מאָשל	משל
מוטער	מותר
מוידיע (זיין)	מודיע
מוידע (זיין)	מודה
מוידע אומיסוואָדע (זיך—זיין)	מודה ומתודה
מויהעל (מויעל)	מוהל
מויכל (זיין)	מוחל
מויכער ספאָרים	מוכר ספרים
מוילעד	מולד
מויסיף (זיין)	מוסיף
מויסער מוידאָע (זיין)	מוסר מודעה
מויסער-נעפעש (זיין)	מוסר נפש
מויעך	מוח
מויפעס	מופת
מויציע	המוציא
מויריינו	מורנו
מוירע (שרעק)	מורא
מוירע-מערריינע	מורה-מורנו
מוירעד (זיין)	מורד
מוישל	מושל
מוישע	משה (מושה)
מוישע ראַביינו	משה רבנו
מוישעוו	מושב
מוישעוו-זקיינים	מושב-זקנים
מוכן-אומזומען	מוכן-ומזומן
מום	מום
מומכע	מומחה
מוסער	מוסר
מוסער-האַסקל (העסקל)	מוסר-השכל
מוסער-סייפער	מוסר-ספר
מוסערן	מוסרן
מופלעג	מופלג
מופקער	מופקר
מוצלעך	מוצלח
מוקצע	מוקצה
מושווע (ווערן)	מושווה (מושוה)
מושלעם	מושלם
מיבאָיס לעבאָיס	מבית לבית
מידבער	מדבר
מידע	מידה
מידעס-האַדין	מידת-הדין
מידעס-האַראַכמים	מידת-הרחמים
מיזבייעך	מזבח
מיזמער	מזמור
מיזראַכי	מזרחי
מיזרעך	מזרח
מיטע	מיטה
מייאיז פאָנעם (זיין)	מעיז פנים
מייוון	מבין
מייווּנטע	מבינטע
מייטיוו (זיין)	מטיב
מייכן (זיך – זיין)	מכין
מייכע-טייסע	מהיכא-תיתי
מייכעש	מיחוש
מיילע	מילא
מיילעך	מלך
מיימעסן	ממיתן
מייע	מאה
מייער	מאיר
מייכל (מאַיכל)	מאכל
מיילע (מאַילע)	מעלה
מיימין (מאַימין)	מאמין
מיימעד (מאַימעד)	מעמד
מיימער (מאַימער)	מאמר
מיינע (מאַינע)-לאָשן	מענה-לשון
מייסים (מאַיסים)	מעשים
מייסים-טויווים	מעשים-טובים
מייסע (מאַיסע)	מעשה
מייסע-ניסים	מעשה-נסים
מייסע-סאָטן	מעשה-שטן
מייסע-סדאָם	מעשה-סדום
מייסע-שעהאָיע	מעשה שהיה
מייסער (מאַיסער)	מעשר
מיירע (מאַירע)	מערה
מיירעוו (וייט)	מערב
מיירעוו (דאַוועגען)	מעריב

מיירעך (מאַירעך זיין)	מאריך
מיירעך יאָמים (זיין)	מאריך ימים
מי־יאָמעס	מי ימות
מי־ייכיע	מי יחיה
מי־יעדייע	מי יודע
מי־שעביירעך	מי־שברך
מיכאָעל	מיכאל
מיכיע (מעכיע)	מחיה
מיכשל	מכשול
מילכאָמע	מלחמה
מימיילע	ממילא
מין	מין
מין זאָכער	מין זכר
מין נעקייווע	מין נקבה
מינהעג	מנהג
מיניען	מנין
מינכע	מנחה
מינעסטאַם	מן־הסתם
מיס (מיעס)	מיאוס
מיסוואַדע (זיך—זיין)	מתודה
מיסטאַם	מסתם
מיסטאָמע	מסתמא
מיסיאַעש (זיך—זיין)	מתיאש
מיסכאַטן (זיך—זיין)	מתחתן
מיסכער	מסחר
מיסנאַגעד	מתנגד
מיסקאַנע (זיך—זיין)	מתקנא
מיסע	מיתה
מיסע מעשונע	מיתה־משונה
מיספאַלעל (זיין)	מתפלל
מיעט	מיעוט
מיצאַד	מצד
מיצווע	מצוה
מיצראַים	מצרים
מיקאַדמוינים	מקדמונים
מיקאָל־האַמינים	מכל־המינים
מיקאָלשקן	מכל־שכן
מיקווע	מקוה
מיקויעך	מכוח

מיקלוימערשט	מכלומרשט
מיקרע	מקרה
מירטשעם (מערצע־שעם)	אם ירצה השם
מיריעם	מרים
מירצעשעם	אים ירצה השם
מישטאַדל (זיך—זיין)	משתדל
מישלאַכעס	משלחת
מישליי	משלי
מישנאַיעס	משניות
מישנע	משנה
מישפּאָכע	משפחה
מישפּעט	משפט
מישקוילעס	משקולת
מעאייווער לעיאַם	מעבר לים
מעגאַדל (זיין)	מגדל
מעגאַזעם (זיין)	מגזם
מעגאַיער (זיך—זיין)	מגיר
מעגאַלע (זיין)	מגלה
מעגולגל (ווערן)	מגולגל
מעגושעם	מגושם
מעגילע	מגילה
מעדאַקדעק (זיין)	מדקדק
מעדינע	מדינה
מעדרעש	מדרש
מעהאַי טיימע	מהאַי טעמא
מעהאַלעך	מהלך
מעהאַנע (זיין)	מהנה
מעהומע	מהומה
מעהוס (מאָהוס)	מהות
מעובערעס	מעוברת
מעוואַזע (זיין)	מבזה
מעוואַטל (זיין)	מבטל
מעוואַיעש (זיין)	מביש
מעוואַער (זיין)	מבער
מעוואַקער כוילע (זיין)	מבקר חולה
מעווויעש (ווערן)	מבויש
מעווולבל (ווערן)	מבולבל
מעווינעס	מבינות

מעזאַלזל (זיין)	מזלזל
מעזאַקע (זיין)	מזכה
מעזוזע	מזוזה
מעזומען	מזומן
מעזוינעס	מזונות
מעטאַהער (זיין)	מטהר
מעטאַלטעלים	מטלטלים
מעטאַמע (זיין)	מטמא
מעטופל	מטופל
מעטורעף	מטורף
מעטושטעש (ווערן)	מטושטש
מעיאַעש (זיך—זיין)	מיאש
מעיאַשעוו (זיך — זיין)	מיישב (מישב)
מעיוכעס	מיוחס
מעיושעוו	מיושב
מעיעגיע (מיגיע)־קאַפּאָוו	מיגיע כפיו
מעכאַבל	מחבל
מעכאַבעד (זיין)	מכבד
מעכאַבער	מחבר
מעכאַדעש (זיין)	מחדש
מעכאַיע (זיך—זיין)	מחיה
מעכאַיע מייסים (זיין)	מחיה מתים
מעכאַיע נעפאָשעס	מחיה נפשות
מעכאַיעוו (זיין)	מחייב (מחיב)
מעכאַלעל (זיין)	מחלל
מעכאַפּער (זיין)	מכפר
מעכאַשעף	מכשף
מעכוטאָנעשאַפט	מחותנעשאַפט
מעכוטן	מחותן
מעכוטענעסטע	מחותנתטע
מעכויעוו (זיין)	מחויב
מעכוץ	מחוץ
מעכוצעף	מחוצף
מעכילע	מחילה
מעכיע (מיכיע)	מחיה
מעכיצע	מחיצה
מעכל	מיכאל (מיכל)

מעלאַמעד	מלמד
מעלאָכע	מלאכה
מעלוכע	מלוכה
מעלופּם	מלאפום
מעליץ יוישער	מליץ יושר
מעליצע	מליצה
מעלעך	מלך
מעם (מ)	מם
מעמונע	ממונה
מעמיילע	ממילא
מעמשאָלע	ממשלה
מענאַדעוו (זיין)	מנדב
מענאַדער (זיין)	מנדר
מענאַכעם	מנחם
מענאַצייעך (זיין)	מנצח
מענאַשע	מנשה
מענוכע	מנוחה
מעניי־ביי	מיניה־וביה
מענוול	מנוול (מנובל)
מענוירע	מנורה
מעניע	מניעה
מעס	מת
מעסאַדער קידושן (זיין)	מסדר קידושין
מעסאַמייעך (זיין)	משמח
מעסאַקן (זיין)	מתקן
מעסוגל	מסוגל
מעסוירע	מסורה
מעסופּעק	מסופק
מעסוקן	מסוכן
מעסושעלעך	מתושלח
מעסיקעס	מתיקות
מעסירע	מסירה
מעסירעס־נעפעש	מסירת־נפש
מעסלעט	מעת־לעת
מעפאַרנעס (זיין)	מפרנס
מעפאַרסעם (זיין)	מפרסם
מעפונעק	מפונק
מעפורסעם (ווערן)	מפורסם
מעצאַער (זיין)	מצער

מעצאַרעף (זיין)	מצרף
מעצוויראַאָס	מצורעת
מעצוירע	מצורע
מעציע	מציאה
מעציצע	מציצה
מעקאַבל (זיין)	מקבל
מעקאַבל פּאָנעם (זיין)	מקבל פנים
מעקאַבער (זיין)	מקבר
מעקאַדעש (זיין)	מקדש
מעקאַיעם (זיין)	מקיים
מעקאַיעם פּסאַק (זיין)	מקיים פסק
מעקאַנע (זיין)	מקנא
מעקאַצער (זיין)	מקצר
מעקאַצער יאָמים (זיין)	מקצר ימים
מעקאַרעוו (זיין)	מקרב
מעקובל	מקובל
מעקויעם (ווערן)	מקוים
מעקעך	מקח
מעראַגלים	מרגלים
מעראַכעם (זיין)	מרחם
מעראַכעק (זיין)	מרחק
מערוצע (ווערן)	מרוצה
מערידע	מרידה
מערכעץ	מרחץ
מערכעק	מרחק
מערצעשעם	אם ירצה השם
מערקאַז	מרכז
מעשאַדעך (זיך—זיין)	משדך
מעשאַלייעך (זיין)	משלח
מעשאַער (זיך—זיין)	משער
מעשאָרעס	משרת
מעשוגאַס	משוגעת
מעשוגע	משוגע
מעשולעך	משולח
מעשולעם	משולם
מעשוירער	משורר

מעשומעד	משומד
מעשומעדעס(טע)	משומדת(טע)
מעשונעדיק	משונהדיק
מעשופּעדיק	משופעדיק
מעשיכעס	משיחות
מעשיעך	משיח
מעשעך	משך

נאַדוון	נדבן
נאַדן	נדן
נאַוועגאַד (זיין)	נע־ונד
נאַכלע	נחלה
נאַכמען	נחמן
נאַכעס	נחת
נאַכעס־רועך	נחת־רוח
נאַפטאָלע	נפתלי
נאַפקע־מינע	נפקא־מינה
נאָגיד	נגיד
נאָווי	נביא
נאָזיר	נזיר
נאָכעם	נחום
נאָמע (נוימע)	נעמי
נאָסי	נשיא
נאָסן	נתן
נאָשים	נשים
נויגייע (זיין)	נוגע
נויהעג (זיך—זיין)	נוהג
נויטע (זיין)	נוטה
נוימע (נאָמע)	נעמי
נויסים	נושאים
נויסע־כיין (זיין)	נושא־חן
נויעך	נח (נוח)
נויעף	נואף
נויקעם (זיך—זיין)	נוקם
נויקעם ווענויטער	נוקם ונוטר
נון (נ)	נון
נוסעך	נוסח
ניבל־פע	ניבול־פה
ניגזער	נגזר
ניגלע	נגלה

ניגן	ניגון
נידכע	נדחה
ניוזע	נבזה
ניוול-ווענישטוימעם	נבהל-ונשתומם
ניוול-פּע	ניבול-פה
ניידער	נדר
ניכע	ניחא
ניכפּע (נעכפּע)	נכפה
ניכשל (ווערן)	נכשל
נילע	נעילה
נימעס (ווערן)	נמאס
נימשל	נמשל
ניסאָיען	ניסיון (נסיון)
ניסטער	נסתר
ניסים וועניפלאָעס	נסים ונפלאות
ניסן	ניסן
ניסע-ניסים	נסי-נסים
ניספּאָעל (ווערן)	נתפעל
ניסרעף	נשרף
ניפטער (ווערן)	נפטר
ניצאָכן	ניצחון (נצחון)
ניצל (ווערן)	ניצול (נצול)
ניצעץ	ניצוץ
ניצרעך	נצרך
ניקעד	ניקוד
נירדעף	נרדף
נישטוימעם (ווערן)	נשתומם
נישקאָשע	נישקשה
נעגידיסטע	נגידיתטע
נעגינע	נגינה
נעגע-צאַראַאַס	נגע-צרעת
נעדאַן	נדן
נעדאָווע	נדבה
נעהאָרע	עין-הרע
נעהענע (זיין)	נהנה
נעוואָלע	נבלה
נעווועע	נבואה
נעוויאים	נביאים
נעוויאיש	נביאיש
נעווייללע	נבלה (נבילה)
נעווייירע	עבירה
נעוויע	נביאה
נעוויעס	נביאות
נעזיפע	נזיפה
נעטיע	נטיה
נעכאָמע	נחמה
נעכעמיע	נחמיה
נעלעם (ווערן)	נעלם
נעמאָנעס	נאמנות
נעמען (נעמאָן)	נאמן
נענעש (ווערן)	נענש
נעס	נס
נעסיע	נסיעה
נעפעש	נפש
נעקאָמע	נקמה
נעקודע	נקודה
נעקייווע	נקבה (נקיבה)
נער-טאָמיד	נר-תמיד
נעשאָמע	נשמה
נעשאָמע יעסיירע	נשמה יתירה

סאַגינאָער	סגי-נהור
סאַדיע	סעדיה
סאַוולאָנעס	סבלנות
סאַוולען	סבלן
סאַך	סך
סאַכאַקל (סעכאַקל)	סך-הכל
סאַם	סם
סאַם-האַמאָוועס	סם-המות
סאַמבאַטיען	סמבטיון
סאַמעך (ס)	סמך
סאַמען	סמען
סאַנדיק (סאַנדעק)	סנדק
סאַנדעקאָעס	סנדקאות
סאַנייגער	סניגור
סאַנעדרין	סנהדרין
סאַקאָנע	סכנה
סאַקאָנעס-נעפאָשעס	סכנת נפשות
סאַרסער	סרסור (סרסר)
סאָד	סוד

סאָטן	שטן
סאָף	סוף
סאָפיק (סאָפעק)	ספק
סאָפקאָלסאָף	סוף־כל־סוף
סאָרע	שרה
סגולע	סגולה
סדאָם	סדום
סדאָם־מישפעט	סדום־משפט
סודע	סעודה
סוואָרע	סברה (סברא)
סוויווע	סביבה
סוידען (זיך)	סודען
סוידעסדיק	סודותדיק
סויוול (זיין)	סובל
סויכער	סוחר
סוימעך (זיך־ זיין)	סומך
סוינע	שונא
סויסער (זיך—זיין)	סותר
סויפער	סופר
סוס	סוס
סוקע	סוכה
סוקעס	סוכות
סטאַם	סתם
סטירע	סתירה
סיבע	סיבה
סידער	סידור
סיוון	סיוון (סיון)
סיטרע־אַכרע	סטרא־אַחרא
סיידער	סדר
סיידער־אוילעם	סדר עולם
סיידער־האַיאָם	סדר־היום
סייכל	שכל
סייכל האַיאָשער	שכל הישר
סייפער	ספר
סייפער־טוירע	ספר־תורה
סיכסעך	סכסוך
סילעק	סילוק
סילעקן	סילוקן
סימען	סימן
סימען־מוּווּעק	סימן מובהק
סינייַ (סינאַי)	סיני
סינע	שנאה
סינעס־כינעם	שנאת־חינם
סיסרע־טוירע	סתרי־תורה
סיעם	סיום
סיפּער	סיפור
סיפער האַמייסע	סיפור המעשה
סירכע	סירכא
סכאַך	סכך
סכאַר	שכר
סכוירע	סחורה
סכום	סכום
סכירעס	שכירות
סליכע	סליחה
סליכעס	סליחות
סמיכע	סמיכה
סמיכעס	סמיכות
סמיכעס־האַפאַרשעס	סמיכות־הפרשיות
סנע	סנה
סעגל ("ֶ")	סגול
סעדרע	סדרה
סעקאָנע (סאַקאָנע)	סכנה
סעקאָנעס־נעפאָשעס	סכנת־נפשות
ספאַרדים	ספרדים
ספאַרדיש	ספרדיש
ספירע	ספירה
סראָרע	שררה
סריפע	שריפה

עדעם (עדוים)	אדום
עוויוינעס	אביונות
עוויען	אביון
עוון־טאָוו	אבן־טוב
עוון־נעגעף	אבן־נגף
עוונעזרע (איבן־עזרע)	אבן־עזרא
עוועד קנייני (קנאַיני)	עבד כנעני
עזראַס־נאָשים	עזרת־נשים
עזרע	עזרא
עלול	אלול

עליאָהו האַנאָווי	אליהו הנביא
עלימעלעך	אלימלך
עליע	אליה
עליעזער	אליעזר
עלישע	אלישע
עלכאָנאָן	אלחנן
עלעף	אלף
עלקאָנע	אלקנה
עמונע	אמונה
עמעס	אמת
עסטער	אסתר
עסטער-טאַנעס	אסתר-תענית
עסרעג	אתרוג
עפראָים	אפרים
עפשער	אפשר
עצעם	עצם
ערעוו	ערב
ערעוו-ראַוו	ערב-רב
ערעך	ערך
ערעץ-ייסראָעל	ארץ-ישראל

פאַזראָנעס	פזרנות
פאַזרען	פזרן
פאַטעך (__)	פתח
פאַטערן	פטרן
פאַכדאָנעס	פחדנות
פאַכדן	פחדן
פאַכעד	פחד
פאַלמאַך	פלמ"ח
פאַסלען	פסלן
פאַסעך (__)	פתח
פאַסקענען	פסקנען
פאַרדעס	פרדס
פאַרנאָסע	פרנסה
פאַרנעס	פרנס
פאַרע	פרעה
פאַרצעף	פרצוף
פאַרשע	פרשה
פאַשטעס	פשטות

פאָטער	פטור
פאָלעט	פליט
פאָנעם	פנים
פאָנעם כאַדאָשעס	פנים חדשות
פאָסל	פסול
פאָסעק	פסוק
פאָרויכעס	פרוכת
פאָרע-אַדומע	פרה-אדומה
פאָריץ	פריץ
פאָרעש	פרוש
פאָשעט	פשוט
פאָשע-ייסראָל	פושע-ישראל
פגאַם (פעגאַם)	פגם
פגימע (פעגימע)	פגימה
פגירע	פגירה
פויגייע בעקאָוועד (זיין)	פוגע בכבוד
פויטיקע	אַפותיקי
פויסעק	פוסק
פויסעק-אַכרען	פוסק אַחרון
פויסער כאָלעם (זיין)	פותר חלום
פויעל-יויצע	פועל-יוצא
פויעלן	פועלן
פויעלע-ציען	פועלי-ציון
פוישע-ייסראָעל	פושע-ישראל
פולע	פעולה
פוראָניעס	פורעניות
פורים	פורים
פטירע	פטירה
פידיען	פדיון
פידיען-האַבען	פדיון-הבן
פיזמען	פזמון
פיטעם	פיטום (פיטם)
פיי (פ)	פא
פייגער	פגר
פיילע (פעלע)	פלא
פייסעך	פסח
פייע	פאה
פיירע	פרי

פּיירעק	פרק
פּיירעש	פירוש
פּיירעש-האַמילעס	פירוש-המילות
פּילע-פּלאָים	פלאי-פלאים
פּילפּל	פלפול
פּילפּלען	פלפולען
פּינכעס	פנחס
פּינקעס	פנקס
פּיסרען	פתרון
פּיקאָדן	פיקדון
פּיקועך-נעפעש	פיקוח-נפש
פּירסעם	פירסום
פּכאַס	פחת
פּכיסעס-האַקאָוועד	פחיתות-הכבוד
פּלויניסטע	פלוניתטע
פּלייטע	פליטה
פּליע	פליאה
פּלישטים	פלשתים
פּניי	פני
פּנינע	פנינה
פּניע	פניה
פּסאַק	פסק
פּסאַק-דין	פסק-דין
פּסוילעס	פסולת
פּעגאַם	פגם
פּעגימע	פגימה
פּעגירע	פגירה
פּעגע-ראַ	פגע-רע
פּעלע	פלא
פּע-עכאָד	פה-אחד
פּערע-אָדעם	פרא-אדם
פּערעץ	פרץ
פּראַט	פרט
פּראָים	פראים
פּרוטע	פרוטה
פּריצטע	פריצטע
פּריצע	פריצה
פּריציש	פריציש
פּשאַט	פשט
פּשאָרע	פשרה
פּשיטע	פשיטא
פּשעטל	פשטל
צאַאַר	צער
צאַאַר באַלע-כאַים	צער בעלי-חיים
צאַד	צד
צאַדייקעס	צדקת
צאַדיק	צדיק
צאַוואָע	צוואה
צאַלעל	צלאל (בצלאל)
צאַר	צער
צאַר באַלע-כאַים	צער בעלי-חיים
צאָדעק	צדוק
צאָהאַלאָ-וועסאָ-מייכאָ	צהלה ושמחה
צאָפן	צפון
צאָרע	צרה
צאָרעס-צערורעס	צרות-צרורות
צאָרעס-ראַבים	צרות-רבים
צדאָקע	צדקה
צדוקים	צדוקים
צוואַ האַהאַגאַנאַ לעיסראָעל	צבא ההגנה לישראל
צוויאַק	צבועק
צוויאַטשקע	צבועטשקע
צווי	צבי
צוויעס	צביעות
צוויעסדיק	צביעותדיק
צויע	צואה
צולאַכעס (צולאָ-כעס)	צו-להכעיס
צורע	צורה
צורעס-אָס	צורת-אות
צורעס-מאַטבייע	צורת-מטבע
צוירער	צורר
צוירער-האַיעהודים	צורר-היהודים
צוירער-ייסראָעל	צורר ישראל
ציבער	ציבור
צידקאָניס	צדקנית
ציוויע	צביה

ציוניזם (ציאָניזם)	ציוניזם
ציוניסט (ציאָניסט)	ציוניסט
ציידע לאַדערעך	צידה לדרך
ציילעם	צלם
ציירע (..)	צירה
ציען (ציוין)	ציון
ציפּורע	ציפורה
ציצע	ציצה
ציצע־קאַנפעס	ציצה־כנפות
צנועה	צנועה
צניעס	צניעות
צניעסדיק	צניעותדיק
צעמעך	צמח
צענע־רענע	צאינה־וראינה

קאַס (קאַס)	כעס
קאַבאָלע	קבלה
קאַבאָלעס־פּאָנעם	קבלת־פנים
קאַבצאָנעס	קבצנות
קאַבצן (קאַפּצן)	קבצן
קאַברען	קברן
קאַדאָכעס	קדחת
קאַדמוינים	קדמונים
קאַדעש (קאַדיש)	קדיש
קאַהאַוואַיע	כהוויה (כהויה)
קאַוואָנע	כוונה
קאַוויאָכל	כביכול
קאַזוון	כזבן
קאַטייגער	קטיגור
קאַטלאָניס	קטלנית
קאַין־צייכן	קין־צייכן
קאַך־האַווע	כך־הווה
קאַל־וואָכוימער	קל־וחומר
קאַלמען	קלמן
קאַלע	כלה
קאַלפּע	קלפי
קאַמע	כמה
קאַמע־וועכאַמע	כמה־וכמה
קאַמעס	כמות
קאַמצאָנעס	קמצנות
קאַמצן	קמצן
קאַס	כעס
קאַסווע־ראַבע	כתבא־רבה
קאַסריעל	כתריאל
קאַפּאָרע	כפרה
קאַפּאָרעס (שלאָגן)	כפרות
קאַפּדן	קפדן
קאַפּאַקאַל	כף־הקלע
קאַצאָוועס	קצבות
קאַצעוו	קצב
קאַרפּאַס	כרפס
קאַרקע	קרקע
קאַשע	קשיא
קאָשערן	כשרן
קאָדעש	קדוש
קאָהאָל (קאָל)	קהל
קאָהאָלן [קאָלן] (זיך)	קהלן
קאָהיינע־וועכאָ־היינע	כהנה־וכהנה
קאָוועד	כבוד
קאָזעוו (קיזעוו)	כזב
קאָזעוו־וועשעקער	כזב־ושקר
קאָטן	קטן
קאָל (קאָהאָל)	קהל
קאָל (שטימע)	קול
קאָלבוי	כל־בו
קאָלבויניק	כל־בוניק
קאָל־האַטיימים	כל הטעמים
קאָל־האַמינים	כל המינים
קאָל־וועלאָך	כל־ולך
קאָל־זמאַן	כל־זמן
קאָל־טוּוו	כל־טוב
קאָל־יאָמאָוו	כל ימיו
קאָלנידרע	כל־נדרי
קאָלערליי	כלערליי
קאָלקוירע	קול־קורא
קאָמעץ (ָ)	קמץ
קאָס	כוס
קאָרבן	קרבן
קאָרעוו	קרוב

קאָרעוו לעמאַלכעס	קרוב למלכות
קאָרעוו לעמעקעך	קרוב למקח
קאָרעווטע	קרובטע
קאָרעס	כרת
קאָשע	קשה
קדושע	קדושה
קוואַד-פע	כבד-פה
קוואָרים (רייסן)	קברים
קוואָרעס-בלעטער	קברות-בלעטער
קוווצע	קבוצה
קווורע	קבורה
קווורעס-ייִד	קבורת-ייִד
קווורעס-ייסראָעל	קבורת-ישראל
קווורעס-כאַמויר	קבורת-חמור
קוידעם	קודם
קוידעם-קאָל	קודם-כל
קוידעש	קודש
קוידעש-קאָדאָשים	קודש-קדשים
קויהעלעס	קוהלת (קהלת)
קויהען	כוהן (כהן)
קויהען-גאָדל	כוהן-גדול
קוילעס (מאַכן)	קולות
קוילעס-אוווראָקים	קולות-וברקים
קוימער	כומר
קוינע	קונה
קוינע-אוילעם (זיין)	קונה-עולם
קוינע-האַקל	קונה הכל
קוינע-שעם זיין	קונה שם
קוינעטע	קונהטע
קויסל-מאַאַראָווי	כותל-מערבי
קויסע (מאַכן)	כוסה
קויעך	כוח
קויעך-האַדיבער	כוח-הדיבור
קויפער	כופר
קויפער בעיקער	כופר בעיקר
קויצע שעל יוד	קוצו של יוד
קוירים (פאַלן)	כורעים
קוירעך	קורח
קונדעס	קונדס
קונטרעס	קונטרס
קוף (ק)	קוף

קטאַנע-עמונע	קטני-אמונה
קיבעד	כיבוד
קיבעד-אָוו	כיבוד-אָב
קיבעד-איים	כיבוד-אם
קיבעץ	קיבוץ
קידושן	קידושין
קידעש	קידוש
קידעש-האַשעם	קידוש-השם
קידעש-לעוואָנע	קידוש-לבנה
קידעש-לעוואָנע-אויסיעס	קידוש-לבנה-אותיות
קיוון	כיוון (כיון)
קיזעוו (קאָזעוו)	כזב
קיזעוו-וועשעקער	כזב-ושקר
קיטרעג	קטרוג
קייווער	קבר
קייווער-אָוועס	קבר-אבות
קייווער-ייסראָעל	קבר-ישראל
קיילע	כלי
קיילעוו	כלב
קיילעוו-שעבעקלאָווים	כלב-שבכלבים
קיין יויוודו	כן יאבדו
קיין ייִרבו	כן ירבו
קייסער	קיסר
קייסערינע	קיסרינע
קייפל	כפל
קייפלען	כפלען
קיימעלאָן (קאַימע-לאָן)	קימא-לן
קייסן (קאַיסן)	כעסן
קייסן (זיך)	כעסן
קיירע (קאַירע)	קערה
קימאַט	כמעט
קינים	כינים (כנים)
קיניען	קנין
קינע (קלאָג-ליד)	קינה
קינע	קנאה
קינע-סינע	קנאה-שנאה
קינעס (זאָגן)	קינות
קינעס סאָפרים	קנאת-סופרים

קיסלעוו	כסלו
קיסע־האַקאָוועד	כסא־הכבוד
קיעם	קיום
קיעם־האָאומע	קיום־האומה
קיצווע	קצבה
קיצער	קיצור
קישעף	כּישוף
קלאַל	כּלל
קלאַל־ייסראָעל	כּלל־ישראל
קלאַפּע	כּלפּי
קלאַפּע־כוץ	כּלפּי־חוץ
קלאַפּע־פּנים	כּלפּי־פּנים
קלאָלע	קללה
קלוימערשט	כּלומרשט
קלוינעמעס	קלונמוס
קליי־באַיס	כּלי־בית
קליי־זאַין	כּלי־זין
קליי־מאַשכיס	כּלי־משחית
קליי־קוידעש	כּלי־קודש
קליפּע	קליפּה
קלעזמער	כּלי־זמר
קנאַס	קנס
קנופּיע	כּנופיה
קניע	קניה
קנעסעס	כּנסת
קנעסעס־ייסראָעל	כּנסת־ישראל
קסאַוו	כּתב
קסאַוו־יאַד	כּתב־יד
קסאָווים	כּתבים
קסובע	כּתובה
קסוּווים	כּתובים
קסיווע וואַכסימע טויווע	כּתיבה וחתימה טובה
קעאַפּרע־דעאַרע	כּעפּרא־דארעא
קעדוימע	כּדומה
קעדוימע־לעמאָשל	כּדומה־למשל
קעדושע	קדושה
קעדיי	כּדיי
קעדיי (קעדאַי)	כּדאי
קעדעבאָע	כּדבעי
קעהילע	קהילה

קעהערעף־אַין	כּהרף־עין
קעזאַיס	כּזית
קעיאָדוע	כּידוע
קעיאַד האַמעלעך	כּיד המלך
קעכאָל האַיאָם	כּחול הים
קעלעוו	כּלב
קעלעוו שעבעקלאָווים	כּלב שבּכּלבים
קעלכּל	קולכּל
קענאָהעג	כּנהוג
קעסיידער	כּסדר
קעפּי	כּפּי
קעץ	קץ
קעשורע	כּשורה
קערן	קרן
קפּיצעס־האַדערעך	קפיצת־הדרך
קפּירע	כּפירה
קראַך	כּרך
קרויווע	קרובה
קרויוועשאַפּט	קרובהשאַפּט
קרוע־בלוע	קרוע־בּלוא
קריע (רייסן)	קריעה
קריעס־יאַם־סוף	קריעת־ים־סוף
קרישמע	קריאת־שמע
ראַאַש	רעש
ראַבאָנעו־קאַדיש	רבּנן־קדיש
ראַבאָנעס	רבּנות
ראַבויסיי	רבּותי
ראַגזאָנעס	רגזנות
ראַגזן	רגזן
ראַגלאַיִם	רגלים
ראַיע	ראיה
ראַיען	רעיון
ראַכוועס	רחבות
ראַכמאָנע־ליצלאָן	רחמנא־לצלן
ראַכמאָנעס	רחמנות
ראַכמים	רחמים
ראַכמיעל	(י)רחמיאל
ראַמאַי	רמאי

ראַמאָעס	רמאות
ראַק	רק
ראַש	רעש
ראַשן	רעשן
ראַשע (ראַשי)	רש"י
ראָוו	רב
ראָוו (מערהייט)	רוב
ראָוו ביניען (מיניען)	רוב בנין (מנין)
ראָוו דייעס	רוב דעות
ראָכל	רחל
ראָע (ווערט)	ראוי
ראָע (שלעכטס)	רעה
ראָצן	רצון
ראָש	ראָש
ראָש־האַמעדאַבּרים	ראָש־המדברים
ראָש־האַקאָ(האָ)ל	ראָש־הקהל
ראָש־האַשאָנע	ראָש־השנה
ראָשווערישן	ראָש־וראשון
ראָשכוידעש	ראָש־חודש
ראָשע	רשע
ראָשע־טייוועס	ראשי־תיבות
ראָשע־מערושע	רשע־מרושע
ראָשע־פּראָקים	ראשי־פרקים
ראָשעשאָנע	ראָש־השנה
רוגזע	רוגזה
רוּוון	ראובן
רויגעז	רוגז
רוידעף־שאָלעמניק	רודף־שלומניק
רוידעפן	רודפן
רויפע	רופא
רויפעטע	רופאטע
רוישעם	רושם
רוך (רועך)	רוח
רוכניעס	רוחניות
רועך	רוח
רועך־האַקוידעש	רוח הקודש
רועך־נעוווע	רוח־נבואה
רועך־שטוס	רוח־שטות
ריבוינע שעל אוילעם	רבונו של עולם
ריווקע	רבקה

רייעך	ריח
רייעך־ניכויעך	ריח־ניחוח
רייש (ר)	ריש
ריישעס (ריישיס)	ראשית
ריישעס־דאָווער	ראשית־דבר
ריישעס־כאָכמע	ראשית־חכמה
ריע	ראיה
ריקעדל	ריקודל
רישעס	רשעות
רעבּ	רב, ר'
רעבּע	רבי
רעבּעצן	רביצין
רעגילעס	רגילות
רעגע	רגע
רעגע־קעמעמרע	רגע־כמימרא
רעדיפע	רדיפה
רעוווסע	רבותא
רעווער	רווח, ריווח
רעכאָש	רח"ש
רעכילעס	רכילות
רעכילעסניק	רכילותניק
רעמאַך אייוורים	רמ"ח אברים
רעמעז	רמז
רעפאָעל	רפאל
רעפוע	רפואה
רעפוע שליימע	רפואה שלימה
רעצוע	רצועה
רעצייעך	רוצח
רעציכע	רציחה
רעשוס	רשות
רעשוס־האַיאָכיד	רשות היחיד
רעשוס־האָראַבּים	רשות הרבים
רעשימע	רשימה

שאַבייסעגאַכט(ס)	שבת־צונאכט(ס)
שאַבּסע (שאַפּסע)	שבתי
שאַבּסע־צווי	שבתי־צבי
שאַבּסע־צוויניק	שבתי־צביניק
שאַבּעס	שבת
שאַבּעס־האַגאָדל	שבת הגדול

שאַבעסצונאַכט(ס)	שבת-צונאַכט(ס)
שאַדכאָנעס	שדכנות
שאַדכן	שדכן
שאַדכענען	שדכנען
שאַטנעז	שעטנז
שאַיע	שעיה (ישעיהו)
שאַכנע	שכנא
שאַכרים	שחרית
שאַלעכמאָנעס (שלאַכמאָנעס)	שלח (שלוח)-מנות
שאַלעשידעס	שלוש-סעודות
שאַמע	שמאי
שאַמעס	שמש
שאַמעסטע	שמשטע
שאַנעראַבע	הושענא-רבה
שאַס (גמרא)	ש"ס
שאַס-האַדכאַק	שעת-הדחק
שאַס-האַקוישער	שעת-הכושר
שאַס-ראָצן	שעת-רצון
שאַפסע (שאַבסע)	שבתי
שאַקל (מאַכן)	שהכל
שאַקלע-וועטאַריע	שקלא-וטריא
שאַקרען	שקרן
שאַר-בלאַט	שער-בלאַט
שאָ	שעה
שאָ מוצלאַכאַס	שעה מוצלחת
שאָוו-וועשעקער	שוא-ושקר
שאָווע-בעשאָווע	שווה-בשווה
שאָווע-קעסעף	שווה-כסף
שאָכן	שכן
שאָכנטע	שכנטע
שאָליש	שליש
שאָלעם	שלום
שאָלעם-אַלייכעם	שלום-עליכם
שאָלעם-באַיס	שלום-בית
שאָלעם-זאָכער	שלום-זכר
שאָמרוינים	שומרונים
שאָנע	שנה
שאָעל (שויל)	שאול
שאָפל	שפל
שאָר-האַבאָר	שור-הבר

שאָר-יעראָקעס	שאר-ירקות
שאָפטים	שופטים
שוואַט	שבט
שוואַך	שבח
שוווע	שבועה
שוווע דעאוירייסע	שבועה דאורייתא
שווועס (שעווועס)	שבועות
שוטעף	שותף
שוטעפטע	שותפטע
שוטפעס	שותפות
שויטע	שוטה
שויכן-אָפער	שוכן-עפר
שויכעד	שוחד
שויכעט	שוחט
שויכעטקע	שוחטקע
שויל (שאָעל)	שאול
שוילעט (זיין)	שולט
שוימער	שומר
שוימער-אומאַציל (זיין)	שומר-ומציל
שוימער כינעם	שומר חינם
שוימער סאָכער	שומר שכר
שויעל-אייצע (זיין)	שואל-עצה
שויפעט	שופט
שויפער	שופר
שויפער שעל מעשיעך	שופר של משיח
שוירעש	שורש
שולאַמיס	שולמית
שולכן	שלחן
שולכן-אָרעך	שלחן-ערוך
שום	שום
שונאַמיס	שונמית
שורוק	שורוק
שורע	שורה
שושן-פורים	שושן-פורים
שטאַדלאָנעס	שתדלנות
שטאַדלען	שתדלן
שטאַר-כויוו	שטר-חוב
שטאַר-מעכירע	שטר-מכירה
שטוס	שטות

שטוסעריי	שטותעריי
שיבעש	שיבוש
שיגאָען	שיגעון (שגעון)
שידעך	שידוך
שיוואָסער בעטאָמעז	שבעה עשר בתמוז
שיווע (זיצן)	שבעה
שיוורע-קיילע	שברי-כלי
שיטע	שיטה
שייוועט	שבט
שיימעס	שמות
שייני-לעמיילעך	שני-למלך
שייני-שעבעשלישי	שני-שבשלישי
שייניס (שיינעס)	שנית
שייקער (שעקער)	שקר
שיישעס יעמיי בעריישיס	ששת ימי בראשית
שייכעס (שאַיכעס)	שייכות
שיילע (שאַילע)	שאלה
שיינע (שאַינע)	הושענא
שיינעס (קלאַפּן)	הושענות
שילשל	שלשול (שילשול)
שימען	שמעון
שימשן	שמשון
שימשן האַגיבער	שמשון הגיבור
שין (ש)	שין
שינע	שינוי (שנוי)
שיע (נאָמען)	יהושע
שיעס	שהיות
שיע-פיע	שהי-פהי
שיפלעס	שפלות
שיפרע	שפרה
שיקכעס	שכחות
שיקער	שיכור
שיקערן	שיכורן (שיכרן)
שיקרעס	שיכרות
שיר (ליד)	שיר
שיר (מאָס)	שיעור
שיר-האַשירים	שיר-השירים
שיר-האַמיילעס	שיר-המעלות
שיראַים	שיריים

שירע	שירה
שכיוומעראַ	שכיב-מרע
שכיטע	שחיטה
שכיינע	שכנה
שכיינעס	שכנות
שכינע	שכינה
שכיעך	שכיח
שלאַל	שלל
שלוימע	שלמה (שלומה)
שלוישים	שלושים
שלוכים	שלוחים
שליטע	שליטה
שליימעס	שלימות
שליכעס	שליחות
שלימאַזל	שלימזל
שלימעזאַלניצע	שלימזלניצע
שלימעזאַלניק	שלימזלניק
שליעך (שעליעך)	שליח
שליעך-ציבער	שליח-ציבור
שלישעס	שלישות
שמאַ-ייסראָעל	שמע ישראל
שמאַ-קוליינו	שמע קולנו
שמאַד	שמד
שמאַדן (זיך)	שמדן
שמאַדשטיק	שמד-שטיק
שמאַיע	שמעיה
שמאַריע	שמריה
שמוס (שמועס)	שמועס
שמוסן (שמועסן)	שמועסן
שמוע	שמועה
שמועל (שמול)	שמואל
שמועס	שמועס
שמועסן	שמועסן
שמורע (מצה)	שמורה
שמיטע	שמיטה
שמינאַצערעס	שמיני-עצרת
שמיע	שמיעה
שמירע	שמירה
שעד	שד
שעוווּעס	שבועות
שעווע	שבע

שעווע בראָכעס	שבע ברכות
שעווע כאָכמעס	שבע חכמות
שעטעך	שטח
שעכטן	שחטן
שעכעיאָנו	שהחינו
שעליטע	שליט"א
שעליכעס	שליחות
שעליעך	שליח
שעם	שם
שעם-דאָווער	שם-דבר
שעם-האַמפוירעש	שם-המפורש
שעם-טאָוו	שם-טוב
שעם-ראַ	שם-רע
שעמאַ-ייסראָעל	שמע-ישראל
שעמאַ קוילייִנו	שמע-קולנו
שעמען (האָבן אַ נאָמען)	שמען

שעמען-זאַיס	שמן-זית
שעמענעסרע	שמונה-עשרה
שעמעץ	שמץ
שעסי-וואָאיירעוו	שתי-וערב
שעפע	שפע
שעקויעך	יישר-כוח
שעקל	שקל
שעקער	שקר
שעקער-בילבל	שקר-בלבול
שעקער-וועכאָזעוו	שקר-וכזב
שערעץ	שרץ
שפויך כאַמאָטכאָ	שפוך חמתך
שפיכעס דאָמים	שפיכות-דמים
שקאָצים	שקצים
שקויעך	יישר-כוח
שקיע	שקיעה
שקיעס-האַכאַמע	שקיעת-החמה

באַמערקונג: צוליבן פעלן פון פתח צווי יודן (ײַ) איז אין דער רשימה ביי אַ טייל ווערטער אין דער טראַנסקריפּציע צוגעגעבן אויך „אַי“.

תיקון טעות

זייטל	6	שפאַלט	II	שורה	4	לייען שטאָט „אַ עיבור־יאָר": אַן עיבור־יאָר
"	9	"	I	"	9	שטעל צו צום סוף דאָס וואָרט: קסערקסעס.
"	10	"	I	"	1	לייען שטאָט „פרייריקייט": פריידיקייט.
"	10	"	I	"	10	" " „אָן": אַן.
"	16	"	I	"	12	" " „באַדייטנדיקע": באַדייטנדיקסטע.
"	20	"	II	"	29	" " „דער בגד": דאָס בגד
"	22	"	II	"	8	" " „אין בלוט": אין דיין בלוט
"	25	"	I	"	23	" " „זול־הזול": בזול־הזול
"	30	"	II	"	35	" " „בעסולעם": בעסוילעם.
"	31	"	II	"	14	" " „בכבודו ובעצמו": בכבודו ובעצמו
"	86	"	I	"	20	" " „וועה ראַיע": וועהאָ ראַיע
"	108	"	I	"	25	" " „טחרה" טהרה.
"	144	"	II	"	19	" " „מגא־ומשא": מגע־ומשא
"	144	"	II	"	25	" " „מגא־ומשא": מגע־ומשא.
"	225	"	II	"	13	" " „פ"ק": נ"ק.
"	286	"	II	"	2–3	" " „באַבילאָנישער אויטאָריטאַטיווער קאָדעקס": באַבילאָנישער תלמוד, אויטאָריטאַטיווער קאָדעקס.
"	286	"	II	"	11	שטעל צו צום סוף: אַרום 360 נ"ק.
"	292	"	I	"	15	לייען שטאָט „אַדמור": אַדמו"ר.
"	300	"	I	"	4	פעלט די טראַנסקריפּציע: (ייטעש—ייטושים).
"	300	"	II	"	22–21	לייען שטאָט „Uniwersalle": Universelle.
"	301	"	II	"	7	לייען שטאָט „לעאַכאָדים": לאַכאָדים.
"	309	"	I	"	6	דאָס וואָרט „ווערן" אַריבערטראָגן צו שורה 7 נאָך דעם וואָרט „זיין".
"	311	"	I	"	1	לייען שטאָט „רדאָ": דאָר.
"	314	"	II	"	32	צום וואָרט „יויעל" שטעל צו: יויל.
"	316	"	I	"	3	לייען שטאָט „חנוכח": חנוכה.
"	316	"	II	"	26	" " „הידוש": חידוש.